STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09394

VELTGESHIKHTE FUN URALTER TSAYTEN BIZ HAYNTIGEN TOG

Y. G. Fogt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ג. פאָגט.

וועלטגעשיכטע

פון אוראַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג.

בעאַרבייט אין אידיש פון

א. ח. ראָזענבערג.

אונטער דער רעדאַקציאָן פון

אלכסנדר האַרקאַווי.

אילוסטרירט.

זעקסטער באנד: די נייע צייט.

ניו יאָרק:

היברו פאבלישינג קאמפאני.

.1918

Copyright 1918 by the Hebrew Publishing Company, New York.

אינהאַלט־פערצייכניס

פון זעקסטען באַנד.

איינלייטונג.

זייט

די ערפינדונגען און ענטדעקונגען פון דער נייער צייט . . 24

בוכדרוקעריי ז. 25. בייטלען מעהל ז. 29. רעדער־אוהרען ז. 30. קאָלומבוס ז. 34. אור־איינוואוינער פון אַמעריקאַ ז. 44.

די רענעססאַנס (ווידער־אויפלעבונג פון קונסט און וויסענשאַפט) 58

מאַלעריי ז. 61. סקולפּטור ז. 74. אַרכיטעקטור ז. 76.

דער הומאַניזם 81

העכערע שולען (גימנאַזיומס, אוניווערזיטעטען או. אַז וו.) ז. 82. עראַזמוס ז. 86. רייכלין ז. 86.

ליטעראַטור און מוזיק 90

אין איטאַליען ז. 90. אין שפּאַניען ז. 97. אין פּאָרטוגאַל ז. 103. אין פראַנקרייך ז. 104. אין ענגלאַנד ז. 106. אין דייטשלאַנד ז. 111.

דייטשלאַנד אין דער צייט פון דער ר(עפאָרמאַציאָן.

די רעגירונג פון מאַקסימיליאַן דעם 1טען 116

די רעפאָרמאַציאָן 121

די הכנסות פון פּאַפּסט, דאָס קאָנפירמאַציאָן־געלט ז. 124. סאַוואָנאַ־ראָלאַ ז. 129. לוטהער ז. 130. די 95 טהעזיסען (אויפזאַצען) ז. 136.

זייט

עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען פון 14טען ביז 16טען יאָהרהונדערט 143
די קאָלאָניזאַציאָן ז. 144. קאַפּיטאַלען, אינדוסטריע און האַנדעל ז. 146. די צעכען פון האַנטווערקער ז. 149. די געזעלען ז. 150. די פּראָלעטאַריער ז. 151. די בויערן ז. 155.

די רעוואָלוציאָן פון דעם אַדעל און דער בויערן־קריג . . . 158
זיקקינגען ז. 163. אויפשטאַנד פון די בויערן ז. 165. דער „בונד־שוה" ז. 170. די צוועלף אַרטיקלען ז. 172. די רהיין־געגענדען ז. 181. טהאָמאַס מינצער ז. 183. לוטהער געגען די בויערן ז. 187. די אונטערגעבונג אין ווירצבורג ז. 189.

די ענטוויקלונג פון דער רעפאָרמאַציאָן 193
קאַרל דער 5טער ז. 193. מעלאַנכטהאָן ז. 196. די פּראָטעסטאַנטען ז. 201. צווינגלי ז. 203. די ווידערטויפער ז. 207.

רעליגיאָנס־קריג און רעליגיאָנס־פרידען 215
„אוגסבורגער אינטערים" (דערוויילינגע רעפאָרמע) ז. 218. מאַרק־גראַף אַלברעכט פון בראַנדענבורג ז. 220. רעליגיאָנס־פרידען ז. 223. קאַלווין ז. 224.

די רעליגיעז־פּאָליטישע געשיכטע פון דייטשלאַנד ביז צום 30־יעהריגען קריג 225
די רויבונג פון קירכען־גיטער ז. 226. קאָנציל פון טריענט ז. 228. די יעזואיטען ז. 231. דער ערב־שטרייט פון קלעווע, יוליך און בערג ז. 236.

עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען אין דייטשלאַנד ביז צום 30־יעהריגען קריג 239
גרונדהערשאַפט ז. 241. די בויערן ז. 243. אָרגאַניזאַציאָנען פון האַנטווערקער־געזעלען ז. 245. סטרייק און באָיקאָט ז. 248. קאַמף געגען די אַרבייטער ז. 250.

דער 30־יעהריגער קריג 251
ראָלע פון די בויערן און די שטאָדט־פּראָלעטאַריער ז. 252. עסט־רייך ז. 253. די סאָלדאַטען ז. 255. בלאַגערונג פון פּראַג ז. 257.

זייט

טיללי ז. 259. זיג פון די פּראָטעסטאַנטען ז. 261. וואַללענשטיין ז. 263. שטראַלזונד ז. 265. שוועדען ז. 267. אָקסענסטיערנאַ ז. 268. דער פאַל פון מאַגדעבורג ז. 269. גוסטאַוו אַדאָלף אין דייטשלאַנד ז. 273. שלאַכט ביי ליטצען ז. 274. דער פרידען פון פּראַג ז. 276. וואַללענשטיין'ס טויט ז. 279. דער פרידען ז. 281. פאָלגען פון דעם קריג ז. 283. פערדאָרבענהייט פון דעם פאָלק ז. 285. העקסען־פּראָצעסען ז. 287. פריעדריך פאָן ספּעע ז. 294.

די געשיכטע פון פראנקרייך פון פראנץ דעם 1טען ביז לודוויג דעם 14טען.

פּאָליטישע געשיכטע ביז היינריך דעם 4טען 298
פּראַנץ דער 1טער ז. 299. היינריך דער 2טער ז. 307. די הוגענאָטען ז. 311. קאַרל דער 9טער ז. 312. די באַרטהאָלאָמעאוס־נאַכט ז. 321. היינריך דער 3טער ז. 323. דער רעליגיאָנס־פרידען ז. 325. היינריך דער 4טער ז. 331.

די עקאָנאָמישע שטרעבונגען פון 17טען יאָהרהונדערט: די הערשאַפט פון האַנדעל־סיסטעם 334
אינדוסטריע און האַנדעל ז. 335. רעוואָלוציאָן אין פּרייזען ז. 337. וויסענשאַפטליכע אָפּהאַנדלונגען איבער דעם ווערט פון גאָלד און זיל-בער ז. 338.

די אינערע פּאָליטיק פון היינריך דעם 4טען און די פּאָליטישע געשיכטע פון פראַנקרייך ביז לודוויג דעם 14טען . . . 340
פינאַנץ־רעפאָרמעס ז. 342. האַנדעל־קאָנגרעס ז. 344. לודוויג דער 13טער ז. 348. רישעליע ז. 351. קאַמף געגען די הוגענאָטען ז. 353. די געזעלען־קלאַס ז. 357.

דער פרייהייטס־קאַמף פון די נידערלענדער (האָללענדער) . . . 361
שפּאַנישע גוואַלד־הערשאַפט ז. 364. ווילהעלם פון אָראַניען ז. 365. די בילדער־שטורמער ז. 372. גענטער פרידען ז. 377. אוטרעכטער יוניאָן ז. 377.

די געשיכטע פון שפּאַניען.

קאַרדינאַל קסימענעס ז. 379. פערדינאַנד ז. 381. קאַרל דער 5טער ז. 383. אונערע אויפשטאַנדען ז. 385. פאַררעכטען פון די אויס-לענדער ז. 387. שלעכטע פינאַנציעלע לאַגע ז. 391. פיליפּ דער 2טער ז. 392. דער האַנדעל ז. 393. פערניכטונג פון דער פלאָטע ז. 395. די ערווערבונג פון פּאָרטוגאַל ז. 397. פיליפּ דער 3טער ז. 399. אַרויסטרייבונג פון די מאַורען ז. 401. פיליפּ דער 4טער ז. 403. אונטערטעניגקייט פון די קעניגען אונטער די פּאַפּסטען ז. 407. צושטאַנד פון שפּאַניען ז. 411. קריג מיט פראַנקרייך ז. 413. אונאָפּהענגיגקייט פון פּאָרטוגאַל ז. 414.

די נייע צייט.

פון דער

ענטדעקונג פון אַמעריקאַ

ביז צו דער

פראַנצויזישער רעוואלוציאָן

(1789—1492).

אײנלײטונג.

עס איז אָנגענומען בײ די געשיכטע-שרײבער אײנצוטײלען די וועלט-געשיכטע אין דרײ גרויסע אָפּטײלונגען: דאָס אַלטערטום, דאָס מיטעלאַלטער און די נײע צײט. זײ בעטראַכטען די אײראָפּעאישע קולטור אַלס פּראָדוקט, וואָס האָט געהאַט זײן אָנפאַנג אין עגיפּטען און קלײן-אַזיען און האָט געקראָגען זײן אײגענאַרטיגען שעפּפערישען כאַראַקטער דורך די גריכען. נאָך דעם אונטערגאַנג פון די גריכען זײנען די רוימער געװען די טרעגער פון דער גריכישער קולטור און האָבען זי איבערגעגעבען צו די איבריגע אײראָפּעאישע פעלקער. דאָס אַלעס איז גאַנץ ריכטיג. זײ, די געשיכטע-שרײבער, האָבען אָבער דערבײ פערגעסען אײן זעהר וויכטיגע זאַך. זײ האָבען דורכגעלאָזען צו דערצעהלען, וואָס פיר אַ שרעקליכע הינדערניס די קירכע איז געװען ניט צו לאָזען די קולטור פון די אײראָפּעאישע פעלקער זיך ענטוויקלען מיט איהר נאַטירליכען גאַנג. די קירכע, וועלכע האָט זיך אויסגעצײכענט מיט איהר האַס צו בילדונג און קולטור, האָט פערניכטעט יעדען שפּור פון דער קלאַסישער קולטור פון די גריכען. די קירכע האָט געטריבען די מענשהײט אין מיטעלאַלטער צום אונטערגאַנג, זי האָט דעם מענשליכען גײסט געשמידט אין קײטען, ער זאָל זיך ניט קענען ריהרען און בעוועגען. די געשיכטע פון דער פערדאָרבענער ווירקונג פון דער קירכע אויף די מענשהײט פערשמוצט די בלעטער פון דער וועלט-געשיכטע.

עס האָט געמוזט ערשײנען אַ נײעס ליכט אום דיזע געדיכטע פינסטערניס צו פערטרײבען. און ווירקליך זײנען ערשינען די גרויסע גײסטער פון דער רענעססאַנס (ווידער-אויפלעבונג פון וויסענשאַפט און קונסט) און האָבען די מענשען בעפרײט פון די קײטען, אין וועלכע זײ זײנען געוועזען געשמידט איבער טויזענד יאָהר. מען האָט זיך דערמאָהנט אָן די אוצרות פון דער גריכישער קולטור. אַ נײעס לעבען האָט זיך בעוויזען אויף'ן פעלד פון וויסענשאַפט און קונסט און דער קלאַסישער גײסט פון אַלטערטום האָט געפײערט זײן ווידער-אויפלעבונג. פריהער פון אַלעס איז מען אַרויס געגען

די מאַכט פון דער רוימישער קירכע, א מאַכט, וואָס זי האָט זעהר מיסברויכט. דאָס האָט געלעגט דעם גרונדשטיין פון דער רעפאָרמאַציאָן. די פעלקער-וואַנדערונג האָט מיט טויזענד יאָהר צוריק פערניכטעט די פּאָליטישע הער-שאַפט פון רוים און די רעפאָרמאַציאָן האָט געבראָכען די גייסטיגע מאַכט פון רוים. די נייע צייט האָט בעפרייט דעם מענשליכען גייסט פון די באַנ-דען פון מיטעלאַלטערליכער פינסטערניס.

דיזעס איז דער עיקר פון דעם אונטערשייד צווישען דעם מיטעלאַלטער און דער נייער צייט. דערביי דאַרף מען נאָך בעטראַכטען אַלס וויכטיגע טריי-בענדע קרעפטען אין דעם ענטוויקלונגס-גאַנג פון דער מענשהייט אין מיטעל-אַלטער די ערפינדונג פון דער בוכדרוקער-קונסט, די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ און דאָס אויסגעפינען א דירעקטען וועג נאָך אינדיען. מיר לייקענען דורכ-אויס ניט דעם איינפלוס פון די גייסטיגע ערוואָרבונגען, אָבער דער עיקר פון יעדער קולטור איז און בלייבט איהר עקאָנאָמישע אונטערלאַגע.

יעדע קולטור פאַנגט זיך אָן מיט דער פערפאָלקאָמונג פון די ווערקצייג, מיט דער שטייגערונג פון די מיטלען צום פּראָדוצירען, מיט דער שאַפונג פון פיעלע זאַכען פון רייכטום. אויף דיזען גרונד בויט ערסט די מענשהייט די קונסט און וויסענשאַפט, ווי אַלע אַנדערע העכערע קולטור-גיטער. פריהער פון אַלעם מוז האַנדעל, פאַבריקאַציאָן און פערקעהר דערגרייכען א געוויסע שטופע פון ענטוויקלונג, וועלכע זאָלען פערשאַפען די פעלקער גענוג פרייע צייט, אום זיי זאָלען האָבען די מעגליכקייט זיך צו בעשעפטיגען מיט ווי-סענשאַפט און קונסט. אַזוי איז עס געוועזען ביי אַלע קולטור-פעלקער פון אַלע צייטען: ביי די כינעזער, אינדיער, פערסיער, באַבילאָניער, עגיפּטער, גריכען, רוימער, אַראַבער, און אַלע שפּעטיגערע קולטור-פעלקער. עס פערשטעהט זיך, דאָס ווען די וויסענשאַפט איז ענטוויקעלט העלפט זי פון איהר זייט דער קולטור צו פערגרעסערן און פערבעסערן דעם מאַטעריאַלען וואוילשטאַנד.

ביז יעצט אָבער האָט מען געגלויבט, דאָס דער פּאָרטשריט פון קולטור איז געוועזען געגרינדעט נאָר אויף די גייסטיגע ערוואָרבונגען, ד. ה. פריהער האָט זיך ענטוויקעלט וויסענשאַפט און קונסט, און נאָכדעם די קולטור מיט איהר מאַטעריעלער פערבעסערונג פון דעם מענשליכען לעבען. די עקאָנאָ-מישע ענטוויקלונג האָבען די פריהערדיגע געשיכטע-שרייבער גערעכענט אַלס א רעזולטאַט פון דער ענטוויקלונג פון קונסט און וויסענשאַפט. אָבער אויך צו פיעל איינזייטיג איז די מיינונג פון די מאַטעריאַליסטישע געשיכטע-שריי-בער, וועלכע בעהויפּטען, דאָס דער עקאָנאָמישער צושטאַנד איז דער איינ-ציגער פאַקטאָר, די איינציגע פּרוזשינע, וואָס טרייבט די קולטור ווייטער און

העבער, און לײקענען אָפּ די װירקונג דערין פון װיסענשאַפט און קונסט. באמת אָבער איז דער גאַנצער קולטור־גאַנג װי אַ קרײז, אַ צירקעל: די עקאָנאָמישע לאַגע װירקט אױף די ענטװיקלונג פון װיסענשאַפט און קונסט, און דיזע װירקען צוריק אױף די ענטװיקלונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, אַזױ דאָס זײ װירקען בײדע אײנע אױף דער אנדערער צו פערבעסערן דאָס מאַטעריעלע לעבען פון דער מענשהײט. מיט דיזער אױפפאַסונג פון דעם גאַנג פון דער געשיכטע בעשיצען מיר די מאַטעריאַליסטישע געשיכטע־שרײבער פון דעם פאָרװאורף, װאָס מען מאַכט זײ געװעהנליך, דאָס זײ האָבען די גאַנצע געשיכטע פון דער ענטװיקלונג פון דער מענשהײט ערנידעריגט, און האָבען זי געמאַכט פיר אַ מאָגען־פראַגע.



קאָלומבוס'עס שיפען.

דיזע בעטראַכטונגען בעציהען זיך אײגענטליך נאָר אױף די װירקליכע קולטור. גאַנץ אַנדערש איז עס מיט דער ענטװיקלונג פון דעם פּאָליטישען לעבען, מיט װעלכען די געשיכטע־שרײבער בעשעפטיגען זיך כמעט אױסשליסליך. מיר געפינען פיר נעטיג צו דערמאָהנען דעם לעזער, דאָס ער זאָל דיזען אונטערשײד אימער האָבען אין אַכט. מיר װעלען זיך אימער געבען די מיה צו װײזען דיזען אונטערשײד אין ריכטיגען ליכט.

דאָס פּאָליטישע לעבען ענטװיקעלט זיך ערסט נאָך דעם, װי די קולטור־אַרבײט האָט שױן געמאַכט אַ געװיסען פאָרטשריט, נאָך דעם, װי עס האָבען זיך שױן אָנגעזאַמעלט געװיסע בעזיצטימער און רײכטימער, װעלכע יעדער

וויל רייסען צו זיך אום צו זיין אליין דער אייגענטימער דערפון און אום צו געווינען מאכט, וויל מאכט איז הויפּטזעכליך געגרינדעט אויף בעזיץ. דער-פון נעהמט זיך דער אייביגער קאמף צווישען איינצעלנע מענשען, צווישען פאמיליעס, צווישען פּארטייען, צווישען פעלקער און לענדער — יעדער וויל פערברייטען זיין בעזיץ אום צו האבען די מאכט אין זיינע הענט.

דיזען פּאליטישען קאמף פיהרען ניט די, וואס ארבייטען און שאפען רייכטום און בעזיץ, נאר די, וואס ארבייטען ניט און שאפען דאס ניט. דער פּאליטישער קאמף צוטיילט אלזא די געזעלשאפט אין צוויי קלאסען: איין קלאס זיינען די ארבייטער, וואס שאפען די רייכטימער, און די אנדערע זיי-נען די הערען, וואס ארבייטען גאר ניט און ווילען די בעזיצטימער פון די ארבייטער נעהמען צו זיך. מיט דיזע קאמפען זיינען פול די בלעטער פון דער וועלטגעשיכטע. די נאטור-פעלקער, וועלכע האבען קיין אייגענטום ניט געשאפען און האבען נאך ניט קיין בעזיץ, פיהרען ניט צווישען זיך קיין שטרייטען, ביי זיי זיינען ניטא קיין קלאסען. אום צו בעזיצען די גיטער פון דער ארבייטער-קלאס, געברויכען די הערען אויסער זייער פיזישער קראפט, אויסער דעם שווערד, אויך געזעצען און אלערליי מיטלען צו פערדו-מען דאס פאלק, די ארבייטער-קלאס, אום זיי זאלען וואס וועניגער פער-שטעהן זייערע אייגענע אינטערעסען און זייער לאגע. וועגען די געשיכטע פון דער פּאזיטיווער קולטור, פון דער ארבייט, וואס האט די קולטור בעשא-פען, רעדען די געשיכטע-שרייבער זעהר וועניג; זיי רעדען נאר, ווי מיר האבען געזאגט, פון דער פּאליטישער קולטור, ד. ה. פון די קאמפען צווישען די קלא-סען פיר די בעזיצטימער, וואס זיינען בעשאפען געווארען דורך די ארבייטער. נאר ווען דער דרוק געהט אזוי ווייט, דאס דאס פאלק פיהלט זיך געצוואונגען צו געברויכען זיין מאכט געגען זיינע רויבער און פאנגט אן צו רעוואלטי-רען — נאר דאן געפינען די געשיכטע-שרייבער פיר נעטיג וועגען דעם צו רעדען אין דער געשיכטע, צו דערצעהלען עטוואס פון דעם פאלק, ד. ה. פון דעם טייל, וואס ארבייט און שאפט די קולטור. די געשיכטע פון דעם טייל פון פאלק, וואס ארבייט, איז קיינמאל ניט געשריבען געווארען, און דעריבער קענען מיר זיך ניט אפּגעבען קיין ריכטיגע רעכנונג פון דעם אויפבליהען און פון דעם אונטערגאנג פון פערשיידענע פעלקער אין דער פערגאנגענער צייט. די געשיכטע-שרייבער זיינען אזוי קורצזיכטיג, דאס זיי זעהען דעם גאנצען גאנג פון דער געשיכטע נאר אין דער מאראל פון דער הערשענדער קלאס, דאס אויפבליהען און דעם אונטערגאנג פון פעלקער געפינען זיי נאר אין די מעשים טובים אדער מעשים תעתועים פון דער הערשענדער קלאס. די

געשיכטע־שרייבער האָבען קיינמאָל ניט בעגריפען, דאָס נאָר די ארבייט מאַכט די פעלקער לעבענספעהיג. די צוקונפט וועט עס ערסט בעגרייפען, נאָר די צוקונפט וועט צוזאַמענשטעלען אַ ריכטיגע געשיכטע פון דער ארבייט און פון ארבייטענדען פאָלק, און דאַן וועלען מיר ערסט האָבען אַ ריכטיגע געשיכטע פון דער מענשהייט מיט איהר קולטור.

אום די געשיכטע פון דער נייער צייט גרינדליכער צו פערשטעהן, מוזען מיר ריכטיג אויפפאַסען דעם כאַראַקטער פון דעם מיטעלאַלטער. דיזעס וויעדער איז אַ קינד פון אַלטערטום, אַזוי דאָס מיר מוזען אויך בעריהרען אין קורצען די געשיכטע פון אַלטערטום. ווי עס איז בעקאַנט, האָט גריכענלאַנד געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער קולטור פון דעם אַלטערטום. דאָס גריכישע פאָלק קומט אונז פאָר אַלס דער הויפּט־שעפער פון דער קונסט און וויסענשאַפט פון דער אַלטער צייט. הגם די גריכען האָבען זייער גייסטיגע קולטור גענומען פון אַנדערע אַזיאַטישע פעלקער, האָבען זיי אָבער דיזע אַזוי זעלבשטענדיג ענטוויקעלט און איבערגעמאַכט, דאָס זי איז ארויסגעקומען פון זייערע הענט כמעט ווי אַ נייע שעפונג. די רוימער זיינען נאָר געווען אַלס פערמיטלער צווישען די גריכען און די איבריגע אייראָפּעאישע פעלקער. זעלבשטענדיג זיינען די רוימער געווען נאָר אין דער קונסט צו פערגוואַלטיגען און אונטעריאָכען אַנדערע פעלקער. צווישען די אייראָפּעאישע פעלקער זיינען די קעלטען געווען די איינציגע, וועלכע האָבען געהאַט אַן אייגענע קולטור. אָבער די רוימער האָבען זיי גיך פערניכטעט. ווען די אייראָפּעאישע באַרבאַרישע פעלקער האָבען צושטערט דאָס רוימישע רייך, האָבען זיי פיעלעס איבערגענומען פון דער אַלטער רוימישער קולטור. די אַלע אייראָפּעאישע פעלקער האָבען אַזוי ווי די רוימער קיין נייעס ניט געשאַפען אין דער קונסט און וויסענשאַפט. דאָס מיטעלאַלטער האָט ארייגעפיהרט די אייראָפּעאישע פעלקער אין אַ קולטור, וועלכע האָט שוין עקסיסטירט פון לאַנגע יאָהרען.

מען האָט געגלויבט, דאָס קריסטענטום האָט געהאַט אַ גרויסען טייל אין פערברייטען די אייראָפּעאישע קולטור אין מיטעלאַלטער. דאָס קריסטענטום, זאָגען זיי, האָט פערניכטעט די שקלאַפעריי און האָט פיעל געווירקט אָפּצושאַפען דעם קלאַסען־אונטערשייד. מיר האָבען עס שוין בעוויזען פריהער אין פער־שיידענע שטעלען, ווי ווייט פאַלש עס איז דיזע בעהויפּטונג. מיר האָבען אין לעבען פון מיטעלאַלטער גענוג געזעהען, ווי דער פאַנאַטיזם פון דער קריסטליכער רעליגיאָן האָט געבראַכט די מענשהייט צו אַ שטופע פון טיערען. איהר מאָראַל איז געווען אַזוי טיף געזונקען אין דער צייט פון מיטעלאַלטער, ווי אין קיין פעריאָדע פון דער געשיכטע. די פינסטערע זיי-

טען פון קריסטענטום וועגען טויזענד מאָל איבער זיינע ליכטיגע זייטען.
דאָס קריסטענטום האָט קיין האָאר ניט בייגעטראָגען צו דער בעפרייאונג
פון די פעלקער; אין געגענטייל, עס האָט נאָך געהאָלפען פערשקלאַפען די
מענשהייט און אונטערגעגראָבען די פרייהייט, וואו זי האָט נאָך עקסיסטירט.
דאָס קריסטענטום האָט געמאכט, אז די אונטערדריקונג פון די פעלקער זאָל
ווערען אונערטרעגליך. אַנדערע מאכען אַן אונטערשייד צווישען קריסטענ-
טום און קירכע און זאָגען, דאָס קריסטענטום איז גרויסאַרטיג, נאָר די קירכע
איז שולדיג אין אַלע צרות. אָבער דאָס איז אַ פאַלשער פשט׳על.

אויף אַ קורצע ווײַלע איז די שקלאַפעריי פערשוואונדען געוואָרען, ווען
די רוימישע אימפּעריע איז צושטערט געוואָרען פון די גערמאַנען, וועלכע
האָבען זיך נאָך געהאַלטען אַן זייער אַלטע נאַטירליכע שבטים־פרייהייט.
אָבער באַלד האָט זיך די אַלטע שקלאַפעריי, די רוימישע שקלאַפעריי, וויע-
דער איינגעגעסען אין דעם קערפּער פון די נייע פעלקער, וועלכע זיינען אויפ-
געבויט געוואָרען אויף די חורבות פון די רוימער, נאָר דער נאָמען איז געווען
אַנדערש: אַנשטאָט שקלאַפעריי האָט עס יעצט געהייסען לייבאייגענשאַפט.
אין גרונד גענומען איז דער לייבאייגענער נאָך געווען פיעל אונגליקליכער
פון דעם שקלאַף. דער שקלאַף האָט געאַרבייט נאָר פיר זיין העררר, וועלכער
האָט איהם שוין בעזאָרגט מיט אַלעם נעטיגען, אָבער דער לייבאייגענער האָט
געמוזט געבען דעם העררר אַ געוויסע צאָהל אָדער מאָס, און פיר זיך האָט ער
נאָר געהאַט דאָס וואָס עס איז איהם איבערגעבליבען נאָך דעם, ווי ער האָט
דעם העררר זיינס אָפּגעגעבען, און ווען עס איז איהם געבליבען ווענינ, האָט ער
מיט זיין פאַמיליע געמוזט הונגערן.

עס איז אינטערעסאַנט און וויכטיג צו בעטראַכטען דעם איבערגאַנג
פון די באַרבאַרישע פעלקער, וועלכע האָבען בעזיגט און צושטערט די רוימישע
אימפּעריע, צום נייעם קולטור־לעבען. ווען די באַרבאַרען האָבען די רוימישע
אימפּעריע בעזיגט, האָבען זיי צווישען זיך צוטיילט די עראָבערטע גיטער
נאָך זייערע פּרינציפּען פון גלייכהייט. די עראָבערטע גיטער האָבען פיר זיי
געעפענט אַ נייע וועלט פון פערגניגען, וואָס זיי האָט זיך קיינמאָל ניט גע׳-
חלום׳ט. מען דאַרף זיך דערביי פאָרשטעלען דעם אונטערשייד צווישען אַ
פאָלק, וואָס האָט לאַנגזאַם געאַרבייט און ענטוויקעלט טריט ביי טריט אַ גע-
וויסע קולטור און אַ געוויסען וואוילשטאַנד, און אַ פאָלק, וואָס איז אָנגעקו-
מען פון אַ רויהען לאַנד, אָהן קולטור־גיטער, אין אַ לאַנד, וואו ער האָט גע-
פונען גרייט אַלעם גוטעס אין אַ גרויסער מאָסע. גאַנץ נאַטירליך וועט זיך
דיזער באַרבאַר באַלד איבערגעבען צו אַ שווענדערישען לעבען, וועלכעם וועט

איהם שנעל פיהרען צו פערדאָרבענהייט, ווי מיר האָבען עס ווירקליך געזע-
הען ביי די וואנדאלען, וועלכע זיינען שנעל אין גאנצען אונטערגעגאנגען.
אויך די גערמאנישע פעלקער, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין איטאליען,
זיינען דאָרט גיך צו גרונד געגאנגען, ווייל די קולטור איז געווען א גרייטע,
א פאַרטיגע. דיזער פלוצלינגער איבערגאנג פון א בארבארישען צושטאנד
צו א קולטורעלען האָט אין זיי ראש ענטוויקעלט שרעקליכע ליידענשאפטען.

קאָלומבוס ענטדעקט אמעריקא.

זיי האָבען זיך פריהער פון אַלעם צוגעוועהנט אויסצורויבען די רוימישע
קולטור־ערטער. דעם רעזולטאט דערפון האָבען מיר שוין געזעהען ביי די
פראנקען. עס האָט זיך באלד צווישען זיי געבילדעט א קלאסען־פערטיילונג.
די הערשענדע קלאסען האָבען צווישען זיך געשטריטען, יעדער האָט געוואָלט
אריינכאפּען יענעמ'ס בעזיץ און מאכט אין זיינע הענט. די פראנקען זיינען
געוועזען די ערסטע, וועלכע האָבען געזוכט צו שאפען עטוואס נייעס אָנשטאָט
דער אַנטיקער שקלאפעריי. וואו עס ענטוויקעלט זיך א הערשענדע קלאס,

וועלכע וויל פיהרען א קולטור־לעבען ניט ארבייטענדיג, דארט מוז זיך אויך ענטוויקלען א פערשקלאפטע קלאס, וועלכע מוז ארבייטען פיר זיי, פיר די הערען, א קלאס, וועלכע פערשאפט זיי די קולטור־אוצרות.

עס זיינען דא טויזענדער פארמעס פון אונטערדריקונג. די קלאסען־געזעלשאפט קען ניט בעשטעהן, קען ניט עקסיסטירען ניט אונטערדריקענדיג און בערויבענדיג אנדערע. די אונטערדריקונג נעהמט אן פערשיידענע פאר־מעס לויט דער צייט, דעם ארט און פאליטישען צושטאנד. אבער אונטער אלע פערשיידענע פארמעס בלייבט איהר וועזען איינס און דאס זעלבע. וואו עס געפינט זיך א קלאס, וואס פראדוצירט גארניט, מוז זיך געפינען אן אנדער קלאס, וואס מוז פיר יענע פראדוצירען און זיך לאזען בערויבען. אנשטאט דער שקלאפעריי פון דעם אלטערטום האט זיך אין מיטעלאלטער אויסגעבילדעט א קלאס לייבאייגענע, און אין היינטיגער נייער צייט איז אנ־שטאט לייבאייגענשאפט אריין אין קראפט די לוין־שקלאפעריי. דיזע נייע פארמע פון שקלאפעריי וועט געוויס פריהער אדער שפעטער אפטרעטען און מאכען ארט פיר א שפאגעל־נייע פארמע פון פערקנעכטונג (עס קען זיין דורך די בעאמטען־קלאס פון א צוקונפטיגען שטאאט־סאציאליזם), דאס וועזען וועט אבער אימער זיין איינס און דאס זעלבע — פערקנעכטונג פון א געוויסען טייל פון פאלק. און דאס וועט בלייבען אימער, כל זמן עס וועט עקסיסטירען א קלאסען־געזעלשאפט.

דער הויפט כאראקטער־צוג פון פערקנעכטונג איז, דאס זי ווערט אלע מאל פערפיינערט. וועהרענד אין דער אלטער צייט איז דיזע פארמע פון אונטערדריקונג געווען גראב, רויה, פערבונדען מיט גוואלדטאטען, האט זי שפעטער געטאן דאס זעלבע מיט ליסט (כיטראסט), אהן גוואלד, אבער דער רעזולטאט איז געווען, דאס דער ערפאלג פון די בעדריקער איז אימער גע־וואקסען מעהר און מעהר. די הערשענדע קלאס בעקומט, אונטער דעם פרינ־ציפ פון פערזענליכער פרייהייט, פערשיידענע קאנצעסיאנען (הנחות), אום צו פערשמידען די ארבייטער־קלאס מעהר און מעהר אין דעם נייעם סארט שקלאפעריי. מיר האבען געזעהען, מיט וועלכע קונצען די בויערן קלאס איז אין מיטעלאלטער פערוואנדעלט געווארען אין א קלאס פון לייבאייגענע. פיר די הערען איז עס געווען פיעל בעסער איידער דאס אלטע סיסטעם פון שקלאפעריי. די גריכען און די רוימער האבען געמוזט פיהרען מלחמות און ריזיקירען זייער לעבען מיט זייערע רייכטימער אום צו פערשאפען זיך שקלא־פען, ווייל די קריגס־געפאנגענע זיינען געווען די איינציגע קוועלען פון וועלכע צו בעקומען שקלאפען. די גריכען און די רוימער האבען זיך נאך געקענט

בעריהמען, דאָס זיי האָבען וועניגסטענס קיינמאָל ניט פערשקלאַפּט זייערע אייגענע ברידער. דער אָרימסטער פּלעבעיער אין רוים איז אימער געוועזען אַ פרייער בירגער אין דער רוימישער קלאַסען־געזעלשאַפט.

גאַנץ אַנדערש איז געוועזען דער פאַל מיט דער פערקנעכטעטער קלאַס אין מיטעלאַלטער אונטער די באַרבאַרישע קריסטליכע פעלקער. די פראַנקען האָבען זייערע אייגענע ברידער פערוואַנדעלט אין לייבאייגענע, און דאָס איז ביי זיי צוגעגאַנגען ניט אין אַ קאַמף, ניט מיט געוואַלד, נאָר מיט ליסט, מיט נאַרעריי. די לייבאייגענע האָבען גאָרניט געקעמפט. אין דיזער, און אין פיעלע אַנדערע הינזיכטען, איז דאָס סיסטעם פון לייבאייגענע געוועזען פיעל שמוציגער און העסליכער פון דער שקלאַפעריי אין אַלטערטום.

די אַלטע האָבען פיר זייערע שקלאַפען־האַלטעריי געברויכט קאַמף און קאַפּיטאַל, וועהרענד די פעאָדאַלען האָבען געהאַט זייערע לייבאייגענע אומזיסט. ביידע אָבער האָבען דאָך געמוזט פיעל־וועניג זאָרגען פיר דעם אונטערהאַלט פון זייערע בערויבטע און פערקנעכטעטע, זיי זאָלען וועניגסטענס ניט אויסגעהן פון הונגער. די מאָדערנע לוין־שקלאַפעריי איז די געמיינסטע און שמוציגסטע פון אַלע פאָרמעס פון רויבערייען, ווייל ביי דיזער פאָרמע פון פערקנעכטונג איז די הערשענדע קלאַס פריי פון יעדער פעראַנטוואָרטליכקייט פיר די עקסיסטענץ פון די בערויבטע; זיי, די בערויבטע, מעגען אויסגעהן פון הונגער און קיינער קען צו זיי גאָר ניט האָבען. דער מאָדערנער לוין־שקלאַף קאָסט ניט קיין קאַמף, קיין קאַפּיטאַל, מען דאַרף זיך ניט זאָרגען וועגען זיין אונטערהאַלטונג, ער קרענקט אַליין, און שטאַרבט אַליין, און עס איז ניט קיינעמ'ס דאגה. אין דיזער הינזיכט איז די מאָדערנע קלאַסען־געזעלשאַפט פיעל שמוציגער און געוויסענלאָזער פון די הערען פון אַלטערטום מיט זייער שקלאַפען־סיסטעם.

גאַלליען איז פון די רוימער פאָלשטענדיג קולטיווירט געוואָרען. זיי, **די גאַלליער**, זיינען נאָכדעם געוואָרען די פערשפּרייטער פון קולטור איבער גאַנץ איירָאָפּאַ. די פראַנקען זיינען די ערסטע, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין גאַלליען פון די באַרבאַרישע פעלקער און האָבען איבערגענומען די קולטור פון די גאַלליער, און האָבען עס אָבער אויסגעאַרבייט אויף זייער אַרט. די פראַנקען זיינען געוועזען די גרינדער פון דעם פעאָדאַל־סיסטעם, זיי האָבען געשאַפען און פערברייטערט די שטרייטיגקייטען צווישען די פעאָדאַל־הערען, די גרויסע גוטס־בעזיצער פון איין זייט, און די צענטראַל־רעגירונגען פון דער אַנדערער זייט; זיי האָבען אַרויפגעלעגט דעם יאָך פון לייבאייגענשאַפט אויף זייערע אייגענע ברידער. זיי זיינען געוועזען די ערסטע, וואָס

האבען זיך פערבונדען מיט דער גייסטיגער מאכט פון דער קירכע אום צוזא־מען פעסטער מאכען דעם באדען פיר די פערקנעכטונג פון דעם ארימען פאלק, און האבען בעשאפען א צושטאנד, וועלכער איז געווארען פיר איין קלאס, די הערשענדע, זעהר פרוכטבאר, און פיר די אנדערע קלאס, די פער־קנעכטעטע, זעהר פורכטבאר, ווי עס איז נאך קיינמאל אין דער געשיכטע ניט פארגעקומען. פון פראנקרייך האט זיך דאס פעאדאל־סיסטעם פער־ברייטעט אין גאנץ אייראפא. דיזע פינסטערע זייט פון דער קולטור האט זיך פערברייטעט פיעל שנעלער, ווי די גוטע זייט, וועלכע איז אויך ארויס פון פראנקרייך איבער אייראפא.

פון די ליכטיגע זייטען פון דעם מיטעלאלטער איז ערסטענס צו דער־מאהנען די ענטוויקלונג פון די שטעדט מיט זייער זעלבסט־רעגירונג און זיי־ער נייעם קולטור־לעבען.

אין דיזער זאך איז פראנקרייך נעבען פלאנדערן געגאנגען פארויס פאר אלע אנדערע לענדער. אבער די שטעדט אין מיטעלאלטער זיינען ניט געווען, אין גרעסטען טייל, דער פראדוקט פון א פארטגעשריטענעם קולטור־לעבען, ווי דאס איז געווען דער פאל אין אלטערטום. זיי זיינען געווען צום מעהר־סטען די פערטיידיגונגס־צענטערן, וואוהין דאס פערצווייפעלטע פאלק איז געלאפען אום זיך צו בעשיצען געגען דער דריקענדער געוואלט פון די פעא־דאלען און די גייסטליכע. די פעאדאל־הערען און די גייסטליכע האבען אויסגעזויגען פון פאלק דעם לעצטען טראפען בלוט. דאס פאלק איז געשטא־נען ביים אפגרונד פון אונטערגאנג, און עס האט זיך געכאפט צו רעטען אין זיין לעצטען אויגענבליק. די שטעדט זיינען נאר געווען דער ערסטער קאמף־פלאץ פיר דאס פאלק, וואס האט זיך אנגעפאנגען צו בעפרייען פון דעם יאך פון זיינע הערען און פון דער קירכע. די געשיכטע פון די ערסטע קאמונעס אין פראנקרייך האבען אונז קלאר געוויזען דעם צוועק, צו וועלכען דאס פאלק האט געצילט, קאנצענטרירענדיג זיך אין די שטעדט. דאס מיטעלאלטער האט מיט זיין פורכטבארען דרוק געטריבען די אייראפעאישע פעלקער צו זייער אונטערגאנג. אום זיך צו רעטען האבען זיי זיך פעראייניגט אין שטעדט און צוזאמענגעשטעלט א קראפט צו קעמפען געגען זייערע בעדריקער. אבער מיט דער צייט האט זיך אין די שטעדט זעלבסט געבילדעט א נייע קלאס רויבער און עקספלואטאטארס. א טייל פון די בירגער, וועלכע האבען זיך פערשאפט רייכטום דורך זייער האנטווערק, פאבריקאציאן און האנדעל, האבען אויך אנגעפאנגען צו בערויבען דאס פאלק מיט וואס זיי האבען גע־קענט, און אזוי איז אויסגעוואקסען א דריטע מאכט צו בערויבען דאס ארימע

פאָלק. די רייכע האַנדעלס־לייט אין ווענעציא האָבען געדריקט און פער־פאָלגט די אָרימע קלאַס מיט מעהר גרויזאַמקייט און טיראַניי ווי אַלע ארים־טאָקראַטען, וואָס האָבען געדריקט דאָס פאָלק מיט׳ן שווערד. מעהר פון אַלעס האָט די קירכע מיט איהרע אינקוויזיטאָרען געפּייניגט דאָס פאָלק אין די שטעדט, אָפּצונעהמען פון די בירגער די פרייהייט, וואָס זיי האָבען זיך ער־וואָרבען מיט גרויס מיה. אין דייטשלאַנד איז די קולטור־ענטוויקלונג אין די שטעדט געגאַנגען פיעל לאַנגזאַמער אַלס אין פראַנקרייך. וועהרענד אין

כריסטאָף קאָלומבוס.

דיזער לעצטער זיינען כמעט אין אַלע שטעדט געווען אָרגאַניזירט קאָמונעס, זיינען אין דייטשלאַנד געווען נאָר איינציגע שטעדט, וועלכע האָבען זיך ער־וואָרבען אייניגע רעכטען און פרייהייטען און האָבען זיך פערשאַפט פערמע־גען דורך זייער האַנדעל. דיזע זיינען געווען: אוגסבורג, נירנבערג, מאַינץ, קאָלן און די האַנזא־שטעדט. גאַנץ אָסט־דייטשלאַנד ווי אויך נאָרד־אָסט איז נאָך געלעגען אין די ווינדעלאַך פון דער קולטור. אפילו ענגלאַנד איז געווען וועניג ענטוויקעלט אין קולטור און האָט געמוזט אָנקומען צו דער פער־

מיטלונג פון די דײטשע האנדעל־שטעדט אום צו קומען אין בעריהרונג מיט דער קולטור פון זיד־אײראָפּאַ. אָבער אויך דיזע דײטשע שטעדט האָבען ניט געשאַפען עטוואָס נײעס, זעלבשטענדיגעס אין דער קולטור. דיזעס קען מען צושרײבען נאָר צו איטאַליען. מיר דאַרפען ניט פערגעסען, דאָס קולטור און קולטור־פאָרטשריט קענען זײן נאָר דאָרט, וואו דאָס פאָלק געניסט פרײהײט. די פערקנעכטעטע דײטשלאַנד האָט אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען בײ זיך די קולטור ערסט מיט צװײ הונדערט יאָהר שפּעטער. איהר לעהרערין אין דיזער הינזיכט איז געװעזען פראַנקרײך. ערסט די רעפאָרמאַציאָן האָט געבראַכט דײטשלאַנד צו דער שטופע פון קולטור, װעלכע פראַנקרײך, ענגלאַנד, איטאַליען און בעהמען האָבען דערגרײכט מיט הונדערטער יאָהרען פריהער דורך דעם קאַמף מיט דער קירכע און דעם פּאַפּסטטום. אָבער אויך די רעפאָרמאַציאָן האָט נאָך ניט געבראַכט דײטשלאַנד די װאָהרע פרײהײט און די װירקליך גײסטיגע עמאַנציפּאַציאָן, װעלכע מיר געפינען אין אַנדערע לענדער, װעלכע האָבען װײט איבערגעפליגעלט מיט זײערע פרײהײטס־אינסטיטוציאָנען די געגענװערטיגע דײטשלאַנד. דער דײטשער גײסט האָט מיט זײן פּראָטעסטאַנטיזם נאָר איבערגעביטען זײן צװאַנג־יאָך, די יאָך איז אַן אַנדערע, אָבער דער צװאַנג איז דער זעלבער. אין די דײטשע שולען לערנט מען װעגען דעם מיט די קינדער עטװאָס אַנדערס, אָבער די װעלטגעשיכטע לאָזט זיך ניט נאַרען. זי װײס דעם אמת, װאָס דײטשלאַנד איז יעצט.

פון דעם, װאָס מיר האָבען ביז יעצט ערקלערט, איז קלאָר צו זעהן, דאָס דאָס מיטעלאַלטער איז פיעל ערגער פון אַלטערטום דערמיט, װאָס די פעלקער אין מיטעלאַלטער האָבען אונטערדריקט ניט פרעמדע, ניט שקלאַפען, נאָר אײגענע שטאַם־גענאָסען, אײגענע ברידער. די לײבאײגענשאַפט איז אַ װערק פון מיטעלאַלטער, װעלכעס האָט בעשאַפען אַ הערשענדע קלאַס אַנשטאַט װאָס פריהער זײנען אַלע שטאַמען געװעזען גלײך בערעכטיגט, האָט שטאַרק ענטװיקעלט די קעניגליכע מאַכט, האָט אײנגעפיהרט דאָס לױן־סיסטעם און די פאָלקס־פערשקלאַפונג. דיזע פלאָגע האָט זיך אין מיטעלאַלטער פערשפרײט איבער אַלע לענדער פון אײראָפּאַ אָהן אױסנאַהמע. אום די זאַך פון פאָלקס־פערקנעכטונג זיכערער און פעסטער דורכצופיהרען, האָט זיך די װעלטליכע מאַכט פעראײניגט מיט דער קירכע און צוזאַמען געבילדעט אַ טײפלישע מאַכט, פון װעלכער דאָס פאָלק האָט זיך פיר קײן פאַל ניט געקענט בעפרײען. צום גליק פון די אונטערדריקטע פעלקער האָבען זיך די מאַכטהאָבער אָנגעהױבען צו רײסען אײנער מיט דעם אַנדערען, יעדער האָט געװאָלט האָבען מעהר רעכט, אָדער דאָס אַבסאָלוטע רעכט, צו דריקען דאָס

פאָלק. דיזען קאמף האָט אויך די קירכע געפיהרט מיט די וועלט=מעכטען און דיזע מיט דער קירכע, יעדער האָט געוואָלט זיין דער איינציגער בלוט=זויגער פון פאָלק. אָבער ניט נאָר די וועלט=מעכטען צווישען זיך האָבען זיך גערי-סען, נאָר אין יעדען לאַנד זיינען אויך פאָרגעקומען רייסערייען צווישען דעם קעניג און זיינע וואסאַלען און פעאָדאַלען. יעדער האָט געוואָלט וואָס מעהר אַליין דאָס פאָלק אויסזויגען. מיט דיזע קאמפען איז פול דאָס מיטעלאַלטער. אין ענגלאַנד, פראנקרייך און שפאַניען האָט זיך די צענטראַליזירענדע מאכט, דאָס קעניגטום, בעפעסטיגט און האָט פערניכטעט דאָס פעאָדאַל=סיסטעם, נאָר אין דייטשלאַנד איז די פעאָדאַל=הערשאַפט פערבליבען ביז ענדע פון 19טען יאָהרהונדערט, און ערסט דאַן האָט זיך געבילדעט די דייטשע צענט-ראַל=מאכט.

עס ברויכט ניט בעוויזען צו ווערען, דאָס דיזע רייסערייען צווישען די מאכטהאָבער פיר דאָס רעכט צו בערויבען דאָס פאָלק, האָט דער קולטור ניט געבראַכט קיין נוצען; אין גענענטייל, זיי האָבען פיעל געשטערט צו איהר ענטוויקלונג. דיזע רייסערייען זיינען געווען אַ וואהרער פלוך פיר די מענש-הייט אין איירָאָפּאַ, ווייל נאָר די פּראָדוקטיווע ארבייט העלפט דעם פאָרט-שריט. די וויסענשאַפטליכע און קינסטלערישע ענטדעקונגען און ערפינדונ-גען וואָלטען קיין פרוכט ניט געבראַכט דער קולטור און דער מענשהייט, ווען דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון איירָאָפּאַ וואָלט ניט גענומען אַן אַנדער ווענדונג דורך די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ, וועלכע האָט געפיהרט צו דער שטייגערונג פון דער פּראָדוקציאָן און צו דער פערבעסערונג פון דער מאַטע-ריעלער לאַגע פון די פעלקער.

יעצט וועלען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו אונזער ציל. ווי געזאָגט, איז נאָר בעזיץ די וואהרע מאכט. די הערשענדע קלאַסען האָבען זיך פער-שאַפט בעזיץ דורך געוואַלד אָדער דורך ליסט; נעמליך: אין אַלטערטום דורך געוואַלד, דורך שקלאַפען, און אין מיטעלאַלטער דורך ליסט, דורך לייב-אייגענע. אָבער עס איז פאַראַן נאָך אַ מיטעל צו פערשאַפען זיך בעזיץ און דאָדורך אויך מאכט. דער פּראָדוצירער אַליין, דער ארבייטער זעלבסט, קען געפינען מיטלען און וועגען ווי די נוצען פון זיין פּראָדוקציאָן אין זיינע הענט צו פערהאַלטען און צו פערגרעסערן און פערמעהרען. און באמת האָט זיך נעבען דעם געוואַלד=מענשען אויך געבילדעט אַ קלאַס בירגער, וועלכע האָבען זיך פערשאַפט רייכטום און מאכט דורך זייער האַנדעל און אינדוסטריע, און זיינען דורך זייער בעזיץ געוואָרען גלייך מיט דעם געוואַלד=מענשען, און אָפּט-

מאָל האָט ער איהם נאָך איבערגעשטיגען. דיזע קלאַס בירגער האָט אָפט דערגרייכט אַן ערשטווינענדע שטופע פון מאַכט.

אָבער דיזע מאַכט איז דאָך געווען בעשרענקט, ווייל די בירגער האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זייער טעטיגקייט נאָר אויף צוויי גע-ביטען: האַנדעל און אינדוסטריע (פאַבריקאַציאָן); דער גרונד אָבער, די ערד, און די לייבאייגענע זיינען געווען אין די הענט פון די פעאָדאַלען. אין מיטעלאַלטער זיינען אָבער דער האַנדעל און די אינדוסטריע נאָך געווען ווייט ניט ענטוויקעלט, דעריבער האָט זיך דער בעזיץ ניט געקענט קאָנצענטרירען אין די הענט פון די בירגער אויף אַזוי ווייט, דאָס זיי זאָלען קענען ברעכען די מאַכט פון די גוואַלד-מענשען, פון די פעאָדאַלען. דער קאַמף פון אַרבייט געגען דעם שווערד האָט ניט געהאַט קיין אויסזיכט צו געווינען, ווייל דער שווערד איז געווען שטאַרקער פון דער אַרבייט. און באמת האָבען מיר גע-זעהען, ווי צו ענדע פון מיטעלאַלטער האָט די מאַכט פון די בירגער אין די שטעדט כמעט אין גאַנצען פערלאָרען איהר עקסיסטענץ און איז אונטערגע-גאַנגען.

דורך די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ זיינען פיר די פּראָדוקציאָן און דעם האַנדעל אין אייראָפּאַ געעפענט געוואָרען גאַנץ נייע וועגען. עס האָט זיך פיעל פערבעסערט די מאַטעריעלע לאַגע פון דער פּראָדוקטיווע און האַנדלענדע קלאַסען און דערמיט געגעבען די מעגליכקייט די וויסענשאַפט און קונסט זיך פריי צו ענטוויקלען. ווען דער עקאָנאָמישער צושטאַנד אין אייראָפּאַ וואָלט געבליבען דער זעלבער ווי אין מיטעלאַלטער, וואָלט די רענעססאַנס, די שטרע-בונג איבער-אַ-נייעם אויפצולעבען די וויסענשאַפט און קונסט, געהאַט דעם זעלבען סוף, וואָס די שטעדט האָבען געהאַט אין זייער קאַמף פיר פרייהייט.

די קולטור האָט פערקנעכטעט די מענשהייט דורך די איינפיהרונג פון דער קלאַסען-געזעלשאַפט, אָבער די קולטור וועט אויך בעפרייען די מענשהייט פון יעדען דרוק. דער שווערד האָט פערקנעכטעט די מענשהייט. עס איז אָבער דאָ אַ מאַכט, וואָס שאַפט אויך בעזיץ, און דיזע מאַכט וועט בעזיגען די מאַכט פון שווערד. דיזע מאַכט איז די אַרבייט, דאָס ווערקצייג זעלבסט, וואָס שאַפט דעם בעזיץ. דאָס די אַרבייט ווערט אַ מאַכט שטאַרקער פון דעם שווערד בעווייזט קלאָר די מאַכט און בעדייטונג פון די גרויסע קאַפּיטאַ-לען אין דער נייער צייט, צו וועלכע דער שווערד מוז זיך אָפט בייגען, און אָהן וועלכע ער, דער שווערד, איז אָהנמעכטיג עטוואָס וויכטיגעס צו אונטער-נעהמען און דורכצופיהרען.

דערפון זעהען מיר קלאר, דאס דער איינציגער מיטעל אפצושוואכען די מאכט פון שווערד איז צו ענטוויקלען און צו פערשטארקען די מאכט פון דער ארבייט. פיעל האט געהאלפען און העלפט און וועט נאך מעהר העלפען צו פערווירקליכען די אויבערמאכט פון ארבייט איבער'ן שווערד די ענטדעקונג פון אמעריקא. ווייל דיזע האט געשאפען און שאפט נאך אימער א גרויסע ענדערונג אין דער עקאנאמישער לאגע פון דער אייראפעאישער מענשהייט און פארבערייטעט א פעסטען באדען פיר א מעכטיגעם בירגערטום, וועלכעס האט שוין בעוויזען גרויסע העלדענטאטען אין די רעוואלוציאנען אין ענגלאנד און פראנקרייך אין 17טען און 18טען יאהרהונדערט. די פראדוקציאנס-מיטלען פון מיטעלאלטער זיינען ניט געווען גענוג צו געבען דער ארבייט די מאכט צו בעזיגען דעם שווערד. די ענטדעקונג פון אמעריקא האט אבער געמאכט אזא גוואלדיגע איבערקעהרעניס אין דעם עקאנאמישען לעבען, דאס זי האט געמאכט א וועג צו דיזען זיג. ווי באלד דער בעזיץ האט זיך אנגעהויבען צו בעווייזען אין די הענט פון די בירגער אין דער זעלבער מאס ווי ער, דער בעזיץ, איז געווען אין די הענט פון די גוטס-בעזיצער, האט זיך באלד די מאכט אנגעהויבען צו פערגלייכען. דער בירגער האט מיט זיין געלט אנגעהויבען האבען די מעגליכקייט זיך צו פערשאפען געוועהר, ביקסען, קאנאנען א. ד. גל. צוגלייך מיט דעם פעאדאל-העְרר אדער דעם גוטס-בעזיצער, אזוי דאס די מאכט האט אנגעווארען דעם ווערט, וואס זי האט פריהער געהאט אויסשליסליך ביי די הערען. אבער די בעפרייאונג פון בירגערטום איז נאך ניט די ריכטיגע בעפרייאונג פון דרוק פיר די גאנצע מענשהייט; דאס איז דערווייל ניט מעהר ווי א פארבערייטונג צו דער ווירקליכער בעפרייאונג פון דער גאנצער מענשהייט פון דעם אלגעמיינעם דרוק. דאס איז דערווייל נאר דער ערסטער זיג פון דער ארבייט איבער דעם שווערד, אבער נאך דיזען זיג וועלען נאך שפעטער קומען אנדערע וויטערע נצחונות, — נצחונות, וואס די ארבייטער-קלאס וועט האבען איבער איהרע בעדריקער. דאס בירגערטום מיט זיין קאפיטאל-סיסטעם איז נאר א צווישען-גליד, אן איבערגאנגס-פעריאדע אין דעם קאמף פון דער מענשהייט אדער דער ארבייט מיט דער מאכט פון שווערד. די מאכט פון קאפיטאל וועט געבראכען ווערען דורך די מאכט פון דער ארבייט, ווי עס איז פריהער געבראכען געווארען די מאכט פון דעם שווערד דורך דאס בירגערטום, ד. ה. דורך די ארבייט. דעם בירגערטום, איבערהויפט דעם ענגלישען און פראנצויזישען בירגערטום, האבען מיר צו פערדאנקען דעם ערסטען זיג פון דער ארבייט איבער'ן שווערד.

דאָס בירגערטום האָט דעריבער געמאַכט אַ וועג צו ווייטערע זיגען, וועלכע די לוין־שקלאַפען וועלען מאַכען צו זייער בעפרייאונג.

אין וואָס אָבער בעשטעהט די גרויסע עקאָנאָמישע ענדערונג, וואָס די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ האָט אַריינגעבראַכט אין דעם לעבען פון די אייראָפּעאישע פעלקער? מיר מוזען בעטראַכטען און אונטערשיידען צוויי צייטען אָדער פעריאָדען. די ערסטע פעריאָדע איז געווען, ווען די אייראָפּעאישע פעלקער האָבען בעטראַכט אַמעריקאַ אַלס אַ גאָלד־גרוב, פון וועלכער מען קען שעפּען גאָלד אָהן אַ שיער. דאַמאָלס האָבען נאָך די פעלקער געגלויבט, דאָס אַ לאַנד איז רייך, ווען זי האָט אַ סך גאָלד. דער הויפּט־צוועק פון די שפּאַניער און פּאָרטוגעזען, וואָס האָבען געזוכט צו ענטדעקען נייע לענדער, איז געווען צו געפינען לענדער, וועלכע האָבען אין זיך אַ סך גאָלד. ווען שפּאַניען האָט ענטדעקט אַמעריקאַ מיט איהרע רייכע גאָלד־מינען האָט זי געגלויבט, דאָס זי האָט דערמיט געזיכערט פיר זיך אַ פעסטע גלענצענדע צוקונפט. אַז דיזעס איז געווען אַ טעות, האָט בעוויזען די שפּעטערע געשיכטע פון שפּאַניען. פון אַלע גאָלד־אוצרות איז גאָר ניט געבליבען. שפּאַניען איז פעראָרימט געוואָרען און האַלט זיך יעצט קוים אויף אַ נידריגער שטופע פון קולטור.

היינט ווייסען מיר קלאָר, דאָס דער רייכטום פון אַ לאַנד בעשטעהט אין זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. גאָלד, דימענטען און אַנדערע אוצרות קומען אויך פון אַזיען. אָבער די וויכטיגקייט פון אַמעריקאַ איז, וואָס עס קומען־צו צו איהר אַלע מאָל מעהר און מעהר פרישע אַרבייטס־קרעפטען פון אַלע וועלט־טיילען, איבערהויפּט פון אייראָפּאַ, וועלכע אַרבייטען אויס די רייכטימער פון דער ערד און מאַכען זיי נוצבאַר פיר די וועלט. ניט דאָס גאָלד, וואָס עס געפינט זיך אין אַמעריקאַ, מאַכט זי וויכטיג פיר די וועלט, נאָר די נ̣יצליכע באָדען־פּראָדוקטען, וואָס געפינען זיך אין איהר און ווערען בעאַרבייטעט צום געברויך דורך די פיעלע מיליאָנען אַרבייטער־הענט: באַוועל, צוקער, קאַפע, טאַבאַק, קאַרטאָפעל א. אַז. וו., ברייננגען זעהר פיעלע מיטלען צו דער אייראָפּעאישער פּראָדוקציאָן. דער רייכטום פון לאַנד מאַכט אין אַמעריקאַ זעהר פרוכטבאַר די אַרבייט פון די נייע אָנגעקומענע, וועלכע פיהרען דאָרט דאָס זעלבע לעבען מיט אַלע זיינע בעדערפניסען, וועלכען זיי האָבען געפיהרט אין אייראָפּאַ.

דיזעס האָט געפיהרט דערצו, דאָס עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ פרישעס לעבען אין אייראָפּאַ. מען האָט אָנגעפאַנגען צו בויען זעהר פיעלע שיפען אום אַריבערצוטראַנספּאָרטירען אַלע געדריקטע, וועלכע ווילען ענטלויפען פון

זייערע העררען־לענדער, אום צו געניסען א פרייעס זעלבשטענדיגעס לעבען. די נייע עמיגראַנטען ברויכען דאָך פיעלע זאכען צו זייער לעבען, און דורך דעם האָט זיך פאַבריקאַציאָן און האנדעל פערברייטעט אין די אייראָפּעאישע לענדער מיט אַן אונגעוועהנליכער שנעליגקייט. די אַלטע פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען האָבען זיך בעוויזען ניט גענוגענד אום צו ערפילען די פאָדערונגען פון די, וואָס געברויכען די פּראָדוקציאָנען. מען האָט געמוזט מאַכען נייע ערפינדונגען אום די פּראָדוקציאָנען בעסער און גיכער אַרויסצובריינגען. מען האָט ערפונדען נייע מאַשינען, וועלכע האָבען געהאָלפען אַרויסצובריינגען די פּראָדוקציאָנען ביליגער, שנעלער און בעסער. קליינע אַלט־מאָדישע פאַבריקלאָך האָבען געמוזט געשלאָסען ווערען און מאַכען פּלאַץ פיר גרויסע פאַבריקען. עס זיינען אָנגעקומען אין אייראָפּאַ נייע רויהע מאַטעריאַלען, וועלכע זיינען אין די פאַבריקען פערוואַנדעלט געוואָרען אין נוצבאַרע נייע געגענשטענדען צום געברויך. מיט דיזען אופן האָט אימער מעהר און מעהר געשטיגען דאָס פערלאַנגען פון אַלערליי לעבענסמיטלען און לוקסוס־געגענשטענדען. אַמעריקאַ האָט ניט נאָר ביי זיך פערברייטעט און פערגרעסערט די פּראָדוקציאָן, נאָר זי האָט אין דיזער הינזיכט אויך געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס אין גאַנץ אייראָפּאַ. די נייע עמיגראַנטען האָבען געברויכט פיר זייערע בעדערפניסען נייע רויהע מאַטעריאַלען, וועלכע אייראָפּאַ האָט זיי געקענט ליפערן, און דער פערקעהר פון מסחר צווישען אַמעריקאַ און אייראָפּאַ איז געוואָרען ענגער און שטאַרקער. מיט אַזיען איז די זאַך גאַנץ אַנדערס. די אַזיאַטען, וועלכע האָבען זייער אייגענע קולטור און זייערע אייגענע בעדערפניסען, האָבען זייערע נויטוועגדיגקייטען געהאַט גענוג ביי זיך, זיי האָבען וועגען דעם ניט געדאַרפט אָנקומען צו אייראָפּאַ, און האָבען ניט געהאַט נעטיג צו בייטען זיך מיט אייראָפּאַ מיט זייערע מאַטעריאַלען אום צופרידען צו שטעלען זייערע בעדערפניסען.

די נייע ערפינדונגען זיינען געבאָרען געוואָרען ניט ווייל עס האָט זיך אין די נייע צייטען אויסגעגאָסען איבער דער מענשהייט אַן ערפינדערישער גייסט, נאָר די פערענדערטע עקאָנאָמישע לאַגע, די געשטייגערטע בעדערפניסען, אַ געשווינדערע, בעסערע, פּאָלקאָמענערע פּראָדוקציאָן האָבען אַרויסגערופען די נייע ערפינדונגען. וואָלט ניט געווען דיזער געשטייגערטער בעדאַרף און פאָדערונג, וואָלטען אויך ניט געווען קיין ערפינדונגען, און אַפילו ווען די ערפינדונגען וואָלטען יע געמאַכט געוואָרען, וואָלטען זיי גיך פערגעסען געוואָרען, ווייל מען וואָלט זיי ניט געברויכט. יעדע עקאָנאָמישע ענטוויקלונגס־שטופע בריינגט אַרויס איהרע ערפינדער, און יעדער ערפינדער

מוז אָפּוואַרטען ביז עס וועט קומען די עקאָנאָמישע פּעריאָדע, וועלכע וועט זיין ערפינדונג פאָדערן און זי בענוצען. אַנדערס קען זיין ערפינדונג פערלאָרען געהן, ווייל זי איז ווערטלאָז. עס וואָלטען געווים ביי אונז ניט געווען קיין אײַזענבאַהנען, קיין דאַמף־שיפען, ווען דער האַנדעל וואָלט ניט געפאָדערט אַ גיכערען פערקעהר צווישען די האַנדעלסלייט, וועניגסטענס וואָלטען זיי ניט געווען אַזוי פיעל אין געברויך. דיזער צוזאַמענהאַנג צווישען דער גייסטיגער טעטיגקייט און דער עקאָנאָמישער לאַגע איז אויך צו בעמערקען אין אַלע העכערע גייסטיגע געביטען.

מיט דיזען רעזולטאַט און ווירקונג פון דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ האָבען זיך מעהר פון אַלעמען געוואוסט צו בענוצען ענגלאַנד, פראַנקרייך און האָללאַנד. אַלע נוצען, וואָס שפּאַניען האָט געקענט האָבען פון איהרו ענטדעקונג פון אַמעריקאַ, האָט ענגלאַנד פערכאַפּט. ענגלאַנד האָט באַלד אָנגעהויבען צו פערברייטען איהר האַנדעל אין די לענדער, וואָס שפּאַניען האָט ענטדעקט, און איז געוואָרען די אייגענטליכע בעשאַפערין פון דער נייער וועלט. ענגלאַנד האָט כמעט אין גאַנצען פערכאַפּט די עקאָנאָמישע מאַכט, פיר וועלכע די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ האָט געשאַפען דעם באָדען און די מעגליכקייט. ענגלאַנד איז געוואָרען די בעשאַפערין פון דער נייער גרויס־אינדוסטריע, די ערסטע האַנדעלס־מאַכט אין דער וועלט און די בעהערשערין פון די ימים.

אין ענגלאַנד האָט דאָס בירגערטום דערגרייכט זיין הויכע שטופע פון פרייהייט און מאַכט צוליב זיין בעסערער עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכער די בירגער האָבען זיך געפונען צוליב זייער ערפאָלג אין האַנדעל און אינדוסטריע. דער פעאָדאַל־אַדעל האָט געהאַט אין זיינע הענט נאָר דעם באָדען, די ערד. הגם דער באָדען איז זעהר וויכטיג אין דער עקאָנאָמיע, איז אָבער זיין ראָלע אַ זעהר בעגרענצטע. אָבער די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון דער אינדוסטריע ווייסען ניט פון קיין גרענצען, קיין בעשרענקונג. ווייל די בעדערפניסען, וועלכע די אינדוסטריע שטעלט צופרידען, זיינען אויך אָהן אַ גרענעץ. אַ מענש קען עסען ניט מעהר ווי פיעל זיין מאָגען קען פערדייהען. אָבער זיינע בעדערפניסען אין פּראָדוקטען פון אינדוסטריעלע און לוקסוס־אַרטיקלען זיינען אָהן אַ שיעור און אָהן אַ ברעג. דעריבער האָט דאָס בירגערטום געפונען אין זיין אינדוסטריע אַן אונערשעפּליכע קוועלע פון פּראָדוצירען, און דאָס האָט די בירגער געגעבען די מיטלען און די מעגליכקייט אַריינצוכאַפּען אין זייערע הענט אונגעהייערע מאַסען פון בעזיץ, און שליסליך אויך מאַכט. דאָס ענגלישע בירגערטום האָט שוין אין 17טען יאָהרהונדערט אַריינגעכאַפּט אין

זיינע הענט א גרויסע עקאָנאָמישע מאַכט, און דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט אָנצופאַנגען אַ קאַמף מיט די פעאָדאַל־הערן, מיט די לאָרדען און גוטס־בעזיצער, און האָט געוואונען דעם קאַמף דורך די גרויסע רעוואָלוציאָן. דאָס בירגערטום איז עד היום געבליבען גרויס, רייך און מעכטיג. דעם ביישפּיל פון ענגלאַנד האָט נאָכגעטאָן הונדערט יאָהר שפּעטער אויך פראַנקרייך. דייטשלאַנד אָבער איז פון דעם 30־יעהריגען קריג עקאָנאָמיש פאַלשטענדיג רואינירט געוואָרען, און דעריבער איז זי אין די שפּעטערע יאָהרהונדערטער אויסגעשלאָסען געוואָרען פון יעדען עקאָנאָמישען ערפאָלג. די פעאָדאַל־מאַכט אין דייטשלאַנד איז געבליבען אונגעבראָכען. דאָס בירגערטום האָט געשפּילט אַ זעהר טרויעריגע ראָלע, עס האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט צו וועלכער עס איז מאַכט, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס פיעלע פון זיי האָבען זיך פערשאַפט גרויסע קאַפּיטאַלען און האָבען בעטריבען אַ גרויסאַרטיגע אינדוסטריע.

מיר האָבען שוין פריהער איינינע מאָל ערקלערט, דאָס די עקאָנאָמישע לאַגע אַליין איז ניט גענוג צו ברייננען אַ פאָלק אויף די שטופע פון פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט. עס מוז דערצו קומען צו הילף אויך דער גייסט. ביידע צוזאַמען מוזען ווירקען און העלפען איינער דעם אַנדערען. די ענגלישע און פראַנצויזישע בירגער זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַן עכט דעמאָקראַטישען גייסט, זיי זיינען געווען בעגייסטערט מיט אַ פייערדיגען שטרעבען צו פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט, זיי האָבען געהאַט די ענערגיע און דעם ריכטיגען ווילען צו קריגען מאַכט, וועהרענד דאָס דייטשע פאָלק האָט אימער אין ערגעבענהייט און אונטערטעניגקייט געקרעכצט אויף זיין צושטאַנד, און וועט אַזוי קרעכצען ווייטער און אין אַלע צייטען. דער עכט דעמאָקראַטישער גייסט געפינט זיך אין דער ראַסע. וואו ער איז ניטאָ קען מען איהם מיט קיינע מיטלען ניט אריינברייננגען. דאָך ביכעל פון דעם דעמאָקראַטישען גייסט, וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט אין זיך געהאַט, האָט זיך דייטליך אַרויסגעוויזען אין דעם בויערן־אויפשטאַנד. אָבער מיט דעם אויסשלאַכטען פון די בויערן איז אויסגעלאָשען געוואָרען דער ערסטער און דער לעצטער פונק פון דער שטרעבונג פון דייטשען פאָלק צו פרייהייט, און איז אויסגעלאָשען געוואָרען פיר אימער. נאָר קנעכט־בלוט איז אין זיי געבליבען, און ווען דער 30־יעהריגער קריג האָט געבראַכט אויף דייטשלאַנד פרעמדע פעלקער, וועלכע זיינען זיי בעפאַלען, איז זי געווען מאַכטלאָז זיך צו בעשיצען געגען זיי, ווייל איהר פאָלקס־קראַפט איז געבראָכען געוואָרען פיר אימער מיט דער אויסשלאַכטונג פון די בויערן. די געשיכטע פון דייטשלאַנד

אין דער נײער צײט איז די טרויעריגסטע פון דער געשיכטע פון אַלע אײ־ראָפּעאישע לענדער. דעם פּאָרטשריט פון דער קולטור־אַרבײט האָט איבער־גענומען ענגלאַנד און פראַנקרײך, און זײ װעלען שטעהן אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון דער נײער צײט.

מיר האָבען שוין אײניגע מאָהל בעמערקט, דאָס אונזער אידעאַל אין שרײבען אונזער געשיכטע איז פאָרצושטעלען און צו ערקלערען דעם קול־טור־פאָרטשריט פון דער גאַנצער מענשהײט, ניט װי די פריהערדיגע גע־שיכטע־שרײבער, װעלכע האָבען געהאַט אין אויסזיכט נאָר די הערשענדע קלאַס. מיר געפינען דאָ פיר נעטיג צו װידערהאָלען װאָס מיר האָבען שוין אײניגע מאָל אויסגעשפּראָכען װעגען דיזען געגענשטאַנד, איבערהויפּט װע־גען דעם געשיכטליכען גאַנג פון דער ענטװיקלונג פון דער קולטור צװישען דער מענשהײט. מיר װעלען עס טאָן זעהר קורץ.

אין דעם נאַטור־צושטאַנד, װען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען זײנען נאָך געװען זעהר קלײן און װעניג, האָט דער מענש ניט געהאַט קײן בעזיץ. װאָס ער האָט פּראָדוצירט האָט ער זעלבסט פערברויכט, קײן איבערפלוס האָט ער ניט געקענט אויסאַרבײטען, דעריבער האָט ער ניט געהאַט קײן בעזיץ. דאַ־מאָלס איז קײן קריג בײ מענשען ניט געװען — עס איז פּשוט ניט געװען פיר װאָס זיך צו קריגען. דעריבער זײנען אַלע געװען גלײך אין זײערע רעכ־טען. קײנער האָט ניט געהאַט װעלכען עס איז פאָרצוג איבער דעם אַנדע־רען. זײער געזעלשאַפטליכעס לעבען איז געװען געגרינדעט אויף דעם פּרינ־ציפּ פון קאָמוניזם. װײל עס איז דאַמאָלס ניט געװען קײן בעזיץ אָדער פּרי־װאַט־אײגענטום, איז דעריבער ניט געװען קײן אורזאַך צו געגענזײטיגער פערקנעכטונג.

אָבער װי נאָר די פּראָדוקציאָנס־מיטלען האָבען זיך פערבעסערט און דער מענש האָט אָנגעהויבען צו בעקומען עטװאָס אײגענטום אָדער בעזיץ, איז ער אַרײנגעטרעטען אין די קולטור. מיט דעם בעזיץ ענטװיקעלט זיך דער װאונש צו האָבען מעהר בעזיץ, מעהר אײגענטום. דער קאָמוניזם פער־שװינדט, דער גײסט פון פּריװאַט־אײגענטום פערנעהמט זײן שטעלע, און צוזאַמען מיט דעם פּריװאַט־אײגענטום פאַנגט זיך אָן די פערגװאַלטיגונג און פערקנעכטונג פון דער אַרבײטענדער קלאַס. עס האָט זיך געבילדעט די קלאַסען־געזעלשאַפט מיט איהרע צװײ הויפּט־גרופּען: הערען און קנעכט, די הערשענדע קלאַס און דאָס אַרבײטענדע פאָלק אין דער פאָרמע פון שקלאַ־פען, נאָכדעם אין דער פאָרמע פון לײבאײגענע און ענדליך אין דער פאָרמע פון לױן־שקלאַפען. די הערשענדע קלאַס האָט זיך אָנגעאײגענט דעם בעזיץ

מיט גוואַלד אָדער מיט בעטרוג, אָדער איינפאַך געזאַגט מיט דעם שווערד. דער שווערד האָט געמאַכט די שקלאַפען, דער שווערד האָט זיך אָנגעאייגענט דעם בעזיץ. דער שווערד איז געוואָרען די קוועלע פון יעדער מאַכט. דאָס אַרבייטענדע פאָלק איז געוואָרען פערשקלאַפט דורך די מאַכט פון שווערד, הגם דאָס פאָלק זעלבסט האָט אַליין בעשאַפען די מאַכט. זאָלען זיך די פערקנעכטעטע ווען עס איז בעפרייען און קענען אָנטייל נעהמען אין דער קולטור, וואָס זיי בעשאַפען? דיזע פאָדערונג מוז דורך דעם אידעאַל פון אַלגעמיינעם פאָרטשריט געשטעלט ווערען און אויך מיט דער צייט געלעזט ווערען.

מאַכט קען נאָר געבראָכען ווערען דורך מאַכט. נעבען דעם שווערד, וועלכער האָט מיט גוואַלד געריסען צו זיך בעזיץ און אייגענטום, קען נאָר געבען איין צווייטע מאַכט, נעמליך: די אַרבייט זעלבסט, וועל-כע שאַפט און מאַכט דעם בעזיץ, דעם רייכטום. די פראַגע בעשטעהט נאָר אין דעם: ווי זאָל מען דער אַרבייט פערשאַפען דעם וועג און די מעגליכקייט אַרויסצורייסען פון די נעגעל און צייהנער פון זייערע אונטערדריקער, פון די שווערד-העלדען, דעם בעזיץ, וואָס זיי, די אַרבייטער, האָבען בעשאַפען, און וועלכען די הערען האָבען זיך מיט געוואַלד אָנגעאייגענט? דער מי-טעל דערצו איז: צו פערגרעסערן די פּראָדוקציאָן, וועלכע וועט זיי פערשאַ-פען די מיטלען צו קעמפען געגען די גוואַלד-מענשען. שטילערהייד פאַרבע-רייטעט די אַרבייט איהר מאַכט, די איינציגע מאַכט, וואָס איז אין שטאַנד צו שטרייטען מיט'ן שווערד. דער בעזיץ, וואָס די אַרבייט וועט בעשאַפען, וועט זיין אין שטאַנד צו קעמפען מיט דער מאַכט, מיט דעם בעזיץ, וואָס דער שווערד האָט געשאַפען.

מיר האָבען געזעהען קלאָר, ווי דער שווערד האָט געהאַט די אויבער-מאַכט ביז צו ענדע פון מיטעלאַלטער. דורך די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ האָט די פּראָדוקציאָן אָנגעהויבען צו וואַקסען זעהר שנעל. די בירגער, וועל-כע זיינען די שאַפער פון דער פּראָדוקציאָן, האָבען גיך בעקומען די עקאָנאָ-מישע מאַכט און זיינען אַרויס אין קאַמף מיט דעם פעאָדאַל-סיסטעם. צום ערסטען מאָל איז די אַרבייט געוואָרען פערטיג צו קעמפען מיט דער מאַכט פון שווערד. די נייע צייט איז דעריבער די פעריאָדע, וועלכע מאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס אין דער וועלט-געשיכטע, ווייל זי האָט ענטוויקעלט די אַר-בייט און זי געבראַכט צו דער שטופע, דאָס זי זאָל קענען קעמפען געגען דעם שווערד. דאָס בירגערטום, אַלס פערטרעטער פון אַרבייט, האָט געבראָכען די מאַכט פון שווערד. אין ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען די בירגער דער-

גרײכט אַזאַ שטופע, דאָס זײ זײנען דאָרט געוואָרען די אײנציגע הערען. אין אַמעריקאַ האָבען זיך די גוואַלד-מענשען געהאַלטען נאָר אַ קורצע צײט, װײל דאָרט האָט זיך באַלד פון אָנפאַנג אױסגעבילדעט אַ מעכטיגעם בירגערטום. דער זיג פון דעם ענגלישען און פראַנצױזישען בירגערטום איבער די פעאָדאַל-הערען אין די בײדע גרױסע רעװאָלוציאָנען, איז געװען דער העכסטער זיג, װאָס די אַרבײט האָט געהאַט אין דעם גרױסען בעפרײאונגס-װערק פון דער מענשהײט.

דער ענטװיקלונגס-גאַנג פון דער אײראָפּעאישער מענשהײט בעװײזט קלאָר, דאָס די אַרבײט, װאָס האָט געגעבען מאַכט דעם בירגערטום זיך צו בעפרײען פון דעם דרוק פון די פעאָדאַלען און פון דער מאַכט פון דעם שװערד, װעט אױך העלפען דעם פאָלק אין אַלגעמײן צו בעפרײען זיך פון זײנע בעדריקער. דאָס אַרבײטער-פאָלק פערשטעהט יעצט גוט די מאַכט פון זײן אַרבײט, און װעט זי געװיס מיט דער צײט געברויכען צו זײן בעפרײאונג. װעלכע מיטלען די אַרבײט װעט געברויכען צו בעפרײען זיך פון דעם דרוק און רױבערײ, װעט צײגען די צוקונפט. נאָר דאָס קען מען פאָרױסזאָגען, דאָס דער פּרינציפּ פון דער בעפרײאונג װעט זײן דער זעלבער װי בײ דער בעפרײאונג פון די בירגער. די מאַכט פון דעם לױן-אַרבײטער װעט שטײגען נאָר דאַן, װען ער װעט דעם בעזיץ פון זײן אַרבײט האָבען אין זײנע הענט, און װעט ניט דערלאָזען עס זאָל איבערגעהן אין די לאַפּעס פון די, װאָס בערױבען איהם. דער אָנפאַנג דערצו איז שױן געמאַכט געװאָרען אין די סטרײקס און אין די קאַמפּען, װאָס די לױן-אַרבײטער פיהרען מיט זײערע אַרבײט-געבער די קאַפּיטאַליסטען, אום צו פערגרעסערן זײער אָנטײל אין דער פּראָדוקציאָן פון זײערע הענט. דער זיג, װאָס די אַרבײטער װעלען האָבען איבער די קאַפּיטאַליסטען, װעט זײן אַ פיעל לײכטערער פון דעם זיג, װאָס די בירגער האָבען געהאַט איבער די פעאָדאַל-הערען. דער פעאָדאַל-הערר האָט זײן מאַכט בעפעסטיגט מיט זײן אײגענעם פױסט, ער איז אַלײן געװען אַ גװאַלד-מענש און האָט זיך װעניג פערלאָזען אױף זײנע פּאָליצײ-לײט. די הערשענדע קלאַסען האָבען אימער גוט פערשטאַנען, צו העצען דאָס פאָלק געגען זיך זעלבסט און צו נעהמען פון דעם זעלבען פאָלק די פּאָליצײ, װאָס זאָל די אױפגערעגטע מאַסע אונטערדריקען. די הערשער האָבען גוט געװאוסט, דאָס בײ דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון פאָלק װעט זײ קײנמאָל ניט פעהלען קײן פּאָליצײסקע פון פאָלק, װעלכע זאָלען פיר בעצאָהלונג װעלען אונטערדריקען די מאַסע. אָבער זינט די לױן-קאַמפּען זײנען געװאָרען אַזױ ערפאָלגרײך, און די עקאָנאָמישע לאַגע פון אַרבײטער האָט זיך

אזוי פיעל פערבעסערט, דאָס דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך מעהר ניט פער-קויפען פיר פּאָליצייסקע געגען זיך זעלבסט, איז די הערשענדע קלאַס געוואָרען מאַכטלאָז.

דער שווערד ווערט אַלע מאָל טעמפּער. ניט די קאַנאָנע, נאָר די אַרבייט וועט זיין די טאָן-געבענדע מאַכט אין דעם לעבען פון די פעלקער; ניט דורך שלאַכטען און רויב, נאָר דורך פּראָדוקציאָן וועלען די פעלקער אין דער צוקונפט גרויס ווערען. ניט מיט'ן שווערד וועלען די פעלקער שטרייטען איינס מיט'ן אַנדערן, נאָר מיט דער קאָנקורענץ פון דער אַרבייט. יעדעס פאָלק וועט וועלען איבערשטייגען דאָס אַנדערע מיט דער קוואַליטעט פון זיינע פּראָדוקציאָנען. די רייסעניסען מיט'ן שווערד וועלען אין גאַנצען אויפהערען. ניט אין דעם קאַמף מיט'ן שווערד, נאָר דורך דעם קאַמף מיט דער ערד — אַרויסצוברייינגען מעהר און מעהר פּראָדוקטען. די לעצטע בלוטיגע קאַמפּען וועלען זיין אום צו שטירצען די קלאַסען-געזעלשאַפט. אייראָפּאַ בעוואַפנעט זיך יעצט נאָר אום צו אונטערשטיצען די עקסיסטירענדע קלאַסען-געזעלשאַפט, אָבער ניט צו מאַכען נייע עראָבערונגען פון פאָלק זעלבסט; די הערשער פיהלען, דאָס דורך די פאָדערונגען פון דער אַרבייטער-קלאַס זיינען זייערע פונדאַמענטען שטאַרק צוטרייסעלט. מיט איין וואָרט, די נייע צייט האָט אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט געמאַכט אַ גוואַלדיגע ענדערונג. די אַרבייט בעקומט די אויבערמאַכט איבער'ן שווערד, און עס איז ניט ווייט די צייט, ווען דער זיג פון דער אַרבייט וועט זיין אַ פאָלקאָמענער און די מאַכט פון שווערד וועט אין גאַנצען פערניכטעט ווערען. דאַמאָלס וועט די מענשהייט אַרויף אויף דעם ריכטיגען וועג פון פרייהייט און פּראָגרעס.

א. די ערפינדונגען און ענטדעקונגען פון דער נייער צייט.

די ערסטע אין דער רייהע פון די וויכטיגע ערפינדונגען, וואס האבען אזוי פיעל געהאלפען דעם פראגרעס פון דער מענשהייט, איז די אנוועגדונג פון דער מאגנעט־נאדעל אלס קאמפאס. די אייגענשאפט פון א בעוועגליכער מאגנעט־נאדעל צו צייגען אימער צו נארד, איז שוין לאנג געווען בעקאנט צו אנדערע פעלקער, אבער קיינער פון זיי האט ניט פערשטאנען צו מאכען פון דיזער אייגענשאפט א געברויך אום צו וויסען דעם וועג אויף'ן ים, וואו עס איז ניט געווען קיין מיטעל צו וויסען, וואו מען איז אין דער וועלט אין דער צייט וועז מען פאהרט. ערסט פלאוויא דזשאיא פון אמאלפי איז געפאלען אויף'ן געניאלען געדאנק צו בענוצען זיך מיט'ן מאגנעט אלס וועגווייזער אויף'ן ים. דיזע ערפינדונג, וועלכע איז געמאכט געווארען אין אנפאנג פון 14טען יאהרהונדערט, איז באלד בעקאנט געווארען אין דער וועלט. מען האט זיך באלד דערמיט אנגעהויבען צו בענוצען, און די ערפינדונג האט געהאט גרויסארטיגע רעזולטאטען. די שיפען האבען בעקומען די מעגליכקייט צו רייזען איבער'ן ים אין יעדער ריכטונג, ניט ווי פריהער, ווען זיי האבען זיך געמוזט האלטען נאהענט צו די ברעגען, ווייל זיי האבען ניט געהאט קיין שום מיטעל צו וויסען וואו זיי זיינען.

ניט וועניגער וויכטיג איז געווען די ערפינדונג פון שיס־פולווער. די בינעזער, אינדיער און אראבער האבען שוין לאנג געוואוסט פון שיס־פולווער, אבער זיי האבען ניט געוואוסט וואס פיר א געברויך צו מאכען דערפון. אין אייראפא האט מען אויך דערפון ניט געוואוסט ביז דעם יאהר 1354, ווען דער מאנאך בערטהאלד שווארץ פון פרייבורג אין ברייסגאו האט עס ווידער ערפונדען. אין אייראפא האט מען עס באלד אנגעהויבען אנווענדען צום קריגס־וועזען, און דיזע ערפינדונג איז געווען פיר די קריגס־קונסט אזוי וויכטיג, ווי דער קאמפאס פיר די שיפען. צוליב דעם שיס־פולווער זיינען אלע פאנצערס און אנדערע שווערע קריגס־קליידער געווארען איבריג און אומנוצבאר, ווייל זיי האבען געגען דעם שיס־פולווער גארניט גע-

שיצט, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס ריטערטום זאָל אונטערגעהן. אַנשטאָט די ריטער האָבען זיך די מעכטען פערשאַפט אַ שטענדיגע גרויסע אַרמעע פון גערונגענע פוס־סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געקאָסט פיעל ביליגער ווי די בעוואָפנונג פון די ריטער־קריגער, און האָבען אין אַ צייט פון אַ קריג געקענט מעהר אויפטאָן ווי די שווער־בעוואָפענטע ריטער.

אָבער די גרעסטע עהרע פערדינט די ערפינדונג פון דער קונסט צו דרוקען ביכער. דיזע וויכטיגע ערפינדונג קען ניט צוגעשריבען ווערען צום שאַרפזין פון אַן איינצעלנער פּערזאָן, ווייל די גאַנצע קולטור האָט אַזוי ווי געטריבען און געהאָלפען דערצו. נאָך פאַר גוטענבערג׳ן האָט שוין די מענשהייט געזוכט מיטלען ווי צו פערלייכטערן און פערשנעלערן די אַרבייט פון שרייבען און צייכנען. מען האָט שוין פריהער צוגעטראַכט צו דרוקען מיט האָלץ־טאָפלען. אין כינא האָט מען שוין געדרוקט מיט האָלץ־טאָפלען אין 10טען יאָהרהונדערט. אין דייטשלאַנד און פלאַנדערן האָט מען אין 14טען יאָהרהונדערט געברויכט האָלץ־טאָפלען צום דרוקען, וועהרענד דער צייג־דרוק (קאַליקאָ־דרוק) לאָזט זיך נאָכוויזען ביז אין דעם 12טען יאָהרהונדערט. דער ערסטער דאַטירטער האָלץ־שניט טראָגט דאָס יאָהר 1423. צום ערסטען פלעגט מען אויף האָלץ־טאָפלען נאָר מאַכען בילדער, אָבער מען האָט אויך באַלד אָנגעהויבען אויסשניידען אין האָלץ אינשריפטען און איינצעלנע זעצען. פון דעם איז שוין ניט געווען אַזוי שווער צו טראַכטען וועגען פערפערטיגען איינצעלנע בוכשטאַבען, וועלכע מען זאָל קענען צוזאַמענשטעלען און צונעהמען ווען מען בעדאַרף. ווייל נאָר מיט דיזען אופן האָט מען געקענט פערשפּאָרען די גרויסע מיה צו שניצען אַלע מאָל נייע טאָפלען צו יעדען געברויך.

אויף דיזען איינפאַכען אָבער זעהר וויכטיגען און גליקליכען געדאַנק איז דער ערסטער געקומען **יאָהאַן גוטענבערג***) (געב. 1397, געשט. 1468) אין יאָהר 1440. די האָללענדער בעהויפּטען, דאָס דער ערפינדער פון בוכדרוקער־קונסט איז געווען זייערער אַ לאַנדסמאַן מיט׳ן נאָמען **לאַורענס יאַנסזאָאָן קאָסטער**, אַ בירגער פון האַרלעם, אָבער זייערע בעווייזען זיינען זעהר שוואַכע, און זיי אַליין גיבען צו, דאָס גוטענבערג׳ס ערפינדונג איז פיעל פּראַקטישער, און דעריבער איז די ערפינדונג פון דעם האָללענדער גיך פערגעסען געוואָרען. אום דורכצופיהרען זיין אידעע, האָט

---

*) זיין אייגענטליכער נאָמען איז געווען: יאָהאַננעס גענזפלייש צום זאָרגענלאָך, גערופען גוטענבערג.

גוטענבערג.

זיך גוטענבערג פערבונדען מיט אַ רייכען גאָלדשמיד פאַוסט פון מאַינץ, וועלכער האָט צו דיזער אונטערנעהמונג געגעבען די נעטיגע סומע געלט, ווי אויך מיט דעם ביכער־איבערשרייבער פעטער שאָפפער, און מיט דער הילף פון דיזע מענער איז איהם געלונגען אין אַ קורצע צייט צו ברייננגען די ערפינדונג צו אַזאַ שטופע, דאָס אין יאָהר 1456 האָבען זיי אַרויסגעגעבען אַ לאַטיינישע ביבעל מיט גרויסער פאָלקאָמענהייט. אָבער ווי אַלע גרויסע ערפינדער אין יענע צייטען האָט אויך גוטענבערג וועניג גענאָסען פון זיין געניאַלער ערפינדונג. פאַוסט האָט זיך באַלד מיט איהם צוקריגט און האָט, לויט דעם בעשלוס פון דעם געריכט, צוגענומען פון איהם אַלע בוכשטאַבען און דעם גאַנצען מאַטעריאַל, וואָס האָט געהערט צו גוטענבערג׳ס דרוקעריי. דאַן האָט ער צוזאַמען מיט זיין איידים שאָפפער געגרינדעט אַ נייע בוכדרוקעריי אין אַ פיעל גרעסערען מאַסשטאַב. די מאַינצער ראַטס־הערען האָבען איהם געהאָלפען צו פערפערטיגען אַ נייע פרעס, אָבער די אַרבייט פון זיין דרוקעריי איז געוועזען ערגער פון דער אַרבייט פון די אַנדערע צוויי דרוקען, וועלכע האָבען זיך שוין דאַמאָלס געהאַט געגרינדעט אין אַנדערע ערטער, ווייל זיין פריהערדיגער שותף שאָפפער האָט ערפונדען די קונסט צו גיסען בוכשטאַבען פון בליי אָדער צין מיט דער צומישונג פון נאָך אַ שטאָף, וועלכער מאַכט די בוכשטאַבען האַרט, ווערהענד גוטענבערג׳ס דרוקעריי האָט נאָך אַליץ בענוצט הילצערנע בוכשטאַבען. אויך האָט שאָפפער ערפונדען אַ ריכטיגע גוטע שוואַרצע פאַרב צום דרוקען, און דעריבער האָט גוטענבערג ניט געקענט קאָנקורירען מיט די אַנדערע דרוקערייען. דאָס האָט גוטענבערג׳ן זעהר שטאַרק ערביטערט און עס האָט זעהר שלעכט געווירקט אויף זיין געזונדהייט, אַזוי דאָס ער האָט זיין דרוקעריי געמוזט אויפגעבען און איז אַריין אין דינסט צום ערץ־בישאָף אַדאָלף, וואו ער איז באַלד געשטאָרבען. גוטענבערג אַליין האָט ניט געוואוסט ווי גרויס עס איז זיין ערפינדונג, און וואָס פיר אַ גליק זי איז פיר די מענשהייט, און ווי פיעל די ערפינדונג האָט מיטגעהאָלפען צום גיכען און גרויסען פראָגרעס פון דער קולטור.

אָנפאַנגס האָט מען די קונסט פון בוכדרוקעריי געהאַלטען פיר אַ סוד, קיינער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי די ביכער ווערען געדרוקט. אָבער ווען עס האָט אויסגעבראָכען אַ קריג צווישען דעם ערץ־בישאָף דיעטהער און זיין קאָנקורענט אַדאָלף פון נאַססאַו און מאַינץ איז בעזיגט געוואָרען, און די אַרבייטער פון דער דרוקעריי זיינען צושפרייט געוואָרען אין פערשיידענע שטעדט, איז די בוכדרוקער־קונסט געוואָרען אויס געהיימניס. עס זיינען באַלד געגרינדעט געוואָרען דרוקערייען אין פיעלע שטעדט

פון פערשיידענע לענדער. עס האָבען זיך באַלד געגרינדעט דרוקערייען אין דייטשלאַנד, אין איטאַליען און אין אַנדערע לענדער. אַרנאָלד פּאַנ־נאַרטץ און קאָנראַד שווינהיים האָבען אין יאָהר 1467 געגרינדעט אין רוים אַ בוכדרוקעריי, אין וועלכער זיי האָבען איינגעפיהרט דעם סאָרט בוכשטאַבען, וועלכע זיינען היינט בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „אַנטיקוואַ" (אַלטער סטיל). דיזע שריפט האָט ארויסגעשטופּט פון דער בוכדרוקעריי די מאָנאַכען־שריפט, מיט וועלכער די ערסטע דרוקעריי פון גו־טענבערג'ן האָט געדרוקט. נאָר אין דענעמאַרק, אין שוועדען און אין דייטש־לאַנד איז פערבליבען די אַלטע שריפט. אַלדוס מאַנוציוס האָט צו־געטראַכט די קורסיוו־שריפט אין יאָהר 1501, און אַנטאָניוס צאַ־ראָטטוס פון פּאַרמאַ האָט צו ענדע פון 15טען יאָהרהונדערט געלאָזט גיסען די גריכישע בוכשטאַבען.

זעהר פיעל האָט געהאָלפען צו פערשפּרייטען די בוכדרוקער־קונסט די ערפינדונג פון פּאַפּיר. פּאַרמענט און פּאַפּירוס זיינען געווען צו טייער אום צו דרוקען אויף זיי ביכער. ווען ניט די ערפינדונג פון פּאַפּיר וואָלט די ער־פינדונג פון גוטענבערג'ן ניט געהאַט דעם גרויסען ערפאָלג, וואָס זי האָט געהאַט. די אַראַבער זיינען געווען די ערפינדער פון ביליגען פּאַפּיר. פון זיי איז דיזע ערפינדונג אָנגעקומען אין אייראָפּאַ אין דעם 11טען און 12טען יאָהרהונדערט. דורך די ערפינדונג פון דער קונסט פון בוכדרוקעריי און פון ביליגען פּאַפּיר זיינען ביכער געוואָרען צוגענגליך צו אַלע קלאַסען פון פאָלק, וועהרענד פריהער האָבען נאָר די גייסטליכע און די רייכע קלאַס זיך געקענט פערשאַפען ביכער. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס נייע אי־דעען זיינען גיך פערשפּרייט געוואָרען אין דער וועלט און זיינען געוואָרען דאָס אייגענטום פון דער גאַנצער לעזענדער מענשהייט, אָנשטאָט וואָס פרי־הער איז דאָס נאָר געווען דאָס אייגענטום פון אַ געוויסער קלאַס געלעהרטע און רייכע. דער שאַץ פון וויסען האָט שוין מעהר ניט געקענט פערפאַלען געהן, ווי עס איז געווען דער פאַל פריהער איידער מען האָט ערפונדען די קונסט פון דרוקען ביכער. פריהער זיינען די ביכער איבערהויפּט געזאַמעלט געוואָרען אין די ביבליאָטהעקען, וואו זיי פלעגען זעהר אָפט פערניכטעט ווע־רען פון אַ פייער און פון זיי איז קיין זכר ניט געבליבען. יעצט אָבער זיינען זיי פערשפּרייט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט און זיינען געוואָרען געזי־כערט פון אונטערגאַנג.

פיעל שאַדען האָט געבראַכט צו דער ערפינדונג פון דרוקעריי די צענזור. די ערסטע שריפט, וועלכע איז אונטערגעפאַלען אונטער אַ צענזור, איז גע־

ווען אין יאָהר 1475 אין קאָלן. דער פּאַפּסט סיקסטוס דער 4טער האָט איבעראַל איינגעפיהרט די צענזור, און אַלע לענדער האָבען עס באַלד אָנגענומען. דער פּאַפּסט אַלכסנדער דער 6טער האָט עס נאָך מעהר פערשטאַרקט. אין יאָהר 1501 האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס קיין בוך זאָל ניט געדרוקט ווערען איידער אַ בישאָף האָט דערצו געגעבען זיין ערלויבניס. דער וואָס האָט איבערגעטראָטען דיזעס געזעץ איז בעשטראָפט געוואָרען מיט'ן חרם און נאָך מעהר מיט אַ געלט־שטראָף. די ביכער, וואָס זיינען פריהער געדרוקט געוואָרען אָהן אַ צענזור, האָבען געמוזט אונטערגעוואָרפען ווערען אונטער אַ צענזור, און ווען מען האָט אין זיי געפונען עטוואָס געגען רעליגיאָן, אָדער געגען דער גייסטליכקייט, האָט מען זיי פערברענט. דער פּאַפּסט האָט געלאָזט דרוקען אַ רשימה פון אַלע פערבאָטענע ביכער, וועלכע עס איז ניט געלונגען אין גאַנצען צו פערברענען.

אויך די פּראָטעסטאַנטישע קירכע האָט אָנגענומען דאָס צענזור־געזעץ, און נאָכדעם האָט אויך די וועלטליכע מאַכט אונטער קאַרל דעם 1טען איינגעפיהרט די צענזור. עס האָט קיין זאַך ניט געטאָרט געדרוקט ווערען, וואָס אַן אונוויסענדער צענזאָר האָט פערבאָטען, ווייל נאָך זיין מיינונג גרייפט עס אָן די עהרע פון אַ געוויסען בעאַמטען, אָדער עס שטעלט פאַר אין דער ריכטיגער געשטאַלט אַ פינסטערלינג. דאָס נאַטירליכע רעכט אַרויסצוזאָגען פריי די געדאַנקען איז פערבאָטען געוואָרען. דער צענזאָר האָט גענאַט דאָס פולע רעכט צו פערבאָטען צו דרוקען אַזעלכע זאַכען, וועלכע זיינען אין זיך אַליין גאָר ניט שעדליך, נאָר זיי זאָגען אויס דעם אמת וועגען אַ הויכער פערזאָן פון דער רעגירונג אָדער פון דער גייסטליכער וועלט, אַן אמת, וואָס איז יענעם מיוחס ניט אַנגענעהם צו הערען. גאַנצע 400 יאָהר האָט די מענשהייט געליטען פון דיזער מכה, פון צענזור. ערסט אין די לעצטע צייטען האָט מען זיך בּיסלאַכווייז פון דיזען דרוק אָנגעהויבען בעפרייען.

די הערשענדע קלאַס האָט גוט געוואוסט, וואָרום זי פיהרט איין די צענזור. די בילדונג האָט זיך אָנגעהויבען שנעל פערברייטען. עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו דרוקען שריפטען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו קריטיקירען רעגירונגס־בעאַמטע, גייסטליכע און אַנשטאַלטען. דאָס, פערשטעהט זיך, האָט די לייט ניט געשמעקט און זיי האָבען איינגעפיהרט די צענזור.

אויסער די אויבען־דערמאָהנטע ערפינדונגען איז דאָ נאָך אַ רייהע פון ערפינדונגען, וועלכע זיינען דער פּראָדוקט פון דער נייער צייט. צו דיזע געהערט צום ביישפּיל די ערפינדונג פון אָפּזונדערן די קלייען פון דעם מעהל אָדער, ווי מען רופט עס היינט, ב י י ט ל ע ן.

אין דער מעטאל־בעארבייטונג האט די ערפינדונג פון דראהט־ציהונג גע-מאכט א גאנצע איבערקעהרעניס. מאכען דראהט פון גאלד און זילבער האט שוין די אלטע וועלט געוואוסט, אבער די ארט און וויזע ווי די אלטע פלעגען עס מאכען, אין פערגלייך מיט דער זעלבער ארבייט אין דער נייער צייט, איז אזוי ווייט פערשיידען ווי ליכט פון פינסטערניס. אין אלטערטום פלעגט מען פריהער מאכען פון דעם מעטאל דורך האמערן דינע בלעכען; דיזע פלעגט מען צושניידען מיט שעערען אויף שמאלע שטרייפען, און דיזע פלעגט מען מיט פיילען מאכען קיילעכדיג און דין. אזוי פלעגט מען מאכען דראהטען אויך פון אנדערע מעטאלען. אזעלכע שמידען האבען זיך געפונען אין נירנ-בערג נאך אין דער ערסטער העלפט פון 14טען יאהרהונדערט. אין דער צווייטער העלפט פון דעם זעלבען יאהרהונדערט האט מען שוין געוואוסט די קונסט פון דראהט־ציהונג.

עס איז געווען א גרויסארטיגער געדאנק צו נעהמען מעטאלען ווי אייזען אדער מעש און מיט געוואלד דורכציהען דורך אן ענגע לאך און דערפון אויסציהען א לאנגען דראהט. די ארבייט איז געגאנגען פיעל שנעלער ווי מיט דעם אלטען אופן, דורך האמערן, קלאפען און פיילען; אויסער דעם, וואס פיר א גרויסער אונטערשייד אין דער ארבייט זעלבסט! אין צווייטען פאל איז דער דראהט ארויס ריכטיג קיילעכדיג, איבעראל די זעלבע דיק ווי די צילינדרישע לאך, דורך וועלכע ער איז געווארען דורכגעצויגען. דאס האט מיט דעם אלטען וועג בשום אופן ניט געקענט געמאכט ווערען אזוי ריכטיג, אזוי גוט און אזוי שנעל. עס פערשטעהט זיך, דאס צוזאמען מיט דעם געדאנק צו ציהען דראהט האט געמוזט קומען די אידעע פון א שטאהל־פלאטע, וואס דורך איהר זאל מען ציהען די מעטאלען אום צו מאכען פון זיי דראהט.

אין נירנבערג און אוגסבורג האט מען שוין אין 14טען יאהרהונדערט געצויגען דראהט דורך א שטאהל־פלאטע מיט פערשיידענע לעכלאך. מען דער-צעהלט, דאס א נירנבערגער מאן מיט'ן נאמען רודאלף איז געווען דער ערפינדער פון דיזער קונסט. די דייטשען האבען דיזע קונסט ערפונדען און די פראנצויזען האבען זי פערפאלקאמט. זיי האבען עס געבראכט אזוי ווייט, דאס מען האט דארט אנגעפאנגען צו מאכען דינעם דראהט ווי פאדים, אזוי דאס מען האט איהם געקענט וועבען ווי פלאקס אדער זייד.

מען רעכענט, דאס די רעדער־אוהרען, וועלכע זיינען שוין גע-ווען בעוואוסט אין 11טען יאהרהונדערט, זיינען אייגענטליך ערפונדען גע-ווארען ניט אין איירא‌פא. מען זאגט, דאס די סאראצענער האבען געבראכט אין איירא‌פא דיזען קינסטליכען צייט־מעסטער. די זאמד־אוהרען און וא-

סער=אוהרען, וועלכע זיינען געוועזען בעוואוסט אין אַלטערטום, האָבען די צייט ניט געצייגט פּינקטליך. דיזע אונריכטיגקייט האָט געפיהרט דערצו, דאָס מען איז געקומען אויף דעם געדאַנק צו פערפערטיגען אַ רעדער=אוהר, וועלכע זאָל זיך בעוועגען דורך אַ געוויכט און ברייגגען אין בעוועגונג צוויי ווייזערס, וועלכע זאָלען צייגען די צייט אויף אַ ציפערבלאַט, ווי עס איז יעצט יעדען בעקאַנט.

אין 14טען יאָהרהונדערט האָבען זיך אַזעלכע אוהרען געפונען נאָר אין גרויסע שטעדט. שפּעטער, אין 15טען יאָהרהונדערט, האָבען שוין אויך פּרי־וואַט=לייט געהאַט אוהרען אין זייערע וואוינונגען. די מאַשינען זיינען אָבער דאַמאָלס געוועזען צו גרויס און דעריבער אונבעקוועם. ביסלאַכווייז האָט מען דיזע ערפינדונג פערפאָלקאָמט, ביז עס איז ענדליך געלונגען צו מאַכען אַ טאַשען=אוהר. אין דער טאַשען=אוהר איז די קראַפט, וואָס ברייגגט די רע־דער אין בעוועגונג, ניט אַ געוויכט נאָר אַ פּעדער (פּרוזשינע). דיזע ערפינ־דונג ווערט צוגעשריבען צו אַ נירנבערגער בירגער פּעטער האָלע. מען זאָגט, דאָס די ערסטע טאַשען=אוהר האָט ער אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1500. די פאָרמע און געשטאַלט פון יענע טאַשען=אוהרען זיינען געוועזען ווי אַן איי, און דעריבער האָבען זיי זיך דאַמאָלס גערופען „לעבעדיגע נירנבער־גער אייער”.

די ערפינדונג פון שטריקען זאָקען געהערט צום אָנפאַנג פון דעם 16טען יאָהרהונדערט. אָבער מען ווייס ניט גענוי דעם נאָמען פון דעם ערפינ־דער און די ריכטיגע צייט, ווען דיזע ערפינדונג איז געמאַכט געוואָרען. מען ווייס נאָר, דאָס דער קעניג פון ענגלאַנד, היינריך דער 8טער, וועלכער האָט רעגירט פון יאָהר 1509 ביז דעם יאָהר 1547, האָט ביי אַ צופאַל ער־האַלטען אַ פּאָאָר זיידענע געשטריקטע זאָקען, וועלכע זיינען איהם זעהר שטאַרק געפעהלען געוואָרען.

די קונסט פון האָלץ=שניט איז שוין געוועזען בעקאַנט פאַר גוטענבערג'ן, וועלכער האָט זיינע בוכשטאַבען געמאַכט פון האָלץ. באַלד נאָך דער ערפינ־דונג פון בוכדרוקעריי האָט מען אין דייטשלאַנד אָנגעהויבען צו דרוקען בילדער אין פערשיידענע קאָלאָרען, אַזוי דאָס פיר יעדע פאַרב איז געוועזען געמאַכט אַ בעזונדער האָלץ=שניט. פערפאָלקאָמט דיזע קונסט האָבען צוויי דייטשען: אַלברעכט דירער און יאָהאַן בערגמאַיר. די קונסט פון קופּער=שטעכען איז ערפונדען געוואָרען צווישען די יאָהרען 1420 און 1450. ווער עס איז געוועזען דער וואַהרער ערפינדער פון דיזער קונסט, איז גענוי ניט בעקאַנט, איטאַליען שרייבט זי צו צו אַן איטאַליענער און דייטש־

לאנד צו א דייטש. די איטאליענער בעהויפטען, דאס אין יאהר 1460 האט א געוויסער איטאליענער מיט'ן נאמען טאממאסא פיניגוערראַ געשטאכען א זילבער־פלאטע און מיט איהר געדרוקט. אבער די דייטשען פערזיכערן, דאס א געוויסער דייטש לוברעכט ראסט פון קאלמאר האט שוין אין יאהר 1440 געמאכט א קופער־שטיך. אין יאהר 1478 איז אין רוים געדרוקט געווארען די ערסטע לאטיינישע אויסגאבע פון פטאלעמאאוס (אן אסטראנאמישעס ווערק) מיט 27 לאנד־קארטען, וועלכע זיינען געשטאכען געווארען אין קופער פון 2 דייטשען.

אלברעכט דירער האט די קונסט פון שטעכען אין קופער געבראכט צו א זעהר הויכער שטופע. דיזער קינסטלער האט געמאכט זעהר עלעגאנטע קליינע פיגורען און בילדער געשטאכען אין קופער. אויך די קונסט צו ראפי־נירען צוקער און די איינפיהרונג פון דעם געברויך פון טאבאק געהערט צו דער נייער צייט. מיר האבען נאך געקענט ברייננגען א גאנץ לאנגע רייהע פון ערפינדונגען, וואס געהערען צו דער נייער צייט, אבער די, וואס מיר האבען ציטירט, זיינען גענוג אום צו בעווייזען דעם גייסט פון דער נייער צייט.

אין דער זעלבער צייט איז אויך דער פערקעהר אין האנדעל צווישען פערשיידענע פעלקער געווארען זעהר פערברייטערט און בעקוועמער. שוין מיט א צייט פריהער האבען פערשיידענע פארשער אונטערגענומען רייזען אויסצופארשען אנדערע פעלקער און לענדער. זעהר פיעלע וויכטיגע און אינ־טערעסאנטע נייעס האט דערצעהלט פון זיינע רייזען איבער גאנץ אזיען דער בעריהמטער רייזענדער מארקא פאלא. ער האט בערייזט גאנץ אזיען, כמעט אלע פראווינצען פון כינא, אסט־אינדיען און אנדערע ערטער. ער האט דערצעהלט פון דעם לעבען פון יענע פעלקער אזעלכע אינטערעסאנטע און וויכטיגע נייעס, דאס עס האט זיך ערוועקט דער וואונש אין פיעלע אנדע־רע נאכצוטאן זיין ביישפיל, צו רייזען איבער דער וועלט און ענטדעקען נייע לענדער. די ערפינדונג פון קאמפאס, וועלכער האט די רייזענדע אין ים גע־געבען די מעגליכקייט צו וויסען ריכטיג דעם וועג, וואוהין זיי געהען, און צו וויסען אימער וואו זיי געפינען זיך, האט געמאכט פיעל זיכערער די רייזען איבער די ימים, און האט צוגעגעבען מוט אין די הערצער פון פיעלע רייזענדע צו ריזיקירען און געהן מיט זייערע שיפען אין אזעלכע ערטער, וואוהין זיי האבען ביז דאן ניט געוואגט צו געהן. עס האט זיי אנגעפאנגען צו אינטערע־סירען אויסצופארשען דאס אינזעל־לאנד, וועלכעס געפינט זיך זעהר ווייט אין מערב־זייט פון דעם אטלאנטישען מעער, וועגען וועלכען עס זיינען בע־

וואוסט נאָר איינינע זאגעס, וואָס זיינען איבערגעגאנגען צו די נייערע פעל־קער פון פעניציען און קארטהאגאָ.

אָבער די הויפּט־אינטערעסע און די שטרעבונג פון די לענדער־ענטדעקונגען זיינען געווען די מאַטעריעלע בעדערפניסען פון די האנדעל־שטעדט פון אייראָ־פּאַ, וועלכע זיינען געלעגען ביי די ברעגען פון דעם מיטלענדישען ים. די טער־קען, וועלכע האָבען דאַמאָלס ערגבערט פערשיידענע אייראָפּעאישע לענדער, האָבען פערכאַפּט אין זייערע הענט די אַלטע האנדעלס־וועגען, וואָס האָבען פעראייניגט אין די האנדעלס־אינטערעסען די אייראָפּעאישע מיט די אזיאַטי־שע פעלקער. עס האָט זיך בעוויזען אַ נויטווענדיגקייט צו געפינען צו דיזען צוועק נייע וועגען. צו געפינען אַ נייעם וועג נאָך אינדיען, דעם גן־עדן פון דער וועלט, און פון דאָרט בעגליקען אייראָפּאַ מיט אַלע רייכטימער פון דיזען גליק־ליכען לאַנד — דאָס איז דאַמאָלס געוואָרען דער הויפּט־וואונש פון אַלע האנ־דעלסלייט און פון פיעלע הערשער.

ניט אַכטענדיג אויף דעם, דאָס די געאָגראַפישע פאָרשטעלונגען פון יע־נער צייט זיינען ניט געווען וויסענשאַפטליך, האָבען זיי ניט געשטערט צו דענקען, אַז עס קען זיין, מען זאָל געפינען נאָך אינדיען אַ נייעם וועג, פאָה־רענדיג מיט׳ן אַטלאַנטישען ים דירעקט נאָך מערב, הגם אינדיען ליגט צו מזרח פון אייראָפּאַ. אַפילו די, וואָס האָבען געגלויבט אין דער בעהויפּטונג פון דער קירכע, דאָס די וועלט איז ניט ווי אַ קוגעל, נאָר זי איז אין דער פאָרמע פון אַ פלאַכען ראָד, האָבען אויך געגלויבט, דאָס עס איז מעגליך צו־קומען צו אינדיען דורך אַ רייזע אַרום אַפריקאַ. די אַראַבער האָבען פיעל געהאָלפען דיזע קענטניסען צו פערברייטען. זייערע שיפען זיינען אַרויסגע־פאָהרען איבער׳ן ים סוף (רויטען מעער) און איבער׳ן אינדישען ים; אַ לאַנגע רייהע פון אַראַבישע קאָלאָניעס האָט זיך געצויגען איבער דעם אָסטליכען ברעג פון אַפריקאַ. די אַראַבער האָבען שוין דאַמאָלס געוואוסט פון דער אינזעל מאַדאַגאַסקאַר און פון די קאָמאָרען־אינזלען. זיי האָבען שוין דאַ־מאָלס בעהערשט דעם נאָרד־ברעג פון אַפריקאַ און האָבען פון דאָרט פער־בונדען אַ האנדעל מיט די שטאַמען פון דער וויסטע סאַהאַראַ און מיט די לענדער פון דעם טייך ניגער.

די פּאָרטוגעזען האָבען דאַמאָלס געגלויבט, דאָס עס איז זעהר מעגליך, אַז מען זאָל קענען אַרומפאָהרען דעם זידליכען ענד פון אַפריקאַ און דאַן לייכט צוקומען צו אינדיען. באַרטהאָלאָמאָאוס דיאַץ האָט אין יאָהר 1487 שוין דערגרייכט דעם „קאַפּ פון דער גוטער האָפנונג” (דאָס איז דער זידליכער ענד פון אַפריקאַ, פון וועלכען עס איז שוין ניט געווען וויט צו קומען אין אינדיען),

האָט זיך זיין שיף געזעצט ביי דער אינזעל דאָ קרוץ און ער איז געווען גע־צוואונגען צוריקקעהרען זיך נאָך פּאָרטוגאַל. ווען ער איז מיט 13 יאָהר שפּע־טער ווידער אהין געקומען, איז דער ענטדעקער צוזאַמען מיט זיין שיף אין אַ שרעקליכען שטורם בעגראָבען געוואָרען אין די חוואַליעס פון ים.

אין יענער צייט איז אין ליסאַבאָן געקומען אַ מאַן צום געלעהרטען קעניג און פאָרשער יאָהאַן דעם 2טען און האָט איהם פאָרגעלעגט אַ פּלאַן צו ענטדעקען אינדיען דורך אַ רייזע נאָך וועסט. דיזער מאַן איז געווען קריסטאָפאָראָ קאָלאָמבאָ אָדער, ווי ער האָט זיך גערופען אין לאַטייניש, קאָלומבוס. קאָלומבוס איז געבאָרען געוואָרען אין גענוא אין יאָהר 1456. זיין פאָטער איז געווען אַ טוך־וועבער. אין דער שולע פון פאַדוא האָט ער געשטודירט מאַטהעמאַטישע וויסענשאַפטען. אָבער זיין שטודיום האָט איהם געבראַכט ווייניג נוצען. ווען ער איז אַלט געוואָרען 14 יאָהר איז ער שוין געוואָרען אַ מאַטראָז און האָט געמאַכט זיין ערסטע רייזע נאָך קליין־אַזיען. אין זיין ערסטער רייזע האָט ער שוין בעוויזען וואָס פיר אַ מוט און אונערשראָקענעם גייסט ער בעזיצט זאָגאַר אין דעם געפעהרליכסטען צושטאַנד אויף׳ן ים. ווען ער האָט געפּאַסט אַ פּלאַן עפּעס צו טאָן האָט ער אָנגעווענדעט אַלע מיטלען איהם דורכצופיהרען. איין מאָל האָבען איהם זיינע מאַטראָזען געצוואונגען אָפּצורייזען פון טוניס און געהן מיט דעם שיף נאָך מאַרסעיל אום צו העלפען פיינדליכע קריג־שיפען. אום אויסצודרעהען זיך דערפון האָט ער איבערגעביטען די צייכענס אויף׳ן קאָמפּאַס, נאָרד אָנ־שטאָט זיד, און זיד אָנשטאָט נאָרד; די מאַטראָזען האָבען געמיינט, דאָס זיי געהען מיט דעם שיף צו מאַרסעיל, צו נאָרד, און באמת זיינען זיי געגאַנגען וואוהין קאָלומבוס האָט געוואָלט, צו זיד, און האָבען ענדליך געאַנקערט ביי דעם אַפריקאַנישען ברעג.

דורך זיין הייראַט איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט אַן אַלטען קאַפּיטאַן מיט גרויס ערפאַהרונג, וועלכער האָט איהם שטאַרק צוגערעדט און אריינגע־געבען אַ חשק צו בעשעפטיגען זיך ערנסט מיט דער פראַגע וועגען אויסגע־פונען אַ וועג נאָך אינדיען רייזענדיג דורך וועסט. דער גרעסטער טייל ווי־סענשאַפטליכע מענער פון יענער צייט איז געווען כמעט ווי איבערצייגט, דאָס די וועלט איז אַ קוגעל (אַ באַל, אַ כדור), אזוי דאָס דער אַטלאַנטישער ים מוז פיהרען צו די אַזיאַטישע ברעגען. די פראַגע איז מעהר ניט געווען: ווי גרויס איז די וויטקייט פון דער רייזע? לויט די געאָגראַפישע קענטני־סען פון יענער צייט האָט קאָלומבוס אויסגערעכענט, דאָס דער וועג צווישען איירָאָפּאַ און אַזיען דורך די וועסט־זייט דאַרף זיין אונגעפעהר 130 גראַדו־

סען. וואָלט אָבער קאָלומבוס געוואוסט די ריכטיגע ווייטקייט פון דיזען וועג, וואָלט ער גאָר ניט אָנגעהויבען צו דענקען וועגען אַזאַ אונטערנעהמונג, און ווער ווייס, אויב אַמעריקאַ וואָלט נאָך ביז היינט געווען ענטדעקט.

קאָלומבוס האָט געגלויבט, דאָס דער געלעהרטער, עהרגייציגער און אונטערנעהמענדער קעניג יאָהאַן דער 2טער וועט איהם העלפען דורכפיה־רען זיין פּלאַן. דער קעניג האָט איהםווירקליך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און האָט די זאַך איבערגעגעבען צו אַ קאָמיסיע צו אונטערזוכען. די געלעהר־טע אָבער האָבען דעם פּלאַן פערוואָרפען. קאָלומבוס איז דאַן אוועק נאָך קאַסטיליען און האָט פאָרגעלעגט דעם פּלאַן פאַר דער קעניגין, און דיזע האָט עס איבערגעגעבען צו די פּראָפעסאָרען פון דער אוניווערזיטעט פון סאלא־מאַנקאַ. די מיינונגען פון די געלעהרטע זיינען געווען פערשיידען. אָבער דער פּלאַן איז ניט פערוואָרפען געוואָרען. מען האָט איהם נאָר אָפּגעלעגט ביז עס וועט זיך ענדיגען דער קריג מיט די מאַורען. קאָלומבוס האָט זיך דאַן געוואָלט ווענדען צו פראַנקרייך. דערווייל האָט ער זיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַ געבילדעטען איינפלוסרייכען מאָנאַך, ביי וועמען ער האָט געבעטען אַ נדבה, ווייל עס איז איהם דאַמאָלס געווען זעהר שלעכט, און דיזער מאָנאַך האָט אין דיזען פּלאַן פעראינטערעסירט די קעניגין איזאַבעללאַ. דערווייל האָט זיך דער קריג מיט די מאַורען געענדיגט. גראַנאַדאַ איז גענומען גע־וואָרען, און איזאַבעללאַ האָט געגעבען קאָלומבוס׳ן דריי שיפען דורכצופיהרען זיין אידעע. אונטער די דריי שיפען זיינען געווען צוויי, וואָס די האַפען־שטאָדט פּאַלאָס איז געווען געצוואונגען צו געבען אַלס שטראָף פיר איהר אונגעהאָרזאַמקייט צו שפּאַניען.

דעם 30טען אַפּריל 1492 איז אונטערגעשריבען געוואָרען אַ דאָקומענט, וואָס האָט ענטהאַלטען די בעדינגונגען צווישען קאָלומבוס׳ן און דער קאַסטילי־שער רעגירונג וועגען די נייע ענטדעקונגען, וועלכע ער האָפט צו מאַכען. די בעדינגונגען זיינען געווען פאָלגענדע: קאָלומבוס און זיינע דורות נאָך איהם זאָלען ערהויבען ווערען צו שפּאַנישע אַדעלליים מיט דעם פּאָרטיטעל „דאָן", זיין ראַנג זאָל זיין „אַדמיראַל פון אַטלאַנטישען אָקעאַן". אין די ענטדעקטע לענדער זאָל ער זיין וויצע־קעניג, זיין געהאַלט זאָל זיין אַ צעהנטעל פון די איינקונפטען, וואָס די רעגירונג וועט איינגעהמען פון די נייע לענדער, און אַן אַכטעל פון די מאָנאָפּאָל־געשעפטען, וואָס די רעגירונג וועט דאָרט מאַכען.

דעם 3טען אויגוסט 1492 איז קאָלומבוס אַרויס פון פּאַלאָס אויף זיין רייזע אין 3 שיפען מיט 90 מאַטראָזען. ער אַליין איז געווען דער קאַפּיטאַן אויף דעם גרעסטען שיף סאַנטאַ מאַריאַ, און אויף די איבריגע צוויי שיפען, פּינטאַ

און ניניאַ, זיינען די צוויי ברידער פ י נ צ אָ ן געווען די קאַפּיטאַנען. די פינטאַ האָט באַלד אין אָנפאַנג שטאַרק געליטען פון אַ שטורם אויף'ן ים. די פלאָטע האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען ביי די קאַנארישע אינזלען אום צו פערריכטען די געשעדיגטע פינטאַ. 4 וואָכען צייט האָט עס גענומען ביז מען האָט דאָס שיף פערריכט, אַזוי דאָס די אייגענטליכע ענטדעקונגס-רייזע האָט זיך ערסט אָנגעפאַנגען דעם 6טען סעפּטעמבער 1492.

34 טעג האָט די פלאָטע געשוואומען צווישען הימעל און וואַסער, ניט זעהענדיג פאַר זיך קיין סימן פון ערד. קאָלומבוס האָט גערעכענט, דאָס דער ערסטער אָרט, וואָס ער וועט צו איהם קומען, וועט זיין יאַפּאַן, דעריבער איז ער געפאָהרען גענוי נאָך וועסט (צו מערב צו). דיזע ריכטונג איז ניט געווען גינסטיג, ווייל ער האָט דאַדורך גענומען דעם לענגסטען, ווייטסטען וועג צווישען דער אַלטער און דער נייער וועלט. דערפאַר אָבער האָט ער אויף דיזען וועג געהאַט די בעסטע ווינטען, וועלכע האָבען איהם געפיהרט צו זיין ציל. דעם 16טען סעפּטעמבער האָבען די שיפער בעמערקט, דאָס אַ גרויסע שטרעקע פון ים איז בעדעקט מיט פלאַנצונגען. מען האָט גערעכענט, דאָס מען געפינט זיך שוין ניט ווייט פון אינזלען. דיזע פלאַנצונגען זיינען אָבער געווען די ים-גראָזען, וועלכע שווימען אָפּט אויף'ן ים און קומען ניט פון וועלכען עס איז לאַנד. די מאַטראָזען זיינען געוואָרען שטאַרק אונרוהיג, ווען זיי האָבען בעמערקט, דאָס די מאַגנעט-נאָדעל האָט גענומען אַן אַנדער ריכטונג, נעמליך די ריכטונג פון נאָרד-וועסט. קאָלומבוס האָט זיי אָבער בערוהיגט דערמיט, דאָס דער פּאָלאַר-שטערן האָט זיך אין דיזע געגענדען איבערגעדרעהט, און דיזעס האָט פעראורזאַכט די ווענדונג פון דעם מאַגנעט און איהם געשטעלט אין דער ריכטונג פון נאָרד-וועסט.

דעם 18טען סעפּטעמבער האָט מען דערזעהען אַ נעבעל-וואָלקען און מען האָט דעריבער געדענקט, דאָס מען איז ניט ווייט פון לאַנד. אָבער דאָס איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען. דעם 22טען סעפּטעמבער האָט זיך דער ווינט געביטען, אָנשטאָט אַ נאָרד-אָסטליכען האָט אָנגעהויבען בלאָזען אַ זיד-וועסטליכער ווינט. דאָס האָט אַ ביסעל בערוהיגט די מאַנשאַפט פון די שיפען, וועלכע האָבען געמיינט, דאָס אין דיזע געגענדען בלאָזט ניט קיין אַנדער ווינט, און עס וועט זיי דעריבער זיין אונמעגליך צו קומען צוריק אַהיים. קאָלומבוס האָט זיי ניט אויסגעזאָגט די וואַהרהייט, ווי ווייט זיי זיינען פון דער היים, און לויט דעם צושטאַנד פון דער וויסענשאַפט איבער זעע-פאַהרט אין יענער צייט האָבען עס די מאַטראָזען ניט געקענט וויסען. ענדליך האָבען

די שיפער בעמערקט דעם 11טען אָקטאָבער דייטליכע סימנים, דאָס זיי זיינען נאָהענט צו א לאַנד. דאָס שיף פּינטא האָט געכאַפּט שווימענדיג א קלאָץ, א ברעט און א פערשניצטען שטעקען, און די ניניא האָט געכאַפּט שווימענדיג א צווייג מיט רויטע פרוכט. אום 10 אוהר אבענדס האָט קאָלומבוס בע־מערקט א ליכט־שיין. מען ווייס ניט וואָס דאָס איז געווען, אָבער עס איז נאָך אַליץ ניט געווען קיין סימן פון לאַנד.

ענדליך דעם 12טען אָקטאָבער געגען 2 אוהר אין דער פריה האָט דער מאַטראָז חואן ראָדריגועץ ווערמעהאָ פון מאַלינאָס ביי סע־ווילא אויסגעשריען „טיערראַ" ! (ערד), און האָט אויסגעשאָסען מיט פרייד. מען האָט באַלד פערוואָרפען דעם אנקער, אום אָפּצושטעלען די שיפען, און מען האָט מיט אונגעדולד ערוואַרטעט דעם פריהמאָרגען. ווי נאָר די זון איז ערשינען האָבען זיי בעמערקט א גרינעם נידריגעם לאַנד, וועלכעס קאָלומ־בוס האָט גערעכענט פיר די אינזעל ציפּאַנגו אָדער יאַפּאַן. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז עס געווען די אינזעל גואַנאַהאַני, וועלכע געהערט צו דער באַהאַמאַ־גרופּע. ער האָט באַלד אויפגעשטעלט די פאָהן פון דער שפּאַנישער רעגירונג, און האָט געהייסען די מאַטראָזען שווערען איהם טריי־הייט און געהאָרזאַמקייט אלס אדמיראַל און וויצע־קעניג. אָנפאַנגס זיינען די ווילדע ענטלאָפען אין די וועלדער. אָבער ווען זיי האָבען געזעהען, דאָס מען יאָגט זיי ניט נאָך, האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צום ברעג און האָבען מיט פערוואונדערונג בעטראַכט די מענשען מיט די שיפען. קאָלומבוס האָט גערעכענט, דאָס ער איז צוגעקומען צו איינעם פון די אינדישע אינזלען, און דעריבער האָט ער די איינוואוינער פון דיזער אינזעל בעצייכענט מיט׳ן נאָ־מען „אינדיאַנער". דיזער נאָמען איז פערבליבען פיר דיזע מענשען ביז צו היינטיגער צייט, הגם ער איז ניט ריכטיג.

קאָלומבוס האָט בעמערקט, דאָס די ווילדע איינוואוינער פון דער אינ־זעל, וואָס ער האָט ענטדעקט, טראָגען אין זייערע נעזער גאָלדענע נאָז־רינגען. מיט פערשיידענע סימנים האָט ער זיי געפרעגט, וואו זיי נעהמען דאָס גאָלד צו דיזער צירונג. פון זייערע ענטפערס האָט ער פערשטאַנען, דאָס דיזער עדעלער מעטאַל געפינט זיך אין זיד, און דאָס דאָרט הערשט זעהר א רייכער קעניג. קאָלומבוס האָט גערעכענט, דאָס דיזעס לאַנד איז געוויס יאַפּאַן. דעם 14טען אָקטאָבער האָט קאָלומבוס פאָרטגעזעצט זיין רייזע און האָט ענט־דעקט נאָך אייניגע קליינע אינזלען און אויך די אינזעל קובא. דיזע האָט ער גערעכענט פיר יאַפּאַן און דאָ, אין דעם זידליכען טייל, האָט ער גע־האָפט צו געפינען די גאָלדענע קעניג־שטאָדט. ער האָט אָבער קיין גאָלד ניט

געפונען, און דער קעניג איז געװען אַ נאַקעטער װילדער אינדיאַנער אין אַן אָרימער בודקע. מען האָט אָבער דאָרט געפונען קאַרטאָפּעל און טאַבאַק. אין דער זעלבער צייט האָט קאָלומבוס געהערט װעגען אַ לאַנד אין אָסט, מיט'ן נאָמען באַבעקע, װאו די איינװאױנער זאַמלען גאָלד ביי די ברעגען פון די טייכען. קאָלומבוס האָט זיך געלאָזען זוכען דיזען גאָלדרייכען אָרט. אויף דיזער רייזע איז אויף אַ קורצע צייט דאָס שיף פּינטאַ פערשװאונדען געװאָרען. דער קאַפּיטאַן פון דיזען שיף האָט בכיװן פערלאָזען דעם אַדמיראַל קאָלומבוס, אום ער זאָל פריהער מאַכען די ענטדעקונג פון דעם גאָלד=לאַנד. פּלוצלינג האָט זיך קאָלומבוס'עס שיף אַרױפגעכאַפּט אויף אַ זאַמד=באַנק, און ער האָט געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון אַ קאַציקאָ, אַן אינדיאַנישען קעניג מיט'ן נאָמען גואַקאַנאַגאַרי, װעלכער איז געװען זעהר גאַסטפריינדליך און זעהר גוט צו קאָלומבוס'ן און האָט איהם אויסגעהאָלפען אין זיין נויט. דאָ האָט ער ענדליך געפונען דעם געװינשטען רייכטום און גאָלד. לויט דער קאַציקאָ האָט איהם פערזיכערט, האָט זיך געפונען אַ גרויסע מאַסע גאָלד אין די בערג פון דעם אָרט, װאָס איז בעװאוסט מיט'ן נאָמען ציבאַאָ.

דאָס איינפאַכע רוהיגע לעבען פון די איינװאױנער פון דיזער אינזעל איז שטאַרק געפעלען געװאָרען די שפּאַניער און פיעלע פון זיי האָבען געבעטען די ערלויבנים דאָ צו פערבלייבען. קאָלומבוס איז געקומען צו דער אידעע צו גרינדען דאָ אַ קאָלאָניע פון די שפּאַניער. פון דעם האָלץ פון שיף, װעלכעס איז געבליבען אויף'ן זאַמד=באַנק, האָט מען אין 10 טעג אויסגעבויט אַ פעסטונג, װעלכע די שפּאַניער האָבען געגעבען אַ נאָמען לאַ נאַװידאַד. אין דיזע פעסטונג האָט קאָלומבוס אַריינגעזעצט 39 פון די טיכטיגסטע מאַטראָזען. דעם 4טען יאַנואַר 1493 האָט זיך קאָלומבוס פערטיג געמאַכט צו זיין ריקרייזע נאָך שפּאַניען. עס האָט אָבער דאַמאָלס געבלאָזען אַ ניט=גינסטיגער װינט, און ער איז געװען געצװאונגען אָפּצואװאַרטען איינינע טעג. ענדליך איז ער אװעק צוריק נאָך שפּאַניען. דעם 12טען פעברואַר האָט זיך אויף'ן ים אויפגעהויבען אַ שרעקליכער שטורם, די פּינטאַ איז פערשליידערט געװאָרען, אַזוי דאָס קאָלומבוס האָט גערעכענט, אַז דאָס שיף װעט אונטערגעהן, און דעריבער האָט ער דעם בעריכט פון זיין ענטדעקונג פערזיגעלט אין אַ פאַס און אַריינגעװאָרפען עס אין ים; פיליייכט װעט עס אימיצער געפינען, װעט זיין מיה ניט פערלאָרען געהן אומזיסט. אָבער ער איז ניט אונטערגעגאַנגען און 5 טעג שפּעטער האָט ער דערגרייכט די

אזאָרען־אינזלען, און דעם 15טען מערץ 1493 זיינען די ענטדעקער אָנגעקו־מען אין פּאַלאָס, פון וואנען זיי זיינען ארוים צו דער רייזע.

די רייזע פון פּאַלאָס ביז באַרצעלאָנאַ איז פיר קאָלומבוס׳ן געווען א וואהרער טריאומף־צוג. נאָך מעהר גלענצענד איז געווען די אויפנאהמע אין קעניגליכען הויף. אויף׳ן מארק האָט מען אויפגעשטעלט א טראָן־געביידע; דאָרט איז געזעסען דער קעניג מיט זיין גאַנצען הויף. ווען קאָלומבוס איז אהין ארויף, האָט זיך דער קעניג אויפגעהויבען פון זיין טראָן און האָט איהם איינגעלאַדען צו זעצען זיך נעבען איהם. אזוי פיעל עהרע האָט דער קעניג ניט געצייגט קיין אונטערטאַן. דער אָפּמאָך וועגען זיינע רעכטען זיינען נאָך א מאָל אונטערגעשריבען און בעשטעטיגט געוואָרען. עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער פּאַפּסט האָט געגעבען אויך זיין הסכמה, דאָס די ענטדע־קונג געהערט אויסשליסליך צו שפּאַניען. מען האָט זיך באַלד גענומען פּאַר־בערייטען צו א צווייטער עקספּעדיציאָן נאָך די נײַ־ענטדעקטע לענדער.

קאָלומבוס האָט אהין געמאַכט נאָך צוויי רייזען: איינע אין די יאָהרען 1493—1496 און די אַנדערע פון 1498 ביז 1500. אין דיזע רייזען האָט ער ענטדעקט א גאַנצע רייהע פון אינזלען: יאַמאַיקאַ, די קליינע אַנטיללען, די קאַריבעאישע אינזלען און דאָס זידליכע פעסטלאַנד ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו דער טייך אָרינאָקאָ גיסט זיך אריין אין ים. די לייט, וועלכע ער האָט געלאָזען אין דער פעסטונג לאַ נאַווידאַד, זיינען אַלע פערניכטעט געוואָרען, ווייל זיי האָבען דאָרט אָנגעפאַנגען צו בעגעהן שרעקליכע פערברעכענס, זיי האָבען געפּלינדערט די פרידליכע איינוואוינער פון דעם דאָרף, וואו די פעס־טונג איז אויסגעבויט געוואָרען, און געשענדעט זייערע פרויען און טעכטער. זייער האָבזוכט האָט זיי געטריבען נאָך ציבאַאָ, אום צו בעקומען דאָרט גאָלד. אָבער דער מעכטיגער קאַציקאָ פון יענעם לאַנד האָט זיי פיר זייערע רויבע־רייען געלאָזען הינריכטען. דער קאַציקאָ מיט׳ן נאָמען קאַאָנאַבאָ איז געקו־מען צו זייער פעסטונג לאַ נאַווידאַד און האָט זי פערברענט צוזאַמען מיט׳ן דאָרף.

מיט דער צווייטער רייזע האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען די סיסטעמאַטישע בערויבונג און פערניכטונג פון די איינוואוינער פון דעם נײַ־ענטדעקטען לאַנד. מיט דער הילף פון זייערע בלוט־הינט האָבען די שפּאַניער בעזיגט די איינוואוינער פון דער אינזעל עספּאַניאָלאַ, און האָבען אויף זיי ארויפגע־לעגט א טריבוט, אַלע פערטעל יאָהר צו ברייגגען זיי, די שפּאַניער, א געוויסע וואָג באַוועל און גאָלד־שטויב. אָבער דיזע פרייע אינדיאַנער האָבען ניט געקענט פערטראָגען די טיראַנישע בעהאַנדלונג פון זייערע בעזיגער און

זיינען ענטלאָפען אין די בערג, הגם זיי זיינען דאָרט צושטאָרבען אין די טוי-זענדער. אָבער אויך די שפּאַניער זיינען דאָרט מיט יעדען טאָג געוואָרען וועניגער, וויל דער פיבער, וואָס האָט דאָרט געהערשט, האָט פון זיי גע-מאַכט אַ בארג אַש. זיי זיינען געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף זייער אדמיראַל קאָלומבוס, וועלכער האָט אויף זיי געבראַכט אַ גרויסען אונגליק צוליב דעם, וואָס איהם האָט זיך געוואָלט כבוד און רייכטום.

אין דער צייט פון זיין צווייטער רייזע האָט קאָלומבוס אויך אין דער היים געקראָגען שונאים, וועלכע האָבען איהם אָנגעהויבען פערפאָלגען, און עס איז שוין געווען ניט ווייט, אַז ער זאָל פערלירען דעם חן ביים קעניג און דער קעניגין. אָבער אויף זיין דריטער רייזע איז ער פיר זיין ענטדעקונג גע-וואָרען נאָך ערגער בעלוינט. ער האָט אַזאַ בעלוינונג זיכער ניט ערוואַרטעט. ווען ער איז אָנגעקומען צו זיין קאָלאָניע סאַן דאָמינגאָ, וועלכע ער האָט גע-גרינדעט אויף דעם זידליכען ברעג פון דער אינזעל עספּאַניאָלאַ, האָבען דאָרט אויסגעבראָכען אונרוהען. די קאָלאָניסטען האָבען זיך אויפגעבונטעוועט גע-גען דעם שטעל-פערטרעטער, וואָס קאָלומבוס האָט דאָרט געלאָזען. אום דעם בונט איינצושטילען האָט קאָלומבוס אייניגע פון די רעבעלען געשיקט צוריק נאָך שפּאַניען. אַנדערע האָט ער צופרידען געשטעלט דערמיט, וואָס ער האָט זיי געגעבען גרויסע שטיקער לאַנד אויף דער אינזעל, וואו ער האָט גע-גרינדעט די קאָלאָניע, דערצו האָט ער זיי געגעבען שקלאַפען, וואָס זאָלען אַקערן זייערע פעלדער און זאָלען פון זייערטוועגען וואַשען דאָס גאָלד, וואָס זיי געפינען אין די טייכען. אָבער דערמיט האָבען זיך נאָר אייניגע צופרידען געשטעלט. די מעהרצאָהל איז געווען אונצופרידען און האָט זיך ניט אויפ-געהערט צו בונטעווען, און דער רעזולטאַט פון דיזע אונרוהען איז געווען, דאָס די קאָלאָניע האָט געזונקען טיפער און טיפער.

דאָס קאָלומבוס האָט געהאַט שונאים איז זעלבסט פערשטענדליך. דיזע פיינד האָבען אויף איהם געוואָרפען די גאַנצע שולד פון די אונרוהען און פון דעם אונטערגאַנג פון דער קאָלאָניע. מען האָט איהם זאָגאַר בעשולדיגט, דאָס ער וויל ווערען הערשער איבער די נייע לענדער, וואָס ער האָט ענטדעקט און וויל פערשקלאַפען אַלע אינדיאַנער. פערדינאַנד האָט געשיקט אויף די אינזעל עספּאַניאָלאַ פראַנציסקאָ דע באָבאַדיללאַ צו אונטערזוכען אַלע קלאַ-גען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען געגען קאָלומבוס'ן, און אין פאַל אַז די בעשולדיגונגען וועלען זיין אמת, האָט דער אונטערזוכער דאָס רעכט אָרונטער-צוזעצען קאָלומבוס'ן פון זיין אמט. באָבאַדיללאַ, וועלכער איז געווען אַ פיינד פון קאָלומבוס'ן, האָט זיך בענוצט מיט דער פולמאַכט, וואָס איז איהם

געגעבען געוואָרען, און האָט קאָלומבוס׳ן אַרונטערגעזעצט פון זיין אַמט. באַ־באַדיללאַ האָט געהייסען קאָלומבוס׳ן שמידען אין קייטען און האָט איהם אָפּ־געשיקט נאָך שפּאַניען. ווען מען האָט איהם געבראַכט אין שפּאַניען האָט דער קאַפּיטאַן פון דעם שיף געוואָלט פון איהם אַראָפּנעהמען די קייטען, אָבער קאָלומבוס האָט ניט געלאָזען, און אַזוי איז ער אָנגעקומען אין שפּאַניען געשמידט אין קייטען. ווי דאָס פאָלק האָט דערזעהען די בעהאַנדלונג, וואָס מען האָט קאָלומבוס׳ן געגעבען, איז עס געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט. דער קעניג האָט איהם באַלד בעפרייט, און מען האָט איהם אויפגענומען אין הויף מיט דער גרעסטער עהרע. אָבער זיין פערלאַנג, צוריקגעבען איהם זיין אַמט,



קאָלומבוס ווערט צוריקגעבראַכט נאָך שפּאַניען אין קייטען.

איז ניט ערפילט געוואָרען. די רעגירונג האָט גלייך געשיקט אַ נייעם שטעל־פערטרעטער, מיט׳ן נאָמען אָוואַנדאָ, מיט אַ גרויסער פלאָטע צו די וועסט־אינדישע אינזלען, וואָס קאָלומבוס האָט ענטדעקט, און קאָלומבוס זעלבסט איז געבליבען אין שפּאַניען. מען האָט איהם אין דיזער רייזע ניט געלאָזען נעהמען קיין אָנטייל.

אין יאָהר 1502 האָט קאָלומבוס אונטערגענומען זיין פערטע ענטדע־קונגס־רייזע. אָבער דיזע רייזע איז פיר איהם געווען זעהר אונגליקליך. דער שיקזאַל האָט איהם פערפאָלגט אויף יעדען טריט און שריט. עס האָבען

איהם געטראָפען אונגליקען אויף'ן וואסער, אויף דער יבשה, און איבערהויפּט האָט ער געליטען שרעקליכע פערפאָלגונגען פון אָוואַנדאָ'ן און פון א ראָטע מאַטראָזען, וואָס זיינען געווען אונטער זיין קאָמאַנדע. קאָלומבוס'עס ברו-דער איז געווען געצוואונגען צו געברויכען וואפען געגען די רעבעלען. קאָ-לומבוס האָט זיך געמוזט צוריקקעהרען א קראַנקער און א שוואַכער. אום די מאָס פון זיין אונגליק צו מאַכען פול האָבען איהם אויף זיין ריקרייזע פיעלע אונגעוועהנליכע הערבסט-שטורמס פערלענגערט די נסיעה און ערסט אין אָנפאַנג נאָוועמבער 1504 איז ער אָנגעקומען אין קאַדיץ. באַלד נאָכ-דעם איז אויך זיין בעסטער פריינד, די קעניגין איזאַבעללאַ, געשטאָרבען, און זיינע צוויי לעצטע לעבענס-יאָהרען האָט ער איבערגעלעבט אין טרויער און שמערצען. ענדליך איז ער געשטאָרבען דעם 21טען מאַי 1506 — בע-רייבט פון זיין אַמט און זיין ווירדע און טיף געקרענקט פון דעם אונרעכט, וואָס מען האָט איהם בעצאָהלט פיר זיין גרויסע ענטדעקונג, וועלכער האָט דער גאַנצער מענשהייט פערשאַפט פיעל גוטעס. ער איז בעערדיגט געוואָרען אין סעווילליאַ און אין יאָהר 1796 האָט מען זיינע ביינער איבערגעטראָגען אין די קירכע פון האַוואַנאַ.

קאָלומבוס האָט ביז זיין טויט געגלויבט, דאָס ער האָט געפונען א וועג דורך די וועסט-זייט צו קומען אין יאַפּאַן. און אַזוי האָבען אויך פיעלע אַנ-דערע געגלויבט. אָבער ביסלאַכווייז איז דיזע מיינונג געפאַלען. וועהרענד קאָלומבוס'עס צווייטע רייזע האָט די שפּאַנישע רעגירונג ערלויבט פּריוואַט-מענשען פון רייכען שטאַנד אַרויסצושיקען שיפען אויף זייערע קאָסטען אום צו ענטדעקען נייע לענדער און אָנקלייבען רייכטימער, און פיעלע רייכע לייט האָבען פון דיזער ערלויבניס ווירקליך געמאַכט געברויך. אין יאָהר 1512 איז ענטדעקט געוואָרען פלאָרידאַ. קורץ נאָכדעם האָט וואַסקאָ דע באַלבאָאַ געפונען דעם מעער-בוזים (גאָלף) פון דאַריען און פון דאָרט האָט ער גענומען שווימען איבער'ן זיד-מעער אום צו ערקונדיגען זיך וועגען דעם לאַנד פּערו, וועלכעס איז געווען בעוואוסט מיט זיינע גאָלד-מינעס. מיט 100 שפּאַניער און 1,000 אינדיאַנער איז באַלבאָאַ אַריבער די לאַנד-ענגע פון פּאַנאַמאַ. מיט גרויסע שוועריגקייטען איז ער אַריבער מיט זיינע בעגלייטער איבער בערג און מדבריות ביז ער איז געקומען צום גרויסען אָקעאַן. דאָרט איז ער מיט שווערד און שילד אַריין אין ים און האָט עפענט-ליך אָנגענומען דאָס וואַסער אַלס אייגענטום פון זיין קעניג.

פון קובאַ איז אַרויס א גאַנצע רייהע פון אַנדערע ענטדעקונגען. הער-נאַנדעז קאָרדאָוואַ און נאָך איהם גריחאַלוואַ זיינען גע-

קומען צום ברעג פון יוקאַטאַן. פערדינאַנד קאָרטעס האָט ער־אָבערט מעקסיקאָ מיט אַ קליינער צאָהל מענשען אין יאָהר 1519, און פראַנץ פיצאַררא האָט עראָבערט פערו אין יאָהר 1531. די עראָבערונג פון מעקסיקאָ איז געווען די מערקווירדיגסטע טאַט אין יענער צייט. ערס־

וואַסקאָ נונעץ דע באַלבאָאַ.

טענס איז די נאַטור פון דעם לאַנד אונגעוועהנליך גרויסאַרטיג. דאָרט געפי־נען זיך זעהר פיעלע וואולקאַנען (פייערשפייענדע בערג), וואָס זייערע הויכע שפּיצען זיינען אייביג בעדעקט מיט שנעע און דער אונטערסטער טייל איז בעוואַקסען מיט די טייערסטע פרוכטען און פלאַנצונגען פון די טראָפּישע

(הייסע) לענדער. דארט געפינען זיך אויך כמעט אלע חיות פון די טראפּישע לענדער. די געשיכטע פון דער ערֹאבערונג פון מעקסיקא איז אויך זעהר אינ-טערעסאנט, איבערהויפּט איז מערקווירדיג דער אונגעוועהנליכער העלדענ-מוט, מיט וועלכען די מעקסיקאנער האבען געשטריטען אום צו פערטיידיגען זייער אונאפּהענגיגקייט. אבער מעהר פון אלעס איז אינטערעסאנט וואס די מעקסיקאנער האבען דאמאלס בעזעסען א זעהר הויכע אריגינעלע קולטור. די געשיכטע פון דיזער קולטור איז די אייראפּעער בעקאנט נאר פון זאגעס, אבער ניט פון היסטארישע קוועלען. איבערהויפּט האבען די שפּאנישע היס-טאריקער געהאט וועגען היסטאריע א זעהר אויבערפלעכליכען בעגריף. זיי האבען בעשריבען די ווערקצייג פון די אינדיאנער, זייערע נאהרונגס־מיטלען, זייערע קליידער און נאך אזעלכע אויבערפלעכליכע זאכען. זיי האבען אבער זאגאר ניט בעריהרט זייער געזעלשאפטליכעס לעבען, זייערע געזעצען, זייערע בעציהונגען פון איינעם צום אנדערען אין דער געזעלשאפט — וועגען דעם און דערגלייכען איז ביי די שפּאנישע היסטאריקער ניט דערמאהנט קיין איין ווארט. דעריבער זיינען די שפּאנישע געשיכטע־ביכער וועגען אינדיאנער און אמעריקא ניט ווערט אנגערופען צו ווערען היסטארישע. א ווירקליכען היסטארישען ווערט האבען די פארשונגען און די בעשרייבונגען פון אמע-ריקא, פערפאסט פון דעם טיכטיגען געלעהרטען היסטאריקער מ א ר-ג א ן. זיינע ווערק איבער דיזען געגענשטאנד האבען פערברייטעט א נייעס ליכט איבער די אמעריקאנישע צושטענדען אין דער אור־צייט און דערמיט האט ער געעפענט א וועג צו פארשען די ערסטע, אוראלטע געשיכטע פון דער גאנצער מענשהייט.

ווען אמעריקא איז ענטדעקט געווארען, זיינען די אור־איינוואוינער שוין געוועזען ארויס פון ווילדע מענשען. זיי זיינען שוין געשטאנען אויף א געוויסער שטופע פון קולטור. זיי האבען שוין געוואוסט צו מאכען הייזליך א געוויסע פיער־פיסיגע חיה, די ליאמא, און געברויכען זי צו זייער ארבייט, ווי מען האט אין דער אלטער וועלט געברויכט דעם אקס אדער דעם פערד. פיעלע האבען זיך בעשעפטיגט מיט זעען גארטען־פרוכט פיר זייער אונטערהאלט, אנדערע האבען זיך אויך בעשעפטיגט מיט אקערבוי. עס איז אמת, דאס עס האבען זיך נאך געפונען צווישען זיי אזעלכע, וואס האבען געלעבט פון פיש־פאנג און פון טיער־פאנג, וואס עס צייגט אויף א זעהר נידריגע שטופע פון קולטור. זיי האבען שוין געוואוסט ווי צוזאמענשמעלצען צין מיט קופער און מאכען דערפון בראנזענע געוועהר און אנדערע ניצליכע כלים. זיי האט אבער גע-פעהלט דאס וויכטיגסטע אין מעטאל־ארבייט — די קונסט צו שמעלצען איי-

זען־ערץ. איבערהויפּט זיינען געשטאַנען אויף אַ היבשער שטופּע פון קול־
טור די שטאַמען, וואָס האָבען דאַמאָלס געלעבט אין מעקסיקאָ און צענטראַל־
אַמעריקאַ. די אינדיאַנער אין דעם טאָל פון קאָלומביאַ, אין דער טעריטאָריע
פון האָדסאָן־בעי, אין פערשיידענע טיילען פון קאַנאַדאַ און איינִיגע אַנדערע
ערטער אין נאָרד־אַמעריקאַ האָבען געלעבט פון פישען, מעהל־וואָרצלען און
יאַגד, און האָבען ניט בעאַרבייט די ערד. צווישען דיזעביידע עקסטרעמען

פערדינאַנדאָ קאָרטעס.

האָבען זיך געפונען צווישען־שטופען, מעהרסטענס האַלב דאָרף־אינדיאַנער,
וועלכע האָבען זיך טיילס בעשעפטיגט מיט אַגריקולטור. אָבער די וואַפען,
קונסטען, זיטען, ערפינדונגען, טענץ, הייזער־בוי און דאָס געזעלשאַפטליכע
לעבען פון אַלע דיזע שטאַמען טראָגען דעם שטעמפעל פון דעם זעלבען גייסט
און ווייזען, דאָס זיי האָבען אַן אַלגעמיינעם אורשפּרונג.

זייער געזעלשאַפטליכעס לעבען איז געווען געגרינדעט ווי דאָס לעבען פון די אוראַלטע פעלקער אין דער אַלטער וועלט, נעמליך: אויף דעם שטאַם־סיסטעם. קיין אייגענטום, און איבערהויפּט ערד־אייגענטום, איז נאָך ניט ווען. נאָך עד היום לעבען די אינדיאַנער געטיילט אין שטאַמען. אין דיזער געזעלשאַפטליכער פאָרמע פון לעבען האָט דער דערמאָהנטער געלעהרטער מאָרגאַן געפונען דעם אָנפאַנג פון אַלע אור־פעלקער אין אַלע וועלט־טיילען: אין אַזיען, אַפריקאַ, אייראָפּאַ, אַמעריקאַ און אויסטראַליען. די ידיעות וועגען דער לעבענס־אַרט פון אַן אינדיאַנישען שטאַם האָבען פערשפּרייט אַ וואהרעס ליכט אויף דאָס אַלטע שטאַם־לעבען פון די גריכען און רוימער. די געזעלשאַפטליכע אָרדנונגען פון לעבען פון די אוראַלטע גריכען און די אינדיאַנער זיינען אַזוי פיעל עהנליך איינע צו דער אַנדערער, דאָס מיר וואָלטען נאָר געדאַרפט וויעדערהאָלען וועגען די אינדיאַנער דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבען פריהער געזאָגט וועגען די גריכען. דאָס איז איינס פון די וויכטיגע רעזולטאַטען פון די נייע פאָרשונגען, ווייל עס בעווייזט אונז די געזעצען און דעם געשיכטליכען גאַנג פון דער ענטוויקלונג פון מענשליכען גייסט און דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען פון דעם מענשען אין די ערסטע צייטען פון זיין ענטוויקלונג.

לויט די פאָרשונגען פון מאָרגאַן איז אויך דאָס קעניגרייך פון מעקסיקאָ געגרינדעט אויף׳ן פונדאַמענט פון שטאַם־סיסטעם. עס איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַ בונד צווישען פערשיידענע שטאַמען, וועלכע האָבען אונטערוואָרפען אונטער זייער מאַכט אייניגע אַנדערע שטאַמען, און האָבען זיי געצוואונגען צו צאָהלען טריבוט. אָבער די מעקסיקאַנישע רעגירונג האָט זיי ניט בערויבט פון זייערע אייגענע אַלטע רעכטען. נאָר די אונוויסענהייט און אויבערפלעכליכקייט פון די שפּאַנישע געשיכטע־שרייבער האָט געקענט מאַכען פון אַן עכט דעמאָקראַטישער אָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין מעקסיקאָ, אַ דעספּאָטישע מאָנאַרכיע. ביי די מעקסיקאַנער האָט דאַמאָלס געהערשט די שטאַם־אָרגאַניזאַציאָן מיט אַ קאָמוניסטישען לאַנד־בעזיץ. דער קעניג מאָנטעצומאַ איז געווען ניט מעהר ווי אַ קריגס־הויפּטלינג, ער האָט אויף די בירגערליכע אַנגעלעגענהייטען ניט געהאַט קיין איינפלוס. די הערשאַפט איז אויך ניט געווען ערבליך, נאָר יעדעס מאָל האָט מען ערוועהלט אַן אַנדערען. נעבען דעם הויפּטלינג פון קריג געפינען מיר אַ ראַט, וועלכער האָט געהאַט די זעלביגע פונקציאָנען און פליכטען, ווי די ראַטס־קערפּערשאַפטען ביי אַנדערע פעלקער.

אָבער די קולטור פון די מעקסיקאַנער איז געווען פיעל העכער פון דער קולטור ביי די אַנדערע אינדיאַנער. די אַצטעקען האָבען אמת ניט געוואוסט

פון אײזען, אָבער זײ האָבען געקענט מאַכען זאַכען פון אַנדערע מעטאַלען, זײ האָבען ענטוויקעלט דעם אַקערבוי, בעוואַסערנדיג די ערטער, װעלכע האָבען געליטען מאַנגעל אין וואַסער, דורך קאַנאַלען; זײ האָבען געקענט פערפערטיגען שטאָפען פון באַװעל, האָבען געמאַכט הײזער פון שטײנער און פון ציגעל, װאָס זײ האָבען אַלײן פאַבריצירט; אויך האָבען זײ געמאַכט פער-

פראַנציסקאָ פיצאַררא.

שיידענע קיך-געשיר פון לײם. זײער טעכניק איז געשטאַנען זעהר הויך. דאָס בעווײזט קלאָר דער קינסטליכער טײך, װאָס זײ האָבען געמאַכט, און װעלכער האָט פערנומען אַ זעהר לאַנגע שטרעקע. אין מיטען פון דיזען טײך איז געװען געמאַכט אַ קינסטליכע אינזעל, אויף װעלכער עס איז געװען אויס-געמויערט אַ גאַנצע רײהע אין גרוים אָרדנונג אויסגעשטעלטע הײזער בעדעקט

מיט שנעע-ווייסען גיפּס. צו די הייזער איז מען צוגעקומען דורך דאַמבעס, אויף וועלכע עס זיינען געווען געפּלאַנצט צוויי רייהען בוימער. דיזע צוי-בער־אינזעל מיט דעם קינסטליכען טייך האָט ערוועקט וואונדער אין די אוי-גען פון די שפּאַניער, ווען זיי האָבען זי צום ערסטען מאָל דערזעהען אין מעק-סיקאָ. זייער פערוואונדערונג האָט זיך נאָך מעהר פערגרעסערט, ווען זיי זיינען צוגעקומען נעהענטער און האָבען נאָך דערזעהען די פּרעכטיגע גערט-נער, וואָס האָבען ארומגערינגעלט יענע פּראַכטפולע שטיינערנע הייזער, די מאַגאַזינען מיט וואָפען, און פיעלע אַנדערע איינריכטונגען. די אַצטעקען האָבען אויך געקענט אַ מין בילדערשריפט, אַן ארט היעראָגליפישע שריפט, ווי די אַלט־עגיפּטישע, דורך וועלכע זיי האָבען זיך געקענט שריפטליך צוזאַ-מענרעדען איינער מיט דעם אַנדערען. זיי האָבען געהאַט שען־בעצירטע טעמפּלען, מיט פּריסטער און אַ געאָרדענטען רעליגיאָנס־דינסט מיט קרבנות, וועלכער האָט אויך איינגעשלאָסען מענשען־קרבנות.

אין פּערו אָבער זיינען די פערהעלטניסען געווען גאַנץ אַנדערס אין דער צייט, ווען די שפּאַניער האָבען עס ענטדעקט. אין יענער צייט האָט אין פּערו געהערשט אַ פאָלשטענדיג אויסגעאַרבייטער שטאַאַטס־סאָציאַליזם, אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן פון פאָלק, און דאָך איז דאָרט דאַמאָלס געווען אַ הערשער־קלאַס ווי אויך אַ פּריסטער־קלאַס.

דער געלעהרטער ריינהאָלד ברעהם שילדערט די אָרגאַניזאַציאָן פון פּע-רואַנישען פאָלק מיט פאָלגענדע ווערטער: די פּערואַנער האָבען געהאַט אַ זונדערבאַרע שריפט־שפּראַך אין די שנירען־בענדלאַך. דורך דיזע שפּראַך האָט מען די אינקאַס (ד. ה. די קעניגען) געגעבען צו וויסען די צאָהל פון די איינוואוינער, זייערע גיטער, די מיטלען און די פּראָדוקטען פון גאַנצען לאַנד ביז די קלענסטע איינצעלהייטען. דורך דיזע שנירען־בענדעל־שפּראַך האָבען די הערשער געוואוסט ווי איינצואָרדנען און צו פערטיילען דעם דינסט און די אַרבייט צווישען פאָלק אין לאַנד, צו פאָדערן שטראָפען פיר די, וועלכע האָבען עס מיט רעכט פערדינט, צו בעקומען פון יעדען קרייז אָדער געביט די ריכטיגע צאָהל קריגער. אין פאַל ווען אין איין געביט זיינען די געוויקסען ניט געווען געראָטען, האָבען זיי דורך דיזע שפּראַך געוואוסט ווי פיעל גע-טריידע אהין צו שיקען פון די ערטער, וואו די ערנטע איז געווען גוט. זיי האָבען געוואוסט אויסצורעכנען ריכטיג ווי פיעל יעדער געביט איז אין שטאַנד ארויסצוברייגען פון זיין באָדען אָדער פון זיין אינדוסטריע, ווי פיעל עס ברויכט פיר זיך און ווי פיעל עס קען און מעג אָפּשיקען אין די שטאַאַטס־מאַגאַזינען, צום אונטערהעלפען אַנדערע געביטען אין אַ צייט, ווען זיי וועט

פעהלען. אין צייט פון אַ פאָלקס־צעהלונג פלעגען זיי איינטיילען דאָס פאָלק אין פאָלגענדער אַרט: די *אַלטע שלעפער*, איבער 60 יאָהר אַלט, פרייע פון יעדער אַרבייט און דינען נאָר אַלס ראַט־געבער אין דער רעגירונג; *האַלב־אַלטע*, וואָס זיינען איבער 50 יאָהר, פרייע פון שווערער אַרבייט און האָבען אַכטונג צו געבען אויף אַנדערע, דאָס זיי זאָלען טאָן זייער זאַך ווי עס געהער צו זיין; *אַרבייטס־אַלטערליכע*, פון 25 ביז 50 יאָהר אַלט; *יוגענדליכע*, פון 20 ביז 25 יאָהר, וועלכע האָבען בעדאַרפט טאָן די גרינגערע אַרבייט; *שפּראָצענדע יונגען*, פון 8 ביז 16 יאָהר; נאָכדעם זיינען געגאַנגען אין דער פאָלקס־צעהלונג קינדער פון 6 ביז 8 יאָהר, פון 4 ביז 6 יאָהר, פון 1 ביז 2 יאָהר, וועלכע זיינען געווען בעוואוסט אין דער פאָלקס־צעהלונג אונטער'ן נאָמען *פּוסשטעהער*, קינדער פון 8 ביז 12 מאָנאַטען און ניי־געבאָרענע.

יעדער בעאַמטער האָט געוואוסט די צאָהל און דעם אַלטער פון די מיטגלידער פון יעדער פאַמיליע, וואָס איז געווען אונטער זיין השגחה. יעדען געבורט־פאַל אָדער טויט־פאַל האָט דיזער בעאַמטער געמוזט רעפּאָרטירען צו זיין העכערען בעאַמטען יעדען 1טען פון מאָנאַט דורך שנור־בענדלאַך. דיזער העכערער בעאַמטער האָט געמוזט אַלע פערטעל יאָהר רעפּאָרטירען צו זיין העכערען בעאַמטען דעם רעזולטאַט פון דעם געבורט־צוואוואַקס און דעם אָפּפאַל פון די טויט־פעלען אויך דורך שנור־בענדלאַך, און דיזער לעצטער בעאַמטער האָט געמוזט צו ענדע פון יאָהר צושטעלען וועגען דעם אַ יעהרליכען רעפּאָרט צום שטאַטהאַלטער פון דער פּראָווינץ און דיזער לעצטער האָט דיזע ידיעות צוגעשטעלט צום אינקאַ (קעניג) פון לאַנד.

קיין אָפּצאָהלונגען אָדער שטייערן אין אונזערען זין פון וואָרט זיינען ביי די פּערואַנער ניט געווען. די רעגירונג האָט פון יעדען בירגער געפאָדערט נאָר אַרבייט, און ווען עס איז געווען נעטיג — אויך דאָס לעבען. אַלזאָ זיינען ביי זיי געווען נאָר צוויי סאָרטען שטייער: אַרבייט־שטייער און בלוט־שטייער. דיזע אָרדנונג האָט געפאָדערט זעהר פיעלע בעאַמטע, וועלכע האָבען געהאַט אויסצופאָרשען די ריכטיגע פעהיגקייט פון יעדען אַרבייטער, זיינע קרעפטען, די מאָס אַרבייט, וואָס ער קען זאָן מוז ברייגנען, בעשטימען דעם אָרט, וואו זיין אַרבייט איז נעטיג און וואו ער קען מיט זיין אַרבייט ברייגנען מעהר נוצען. עס זיינען לויט דעם געווען בעשטימט בעאַמטע איבער פעלד־אַרבייטער, האַנט־אַרבייטער, פאַסטוכער, יעגער, פישער א. ד. גל.

דאָס גאַנצע לאַנד, יעדער בעזיץ, יעדע שאַפונגס־קראַפט האָט געהערט צום אינקאַ. ער האָט איינגענומען אַלעס און אויסגעגעבען אַלעס. אַלס הפקר־

גיטער האָבען זיך גערעכענט: ווילד־וואקסענדע פרוכט־בוימער, אנדערע נוצ-באַרע פלאַנצונגען, ווי באַוועל, פלאַקס א. ד. גל., זאַלץ־קוועלען און שטיינ-זאַלץ־לאַגערן. יעדער בירגער האָט דיזע אַלע זאַכען געקענט נעהמען פיר זיין געברויך ווי פיעל ער האָט געוואָלט, קיינעם ניט פרעגען אום וועלכע עס איז ערלויבניס. אָבער קיינער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט דיזע אַלע זאַכען צו פערניכטען אָדער פערדערבען. אויך פון דיזע הפקר־גיטער האָט מען אַ גע-וויסען טייל געמוזט אריינבריינגען אין די מאַגאַזינען פון דער פּערואַנישער רעגירונג פיר דעם אַלגעמיינעם פּאָלקס־געברויך.

גאַנץ פריי פון אַלע ארבייטען איז געווען די פאַמיליע פון דעם הערשער און איהרע קרובים, די גייסטליכע, די ערוועהלטע הויכע בעאַמטע, די חיל-פיהרער, ריכטער, שטאַאַטס־בעאַמטע, סאָלדאַטען וועהרענד זיי זיינען אין פעלד און יונגע מענשען דעם ערסטען יאָהר נאָך זייער הייראַט. מיליטער-דינסט איז געווען אַן אַלגעמיינע פליכט, פון וועלכער אפילו די פאַמיליע פון הערשער איז ניט געווען פריי.

יעדער מאַן האָט פון דער פרוכט פון זיין אַרבייט געמוזט געבען אַ גע-וויסען טייל פיר גאָט, אַ טייל פיר דעם הערשער, אַ טייל פיר די געמיינדע (פיר דעם כלל) און אַ טייל פיר זיך זעלבסט. אָבער גאָט, הערשער און גע-מיינדע האָבען פון זייער זייט אויך געמוזט זאָרגען פיר דעם איינצעלנעם, ווען אַלטקייט, קראַנקהייט אָדער אונגליק האָט איהם געמאַכט אונפעהיג צו אַרבייטען. קיין לעדיג־געהער האָט די רעגירונג ניט געדולדעט און זי האָט פיר דיזעם הארט בעשטראָפט. עס זיינען דאָרט ניט געווען קיין בעטלער, ווייל די געמיינדע האָט געזאָרגט פיר אַלטע, שוואַכע און פערקריפּעלטע און האָט זיי פערשאַפט אַלעס, וואָס זיי האָבען געהאַט נעטיג: וואוינונג, קליי-דער, שפּייז, און דיזעם האָבען זיי בעקומען ניט אַלס נדבה, אַלס צדקה, נאָר אַלס אַ חוב, וואָס עס קומט זיי פון דער געמיינדע און פון דעם שטאַאַט. יעדער איינצעלנער האָט געאַרבייט פיר דעם כלל, אָבער דער כלל האָט גע-מוזט אויך זאָרגען פיר דעם איינצעלנעם, עס זאָל איהם קיינמאָל ניט פעהלען קיין זאַך וואָס איז נעטיג פיר אַ מענשען צו זיין אונטערהאַלט. יעדער האָט געגעבען צו דעם כלל, אָבער יעדער האָט אויך גענומען פון דעם כלל. אין די מאַגאַזינען פון שטאַאַט און פון דער געמיינדע איז אריינגעקומען אַלעס, וואָס יעדער האָט אויסגעאַרבייט מעהר פון זיין געברויך: דער פעלד־אַרבייטער האָט אַהין אריינגעשיקט אַלעס, וואָס איז געווען מעהר פון דעם געברויך, דאָס האָבען אויך געטאָן דער האַנט־אַרבייטער און דער פאַבריקאַנט. פון דאָרט האָט דער אַרבייטער בעקומען זיין ברויט און דער פעלד־אַרבייטער זיינע קליידער, שיך

און כלים. פון דיזע מאַגאַזינען האָבען בעקומען אַלעם נעטיגע די בעאַמטע, די סאָלדאַטען, די שאָסעען־בויער, מויערער, פּריסטער, ריכטער, געלעהרטע. דיזע אַלע האָבען אויך גענומען פון די אַלגעמיינע מאַגאַזינען אַלע זייערע בעדערפניסען, ווייל זייער אַרבייט איז אויך געווען נעטיג און ניצליך פיר יעדען איינצעלנעם און פיר אַלעמען.

דיזעם גליקליכע און רוהיגע לאַנד איז ערָאָבערט געוואָרען פון אַ קלייגער צאָהל שפּאַניער, וועלכע האָבען עס גרינג צושטערט. ניט אַכטענדיג אויף די בעסטע אָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין דיזען סאָציאַליסטיש־איינגעאָרדענטען שטאַאַט, האָט זיי אין דער שטונדע פון נויט געפעהלט די פעהיגקייט פון ווידערשטאַנד געגען אַ פיינד. צווישען די אַלע מעלות פון אַ קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן קוקען בולט אַרויס אויך די פעהלערן, וועלכע זיינען אונפערמיידליך אין יעדען סאָציאַליסטישען שטאַאַט. דאָס פאָלק איז געווען פערזאָרגט מיט אַלען נעטיגען, עס האָט ניט געוואוסט פון קיין מאַנגעל, אָבער עס האָט איהם געפעהלט די מעגליכקייט צו אַ פרייער ענטוויקלונג. אַ גרויסע מחנה פון בעאַמטע האָט געצוואונגען דאָס פאָלק צו טאָן זיין אַרבייט אין דער אַרט און ווייזע, ווי עס איז פאָרגעשריבען געוואָרען פון דער רעגירונג. דיזע אַרבייט האָט אמת געזיכערט דאָס פאָלק זיין עקסיסטענץ אָהן צו פיעל אָנשטרענגונג, אַזוי דאָס איהם האָט קיין נעטיגע זאַך ניט געפעהלט, אָבער דעם פאָלק האָט געפעהלט דער פרייער ווילען, עס האָט איהם געפעהלט דער גייסט פון איניציאַטיוו (אַליין עטוואָס צו אונטערנעהמען), עס האָט אין איהם דערשטיקט יעדען גייסט פון פאָרטשריט. די גאַנצע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן האָט זיך דאָרט קאָנצענטרירט אין דעם אינקאַ, און אַלס דיזער איז אין יאָהר 1535 געפאַנגען געוואָרען דורך פּיצאַררא, וועלכער האָט אַפילו זיין נאָמען ניט געקענט אונטערשרייבען, האָט דעם גוט־אָרגאַניזירטען שטאַאַט געפעהלט דער קאָפּ, וואָס זאָל זיי בעפעהלען, און עס איז אין גאַנצען אומגעפאַלען ווי אַ קאָרטען־שטיבעלע. אָנשטאָט אַן אַבסאָלוטען הערשער האָבען די פּערואַנער געהאַט אַ גאַנצע מחנה בעאַמטע, וואָס האָבען זיי געצוואונגען טאָן וואָס דאָס געזעץ האָט פאָרגעשריבען, ד. ה. אַ גאַנצע מחנה הערשער, וועלכע האָט ניט ערלויבט יעדען איינציגען טאָן זיין אַרבייט פריי מיט וועלכער עס איז ענדערונג און האָט געהינדערט די פרייע ענטוויקלונג. איבער דעם פאָלקס־קאַפּיטאַל האָט ניט געהערשט דאָס פאָלק, דער אַרבייטער, וואָס האָט דעם קאַפּיטאַל בעשאַפען, נאָר אַ גאַנצע קלאַס בעאַמטע, וועלכע זיינען געווען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי אַ הערשענדע קלאַס.

דער שיקזאַל פון די בעזיגטע איז איבעראַל געווען אַ טרויעריגער. די דערפער מיט די הייזער זיינען פערברענט און פערוויסטעט געוואָרען. דערצו האָבען נאָך די שפּאַניער געצוואונגען די פערואַנער אויפצוגעבען זייער אַלטע רעליגיאָן און אָננעהמען דאָס קריסטענטום. דאָס איז אויך געטאָן געוואָרען מיט דער הילף פון שווערד און פייער. אויך די פּאָקען־קראַנקהייט, וואָס די שפּאַניער האָבען אַריינגעבראַכט אין דאָס ניי־ענטדעקטע לאַנד, האָט פערניכטעט אַ גרויסען טייל פון דער בעפעלקערונג, און די וואָס זיינען איבערגעבליבען פון שווערד, פון פייער, פון קראַנקהייטען, זיינען געצוואונגען געוואָרען פון די בעזיגער צו שווערער אַרבייט. די אינדיאַנער זיינען אין אַלגעמיין ניט געווען געוועהנט צו שווערער אַרבייט, און די אייראָפּעער האָבען זיי געצוואונגען צו טאָן זייערע פעלד־אַרבייט, צו גראָבען זייערע גאָלד־ און זילבער־מינעס. די ווייסע האָבען ניט געוואוסט קיין גרענעץ צו זייער האָבזוכט. זיי האָבען געאַרבייטעט מיט די אינדיאַנער איבער זייערע קרעפטען, און דערפון זיינען זיי אין גרויסע מאַסען צושטאָרבען פאַר דער צייט. פיעלע פון די אינדיאַנער האָבען זיך גענומען דאָס לעבען, ווייל עס איז זיי געוואָרען איבערדריסיג און אונערטרעגליך, און דיזעס אַלעס האָט געפיהרט צום אונטערגאַנג פון דער קאָלירטער ראַסע. די דאָמיניקאַנער גייסטליכע האָבען זיך אַפילו געגעבען פיעל מיה אויפמערקזאַם צו מאַכען די אייראָפּעער אויף דאָס שרעקליכע אונרעכט, וואָס זיי טוען צו די אינדיאַנער, אָבער דער געלט־גייץ האָט איבערגעוואויגען אַלע פּרינציפּען פון מאָראַל, און זיי האָבען פאָרטגעזעצט צו טאָן זייערע אונרעכטען צו די אָרימע בעזיגטע. לאַס קאַסאַס, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פערטיידיגער פון די אינדיאַנער (געשט. אין יאָהר 1506), אום זיי צו רעטען פון אונטערגאַנג, האָט געראַטען, דאָס מען זאָל בעסער געברויכען צו שווערע אַרבייט די נעגערן, ווייל זיי זיינען שטאַרקער פון די שוואַכע אינדיאַנער. אָבער זיין עצה האָט נאָר געהאָלפען צו פערשקלאַפען די שוואַרצע ראַסע, און האָט גאָר ניט פערגרינגערט דעם שיקזאַל פון די אינדיאַנער.

די פערואַנער און מעקסיקאַנער זיינען פערשקלאַפט געוואָרען אַלס לייב־אייגענע, און די איבריגע אינדיאַנער זיינען פעריאָגט געוואָרען אין די וועלדער. אָבער די אייראָפּעער האָבען זיי דאָרט אויך ניט געלאָזען רוהען, און האָבען זיי דורך בלוט־הינט געיאָגט פון איין אָרט צום אַנדערען. אַזוי האָבען די אייראָפּעער ביסלאַכווייז אָפּגענומען פון זיי זייער לאַנד און זיי פערניכטעט. און וואָס דער שווערד און די בלוט־הינט האָבען נאָך איבערגעלאָזען, האָט די אייראָפּעאישע „קולטור", ד. ה. דער שנאַפּס, מיט דער הילף פון פער-

שלעפּטע עפּידעמישע אייראָפּעאישע קראַנקהייטען, גענענדיגט צו פערניכטען. עס איז ניט צו בעשרייבען די אַלע גרויזאַמקייטען און גוואַלדטאַטען, וואָס די שפּאַניער און פּאָרטוגעזען האָבען געטאָן צו די אינדיאַנער פון צענטראַל- און זיד-אַמעריקאַ, און וואָס די יאַנקיס (ענגלענדער) האָבען צו זיי געטאָן אין נאָרד-אַמעריקאַ. די אַלע גרויסע מעלות פון דער אייראָפּעאישער קולטור זייי-נען ניט אין שטאַנד אָפּצואוואַשען דעם גרויסען שאַנדפלעק, וואָס די אייראָ-פּעער האָבען ארויפגעלעגט אויף דעם נאָמען פון דער אַרישער ראַסע מיט דעם פערניכטען פון דער אינדיאַנער ראַסע. זעהר ריכטיג האָט דער עסטריי-כישער פּאָעט לענאו איבערגעגעבען די געפיהלען פון האַס פון די אינדיאַנער צו די ווייסע אין זייער לעצטען פערצווייפלונגס-קאַמף:

פלוך צו די ווייסע! פלוך צו זייערע לעצטע שפּורען!
פלוך צו די וועללען, אויף וועלכע זיי זיינען געפאָהרען!
פלוך צום ווינט, וועלכער האָט זייערע שיפען געבראַכט צו אונז!
פלוך צו יעדען שטיין, וואָס האָט זייערע שיפען ניט צושמעטערט!...
קיין זאַך האָט אונז די רויבער-באַנדע ניט איבערגעלאָזען,
נאָר אַ ביטערען שרעקליכען האַס אין אונזערע הערצער...
קומט, קינדער, קומט, לאָמיר בעסער שטאַרבען!

אין דער צייט, ווען די שפּאַניער האָבען געמאַכט גלענצענדע עראָבערונ-גען אין אַמעריקאַ, האָבען די פּאָרטוגעזען פּאָרטגעזעצט צו מאַכען גרויס ער-פאָלג אויף דעם אַלטען וועג, וועלכען זיי האָבען שוין לאַנג אָנגעפאַנגען. אין יאָהר 1497 האָט דער פּאָרטוגעזישער קעניג עמאַנועל געשיקט דעם בעריהמטען ים-פאָהרער וואַסקאָ דע גאמאַ מיט פיער שיפען אום ארומצופאָהרען דעם זידליכען שפּיץ פון אַפריקאַ. וואַסקאָ דע גאמאַ איז ווירקליך ארומגעשוואומען דעם זידליכען ברעג פון אַפריקאַ און איז געקומען צו מאָזאַמביק און מעלינדאַ. אויף זיין רייזע האָט ער געליטען שרעקליך פון שטורמווינטען, און מעהר פון די רעוואָלוציאָנען פון זיינע מאַט-ראָזען. פון דאָרט האָט ער פּאָרטגעזעצט זיין רייזע איבער דעם אינדישען אָקעאַן און דעם 18טען מאַי 1498 איז ער געקומען צום האַפען פון קאַ-ליקוטאַ אין אינדיען. אזוי איז ענדליך געפונען געוואָרען דער וועג נאָך אינדיען, וועלכען מען האָט יאָהרען-לאַנג געזוכט. אָבער דער הייסער וואונש פון די פּאָרטוגעזען צו שליסען מיט אינדיען אַ האַנדעלס-פערטראַג איז ניט ערפילט געוואָרען. דערצו האָבען פיעל געשאַדט די אַראַבער, וועלכע זיינען געווען זעהר אייפערזיכטיג אויף די פּאָרטוגעזען. די פּאָרטוגעזען האָבען זיך

באַלד געמוזט צוריקקעהרען, ווייל מען האָט אַרויסגעלאָזען אַ קול, דאָס זיי זיינען זעע־רויבער.

ווי נאָר עס איז אין פּאָרטוגאַל בעקאַנט געוואָרען דער פאַקט, דאָס וואַסקאָ דע גאַמאַ האָט אויסגעפונען דעם לאַנג־געזוכטען וועג נאָך אינדיען, האָט דער קעניג באַלד געשיקט אַ פלאָטע נאָך אינדיען און האָט געגעבען דעם אַדמיראַל פּעדראָ אַלוואַרעץ קאַבראַל אַ בעפעהל, דאָס ער זאָל אויף יעדען פאַל זעהן שטעלען אין אינדיען אַ פעסטען פוס. קאַבראַל האָט זיך גענומען צו פיעל צו וועסט און דעריבער איז ער געקומען ניט אין אינדיען, נאָר ער האָט ענטדעקט בראַזיליען, וועלכע ער האָט גענומען אין בע־זיץ פיר פּאָרטוגאַל. נאָכדעם איז ער אַוועק צו אָסט־אינדיען, אָבער אויף'ן

וואַסקאָ דע גאַמאַ.

וועג האָט ער אין אַ שטורם פערלאָרען אייניגע שיפען. ענדליך האָט ער דער־גרייכט קאַלקוטאַ נאָר מיט 6 שיפען. דאָ האָבען די מאַהמעדאַנער געמאַכט געגען איהם אַן אויפשטאַנד, און ער האָט געמוזט אַוועק פון דער שטאָדט קאַל־קוטאַ און איז געגאַנגען נאָך זיד. דאָרט האָט ער געשלאָסען האַנדעלס־טראַק־טאַטען מיט די קעניגען פון קאָשין און קאַנאַנאָר, און האָט זיך אומגעקעהרט נאָך ליסאַבאָן מיט אַ רייכער לאַדונג פון אינגבער און פעפער, ווי אויך אַנדערע טייערע געווירצען.

פון דיזער צייט אָן זיינען געמאַכט געוואָרען אייניגע עקספּעדיציאָנען נאָך אינדיען, און דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די פּאָרטוגעזען האָבען גע־

גרינדעט אין אָסט־אינדיען אַ שטאַטהאַלטערשאַפט, וועלכע האָט געמאַכט האַנדעלס־געזעצען, ווי די פּאָרטוגעזען האָבען געוואָלט און ווי עס איז פיר זיי געווען בעסער, און האָט געצוואונגען די אינדוסען זיי אָננעהמען זאָגאר געגען זייער ווילען. די העכסטע מאַכט האָבען די פּאָרטוגעזען דערגרייכט אונטער דעם צווייטען פּאָרטוגעזישען וויצע־קעניג אין אינדיען אַלפאָנס אַלבוקערקע, וועלכער האָט מיט גרויס ענערגיע און קלוגהייט דורכ־געפיהרט זיין פּלאַן צו פערשאַפען די פּאָרטוגעזען די הערשאַפט איבער די ברעגען און ימים פון אינדיען. ער האָט ערוואָרבען דעם גאַנצען ברעג פון מאַלאַבאַר און האָט געמאַכט די שטאָדט גאָאַ פיר דעם מיטעלפּונקט פון דעם פּאָרטוגעזישען האַנדעל אין אָסט־אינדיען, ער האָט ערָאָבערט מאַ־

פערנאַנדאָ דע מאַגעלהאַן.

לאַקקאַ, האָט ענטדעקט די מאָלוקקען־אינזלען און האָט איינגענו־מען די קליינע אָבער זעהר וויכטיגע אינזעל אָרמוס. דיזע אינזעל איז פיר די פּאָרטוגעזען געווען זעהר וויכטיג, ווייל זי דינט אַלס איינגאַנג אין דעם פערסישען ים־בוזים, און דערמיט האָט ער געזיכערט דעם גאַנצען האַנ־דעל פון איראַן, פון די לענדער פון דעם טיגרים און דעם אייפראַט (ד. ה. די לענדער, וואָס געפינען זיך אַרום די טייכען פרת און חדקל) פיר די פּאָר־טוגעזען. מיט דעם האָט אַלפאָנס אַלבוקערקע געמאַכט דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג אַ זעהר גרויסען נאָמען. די איינהיימישע פירסטען האָבען דעם וויצע־קעניג געשיקט געזאַנדטשאַפטען און פּרעזענטען אום צו צייגען איהם

זייער רעספעקט, און זיי האָבען געזוכט מיטלען צו ערוועררבען זיין פריינד-שאַפט. די בעזיצונגען פון די פּאָרטוגעזען האָבען זיך דערווייל פערברייטערט מעהר און מעהר. עס האָט ניט לאַנג גענומען און צו די פריהערדיגע בעזיצונגען זיינען צוגעקומען אַדען און די אינזעל דיאו. עס זיינען אויך געגרינדעט געוואָרען קאָלאָניעס אויף דער אינזעל ציילאָן און אויף דעם ברעג פון קאָראָמאַנדעל, אויך אויף די סונדאַ-אינזלען, און ענדליך האָט פּאָרטוגאַל געשלאָסען האַנדעלס-פערבינדונגען מיט כינא און מיט יאַפּאַן.

די ענטדעקונגען פון די שפּאַניער האָבען געהאַט אַ בעזונדערען איינפלוס אויף די פּאָרטוגעזען. אין יאָהר 1519 האָט פערדינאַנד מאַגעלהאַן געמאַכט די ערסטע פּראָבע נאָך קאָלומבוס'ן צו זוכען דעם וועג נאָך דעם אינדישען אָקעאַן דורך די וועסט-זייט. דעם 12טען יאַנואַר 1520 איז ער געקומען מיט די שיפען, וואָס די שפּאַנישע רעגירונג האָט איהם איבערגעגעבען, צו דער מינדונג פון דעם טייך לאַ-פּלאַטאַ און האָט ענדליך ענטדעקט די ים-שטראַס (ד. ה. דעם שטראָם, וואָס ציהט זיך דורך לאַנד פון איין ים צום אַנדערען). דיזע שטראַס איז היינט בעוואוסט אונטער דעם נאָמען פון דעם ענטדעקער „מאַגעלהאַן-שטראַס". דורך דיזע שטראַס איז ער אַריין אין אינדישען אָקעאַן, און האָט ווירקליך געפונען דעם וועג נאָך אָסט-אינדיען דורך די וועסט-זייט, וועלכען קאָלומבוס האָט געזוכט און האָט ניט געפונען. ווען ער איז דורכגעפאָהרען דיזע ים-שטראַס און איז דורך איהר אַריין אין דעם אונגעהייער גרויסען זידליכען אינדישען אָקעאַן איז זיין פרייד געווען געמישט מיט אַנגסט און ליידען. 112 טעג האָט געדויערט זיין רייזע, אין וועלכער ער האָט געליטען אַלערליי שטורמווינטען, הונגער און אויפשטאַנדען פון די מאַטראָזען, ביז ער איז ענדליך געקומען צו די לאַדראָנען, וואו זיינע מענשען האָבען זיך אָפּגעפרישט מיט די טייערע פּרוכטען פון דיזע מערקווירדיגע אינזלען. נאָכדעם איז ער געפאָהרען ווייטער און האָט ענטדעקט די פיליפּפינען-אינזלען. דאָ האָט ער געשלאָסען אַ בונד מיט סעבו, אַ קעניג פון איינעם פון דיזע אינזלען, און האָט איהם געהאָלפען אין זיין שטרייט מיט דעם קעניג פון דער בענאַכבאַרטער אינזעל מאַטאַן. אין דיזען שטרייט איז מאַגעלהאַן געפאַלען. די מאַנשאַפט איז געבליבען אָהן אַ פיהרער. דער גרעסטער טייל פון זיי איז אומגעקומען דורך די פאַלשקייט פון דעם קעניג סעבו, וועלכען זיי האָבען געהאָלפען אין דעם שטרייט מיט דעם קעניג פון אַן אַנדער אינזעל, און אין וועלכען שטרייט זייער פיהרער האָט פערלאָרען זיין לעבען. דער רעסט פון

דער מאַנשאַפט האָט זיך קוים גערעטעט אויף צוויי שיפען. איינס פון די צוויי שיפען איז אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די פּאָרטוגעזען, וועלכע האָבען זיך שוין לאַנג בעזעצט אויף די מאָלוקקען=אינזלען. דאָס צווייטע שיף מיט 13 פערזאָן איז ענדליך דעם 7טען סעפטעמבער 1522 געקומען אין שפּאַ-

אַמעריגאָ וועספּוטשי.

ניען פון דער אָסט=זייט בעלאַדען מיט זעהר פיעלע רייכע און טייערע געווירצען.

דאָס איז געווען די ערסטע רייזע אַרום דער וועלט. **דיזע רייזע האָט** בעוויזען דער וועלט די ריכטיגע גרויס פון אונזער ערד, און האָט אויך געוויזען קלאָר, דאָס קאָלומבוס האָט ענטדעקט אַ נייעם וועלט=טייל, און ניט

ווי ער זעלבסט האָט געדענקט, דאָס ער האָט דערגרייכט אָסט־אינדיען. **דער** נייער וועלט־טייל, וואָס קאָלומבוס האָט ענטדעקט, האָט דורך אַ צופאַל בע־קומען דעם נאָמען „אַמעריקאַ", ניט נאָך דעם נאָמען פון דעם ריכטיגען ענט־דעקער קאָלומבוס. דער נאָמען „אַמעריקאַ" קומט פון אַ געוויסען רייזענדען, אַ שפּאַנישען בעאַמטען, וועלכער האָט פערעפענטליכט אַ קאַרטע מיט פיעלע ידיעות פון זיינע רייזען און ענטדעקונגען. אַ דייטשער געלעהרטער מיט'ן נאָמען וואַלדזעמיהלער האָט ארויסגעגעבען דיזע קאַרטע און די בעריכטען און האָט דיזען נייעם וועלט־טייל אַ נאָמען געגעבען טעררא אַמעריקאַ, נאָך דעם נאָמען פון דעם פערפאַסער פון דיזע בעריכטען, וועלכער האָט געהייסען אַמעריגאָ וועספּוטשי, און אַזוי איז דיזער נאָ־מען פערבליבען. זאָגאַר אין שפּאַניען זעלבסט האָט מען **די עהרע**, וואָס האָט געהערט צו קאָלומבוס'ן, אָפּגעגעבען צו אַן אַנדערען.

ב. די רענעססאַנס.

(די ווידער־אויפלעבונג פון קונסט און וויסענשאַפטען.)

מיר זיינען געוועהנט פון קינדהייט אָן, ד. ה. פון דער צייט, וואָס מיר בעזוכען די שולע, צו בעטראַכטען די מענשען פון אַלע צייטען, זאָגאַר אונטער פערשיידענע אומשטענדען, מיט די זעלבע גייסטיגע פעהיגקייטען און שטרע־בונגען, מיט די זעלבע געדאַנקען און אַנזיכטען. אָבער דיזע פאָרשטעלונג איז דורכאויס פאַלש. אין אַלטערטום און אין מיטעלאַלטער האָט געהערשט אַ גאַנץ אַנדערע אידעע וועגען דעם מענשען, זיין עקסיסטענץ, זיינע פליכטען און זיינע רעכטען ווי אין דער נייער צייט. אין דער אַלטער וועלט און אין מיטעלאַלטער האָט דאָס אינדיווידואום, דער יחיד, געשפּילט זעהר אַ קליינע ראָלע. אַלעס איז געווען בעטראַכט פון דעם שטאַנדפּונקט פון כלל, און וואו נאָר עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען טובת הכלל איז דער פּרט בטל געוואָרען. דער פּערזענליכער ווילען פון אַ מענשען האָט געמוזט איגנאָרירט ווערען, ווען די פאַמיליע, דער שבט אָדער דאָס פאָלק האָט געהאַט עטוואָס דאַגעגען. יע־דער האָט געמוזט ווירקען און טאָן וואָס דער כלל האָט געפאָדערט. דער גייסט פון דער נייער צייט פאָדערט פערזענליכע פרייהייט. אין די אַלטע צייטען האָט דאָס קינד געמוזט פיינד האָבען דעם שונא פון די עלטערן, און ליבען זייער פריינד. זיין געפיהל האָט מען ניט געפרעגט. דער זוהן האָט געמוזט נעהמען אַ פרוי, וועלכע איז געווען געפעלען זיינע עלטערן און וועל־כע האָט געפּאַסט נאָך איהר אָפּשטאַמונג צו זייער משפּחה, וועגען **זיינע**

אייגענע געפיהלען האט זיך קיינער ניט געקימערט. דער איינצעלנער האט ניט געהאט קיין פרייהייט, ער האט ניט געטארט האבען קיין אייגענעם ווי־לען, איבערהויפט ווען זיין ווילען האט ניט געשטימט מיט דעם ווילען פון די עלטערן און פון דער משפחה.

אפילו דאס געריכט אין די אלטע צייטען און אין מיטעלאלטער האט פאר זיך צום מעהרסטען ניט געהאט קיין איינצעלנע פערזאנען, א פערברע־כער מיט א קלעגער, נאר א משפחה מיט א משפחה, א שבט מיט א שבט. האט איינער געטאן עפעס אן עוולה אן אנדערען פון אן אנדער פאמיליע, האט ניט דער קלעגער געפאדערט בעפרידיגונג פיר זיך, נאר די משפחה האט דיזע געפאדערט פון יענער משפחה, וויל פיר די טאטען פון יעדען אינדי וידואום איז געווען פעראנטווארטליך זיין גאנצע משפחה, און די בעליידי־גונג פון אן אינדיווידואום איז געווען א בעליידיגונג פיר די גאנצע משפחה.

כמעט דאס זעלבע איז צו בעמערקען אין דער קונסט פון מיטעלאלטער. די מיטעלאלטערליכע פארטרעטען, צום ביישפיל, זיינען ניט בילדער אינדי־ווידועל געשטאלטעט, נאר געמאכט לויט דעם צוזאמענגרעדען זיך פון די קינסטלער. דעריבער זיינען כמעט אלע פארטרעטען פון מיטעלאלטער עהנ־ליך איינער צום אנדערען, זיי האבען אלע איין פאסאן. די פערזאנען אין די דיכטונגען בעשטעהען נאר פון צוויי גרופען: טרייע און ניט טרייע. גאנץ אנדערש איז עס געווארען אין אנפאנג פון דער נייער צייט. אנפאנגס אין איטאליען און נאכדעם אויך אין אנדערע לענדער האט יעדער פארטרעט גע־האט א שארפען אייגענעם כאראקטער, א פולע פערזענליכקייט. די זעלבע בע־וועגונג און שטרעבען איז אויך צו בעמערקען אויף אנדערע געביטען פון קונסט, איבערהויפט פון פאעזיע און ליטעראטור, ווי מיר וועלען עס זעהן שפעטער.

דעם גרונד דערפון איז צו זוכען אין דער געלט־ווירטשאפט. דאס איינ־דרינגען פון דער געלט־ווירטשאפט האט פערניכטעט אלע פאמיליען־ און געגאסענשאפטס־באנדען. יעדע איינצעלנע פערזאן האט אנגעהויבען עקא־נאמיש צו שטעהן אויף אייגענע פיס, ניט זיין פערבונדען, אפהענגיג פון אנ־דערע פערזאנען. די גאנצע געזעלשאפט איז צופאלען אין איינציגע אטאמען. עס איז פערשוואונדען געווארען דער ריקהאלט פון דער פאמיליע. יעדער איינציגער האט געמוזט ענטוויקלען זיינע פערזענליכע פעהיגקייטען. קורץ, עס זיינען ארויף אויף די סצענע פון דער געשיכטע אינדיווידואליטעטען. עס האט אריינגעדרונגען א גאנץ נייע קולטור, וועלכע איז געווען א פאלשטענדי־גער געגענזאץ צו דער אלטער, דער פריהערדיגער קולטור. עס איז ענטשטא־

נען אַן אינדיווידואַליסטישע קולטור. עס האָט אָבער לאַנג גענומען ביז די ביידע קולטורען, די אַלטע און די נייע, זיינען געקומען צו אַ פערגלייך, ביז דער קאַמף האָט צווישען זיי אויפגעהערט. זעלבסטפערשטענדליך איז די מאַסע פון פאָלק געבליבען אונבעריהרט פון דעם אַריינשטראָמען פון די נייע אַנזיכטען. דער בויער איז פון דער נייער געלט-ווירטשאַפט געבליבען אונבעריהרט. ער האָט נאָך אַלץ געאַרבייט בלויז פיר זיין געברויך. נאָר אין די העכערע קרייזען פון דער געזעלשאַפט האָט זיך ענטוויקעלט דער געדאַנק פון אַן אַנדער פאָרמע פון געזעלשאַפטליכען לעבען, אַ פאָרמע, אין וועלכער די אינדיווידועלע פרייהייט שטעהט אין פראָנט.

איטאַליען איז די ערסטע אַרויס אין די נייע קולטור בעוועגונג. דאָס האָט דאַמאָלס געהייסען אַ רעוואָלוציאָן אויף דעם געביט פון מאָראַל. איטאַליען האָט נאָך ניט פערגעסען איהר אַמאָליגע רוימישע הערליכקייט, און איז קיין מאָל ניט געווען פערזונקען אין נאַטור-ווירטשאַפט. דאָ האָט נאָך אימער די געלט-ווירטשאַפטליכע אָרדנונג געהאַט דאָס איבערגעוויכט. און ווען איטאַליען איז דורך די קרייץ-צוגען געקומען אין בעריהרונג מיט די אַזיאַטישע קולטורען און מיט'ן האַנדעל, זיינען די לעצטע פעאָדאַל-צושטענדען פערשוואונדען. דאַמאָלס איז אויך געוואָרען שוואַך דער בונד פון דעם כלל און דאָס פאָלק איז צופאַלען אויף איינצעלנע, אויף אינדיווידועןן. אַנשטאָט די פעאָדאַל-הערען זיינען אַרויף אויף די ביהנע די בירגער און האָבען גיך אָנגעפאַנגען צו בליהען אין זייערע שטעדט דורך אינדוסטריע און אַן אויסגעברייטעטען האַנדעל. און אַזוי זיינען בעשאַפען געוואָרען די פאָרבערייטונגען פיר אַ נייע גייסטיגע קולטור.

פון דיזער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך באַלד פערשפרייט כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, זיינען אַרויסגעוואַקסען די גרויסע שטרעמונגען פון דער רענעססאַנס און דעם הומאַניזם. די גייסטער פון דער נייער צייט האָבען זיך צוריק אָנגענומען מיט מאַכט אָן דאָס אַלטערטום; זיי האָבען זיך אַ קעהר געטאָן צו דער פעריאָדע פון דער אַלטער מענשהייט, אין וועלכער דאָס אינדיווידיאום האָט געשפּילט די הויפּט-ראָלע און איז געווען אויסגעדריקט אין קונסט און וויסענשאַפט. ניט דאָס אויסגעפונען פון נייע מאַנוסקריפּטען, ניט די אויסגראָבונג פון מאָנומענטען און בויווערק פון דער אַלטער וועלט האָט אַרויסגערופען די רענעססאַנס, ד. ה. די ווידערגעבורט פון קונסט און וויסענשאַפט, נאָר פערקעהרט, די אינדיווידואַליסטישע קולטור-שטרעמונג האָט אַרויסגערופען די ווידערגעבורט פון דער אַנטיקער קונסט, דאָס זאַמלען פון אַלטע שריפטען, דאָס ענטדעקען פון אַלטע מאָנומענטען.

ווען די קולטור צו ענדע פון מיטעלאַלטער איז צוריקגעקומען צו דער מדרגה, אויף וועלכער זי איז געשטאַנען צו ענדע פון אַלטערטום, האָבען די אוצרות פון דער אַלטער קונסט און וויסענשאַפט געקענט צוריק אויפלעבען, וועהרענד פריהער זיינען זיי געווען ווי אַ פרעמדער צווייג אין אַ ניט גינסטיגען באָדען, אויף וועלכען זיי האָבען ניט געקענט וואַקסען און טראָגען פרוכט.

מיר וועלען אָנהייבען מיט דער רענעססאַנס (ווידער־אויפלעבונג) פון דער מאַלעריי. דיזע קונסט האָט זיך דאַמאַלס מיט איין מאָל אויפגעהויבען אויף אַ זעהר הויכע שטופע, הגם זי האָט זעהר וועניג געקענט בעאיינפלוסט ווערען פון דעם אַלטערטום, ווייל עס זיינען פון יענער צייט פערבליבען זעהר וועניג שפורען פון געמעלדעס. די מאַלער־קונסט האָט זיך אין אַ קורצער צייט אויפגעהויבען אויף אַ וואונדערבאַר הויכע שטופע מיט אַן אונערוואַר־טעטער פאָלקאָמענהייט. די מאַלעריי האָט אין דער ערסטער העלפט פון 16טען יאָהרהונדערט שטאַרק געבליהט אין מערב־אייראָפּאַ. זי האָט אויפ־געשטעלט פערשיידענע שולען. אין איטאַליען האָבען זיך אויסגעבילדעט פאָלגענדע שולען: די פלאָרענטינישע, רוימישע, וועניציאַנישע, לאָמבאַרדישע און באָלאָניעזישע, פון וועלכע יעדע האָט געהאַט איהרע טיפּישע אויסצייכנונגען.

צוערסט האָט די פלאָרענטינישע שולע געמאַכט אַ נייעם וועג אין דיזער קונסט אונטער דעם שוץ פון דער בעוואוסטער רייכער און קונסט־ליבענדער פאַמיליע פון די מעדיטשי. פלאָרענץ איז דאַמאַלס צוליב דעם איינפלוס פון דיזער נאָבעלער פאַמיליע געווען דער מיטעלפונקט פון גייסטיגע שטרע־בונגען. אין פלאָרענץ זיינען צו יענער צייט געווען אין דיזער קונסט מערק־ווירדיגע גייסטער: דער רוהיג ערנסטער און ערהאַבענער מאַסאַטשיאָ, דער צאַרטער און טיף־רעליגיעזער דזשיאָוואַנני דאַ פיע־סאָלע, סעבאַסטיאַן דעל פיאָמבאָ, אַנדרעאַ דעל סאַרטאָ. אָבער פיעל העכער פון דיזע אַלע קינסטלער שטעהען: מיקעלאַנדזשעלאָ בואָנאַראָטטי און לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי, וועלכע ווערען מיט רעכט בעטראַכט אַלס די הויפּט־לעהרמייסטערס פון דער יעצטיגער גלענצענדער עפּאָכע פון דער איטאַליעני־שער מאַלעריי. דאַ ווינטשי איז מעהרסטענס געווען טעטיג אין מאַילאַנד (מילאַנאָ) אין הויף פון פראַנץ ספאָרצאַ און דעריבער רעכנען איהם אייניגע צו דער לאָמבאַרדישער שולע.

מיקעלאַנדזשעלאָ האָט געלעבט פון 1475 ביז 1564. ער איז געוועזען אַ מייסטער אין אַלע קונסטען. אָנפאַנגס האָט ער געווירקט אין פלאָרענץ.

נאָכדעם איז ער אוועק נאָך רוים, וואו ער האָט געמאַכט זיינע וויכטיגסטע אַרבייטען. צו דיזע אַרבייטען געהערען: די געשיכטע פון דער וועלט-בע-שאַפונג און דאָס איינגסטע געריכט (לעצטער יום הדין), וועלכעס איז געשאַ-פען געוואָרען אונטער דעם גייסט פון דאַנטע אין זיין „געטליכע קאָמעדיע". די הויכקייט און ווירדע פון דיזע בילדער טרעפען איבער אַלעס אין דער וועלט אויף דיזען געביט. דער פעהלער פון צאַרטהייט און ליבליכקייט ווערט ווייניג בעמערקט צוליב דער גרויסקייט און ווירדע. מיקעלאַנדזשעלאָ האָט

מיקעלאַנדזשעלאָ בואָנאַראָטטי.

אַלע מייסטערס אין זיין צייט געשטעלט אין שאָטען. הויפּטזעכליך אָבער האָט ער זיך געווידמעט צו דער סקולפּטור, און ער האָט זיך דערין ערוואָרבען דעם גרעסטען נאָמען. אין זיינע סקולפּטור-אַרבייטען האָט ער בעוויזען גרויס טאַלענט און גרויסע קענטניסען אין דער אַנאַטאָמיע. אויך האָט ער זיך אין זיינע אַרבייטען בעוויזען אַלס דיכטער. דיזעס האָט ער פיעל צו פערדאַנקען דעם איינפלוס פון זיין גייסטרייכער פריינדין וויטטאָריאַ קאָלאָננאַ.

מיקעלאַנדזשעלאָ האָט געהאַט זעהר פיעל נאָכאַהמער אין פלאָרענץ און אין רוים. זיי האָבען אָבער קיינער ניט דערגרייכט די גרויסאַרטיגע אידעען פון זייער לעהרער. אין זייערע אַרבייטען איז צו בעמערקען אַ גוואַלדיגען ווידערשפּרוך צווישען דער פאָרמע און דעם אינהאַלט. דער וויכטיגסטער

סטאַטוע פון משה'ן. פון מיקעלאַנדזשעלאָ.

פון זיינע שילער איז אָהן צווייפעל סעבאַסטיאַנאָ דעל פּיאָמבאָ. אין זיין צייכנען איז בולט דער איינפלוס פון זיין לעהרער מיקעלאַנדזשעלאָ, אָבער אין די פאַרבען זעהט זיך קלאָר און דייטליך אַרויס דער איינפלוס פון דער ווענעציאַנער שולע.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז געבאָרען געוואָרען אין פלאָרענץ אין יאָהר 1452 און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1519 אין פראַנקרייך, וואו ער האָט זיך מעהרסטענס אויפגעהאַלטען אין קעניגליכען הויף. ער געהערט צו די גרעסטע זשעניען פון אַלע צייטען און צו די פיעלזייטיגסטע מענער פון דער נייער צייט. דער הערצאָג פון מאַילאַנד האָט איהם אַיינגעלאַדען צו זיך אַלס מוזיקער און אימפּראָוויזירטער דיכטער (ד. ה. איינער וואָס קען פערפאַסען שירים ניט פאָרצובריימען זיך). ער איז דאָרט געוואָרען בוי־מייסטער פון וואַסערלייטונגען און פעסטונגען און האָט זיך אויסגעצייכענט אין אַרכיטעקטור און מעכאַניק. ער האָט אויך פיעל געטאָן פיר די וויסענשאַפט. ער איז געוועזען אַ טיכטיגער קענער פון מאַטעמאַטיקע און פיזיק און האָט אין דיזער לעצטער וויסענשאַפט געשריבען גוטע ביכער, ער האָט אויך געמאַכט זעהר פיעלע כעמישע עקספּערימענטען. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די צאָהל פון זיינע קונסט־אַרבייטען און מאַלערייען איז אַזוי קליין, ווייל ער איז געוועזען צו פיעל בעשעפטיגט מיט אַנדערע זאַכען, וועלכע האָבען איהם אויך ניט וועניג אינטערעסירט. ליידער איז פון דעם ביסעל, וואָס ער האָט געשאַפען אין דיזער קונסט, אַ היבשער טייל פערניכטעט געוואָרען.

דאָס ערסטע מייסטער־ווערק פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז זיין בעריהמטעס **אַבענדמאַהל**. דיזע ווערק איז איינס פון די וויכטיגסטע ווערק אויף דעם פעלד פון דער מאַלער־קונסט. דער אָריגינאַל איז געמאַכט געוואָרען אויף אַ וואַנט פון דער מאַריאַ דעללאַ גראַציאַ קירכע אין מאַילאַנד. אָבער די אַרבייט איז פערדאָרבען געוואָרען פון פייכטקייט און דערצו האָבען עס איינינגע פאַרטאַטשעס ערטערווייז פעררינכט און האָבען עס פערדאָרבען, אַזוי דאָס עס איז פון איהר גרויס און געניאַליטעט כמעט גאָר ניט פערבליבען. צום גליק בעזיצען מיר נאָך איין קופּערשטיך און צייכנונגען פון דיזער געמעלדע, וועלכע צייגען אונז די גרויסקייט פון זיין שעפערישען גייסט. אויף דיזען בילד זיינען פעראייניגט אין דער בעסטער האַרמאָניע: ליידענשאַפט, רוה, פיינסטע כאַראַקטעריסטיק אין די געזיכטער, אין די הענט און אין אַלע בעוועגונגען. דאָס צווייטע מייסטער־ווערק פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז דאָס בילד, וועלכעס שטעלט פאָר די שלאַכט ביי אנגהיאַראַ. דיזעס בילד איז געמאַכט געוואָרען אויף די בעשטעלונג פון דער סיניאָריאַ (אַדעל) פון פלאָרענץ, וועלכע האָט אין דער זעלבער צייט געגעבען דיזע בעשטעלונג אויך צו מיקעלאַנדזשעלאָ. דער וועט־קאַמף צווישען דיזע צוויי גרויסע קינסטלער אויסצופיהרען דיזע אַרבייט וואָס בעסער האָט אויפגערעגט

גאנץ פלארענץ. דער זיגער אין דיזען וועט־קאמף איז ארויס מיקעלאנדזשע־לא. פון לעאנארדא'ן האבען מיר נאר א בילד פון א גרופע רייטער, וועלכע שטרייטען אום איינצונעהמען א געוויסען טורם. דער שטרייט ווערט דא פארגעשטעלט זעהר לעבעדיג. אויך פון מיקעלאנדזשעלא'ס געמעלדע פון דיזען אינהאלט האבען מיר יעצט ניט קיין אריגינאל, נאר איינינע קאפיעס, וועלכע צייגען קלאר, ווארום ער האט דעם זיג ערהאלטען. העכסט בעדיי־טענד איז געווען לעאנארדא דא ווינטשי אין פארטרעט־ארבייט און דעם גרעסטען רוהם האט ער זיך ערווארבען דורך זיין פארטרעט פון מאנא ליסא.

לעאנארדא דא ווינטשי.

א גרויסען איינפלוס האט די פלארענטינישע שולע געהאט אויף דער אויסבילדונג פון ראפאעל סאנציא פון אורבינא. דורך איהם איז די רוימישע שולע געקומען צו דער גרעסטער פאלקאמענהייט. ראַ־פאעל איז געבארען געווארען אין אורבינא אין יאהר 1483. אין יאהר 1508 האט איהם יוליוס דער 2טער, וועלכער האט זעהר ליב געהאט קונסט, גערו־פען נאך רוים. דא זיינען געשאפען געווארען ראפאעל'ס מייסטערווערק, וועלכע האבען איהם פערשאפט א נאמען אלס דער גרעסטער מאלער אין דער וועלט פון אלע צייטען. זיינע צייכנונגען האבען איבערגעשטיגען אלע אנדערע ארבייטען פון די גרעסטע קינסטלער מיט זייער שטרענגקייט, ערדל־קייט פון צייכנונג, טיפקייט און צארטקייט פון געפיהל און מיט זייער גרויס־

קייט און איינפאַכקייט. אָבער אונשטערבליך האָט געמאַכט זיינע ווערק די בעגייסטערונג און דער אידעאַליזם, וואָס שיינען ארוים פון זיינע בילדער.

ראַפאַעל האָט ערהאַלטען די אויפגאַבע צו בעמאָלען די ווענט און די דעקען (באַלקענס) פון דעם פּאַפּסט'ס שענסטע צימערן. ריינע שענהייט און ענטציקענדע האַרמאָניע זיינען בולט אין יעדען שטריך פון דיזער קונסט-אַרבייט. צווישען דיזע געמעלדען געפינט זיך אַ גרויסע מענגע פון מאַדאָ-נאַס און הייליגע בילדער פון אַלע לענדער. די בעריהמטעסטע איז די „סיק-סטינישע מאַדאָנאַ", וועלכע געפינט זיך היינט אין דער דרעזדענער גאַלערעע, און „די הייליגע פאַמיליע אין מאַדריד", וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „די פּערל". ער האָט אויך געפּרובט מאַכען געמעלדען פון דער גרי-כישער געטער-וועלט, און אויך דאָ האָט ער געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג.

ליידער איז דער קינסטלער געשטאָרבען אין יאָהר 1520, גראַדע דאַן, ווען זיין זשעניע האָט זיך אָנגעהויבען מעהר צו ענטוויקלען. זיינע צייט-גענאָסען האָבען איהם טיף בעדויערט. ער האָט אפילו געלאָזען פיעלע שי-לער, אָבער זעהר וועניגע פון זיי האָבען זאָגאַר געהאַט אַ קליינע אידעע פון זיין גרויסען גייסט. נאַר איינער פון זיי, דזשיוליאָ ראָמאַנאָ, פערדינט דעם נאָמען קינסטלער.

די ווענעציאַנישע שולע האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט דער קונסט פון צופּאַסען די ריכטיגע פאַרבען. דער גרעסטער קינסטלער צווישען זיי אין דיזער זאַך איז געווען טיציאַנאָ וועטשעלליאָ. ער איז גע-באָרען געוואָרען אין יאָהר 1477 און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1576. אין זיין לאַנגען לעבען האָט ער געשאַפען פיעלע ווערק, פון וועלכע די וויכטיגסטע זיינען: דער „צינז-גראָשען" אין דרעזדענער גאַלערעע, די „גראַבלעגונג" אין לואוור פון פּאַריז און די „היממעלפאַהרט מאַריאָ" אין דער ווענעציאַנער אַקאַדעמיע. די פאַרבען אין דיזע אַלע בילדער זיינען אזוי ווייט עכט און איבערראַשענד, דאָס עד היום איז נאָך קיינעם ניט געלונגען צו פּראָדוצירען אַזעלכע טאָנען ...עטוואָס ע...

טיציאַנאָ האָט געהאַט זעהר פיעלע תלמידים. מאָרעטטאָ (1500—1547) בעזיצט וועניגער פייער און גלאַנץ אין די פאַרבען, אָבער זיינע קאָמ-פּאָזיציאָנען זיינען זעהר געלונגען. טינטאָרעטטאָ (1512—1594) איז אין צייכנונג לעבעדיגער, אָבער צו פיעל געקינסטעלט. דער טאַלענטפולער קינסטלער פּאַאָלאָ וועראָנעסע (1528—1588) האָט בעהאַנדעלט צום ליבסטען געגענשטענדען, וועלכע האָבען איהם געגעבען אַ געלעגענהייט צו ענטוויקלען אַ גרויסע פאַרבען-פּראַכט, ווי צום ביישפּיל די „האָכצייט אין

קאַנאַ", די „אַנבעטונג פון די קעניגען" א. אַז. וו. נאָך איהם איז די וועי-נעציאַנישע שולע געזונקען אין די גרעסטע אוננאַטירליכקייט.

די לאָמבאַרדישע שולע האָט געהאַט אַלס איהר הויפּט דעם גרויסען זשעניע קאָררעדזשיאָ (1494—1534). קאָררעדזשיאָ'ס גרויסקייט איז בעשטאַנען אין דער פעהיגקייט אַרויסצובריינגען אין דער קונסט אַ וואונ-דערבאַר שענע בעלייכטונג געמישט פון דונקעל און העל. נאָר די האָללענ-דער האָבען זיך מיט זייער „העל־דונקעל" פערגליכען מיט קאָררעדזשיאָ'ן. די „הייליגע פאַמיליע" איז געווען דער ליבלינגס־געגענשטאַנד פון זיינע אַר-בייטען. דאָס איז קלאָר און דייטליך צו זעהן אין זיין געמעלדע די „הייליגע

ראַפאַעל סאַנציאָ.

נאַכט". קאָררעדזשיאָ האָט אָבער נאָך זעהר וואונדערבאַרע מיטהאָלאָגישע סצענעס.

אין 17טען יאָהרהונדערט איז די מאַלער־קונסט געגאַנגען שטאַרק צוריק. זי איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פרייהייט און דעם מאַטעריעלען צושטאַנד, וועלכע זיינען אין יענער צייט אויך שטאַרק געזונקען. איינינגע שולען האָבען אפילו געזוכט איבער־אַ־נייס צו בריינגען דיזע קונסט צו איהר הויכער שטופע, אויף וועלכער זי איז פריהער געשטאַנען. איבערהויפּט האָ-בען דערצו געשטרעבט די קינסטלער פון דער שולע פון באָלאָניאַ אין אויבער־איטאַליען, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען. דעם גרעסטען רוהם האָט דער-

גרייכט די שולע, וועלכע איז געווען געגרינדעט פון דריי מיטגלידער פון דער פאַמיליע קאַראַטשי. פון זייערע שילער איז בעזונדערס צו דערמאָהנען גווידאָ רעני (1575—1642). דיזער טאַלענטפולער קינסטלער איז דער שעפער פון דער „מאַדאָננאַ דעללאַ סעדיאַ". געגען דיזע מאַלער זיינען געשטאַנען די נאַטוראַליסטען, וועלכע האָבען געגעבען אַ פּאַרצוג דעם שטודיום פון דער נאַטור. צווישען זיי ווערט גערעכענט קאַראַוואַדזשיאָ. אין וועמעס בילדער עס הערשען די ליידענשאַפטען מיט זייער קאָבענים, און דער נעאַפּאָליטאַנער ספּאַניאָלעטטאָ (געשט. 1656) און דער לאַנדשאַפטס־מאַלער סאַלוואַטאָר ראָזאַ (1615—1673). דיזער האָט זיך איבערהויפּט בעשעפטיגט מיט דער פינסטערער זייט פון לעבען. שוין אין דער צייט פון דעם לעבען פון דיזע קינסטלער זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אייניגע בעשטימטע ריכטונגען און די קונסט איז איינגעטיילט געוואָרען אין פערשיידענע צווייגען.

די האָללענדישע מאַלעריי האָט זיך ענטוויקעלט ניט ווענינער פון דער איטאַליענישער. שוין אין אָנפאַנג פון 15טען יאָהרהונדערט האָט די האָללענדישע שולע זעהר רייך געבליהט. פון יענער צייט שטאַמען די ברידער וואַן עיק הובערט (1366—1426) און יאָהאַן (1386—1440), וועלכע האָבען געשאַפען דאָס בעריהמטע אַלטאַר־בילד די „פערעהרונג פון דעם לאַם (שעפּס)". דאָס ווערק צייגט גרויס טאַלענט צום פערפאַסען, טיפעם דענקען, אַ געפיהל פון שענהייט אין צייכנען און פרייהייט אין צופּאַסען קאָלירען. אַן אונגעהייערען איינפלוס אויף די גאַנצע ענטוויקלונג פון מאַלער־קונסט האָט הובערט געהאַט דורך די ערפינדונג פון אויל־מאַלעריי און אַנדערע טעכנישע מיטלען, וועלכע האָבען אַרויסגעטריבען פון געברויך אַנדערע מאַלער־טעכניק. דורך די אויל־מאַלעריי איז געוואָרען מעגליך אַרויסצוגעבען ריכטיג די פאַרבענפּראַכט פון דער נאַטור. דיזע ערפינדונג אין מאַלעריי האָבען מיר צו פערדאַנקען נאָר די האָללענדער.

פון די נאָכפאָלגער פון וואַן עיק זיינען געווען די וויכטיגסטע: ראָגער פון ווײדען (1400—1464) און האַנס מעמלינג (געשט. 1495). די בעריהמטעסטע אַרבייט פון דיזען (מעמלינג) איז דער רעליקוויען־קאַסטען מיט די מיניאַטור־בילדער אַרויסגענומען פון דער מאַרטירער־זאַגע פון דעם הייליגען אורזולאַ. דיזע וויכטיגע אַרבייט געפינט זיך אין דעם יאָהאַננעס־קלויסטער פון בריגגע. אין יענער צייט האָט זיך שוין ענטוויקעלט דער געשמאַק פון לאַנדשאַפטס־מאַלעריי, און די פיגורען זיינען געוואָרען אַ ביי־זאַך. דיזען סאָרט אַרבייט, ווי עס וויזט אויס, האָבען די

האָללענדער געלערנט פון דער ווענעציאַנער שולע. אָבער די האָללענדער האָבען זי געבראַכט צו אַזאַ הויכער שטופע, אויף וועלכער זי איז קיינמאָל אין ערגעץ ניט געשטאַנען. אַזוי האָבען די האָללענדער געאַרבייט צו ענטוויקלען מעהר און מעהר די לאַנדשאַפט־מאַלעריי, וועהרענד די בראַבאַנטער האָבען געאַרבייט אין אַן אַנדער ריכטונג — צו בעאַרבייטען דעם קירכליכען און רעליגיעזען סטיל.

די בראַבאַנטער שולע איז געגרינדעט געוואָרען דורך פּ ע ט ע ר פּ א ו ל ר ו ב ע נ ס (1577—1640). דיזער איז געווען ניט נאָר איינער פון די פּרוכטבאַרסטע מאַלער, נאָר ער איז געווען דער ערסטער מיט זיין קאָמפּאָזיציאָנס־קראַפט. ער איז געווען הויך און פיעלזייטיג בעגאַבט און הויך געבילדעט. ער האָט זיין הויפּט־קינסטלערישע אַרבייט געמאַכט אין איטאַליען. זיינע בילדער זיינען פול מיט פייערדיגער לעבעדיגקייט און צייכנען זיך אויס מיט גרויסער טרייהייט. נאָר איינינע, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען אויף בעשטעלונג, זיינען קאַלט, עס פעהלט זיי דאָס פייער פון לעבען. דעם געוואַלדיגסטען איינדרוק מאַכען יענע בילדער, אין וועלכע דער גייסט פון דעם קינסטלער האָט זיך געקענט פריי ענטוויקלען, דאָס זיינען לאַנדשאַפטען, פּאָרטרעטען און קינדער־גרופּען. זעהר ערעל זיינען אָפּט איייניגע פון זיינע געשיכטליכע פּאָרשטעלונגען, ווי דאָס „אורטייל פון פּאַריס", דאָס „וואונדער פון דער קופּערנער שלאַנג" און איייניגע אַנדערע.

דער וויכטיגסטער פון זיינע שילער איז געווען אַ נ ט אָ ן װ א ן ד י י ק (1599—1641). זיינע טרויעריגע סצענעס צייכנען זיך אויס מיט גרויס חן, זיין פּאָרטרעט־אַרבייט שטייגט איבער זאָגאַר די ווענעציאַנישע אַרבייט אין דיזען צווייג.

די האָללענדישע מאַלעריי האָט אָפּגעווייכט פון דער בראַבאַנטער אין דעם, וואָס זי האָט געשטרעבט נאָכצומאַכען די נאַטור פּאָלקאָמען ריכטיג, אָהן פערפּוצונג, אויף'ן ווענעציאַנישען שטייגער. בעזונדערס וואַרפען זיך אין די אויגען די פיינע בעלויכטונג און פאַרב. דער בעדייטענדסטער קינסטלער אין דיזער ריכטונג איז געווען ר ע מ ב ר א נ ד ט פון ר י י ן (1606—1669). אין דער ערסטער צייט פון זיין קאַריערע האָבען זיינע ווערק ניט געהאַט קיין גרויסען ווערט, אָבער שפּעטער האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע ליכט־עפעקטען. זיינע בילדער, וועלכע זיינען פאַרגעשטעלט אין העל־דונקעלען דעמער־ליכט, צייגען אַרויס אַן אומעטיגע אָבער זעהר טיפע געמיט־שטימונג. די אויפפאַסונג פון דער נאַטור איז זעהר געטריי צו דער

וואהרהייט און דערביי זעהר פּאַעטיש. זיין הויפּט־שטאַרקקייט איז אָבער אין פּאָרטרעט־ארבייט. אויף דיזען געביט איז ער א זשעניע.

נאָך רעמבראַנדט'ן האָט זיך אין האָללאַנד ענטוויקעלט אַ שולע, וועלכע האָט געזוכט פּאָרצושטעלען די קאָמישע זייט פון געוועהנליכען לעבען. אין דיזען סאָרט מאַלעריי האָט זיך אויסגעצייכענט דאַוויד טעניערס (1610—1694), אַדריאַן פון אָסטאַדע (1610—1685) און אַנדערע. דער קינסטלער י. וואַן גאָיען (1596—1659) האָט זיך אויסגעצייכענט אין לאַנדשאַפט, וועלכע ער האָט ענטוויקעלט ביז צו אַ הויכער שטופע פון טרייהייט צו דער נאַטור, און יאַקאָב פון רואיסדאַעל (געשט. 1685), וועלכער האָט אין דער זעלבער צייט געלעגט אויף גרויס געוויכט אויף די פּאָעטישע שטימונג. ווייטער האָבען זיך אויסגעצייכענט אַללאַרד פון עווערדינגען, א. וואַן דער וועלדע, דער בעדייטענדסטער האָללענדישער טיער־מאַלער פּאַול פּאָטטער, דער מאַלער פון פערד און שלאַכטען פ. וואָוּבערמאַן פון האַארלעם און הויזום, אַ מייסטער אין שטיל לעבען.

אין דייטשלאַנד האָט זיך די מאַלעריי ענטוויקעלט פיעל שוואַכער. דאָ האָט זיך מעהר פון אַלעם ענטוויקעלט די קונסט פון ארבייט אין האָלצשניט און שטאָהלשטיך. דיזער סאָרט קונסט־ארבייט איז מעהר געאייגענט צו ענטוויקלען גענויע אויפמערקזאַמקייט אויף קליינינקייטען און שטערט די אויפפאַסונג פון גרויסאַרטיגע און ברייטע אידעען. די בעסטע בעהאַנדלונג פון קליינינקייטען און איינצעלהייטען קען ניט ערזעצען דעם מאַנגעל פון אַלגעמיינער אויפפאַסונג. דערצו קומט נאָך צו דער אומשטאַנד, דאָס די גאַנצע דייטשע קונסט האָט עפּעס אַ בעזונדערע פּאָרליבע פּאָרצושטעלען מאַרטירער־סצענעס, און דיזע סצענעס זיינען פון די קינסטלער אַזוי בעהאַנדעלט געוואָרען, דאָס עס האָט זיי ניט אָפּגעשראָקען דאָס ערגסטע און שענדליכסטע. אַן איינגענטימליכער פּראָדוקט פון דער דייטשער קונסט זיינען די טויטען־טענץ, וועלכע, ווי עס ווייזט אויס, האָבען אונטער אַ סימבאָלישען שלייער געהאַט דעם צוועק די נאַטירליכע גלייכהייט פון אַלע מענשען. אָבער אין 15טען און 16טען יאָהרהונדערט האָט די דייטשע מאַלער־קונסט געמאַכט גרויסע און בעדייטענדע פּאָרטשריטען און האָט אויף דיזען געביט געלייסטעט פיעל וויכטיגעס.

אַ צירונג פיר די דייטשע שולע איז געווען האַנס האָלביין (1465—1543). קיין מאַלער האָט זיך ניט געמאַכט אַזוי פריי פון די פעהלערן פון דער דייטשער שולע ווי ער. דיזער קינסטלער האָט איבערטראָפען

אַלע אַנדערע דייטשע קינסטלער מיט דער גרויסקייט פון זיין אויפפאסונג, מיט דער שענהייט פון דער פאָרמע און הארמאָנישען קאָלאָריט. זיינע פיעליעהריגע רייזען האָבען פיעל בערייכערט זיין טאלענט. ער האָט פון די איטאַליענער און די האָללענדער איבערגענומען דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען געהאַט אין דער קונסט. צו זיינע בעסטע שאפונגען געהערען: די מאדאָננאַ, וועלכע ער האָט פערפערטיגט אויף די בעשטעלונג פון דעם בירגערמייסטער מייער פון באזעל, פאָרטרעטען און איבערהויפט דער טויטען־טאנץ. דאָס

רעמבראַנדט. ווי ער אַליין האָט זיך געצייכענט.

לעצטע ווערק, אַ רייהע פון האָלצשניטען פון יאָהר 1538, צייכענט זיך אויס מיט רייכע געדאַנקען און טיפען געפיהל, און בעזונדערס מיט אַ פאָלקאָמענער קינסטליכער פאָרמע.

נאָך האָלביין'ען איז אין דייטשלאַנד בעריהמט געוואָרען אַלס קינסטלער אין דער מאַלעריי אַלברעכט דירער פון נירנבערג. ער איז נאָך מעהר פאָפולער און בעוואוסט אַלס ארטיסט איידער האָלביין. דירער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1471. ווען ער איז געוואָרען אַלט 15 יאָהר

איז ער אנגעקומען אלס לעהרלינג צו א בעוואוסטען און זעהר פעהיגען מאלער און האלצשניצער, וועלכער האט אבער ליידער בעטריבען די קונסט אלס האנטווערק. דירער האט פארטגעזעצט צו ארבייטען אין דיזער ריכטונג, ווייל ער האט געהאט די מעגליכקייט און דעם צופאל אויסצובעסערן אלע פעהלערן, וועלכע ער האט איבערגענומען פון זיין לעהרער. ער איז אבער פון דער נאטור געווען בעגאבט מיט א גרויסען טאלענט און מיט א שארפען בליק און זיכערהייט אין צייכנען. אלע זיינע בילדער זיינען אויסדרוקספול, שארף און גענוי געצייכענט, אבער אויך הארט, טרוקען און ניט הארמאניש. נאר איין בילד מאכט א גלענצענדע אויסנאהמע, די „פיער עוואנגעליסטען”, וועלכע נירנבערג האט בעקומען אלס געשענק, אבער יעצט געפינט זי זיך אין מינכען. אין דיזען בילד איז ניט צו בעמערקען קיין איינעם פון די פעהלערן, וועלכע מען האט בעגעגענט אין זיינע פריהערדיגע בילדער. דא איז אלעס פאלקאמען: די אויפפאסונג, די שענהייט פון דער פארמע און די פארבען.

פון דער גרויסער צאהל שילער, וואס דירער האט געהאט, איז געווען דער וויכטיגסטער לוקאס קראנאך. אויך ער איז געווען זעהר פראדוקטיוו, אבער אנשטאט דירער'ס ערנסט און טיפקייט פון געדאנקען הערשט ביי איהם א לייכטער שפילענדער הומאר, אזוי ווי ביי האנס זאכס אין זיינע געדיכטען. דאס זעלבע קענען מיר בעהויפטען אויך וועגען האנס בורגמאיער. דיזע קינסטלער האבען אויך געלייסטעט בעדייטענדעס אין האלצשניט און קופערשטיך.

די גרינדער פון דער מאלער־קונסט אין פראנקרייך זיינען געוועזן איטאליענער. זעהר געבילדעט אין דער אנטיקער וועלט איז געווען ניקאלאס פוססען (1594—1665). א גרויסען שטויס פארווערטס האט געגעבען דער מאלעריי אין פראנקרייך די אויסשטעלונג פון קונסט־ווערק, וועלכע רובענס האט פעראנשטאלטעט אין לוקסעמבורג אין יאהר 1620. לודוויג דער 14טער האט גערעכענט די קונסט אלס א נויטווענדיגקייט פיר זיין הערשאפט, און דעריבער האט ער דער מאלער־קונסט שטארק געהאלפען און האט געלאזען דורכפיהרען גרויסע ווערק. אונטער איהם האט געארבייט שארל לעברען (1619—1690), וועלכער איז געווען דער הויפט פון דער ווערסאילער שולע, דאן ניקאלאס מיניארד מיט זיין ברודער פיערר. שענע לאנדשאפטען האט געמאלט קלאד לאררעין (1600—1682).

אין ענגלאנד איז די קונסט ערסט שפעטער געקומען צו א זעלבשטענדיגער אויסבילדונג. דאגעגען האט אין שפאניען די מאלער־קונסט געמאכט

אין יענער צייט גרויסען פאָרטשריט. די קונסט האָט זיך דאָרט אויסגעצייכענט מיט עדעלער נאַטוראַליסטישער אויפפאַסונג פון דער נאַטור, מיט אַ קראַפטפולען און וואונדערפולען קאָלאָריט. איבערהויפט האָבען זיך די שפּאַנישע ווערק אויסגעצייכענט מיט זייערע ווירקונגספולע עפעקטען און העל־דונקעלע פאַרבען. די בעגייסטערונג איז איבעראַל אַ שווערמערישע. די בעריהמטעסטע מאַלער־שולע איז געווען אין סעוויללאַ, וועלכע האָט געבליהט אין מיטען פון 17טען יאָהרהונדערט. פון דיזער שולע זיינען אַרויס די קינסטלער פראַנציסקאָ צורבאַראַן און דיעגאָ וועלאַסקעץ (1599—1660). דיזער לעצטער האָט ערוואָרבען גרויס עהרע אין דעם קעניגליכען הויף פון מאַדריד, ווען ער איז נאָך געווען זעהר יונג. ער האָט זיך איבערהויפט אויסגעצייכענט אין פּאָרטרעט־אַרבייט. זיין איינפלוס איז געווען זעהר גרויס אין דער שולע פון מאַדריד, וועלכע איז פון יענער צייט אָן געוואָרען בעריהמט.

אָבער דער גרעסטער פון אַלע שפּאַנישע מאַלער איז געווען באַרטאָלאָמע עסטעבאַן מוריללאָ פון סעוויללאַ (1618—1681). פון זיין לעבען איז נאָר וועניג בעקאַנט. זיין ערסטער לעהרער איז געווען קאַסטיללאָ. אין יאָהר 1643 איז ער געקומען אין מאַדריד. דאָרט האָט איהם זיין לאַנדסמאַן דיעגאָ וועלאַסקעץ געגעבען די מעגליכקייט צו קאָפּירען די בעסטע מוסטערן אין דער קעניגליכער זאַמלונג. זיין גלענצענדסטע עפּאָכע איז געווען פון יאָהר 1670 ביז 1680. אין יאָהר 1674 האָט ער געענדיגט זיינע 8 גרויסע בילדער, וועלכע שטעלען פאָר די באַרמהערציגקייט. דיזע בילדער צייכנען זיך אויס מיט זייער קאָלאָריט, אויסדרוק פון די געזיכטער, קאָמפּאָזיציאָן און פּערספּעקטיווע. פיר די קירכע לאָס ווענעראַבלעס האָט ער געמאָלט אַ בילד פון הייליגען פּעטרוס, און פיר דעם האָספּיטאָל האָט ער געמאַכט אַ בילד פון דער הייליגער יונגפרוי מיט'ן קינד, ווי זי טיילט ברויט צו פרעמדע פּריסטער. אין דער קאַפּוצינער קירכע פון קאַדיץ האָט ער אָנגעפאַנגען צו מאַכען אַ בילד פיר דעם אַלטאַר, ער איז אָבער אין מיטען דער אַרבייט אַראָפּגעפאַלען פון דעם געשטעל, און דערפון איז ער געשטאָרבען.

אין די בעסטע געמעלדען פון מוריללאָ זיינען די געגענזעצען פון ליכט און שאָטען פערשמאָלצען אין איין האַרמאָניע, און דאָס גיט זיינע בילדער אַ בעזונדערען רייץ. די מאַדאָננאַס זיינען שען און ליבענסווירדיג, און טראָגען ניט דעם שטעמפּעל פון איבערערדישעס. אין זיינע עמפּפענגניס־בילדער (פון מאַריע'ס הייליגער שוואַנגערשאַפט) ליגט דער אויסדרוק פון הייליגער בענקשאַפט. די בעסטע שעפּונגען פון דיזען שפּאַנישען מייסטער געפינען

זיך אין מינכען. איבערהויפּט איז בעוואונדערנסווערט דאָס בילד, וואָס שטעלט פאָר די גאַסען־קינדער און פראַנציסקוס ווי ער היילט פאַר דער טיר פון אַ קירכע אַ קראַנקען, וואָס האָט געליטען פון אַ ברעכענים אין די ביינער. אין בערלין געפינט זיך דאָס בילד פון דעם הייליגען אַנטאָניוס פון פּאַדוא. זעהר פיעלע געמעלדעס פון מורילאָ געפינען זיך אין ענגלאַנד, איטאַליען, פראַנקרייך און פּעטערסבורג, אָבער מעהר פון זיי געפינען זיך אין שפּאַניען אין דער קעניגליכער גאַלערעע און אין סעווילאַ.

די שולע פון מאַדריד האָט ניט ארויסגעגעבען פיעלע בעריהמטע קינסט־לער אין מאַלעריי. זייער פעלד איז איבערהויפּט געווען פּאָרטרעט־ארבייט. אין דער שולע פון וואַלענציא האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט פּ ר אַ נ צ י ס ק אָ ר י ב אַ ל ט אַ (1551—1628). זיין שילער איז געווען ריבערא אין נעאַפּעל. צו ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט האָט די שפּאַנישע קונסט ראַש אָנגעהויבען צו זינקען. דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי ל ו ק אַ ד ז ש י־ אָ ר ד אַ נ אַ איז אָפּגערופען געוואָרען פון שפּאַניען.

וואָס אָנבעטרעפט די סקולפּטור האָט ניט איטאַליען צו זיך קיין גלייכען. אין 15טען און 16טען יאָהרהונדערט האָט איטאַליען ארויסגעגעבען אַזעלכע ווערק, וועלכע ערוועקען אין אונז די גרעסטע בעוואונדערונג. אַ זעהר וויכ־טיגער סקולפּטאָר איז געווען י אַ ק אָ פּ פּ אָ ד ע ל ל אַ ק וו ע ר ט ש י אַ פון סיענאַ (1374—1438). ער ווערט בעטראַכט אַלס אַ גרענעץ־שייד צווי־שען דעם אַלטען און מאָדערנעם סטיל פון דיזער קונסט. ל אָ ר ע נ צ אָ ג ה י ב ע ר ט י פון פלאָרענץ (1381—1455) האָט זיך ערסט שפּעטער אָנ־געשלאָסען אָן דער נייער ריכטונג. זעהר ליבליך זיינען די ווערק פון ל ו ק אַ ד ע ל ל אַ ר אָ ב ב י אַ (געבאָרען אין 1400); ער האָט געמאַכט בעזונדערס גוטע ארבייט פון געברענטען לעהם, וועלכען ער פלעגט בעדעקען מיט אַ גלאַ־זירטען איבערצוג. אין גאַנצען האָט געבראָכען מיט די אַלטע קונסט־אנשוי־אונגען ד אָ נ אַ ט ע ל ל אָ (1386—1468). זיין הויפּט־שטרעבען איז גע־ווען לעבעדיגקייט און וואהרהייט, אויך אַפילו ווען די שענהייט האָט דערביי געליטען. זיין איינפלוס אויף די ענטוויקלונג פון דער איטאַליענישער סקולפּ־טור איז געווען זעהר גרויס, הגם זיינע נאָכפאָלגער זיינען ניט אימער געגאַנ־גען אויף דעם וועג, וואָס ער האָט אויסגעטראָטען, נאָר זיי האָבען עס אין פיעלע הינזיכטען איבערגעמאַכט לויט די פאָדערונגען פון דער נייער ריכטונג.

אין דער ערסטער העלפטע פון דעם 19טען יאָהרהונדערט האָט די בילד־הויער־קונסט אין איטאַליען דערגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע פון ענטוויקלונג. די קונסט האָט אָנגענומען אַ העכערע און פרייערע אנשויאונג איבער נאַטי־

און לעבען. זעהר בעדייטענד זיינען די ווערק פון קאַנטוטשי, וועל-כער איז אויך בעוואוסט מיט דעם נאָמען סאַנסאָווינאָ. דיזער קינסט-לער ווערט אַנערקענט פון די גרעסטע מבינים אלס דער ראַפאַעל אין דער סקולפטור. איינע פון זיינע שענסטע שעפונגען איז די בראָנז-גרופע, וועלכע שטעלט פאָר די טויפונג פון יעזוס'ן (ישוע הנוצרי). דיזע גרופע געפינט זיך אין באַפּטיסטעריום פון פלאָרענץ. אָבער ביי אלעם דעם האָבען אלע מבינים אַנערקענט, דאָס מיקעלאַנדזשעלאָ שטראַהלט איהם פיעל איבער. די סקולפ-טור איז געוועזען דער פאַך, צו וועלכען מיקעלאַנדזשעלאָ איז געוועזען געבאָרען, צו וועלכען ער האָט געווידמעט זיין גאַנצעס לעבען, הגם ער האָט ארויסגעגע-בען זעהר וויכטיגע אַרבייט אויך אויף דעם פעלד פון מאַלעריי. דער ציל פון זיין אַרבייט איז ניט געוועזען די שענהייט, ווי אין דער אַנטיקער וועלט, נאָר ער האָט איבערהויפט געשטרעבט אין זיין אַרבייט ארויסצוברייגגען זיינע אינערסטע אידעען, אויסצודריקען זיינע ליידענשאַפטליכע געפיהלען, הגם ער האָט אויך געלעגט פיעל געוויכט אויף שענהייט. צו זיינע בעריהמטע ווערק ווערען גערעכענט זיין פיעטאַ (פרומקייט) און זיין מאָזעס (משה רבנו). מי-קעלאַנדזשעלאָ איז געבליבען דער אידעאַל פיר די סקולפטור אין דער שפּע-טערער צייט.

אַ בעדייטענדע ענטוויקלונג האָט די סקולפטור דערגרייכט אין אויבער-איטאַליען, און הויפטזעכליך אין ווענעציאַ. זי האָט איבערהויפט געצילט צו דערגרייכען די שטופע פון דער אַנטיקער דאַרשטעלונג. די הויפט-פאָר-טרעטער פון דער שולע אין נעאַפּעל זיינען: דזשיראָלאַמאָ סאַנ-טאַקראָטשע און דזשיאָוואַנני דאַ נאָלאַ. נאָך זיי איז די סקולפטור געפאַלען. אויסגענומען זיינען פון די שפּעטערע די ווערק פון בערניני פון טאָסקאַנאַ, וועלכע האָבען אַ גרויסען ווערט.

אלע אַנדערע לענדער זיינען אין דיזער פעריאָדע געבליבען אין זייערע סקולפטור-שאַפונגען וויט הינטער איטאַליען. זיי האָט געפעהלט די גרויס און די ווירדע, וועלכע כאַראַקטעריזירען די ווערק פון די איטאַליענער. מעהר פון אלע אַנדערע לענדער האָט דייטשלאַנד געלייסטעט אויף דיזען געביט עטוואָס אינטערעסאַנטעס.

פון די פיעלע דייטשע האָלצשניצער איז דער וויכטיגסטער אַדאַם קראַפט (געבאָרען אין יאָהר 1507). זיינע ווערק צייגען אַ טיפען שטו-דיום פון דער נאַטור און אַ ריינע עמפּפינדונג. אַ בעריהמטער בילד-שניצער איז אויך געוועזען פעיט שטאָסס (1447—1542). איבערהויפט האָ-בען זיך זיינע ווייבליכע פיגורען אויסגעצייכענט מיט זייער ליבליכקייט. אַ

גאַנץ אַנדערען סטיל צייגען די בראָנז־אַרבייטען פון יענער צייט. דער ערס-
טער און בעסטער מייסטער צווישען דיזער קלאַס אַרבייטער איז געווען פּ ע-
ט ע ר פ י ש ע ר. ער האָט געשטאַמט פון אַ קינסטלער־פאַמיליע פון נירנ-
בערג. אין יאָהר 1489 איז ער געוואָרען מייסטער און איז געשטאָרבען אין
יאָהר 1529. דיזער קינסטלער האָט געהאַט דעם פרייעסטען בליק, וועלכער
האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט זיך צו ערהויבען איבער אַלע קינסטלער
פון זיין צייט, ניט אויסגענומען אויך דעם בעריהמטען דירער. זיין אַרבייט
האָט דערגרייכט ווירדע און ערדלקייט אין סטיל צו אַזאַ שטופע, וואָס אין
אַלע נאָרדישע לענדער האָט קיינער אין זיין צייט ניט דערגרייכט. זיין
הויפּט־ווערק איז דער „זעבאַלדוס גראַב אין נירנבערג", וועלכעס ער האָט
אויסגעאַרבייט מיט דער הילף פון זיינע פינף זיהן. אין גאַנצען איז דאָס
ווערק אַ צוזאַמענמישונג פון גאָטישען סטיל מיט דעם איטאַליענישען, אָבער
דער זיווג איז זעהר געלונגען, אַזוי דאָס דיזע אַרבייט רעכענט זיך צו די
פיינסטע שאַפונגען פון דער דייטשער סקולפּטור.

אין פראַנקרייך איז די סקולפּטור געשטאַנען זאָגאַר נידריגער ווי אין
דייטשלאַנד. צו דער גוטער אַרבייט, וואָס איז דאָרט געמאַכט געוואָרען אויף
דיזען פעלד, קען מען רעכנען דעם גראַב־מאָנומענט (מצבה) פון דעם קעניג
לודוויג דעם 12טען אין סט. דעניס. דיזע אַרבייט איז געמאַכט געוואָרען
דורך ז ש אַ ן ז ש ו ס ט פון טורס, הגם די אַרבייט איז ניט געמאַכט גע-
וואָרען אין ריינעם סטיל לויט די נייע פאָדערונגען. אָבער די נייע ריכטונג
האָט אין פראַנקרייך געפונען אימער מעהר און מעהר פערטרעטער, ווייל די
קעניגען האָבען צוגעצויגען צום הויף איטאַליענישע קינסטלער. אַזוי האָט
זיך ענטוויקעלט די שולע אין פאָנטעינעבלאָ. דער בעסטער פערטרעטער פון
דיזער שולע איז געווען ז ש אַ ן ג ו י אָ ן (געשט. 1572)). האָללאַנד איז
אין סקולפּטור געווען זעהר אָרים. די מאַלעריי האָט דאָרט אַרויסגעשטופּט
די סקולפּטור. שפּאַניען האָט נאָר שענע גראַב־מאָנומענטען, און דאָס זעלבע
קען מען אויך זאָגען וועגען ענגלאַנד.

די אַ ר כ י ט ע ק ט ו ר אין דער צייט פון דער רענעססאַנס האָט
ווידער אויפגענומען די רוימישע פאָרמעס, ווייל זיי האָבען געשטימט מיט
די פאָדערונגען פון דער נייער צייט. די וויעג פון דער נייער בויקונסט איז
ווידער איטאַליען. די ווערק פון דער איטאַליענישער אַרכיטעקטור זיינען
אַ מוסטער פיר אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. די בליהונגס־צייט פון
דער רענעססאַנס־אַרכיטעקטור איז דער 15טער יאָהרהונדערט. דער ערסטער
בעדייטענדער אַרכיטעקט פון יענער צייט איז געווען פּ י ל י פּ פּ אָ ב ר ו נ-

נעלעסקי (1446—1377). ער האָט אויסגעבויט דעם פּאַלאַצאָ פּיטטי, וועלכער האָט נאָכדעם געדינט אַלס טיפּ (מוסטער) פיר אַנדערע פּאַלאַצען אין פלאָרענץ אין פערלויף פון אַ גאַנצען יאָהרהונדערט. זיי האָבען אויסגעוויזען אין מיטען פון די שטאָדטישע געביידעס ווי שלעססער, אין וועלכע עס האָבען געוואוינט די גרויסע אַריסטאָקראַטען. ברוננעלעסקי האָט געענדיגט אין פלאָרענץ דעם דאָם (הויכע קירכע), וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען בויען אין יאָהר 1294. ער האָט די קירכע בעפּוצט מיט אַ זעהר שענעם קופּעל־בוי. אויסער איהם זיינען פון די פלאָרענטינער גרויסע אַרכיטעקטאָרס ווערט צו דערמאָהנען: מיקעלאָצצי, בענעדעטטאָ דאַ מאַיאַנאָ און לעאָ באַפּטיסטאַ אַלבערטי.

די געבייען פון ווענעציאַ אין יענער צייט טראָגען אויף זיך אַ בעזונדערען, אייגענאַרטיגען כאַראַקטער. זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער אונגעוועהנליכע לייכטיגקייט און עלעגאַנץ, זיי האָבען אויך געהאַט אַ בעזונדערען סאָרט פערצירונגען. אין די קירכליכע געבייען האָבען זיי צום מעהרסטען געברויכט די ביצאַנטישע פאָרמע. פון די מייסטערס פון דיזער אַרכיטעקטור האָבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט די מיטגלידער פון דער פאַמיליע לאָמבאַרדי, וועלכע האָבען אַרויסגעגעבען זעהר פיעלע וויכטיגע ווערק.

אין דעם 16טען יאָהרהונדערט זיינען איינגעפיהרט געוואָרען די פאָרמעס פון אַרכיטעקטור פון דער אַלטער גריכישער וועלט, און מען האָט זיך אָן זיי שטרענג געהאַלטען. עס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַ ריינער סטיל, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט מען פערניכטעט דעם פּאָעטישען גייסט און די לעבענספולע פאַנטאַזיע, וועלכע דער 15טער יאָהרהונדערט האָט אין דיזער קונסט אַריינגעבלאָזען. מען איז איינפאַך געבליבען שטעהן ביי די אַלטע רעגלען פון בויקונסט, און מען האָט פון זיי ניט געוואָלט אָפּטרעטען אויף אַ האָר. אין דיזער צייט האָט רוים געבילדעט דעם מיטעלפונקט פון דער איטאַליענישער אַרכיטעקטור. דיזעס האָט רוים צו פערדאַנקען דער נייגונג פון די פּאַפּסטען און קאַרדינאַלען צו פּראַכט און שענקייט. די שטאָק־ווערק זיינען אונטערשידען נאָך שאַרפער ווי פריהער און געטרענט איינע פון די אַנדערע. די פענסטער און די טירען זיינען בעראַהמט און בעפּוצט אין דעם אַנטיקען־סטיל און גייסט. דער פּאַלאַץ פון דער קאַנצעלאַריאַ און דער פּאַלאַץ זשיראָד זיינען די בעריהמטעסטע ווערק פון דאָנאַטאָ לאַצצאַרי, וועלכער איז בעוואוסט מיט'ן נאָמען בראַמאַנטע. דיזער קינסטלער



די סט. פעטערסקירכע אין רוים.

איז געבאָרען געוואָרען אין אורבינאָ אין יאָהר 1444. ער האָט אויך אויס-געאַרבייט דעם פּלאַן פון דער סט. פּעטער־קירכע אין רוים.

די איטאַליענישע אַרכיטעקטור האָט שטאַרק אָפּגעווייכט אין איהר ריכטונג דורך די בעשטרעבונגען פון מיקעלאַנדזשעלאָ בואָנאַראָטטי. ער האָט אָפּגעווייכט פון די פריהערדיגע אַרכיטעקטען, וועלכע האָבען אין די פאָרמען פון דער אַנטיקער אַרכיטעקטור זיך ערלויבט פיעלע פרייע בעוועגונ-גען. ער האָט אויך אָפּגעווייכט פון די אידעען פון די אַרכיטעקטען פון זיין צייט. ער האָט געשאַפען נייע פאָרמען נאָך זיין אייגענעם געפיהל און פער-שטאַנד. זיין הויפּט־ווערק איז די טרעפּ און די פּאַלאַצען פון קאַפּיטאָל אין רוים. ווען דער קינסטלער איז שוין אַלט געווען 72 יאָהר האָט מען איהם איבערגעגעבען צו ענדיגען די פּעטער־קירכע אין רוים. נאָך דעם טויט פון בראַמאַנטע'ן האָבען איינינע אַרכיטעקטאָרען געמאַכט איינינע ענדערונגען אין דעם אורשפּרינגליכען פּלאַן פון דער קירכע. אָבער מיגעלאַנדזשעלאָ האָט צוריק אָנגענומען דעם ערסטען פּראָיעקט, און האָט צוגעגעבען אַ קופּאָל, וועלכער האָט איבערשטיגען אַלעס, וואָס איז אין דיזען פאַך געמאַכט געוואָ-רען ביז זיין צייט, סיי אין גרויס סיי אין קונסטפולער אויספיהרונג. ער האָט לײדער ניט זוכה געווען צו זעהן דעם געוועלב פערטיג, ער האָט אָבער אי-בערגעלאָזען אַזעלכע גענויע און פּינקטליכע פּלאַנען און מאָדעלען, דאָס אַנ-דערע האָבען שוין געקענט אויספיהרען און ענדיגען זיינע אידעען. הגם יעצט איז די האַרמאָניע פון דעם געבייד געוואָרען צושטערט דורך פערשיידענע ענדערונגען, צייגט נאָך אַלץ דאָס געבייד דעם זשעניע פון דעם שעפּער.

פון די אינגערע צייט־גענאָסען פון מיקעלאַנדזשעלאָ איז ווערט צו דער-מאָהנען גאַלעאַצצאָ אַלעססי (1500—1572). די פּאַלאַצען, וואָס ער האָט אויסגעבויט אין גענואַ, צייכנען זיך אויס ניט אַזוי פיעל מיט די פּאַסאַדען ווי מיט דער וואונדערבאַרער קלוגער און זעהר נוצליכער אָרדנונג פון די אינערע צימערן, הויפען און טרעפּען־האַלען.

מיקעלאַנדזשעלאָ'ס פרייע אידעען און פאָרמען זיינען אָנגענומען געוואָ-רען פון אַלע קינסטלער אין דער גאַנצער צייט פון דעם 17טען יאָהרהונדערט. מיקעלאַנדזשעלאָ האָט אין זיינע ווערק געשטרעבט צרויסצורופען אין דעם צושויער בעוואונדערונג און האָט זיך ניט געקימערט וועגען דער ריינהייט פון דעם סטיל, אַפילו ווען עס האָט אַ ביסעל אָפּגעווייכט פון די רעגלען פון דעם אַנטיקען סטיל. דיזער גייסט איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען פון אַלע קינסטלער פון 17טען יאָהרהונדערט. אָבער אין די ווערק פון זיינע נאָכ-טוער פעהלט דאָס געפיהל, וועלכעס הערשט אין יעדען שטריך פון דעם

וואָהרען מייסטער, פון מיקעלאַנדזשעלאָ. דער הויפּט־פערטרעטער פון די־זער ריכטונג איז געווען בערניני און פראַנטשעסקאָ בער־ראָמיני (1599—1667). דיזער לעצטער האָט פון דער אַרכיטעקטור אָפּגעשאַפט אַלע גלייכע ליניעס, און האָט איינגעפיהרט אַלע מעגליכע קרומע ליניעס. הגם דיזע בויאַרט איז אין פיעלע הינזיכטען געווען אונזיניג, האָט זי דאָך געהאַט פיעלע אַנהענגער און נאָכטוער. אין 18טען יאָהרהונדערט האָבען די אַרכיטעקטען אָנגעהויבען צו פערשטעהען דעם פעהלער פון דיזער אַרט בויקונסט, אָבער זיי זיינען געווען אונפעהיג צו שאַפען עטוואָס נייעס.

פון די איבריגע אייראָפּעאישע לענדער איז שפּאַניען צוערסט איבער־געגאַנגען צו דער רענעססאַנס. די פערבינדונג פון דער אַראַבישער אַרכיטעק־טור מיט דער אַנטיקער און אויך אָפט מיט דער גאָטישער האָט אין דיזען לאַנד געשאַפען אַ פריהע רענעססאַנס, וועלכע ערשיינט קרעפטיג און איבער־טרעפט אַלע פריהערע געוואַגטקייט און לעבענסלוסט. אַ שענער ביישפּיל פון דיזער ריכטונג איז דער פּאַלאַץ אינפאַנטאַדאָ אין גוואַדאַ־לאַחאַראַ. עטוואָס בעדייטענדעס איז געלייסטעט געוואָרען אין דער צווייטער העלפט פון 16טען יאָהרהונדערט אונטער פיליפּ דעם 2טען. דער גרויסאַרטיגער מאָנומענט, וואָס דיזער פירסט האָט געלאָזט מאַכען, איז דער קלויסטער סט. לאָרענצאָ אין עסקוריאַל. דיזער מאָנומענט איז אָנגעפאַנגען געוואָרען אין יאָהר 1563 און איז געענדיגט געוואָרען אין 1584. דאָס גע־בײדע מאַכט עפּעס אַן אומעטיגען איינדרוק. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָ־גען וועגען די פּראָפאַנע (ניט היילינגע) געביידעס.

אין פראַנקרייך האָט אין אָנפאַנג פון 16טען יאָהרהונדערט נאָך גע־הערשט דער פריהערדיגער סטיל אין אַרכיטעקטור. זעהר שווער איז אָנגע־קומען דער רענעססאַנס אַרויסצושטופען זי פון געברויך. אין דיזער צייט איז ענטשטאַנען אַ געמישטע אַרכיטעקטור, וועלכע האָט אין זיך ענטהאַלטען די אַלטע בעגריפען צוגעמישט מיט עטוואָס נייעס. עס האָט אין די געביי־דעס פון יענער צייט געפעהלט די נעטיגע האַרמאָניע. אין גאַנצען איז עס געווען רייך, אין איינצעלנעס פיין פערצירט, אָבער קיין האַרמאָניע האָט זיך ניט געמערקט. ערסט אונטער פראַנץ (פראַנסואַ) דעם 1טען איז עס געקו־מען צו אַ בעסערען געשמאַק. די שענסטע אַרבייט פון דער פראַנצויזישער בויקונסט איז די וועסטליכע פאַסאַדע פון דעם הויף פון לובר.

אין האָללאַנד זיינען די בעסטע געביידעס פון יענער צייט די ראַט־היי־זער אין אַנטווערפּען און אַמסטערדאַם. אין ענגלאַנד איז ווערט דערמאָהנט צו ווערען דער סטיל, וואָס האָט געהערשט אין דער צייט פון דער הערשאַפט

פון דער קעניגין עליזאַבעטה, וועלכער איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען דער „עליזאַבעטה־סטיל". אין דייטשלאַנד איז פון יענער צייט מערקווירדיג דער היידעלבערגער שלאָס, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זיין פּראַכט און גלאַנץ, און וועלכער איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון דעם בעוואוסטען אַר־כיטעקט פון יענער צייט אָטטאָ היינריך.

ג. דער הומאַניזם.

ענג פערבונדען מיט דער רענעססאַנס פון די קונסטען איז דאָס ערשיי־נען פון דעם הומאַניזם. ווען די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך פערבעסערט און די מאַטעריעלע צושטענדען האָבען געגעבען די מעגליכקייט די בירגער און דעם אַדעל צו פערפיינערן זייער לעבען דורך קונסט, האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען אַ נויטווענדיגקייט אויך צו פערברייטערן וועלטליכע בילדונג. דיזע בילדונג איז אָנפאַנגס בעשטאַנען נאָר אין לערנען און פאָרשען די אַנ־טיקע פּאָעזיע און וועלט־אַנשויאונג. אויך אין דיזער הינזיכט איז איטאַליען געווען די ערסטע, איינפאַך, ווייל אין דיזען לאַנד איז קיינמאָל אין גאַנצען ניט אויסגעלאָשען געוואָרען די ליבע צו קלאַסישע ווערק. די פּאַרטיי־קאַמ־פען, וועלכע האָבען אין דיזען לאַנד קיינמאָל ניט אויפגעהערט, האָבען אויפ־געהאַלטען אַן אינטערעסע פיר די אַלטע רוימישע געשיכטע. די בעשעפטי־גונג מיט דער רוימישער ליטעראַטור האָט געפיהרט צו דער בעדערפניס נע־הענטער זיך בעקאַנט צו מאַכען מיט דער גריכישער, וועלכע האָט זיך נאָך דאַ־מאָלס ערהאַלטען אין גריכענלאַנד. מען האָט זי דאָרט אָנגעהויבען אויפצו־זוכען. אָבער די ליטעראַטור פון די גריכען האָט זיך נאָך פריהער אָנגעהויבען איבערקלייבען אין איטאַליען, זינט די טערקען האָבען איינגענומען קאָנסטאַנ־טינאָפּעל.

אויך פיר די נייערע בילדונג איז פלאָרענץ געווען דער ערסטער אָרט, ווי זי איז פריהער געווען דער ערסטער אָרט פיר קונסט. אָבער אויך מאַי־לאַנד, ווענעציא, נעאַפּעל און רוים האָבען שטאַרק ענטוויקעלט דעם גייסט און די שטרעבונג צו ליטעראַטור. איבערהויפּט רוים אונטער דעם ליבערא־לען פּאַפּסט ניקאָלאַוס דעם 5טען. די רייכע און די מעכטיגע האָבען אָנגע־הויבען צו זאַמלען אַלטע זעלטענע מאַנוסקריפּטען (כתבי יד). דאָס לעזען פון גריכישע און רוימישע קלאַסיקער האָט ענטוויקעלט מעהר און מעהר ליבע צום שטודיום פון אַלטערטימער. איבערהויפּט איז שטאַרק און געשווינד צו־געגאַנגען די ענטוויקלונג פון ליטעראַטור זינט עס איז ערפונדען געוואָרען די בוכדרוקער־קונסט און מען האָט איבעראַל אָנגעפאַנגען איינצוריכטען דרו־

קערייען. עס האָבען זיך געפונען טיכטיגע שפּראַך־פאָרשער, וועלכע האָבען פערפאַסט ווערטערביכער און גראַמאַטיקעס, האָבען געמאַכט איבערזעצונגען צום לייכטערן פערשטענדניס פון די קלאַסישע ווערק. עס זיינען ערשינען אויף דער סצענע ביצאַנטישע געלעהרטע, ווי: כ ר י ס אָ ל אָ ר אַ ס, ט ה ע אָ ד אָ ר ו ס ג אַ צ אַ, ג ע אָ ר ג פון ט ר אַ פּ ע צ ו נ ט, ג ע מ י ס ט ה ו ס פּ ל ע ט ה אָ ן, ב ע ס ס אַ ר י אָ ן, ל אַ ס ק אַ ר י ס א. אַנד., וועלכע האָבען געלערנט די וועסט־איירָאפּעאישע פעלקער די גריכישע שפּראַך. דורך דאָס שטודיום פון דער קלאַסישער רוימישער אָדער לאַטיינישער שפּראַך איז אַרויסגעטריבען געוואָרען דאָס באַרבאַרישע לאַטיין, וואָס די קירכע און די מאָנאַכען האָבען בעשאַפען. עס האָבען זיך בעוויזען געלעהרטע, וואָס האָבען זיך ערנסט בעשעפטיגט מיט ערקלערען די ביבעל מיט היסטאָרישער קריטיק. די ערסטע זאַך, וואָס די היסטאָרישע קריטיקער האָבען בעוויזען, איז געווען, דאָס די קאָנסטאַנטינישע שענקונגס־אַקטען זיינען ניט קיין ריכטיגע.

עס האָט זיך דאַמאָלס אויך אָנגעפאַנגען אַ בעוועגונג צו גרינדען נייע בילדונגס־אַנשטאַלטען. מען האָט איבעראַל אָנגעפאַנגען צו גרינדען גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטען א. ד. גל. די אוניווערזיטעטען זיינען דאַמאָלס ניט געווען רעגירונגס־אַנשטאַלטען, ווי עס איז דער פאַל אין אונזערע צייטען.

די אוניווערזיטעטען זיינען דאַמאָלס געווען געגרינדעט פון פערשיידענע פעראיינען, פון קאָרפּאָראַציאָנען. די קערפּערשאַפטען פון די אוניווערזיטעטען האָבען ערהאַלטען פון די קעניגען אָדער פון פּאַפּסט געוויסע פּריווילעגיעס אין דער הינזיכט פון זייער פערוואַלטונג און זייערע בעציהונגען צו דער אויסערער וועלט. די אינערע פערוואַלטונג איז ניט געווען אין אַלע אוניווערזיטעטען גלייך. אַזוי צ. ב. איז אין דער פּאַריזער אוניווערזיטעט געווען אַיינגעפיהרט, דאָס די פּראָפעסאָרען אַליין האָבען ערוועהלט איינעם פון זיי אַלס אַ רעקטאָר, וועלכער איז געווען דער הויפּט־בעאַמטער איבער דער גאַנצער אַנשטאַלט, ווערהענד אין באָלאָניאַ (איטאַליען) פלעגען די סטודענטען ערוועהלען אַ רעקטאָר פון צווישען זיך; אויך פלעגען זיי אַליין ערוועהלען די פּראָפעסאָרען און זיי בעצאָהלען פיר זייערע לעקציעס. אין באָלאָניאַ האָבען די פּראָפעסאָרען געשטריטען אַ לאַנגע צייט ביז זיי האָבען אין דער אַנשטאַלט געקראָ:ען אַ דעה. אין גאַנץ איירָאפּאַ, אויסער איטאַליען, איז אָנגענומען געוואָרען דאָס פּאַריזער סיסטעם, דאָס די פּראָפעסאָרען זיינען די אוניווערזיטעט, דאָס די שטודירענדע קענען ווערען אַריינגענומען אין זייער קרייז אַלס געלעהרטע, אַלס דאָקטאָרען, נאָך דעם, ווי זיי האָבען

געקראָגען אַ געוויסע שטופּע פון בילדונג מיט געוויסע קענטניסען. נאָר אין איטאַליען זיינען ביז דער נייער צייט געווען די אוניווערזיטעטען אונטער דער פערוואַלטונג פון די סטודענטען; זיי האָבען אַליין איינגעלאַדען פּראָפעסאָ-רען, זיי האָבען זיי געצאָהלט זייער געהאַלט א. אז. וו. די אוניווערזיטעטען זיינען אויך געווען איינגעטיילט אין נאַציאָנאַליטעטען. אזוי צ. ב. זיינען אין פּאַריזער אוניווערזיטעט געווען פיער נאַציאָנאַליטעטען, פון וועלכע יעדע האָט געהאַט איהר אייגענע קאַסע, איהר אייגענע פערוואַלטונג. אויך די פיער עלטעסטע דייטשע אוניווערזיטעטען (פּראַג 1348, וויען 1365, היידעל-בערג 1386, קעלן 1388) זיינען געווען געגרינדעט נאָך נאַציאָנען.

לאַנגזאַם איז די אוניווערזיטעט איינגעטיילט געוואָרען אין פאַקולטע-טען. צוערסט איז געוואָרען אַ בעזונדערע טהעאָלאָגישע פאַקולטעט, וועלכע די מאָנאַכען האָבען געגרינדעט; שפּעטער איז צוגעקומען אַ מעדיצינישע פאַקולטעט, נאָכדעם אַ יוריסטישע. דיזע דריי פאַקולטעטען זיינען געווען בעזונדערע קערפּערשאַפטען, אין וועלכע די מיטגלידער זיינען געווען נאָר דאָקטאָרען. ענדליך איז צו דיזע פאַקולטעטען צוגעקומען די פילאָזאָפישע פאַקולטעט. מיט דער צייט האָבען זיך אויך געגרינדעט קאָללעגיומס און בורסעס. אָבער אין דייטשלאַנד האָבען זיי ניט לאַנג עקסיסטירט, און זיי האָבען אָפּגעטראָטען דעם אָרט צו די אוניווערזיטעטען, נאָר אין ענגלאַנד זיינען זיי פערבליבען עד היום.

אייגענטליך זיינען די העכערע שולען געווען נאָר אין די מאָנאַסטירען. דאָרט האָט מען געלערנט אַלע שבע חכמות; נעמליך: גראַמאַטיקע, רעטאָ-ריק און לאָגיק, אַריפמעטיק, געאָמעטריע, אַסטראָנאָמיע און מוזיק. עס זיינען שפּעטער צוגעקומען אויך: מעדיצין, יוריספּרודענץ, טהעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע.

אויסער די אוניווערזיטעטען האָבען זיך דאַמאָלס געגרינדעט פערשיי-דענע פעראיינען און חברות, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק צו העלפען פערברייטען די הומאַנע וויסענשאַפטען. די אַלע חברות זיינען צווישען זיך געווען פערבונדען מיט׳ן צוועק צו העלפען איינע דער אַנדערער איבעראַל צו פערברייטערן בילדונג. דערצו האָט פיעל געהאָלפען די לאַטיינישע שפּראַך, וועלכע איז דאַמאָלס געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך: אַלע געלעהרטע, אַלע דיפּלאָמאַטען האָבען געקענט לאַטייניש און האָבען זי געברויכט אין פערקעהר צווישען די פערשיידענע נאַציאָנען. אַלע געלעהרטע פון יענער צייט זיינען געווען איינשטימיג, דאָס דער בעסטער מיטעל צו פערשפּרייטען וויסען און פרייהייט צווישען פאָלק איז צו מאַכען בעקאַנט די מענשהייט מיט דער

אַנטיקער ליטעראַטור. אין דיזער הינזיכט זיינען זיי געגאַנגען געגען דער קירכע, וועלכע האָט אַלע אידעען פון דער אַנטיקער וועלט געהאַסט און פערבאָטען. דאָס האָט געפיהרט צו אַ ביטערען קאַמף צווישען די געלעהרטע און דער קירכע. די הומאַניסטען האָבען אָנגעווענדט אַלע קרעפטען צו בעקעמפען די סכאָלאַסטיק. צו דיזען צוועק האָבען זיי פערבריי׳טעט די פּלאַטאָנישע פילאָזאָפיע. אויך אַריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע האָבען די הומאַניסטען ריינער און ריכטיגער פערשטאַנען און געלערנט. בעסער די לעהרע און פילאָזאָפיע פון פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל האָבען די הומאַניסטען אויך אויסגעזוכט די נאַטור־וויסענשאַפט און נאַטור־פאָרשונג פון דער אַנטיקער וועלט און האָבען זי פערברייטעט צווישען די געלעהרטע און שטודירענדע. מען האָט אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען פון די אַלטע גריכישע פילאָזאָפען — דעם סאָציאַליזם, דעם עפּיקורעאיזם, דעם סקעפּטיציזם — געשטודירט, געפאָרשט און געלערנט.

מיט דיזען וועג, פערשטעהט זיך, האָט דער הומאַניזם אַרויסגערופען אויף אַ קאַמף די קירכע. אפילו ווען די הומאַניסטען האָבען זיך נאָר בעשעפטיגט מיט דער אַנטיקער פּאָעזיע, האָבען די גייסטליכע אין דעם אויך געזעהען אַ גרויסע געפאַהר פיר די קירכע, ווייל זיי, די גייסטליכע, האָבען אין דעם געזעהען דעם ערסטען שריט צו גאָט־לייקנונג און צו דער אונטערגראָבונג פון דעם קריסטענטום. אפילו די אַרט און וייזע ווי די הומאַניסטען האָבען געלויבט דעם קריסטליכען גלויבען איז פיר די קירכע געווען אָפּשטויסענד. די הומאַניסטען האָבען צ. ב. פערגליכען ישוע הנוצרי מיט הערקולעס׳ן, די הייליגע מאַריאַ מיט דער געטין דיאַנאַ, און דאָס האָט די קירכע שטאַרק אויפגערעגט געגען זיי. דאָס איז פיר זיי געווען אַ חלול הקודש. אויסער דעם האָט מען די הומאַניסטען בעשולדיגט, דאָס מיט זייערע לעהרעס פערשפּרייטען זיי אין פאָלק אונמאָראַלישע זיטען, און דעריבער האָבען זיי ניט קיין רעכט צו זיין די לעהרער פון בילדונג.

דער הומאַניזם האָט געמוזט אַרויסטרעטען אין אַ קאַמף פיר זיין עקסיסטענץ. די פּאָעטען און די פילאָזאָפען זיינען ווירקליך אַרום שטרייטען מיט דער הייליגער באַנדע, מיט די באַרבאַרען און טהעאָלאָגען. זיי האָבען אָנגעפאַנגען אָנצוגרייפען די הויך־שולען פון די גייסטליכע אין איטאַליען און אין דייטשלאַנד, און זיי זיינען ווירקליך שטאַרק אָנגעגריפען געוואָרען. די אַלטע אָרדנונג פון שטודירען, די אַלטע מעטהאָדעס פון בעלעהרען דאָס פאָלק זיינען פערשפּאָטעט געוואָרען, און די הומאַניסטען האָבען בעוויזען זייער פינסטערקייט און ניכטיגקייט. דער פערפאָלגונגס־גייסט פון דעם

קלערום (די גייסטליכע) איז געשטעמפּעלט געוואָרען מיט דעם זיגעל פון נידערטרעכטיגקייט. עס פערשטעהט זיך, דאָס די גייסטליכע האָבען ניט געשוויגען, און דער רעזולטאַט פון דיזען שטרייט איז אָנפאַנגס געווען אַ גרויסע צאָהל מאַרטירער פון דער זייט פון די אָנהענגער פון דעם הומאַניזם.

אָבער אין אָנפאַנג פון דעם 16טען יאָהרהונדערט איז דער זיג שוין געווען אויף דער זייט פון די הומאַניסטען. אין איטאַליען זיינען שוין אין מיטען פון 15טען יאָהרהונדערט די אַלע אוניווערזיטעטען געווען אין די הענט פון די הומאַניסטען. אין רוים און אין פלאָרענץ האָבען די אוניווערזיטעטען זאָגאַר אַרויסגעוואָרפען די ביבעל פון די געגענשטענדען פון שטודיום, און אָנשטאָט דעם האָבען זיי איבעראַל איינגעפיהרט די פּלאַטאָנישע פילאָזאָפיע. מען האָט דאָרט געזוכט אויסצוגלייכען די לעהרע פון קריסטוס און פּלאַטאָ, און זאָגאַר פיעלע פון די גייסטליכע זיינען צוגעשטאַנען צו דיזער לעהרע. די קאָללעגיומס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין פראַנקרייך און ענגלאַנד אונטער די קעניגען פראַנץ דעם 1טען און היינריך דעם 4טען, זיינען געווען אין די הענט פון די הומאַניסטען. אויך אין דייטשלאַנד האָבען זיך פיעלע אוניווערזיטעטען אָנגעשלאָסען אָן די הומאַניסטען און האָבען איבערגעמאַכט זייערע פּראָגראַמען אין איינשטימונג מיט די פּראָגראַמען פון די הומאַניסטישע אוניווערזיטעטען.

אין איטאַליען איז דער גרויסער פּאָעט פּעטראַרקאַ געווען גערעכענט אַלס דער פאָרקעמפּפער פון הומאַניזם. מיט זיין פּאָעזיע האָט ער אַרויסגערופען אַ שטאַרקע בעגייסטערונג פיר די אַנטיקע ליטעראַטור. ער האָט אַליין געזאַמעלט פיעלע מאַנוסקריפּטען פון די קלאַסיקער, איבערהויפּט פון דער רוימישער ליטעראַטור, און האָט פיעל געווירקט צו פערברייטען די ליבע צו די אַנטיקע ווערק און גייסט. דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען באָקאַטשיאָ. דורך זיין איינפלוס האָט מען אין פלאָרענטינער אוניווערזיטעט איינגעלאַדען אַ לעהרער פיר גריכיש. דעם גרעסטען איינפלוס אויף די ערנייערונג פון בילדונג אין גייסט פון די אַלטע גריכען און רוימער האָט געהאַט דער קאָנסטאַנטינאָפּעלער געלעהרטער געאָרגיוס געמיסטהוס פּלעטהאָן (1355—1452). אויך לאַורענטיוס וואַללאַ אין רוים (1415—1495) האָט פיעל געווירקט אין דיזער ריכטונג. ער האָט איבערזעצט די איליאַדע פון האָמער, העראָדאָט'ס ווערק, טהוקידיד'ס געשיכטע, און האָט אויך שאַרף קריטיקירט זייערע פאַלשע אידעען פון פילאָזאָפיע.

אין דייטשלאַנד האָט דער הומאַניזם געפונען דעם פרוכטבאַרסטען באָדען. דאָרט איז ער געוואָרען עכט וויסענשאַפטליך. דער הומאַניסטישער

גייסט האָט זיך פון די אוניווערזיטעטען פערברייטעט אויף געוועהנליכע ביר־גער, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט בילדונג. איבעראַל איז פערשפּרייט געוואָרען די ליבע צו דער קלאַסישער ליטעראַטור און פּלאַטאָנישער פילאָ־זאָפיע. צו דיזען סאָרט מענער געהערט אויך ווילליבאַלד פּירק־היימער (1470—1528). ער איז געוועזען מיט אַ ריכטיגען פּאָעטישען גייסט, אַ מענש וואָס האָט פערשטאַנען די וועלט, אַ מענש מיט פיעל ווי־סענשאַפט, אַ טיכטיגער יוריסט, אַ שטאַרקער פּאָליטיקער, און האָט אויסגע־צייכענט פערשטאַנען די מיליטער־קונסט. זעהר וועניגע מענשען אין זיין צייט האָבען אַזוי גרינדליך פערשטאַנען דאָס אַלטערטום ווי דיזער נירנבער־גער געלעהרטער.

דער הומאַניזם האָט דערגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע, ווען אָן דער שפּיץ פון דער בעוועגונג זיינען ערשינען עראַזמוס און רייכלין. דעזי־דעריוס עראַזמוס איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1496 אין ראָט־טערדאַם און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1536 אין באַזעל. ער איז געוועזען דער ערסטער מאַן אין דער אייראָפּעאישער וויסענשאַפט פאַר דער רעפאָר־מאַציאָן. די דייטשע הומאַניסטען פלעגען עולה רגל זיין צו איהם ווי צו אַ געטער־בילד. צו ערהאַלטען פון איהם אַ בריף, צו האָבען מיט איהם אַ גע־שפּרעך האָט יעדער פון זיינע פערעהרער גערעכענט פיר דאָס גרעסטע גליק אין לעבען. ער איז געוועזען דער אורים ותומים פיר אַלע אייראָפּעאישע גע־לעהרטע אין בעטרעף פון ליטעראַטור און וויסענשאַפט. עראַזמוס האָט גע־הייסען פאָלקאָמענהייט, אונפעהלבארקייט. די גרעסטע גייסטליכע, די גרעסטע פירסטען האָבען גערעכענט פיר אַן עהרע צו שטעהן מיט איהם אין פערבינדונג.

פריהער פון אַלעם האָט עראַזמוס צוגעצויגען זיינע צייט־גענאָסען אַלס שריפטשטעלער. דורך זיין „Laus Stultitiae” (דער לויב פון נאַרישקייט) האָט ער זיך אויסגעצייכענט אין דער בעאַרבייטונג פון דער בעליבטער אידעע, וואָס איז שוין לאַנג אָנגענומען געוואָרען פריהער, זינט דעם 15טען יאָהרהונ־דערט, צו לויבען שעדליכע זאַכען הומאָריסטיש און סאַטיריש. וויכטיגער פון דיזעס זיינען די פילאָזאָפישע שריפטען, וואָס ער האָט געלאָזען נאָך זיך, און זיינע ווערק איבער דער גריכישער ליטעראַטור.

וואָס עראַזמוס האָט געטאָן פיר דאָס גריכישע, דאָס האָט רייכלין (געשט. 1522) געטאָן פיר דאָס העברעאישע. די העברעאישע שפּראַך איז פיר די קריסטליכע וועלט פון יענער צייט געוועזען ווי אַ טיפע געהיימניס. רייכלין האָט דיזע געהיימניס ענטדעקט פאַר דער וועלט מיט דער הילף פון

די גראַמאַטיקאַלישע און לעקסיקאַלישע ווערק פון דעם בעריהמטען אידישען געלעהרטען פון מיטעלאַלטער ד ו ד ק מ ח י (רד"ק).

דאַמאַלס האַט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער שטרייט צווישען אַלט און נייע, צווישען פּראָגרעס און קאָנסערוואַטיזם. איבערהויפּט האַט מען זיך שטאַרק געשטעלט געגען דער נייער הומאַניסטישער בעוועגונג, וועלכע האַט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס אין דער ערציהונג, אין די שולען און אין

דעזידעריוס עראַזמוס.

לעבען. די קאַלנישע הויף־שולע איז פריהער געווען די פּאָפּולערסטע שולע, זי האַט זיך גערעכענט פיר די בעסטע שולע איבערהויפּט מיט איהרע טהעאָ-לאָגישע געגענשטענדען, און טהעאָלאָגיע האַט זיך דאַמאַלס גערעכענט פיר די העכסטע און וויכטיגסטע פון אַלע וויסענשאַפטען. די הומאַניסטען אָבער האָבען בעשלאָסען צו בעזיגען די הויף־שולע פון קעלן און זי רעפאָרמירען אין

דעם גייסט פון די הומאַנע וויסענשאַפטען און פאָדערונגען. זיי האָבען אָבער ניט געהאַט דעם ריכטיגען מאַן, וועלכער זאָל זייערע פּלענער דורכפיהרען, און דעריבער האָט דער הומאַניזם אין קעלן געשפּילט אַ ראָלע פון אַ דינערין ביי די טהעאָלאָגען.

אָבער די פאָלגענדע געשיכטע האָט די הומאַניסטען געגעבען מעהר מאַכט אין קעלן. דער געטויפטער איד יאָהאַן פפעפערקאָרן האָט אין די יאָהרען 1507—1509 פערעפענטליכט שריפטען געגען די אידען און געגען דער העבּ-רעאישער ליטעראַטור, און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל די שעדליכע ספרים פערברענען. עס האָט ניט לאַנג גענומען און פפעפערקאָרן האָט פון קייזער בעקומען אַ מאַנדאַט צו קאָנפיסקירען אַלע העברעאישע ביכער. די אידען אָבער האָבען אויסגעווירקט ביי דער רעגירונג, דאָס די זאַך זאָל איבערגעגעבען ווערען צו אַ קאָמיטע פון געלעהרטע, צו בעטראַכטען די ביכער און זעהן, אויב זיי זיינען ווירקליך שעדליך פיר די מאָראַל און פיינדליך צו דער רעגי-רונג און צו גוים, ווי פפעפערקאָרן האָט זיי פערלוימדעט, און דיזעס קאָמיטע זאָל געבען זיין בעריכט צום קייזער. אין דיזען קאָמיטע איז אויך געווען רייכלין, און דיזער האָט געגעבען זיין מיינונג, דאָס די אידישע ליטעראַטור ענטהאַלט איין זיך, אין געגענטייל, זעהר פיעל מאָראַל און קיין שעדליכעס ניט, אויסער אַ פּאָאַר ביכלאַך, וועלכע זיינען ווירקליך ווערט צו ווערען פער-באָטען. ווען פפעפערקאָרן האָט זיך דערוואוסט וועגען רייכלין'ס ענטפער, האָט ער איהם אָנגעהויבען צו בעשמוצען און פרעדיגען געגען איהם. עס איז געוואָרען אַ לאַנגער שטרייט, און עס האָט זיך אויסגעלאָזען מיט אַ פּראָ-צעס, וועלכער איז אָנגעקומען צום פּאַפּסט אין רוים (1520), און דיזער האָט ענטשיידען דעם פּראָצעס געגען רייכלין'ען.

הגם רייכלין איז פון פּאַפּסט ערקלערט געוואָרען שולדיג, האָט רייכלין'ס נאָמען דערפון גאָרניט געליטען. די פּאַרטיי, וואָס איז געווען געגען רייכ-לין'ען, די גייסטליכע מיט זייערע אָנהענגער, האָט שוין לאַנג אָנגעוואָרען יעדען קרעדיט אין די אויגען פון דער בעסערער קלאַס.

די הומאַניסטען האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס דיזער שטרייט איז דער שטרייט צווישען ליכט און פינסטערניס, צווישען דעם הומאַניזם און דער אַלטער פערשימעלטער סכאָלאַסטיק, דעריבער האָבען זיי אָנגעווענדט אַלע קרעפטען צו געבען דעם געגנער אַ טויט-קלאַפּ. אַלע אָנהענגער פון הומאַ-ניזם האָבען זיך גרופּירט ארום רייכלין'ען, און עס האָט זיך געבילדעט אַ קרייז פון „רייכליניסטען", וועלכע האָבען געהאַט זייער הויפּט-קוואַרטיר אין ערפורט.

פון דיזען קרייז זיינען אין די יאָהרען 1515 און 1517 אַרויס די בע-ריהמטע בריף, וואָס זיינען בעוואוסט מיט'ן טיטעל **„Epistolae obscurorum virorum"** (בריף פון די פינסטערלינגען). דיזע בריף זיינען אויסגעקלערטע, ניט קיין עכטע. זיי זיינען געשריבען כלומר'סט פון אַן אָנהענגער פון דער אַלטער ריכטונג צו דעם געבילדעטסטען פיהרער פון די קעלנער, צו אָרטווין גראַציוס. אין אַ זעהר פערדאַרבענעם לאַטיין שרייבען די הער-רען: לאַנגשניידעריוס, האַזענמוזיוס, שעערנשלייפעריוס, בונטערמאַנטעללוס, דאַללקאָפּסיוס, און אַנדערע שוטים, וואָס געפינען זיך אין גאַנץ דייטשלאַנד. דעם ערסטען איינדרוק מאַכען די בריף, דאָס זיי ליובען דעם וועג פון די אַלטע, אָבער ווען מען דרינגט אַריין אין דעם עטוואָס נעהענטער, זעהט מען קלאָר, דאָס זיי האָבען פון דער גאַנצער באַנדע פינסטערלינגען געמאַכט אַ בארג אַש.

יאָהאַן רייכלין.

(אין דער אידישער ליטעראַטור איז געמאַכט געוואָרען אין דיזער אַרט דאָ בעריהמטע בוך „מגלה טמירין", וועלכעס איז געשריבען געוואָרען אין אַ חסידישען העברעאיש און לויבט די חסידים, אָבער אין גרונט איז עס גע-מאַכט פון זיי חוזק און ליצנות.) דיזע בריף האָבען געמאַכט אַ גוואַלדיגען איינדרוק מיט זייער בייסענדער סאַטירע. זיי האָבען געגעבען די פינסטער-לינגען אַ ווּהרען טויט-קלאַפּ. זיי האָבען שטאַר געהאָלפען צו רעפאָרמירען די אוניווערזיטעטען אין גייסט פון די הומ…יסטען און אַרויסצוטרייבען אין גאַנצען די ןּלטע מעטהאָדען מיט דער פאַלשער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע.

איינער פון די הויפּט-פערפאַסער פון דיזע מערקווירדיגע סאַטירישע בריף איז געווען אולריך פאָן הוטטען (1488—1523). דיזער איז געווען דער לעצטער גרויסער הומאַניסט. ווען ער איז געשטאָרבען איז

שוין דער ציל פון די הומאַניסטען געווען דערגרייכט. דייטשלאַנד האָט שוין אין די אַלע לעהר־אַנשטאַלטען איינגענומען די קלאַסישע בילדונג. די פרייע אידעען פון די הומאַניסטען זיינען אריבער די גרענצען פון בילדונג און האָבען אויך אריינגעטרעטען אין די סאָציאַלע און פּאָליטישע ספערעס פון יענער צייט. מיר וועלען נאָך האָבען שפּעטער די מעגליכקייט צו רעדען אויספיהרליכער וועגען אולריך פאָן הוטטען, ווי אויך וועגען דעם גרויסען ענגלישען הומאַניסט טהאָמאַס מאָרוס, דער קאַנצלער פון ענגלאַנד, וועלכער האָט צוליב זיינע פּאָליטישע אידעען געענדיגט זיין לעבען אויף'ן עשאַפאָט. אויך וועגען דיזען וויכטיגען מאַן וועלען מיר שפּעטער האָבען צו זאָגען פיעל מעהר.

ד. ליטעראַטור און מוזיק.

אין דער צייט, וואָס די רענעססאַנס האָט איינגעדרונגען זיגרייך איבעראַל, האָט אויך די ליטעראַטור דערלעבט אַ בליהענדען צושטאַנד. פריהער איז די ליטעראַטור ניט געווען אַ זאַך פון פאָלק, זיינע אַ נויטווענדיגקייט, נאָר זי איז געווען געפּלעגט פון דער רייכער קלאַס אַלס אַ לוקסוס. די אמת'ע קונסט קען ענטשטעהן און ענטוויקלען זיך נאָר דאָרט, וואו עס איז ניטאָ די דאגת פּרנסה, די זאָרג וועגען טעגליכען ברויט. די אַרבייטער־קלאַס האָט נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעגעבען קיין האמלעט. אויך פיר די ליטעראַטור איז געווען דער איינציגער אָרט צו ענטוויקלען זיך אין די פּאַלאַצען פון די רייכע און אין די הויפען פון די פירסטען. אויך אין דער נייער אויפלעבונג פון פּאָעזיע און פּראָזאַ איז איטאַליען געווען די ערסטע, וועלכע האָט דער איבעריגער וועלט געגעבען דעם טאָן, און פון אַלעמען האָט זיך ווידער אויסגעצייכענט דער הויף פון די מעדיטשי אין פלאָרענץ.

אין איטאַליען האָבען זיך ענטוויקעלט הויפּטזעכליך צוויי סאָרטען פּאָעזיע: דער עפּאָס (העלדען־געדיכט) און די ליריק. פון די דריי גרייסע פּאָעטען פון איטאַליען: דאַנטע, פּעטראַרקאַ און באָקאַטשיאָ, האָבען נאָר די לעצטע צוויי — פּעטראַרקאַ און באָקאַטשיאָ — געהאַט אַ איינפלוס אויף די שפּעטערע דורות. דאַנטע'ן האָט מען בעוואונדערט, אָבער ניט נאָכגעאַהמט. פּעטראַרקאַ'ס ליריק און באָקאַטשיאָ'ס עפּיק האָבען געוואונען מעהר און מעהר באָדען און נאָכטוער. צו אַן עכט קינסטלערישער שטופע אין סטיל און אין אינהאַלט האָט געבראַכט דעם עפּאָס דער פּאָעט לודאָוויקאָ אַריאָסטאָ. דיזער פּאָעט איז געבאָרען געוואָרען דעם 8טען סעפּטעמבער 1474. אַזוי ווי זיין פאָטער איז געווען אַבעאַמטער אין דעם הויף

פון פערראַרא, איז ער נאָך אַלס איונגעל בעקאנט געוואָרען מיט'ן גלענצענדען לעבען פון די פירסטען. די דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען אין הויף האָבען אין איהם פריה ערוועקט זיין פּאָעטישען טאַלענט, און ער האָט זיך מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין יונגער זעעלע געווידמעט צו דער פּאָעזיע. זיין פאָ־טער אָבער האָט איהם געצוואונגען צו אַ יוריסטישער קאַריערע. ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען האָט ער געמוזט אָננעהמען אַ שטעלע ביים קאַרדי־נאַל היפּפּאָליט פון עסטע אום צו ערנעהרען זיין מוטער און די קינדער. מען האָט אפילו געהאָפט, דאָס דיזער קאַרדינאַל וועט זאָרגען פיר די ענטוויקלונג

לודאָוויקאָ אַריאָסטאָ.

פון דעם טאַלענט פון דיזען בעגאַבטען דיכטער, אָבער פון דיזער האָפנונג איז גאָר ניט געוואָרען. דער קאַרדינאַל האָט ניט פערשטאַנען אַריאָסטאָ'ס טאַלענט.

אין דיזער לאַגע האָט אַריאָסטאָ אָנגעפאַנגען זיין פּאָעטישעס ווערק „דער שרעקליכער ראָלאַנד", וועלכעס האָט זיין נאָמען געמאַכט אונשטערב־ליך. פון דיזען עפּאָס איז ערשינען אין יאָהר 1516 די ערסטע 35 געזענגען. אין יאָהר 1517 איז אַריאָסטאָ אַוועק פון זיין דינסט ביים קאַרדינאַל און האָט אַריינגעטרעטען אין דינסט צום הערצאָג אַלפאָנסאָ ד'עסטע. נאָר זיינע

לעצטע יאָהרען האָט אַריאָסטאָ פערבראַכט אין רוה, איבערגעבענדיג זיך בלויז צו דיכטערישער שאַפונג. ער איז געשטאָרבען דעם 6טען יולי 1533. די איבריגע געזעגנגען פון זיין בעריהמטען עפּאָס זיינען ערשינען ערסט נאָך זיין טויט.

דער „שרעקליכער ראָלאַנד" איז אַ פאָרטזעצונג פון דער געשיכטע, וועלכע באָיארדאָ האָט אָנגעפאַנגען און האָט ניט געענדיגט. דאָס ווערק האָט אַפילו אין זיך אַ סך פעהלערן: דעם ריטערטום פעהלט די ריכטיגע רע-ליגיאָן און די עכטע ליבע, די פרויען-געשטאַלטען פעהלט דאָס ווייבליכע; עס פעהלט אויך אַן אידעע, וואָס זאָל די פערשיידענע טיילען פון דעם ווערק פעראייניגען אין איין גאַנצעס. דאַגעגען זיינען איינצעלנע שטעלען זעהר געלונגען. מיט אַלע זיינע מעלות קען דאָך אַריאָסטאָ ניט געשטעלט ווערען אין איין רייהע מיט די גרעסטע דיכטער פון דער וועלט-ליטעראַטור, ווי שעקספּיר, סערוואַנטעס, דאַנטע און גאָטהע.

וויכטיג זיינען אויך אַריאָסטאָ'ס סאַטירעס, וועלכע זיינען ענליך צו האָראַציוס'עס, אָבער ביטערער און בייסענדער. זיי שילדערן די טיפע זי-טען-פערדאָרבענהייט פון די העכערע קלאַסען פון זיין צייט.

אַריאָסטאָ האָט געהאַט פיעל נאָכטוער, זיי זיינען אָבער אַלע אונבעדיי-טענד. דערפאַר אָבער איז אין יענער צייט ענטשטאַנען אין איטאַליען אַ דיכטער, וועלכער האָט געבראַכט די ראָמאַנטיק צו אַ זעהר גלענצענדער שטופע. דיזער דיכטער איז געווען טאָרקוואַטאָ טאַססאָ.

טאָרקוואַטאָ טאַססאָ איז געבאָרען געוואָרען דעם 11טען מערץ 1544 אין סאָרענטאָ ביי נעאַפּעל. 25 יאָהר (1571—1596) האָט ער געלעבט אין ריטערליכען פערגניגען אין דעם הויף פון פערראַראַ. דאָרט האָט ער גע-נאָסען די פריינדשאַפט פון דעם הערצאָג און זיינעביידע שוועסטערס. שוין זיין פאָטער האָט געהאַט אַ דיכטערישען טאַלענט און אַ נאָמען. דאָ האָט טאָרקוואַטאָ געענדיגט זיין בעריהמטעס עפּישעס ווערק „די בעפרייטע ירושלים". פון דאַמאַלס אָן האָט דאָס הויף-לעבען פערלאָרען פיר איהם יע-דען אינטערעס. עס האָבען זיך אויף דיזעם ווערק בעוויזען אייניגע ניט-וויכטיגע קריטיקען, און דאָס האָט איהם פעראורזאַכט זעהר שטאַרקע קרענ-קונגען. פון דאַמאָלס אָן האָט ער פערלאָרען דעם גלויבען אין זיין טאַלענט און פּאָעטישען גייסט. דערצו האָבען די רעליגיעזע גריבלערייען, וועלכע זיינען געווען נעטיג צו קענען שרייבען דיזעם ווערק, איהם געמאַכט נערוועז און מיסטרויאיש. צוליב זיין נערווען-שוואַכקייט איז ער אימער געווען אויפגערייצט, ער האָט זיך בענומען מיט די לייט אין הויף זעהר שלעכט און

דאס האט איהם געצוואונגען אין געהיים צו פערלאזען דעם הויף. ער איז צוריקגעקומען, און איז ווידער אנטלאפען, און ווידער צוריקגעקומען. ענדליך איז ער מיט זיין אויפפיהרונג געווארען צו שאנד און צו שפאט. ער האט זיך ערלויבט, ווען דער כעס איז איהם אנגעקומען, צו בעליידיגען דעם הערצאג און די פרינצעסינס. ענדליך איז ער געווארען קראנק און מען האט איהם געמוזט אוועקשיקען אין האספיטאל פון סט. אננא. דארטען האט ער שטארק געליטען פון דער ברוטאליטעט פון די בעדינטע. ער איז אבער אהין פערשיקט געווארען אלס שטראף פיר זיין גראבקייט געגען דעם הערצאג. 7 יאהר האט ער פערבראכט אין יענעם האספיטאל ביז ער איז ענדליך אין

טארקוואטא טאססא.

יאהר 1586 בעפרייט געווארען. זיינע לעצטע יאהרען האט ער פערבראכט אין א זעהר אונרוהיגען לעבען ביז דער טויט האט איהם ענדליך ערלעזט דעם 25טען אפריל 1595, איינינע טעג פריהער איידער עס איז געקומען דער טאג, אין וועלכען עס איז בעשטימט געווארען צו קרוינען איהם אין קאפיטאל אלס איינעם פון די גרעסטע דיכטער אין דער וועלט.

אין דעם עפאס „די בעפרייטע ירושלים" איז געוועהלט אלס שטאף די געשיכטע פון דעם ערסטען קרייץ־צוג, וועלכער האט געהאט אלס ענד־ציל די עראבערונג פון ירושלים. דער פלאן פון דעם ווערק איז אויסגעארבייט

געוואָרען נאָך דעם פּלאַן פון די ווערק פון האָמער און ווירגיל. ירושלים איז די נייע טראָיא. גראַדע ווי אין טראָיא קאָנצענטרירען זיך די מעהרסטע זאגעס פון דער אַנטיקער וועלט, אַזוי איז ירושלים דער צענטער פון אַלע זאגעס פון דער קריסטליכער וועלט. אויך אין פערשיידענע איינצעלהייטען האָט טאַססאָ גענומען בילדער פון יענער בעריהמטער אַנטיקער וועלט און האָט זיי צוגעפּאַסט צו ירושלים און דעם קריסטענטום. איבערהויפּט איז בולט זיין קראַפט אין שילדערן ווייבליכע בילדער. ער האָט אין וואונדערבאַרע פערזען קונסטפול און זעהר פּאָעטיש אויסגעדריקט זיין הויכע אַכטונג צום געפיהל פון ליבע און צו איהר ווירקונג צו ערהויבען דעם מענשליכען גייסט און פערעדלען די געפיהלען. אין דיזען ווערק געפינען זיך זעהר פיעלע ערהאַבענע עכט־פּאָעטישע סצענעס און שטעלעס, צו וועלכע עס איז שווער צו געפינען אַ גלייכען אין די בעסטע פּאָעטישע ווערק פון דער נייערער צייט. איבער זיינע ווערק איז אויסגעגאָסען אַ צויבער פון מוזיקאַלישער שענהייט, און דאָס האָט איהם געמאַכט אַלס ליבלינגס־דיכטער פון זיין פּאָלק. עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס פיעלע סטראָפעס פון זיין ווערק זיינען גע-וואָרען פּאָלקס־לידער, וועלכע זיינען לאַנג פערבליבען ביי די ווענעציאַנישע גאָנדאָליערען (שיפלאָך־טרייבער).

אין דער ליריק איז זעהר וועניג צו בעמערקען דעם איינפלוס פון דער אַנטיקער פּאָעזיע. די לידער פון סעראַפינאָ פון אַקווילאַ (געשט. 1500) זיינען אָנערקענט אַלס די בעסטע פּאָלקס־לידער. סעראַפינאָ איז געוועזען דער בעריהמטעסטער אימפּראָוויזאַטאָר (איינער וואָס מאַכט שירים ניט צוגרייטענדיג זיך) פון יענער צייט. עס זיינען דאַמאָלס געוועזען נאָך זעהר פיעלע ליריקער, אַזוי דאָס מיר וואָלטען מיט זייערע נעמען געקענט אָנפילען זעהר פיעלע זייטען אין אונזער געשיכטע. אָבער מיר ווילען דאָ דערמאָהנען נאָר די צוויי וויכטיגסטע פון זיי, נעמליך: וויטטאָריאַ קאָלאָננאַ (געבאָרען 1490), די פרוי פון מאַרקעסי פון פּעסקאַראַ. זי איז געוועזען גרויס אין עלעגישער פּאָעזיע (קלאָג־לידער). דער צווייטער גרויסער דיכטער פון יענער צייט איז געוועזען מיקעלאַנדזשעלאָ בואָנאַראָטטי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער טיפקייט פון זיינע געדאַנקען. אַזוי צ. ב. זאָגט ער:

קענסט דו ניט, וואָס דו ווילסט, — טאָ וויל
וואָס דו קענסט; אַ נאַר וויל, ניט קענענדיג,
דאַרום זאָל אַ קלוגער מאַן הייסען דער,
וואָס דענקט ניט צו ווילען, וואָס ער קען ניט.

דאָס איז אונזער פרייד און לייד:
צו וויסען יע און ניין פיר וועלען און פיר קענען;
דער קען ווירקליך, ווען ער די געטער גינען,
דאָס ער זאָל צום וועלען אויך וויסען, וואָס ער זאָל.

ניט אימער נוצט צו וועלען, וואָס מיר קענען.
אָפט שיינט זיס צו זיין, וואָס לאָזט זיך ביטער אויס,
האָב אָפט געוויינט, ווען ד'האָב געהאַט וואָס ד'האָב געוואָלט.

לאָ'מיר דיר דעריבער אַן עצה געבען:
ווילסטו אַ גוטער זיין, אַ ווירדיגער מענש,
טאָ וויל נאָר אימער קענען, וואָס דו זאָלסט.

נעבען דער פּאָעזיע האָט מען אין איטאַליען צו יענער צייט אויסערגע-וועהנליך געאַרבייט אויף דעם פעלד פון געשיכטע. די ווערק פון ניקאָלאָ מאַקיאַוועללי (געשט. 1527) זיינען בעריהמט אין דער וועלט. אוים-געצייכענט זיינען איבערהויפּט זיינע געשפּרעכען איבער טיטוס ליוויוס. דאָס זיינען זעהר טיפע בעטראַכטונגען איבער די אַלטע געשיכטע פון די רוימער, פון וועלכער ער האָט אַרויסגענומען פיעלע ניצליכע רעגלען און גרונדזאַצען. זיין פלאָרענטינישע געשיכטע (אין 9 ביכער ביז צום יאָהר 1494) שילדערט ער מיט גרויסער קונסט און טיפזיניגער וועלט-קענטניס די קאַמפען וועגען דער קאָנסטיטוציאָן פון דיזען קליינעם פריישטאַאט. דאָס בעריהמטעסטע פון אַלע זיינע ווערק איז „דער פירסט". אין דיזען ווערק שטעלט ער פאָר אַ בילד פון אַ פירסט אָדער בעסער געזאָגט פון אַ טיראַן, ווי צ. ב. טשעסאַרע באָרדזשיאַ, וועלכער האָט געמאַכט, דאָס זיין ווילען אַליין זאָל זיין דאָס געזעץ, וואָס איז די פליכט פון יעדען צו ערפילען. ער האָט ניט גענומען אין בעטראַכט ניט קיין מאָראַל, ניט קיין רעליגיאָן, ניט קיין רעכט. פרייהייט און די אינטערעסען פון די בירגער און זייער וואויל-שטאַנד האָבען פיר איהם ניט געהאַט קיין ווערט, און ער האָט זיי ניט גענו-מען אין בעטראַכט, נאָר קלוגהייט אַליין איז ביי איהם געווען וויכטיג.

דיזע לעהרע האָט צו יענער צייט אָנגעמאַכט גרויס לאַרם צווישען די דענקער. זיינע אָנהענגער האָבען איהם פערטיידיגט, ערקלערענדיג, דאָס ער האָט געמיינט, אַז אום צו רעטען די צוריסענע איטאַליען מוז מען האָבען אַ שטאַרקע אייזערנע האַנט פון אַ קלוגען מעכטיגען טיראַן און ענערגישען דעספּאָט, וועלכער זאָל קענען מיט מאַכט און גוואַלד פעראייניגען די צו-

שפּליטערטע שטיקלאַך פון דיזען גרויסען און געבענשטען לאַנד. אַנדערע האָבען ערקלערט, דאָס מיט דיזען ווערק האָט ער געזוכט צו ווייזען דער וועלט, וואָס אַ טיראַן איז, צו וואָס ער צילט און וואָס ער פיהרט דורך, און דערמיט גיט ער אַ ווארנונג אַלע פעלקער צו זיין פאַרזיכטיג און ניט דערלאָזען קיינעם אָנטאָן אויף זיי קייטען פון אונטערטעניגקייט און שקלאַפעריי. אַזוי צ. ב. ערקלערט דער פראַנצויזישער גרויסער שרייבער און דענקער זשאַן זשאַק רוססאָ, דאָס דיזעס בוך איז געשריבען פיר רעפּובליקאַנער. עס האָבען זיך אָבער אויך געפונען אַנדערע, וועלכע האָבען דאָס בוך אַנדערס פערשטאַנען און האָבען אָנגעווענדט אַלע זייערע קרעפטען אויפצואווייזען די ניט־ריכטיגקייט און גרונדלאָזיגקייט פון מאַקיאַוועלי'ס בעהויפּטונגען אין דיזען ווערק. אונטער זיי איז צו רעכנען וואָלטער און פריעדריך דעם 2טען.

דער פלאָרענטינער פראַנטשעסקאָ גוויטשאַרדיני (1482—1540) האָט געשריבען די געשיכטע פון איטאַליען פון דער צייט, וואָס די פראַנצויזען האָבען זיי בעזיגט אונטער קאַרל דעם 8טען (1494) ביז מען האָט זיי פון דאָרט אַרויסגעיאָגט דורך די שלאַכט ביי פּאַוויאַ. דאָס ווערק איז זעהר בעדייטענד. עס איז רייך מיט שאַרפזיניגע בעטראַכטונגען און מענשען־קענטניס, נאָר צו שווער אין סטיל און צו ברייט אין אַרומרעדען. זעהר אָנגענעהם איז די פאָרמע, ווי עס ווערט דערצעהלט די געשיכטע פון דעם פראַנצויזישען בירגער־קריג (1559—1598), געשריבען פון דעם ווענעציאַנער געשיכטע־שרייבער דאַווילאַ (געשט. 1631). דאַווילאַ איז אַ פּראַגמאַטישער געשיכטע־שרייבער (ד. ה. אַ היסטאָריקער, וועלכער גיט זיך די מיה צו בעווייזען ווי די געשיכטליכע פאַקטען פאָלגען איינער פון דעם אַנדערן). ער האָט גענוי ערפאָרשט די אורזאַכען, וועלכע האָבען געטריבען די געשיכטליכע פערזאָנען צו האַנדלען ווי זיי האָבען געהאַנדעלט, אַזוי דאָס זיי האָבען אַנדערס ניט געקענט האַנדלען. ער שטעלט די זאַכען פאַר אַזוי, דאָס עס איז קלאָר צו זעהן, דאָס צום גרעסטען טייל זיינען זיי אַרויסגעקומען צוליב די אינטערעסען פון פערשיידענע פּאַרטייען, וועלכע האָבען געהאַלטען די רעגירונג אין צוים און האָבען זי געזוכט צו בעהערשען. פּאַאָלאָ סאַרפּי, אַ מאָנאַך מיט פיעל בילדונג, האָט פערפאַסט אַ געשיכטע פון דעם קאָנציל פון טריענט. סארפּי איז געוועזען זעהר פריי געזאָנען. ער האָט זיך דעריבער פערשאַפט אַ סך שונאים פון די קלעריקאַלען און זיי האָבען אָנגעדונגען באַנדיטען איהם צו ערמאָרדען, אָבער ער האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט אין דער ריכטיגער צייט, און ער איז געוועזען פאָרזיכטיג. אין דער זעלבער צייט האָט פערראַנטע פּאַלאַוויטשיני פערפאַסט אַ בייסענדע

סאַטירע מיט דעם נאָמען „דער הימלישער גט". מיט דיזער סאַטירע האָט ער אַזוי שטאַרק אויפגערייצט די פינסטערלינגען, דאָס מען האָט איהם גע-קעפּט. דער אינהאַלט פון דער סאַטירע איז: דאָס הימלישע געריכטס-הויז פון גט'ען האָט ערהאַלטען פון יעזוס'ן אַ ביטשריפט, אין וועלכער ער בעט דאָס געריכט מען זאָל איהם ערלויבען גט'ן זיך מיט זיין כלה, מיט דער קירכע אויף דער ערד. דאָס געריכטס-הויז האָט אויסגעפונען, דאָס יעזוס'עס פאָ-דערונג איז אַ גערעכטע, ווייל די כלה, די קירכע, האָט געפיהרט אַן אויסגע-לאַסענעם לעבען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו איהם שדכ'ענען אַנדערע כלות, די לוטהעראַנישע קירכע און די רעפאָרמאַטאָרישע, אָבער יעזוס האָט בעשלאָסען צו בלייבען בעסער ניט פערהייראַט. פיר דיזע וואַהרהייט האָט פּאַללאַוויטשיני בעצאַהלט מיט זיין לעבען.

די ענדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין שפּאַניען נאָך דעם פאַל פון גראַנאַדאַ, האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער ליטעראַטור. די נאַציאָן איז אַריינגעטרעטען אין אַ וועלט-היסטאָרישע ראָלע. זי איז געוואָרען אַ מאַכט, וואָס ניט די אַלטע, ניט די נייע געשיכטע האָט געזעהען עטוואָס עהנליכעס צו איהר. זאָגאַר די עראָבערונגען פו די אַלטע רוימער ווייזען אויס זעהר קליין אין פערגלייך מיט דעם צוואוואקס פון גרויסע לענדערייען, וועלכע די שפּאַניער האָבען ערוואָרבען אין דער נייער וועלט (אין אַמעריקאַ). אויך אין דעם אינערען האָט שפּאַניען געמאַכט גרויסע פאָרטשריטען. עס האָבען אין שפּאַניען אויפגעבליהט פערשיידענע קונסטען און וויסענשאַפטען. אויך די ליטעראַטור האָט בעקומען נייעס לעבען. די ליטעראַטור האָט אָנגעהויבען אַריינצונעהמען אין זיך דאָס בעסטע פון אַנדערע ליטעראַטורען און האָט אָנגע-נומען אַ פרייע ריכטונג. דער מוסטער פיר שפּאַניען איז געווען איטאַליען מיט דער אַנטיקער וועלט. די פּאָליטישע פערהעלטניסען פון יענער צייט האָבען געבראַכט פיעלע שפּאַניער אין בעריהרונג מיט ווענעציאַ, פלאָרענץ, רוים, נעאַפּעל. דאָ האָבען זיי זיך בעקענט מיט די בעריהמטע פּאָעטישע ווערק פון דאַנטע, פּעטראַרקאַ, באָקאַטשיאָ, און האָבען עס נאָכדעם געבראַכט אַהיים. זיי האָבען גענומען פון איטאַליען דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען פון איהר געקענט נעהמען, און האָבען עס צוגעמישט צו זייער אָריגינעלער נאַציאָ-נאַלער פּאָעזיע און עס איז דערפון אַרויסגעקומען עטוואָס זונדערבאַרעס, ער-האַבענעס.

דער גרינדער פון דער נייער שולע אין שפּאַניען איז געווען **חואַן באָסקאַן אַלמאָגאַווער** (געשט. 1543). ער האָט אַריינגעגעבען אין דער פּאָעזיע עטוואָס אַ בעזונדער בלוט און ליידענשאַפטליכקייט פון דעם

זידליכען הימעל. פיעל מעהר בעגאַבט איז גאַרציאַס לאַסאַ דע לאַ וועגאַ (1503—1536). ער האָט ניט פיעל געשריבען, אָבער וואָס ער האָט געשריבען געהערט צו די בעליבטעסטע און מעהר בעוואונדע-רונגסווערטע ווערק, וואָס די שפּאַנישע ליריק האָט אַרויסגעגעבען. אין זיינע פּאָעטישע ווערק זיינען פעראייניגט ערהאַבענע פּאַנטאַזיע, די זיסעסטע ווייכ-הייט און דער ריינסטער וואוילקלאַנג פון דער שפּראַך. מעהר פון אַלעם זיי-נען בעריהמט זיינע סאָנעטען און הירטען־געשיכטען (פּאַסטוכשע לידער).

פיעל האָט געווירקט צו פערברייטען דעם איטאַליענישען געשמאַק אין שפּאַניען דיעגאָ הורטאַדאָ דע מענדאָצאַ (1503—1575). איבערהויפּט זיינען וויכטיג זיינע פּראָזאאישע ווערק, הגם זיינע עפּישע געדיכטען האָבען אין זיך פיעל שענהייט און חן. זיינע ראָמאַנען זיינען אַ רייכער שאַץ פון מענשען־קענטניס. זיין ראָמאַן „דאָס לעבען פון לאַצאַרילאָ פון טאָרמעס" איז פול מיט בייסענדער סאַטירע און זיטען־מאַ-לעריי. אין אַלגעמיין זיינען זיינע ראָמאַנען ניט שאַפונגען פון דער פּאַנ-טאַזיע, נאָר בילדער פון דער ווירקליכקייט.

צו די מערקווירדיגסטע כאַראַקטערען פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור געהערט דאָן פראַנצעסקאָ דע קעוועדאָ ווילע-לעגאַס (1580—1645). ער האָט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט סאַטירע. איהם האָבען געמאַכט אַלס דיכטער זיינע פּערזענליכע ערפאַהרונגען, דערי-בער הערשט אין זיינע ווערק פיעל מעהר טיף געפיהלטע ביטערקייט איידער געקינסטעלטע סאַטירע; אָבער דערפאַר פעהלט אין זיינע סאַטירעס אַ הווי-כער, אידעאַלער שטאַנדפּונקט. זיינע סאַטירעס זיינען אין פאָרמע אָפט זעהר אָפּשטויסענד: זיי זיינען צו ציניש (גראָב). פון זיינע אמת גוטע סאַ-טירעס זיינען: „די בריף פון דעם ריטער פון דער צאַנגע", וואָס אַ קאַרגער האָט געשריבען צו זיין געליבטער. אין דיזען ווערק איז צו בעגעגענען ווירק-ליך גוטע סאַטירע, אָהן אַ שום צומישונג פון עטוואָס ביטערקייט אָדער גרוי-זאַמער שאַרפקייט. פון ציניזם איז קיין רעדע ניט. דיזעס איז אין גאַנצען ניטאָ אין דיזען ווערק.

דאַמאָלס האָט זיך אין שפּאַניען ענטוויקעלט נאָך אַ סאָרט ראָמאַנען־שרייבונג, וועלכע איז בעוואוסט אַלס שעפער־ראָמאַן. דיזער סאָרט ראָמאַן האָט געהאַט אַלס זיין צוועק פאָרצושטעלען די פאַלשע זייט פון לע-בען פון דער העכערער קלאַס און אויך זייער פאַלשען בעגריף פון קריסטענ-טום. דער הויפּט־צוועק פון דיזען סאָרט ליטעראַטור איז געווען צו צייגען די מענשען, ווי ווייט זייער לעבען האָט אָפּגעווייכט פון דער נאַטור, און

רעקאָמענדירט זיי צוריקצוקעהרען זיך צו דער נאַטור. ווייל אָבער פון א קולטור־ציוויליזירטער געזעלשאַפט קען מען ניט ערוואַרטען, דאַס זי זאָל זיך נאַאיוו אומקעהרען צו דער נאַטור, דעריבער איז עס געווען נעטיג די שעפער־ראָמאַנען צו פערפּוצען און צו פערקינסטלען. איינער פון די בעסטע ראָמאַנען פון דיזען סאָרט איז „די פערליבטע דיאַנאַ" פון ח אָ ר ח ע (Jorge) פון מ אָ נ ט ע מ א י אָ ר. חאָרגע איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1520 און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1561. דיזער ראָמאַן איז געוואָרען איבערזעצט אין אַלע שפּראַכען, און עס זיינען פון איהם געמאַכט געוואָרען פיעלע נאַכאַהמונגען. די פּראָזא פון דיזען ראָמאַן איז זעהר אינטערעסאַנט און איז דורכגעפלאָכטען מיט זעהר פיעלע צערטליכע געפיהלפולע געדיכטען. דיזער בעריהמטער ראָמאַן איז ניט געענדיגט געוואָרען פון דעם פערפאַסער זעלבסט, נאָר ער איז געענדיגט געוואָרען אין דעם גייסט און סטיל פון דעם פערפאַסער דורך ג אַ ס פּ אַ ר ח י ל פּ אָ ל אָ, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין מיטען פון דעם 16טען יאָהרהונדערט.

צו די בעריהמטע ליריקער, וועלכע האָבען געשאַפען אין דער צייט פון קאַרל דעם 5טען, ווערען אויך גערעכענט אַלס קלאַסיקער די דיכטער ל ו א י ס פּ אָ נ צ ע ד ע ל ע אָ ן (1528—1591) און ה ע ר נ אַ נ ד אָ ד ע ה ע ר ר ע ר א (געשט. 1597). ביידע פּאָעטען זיינען געווען שטאַרק בעאיינפלוסט פון דער אנטיקער פּאָעזיע און האָבען געשריבען אין יענע פאָרמעס. דער ערסטער, לואיס פּאָנצע דע לעאָן, צייכענט זיך אויס מיט דעם רעליגיעזען גייסט און דער פאָלקאָמענער שעהנהייט פון זיין שפּראַך; דער אנדערער, הערנאַנדאָ דע הערערא, האָט געשריבען אין דעם גייסט פון די אַלטע העברעאישע פּאָעטען, איבערהויפּט אין דעם גייסט פון די פּסאַלמען (תהלים).

דעם גרעסטען דיכטער־רוהם האָט זיך שפּאַניען פערשאַפט אין ראָמאַן און דראַמא, און דאָ בעגנוגען מיר דעם גרעסטען נאָמען, וועלכער געהערט ניט צו איין נאַציאָן, נאָר צו דער גאַנצער מענשהייט. צו די גרעסטע דיכטער פון אַלע צייטען און אַלע פעלקער געהערט אָהן צווייפעל דער שפּאַנישער שריפטשטעלער מ י ג ו ע ל צ ע ר ו ו אַ נ ט ע ס ד ע ס אַ א ו ו ע ד ר א (געב. 1547 אין אַלקאַלא, געשט. דעם 23טען אַפּריל 1616), דער פערפאַסער פון דעם אונשטערבליכען ווערק „דאָן קיחאָט". די אומשטענדען האָבען איהם פערשאַפט די מעגליכקייט צו ערלערנען דאָס לעבען פיעלזייטיג. אין דער מלחמה ביי לעפּאַנטאָ האָט ער פערלאָרען אַן אָרם. באַלד נאָכדעם איז ער געפאַנגען געוואָרען פון אַ רויבער־שיף און איז געווען געצוואונגען צו אַרבייטען 5 יאָהר אין גאַלעערען־יאָך (אַלס שקלאַף אויף שיפען).

דעם 19טען סעפּטעמבער 1580 האָט איהם אַ גייסטליכער אויסגעלעזט פון זיין קנעכטשאַפט און ער האָט נאָכדעם געדינט 3 יאָהר אין דער שפּאַנישער אַרמעע. ווען ער איז אַרויס פון מיליטער־דינסט האָט ער געפיהרט אַ זעהר שווערעס לעבען, הגם ער איז געווען זעהר בעריהמט.

דער ערסטער טייל פון זיין ווערק, וואָס האָט איהם געמאַכט אונשטערב־ליך, איז ערשינען אין דעם יאָהר 1605. דער צווייטער טייל פון דיזען ווערק איז אַרויס מיט 10 יאָהר שפּעטער. נאָך ביי זיין לעבען זיינען פון זיין „דאָן קיחאָט" פערקויפט געוואָרען 30,000 עקזעמפּלאַרען. די פערברייטונג פון אַזאַ צאָהל עקזעמפּלאַרען פון אַ ווערק איז אין יענע צייטען ניט געהערט גע־וואָרען. וואָס פיר אַ מין וואונדער דאָס ווערק האָט אַרויסגערופען מיט זיין ערשיינען, בעווייזט פאָלגענדער אַנעקדאָט. דער קעניג פיליפּ דער 3טער האָט אַמאָל געזעהען, ווי אַ סטודענט געהט און לעזט אַ בוך, שטעלט זיך אַלע ווײלע אָפּ און מאַכט פערשיידענע בעוועגונגען מיט זיינע הענט און מיט'ן קערפּער און נאָכדעם צולאַכט ער זיך שטאַרק. דער קעניג האָט עס בעמערקט און האָט געזאָגט: „דיזער סטודענט איז אָדער אַ נאַר, אָדער ער לעזט דאָן קיחאָט".

צערוואַנטעס האָט מיט זיין „דאָן קיחאָט" געהאַט אין זין צו פערניכטען די ראָמאַנטיק, וואָס איז דאַמאָלס געווען אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע ביי די שרייבער פון די ריטער־ראָמאַנען, וועלכע האָבען דאַמאָלס פערפּלייצט די וועלט. אָבער דאָס איז נאָך ניט דער הויפּט־פערדינסט פון זיין ווערק. ער האָט אין זיין „דאָן קיחאָט" געשאַפען אַזעלכע בילדער און טיפּען, וועלכע וועלען אין אַלע צייטען האָבען אַ ווערט. אויף אַ וואונדערבאַרען אופן שפּילט זיך דאָ אָפּ די טראַגי־קאָמעדיע פון מענשען'ס לעבען און וויגט זיך אימער צווי־שען אידעאַל און ווירקליכקייט. דער איבערטריבענער אידעאַליזם פון דעם בראַווען, עדעל־זיניגען, גרויסמוטיגען ריטער דאָן קיחאָט, דעם הויפּט־העלד פון דעם ראָמאַן, ווערט פערניכטעט און צושלאָגען ביי אַלע זיינע אונטערנעה־מונגען. זיין דינער אָבער, דער פּראָסטער, ניט איבערגעשפּיצטער סאַנטשאָ פּאַנצאַ, זעהט אימער פאָרויס, וואָס עס וועט זיין דער סוף פון אַלע אידעאַלע אונטערנעהמונגען, און מיט זיין פּראַקטישען פערשטאַנד וואָרנט ער איהם אָפּ דערפון, אָבער עס איז אַלעס אומזיסט. דאָן קיחאָט דער ריטער זעצט פאָרט זיינע נאַרישע, ניט פּראַקטישע אידעאַלען, און קריגט פיר זיי אַלע מאָל קלעפּ. דערפון וואַקסען אַרויס סצענעס, וועלכע רופען אַרויס געלעכטער ביי דעם אויבערפלעכליכען לעזער דורך זייער נאַטירליכען קאָמיזם, אָבער ווער עס בעטראַכט עס טיפער זעהט אין דעם אַ טיפזיניגע אַלעגאָריע פון לעבען.

אין דיזער הינזיכט איז דאָס ווערק אַן אונערשעפּליכער שאַץ פון ווייזהייט, און צוזאַמען מיט דעם שטעלט עס פאָר זעהר נאַטירליך און טריי צו דער ווירקליכקייט דאָס סאָציאַלע לעבען פון שפּאַנישען פאָלק צו יענער צייט.

אויך די „מאָראַלישע נאָוועלען" פון צערוואַנטעס פערנעהמען אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור אַ זעהר וויכטיגען פּלאַץ. זיי זיינען זעהר טריי צום לעבען און דער ווירקליכקייט, און זיין שפּראַך איז זעהר אַנגענעהם צו לעזען. אַלס דראַמען־שרייבער שטעהט סערוואַנטעס ניט זעהר הויך, ווייל, ווי עס שיינט, עס האָבען איהם געפעהלט די נעטיגע פעהיגקייטען, וואָס די ביהנע פאָדערט.

מיגועל צערוואַנטעס.

וואָס צערוואַנטעס האָט געטאָן פיר דעם ראָמאַן, דאָס האָט **לאָפּע פעליקס דע וועגא קאַרפּיאָ** געטאָן פיר די דראַמאַ. לאָפּע דע וועגאַ איז געוועזען אַ וואונדער פון דער נאַטור. ער איז געבאָרען געוואָרען אין מאַדריד דעם 25טען נאָוועמבער 1562. צו 5 יאָהר האָט ער שוין פערשטאַנען גוט די לאַטיינישע שפּראַך און האָט שוין אין איהר געשריבען פערזען, וועלכע ער פלעגט פערבייטען מיט זיינע חברים אויף שפּיל־זאַכען. ווען ער איז אַלט געוואָרען 11 יאָהר האָט ער אָנגעהויבען שרייבען דראַמאַס. זיינע עלטערן זיינען איהם פריה אָפּגעשטאָרבען, און ער איז צו 15 יאָהר געוועזען געצוואונגען אַריינטרעטען אין מיליטער־דינסט. דאַן האָט ער אָנגענומען אַ שטעלע אין מאַדריד ביים הערצאָג פון אַלבאַ. ער האָט געהייראַט און איז

גיך געוואָרען אַן אַלמן, האָט ווידער געהייראַט און איז ווידער געוואָרען אַן אַלמן. נאָכדעם האָט ער אַריינגעטראָטען אין די ברידערשאַפט פון דעם היי-ליגען פראַנציסקוס אין טאָלעדאָ. פון דיזער צייט פאַנגט זיך אָן זיין גלענ-צענדע עפּאָכע. דעם 21טען אויגוסט 1635 איז ער געשטאָרבען אין אַלטער פון 73 יאָהר. זיין לויה איז געווען די גרעסטע, וואָס אַ דיכטער האָט ווען עס איז געהאַט. לאָפּע דע וועגאַ איז דער פרוכטבאַרסטער שרייבער פון דער אַלטער און נייער צייט. איבער 21 מיליאָנען פערזען האָט ער אָנגעשריבען. זיינע פּראָזאַאישע ווערק אַליין פילען אָן 21 בענדער אין קוואַרטאָ (פּערטעל בויגען). די צאָהל פון זיינע דראַמאַס גרייכט ביז 1,500, לויט ווי ער האָט אַליין פערזיכערט. לאָפּע דע וועגאַ האָט זיך ביי זיינע פּערפאָסונגען ניט גערדאַרפט אָנשטרענגען. ער האָט גערעדט און געשריבען פערזען אָהן פאָר-בערייטונג. עס האָבען זיך פון זיין פעדער און פון זיין מויל געגאָסען שירים ווי פון אַ קוואַל, אָהן אַן אויפהער. און ווען עס געפינען זיך אָפט אונטער זיינע שירים שוואַכערע, זיינען אָבער אויך דיזע דורכגעדרונגען מיט אַ בעזונ-דערען צויבער, און די פאָרמע און די שפּראַך זיינען אימער, אפילו אין די שוואַכסטע, זעהר מילד און שען. ער איז געווען פון קאָפּ ביז די פיס אַן עכטער שפּאַניער און טרייער קריסט. דאָס בעסטע פון אַלע זיינע ווערק איז „דער שטערן פון סעווילאַ". אין דיזען שטיק זיינען פעראייניגט אַלע איי-גענשאַפטען פון זיין גייסט: ערהאַבענע פאַנטאַזיע, האַרמאָנישער און שענער פערזען-בוי, קלאָרע שפּראַך, שאַרפע כאַראַקטעריסטיק, פייערדיגעס גע-פיהל, טיפע ליידענשאַפט, וואַהרע פערעהרונג פון די פרויען און בייסענדער וויץ געברויכט אין ריכטיגען אָרט. דיזע אַלע אייגענשאַפטען האָבען געמאַכט לאָפּע דע וועגאַ אונשטערבליך.

נאָך גרעסער פון לאָפּע דע וועגאַ איז ק אַ ל ד ע ר אָ ן, וועלכער איז דער בעדייטענדסטער דראַמאַטישער שריפטשטעלער פון שפּאַניען. פּ ע ד-ר אָ ק אַ ל ד ע ר אָ ן ד ע ל אַ ב אַ ר ק אַ איז געבאָרען געוואָרען דעם 17טען יאַנואַר 1600, און איז געשטאָרבען דעם 25טען מאַי 1681. ער איז וויט ניט געווען אַזוי פרוכטבאַר ווי לאָפּע דע וועגאַ, אָבער ער האָט אויך אָנגעשריבען מעהר אַלס 100 דראַמאַס און זעהר פיעלע גרעסערע און קלענערע געדיכטען. גאָטהע האָט וועגען איהם געזאָגט, דאָס ער איז אַ זשעניע מיט אַ סך פערשטאַנד. מיט זיין שאַרפען פערשטאַנד האָט ער איינגעזעהען די פעהלערן פון לאָפּע דע וועגאַ'ס שטיקער און אין זיינע ווערק האָט ער דיזע פעהלערן אויסגעבעסערט. זיינע שאַפונגען שטעהען דריבער העכער פון אַלע בעסטע שפּאַנישע ווערק אין יענער צייט. קאַלדעראָן איז דער גלענ-

צענדסטער דיכטערישער טאַלענט, וואָס דער קאַטאָליציזם האָט ווען עס איז אַרויסגעגעבען.

אין דער זעלבער צייט איז אין פאָרטוגאַל אויפגעטרעטען אַ דיכטער, וועלכער האָט זיין לאַנד געגעבען אַן אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור. דאָס איז געווען לואיס דע קאַמאָענס. ער איז געבאָרען געוואָרען אין ליסאַבאָן אין יאָהר 1525. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרימער אַדעלמאַן. אין ליסאַבאָן האָט ער געהאַט צו נאָהענטע בעקאַנטשאַפט מיט אַ הויף־דאַמע און איז דערפאַר פערטריבען געוואָרען נאָך סאַנטאַרעם. שפּעטער איז ער אַריין אין די מאַרין (זעע־דינסט) און אין אַ קאַמף מיט די מאַורען האָט ער פערלאָרען אַן אויג. ער איז נאָכדעם אַוועק נאָך אינדיען. דאָ האָט ער געשריבען אייניגע סאָנעטען און סאַטירעס, צווישען אַנדערע אויך אַ סאַטירע

לאָפּע דע וועגאַ.

איבער די מיסברויכען פון דער רעגירונג. דערפאַר האָט איהם די רעגירונג פערשיקט נאָך מאַקאַאָ. אין דיזען אָרט האָט ער אָנגעפאַנגען צו שרייבען זיין אונשטערבליכען עפּאָס (העלדען־געדיכט) „די לוסיאַדען". אין אייניגע יאָהר אַרום האָט זיך קאַמאָענס צוריקגעקעהרט אין ליסאַבאָן. אָבער דער אונגליק האָט איהם פערפאָלגט אָהן אַן אויפהער. ער האָט געליטען שיפּ-ברוך, האָט פערלאָרען זיין גאַנצעס פערמעגען, וואָס ער האָט מיט גרויס מיה צוזאַמענגעקליבען, און ער האָט קוים געראַטעט זיין נאַקעטעס לעבען און זיין העלדען־געדיכט. די אַרויסגאַבע פון דיזען עפּאָס האָט איהם אַריינגע-בראַכט ניט מעהר פון 75 מאַרק אַ יאָהר. אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט אַ דינער געמוזט געהן פיר איהם בעטלען. אין יאָהר 1579 איז

ער עלענד געשטאָרבען אין אַ האָספּיטאַל. אַ באָרוועסער מאָנאַך איז געשטאַ־נען ביי זיין יציאת נשמה און האָט אַריינגעשריבען אין אַן עקזעמפּלאַר פון די לוסיאַדען די פאָלגענדע ווערטער: „עס קען ניט זיין עטוואָס טרויערי־גערעס ווי צו זעהן אַזאַ גרויסען גייסט אין אַזאַ שרעקליכען עלענד! איך האָב איהם געזעהען שטאַרבענדיג אין אַ האָספּיטאַל אין ליסאַבאָן. ער האָט זאָ־גאַר ניט געהאַט קיין ליילאַך, מיט וואָס זיך צוצודעקען".

די לוסיאַדען זיינען צום ערסטען מאָל ערשינען אין יאָהר 1572, נאָכ־דעם זיינען זיי פיעלע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרען אייך מאָל נאָך ז׳עם אַנדערען. מיט פּאַטריאָטישען פייער שילדערט ער די גרויסע טאַטען פון די פּאָרטוגעזען, ווי די אומשיפונג פון אפריקאַ, די ענטדעקונג פון אַ נייעם זעע־וועג נאָך אָסט־אינדיען, ווי אויך פיעלע אַנדערע וויכטיגע זאַכען פון דער אַלטער געשיכטע פון פּאָרטוגאַל. דאָס איז דאָס בעסטע נאַציאָנאַל־ווערק פון די פּאָרטוגעזען. דיזעס ווערק איז ניט אַ שפּיל פון דער פאַנטאַזיע, נאָר עס איז אַן עכטער פאָלקס־שפּיגעל, אין וועלכען עס שפּיגלען זיך אָפּ די ערנסטע זייטען פון פאָלקס־לעבען בעסער ווי אין דער טרייעסטער גע־שיכטע.

אין פראַנקרייך האָט די רענעססאַנס אַרויסגערופען אַ שריפטשטעלער, וועלכער האָט בעשאַפען אַ נייע עפּאָכע אין דער ליטעראַטור, אָפּשטויסענדיו מיט ביידע הענט דעם גייסט פון מיטעלאַלטער מיט דער ראָמאַנטיק און גרינ־דענדיג אויף זייער אָרט אַ רעאַלע פּאָעזיע. דיזער איז געווען פ ר אַ נ ס ו אַ ר אַ ב ע ל ע י. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1483 אין שינאָן. לויט דעם וואונש פון זיינע עלטערן האָט ער אַריינגעטראָטען אין דעם פראַנצים־קאַנער אָרדען. שפּעטער איז ער אַריבער צו די בענעדיקטינער, און איז ענדליך געוואָרען אַ פּריסטער. נאָכדעם איז ער געוואָרען אַ פּאַררער (פּרע־דיגער) אין מענדאָן, און אין דיזען אַמט איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 1550.

ראַבעלעי׳ס גרויסער ראָמאַן, זיין לעבענס־ווערק, בעשטעהט פון 5 בי־כער. דאָס ערסטע בעהאַנדעלט דאָס לעבען פון דעם ריז גאַרגאַנטואַ, און די אַנדערע ביכער בעהאַנדלען די יוגענד, די מעשים און די וואַנדערונגען פון פּאַנטאַגרועל. אין לויף פון דעם ראָמאַן ווערט סאַטיריש פאָר־געשטעלט דאָס גאַנצע עפענטליכע לעבען פון דער קירכע און שטאַאַט. אַלע פעהלערן און שוואַכקייטען, די אונאָרדנונגען פון די איינצעלנע שטאַנדען, די אונגערעכטיגקייט פון דער יוסטיץ, דער כאַבאַר (שוחד) פון די בעאַמטע, די אויסגעלאַסענקייט און אַבערגלויבען פון די גייסטליכע, די סכאָלאַסטישע (פּשט׳לדיגע) פאָרמע פון לערנען, אַלעס ווערט געטאַדעלט און אויסגעלאַכט.

עס איז אַפילו אַלעס איבערטריבען, אָבער אונטער דער וויציגער דעקע איז אַרויסצוזעהן אַ קוואַל פון חכמה און לעבענס־קלוגהייט. די ביטערסטע קאַריקאַטורען האָט ער געווידמעט דעם רעליגיעזען, פּאָליטישען און געלעהרזאַמען לעבען פון יענער צייט. דער שפּאַס איז אין דיזען ווערק זעהר גרויס, אָפטמאָל זאָגאַר צו שענדליך. דער פּערפאַסער אַליין האָט געשריבען איבער זיין ווערק די בעסטע קריטיק, אין וועלכער ער ברייגנט פאָלגענדען משל: „די קליינע באַנקעס און קעסטעלאַך אין די אַפּטייקען פלעגט מען אַמאָל בעמאָלען מיט פערשיידענע שפּאַסהאַפטע בילדער, ווי צ. ב. קאַטשקעס מיט זאָטלען, בעק מיט פליגלען, האָזען מיט הערנער, איינגעשפּאַנטע גענזעלאַך, אָבער אין די באַנקעס זיינען אָפט מאָל געלעגען זעהר טייערע זאַכען".

לואיס דע קאַמאָענס.

די פּאָעזיע האָט אימער געמאַכט מעהר און מעהר פאָרטשריט. אָן דער שפּיץ פון די פאָרטגעשריטענע פּאָעטען איז געשטאַנען פּ י ע ר ר ד ע ר אָ נ ס אַ ר ד (1524—1585). זיין גאַנצעס שטרעבען איז געוועזען צו שאַפען אַ נייע ליטעראַטור, וואָס זאָל ענטהאַלטען אין זיך דאָס בעסטע פון דער אַנטיקער וועלט, פון שפּאַניען און איטאַליען. ראָנסאַרד איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון זיבען שטערן, די בעסטע זיבען פּאָעטען פון יענער צייט. אָבער די אַלע גרויסע שטערן האָבען עס ניט ווייט געבראַכט. זיי האָבען געענדיגט מיט דער זינלאָזער נאָכאַהמונג פון דער אַנטיקער פּאָעזיע, און זיינען געזונקען ביז הויף־שמייכלעריי. דער אַנדערער פון די שטערן־גרופּע איז גע-

ווען זשאָדעלל. זיין דראַמאַ „קלעאָפּאַטראַ" איז אויפגעפיהרט גע-וואָרען אויף דער פּאַריזער ביהנע אין יאָהר 1552. זי האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ גרויסען אויפרוהר, די גרעסטע טאַלענטען מיט אַ צייט שפּעטער האָבען זי אויך פערגעטערט. אָבער נאָך אַלעם דעם איז די דראַמאַ ניט מעהר ווי אַ פאַלשע נאָכאַהמונג פון דער אַנטיקער טראַגיק.

מעהר גליק האָט געהאַט די שולע, וואָס דער פּאָעט פראַנסואַ דע מאַלהערב (1556—1628) האָט געגרינדעט. דיזע שולע האָט געגעבען דער ליריק דעם ריכטיגען כאַראַקטער און עלעגאַנץ, וועלכע זי האָט בעהאַל-טען ביז דער נייער צייט. אויך מאַלהערב האָט זיך געהאַלטען פעסט אָן די פאָרמעס פון דער אַנטיקער ליריק. ער רעכענט זיך אַלס דער גרינדער פון דער קלאַסישער ליטעראַטור אין פראַנקרייך. דאָס איז נאָר ריכטיג וואָס אָנ-בעטרעפט די פאָרמע, אָבער וואָס אָנבעלאַנגט דעם אינהאַלט איז מאַלהערב'ס פּאָעזיע אָרים אין פאַנטאַזיע און געדאַנקען.

אין דעם אויגענבליק, ווען ענגלאַנד'ס וועלט־געשיכטליכע ראָלע הייבט זיך אָן, ווען דער פעאָדאַל־שטאַאַט איז אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען, און אויף זיינע רואינען האָבען אויפגעבליהט אַקערבוי, אינדוסטריע, האַנדעל און בירגערטום, אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען דאָס גאָלדענע צייט־אַלטער פון דער ענגלישער ליטעראַטור. די גלענצענדסטע שאַפונגען האָט ארויסגעבראַכט די דראַמאַ, און אויף דיזען געביט האָט קיין אַנדערעס לאַנד אין קיין צייט אַזוי פיעל ניט געלייסטעט, ווי ענגלאַנד אין דיזער צייט. דערביי מוז מען אויך וויסען, דאָס אין יענער צייט איז נאָך די אויסשטאַטונג פון דער ביהנע געווען זעהר ניט פאָלקאָמען. מען האָט די ביהנע אויסגעצירט איין מאָל פיר דעם גאַנצען אַבענד, פיר די גאַנצע פאָר-שטעלונג. מען פלעגט אָנשרייבען אויף אַ ברעט דעם נאָמען פון דעם לאַנד, פון דער שטאָדט און פון דעם אָרט, וואו די האַנדלונג איז פאָרגעקומען. אַ טיש מיט טינט און פעדער האָט געמאַכט פון דער ביהנע אַ געשעפטס־צימער. ווען אַנשטאָט דעם טיש זיינען געשטאַנען צוויי שטולען, האָט עס בעדייט, דאָס די סצענע קומט פאָר אין אַ שענק־שטוב. ווען מען האָט אומגעביטען די מעבעל, פלעגען די שוישפּילער בלייבען געוועהנליך שטעהן אויף זייערע ערטער, און דאַן האָט עס געהייסען, דאָס זיי האָבען איבערגעביטען די ער-טער, אָדער דאָס עס זיינען ארויף אויף די סצענע אַנדערע פּערזאָנען, אַנדערע אַקטיאָרען.

איבער די ערסטע דראַמאַטישע דיכטער איז דאָ זעהר ווייניג צו דער-צעהלען. דזשאָהן לילי (געבאָרען אין יאָהר 1553) האָט געשריבען

אין א וויציגען געזעלשאַפטסטאָן א גאַנצע רייהע פון הויף־קאָמעדיעס. מ א ר ל א ו (1563—1593) איז געניאַל, אָבער עס פעהלט איהם די ריכטיגע מאָס אין לעבען און אין דיכטען. זיין פערעהרער און נאָכאַהמער איז געווען ר אָ ב ע ר ט ג ר י ן (1560—1592). איינצעלנע סצענעס פון זיין דראַמא „פּאַטער באַקאָ” האָבען א גרויסען ווערט אויך אין היינטיגער צייט. א פּרוכטבאַרער טאַלענט איז געווען ט ה אָ מ אַ ס ה ע י וו אָ ו ד (געשט. 1663). ער האָט מיט זיינע ווערק ערצילט א גרויסען טהעאַטראַלישען עפעקט.

אָבער א וועלט־נאָמען האָט די ענגלישע דראַמא דערגרייכט ערסט דורך שעקספּיר׳ן, דעם גרעסטען דיכטער פון דער וועלט־ליטעראַטור און צוגלייך מאָדערנעם דראַמאַטיקער אין אמת׳ען זין פון דעם וואָרט. ו ו י ל ל י אַ ם ש ע ק ס פּ י ר איז געבאָרען געוואָרען דעם 23טען אַפּריל 1564 אין סטראַטפאָרד. זיין פאָטער איז דאָרט געווען א האַנדשוה־מאַכער, נאָכדעם איז ער געוואָרען א וואָל־הענדלער און האָט זיך ערוואָרבען א קליינעם קאַפּיטאַל. מיר ווייסען ניט, וואָס פיר אַן ערציהונג דער יונגער וויללאַם שעקספּיר האָט ערהאַלטען. מיר ווייסען אין אַלגעמיין זעהר וועניג, כמעט גאָרניט, פון דעם לעבען פון דיזען געוואַלדיגען וועלט־זשעניע. נאָך דעם, ווי ער האָט געהייראַט א מיידעל, וואָס איז געווען פיעל עלטער פון איהם, איז ער אין יאָהר 1589 אַוועק נאָך לאָנדאָן, וואו ער איז געוואָרען אַן אַקטיאָר אין איינעם פון די בעסטע טהעאַטערען. אין א קורצער צייט איז ער אַליין געוואָרען א טהעאַטער־אונטערנעהמער. פיר זיינע פּיעסען פלעגט ער נעהמען געוועהנליך פון 190 ביז 500 מאַרק. אין אונזערע צייטען איז עס א זעהר קליינער האָנאָראַר, אָבער אין יענע צייטען איז עס געווען א זעהר גוטער פּרייז. דיזע קליינע פערדינסטען האָבען איהם דאָך געזיכערט זיין עקסיסטענץ און האָבען איהם אויך געגעבען די מעגליכקייט צוזאַמענקלייבען א קליינעם קאַפּיטאַל צו ערווערבען א הויז אין זיין געבורטס־שטאָדט, וואוהין ער פלעגט אין זיין רוהיגער צייט קומען זיך אויסרוהען פון זיין אַרבייט. דאָ איז ער געשטאָרבען דעם 23טען אַפּריל 1616.

עס איז ניט לייכט צו זאָגען עטוואָס וועגען שעקספּיר׳ס זשעניאַלע ווערק אין קורצע ווערטער. זינט 130 יאָהר בעשעפטיגען זיך מיט׳ן שטודירען און אויספאָרשען זיינע ווערק די גרעסטע קענער פון פערשיידענע געביטען: עסטהעטיקער, פּסיכאָלאָגען, מעדיקער, ליטעראַטען און שפּראַכפאָרשער. פיעלע פון זיי האָבען דיזען געגענשטאַנד געמאַכט פיר אַן אויפגאַבע פון זייער לעבען, און האָבען עס אָפען אָנערקענט, דאָס זיי האָבען דעם

געגענשטאַנד אין גאַנצען ניט אויסגעשעפּט. קיין דיכטער איז ניט אַזוי פּיעל אַנערקענט געוואָרען אין אויסלאַנד ווי שעקספּיר; זיין „האַמלעט" איז, ווי גאָטהע'ס „פאַוסט", געוואָרען דער אַלגעמיינער שאַץ פון דער גאַנצער געבילדעטער וועלט. זאָגאַר שעקספּיר'ס דראַמאַטורגישער געגנער זאָגט וועגען איהם אין דער איינלייטונג צו דער ערסטער פאָליאָ־אויסגאַבע פון זיינע דראַמאַס פאָלגענדעס: „טריאומפיר, מיין ענגלאַנד! דו האָסט אויפצואווייזען איינעם, וועלכען אַלע ביהנעס פון איירָאָפּאַ מוזען געבען גרויס עהרע. ער איז ניט נאָר פיר איין צייטאַלטער, נאָר פיר אַלע צייטען".

צו די ערסטע יוגענדווערק פון שעקספּיר געהערען זיינע סאָנעטען, וועלכע צייכנען זיך אויס דערמיט, וואָס אין זיי איז זעהר בולט די פּערזענליכקייט פון דעם דיכטער. זיי זיינען געשריבען אין פערשיידענע שטימונגען, און צייגען, דאָס דער דיכטער איז נאָך ניט געקומען צו פאָלקאָמענער קלאָרהייט.

עס איז ניטאָ צווישען די ליטעראַרישע פאָרשער קיין איבעראיינשטימונג וועגען דער צייט, ווען שעקספּיר'ס איינצעלנע ווערק זיינען געשריבען געוואָרען, און וועלכע פריהער און וועלכע שפּעטער, אַזוי דאָס מיר זיינען ניט אין שטאַנד צו אורטיילען ווי און ווען זיין גרויסער גייסט האָט זיך ענטוויקעלט. אולריצי האָט נאָך געוויסענהאַפטע פאָרשונגען אויפגעשטעלט די פאָלגענדע צייט־טאַפּעל, וועלכע איז קרוב לאמת:

1) ערסטע פּעריאָדע (1586—1591).

פּעריקלעס, פירסט פון טירוס (1587); טיטוס אַנדראָניקוס (1587—1588); היינריך דער 6טער (1589); די קאָמעדיע פון די אירונגען (1591).

2) צווייטע פּעריאָדע (1591—1597).

פערלאָרענע ליבעס־מיה; דיביידע אדעלליט פון ווערָאָנאַ; ענדע גוט, אַלעס גוט (1591—1593); ראָמעאָ און יוליאַ (1592); ריטשאַרד דער 3טער (1593—1594); ריטשאַרד דער 2טער (1594—1595); היינריך דער 4טער, ערסטער טייל (1595); היינריך דער 4טער, צווייטער טייל (1596); צאַהמונג פון אַ בעזער פרוי (1596); דער קויפמאַן פון ווענעציאַ (1597).

3) דריטע פּעריאָדע (1597—1605).

זומערנאַכטס־טרוים (1597); האַמלעט (1598); וואָס איהר ווילט (1598); פיעל גערודער וועגען גאָרנישט (1599); היינריך דער 5טער (1599); ווי עס געפעלט אייך (1600); די לוסטיגע ווייבער פון ווינדזאָר (1600); מאָס פיר מאָס (1604); קעניג ליר (1605).

4) פּערטע פּעריאָדע (1605—1613).

יוליוס צעזאַר (1606) ; אַנטאָניוס און קלעאָפּאַטראַ (1607) ; קאָריאָלאַנוס (1608) ; טראָילוס און קרעססידאַ (1608) ; מאַקבעטה (1609—1610); צימבעלינע (1609—1610) ; דער שטורם ; דאָס ווינטער־מערכען, קעניג יאָהאַן (1610—1611) ; אָטהעללאָ (1612) ; היינריך דער 8טער (1613) ; טימאָן פון אַטהען (1612—1616).

וויללִיאַם שעקספּיר.

„ווען מען בעשעפטיגט זיך מיט שעקספּיר'ס ווערק", זאָגט דער היס־טאָריקער שערר, „מוז מען פריהער פון אַלעם געדענקען יענע מערקווירדיגע לייכען־רעדע (הספד), וועלכע ער האָט אין זיין דראַמאַ „יוליוס צעזאַר" אַריינגעלעגט אין מויל פון אַנטאָניוס צו האַלטען איבער דעם געפאַלענעם ברוטוס. עס זיינען וועניגע ווערטער, אָבער קיין מענש איז קיינמאָל ניט שענער געלויבט געוואָרען. עס האָבען זיך אין איהם צוזאַמענגעמישט אַזעלכע פערשיידענע עלעמענטען, האָט דער רעדנער געזאָגט, דאָס די נאַטור דאַרף אויפשטעהן און זאָגען דער וועלט: „אָט דאָס איז געווען אַ מאַן:"

אויך שעקספיר'ן קען מען בעסער ניט לויבען, ווי מען זאָל דיזע ווערטער אַנווענדען אויף איהם זעלבסט. די נאַטור האָט אויף איהם אויסגעגאָסען אַלע איהרע גאַבען און האָט איהם צוגעטיילט אַלע אייגענשאַפטען, וועלכע מאַכען איינעם צום גרויסען און גרעסטען דיכטער: אונערשעפּליכע פאַנ-טאַזיע, טיפען און הייסען געמיט, אַן אויג, וועלכעס דרינגט דורך אַלע פאַלדען פון מענשען'ס הארץ, אַן אויער, וועלכעס פערשטעהט קלאָר דעם שאַרף פון אַ פריהלינגס-ווינטעלע, ווי אויך דעם גרויסען לאַרם פון די וועלט-שלאַכטען, לעבהאַפטע בעוועגונג פון געמיט און לוסט און לייד, די עדעלסטע זיטליכ-קייט, אונערשעפּליכען וויץ, טיפזיניגע איראָניע, געטליכען הומאָר און אַ טי-פען פערשטאַנד. דיזע אַלע אייגענשאַפטען מאַכען זיינע ווערק אַלס אַ שפּי-געל פון דער גאַנצער וועלט און דער גאַנצער מענשהייט, אַלס אַ וועלטליכע ביבעל, פון וועלכער יעדער פערשטענדיגער מענש וועט פיעל לערנען אימער, ווען ער וועט זי אויפשלאָגען.

שעקספיר איז געווען אַ פולער, גאַנצער מענש; ער האָט בעטראַכט די וועלט און די מענשען מיט אַן אמת'ען, ריינעם, פרייען בליק; עס האָט איהם ניט פערבלענדט קיין האַס, קיין פאָראורטייל, פערשיידענהייט פון רעליגיאָן און ראַסע. דאָס זיינען די אייגענשאַפטען, וואָס מאַכען איהם אַזוי גרויס. ער האָט בעטראַכט מענשען און זאַכען, ווי זיי זיינען; ער איז אימער גע-שטאַנען אויף'ן באָדען פון דער ווירקליכקייט, און דערצו האָט פון זיין גע-הירן געפלאָסען אַן אונאויפהערליכער קוואַל פון פּאָעזיע. ער האָט געלאָזען די אינסטינקטען, די געפיהלען, די ליידענשאַפטען פון די מענשען זיי זאָלען רעדען מיט זייער אייגענער, נאַטירליכער שפּראַך, נאַאיוו ווי די נאַטור, ווי האָמער. דאָס איז די אורזאַך, וואָרום זיינע פּערזאָנען זיינען אַזוי טריי צו דער ווירקליכקייט אין זייערע טאַטען און געפיהלען, אין ליבע און האַס, אין קראַפט און שוואַכקייט, אין שטאָלץ און דעמוטיגקייט, אין לאַכען און אין וויינען, אין גוטען און בייזען, אין זיגען און אונטערליגען. דאָס מענשליכע הערץ איז איהם געווען דאָס וויכטיגסטע, דער אָנפאַנג און דער סוף פון זיין דענקען און פאָרשען. דער מענש טראָגט אין זיך דעם גן-עדן און דעם גיהנום. דאָס איז דער צענטער, דער מיטעלפּונקט, ארום וואָס זיין גאַנצע טעטיגקייט, זיין גאַנצע דענקונגס-אַרט בעוועגט זיך. דער מענש איז דערי-בער דער שמיד, דער מייסטער פון זיין גליק און אונגליק, וועלכע זיינען ניט מעהר און ניט ווענינער ווי די רעזולטאַטען פון זיינע פרייע מעשים.

די רעוואָלוציאָן, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין ענגלאַנד אין דעם דור, וואָס נאָך שעקספיר, און די הערשאַפט פון די פוריטאַנער האָבען געמאַכט

אין ענד צו דער דראַמאַ. די טהעאַטערען זיינען געוואָרען געשלאָסען, דאָס פאָלק איז געווען בעגייסטערט פון רעליגיאָן, איז געווען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צו דער קירכע, און עס האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אַ האַרט רעליגיעזע פּאָעזיע. דער הויפּט־פּערטרעטער פון דיזער פּאָעזיע איז געווען דזשאָהן מילטאָן (1708—1774). מילטאָן'ס הויפּט־ווערק איז „דער פערלאָרענער גן־עדן", וועלכע שילדערט די ערסטע זינד פון מענשען, דורך וועלכע אַלע אונגליקען אין דער וועלט קומען איבער מענשען. הגם דיזעס ווערק איז ניט קיין פאָלקאָמענעס קונסט־ווערק, פערנעהמט עס דאָך אַ גרויסען אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור, און מיט רעכט. פיעלע פּאָעטישע שטעלען אין דיזען ווערק וועלען קיינמאָל ניט פערלירען זייער רייץ און זייער שענקייט. אויסער דעם איז דאָס ווערק דורכגעדרונגען מיט אַן עכטען רעפּובליקאַנישען גייסט. דער שטן אין דיזען ווערק, וועלכער האָט רעבעלירט געגען דעם הימלישען אַבסאָלוטיזם (אַליין־הערשאַפט), איז פאָרגעשטעלט ביי מילטאָן'ען אין אַזאַ גרויסאַרטיגער געשטאַלט, דאָס ער בילדעט דעם צענטער, דעם מיטעלפונקט פון דעם גאַנצען ווערק, און האָט דעריבער אויך אַ גרויסע בעדייטונג פיר די מאָדערנע פּאָעזיע.

אין געגענזאַץ צו איטאַליען, שפּאַניען און ענגלאַנד, האָט דייטשלאַנד, אין דער צייט פון 15טען ביז דעם 17טען יאָהרהונדערט, קיין קלאַסישע ווערק ניט אַרויסגעגעבען. דייטשלאַנד האָט אַרויסגעגעבען פיעלע ווערק, אָבער ניט קיין וויכטיגע. עס פערדינען נאָר בעטראַכט צו ווערען לוטהער'ס ווערק, וועגען וועלכע מיר וועלען שפּעטער אין אַ בעזונדערען אָרט אויספיהרליך רעדען; אויך די סאַטירישע לעהר־פּאָעזיע. רעדענדיג פון דיזער אַרט פּאָעזיע פערדינט דערמאָהנט צו ווערען יאָהאַן פישאַרט (1540—1590). ער האָט געהערט צום געלעהרטען שטאַנד. ער האָט געמאַכט ווייטע רייזען און האָט דורכדעם בערייכערט זיין קענטניס פון וועלט און מענשען. אויסער דעם איז ער געווען אַן אויסערגעוועהנליך בעלעזענער מאַן, איבערהויפּט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. ער האָט ניט בעשאַפען קיין אָריגינעלע בילדער, אָבער ער האָט געוואוסט קינסטליך צו בעאַרבייטען געגעבענעם פערטיגען שטאָף, און מאַכען דערפון זעהר שענע בילדער, וועלכע האָבען מאַנכמאָל אויסגעוויזען ווי אָריגינעלע. ער צייכענט זיך אויסער דעם איים מיט זיין טאַלענט צו שאַפען נייע וויציגע ווערטער. ער שפּאָטעט זעהר וויציג איבער די דייטשע יוגענד מיט זייער לערנען און זייער ערציהונג, איבערהויפּט טאַדעלט ער מיט בייסענדען וויץ די סטודענטען מיט זייער נייגונג צום טרינקען, ער זידעלט אויך די דייטשע אַריסטאָקראַטיע פיר זייער

שיכור'ן, זייער קליידען זיך אַזוי רייך און טייער, פיר זייער אדעלשטאָלץ, זייער שלעכטע קינדער-ערציהונג, זייער געוואוינהייט צו פּראָצעסירען זיך א. ד. גל. זיינע לידער זיינען צום גרעסטען טייל פערפאַסט אין דער פאָרמע פון ערצעהלונגען, און דערמיט זיינען זיי פיעל אינטערעסאנטער צום לעזען.

דער 17טער יאָהרהונדערט מיט דער צייט פון דעם 30-יאָהריגען קריג איז די טרויעריגסטע עפּאָכע פון דער דייטשער געשיכטע. דורך דיזען שרעקליכען קריג איז פערשוואונדען געוואָרען די מאַכט און דער וואוילשטאַנד פון לאַנד, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס פראַנקרייך איז געוואָרען שטאַרקער, אַזוי דאָס לודוויג דער 14טער האָט 40 יאָהר נאָכאַנאַנד געקענט אונגעשטערט שפּילען די ראָלע פון אַ טיראַן. אָבער ניט נאָר אין פּאָליטיק, נאָר אויך אין זיטען, ליטעראַטור און שפּראַך איז דייטשלאַנד געוואָרען אָפּהענגיג פון פראַנקרייך. די דייטשען האָבען אַלעס נאָכגעטאָן די פראַנצויזען. אַלעס זעלבשטענדיגעס, נאַציאָנאַלעס איז פון דייטשלאַנד פערשוואונדען געוואָרען. די פאָלקס-לידער זיינען פערשטומט געוואָרען, עס האָבען זיך געהערט נאָר קירכען-לידער, וועלכע האָבען זעהר אָפט אויסגעדריקט די טרויעריגע לאַגע פון פאָלק. אַלס דיכטער פון אַזעלכע לידער קען אָנגערופען ווערען אויף דער פּראָטעסטאַנטישער זייט פּאול גערהארד (1606—1676). אויף דער קאַטוילישער זייט איז מעהר ווערט צו דערמאָהנען פריעדריך פאָן ספּע, אַ זעהר עדעלער כאַראַקטער, הגם ער האָט געהערט צום יעזואיטען-אָרדען. ער איז געווען אַ שטאַרקער געגנער פון העקסען-פּראָצעסען (משפטים פון מכשפות). ער האָט אויך געשריבען אַ גרויסע צאָהל קירכען-לידער.

אַ נייעם וועג האָט געצייגט דער דייטשער דיכטונג מארטין אָפּיטץ, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1597 אין בונצלאַו, שלעזיען, און איז געשטאָרבען אין דאַנציג אין יאָהר 1639 אַלס געשיכטע-שרייבער פון פּוילישען הויף. אָפּיטץ האָט אין דער דייטשער דיכטקונסט איינגעפיהרט נייע רעגלען, וועלכע דינען נאָך אַלס געזעץ פיר דיכטער אין היינטיגער צייט.

די דיכטונגען פון מארטין אָפּיטץ זיינען עלעגאַנט אין דער פאָרמע, אָבער עס פעהלט אין זיי די אינערליכע וואַרימקייט. זיינע אָנהענגער זיינען געווען: פּאָול פלעממינג, זימאָן דאַך און אַנדרעאַס גריפיוס, וועלכע זיינען בעקאַנט אַלס די ערסטע שלעזישע שולע. זייערע דיכטונגען זיינען געווען קאָרעקט, אָבער זעהר טרוקען. דאָס האָט פערורזאַכט די גרינדונג פון דער צווייטער

שלעזישער שולע, וועלכע האָט זיך שוין אויסגעצייכענט מיט צופיעל געפיהלפולע, צו איבערטריבענע בילדער. די פאָרשטעהער פון דיזער שולע זיינען געווען כריסטיאַן האָפמאַנן און דאַניעל קאַספאַר.

עס האָבען זיך אָבער דאַמאָלס בעוויזען אין דייטשלאַנד אויך איינינע ווירקליכע פּאָעטען, וועלכע האָבען ניט געהערט צו די שלעזישע שולען, ווי יאָהאַן כריסטיאַן גינטהער פון סטריעגאו (1695—1723). ער איז געווען א וואהרער ליריקער מיט א גרויסען טאַלענט, וועלכען די נאַטור האָט געשענקט די גאַבע צו קענען ארויסזאָגען ווי און וואָס ער האָט געליטען. און געליטען האָט ער ווירקליך פיעל און שטאַרק. ער איז פריה

יאָהאַן פישאַרט.

געוואָרען פערדאָרבען און איז פריה געשטאָרבען. עס איז בעקאַנט, מיט וועלכע וואַרימע ווערטער גאָטהע האָט אָנערקענט זיין טאַלענט. פריעדריך פאָן לאָגאו (1604—1655) איז געווען אַן אויסגעצייכענטער עפּיגראַמען־דיכטער. לעססינג האָט איהם זעהר הויך געשעצט, און דאָס האָט איהם געהאָלפען ער זאָל בעקומען א שטעלע אַלס ראַט אין שלעזישען דינסט. מאָשעראָש, אַן עלזאַסער (1604—1669), האָט געשריבען א ווערק מיט'ן נאָמען „וואונדערבאַרע און וואהרהאַפטע געדיכטען פון פילאַנדער פון זיטטעוואַלד". אין דיזען ווערק שילדערט ער אין א זעהר אינטערעסאַנטער ערצעהלונג די פערדאָרבענהייטען פון זיין צייט. אָבער פיעל בעדריי-

טענדער איז דער ראָמאַן פון כריסטאָף פאָן גרימעלס־ האַוזען, אונטער דעם נאָמען „דער אַבענטייערליכער סימפּליציססימוס“, אין וועלכען דער פּערפאַסער שטעלט פאָר דעם עלענד פון פאָלק אין דער צייט פון דעם 30־יאָהריגען קריג זעהר לעבעדיג און טריי צו דער וואהרהייט. דער פערפאַסער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1625 און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1676.

אין דער מוזיק איז ביז דעם 17טען יאָהרהונדערט דאָס גאַנצע שטרע־ בען געווען צו ענטוויקלען די האַרמאָניע, און אין דיזען שטרעבען האָבען די האָללענדער איבערגעשטיגען אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער. דער גרעסטער מייסטער אין דער מוזיק איז אין יענער צייט געווען אָרלאַנדאָ די לאַססאָ (1520—1594). אין מיטען פון דעם 16טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין איטאַליען אָנגעפאַנגען אַ גלענצענדע עפּאָכע פיר די מוזיק. דער געניאַלער פאַלעסטרינאַ (1514—1594) האָט געגעבען דער פּי־ גוראַל־מוזיק אַ הערשענדע שטעלונג. דורך זיינע אונשטערבליכע ווערק האָט ער בעשאַפען די מוסטערן פיר אַ גערדאַנקרייכע און עדעלע מוזיק, וועלכע איז געווען מעהר פון אַלעם צוגעפּאַסט צו דעם רעליגיאָנס־דינסט אין דער קירכע, און איז צום פריהעסטען איינגעפיהרט געוואָרען אין דער קירכע פון דעם פּאַפּסט זעלבסט. אויך אין אויבער־איטאַליען האָט די מוזיק געמאַכט גרויסע פאָרטשריטען. מעהר פון אַלע האָבען זיך דאָרט אויסגעצייכענט אין דיזער קונסט די וועניציאַנער. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען געווען: דוראַנטע (1693—1755), לעאָ (1694—1742) א. אנד. זיי האָבען פערבונדען די רייצען פון נייעם סטיל מיט דער שענהייט פון דער אַלטער מוזיק.

אין דייטשלאַנד האָט די קירכליכע מוזיק אָנגענומען אַ פּראָטעסטאַנ־ טישען כאַראַקטער, אָבער עס איז פאַלש, וואָס אַנדערע בעהויפּטען, דאָס לוטהער איז געווען דער שעפער פון דעם דייטשען קירכען־געזאַנג. די מוזיק האָט דאַמאָלס אויך געשטרעבט צו אויסדריקען די אינדיווידועלע געפיהלען, שטימונגען און ליידענשאַפטען. די פּראָטעסטאַנטישע מוזיק האָט דער־ גרייכט איהר העכסטע שטופע דורך היינריך שיטץ (1585—1672). ער האָט פּאָרבערייטעט די ערשיינונג פון אַ באַך און אַ הענדעל.

די וועלטליכע מוזיק האָט מעהרסטענטיילס געשטרעבט צו ענטוויקלען די אינסטרומענטאַלע מוזיק, וועלכע איז ביז דיזער צייט וויט צוריקגעשטאַ־ נען הינטער דער וואָקאַל־מוזיק (געזאַנג). אויך האָט די קונסט־מוזיק געזוכט אויסדרוק פיר די אינדיווידועלע געפיהלען, פיר די שטימונגען און ליידענ־

שאפּטען פון דער איינצעלנער פּערזאָן. דיזע ביידע צוועקען האָט זי דער-
גרייכט דורך די מוזיק-דראמא, די אָפּערא, וועלכע איז אין יענער צייט ענט-
שטאנען אין איטאליען. דעם גרעסטען גלאנץ האָט די אָפּערא דערגרייכט
דורך אלעססאנדרא סקארלאטטי (1649—1725), וועלכער
האָט פּערמיטעלט צווישען דעם אזוי-גענאנטען „גרויסען" און ערהאבענעם
סטיל פון פּאלעסטרינא און פון די רוימער און דעם „שענעם" סטיל. פון
איטאליען האָט זיך די קונסט-מוזיק פערברייטעט אין אנדערע לענדער, אי-
בערהויפּט אין פראנקרייך; דאָ האָט דער געוועזענער קיכען-יונג, א געהילף
ביי א קאָך-מייסטער, דזשיאָוואנני באטטיסטא לוללי
(1632—1687), איינגעפיהרט אין פּאריז די נאציאָנאל-אָפּערא און האָט זי
געבראכט צו א גלענצענדער שטופע. די דייטשע אָפּערא האָט זיך מעהר
ווי איבעראל ענטוויקעלט אין האמבורג.

דייטשלאַנד אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציאָן.

א. די רעגירונג פון מאַקסימיליאַן דעם 1טען.

אין דייטשלאַנד האָט מען מיט אונגעדולד ערוואַרטעט, דאָס מאַקסימיליאַן דער 1טער, וועלכער איז שוין זינט דעם 16טען פעברואַר 1486 ערוועהלט געוואָרען אַלס רוימישער קייזער, זאָל אויך דאָ איבערנעהמען די רעגירונג. מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, ווי די לאַגע פון לאַנד איז געווען זעהר טרויעריג אונטער דער רעגירונג פון פריעדריך דעם 3טען. די שטעדט האָבען געפאָדערט, מען זאָל זיי צולאָזען אָנטייל נעהמען אין דער רעגירונג פון לאַנד, ווי זיי האָבען ערהאַלטען דאָס רעכט צו רעגירען זיך זעלבסט און זייערע געמיינדעס. אויך די פירסטען האָבען פערלאַנגט מעהר אָנטייל אין די רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען. דאָס פאָלק האָט אויך געפאָדערט מעהר רעכטען און מעהר מאַכט פיר די יוסטיץ אין לאַנד און די שאַפונג פון איינהייטליכע מינצען (מטבעות). מיט דיזער פראַגע האָבען זיך די רייכסטאַגען בעשעפטיגט זינט סיגיזמונד'ן, אָבער זיי זיינען צו קיין רעזולטאַט ניט געקומען. מען איז נאָר געקומען צום בעשלוס, דאָס מען מוז פעררופען אַ נייעם רייכסטאַג. אַזוי האָט עס געדויערט אַ האַלבעס יאָהרהונדערט, אין פערלויף פון וועלכען עס זיינען אין דיזער אַנגעלעגענהייט פאָרגעשלאָגען געוואָרען פערשיידענע פראָיעקטען, אָבער מען איז צו קיין בעשלוס ניט געקומען. די אַלע פערשיידענע שטאַנדען האָבען איינער צום אַנדערען ניט געהאַט קיין צוטרויען, און זיי צוזאַמען האָבען געהאַט נאָר מיסטרויען צום קייזער.

דער רעגירונגס־איינטריט פון מאַקסימיליאַן דעם 1טען אין יאָהר 1493 האָט די פערשיידענע קלאַסען פון פאָלק געגעבען האָפנונג, דאָס דורך איהם וועלען זיי קומען נעהענטער צו זייער ציל און זייער וואונש. מאַקסימיליאַן האָט געפאַסט הויכע פלענער דאָס אַלטע קייזערטום ווידער אויפצושטעלען. אום דיזע פלענער דורכצופיהרען האָט ער געפאָדערט פון די פערשיידענע

שטאַנדען, דאָס זיי זאָלען איינוויליגען צו אַסיגנירען גרויסע סומעס געלט, וועלכע האָבען בעדאַרפט געשאַפען ווערען דורך נייע שטייערן. די פירסטען האָבען דערפאַר געפאָדערט צו פערברייטערן און פערגרעסערן מעהר זייערע רעכטען, און אום דיזעס אויסצופיהרען האָבען זיי זיך פעראייניגט מיט די בירגער פון די שטעדט. דיזע האָבען די פירסטען געמוזט צוציהען צו הילף און צוזאָגען זיי דערפאַר געוויסע פריווילעגיעס, ווייל זיי, די בירגער, האָבען געקענט שאַפען אַ גרויסע פינאַנציעלע שטיצע, דורך וועלכע דער קייזער וואָלט געווען אין שטאַנד דורכצופיהרען זיינע פּלענער. ווען דער קייזער האָט געפאָדערט הילף געגען די טערקען, האָבען איהם די פירסטען געגעבען צו פערשטעהן, דאָס מען מוז דערצו האָבען די איינשטימונג פון די בירגער פון די שטעדט. מען האָט אין פראַנקפורט פעררופען אַ פערזאַמלונג, אויף וועלכע עס זיינען געווען איינגעלאַדען דעלעגאַטען פון די בירגער, וואָס האָבען דאַמאָלס בעקומען דאָס וואהל־רעכט, אַזוי דאָס צו די וואהל־קוריעס, וואָס זיינען געווען איינגעפיהרט פון פריהער: פירסטען און קורפירסטען, איז צוגעקומען אַ דריטע קוריע, אַ קוריע פון שטאָדט־בירגער, וועלכע האָבען דאַן בעקומען וואהל־רעכט.

מאַקסימיליאַן האָט געוואָלט אָנפאַנגען אַ קריג מיט איטאַליען, אום דורכצופיהרען זיינע פּלענער. דערצו האָט ער, פערשטעהט זיך, איבער־אַ־ניים געברויכט געלט און קריגער. ער האָט זיך געווענדט צו די פירסטען, און האָט פון זיי פערלאַנגט, דאָס זיי זאָלען ארויפלעגען אַ נייע שטייער אונ־טער דעם נאָמען „דער געמיינער פעניג", וועלכער האָט געדאַרפט זיין אַ קאָפּ־שטייער און פערמעגען־שטייער. די פירסטען האָבען זיין וואונש גע־וואָלט נאָכגעבען מיט דער בעדינגונג, דאָס ער זאָל פערגרעסערן זייער מאַכט, און דערמיט, פערשטעהט זיך, צו בעשרענקען זיין אייגענע מאַכט. זיי האָבען נעמליך פערלאַנגט, דאָס דעם קייזער'ס מאַכט זאָל בעשרענקט ווערען דורך אַ רייכס־רעגימענט פון 17 מיטגלידער פון אַלע שטאַנדען (קלאַסען), וועלכע זאָלען האָבען צו זאָגען אַ דעה אין אַלע רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען, אויך אין מיליטערישע. עס פערשטעהט זיך, דאָס דער קייזער האָט ניט איינגע־שטימט אָנצונעהמען זייערע בעדינגונגען.

דיזע בעדינגונגען זיינען פאָרגעשלאָגען געוואָרען דעם קייזער אין וואָרמס אין יאָהר 1495, און ער האָט זיי ניט אָנגענומען, ווי מיר האָבען עס בעמערקט. אָבער וואָס ער האָט ניט געוואָלט אָננעהמען אין וואָרמס, האָט ער געמוזט אָננעהמען מיט 5 יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1500, אויף'ן רייכס־טאָג אין אויגסבורג. עס איז ערוועהלט געוואָרען אַ רייכס־רעגימענט פון

20 מיטגלידער, וועלכע האָבען געהאַט צו זאָגען אויף אַלע רעגירונגס־אַנגע־לעגענהייטען, אויך אויף אויסלענדישע פּאָליטיק. דער קעניג איז געווען ניט מעהר ווי דער פּרעזידענט פון דעם רייכס־רעגימענט.

די שטעדט האָבען זיך אָבער ניט לאַנג בענוצט מיט די נייע רעכטען, וועלכע זיי האָבען ערהאַלטען. דער רייכס־רעגימענט האָט געקענט פּינקטליך אויספיהרען זיין פליכט און צוזאַמענשטעלען אַן אַרמעע צו שיקען געגען די טערקען, אַזוי דאָס מאַקסימיליאַן האָט אויפגעפאָדערט די פירסטליכע וואַסאַלען דאָס צו טאָן, ווייל זיי זיינען דערצו געווען פערפּליכטעט לויט דעם לעהנס־רעכט. דאַן האָט ער געפאָדערט פון דעם קאַנצלער פון רייכס־רעגימענט, כון דעם קורפירסט בערטהאָלד פון מאַינץ, צו געבען צוריק דעם זיגעל פון רייכס־רעגימענט, וועלכער האָט ניט ערפילט זיין פליכט צוזושטעלען אַן אַרמעע צום שיקען געגען די טערקען. בערטהאָלד האָט צוזאַמענגערופען די קורפירסטען, צו בעראַטען זיך מיט זיי וועגען דעם קייזער'ס פאָדערונגען. די פערזאַמלונג איז פיר דיזע פאָדערונג געווען געגען דעם קעניג שטאַרק אויפגערעגט, און מען האָט אָנגעפאַנגען צו פּלאַנעווען דעם קייזער אַרונטער־צוזעצען. עס האָט אָבער צווישען די פירסטען געהערשט א:נאייניגקייט און דער קייזער האָט זיך מיט דיזער לאַגע בענוצט און איז פון דיזען שטרייט אַרויס דער זיגער. די פינאַנציעלע שטיצע, וואָס דער רייכס־רעגימענט האָט זיך פערפּליכטעט צו געבען דעם קייזער, איז קיינמאָל ניט ערפילט געוואָרען ווי עס געהער צו זיין, און דיזעס האָט געגעבען אורזאַך צו אונענדליכע שטרייטיגקייטען. ענדליך איז עס געקומען אַזוי ווייט, דאָס די איינקונפטען פון דעם רייכס־רעגימענט זיינען ניט געווען גענוג צו דעקען די אויסגאַבען אויף דעם געהאַלט פון די מיטגלידער פון רייכס$רעגימענט. אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז אויך בערטהאָלד געשטאָרבען. דאָס האָט דער פּאַרטיי געגעבען אַ שרעקליכען קלאַפּ. דער קעניג איז געוואָרען זעהר מעכטיג און קיינער פון די פירסטען האָט ניט געהאַט דעם מוט צו טאָן עטוואָס געגען זיין ווילען.

אין יאָהר 1507 האָבען אפילו די שטאַנדען ווידער ערהאַלטען די איינ־שטימונג פון קעניג אויף זייערע פאָדערונגען. אָבער אין אַלגעמיין זיינען די רעזולטאַטען געווען זעהר שוואַכע און ניט בעדייטענדע. דעם קעניג איז געלונגען צו ברייגנען אין לאַנד רוהע און פרידען, אַ זאַך, וואָס מען האָט שוין לאַנג ערוואַרטעט מיט אונגעדולד, אָבער אומזיסט די פירסטען האָבען זיך געמוזט ענטזאַגען פון דאָס רעכט צו שטרייטען איינער מיט דעם אַנדערען אָהן די ערלויבניס פון קעניג. ווער עס האָט זיך ערלויבט אַרויסצוגעהן אויף אַ שטרייט מיט אַן אַנדער פירסט, איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד

און זײן אײגענטום איז קאָנפיסקירט געוואָרען פיר דער רעגירונג. דאָס רעכט צו פערשיקען בירגער און צו קאָנפיסקירען גיטער איז געגעבען געוואָרען צום קעניגליכען קאַמער־געריכט. דער ריכטער איז געװען בעשטימט פון דעם אױבער־הױפּט פון רײך, װעלכער איז בעשטאַנען פון 16 מיטגלידער. נעמליך: פון 8 געלעהרטע יוריסטען, און 8 פון ריטער־שטאַנד און אַנדערע שטאַנדען. דיזעס געריכט, װעלכעס איז ניט געװען אָפּהענגיג פון קײנעם, זאָגאַר פון קעניג, האָט צוערסט געהאַט זײן זיץ אין פראַנקפורט, נאָכדעם האָט עס געענדערט זײן זיץ אין פערשײדענע שטעדט, און ענדליך האָט עס זיך בעזעצט אין שפײער. אין יאָהר 1512 איז אײנגעאָרדענט געװאָרען אין לאַנד אַן עקזעקוציאָנס־מאַכט (ד. ה. אַ מאַכט, װאָס צװינגט דאָס פאָלק צו ערפילען די בעשלוסען פון געריכט און אַנדערע רעגירונגס־אָרדנונגען). דאָס גאַנצע לאַנד איז געװען אײנגעטײלט אין 10 קרײזען, אָן דער שפּיץ פון יעדען קרײז איז געשטאַנען אַ קרײז־בעאַמטער, װעלכער האָט געבראַכט אין ערפילונג די בעשלוסען פון דעם רײכסקאַמער־געריכט. נאָר די עסטרײכישע און קורפירסטליכע לענדער זײנען ניט געװען אין די 10 קרײזען. דאָ האָבען די שטאַנדען געזיגט איבער דעם קײזער. זײ האָבען איהם ניט ערלױבט אָנטײל נעהמען אין דער בעשטימונג פון קריגס־הױפּטלײט און פון אַן אױבערהױפּט־מאַן. אָבער די פינאַנצען פון לאַנד, ד. ה. פון רײך, איז נאָך אַלץ געבליבען ניט גערעגעלט. עס איז נאָך אַלץ געװען אין אונאָרדנונג.

איבער מאַקסימיליאַן׳ס אױסערע פּאָליטיק האָבען מיר נאָר צו זאָגען אַ פּאָאָר װערטער. מיר האָבען שױן פריהער געזעהען, דאָס דעם קײזער׳ס פּלענער זײנען געװען צו בעהערשען איטאַליען, װעלכע האָט זיך שױן געפונען אונטער דעם אײנפלוס פון פראַנקרײך. קאַרל דער 8טער און לודװיג דער 12טער האָבען געהאַט פּרעטענזיעס צו הערשען אין נעאַפּעל אַלס די פערװאַנדטע פון די אַנזשו, אָבער זײ זײנען אין זײער שטרעבען געװען אָהן ערפאָלג, װײל נעאַפּעל איז נאָך אין יאָהר 1504 אַריבער צו אַראַגאָניען און איז געבליבען ביז דעם יאָהר 1714 אַ שפּאַנישע פּראָװינץ. דערװײל האָט לודװיג דער 12טער בעהערשט דאָס הערצאָגטום מאַילאַנד, און אום דיזעס געביט צו פערגרעסערן האָט ער געשלאָסען אַ בונד מיט׳ן קײזער, מיט׳ן פּאַפּסט און מיט פערדינאַנד דעם קאַטאָלישען, אַ בונד, װעלכער איז בעװאוסט אונטער דעם נאָמען „ליגע פון קאַמבראַי״. דער צװעק פון דיזען בונד איז געװען אָפּצונעהמען פון די װענעציאַנער די לענדער, װאָס זײ האָבען בעהערשט אױף׳ן פעסטען לאַנד, און דיזע לענדער צוטײלען צװישען זיך. דער קײזער האָט דאַמאַלס עראָבערט װעראָנאַ, װיטשענצאַ און טריעסט, און

די וועגעציאַנער זיינען געקומען אין אזא שלעכטע לאגע, דאָס זיי האָבען געמוזט בעטען דעם קייזער מאקסימיליאַן אום פרידען. אָבער מאַקסימיליאַן האָט מיט זיי קיין פרידען ניט געוואָלט שליסען. דאַן האָבען די וועגעציאַנער געוואונען אויף זייער זייט דעם פּאַפּסט און פערדינאַנד דעם קאַטאָלישען, דעם קעניג פון שפּאַניען, און דער פּאַפּסט האָט דאַמאָלס געמאַכט א נייעם

בעשווערונג פון דער ליגאַ דורך די וועגעציאַנער.

בונד, וועלכער איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „די היילינע ליגע", מיט'ן צוועק ארויסצוטרייבען פון איטאַליען די פראַנצויזען, וועלכע זיינען דאַמאָלס געווען פערהאַסט ביי אַלע פעלקער (1511). צו דיזער היילינער ליגע זיינען אויך צוגעשטאַנען היינריך דער 8טער, דער קעניג פון ענגלאַנד, און די שוויי-

צער. לודוויג דער 12טער איז ניט געווען פאַרבערייטעט צו שטרייטען געגען דיזער ליגע און האָט די שלאַכט פערלאָרען. די שווייצער האָבען פון איהם אָפּגענומען מאַילאַנד (1513), און די ענגלענדער האָבען געמאַכט אַן איבער-פאַל איבער פּיקאַרדיע. אָבער 2 יאָהר שפּעטער האָט זיך צווישען דיזע צוויי געגנער געמאַכט אַ נייע שלאַכט, פון וועלכער דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס פראַנץ דער 1טער, דער נאָכפאָלגער פון לודוויג דעם 12טען, האָט אין יאָהר 1515 אָפּגענומען צוריק מאַילאַנד פון די שווייצער און מאַקסימיליאַן האָט געמוזט געגען זיין ווילען איינשטימען צו דיזער עראָבערונג.

די האָפנונגען, וואָס די דייטשען האָבען געלעגט אויף מאַקסימיליאַן'ען ביי זיין אַריינטרעטען אין די רעגירונג, זיינען ניט ערפילט געוואָרען. אין דייטשלאַנד איז די אָרדנונג געבליבען אַזוי ווי פריהער, קיין שפּור פון אַ טריט צום בעסערען. ווען מאַקסימיליאַן האָט געמאַכט נייע פאָרשלאָגען צו רעפאָרמעס, האָבען איהם די שטאַנדען געגעבען צו פערשטעהן, דאָס זיי ער-וואַרטען פון איהם מעהר גאָרנישט. די רעגלען פון לאַנד-פרידען האָבען פערגרעסערט די אונזיכערהייט און דאָס קאַמער-געריכט האָט זיך אויסגעלאָזען צו זיין אַן עלענדעס געריכט. צו דער אונצופרידענהייט אויף דעם פּאָלי-טישען געביט איז צוגעקומען די רעליגיעזע, וועלכע האָט יעצט דערגרייכט איהר העכסטען פונקט און האָט דעם לאַנד געבראַכט פיעלע ליידען.

ב. די רעפאָרמאַציאָן.

צו ענדע פון דעם 14טען יאָהרהונדערט איז דאָס פּאַפּסטטום, צוליב אינערע שפּאַלטונגען, שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרען. אָבער עס האָט זיך ווידער בעמעכטיגט דורך דעם אַלטען רוימישען מיטעל: „צוטייל און הערש", ד. ה. לאָז ניט צו צו קיין אחדות אין פּאָלק און דאַמאָלס וועט דיר זיין לייכט צו הערשען איבער איהם. און אַזוי האָבען די פּאַפּסטען ווירקליך געהאַנ-דעלט: זיי האָבען גערייצט די הערשענדע עלעמענטען איינעם געגען אַנדע-רען און מיט דיזען אופן איז עס דעם פּאַפּסט איננאָצענץ דעם 4טען געלונגען אַריינצוכאַפּען די הערשאַפט איבער די מעכטען אין זיין האַנט. די גייסט-ליכקייט פון דער רוימישער קירכע איז געוואָרען אַן אינטערנאַציאָנאַלע, זי האָט עקספּלואַטירט אַלע ראָמאַנישע און גערמאַנישע פעלקער און לענדער אָהן אַ גרענעץ. דאָס פראַנצויזישע פּאָלק האָט געוואוסט אויף אַ לאַנגע צייט זיך אויסצודרעהען פון פּאַפּסט'ס דורסט נאָך געלט און זיין מחנה בלוט-זוי-גער. אַנדערס איז עס אָבער געווען מיט דייטשלאַנד. דאָ האָט דער פּאַפּסט

מיט די גייסטליכע געוואוסט ווי צו מאַכען, אַז דאָס פאָלק זאָל זיי פריווויליג, אָהן אַ שום צוואַנג, אָפּגעבען אַ צעהנטעל פון אַלע זייערע איינקונפטען.

די ראָמאַנישע פעלקער זיינען געווען גענוג ענטוויקעלט, אום צו פערשטעהן, ווי זיך צו בעשיצען געגען דעם האָבזיכטיגען פאַפּסטטום. דייטשלאַנד אַליין איז נאָך ניט געקומען צו דער שטופּע פון מאַכט געגען דעם קלעריקאַליזם. פון דייטשלאַנד האָבען די פּאַפּסטען געצויגען אַלע מיטלען צו שטרייטען געגען די טערקען, ווי אויך צום בויען די בעריהמטע פעטערס-קירכע, וועלכע האָט אַזוי פיעל פערהערליכט זייער מאַכט.

די גייסטליכע, וועלכע זיינען פריהער געווען צופרידען צו הערשען איבער די גייסטער אַליין, האָבען בעקומען גרויס חשק צו הערשען אויך איבער דעם בייטעל. דאָס איז זיי מעהר געלונגען צו טאָן אין בעטרעף פון דעם אָרימען דייטשען בייטעל ווי איבער דעם רייכען בייטעל פון די ראָמאַנישע פעלקער. דאָס איז שוין אַן אַלטער כּלל: „ווער עס האָט ניט, ביי דעם נעהמט מען". טריי צו דיזען פּרינציפּ האָבען די פּאַפּסטען געלאָזען צורוה די ראָמאַנישע פעלקער און געצויגען די אָרימע דייטשען. דאָ האָבען פון דעם געלט-הונגער פון די קלעריקאַלען אַלע געליטען — די הערשענדע ווי די בעהערשטע. אָבער וואָרום האָבען די דייטשע פירסטען און בירגער זיך געלאָזט אַזוי עקספּלואַטירען? דערויף גיט אַן ענטפער די געשיכטע פון דייטשלאַנד אין דער צייט פון 1451 ביז 1555.

נאָך דעם טראַקטאַט, וואָס איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען צווישען דעם קייזער און דעם פּאַפּסט, אַ טראַקטאַט, וועלכער האָט פערזיכערט די גייסטליכע מיט אַ צעהנטעל פון די איינקונפטען פון פאָלק, האָבען די טעריטאָריאַל-הערען בעקומען די „פרייהייט" פיר זייערע קירכען, ד. ה. די אונטערוואַרפונג אונטער זייער מאַכט, וועלכע די איטאַליענער און די פראַנצויזען האָבען שוין לאַנג גענאָסען. מיט אַלערליי מיטלען פון דער רוימישער פּאָליטיק, וועלכע איז בעשטאַנען אין ליגען, בעטרוג, געבען און נעהמען שוחד, פערשפּרעכען און דראָהונגען, האָבען די קלעריקאַלען געוואוסט, ווי צו בעהויפּטען זייער איינפלוס. עס איז גוט בעקאַנט, ווי די קלעריקאַלען האָבען געוואונען ענעאַ סילוויאָ אויף זייער זייט. ענעאַ סילוויאָ, וועלכער איז געווען דער פאַרקעמפפער פיר די בירגערליכע אינטעליגענץ געגען דער פערדאָרבענהייט און דעם אָבערגלויבען פון די גייסטליכע, וועלכער איז געווען אַ הויף-געבילדעטער קענער פון אַלטערטום, וועלכער איז געווען דער בעדייטענדסטער מאַן אין זיין צייט — איז געוואָרען אַ פעררעטער. מען האָט איהם געגעבען אַן ערץ-ביסטום, מען האָט איהם געמאַכט פיר אַ קאַרדינאַל, מען האָט

איהם ערוועהלט פיר א פאפסט, הגם ער איז אמאל געוועזן אן ארימער שרייבער אין באזעל. דיזער ענעא סילוויא האט געוואוסט צו מאכען דעם קייזער פיר א ווערקצייג פון דער רוימישער פאליטיק; ער האט געמאכט, דאס דער קייזער זאל פערלאזען זיין לאנד אין דער צייט, ווען דאס פאלק האט געגען איהם רעבעלירט, און לויפען נאך רוים, אום דארט צו ווערען געקרוינט אלס רוי-מישער קייזער; אבער דער צוועק דערפון איז געווען, דאס ער זאל מיט זיין אנוועזענהייט אין רוים פערשטארקען די מאכט פון פאפסט. דעם 19טען מערץ 1452 האט פריעדריך דער 3טער גענאסען די צווייפעלהאפטע עהרע פון דער קייזערליכער קרוין. די לאנגע צערעמאניע פון דיזער קרוינונג איז דעם קייזער זעלבסט געווארען איבערדריסיג, אזוי דאס ער האט זעהר אפט געגענעצט פון לאנגווייליגקייט. ווען ער איז געקומען צוריק אין זיין לאנד, האט ער דארט געפונען א גרויסען אויפרוהר, וועלכען עס האט איהם געקאסט גרויסע אפפער צו בערוהיגען. די קייזער-קרוין האט איהם געקאסט דאס לעצטע ביסעל בעדייטונג, וואס ער האט נאך געהאט אין דייטשלאנד און אין זיין עסטרייך. און דאס אלעס האט ער געהאט צו פערדאנקען דעם ענגאאיזם פון דעם פאפסט און זיין קליקע.

אבער די רוימישע מאכט איז נאך דערמיט ניט געוועזן צופרידען. קאנ-סטאנטינאפעל איז אין יאהר 1453 געוועזן אין די הענט פון די מאחמעדאנער. די קירכע האט געוואלט צייגען, ווי גרויס עס איז איהר מאכט אין דייטש-לאנד, דאס נאר מיט איין וואונק וועלען אלע פעלקער אין דיזען לאנד צו-שטעהן צום פאפסט. ניקאלאוס דער 5טער האט ארויסגעלאזען א בוללע (א פאפסטליכען בעפעהל), דאס די פעלקער זאלען אונטערנעהמען א „קרייץ-צוג געגען דעם צווייטען סנחריב". דער פאפסט האט דערמיט געמיינט צו געווינען צוריק קאנסטאנטינאפעל, אדער די ביצאנטישע קירכע, נאך דעם, ווי זי האט זיך אפגעריסען פון רוים. דאס איז פיר דעם פאפסט געוועזן א זעהר וויכטיגער און געשמאקער ביסען, ווייל דערמיט וואלט ער בעקומען אזא איינפלוס, וועלכען זאגאר איננאצענץ דער 4טער האט ניט געהאט. עס איז פיר דעם פאפסט געוועזן זעהר וויכטיג און אנגענעהם צו ווערען א דעספאט אויך אין אריענט. צו דיזען צוועק האט מען צוגעקלערט א תירוץ, דאס מען האט אין אויסזיכט צו בעפרייען די גריכען. נאך מעהר פון אלעס זיינען פיר די קלעריקאלען געוועזן זעהר וויכטיג די גרויסע סומעס געלט, וואס מען האט ערווארטעט פון די דייטשע פעלקער צו פיהרען דעם שטרייט מיט די טערקען, ווייל דער גרעסטער טייל פון דיזע סומעס האט בעדארפט פערבלייבען אין די טאשען פון די גייסטליכע. אין רעכנען איז סילוויא געוועזן פיעל מעהר

קינסטלער פון די דייטשע פירסטען. **אָבער דאָ האָט אויך סילוויאָ, דער גוואַל־דיגער סילוויאָ**, ערפאַהרען, דאָס זיין דיפּלאָמאַטיע איז ניט אין שטאַנד אָפּ־צוהאַלטען דעם לויף פון דער נייער צייט. די דייטשען האָבען פריהער, אין די ערסטע קרייץ־צוגען, מיט פרייד פערגאָסען זייער בלוט אום דעם קבר פון דעם קריסטליכען ערלעזער אָפּצונעהמען פון די אונגלויביגע טערקען; אָבער צו אָפּפערן צו דיזע צוועקען זייער געלט האָט די דייטשע בורזשואַ (די בירגער) ניט געהאַט קיין חשק. זאָגאַר די פייערדיגע רעדעס פון קאַפּיסטראַ־נאָ האָבען ניט בעוועגט די דייטשע פירסטען און בירגער צו עפענען זייערע טאַשען צו דיזען צוועק. אין פערלויף פון אַ יאָהר, נעמליך: פון אַפּריל 1453 ביז אַפּריל 1454, זיינען צוזאַמענגעקומען 3 רייכסטאַגען. יעדער רייכסטאַג האָט געדויערט וואָכען און מאָנאַטען, און דער בעשלוס איז אימער געווען — אָפּצולעגען די לעזונג פון דיזער וויכטיגער פראַגע אויף אַן אַנדער מאָל.

דערווייל איז דער פּאַפּסט געשטאָרבען. ער האָט זעהר ליב געהאַט פּראַכט און קונסט, און דעריבער האָט פיר איהם געהאַט מעהר אינטערעס די שטייער פון דעם קריג, אַלס דער קריג זעלבסט. מען האָט גערעכענט, דאָס דער נייער פּאַפּסט, קאַליקסט דער 3טער, וועלכער איז שוין גע־ווען זעהר אַלט, וועט ער איז ערוועהלט געוואָרען צו זיין אַמט, וועט די זאַך פיהרען בעסער ווי זיין פאָרגענגער, און וועט דאָס געלט פערברויכען צו דעם צוועק, פיר וועלכען עס איז געגעבען געוואָרען. אָבער איידער עס זיינען אַוועק דריי יאָהר זינט ער איז געוואָרען פּאַפּסט, האָבען די דייטשע פירסטען אָנגעהויבען צו רעדען ערנסט וועגען רעפאָרמירען די קירכע. אין גאַנץ דייטשלאַנד האָט אָנגעפאַנגען צו לאַרמען וועגען די מיסברויכען פון דער דייטשער קירכע מיט דעם דייטשען געלט, וואָס דאָס פאָלק האָט געגעבען צו פיהרען דעם קריג פיר די הייליגע זאַך. די דייטשע קורפירסטען האָבען זיך וועגען דיזען געגענשטאַנד אויסגעדריקט מיט פאָלגענדע ווערטער: „דער פּאַפּסט וויל אַראָפּציהען די פעל פון דעם דייטשען שעפּסעלע איבער די אויערן". דיזער אויסדרוק צייגט קלאָר, דאָס די קורפירסטען האָבען גוט פער־שטאַנען וואָס זיי ווילען מיט דער רעפאָרמע פון דער קירכע.

די איינקונפטען פון דער קירכע, איבערהויפּט פון דעם פּאַפּסט'ס קאַסע, זיינען געווען אונגעהייער. מען האָט געשונדען, ווי מען זאָגט, פון טויטע און פון לעבעדיגע. די בישאָפען און די אַבטען האָבען געמוזט צאָהלען גרויסע סומעס קאָנפירמאַציאָנס־געלט (ד. ה. ביים איינטריט אין די נייע שטעלע). אזוי צ. ב. האָבען די ערץ־בישאָפען פון מאַינץ, קעלן, טריער און זאַלצבורג געמוזט איינצאָהלען יעדער צום 10,000 גאָלד־גולדען צו זייער קאָנפירמאַציאָן.

אויסער דיזם קאָנפירמאציאָן־געלט האָבען די ערץ־בישאָפען געמוזט קריגען פון די הענט פון פאַפסט דאָס פאַלליום — א שמאָלע וואָלענע בינדע, וואָס האָט זיך געדעכענט לויט די געזעצען פון דער קירכע אלס א נויט־ווענדיגקייט פיר יעדען ערץ־בישאָף, אלס כהן גדול. דערפאַר האָט מען דעם פאַפסט געמוזט געבען א גרויסע סומע געלט. עס האָט זיך איינמאָל געטראָפען, דאָס אַן ערץ־בישאָף האָט אליין געמאַכט א פאַלליום, האָט ער דערפאַר בעצאָהלט 165,000 גאָלד־גולדען שטראָף. ער האָט עס געמוזט טאָן, ווייל מען האָט איהם דערפאַר ענטזאָגט פון זיין שטעלע.

פון די קליינע גייסטליכע בעאַמטע פלעגט מען נעהמען ביי דעם אריינזעצען זיי אין די נייע שטעלע דעם געהאַלט פון זיין ערסטען יאָהר דינסט. דאָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „אננאַטען‟, ד. ה. די פרוכט פון דעם ערסטען יאָהר. אָבער דערמיט אליין האָט זיך רוים ניט צופרידען געשטעלט. עס איז געווען איינגעאָרדענט א גאַנצעס סיסטעם פון געלט־ערפּרעסונג ביי אַלערליי צופעלען. דער האַנדעל מיט קירכען־שטעלעס איז געווען שענדליך און האָט אויפגעבראַכט אַלע עהרליכע מענשען פון יענער צייט.

זעהר אָפט פלעגט זיך טרעפען, דאָס ווען אימיצער פון די גייסטליכע, וועלכער האָט אריינגעטרעטען אין א נייעס אמט, האָט ניט צוגעשיקט זיין מתנה פיר די בינדע, האָט איהם דער פאַפסט אריינגעלעגט אין חרם. עס האָט ניט אויסגעמאַכט וועד דער גייסטליכער איז געווען, אפילו ווען ער איז געווען אַן ערץ־בישאָף, האָט ער געקענט אריינגעלעגט ווערען אין חרם, אויב ער האָט ניט בעצאָהלט. די דייטשען, וואָס האָבען געהאַט אין רוים שטעלעס אלס גייסטליכע, האָבען געזאָגט, דאָס די דייטשען זיינען נאַרען, וואָס זיי האָבען מורא פאַר דעם פאַפסט'ס חרם; די אַנדערע נאַציאָנען לאַכען זיך אויס פון די פאַפסטליכע חרמות, נאָר די דייטשען מיינען, דאָס דער פאַפסט איז א גאָט אויף דער ערד. ער איז גיכער אַן ערדישער טייפעל, האָבען פיעלע דייטשען געדעדט וועגען דעם פאַפסט אין יענער צייט. אין פראָנט פון דער אָפּאָזיציאָן געגען פאַפסט זיינען געשטאַנען די גייסטליכע קורפירסטען. די בישאָפען האָבען די ערסטע אויפגענומען דעם קאַמף געגען די בלוטזויגער פון דעם פאַפסט'ס קליקע. פון זיי איז דער האַס און דער קאַמף איבערגעגאַנגען צו די וועלטליכע.

יאַקאָב פאַן סירק, דער ערץ־בישאָף פון טריער, איז געווען א גרויסער שווינדעל־קאָפּ, אונערשעפּליך אין פּלענער. עס איז געווען אַן אונגליק פיר די נאַציאָנאַל־בירגערליך־פירסטליכע בעוועגונג, וואָס ער איז געשטאָרבען דעם 28טען מאַי 1456, איין יאָהר נאָך דעם טויט פון פאַפסט

ניקאָלאוס. סירק'ס נאָכפאָלגער, **דיעטער דער 1טער**, איז געוועזן אַ שונא דעם פּאַפּסט ריכטיג ווי ער. דיעטער איז געוועזן דער ערץ־בישאָף פון מאַינץ. ער האָט זיך געמאַכט אַלס זיין ערסטע אויפגאַבע אויפצומונטערן די קורפירסטען צו פאָדערן פון רוים, אַז זי זאָל ערפילען די פליכטען, וואָס דער קאָנקאָרדאַט (פּאַפּסטליכער אָפּמאַך) פאָדערט פון די גייסטליכע, — פליכטען, וועלכע רוים האָט שוין לאַנג פערנאַכלעסיגט און ניט נאָכגעקומען. אַ טרייער העלפער אין דיזער זאַך איז איהם געוועזן דר. מאַרטין מאַיר. דיזער מאַן איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער מאַינצער ביוראָקראַטיע, און מיט זיין איינפלוס האָט ער אויפגעבראַכט דעם קייזער'ס ברודער געגען דעם קייזער דערפאַר, וואָס ער איז געשטאַנען אויף דער זייט פון דעם פּאַפּסט. ער האָט איהם אָנגערעדט, דאָס ער זאָל שטרעבען צו דעם דייטשען טראָן, און ער, דר. מאַרטין מאַיר, האָט איהם פערזיכערט, דאָס די דייטשע קורפירסטען וועלען איהם אין דעם זיכער העלפען. אָבער לײדער האָט די קורפירסטען געפעהלט די נעטיגע איינינקייט אום דיזען פּלאַן דורכצופיהרען, הגם זיי זיינען שוין אַלע געוועזן פריהער אויפגערעגט געגען די גייסטליכע פיר זייער ברוטאַלע הויטשינדעריי. אין טריער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס ערץ־בישאָף אַ מאַן, וואָס איז געוועזן מיט לייב און זעעלע אי־בערגעגעבען צום פּאַפּסט. דיזער בישאָף האָט זיך געדעכענט צו די קור־פירסטען. מאַינץ און קורפּפאַלץ האָבען געזעהען, דאָס זיי שטעהען אַליין, און זיי האָבען געמאַכט אַ פערבאַנד צו בעשיצען זייערע אינטערעסען.

צו דער פּאַרטיי פון פּאַפּסט איז דאַמאַלס צוגעשטאַנען דער ערץ־בישאָף פון טריעסט. ער האָט דערפאַר בעקומען די שטופע פון אַ קאַרדינאַל. אָבער דיזע עהרע איז איהם געווען וועניג. ער האָט געוואָלט אויך מאַטעריעלע נוצען, און דיזע האָבען איהם פערשאַפט די קליינע נידריגע דייטשע גייסטליכע פון אַלע טיילען פון לאַנד.

די קורפירסטען, וועלכע האָבען צוגעזעהען די אונאָרדנונגען אין לאַנד, האָבען אַלעם געלעגט אָן אַ זייט און האָבען אָנגעפאַנגען צו פאָדערן רעפאָר־מעס אין דער רעגירונג. זאָגאַר די געפאַהר פון די טערקען זיינען פערשוואונדען פון פּאָליטישען האָריזאָנט. דער פּאַפּסט, דאָס רייך און די פירסטען, אַלע זיינען אין דיזער פּאָליטישער פראַגע געוועזן אַזוי ווי באַנקראָט. דער פעררעטער ענעאַ סילוויאָ האָט דעם 19טען אויגוסט בעטרעטען דעם פּאַפּסט־ליכען טראָן. ער האָט צוזאַמענגערופען אַ פירסטען־קאָנגרעס אין מאַנטואַ, וועלכען ער האָט בעזאָרגט מיט די גרעסטע פּראַכט און גלאַנץ. אָבער קיי־נער פון די פירסטען איז צום קאָנגרעס ניט געקומען. דער פּאַפּסט איז גע-

ווען דער איינציגער, וואָס איז געקומען. דאָס וואָס דער איינפאַכער פּאַפּסט אורבאַן האָט דורכגעפיהרט (אַ קרייץ־צוג) אום אַפּצונעהמען דעם הייליגען קבר, האָט ניט געקענט בעוועגען דער גרעסטער מאַן אין זיין צייט, ענעאַ סילוויאָ, ווען גאַנץ אייראָפּאַ האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער געפאַהר פון די טערקען. פון דעם דייטשען יוריסט גרעגאָר פאָן היימבורג האָט דער פּאַפּסט ערהאַלטען ביטערע פאָרוואורפען, וועלכע ער האָט געמוזט שטיל אַרונטערשלינגען. דער פּאַפּסט האָט דאַמאָלס אַרויסגעשיקט אַ בוללע, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט די ווערטער: „פערפלוכט זאָל זיין —" און אין וועלכער ער האָט צוגעזאָגט אַריינצולעגען אין חרם יעדען, ווער עס וועט וואַגען צו רעדען וועגען צוזאַמענרופען אַ קאָנציל.

דיזע קללות פון פּאַפּסט האָבען געפיהרט דערצו, דאָס אין פריהלינג פון יאָהר 1461 האָבען זיך די קורפירסטען פערזאַמעלט, און דער שטעלפערטרעטער פון פּאַפּסט אין דייטשלאַנד, דער מאַינצער ערץ־בישאָף, האָט דורכגעפיהרט דעם פּלאַן, וואָס מען האָט שוין וועגען איהם געטראַכט, נעמליך: מען האָט געפאָדערט צוזאַמענצורופען אַ קאָנציל, אום צו מאַכען אַן ענדע צו די שענדליכע מעשים פון די קלעריקאַלען. דער פּאַפּסט האָט בעשלאָסען צו היג־דערן דיזען פּלאַן מיט אַלע זיינע קרעפטען, ווייל ער האָט געוואוסט, דאָס דיזעס וועט פיהרען דערצו, דאָס ער וועט פערלירען די בעסטע מעלקעדיגע קוה, דייטשלאַנד. ער האָט זיך גענומען צום אַלטען רוימישען מיטעל: „צו־שיידען און הערשען". ער האָט מיט פערשיידענע אינטריגעס אָנגעמאַכט מחלוקת און שנאה צווישען די פערשיידענע שטאַנדען אין דייטשלאַנד, ווי אויך צווישען די פירסטען זעלבסט. קיין מאַכט איז אין דייטשלאַנד ניט געווען גענוג שטאַרק אום אַליין צו פיהרען אַ שטרייט געגען פּאַפּסט. דורך זיינע אינטריגעס איז איהם געלונגען אַרונטערצוזעצען דעם אָנפיהרער פון דער אָפּאָזיציאָן, דעם ערץ־בישאָף פון מאַינץ. צוויי מיט אַ האַלב יאָהר האָט דיזער קאַמף געדויערט, אָבער דער פּאַפּסט האָט געזיגט. אין יענער צייט איז געווען פּאַפּסט פּיוס דער 2טער.

דער פּאַפּסט האָט אָבער נאָך דיזען זיג ניט לאַנג געלעבט. ער האָט גע־וואָלט אויפוועקען אַ נייעם קרייץ־צוג, אָבער ער האָט עס ניט געקענט דורכ־פיהרען און איז געשטאָרבען אין אַנקאָנאַ דעם 14טען אויגוסט 1464. נאָר איין יאָהר נאָך זיין טויט האָט זיך אין דייטשלאַנד איבער־אַ־נייס אָנגעפאַנ־גען אַ שטאַרקע בעוועגונג געגען דער רוימישער קירכע. און דיזע בעוועגונג האָט געפיהרט דערצו, דאָס דייטשלאַנד האָט ענדליך דערגרייכט וואָס אַנדערע לענדער האָבען שוין לאַנג דערגרייכט.

שטיל, אָבער מיט זיכערע טריט, איז די גייסטיגע קריטיק געגאַנגען פאָר-ווערטס און האָט בּיסלאַכווייז אונטערגעגראָבען דעם פונדאַמענט פון דער פּאַפּסטליכער הערשאַפט איבער דייטשלאַנד. נאָך פריהער, אין דער צייט פון דעם קאַמף מיט'ן מאַינצער ערץ-בּישאָף, האָט מען אָנגעהויבען צו דרוקען שריפטען געגען דעם פּאַפּסט'ס אונגערעכטע, אַבּסאָלוטע הערשאַפט. אין יאָהר 1462 האָט מאַינץ ארויסגעגעבען די ערסטע בּיבעל. דאָס איז געווען דער ערסטער גרונדשטיין צו קריטיק געגען דעם פּאַפּסט'ס הערשאַפט. עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען פערפאָלגונגען געגען קעצער (אַפּיקורסים). אזוי איז יאָהאַן היטטען אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס פיר זיינע פרייע קריטיק געגען דער הערשאַפט פון רוים. די לעהרע פון יאָהאַן וועססעל האָט אויף לוטהער'ן געהאַט אַ היבשען איינפלוס. וועססעל איז געווען אַ שטאַרקער געגנער פון דעם פּרינציפּ, דאָס דער פּאַפּסט האָט דאָס רעכט צו פערגעבען די זינד. ער האָט אָנערקענט די בּיבעל אַלס די איינציגע אויטאָריטעט אין רעליגיאָן-זאַכען.

ווייל די געגנערשאַפט געגען רוים איז אין דער ערסטער צייט צוגעגאַנגען שטיל, אָהן לאַרם, האָבען די רוימישע קלעריקאַלען געפּרובּט ווידער הער-צושטעלען זייער מאַכט. די דריי פּאַפּסטען, וועלכע האָבען רעגירט אין איין יאָהר, פון 1464 בּיז 1465, זיינען געווען זעהר אונבּעדייטענדע, אַזוי דאָס זיי פערדינען ניט זאָגאַר דערמאָהנט צו ווערען. רוים איז נאָך אַלץ געווען דער מיטעלפּונקט פון דעם וועלט-פערקעהר. אַלע דיכטער, קינסטלער, גע-לעהרטע האָבען געשטרעבּט נאָך רוים. מען מוז מודה זיין, דאָס די פּאַפּ-סטען האָבען פיעל מיטגעהאָלפען צו פערברייטען קונסט און וויסענשאַפט, הגם זיי האָבען עס געטאָן מיט דער אַפּזיכט צו פערגרעסערן זייער כבוד אין דער וועלט. אָבער די זיטען פון די פּאַפּסטען זיינען געווען שרעקליך פער-דאָרבען. דער פּאַפּסט אַלכּסנדר דער 6טער בּאָרדזשיאַ איז געווען אַ שרעק-ליכער פערברעכער און אַן אונגעוועהנליכער הולטאַי. ער האָט חוזק געמאַכט פון אַלע געזעצען פון מאָראַל און רעליגיאָן. די געגנער פון דער קירכע האָט ער פערניכטעט מיט מאָרד, בּעטרוג און שייטערהויפען.

ער האָט געלעבּט אָפען מיט אַ רוימערין וואַנאַציאַ (יוליאַ פאַר-נעזע) ווי מיט אַ געזעצליכער פרוי. ער איז געווען אַזוי ווייט אונפערשעמט, דאָס ער האָט זי געהאַלטען נעבען זיך בּיי אַלע קירכליכע פייערליכקייטען, ווי אַן איינענע פרוי. ער איז אומגעגאַנגען מיט'ן פּלאַן צו מאַכען ערבליך דעם פּאַפּסט'ס טראָן צו זיינע אונגעזעצליכע קינדער. ער האָט געוואָלט פער-שאַפען די קייזער-קרוין פון איטאַליען: איינעם פון זיינע זיהן, צעזאַר בּאָר-

דזשיאַ. דיזער תכשיט איז געווען אַזאַ צאַצקע ווי זיין אויסגעלאַסענער תּאָטער. ער האָט געלעבט מיט זיין שוועסטער לוקרעציאַ ווי מיט אַן אייגענער פרוי; אויך דער הייליגער פאָטער זיינער, אַלכסנדר דער פּאַפּסט, האָט מיט זיין טאָכטער לוקרעציאַ געלעבט ווי מיט אַ ווייב. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן דער אַנדערער זוהן פון פּאַפּסט אַלכסנדר. זיינע געגנער, די פירסטען און קאַרדינאַלען, האָט ער מיט אַלערליי מיטלען אָפּגעראַמט פון וועג. ער האָט געברויכט שווערד און גיפט אום זיינע פיינד צו פערניכטען. ער האָט איינמאָל געפונען פיר נייטיג צו פערגיפטען עטליכע קאַרדינאַלען מיט איין מאָל. צו דיזען צוועק האָט ער זיי אַיינגעלאַדען אויף אַ מאָהלצייט און האָט פיר זיי פּאָרבערייטעט אַ פלאַש פערגיפטעטען וויין. אָבער דורך אַ טעות האָט מען די פלאַש פערגיפטעטען וויין געשטעלט נעבען דעם פּאַפּסט זעלבסט און ער איז פערגיפטעט געוואָרען און איז געשטאָרבען, און זיין זוהן איז פון דעם גיפט געוואָרען הינקעדיג. ווען ס אַ וו אָ נ אַ ר אָ ל אַ איז אַרויס מיט אַ פּראָטעסט געגען דעם שענדליכען לעבען פון די פּאַפּסטען און די איבריגע גייסטליכע, האָט מען איהם דערפאַר פעראורטיילט צום פערברענען אויף'ן שייטערהויפען.

סאַוואָנאַראָלאַ האָט זיך מיט זיינע פּראָטעסטען געגען די קלעריקאַלען געווענדט איבערהויפּט צו די דייטשע פירסטען, ווייל דיזע האָבען דעם פּאַפּסט פערשאַפט זיין גאַנצע מאַכט. ווען די דייטשע פירסטען וואָלטען זיך פעראייניגט צו פּראָטעסטירען געגען דיזע שאַנדטאַטען, וואָלט די מאַכט פון פּאַפּסט באַלד געבראָכען געוואָרען. מערקווירדיג איז, דאָס ווען עס איז געקומען אין דייטשלאַנד צו אונטערנעהמען עטוואָס וויכטיגעס געגען די פערברעכענס פון דעם פּאַפּסט און דער קירכע, האָבען זיך די קורפירסטען פון בראַנדענבורג און זאַקסען געשטעלט געגען אַלע בעשרענקונגען, וואָס מען האָט געוואָלט מאַכען געגען דעם פּאַפּסט'ס ממשלה. און וואַרום האָבען זיך גראַדע די לענדער, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרען שטרענג פּראָטעסטאַנטיש, אַזוי שטאַרק אָנגענומען פיר רוים? איינינע געשיכטע־שרייבער ערקלערען דיזען מערקווירדיגען פאַקט דערמיט, וואָס פריעדריך דער 3טער איז דאַמאָלס געזעסען אויף'ן דייטשען קייזער־טראָן, און דיזער איז געווען מיט לייב און זעלע איבערגעגעבען צו רוים. אָבער מאַקסימיליאַן איז דאָך געווען אַ שאַרפער געגנער צו רוים, וואַרום האָט ער דער זאַך ניט געגעבען אַן אַנדער ווענדונג? וואַרום איז עס אימער געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס מיט דער אונערזעטליכער געלט־נעהמערקע, מיט רוים?

דער ענטפער דערויף איז: דאָס די הערשענדע קלאַסען האָבען געהאַל-
טען, אז מען מוז דאָס פאָלק האַלטען אין דעם צוים פון רעליגיאָן. די הער-
שער וואָלטען געוויס בעסער געוואָלט, דאָס די פעניגען, וואָס דאָס פאָלק גיט
פיר רעליגיעזע צוועקען, זאָלען אַריינקומען אין זייערע טאַשען. אָבער וועלכע
רעליגיאָן וואָלט זיין אין שטאַנד צו מאַכען אין פאָלק דיזע ענדערונג, דאָס
עס זאָל געבען זיינע אָרימע פעניגען בעסער צו די פירסטען איידער צו די
גייסטליכע?

די רוימישע קירכע איז געוועזען די איינציגע אָרגאַניזירטע מאַכט, וועלכע
איז געוועזען אין שטאַנד צו בעהערשען די פּראָווינצען מיט איהרע דאָגמען. צו
בעשאַפען א נייע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זאָל קענען בעהערשען די מאַסען און
האַלטען זיי אין פולער אָפּהענגיגקייט נאָר פון דער וועלטליכער מאַכט, איז
דאַמאָלס געוועזען אַן אונמעגליכקייט. לויט דעם גייסט פון יענער צייט האָט
מען די מאַסען געמוזט פערוויגען מיט ווייהרויך, מיט גלאָקען-קלאַנג און
מיט אַנדערע האָקוס-פּאָקוסען פערוואָלקענען און פערפינסטערן זייער פער-
שטאַנד, אום דאָס פאָלק זאָל ניט טראַכטען וועגען עמפערונג, וועגען פערלאַנ-
גען רעפאָרמעס, זאָלען ניט וויסען, גאָר ניט וויסען, פון דעם נייעם גייסט, וואָס
האָט דאַמאָלס געוועהט אין פערשיידענע קרייזען, ג גייסט, וועלכען די הער-
רען האָבען בעהאַלטען פיר זיך אַליין. אָבער ענדליך איז אויך געקומען דער
מאָמענט, ווען די דייטשען זאָלען זיך אויך בעפרייען פון דעם שווערען יאָך
פון דער רוימישער קירכע. דער מאַן, וואָס האָט געבראַכט דיזע וויכטיגע גאולה
דעם דייטשען פאָלק, איז געוועזען מאַרטין לוטהער. דיזער מאַן האָט
פערשטאַנען צו פערניכטען די רוימישע קירכע, צו בעפרייען די פירסטען פון
שווערע אונטערטעניגליכע שטייערן, און דעם פאָלק דאָך ניט בערויבען פון זיין
רעליגיאָן.

לוטהער האָט געשטאַמט פון בויערן. זיין פאָטער איז געוועזען אַן איינ-
פאַכער אַקערמאַן אין טהירינגער-וואַלד. פון דאַנען האָט זיך זיין פאָטער
אַרויסגעקליבען און האָט זיך בעזעצט אין אייזלעבען. דאָ איז איהם דעם
10טען נאָוועמבער 1483 געבאָרען געוואָרען א זוהן. אָבער ער איז אין דיזען
אָרט ניט לאַנג פערבליבען אַלס אַקערמאַן, און האָט זיך איבערגעגעבען צו
בערגבוי (מינע-אַרבייט). דורך פלייס און שפּאַרזאַמקייט האָט ער זיך פער-
שאַפט א פערמעגען, איז באַלד געוואָרען שטאָדט-ראַט פון זיין נייער הייםאַט,
אין דער הויפטשטאָדט פון דער גראַפשאַפט מאַנספעלד. דאָ קען מען נאָך
היינט זעהן די רעסטען פון זיין פיינעם הויז, וועלכעס ער האָט זיך דאָרט ער-
וואָרבען.

דיזער מאַן האָט געגעבען זיין קליינעם זוהן מאַרטין אַ גוטע ערציהונג. ער האָט איהם געשיקט אין די שולע פון אייזענבאַך. צו 18 יאָהר האָט ער איהם געשיקט שטודירען יוריספּרודענץ. פון 1501 ביז 1505, ד. ה. 4 יאָהר, האָט מאַרטין פערבראַכט אויף דאָס שטודיום פון רעכט. דער אַלטער לוטהער האָט גוט פערשטאַנען דעם גייסט און דעם כאַראַקטער פון זיין צייט. ער האָט גוט פערשטאַנען די בעדערפניסען פון זיין גנעדיגען העררן, דעם גראַף. ער האָט פערשטאַנען, דאָס די צייט פון די טהעאָלאָגען געהט אויס, דאָס עס איז מעהר קאַריערע צו זיין אַ יוריסט, ווייל דאַמאָלס האָט זיך דאָס עקאָנאָמישע לעבען אין דייטשלאַנד ערסט אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען. דער אַלטער לוטהער האָט אָבער איין זאַך פערגעסען. ער, ווי עס שיינט, האָט ניט פערשטאַנען, דאָס די טהעאָלאָגען איז נאָך פאָרגעשטאַנען צו לעזען איין וויכטיגע פראַגע, און דאָס איז געווען די פראַגע, ווי מען זאָל זיך אָפּרייסען פון רוים און פון איהר דריקענדען יאָך.

אָבער מארטין לוטהער האָט געהאַט אַ נאַטירליכע נייגונג צו טהעאָלאָגיע. געגען זיין פאָטער'ס ווילען האָט ער אריינגעטרעטען אין אַ מאָנאַסטיר. פון 1505 ביז 1508 האָט ער פערבראַכט אין אַ מאָנאַסטיר אַלס מאָנאַך און האָט געפיהרט אַן אַסקעטישעס לעבען (אַ לעבען אָהן תענוגי עולם הזה) נאָך אַלע רעגלען און פאָדערונגען פון פינסטערען מיטעלאַלטער. דעם בעשלוס דערצו האָט ער געפאַסט אין איין אויגענבליק, אין אַ מאָמענט, ווען מען האָט איהם פאָרגעשלאָגען אַ גוטע יוריסטישע שטעלע ביים גראַף. מען זאָגט, דאָס ער האָט זיך ענטשלאָסען צו דיזען שריט אין אַ מאָמענט, ווען אַ בליץ האָט דערשלאָגען זיינעם אַ פריינד, ווען זיי זיינען געגאַנגען צוזאַמען. דער אַלטער לוטהער האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם פוילען לעבען פון די מאָנאַכען און האָט איהם דיזען שריט ניט געוואָלט פערצייהען זאָגאַר דאַן, ווען מאַרטין איז שוין געווען אַ בעריהמטער פּריסטער. זייענדיג אין מאָנאַסטיר האָט זיך לוטהער מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען צום שטודירען די הייליגע שריפט (תנ"ך) און די לעהרעס פון דעם הייליגען אוגוסטינוס.

וויכטיג פיר לוטהער'ס צוקונפט איז געווען דער פאַקט, וואָס מען האָט איהם אַרויסגערופען אַלס לעהרער פון טהעאָלאָגיע אין דער וויטטענבערגער אוניווערזיטעט, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1502. דאָ, ווייט פון די געגענדען פון קולטור, אין אַ קליינעם אָרט מיט אַ בעזעצונג פון קוים 3,000 מענשען, האָט לוטהער ענטוויקעלט זיין נייע לעהרע. עס האָט אויך אַ ביסעל מיטגעהאָלפען צו זיין רעפאָרמע די רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט נאָך רוים לויט דעם אויפטראַג פון זיין קלויסטער (מאָנאַסטיר). זייענדיג

מאַרטין לוטהער.

אין רוים און זעהענדיג דארט דאס רייכע לעבען פון די גייסטליכע און זייערע אויפפיהרונגען, האט ביי איהם אנגעהויבען ווערען א צווייפעל, אויב עס איז ווירקליך גאט-געפעליג, דאס פריסטער, וועלכע דארפען זיין א מוסטער פיר דאס פאלק מיט זייער מאראלישען לעבען, מיט זייער מענשען-ליבע, זאלען פיהרען אזא ארט לעבען, ווי ער האט געזעהען אין רוים. ער האט געזעהען, דאס דער פאפסט יוליוס דער 2טער, וועלכער איז געווען אויף׳ן טראן, ווען ער, לוטהער, איז געוועזן אין רוים מיט א בעזוך, איז אויך איבערגעגעבען צו לוקסוס, צו פערשענערן און בערייכערן רוים, און פיהרט אויך א לעבען ניט ווי עס פאסט און ווי עס דארף פיהרען א פארשטעהער פון א רעליגיאן. הגם יוליוס איז געווען פיעל בעסער פון זיינע פארגענגער, די הולטייסקע פאפסטען אלכסנדר דעם 6טען און פיוס דעם 3טען, אבער אויך יוליוס׳עס לעבען איז געווען ווייט פון צו זיין א מוסטער פון א מאראלישען לעבען. לוטהער האט געזעהען, ווי דער פאפסט פאהרט אויף יאגד, ער האט געזעהען די רייכע בעלער, וואס ער מאכט, ווי ער גיט זיך נאך אלע תאוות אין דער וועלט, און דיזעס אלעס איז איהם שטארק ניט געפעלען געווארען. ער איז אבער נאך ניט געקומען צו דער אידעע, דאס דיזעס איז געגען דעם וואהרען גלויבען, דאס דיזעס איז נאר מעשה שטן און בשום אופן ניט גאט-געפעליג. דיזעס האט ער ערסט שפעטער דערזעהען און דערפיהלט.

ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט אין וויטטענבערג איז ער געווען פער׳שכור׳ט פון דעם גלאנץ און פראכט, וואס ער האט געזעהען אין רוים, — א גלאנץ און א פראכט, וועלכע ער האט זינט ער לעבט ניט געזעהען. עס האבען איהם אפילו בעאונרוהיגט מאנכע צווייפלען, אבער ער האט נאך ניט געהאט דעם מוט צו דענקען עטוואס בייזעס וועגען דעם הייליגען פאטער, דעם פאפסט. אלס דאקטאר פון טהעאלאגיע האט ער געהאט דאס רעכט צו ערקלערען די ביבעל נאך זיין פערשטאנד, ער האט געקענט אויפווייזען מיט זעהר פיעלע שטעלען פון דער ביבעל, דאס די גאנצע פיהרונג פון די קלעריקאלען, אויך פון דעם פאפסט, איז געגען דעם גאנג און דעם גייסט פון דער הייליגער שריפט און דער וואהרער רעליגיאן. ער האט אבער נאך ניט געהאט דעם מוט ארויסצוטרעטען אפען געגען פאפסט און געגען דער גאנצער קאטאלישער וועלט. אבער זיינע פריינד זיינען צו איהם שטארק צוגעשטאנען און האבען איהם איינגערעדט, דאס ער זאל זיך ענדליך ענטשליסען ארויסצוטרעטען געגען די אלע מעשים תעתועים פון דער קירכע. דאך זיינען אוועק נאך 3 יאהר ביז לוטהער איז אפען ארויס מיט זיינע רעפארמאטארישע פאדערונגען.

אין יאָהר 1515 האָט זיך דער פּאַפּסט לעאָ דער 10טער גענומען צו ענ־דיגען די בעריהמטע פּעטערס־קירכע אין רוים. דערצו האָט ער בעדאַרפט גרויסע סומעס געלט. צו דיזען צוועק האָט ער אַרויסגעשיקט פעהיגע רעדנער צו שערען די דייטשע שאָף.

אַלס מיטעל דערצו איז געווען צוגעטראַכט דער מחילה־צעטעל. דער פּאַפּסט האָט אַרויסגעגעבען אַן ערקלערונג, דאָס די זינד, וואָס דער מענש האָט בעגאַנגען, וועט איהם גאָט מוחל זיין פיר אַ געוויסעס אויסלעז־געלט, אַ פּדיון. די פּרייזען פון די פּדיונות זיינען געווען פערשיידענע, לויט די עבירות. צ. ב. פיר סאָדאָמיטעריי (משכב זכור) האָט געקאָסט אַ מחילה־צעטעל 12 דוקאַטען, פיר קירכען־רויב 9 דוקאַטען, פיר מאָרד 7 דוקאַטען, פיר כשוף 6 דוקאַטען, פיר עלטערן־מאָרד 4 דוקאַטען. דער הויפּט־אַגענט פון פּאַפּסט איז געווען דער מאָנאַך יאָהאַן טעטצעל, וועלכער האָט פיר דיזען מסחר געעפענט אין פערשיידענע ערטער קראָמען. עס האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אונגעהייער גרויסע מאַסען בויערן, אַרבייטער, ריטער, אַדעלליט, צו האַנדלען די מחילה־צעטלאַך. אַ גרויסער טייל רויבער, מער־דער און גנבים האָבען זיך דערמיט געקויפט דאָס רעכט צו מאָרדען, רויבען און גנב׳ענען. דער ריטער אולריך פאָן הוטטען האָט שטאַרק בעדויערט די לאַגע פון דייטשלאַנד, אין וועלכע די קלעריקאַלען האָבען דאַמאָלס געבראַכט דאָס לאַנד. „זעהט!“, האָט ער אויסגעשריען, „זעהט, ווי די פּרעסער, די קלעריקאַלען, האָבען פריהער אויסגעזויגען אונזער בלוט, דאַן אָפּגעפרעסען דאָס פלייש, יעצט צוברעכען זיי נאָך אונזערע ביינער און נעהמען פון זיי אַרויס דעם מאַרך!“

אויסער די ריטער און געלעהרטע איז דאַמאָלס אַרויס מיט אַ פּראָטעסט געגען דעם שענדליכען מחילה־האַנדעל אַן אַנדער קלאַס. דאָס זיינען געווען די אונטערע גייסטליכע אין דייטשלאַנד. לוטהער איז אין יאָהר 1515 געוואָ־רען שטאָדט־גייסטליכער אין וויטטענבערג. גראָדע דאַמאָלס איז טעטצעל צוגעקומען מיט זיין קרעמעל צו וויטטענבערג.

פון אַלע עקען פון שטאָדט און פון דער אומגעגענד האָבען זיך אַ שאָט געטאָן זינדיגע שעפעלאַך אָפּצוגעבען זייערע פעלכלאַך פיר די רעטונג פון זייערע נשמה׳לאַך. אַלע זיינען געקומען צו טעטצלען, האָבען איהם אָפּגע־געבען זייערע אָרימע דוקאַטען אום צו הערען די זיסע אַנגענעהמע גראַמען, וואָס ער האָט דערביי געזאָגט: „זאָבאַלד דאָס געלד אים קאַסטען קלינגט, די זעעלע אויס דעם פעגעפייער (גיהנום) שפּרינגט“. אום דאָס געשעפט מעהר צו פערברייטערן, האָט טעטצעל אָנגעפאַנגען צו פערקויפען מחילה־

צעטלאַך אויף פיר לייט, וואָס זיינען שוין לאַנג געשטאָרבען, אום מען זאָל זיי דערמיט בעפרייען פון די שרעקליכע יסורים אין גיהנום, און זייערע זינ־דיגע נשמות זאָלען זיך באַלד אַרונטערכאַפּען אונטער יעזוס׳עס פליגלען. פיעלע רייכע און אויך אָרימע קינדער פון פערשטאָרבענע זינדיגע עלטערן האָבען זיך געלאָזט קאָסטען שווערע געלטען אום צו ברייגגען די נשמות פון זייערע עלטערן אונטער׳ן כסא הכבוד. דאָס האָט זעהר פיעל געשאַדט די מאַטעריעלע אינטערעסען פון די אונטערע גייסטליכע. דער עולם האָט צו זיי אויפגעהערט צו געהן זיך מתוודה זיין אויף זייערע זינד און בעצאָהלען פיר

טעטצעל׳ס קראָם פון מחילה־צעטלאַך

די טרחה, ווייל זיי פלעגען עס אָפּהאַנדלען מיט טעטצלען אויף בעסערע קאָנ־דיציאָנען.

דיזעס האָט געטריבען לוטהער׳ן ענדליך אַרויסצוגעהן אָפען מיט אַ פּראָטעסט געגען די אַלע אָפּשייליכקייטען פון דער רוימישער קירכע. ער האָט אָנגעהויבען צו פרעדיגען אין זיין קירכע און עפנען די אויגען פון די מיטגלי־דער פון זיין קירכע אויף די טייפלישע אַרבייט פון דעם מחילה־האַנדעל. אָבער לײדער האָט ער קיין צוהערער ניט געהאַט, ער האָט געפּרעדיגט פאַר לעדיגע ווענט. דאָס פאָלק איז געלאָפען צו טעטצלען. יענער מסחר איז זיי בע־

סער געווען געפעלען. דאָס האָט געטריבען לוטהער'ן צו ווערען אַ רעפאָרמאַ-טאָר. דעם 31טען אָקטאָבער 1517 האָט לוטהער אָנגעשלאָגען אָן דער שלאָס-קירכע פון וויטטענבערג זיינע 95 טהעזיסען (אויפזאצען). אין דיזע טהעזיסען איז אָבער דער פּאַפּסט זעלבסט נאָך ניט געוואָרען אָנגעגריפען. עס איז געווען אין אַזאַ טאָן, דאָס דער פּאַפּסט וויים גאָר ניט, וואָס עס טוט זיך אין דער היעראַרכיע (פּריסטער-הערשאַפט), דאָס ער איז אונשולדיג אין דער גאַנצער טייפלישער ארבייט פון די טעטצעלס מיט דער מחילה-קרעמעריי. אין זיינע טהעזיסען איז ניט געווען קיין אַנגריף אויף וועלכע עס איז דאָגמאַ פון דער קאַטאָליציזם, קיין פּראָטעסט געגען וועלכען עס איז סאַקראַמענט (צערע-מאָניע) פון דעם גלויבען און פון דער רוימישער קירכע. ניט אַכטענדיג אויף דיזע פּאָרזיכטיגקייט, זיינען דיזע טהעזיסען געווען ווי אַ פונק אין אַ פאַס פּולווער.

אין 14 טעג צייט זיינען לוטהער'ס טהעזיסען געוואָרען בעקאַנט אין גאַנץ דייטשלאַנד. אויב לוטהער האָט געוואָלט אַרויס אַלס רעפאָרמאַטאָר אָדער ניט, דאָס האָט מיט דער זאַך גאָר ניט צו טאָן. פיר אונז איז וויכטיג, דאָס זיין אַרויסטרעטען איז געווען אַן אורזאַך צו אַ שטאַרקער בעוועגונג פיר אַ רעפאָרמע אין דער רוימישער קירכע, אַ בעוועגונג, וועלכע איז איהם גע-וואַקסען איבער'ן קאָפּ. אַלע קלאַסען אין דייטשלאַנד, די מעכטיגע, די גע-לעהרטע, די בירגער, די פירסטען און די ריטער, זיינען מיט רוים געווען אונצופרידען, און לוטהער האָט געדינט אַלס טראָמפּעט, וואָס האָט דיזע אונ-צופרידענהייט אויסגעשריען. רוים האָט אויך באַלד דעם קלאַנג פון דיזער טראָמפּעט דערהערט, און האָט גוט פערשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט. אָנפאַנגס האָט אפילו דער פּאַפּסט לעאָ דער 10טער געמאַכט שפּאַס פון די פּרעטענזיעס פון דעם מאָנאַך. און באמת, וואָס פיר אַ ווערט האָבען געקענט האָבען ביים פּאַפּסט לעאָ די אַלע פאָדערונגען פון לוטהער'ן, ווען ער אַליין האָט פון דעם גאַנצען קריסטענטום געמאַכט חוזק, ווען ער אַליין האָט זיך אין געגענוואַרט פון זיינע קאַרדינאַלען אויסגעדריקט געגען דעם נאַרישען המון, וואָס גלויבט אין די בבא-מעשה פון יעזוס'ן, און האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי מען קען דורך אַזאַ נאַרישע מעשה פערדינען אַזוי פיעל געלט. לעאָ האָט אָנפאַנגס געלאַכט פון לוטהער'ס אָנגריפען, אָבער ער האָט זיך באַלד אַרומ-געזעהען, וואָס פיר אַ גרויסען שאָדען עס קען ברייינגען זיינע איינקונפטען. לעאָ האָט עס אייגענטליך פון די טהעזיסען ניט אַרויסגעזעהען, אָבער זיינע קאַרדינאַלען האָבען עס פערשטאַנען בעסער פון איהם. איבערהויפּט האָט דער קאַרדינאַל סילוועסטער פּריעריוס גוט פאָרויסגעזעהען,

וואָס עס קען דערפון זיין דער סוף. זיי האָבען באַלד גענומען מאָביליזירען זייער ליטעראַרישע קליקע.

רוים איז ניט געוועז אזוי אַלט־פעטעריש, זי זאָל זיך ניט בענוצען מיט דיזען מאָדערנעם געזינדעל, וועלכעס איז צו יעדער צייט בערייט אויף אַלעס. יאָהאַן עקק פון אינגאָלשטאַדט אין באַיערן איז ארויס מיט גרויס שטורם געגען לוטהער'ן. עס זיינען געפלויגען פּאַמפלעטען (דאַמאָלס האָט עס געהייסען „אָבעליסצי", שפּיזלאַך) פון אַלע זייטען. לוטהער איז דורך דעם געוואָרען מעהר און מעהר פיינדליך צו דער קירכע. אָבער דעם פּאַפּסט האָט ער אַלץ נאָך ניט אָנגעגריפען. ער איז נאָך אַלץ געפאַלען „זיין הייליג־קייט צו די פיס און האָט זיך איהם איבערגעגעבען מיט אַלעס, וואָס ער האָט פערמאָגט". ער האָט נאָך אַלץ דעם פּאַפּסט פערטיידיגט, און האָט נאָר בע־שולדיגט זיינע דינער. עקק האָט אָבער לוטהער'ן ניט געקענט מאַכען שווייגען. דאַן האָט סילוועסטער זעלבסט ערהויבען זיין שטימע. ער האָט גערעדט מיט א טאָן פון א פיין געבילדעטען רוימער, און האָט מיט פעראַכטונג געענט־פערט געגען דעם זוהן פון א גערמאַנישען בויער. דאַמאָלס איז לוטהער ארויס מיט גראָבהייט, און דאָס האָט איהם מעהר פון אַלעס פערשאַפט זיין פּאָפּו־לאַריטעט. אין פריהלינג פון יאָהר 1518 האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען דער פּראָצעס געגען דעם קעצער לוטהער, הגם ער איז נאָך אַלץ געוועזען איבערגע־געבען צום פּאַפּסט.

דאַמאָלס איז גראָדע געזעסען א רייכסטאַג, וועלכער האָט זיך בעשעפ־טיגט מיט אויסגעפינען און שאַפען מיטלען צו פיהרען דעם שטרייט געגען די טערקען. איבערהויפּט איז פיר דיזען צוועק געוועזען טעטיג דער קאַרדינאַל קאַיעטאַנוס. די פירסטען פון רייכסטאַג האָבען איהם זעהר גראָב בעהאַנ־דעלט. זיי האָבען איהם געמאַכט פאָרוואורפען, דאָס די געלטען, וואָס דייטש־לאַנד שיקט נאָך רוים צו דיזען צוועק, ווערען ניט פערברויכט אויף דאָס, פיר וואָס זיי זיינען בעשטימט; זיי האָבען זיך דעריבער ענטזאָגט צו בע־שטימען געלט פיר א קריג מיט די טערקען צו פערגרעסערן דעם רוהם פון דעם פּאַפּסט. אין דיזען מאָמענט האָט דער זאַקסישער קורפירסט ערהאַלטען א ביטשריפט פון זיין קעצערישען גייסטליכען, פון לוטהער'ן. די פּאָליטישע אומשטענדען פון יענער צייט האָבען געבראַכט דערצו, דאָס דער זאַקסישער קורפירסט איז געוועזען דער מיטעלפּונקט, צו וועלכען אַלע האָבען זיך געווענדעט, און יעדער האָט געוואונשען צו געווינען זיין צונייגונג. דער קורפירסט האָט פערלאַנגט, דאָס מען זאָל ערלויבען לוטהער'ן ער זאָל זיך פּערזענליך ערקלע־רען מיט זיינע געגנער. דער קאַרדינאַל האָט געוואָלט צופרידען שטעלען דעם

קורפירסט און האָט צו דעם איינגעשטימט. דער מאָנאַך, לוטהער, האָט זיך אָנפאַנגס פערלאָרען, ווען ער איז ערשינען צום ערסטען מאָל פאַר אזא וויכטיגע פערזענליכקייט, ווי קארדינאַל קאיעטאַנוס. הגם דיזער האָט אויפגענומען לוטהער׳ן זעהר פריינדליך און ליבענסווירדיג, איז לוטהער דאָך געשטאַנען פאַר איהם מיט מורא און האָט געשטאַמעלט. קאיעטאַנוס איז אָנפאַנגס געווען ענטשלאָסען ניט אריינצולאָזען זיך מיט לוטהער׳ן אין קיין דיספּוטען. אָבער ווען ער האָט בעמערקט, ווי לוטהער ציטערט פאַר איהם, האָט ער זיין בעשלוס געענדערט. ער האָט ערוואַרטעט, דאָס לוטהער וועט זיך באַלד אונטערגעבען און וועט זיך ענטזאַגען פון זיינע אידעען און וועט אָנערקענען זיין אירטום.

אָבער דאַמאָלס האָט לוטהער פּלוצלינג געענדערט זיין האַלטונג, האָט אָנגעהויבען העפטיג צו דיסקוטירען, און האָט געענדיגט מיט אַ שטאַרקען פּראָטעסט געגען די אָפּשיילדיגעכקייטען און אונגערעכטיגקייטען פון דעם רוימישען שטול. דאָס איז פאָרגעקומען אַ יאָהר נאָך דעם, ווי לוטהער האָט פערעפענטליכט זיינע טהעזיסען, נעמליך דעם 13טען אָקטאָבער 1518. לוטהער האָט נאָך אַ מאָל אַפּעלירט צום פּאַפּסט, ווייל ער האָט פעסט געגלויבט, דאָס דער פּאַפּסט איז פיר קיין פאַל ניט שולדיג אין אַלע אונגערעכטיגקייטען, וואָס טוען זיך אָפּ אין זיין היעראַרכיע, דאָס עס טוט זיך אַלעס אָהן זיין וויסען. נאָכדעם איז ער ענטלאָפען פון אוגסבורג, וואו דער רייכסטאַג איז דאַמאָלס געזעסען. די אַפּעלאַציאָן צום פּאַפּסט האָט געפיהרט צו גאָרניט, און דארום האָט ער פון וויטטענבערג אָנגעהויבען צו פאָדערן אַן אַלגעמיינעם קאָנציל. דעם פּאַפּסט איז די זאַך ניט געווען געפעלען, און ער האָט בעשלאָסען צו האַנדלען ווייכער. צו דיזען צוועק האָט ער איבערגעגעבען צו זיין קאַמערהערר קאַרל פאָן מילטיטץ, דאָס ער זאָל אָנווענדען אַלע קרעפטען צו געווינען דעם קורפירסט פריעדריך, און נאָכדעם מיט גוטען בערוהיגען לוטהער׳ן. דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון יאָהר 1519. פריעדריך האָט פון פּאַפּסט ערהאַלטען אַלס צייכען פון ליבע די בעוואוסטע „גאָלדענע ראָזע" און לוטהער האָט זיך געלאָזען איבעררעדען צו געבען אַ שריפטליכעס פערשפּרעכען צו שווייגען, ווען זיינע געגנער וועלען שווייגען. דיזעס פערשפּרעכען מיט די אונטערטעניגסטע אויסדריקען האָט לוטהער צוגעשיקט צום פּאַפּסט דעם 3טען מערץ 1519. דאָך האָט זיך די קירכע געמוזט זעהר ערנידריגען פאַר דעם מאָנאַך. אָבער דער פרידען האָט נאָר געהאַט די בעדייטונג פון אַ וואָפען־שטילשטאַנד. ביידע זייטען האָבען געוואָלט געווינען צייט אום צו זאַמלען נייע קרעפטען און דעם קאַמף צו בענייען.

דעם 27טען יוני 1519 איז געווען די ערסטע שלאַכט. די רעפאָרמאַ-טאָרישע בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען צווישען די געלעהרטע און גייסטליכע, האָט שוין טיף אריינגעדרונגען אין די העכערע הערשענדע קלאַ-סען. פיעל האָט דערצו געהאָלפען די דיספּוטאַציאָן צווישען דר. עקק און לוטהער׳ס פריינד קאַרלשטאַדט. זעקס טעג האָט געדויערט די דיספּו-טאַציאָן און קיינער האָט דעם שטרייט ניט געוואונען. דעם 4טען יולי האָט זיך לוטהער ענדליך אויפגעהויבען און איז אָפען ארויס מיט אַ מעכטיגען פּראָ-טעסט געגען דעם גלויבען, דאָס דער פּאַפּסט און די קאָנצילען קענען קיינמאָל ניט מאַכען אַ פעהלער. לוטהער איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט פער-טיידיגט דעם קעצער הוס און האָט אָפען ערקלערט, דאָס אונפעהלבאַר איז נאָר גאָט׳ס וואָרט אָדער די ביבעל, וועלכע יעדער מענש איז אין שטאַנד צו לעזען און צו ערקלערען ווי ער פערשטעהט. דאָס איז געווען דער סיגנאַל צום קאַמף. דעם פּאַפּסט׳ס פּאַרטיי האָט עס געוואָלט. עקק האָט לוטהער׳ן אַזוי לאַנג גערייצט ביז ער איז ארויס אָפען. און באמת האָט דער פוילער פרידען צווישען דער קירכע און לוטהער׳ן זעהר פיעל געשאַדט דער אויטאָ-ריטעט פון דער קירכע. אַזוי איז לוטהער, געגען זיין אייגענעם ווילען, נאָר געצוואונגען פון פריינד און פון פיינד, געוואָרען דער רעפאָרמאַטאָר פון דייטשלאַנד.

אָבער דער לעצטער שריט איז נאָך ניט געטאָן געוואָרען: דאָס ענטזאַ-גען זיך אין גאַנצען פון פּאַפּסט. לוטהער האָט נאָך דעם 13טען מערץ 1519 גע-זאָגט בסוד צו זיין פריינד ספּאַלאַטין, דאָס ער גלויבט, אז דער פּאַפּסט איז אַן אַנטיקריסט, אַ שטן אָדער זיינער אַ פערטרעטער. עס האָט ניט לאַנג גענומען און לוטהער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס דער פּאַפּסט איז דער שטן זעלבסט, און דיזע איבערצייגונג האָט ער באַלד אָנגעהויבען הויך און ערנסט ארויסצוזאָגען. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, דאָס לוטהער האָט פאָלקאָמען רעכט. זיין קורפירסט האָט איהם איינגעלאַ-דען צו זיך, און אין זיין הויף האָט זיך לוטהער בעראַטען מיט דעם קייזערלי-כען געזאַנדטען וועגען דיזע אַנגעלעגענהייטען. הוטטען האָט איהם צוגעשיקט די שריפט פון לאַורענטיוס וואַללאַ, וועלכע בעווייזט, דאָס דער דאָקומענט, וועלכער צייגט, דאָס קאָנסטאַנטין האָט דעם פּאַפּסט געגעבען די מאַכט און די הערשאַפט איבער גאַנץ איטאַליען, איז פאַלש. נאָכדעם האָט ער פער-עפענטליכט זיין מאַניפעסט אונטער דעם טיטעל: „צו דעם קריסטליכען אַדעל פון דער דייטשער נאַציאָן וועגען דער פערבעסערונג פון דעם קריסטליכען שטאַנד״. דיזע שריפט, וועלכע איז געווען געריכטעט צום קייזער, צו די

פירסטען און צום אדעל, איז ערשינען אין אוגוסט 1520. דער רעזולטאַט איז געווען אַן אונגעהייערער. אין איינינע טעג זיינען פון דיזען מאַניפעסט צוכאַפּט געוואָרען איבער 4,000 עקזעמפּלאַרען. די פאָדערונגען זיינען קורץ און שארף:

1) די פירסטען, דער אדעל און די שטעדט זאָלען מעהר ניט שיקען די העלפט פון די צינזען פון די גייסטליכע לעהען (גיטער) נאָך רוים, און זיי זאָלען זייערע אונטערטאַנען פערוועהרען דאָס צו טאָן.

2) דער פּאַפּסט האָט ניט קיין רעכט צו בעשטעטיגען וועלכעס עס איז אַמט.

3) קיין וועלטליכע פראַגע זאָל ניט געשיקט ווערען נאָך רוים אום דאָרט צו אורטיילען.

4) די בישאָפען דארפען איהם ניט געבען קיין שבועה וועגען טרייהייט צו איהם.

5) דער פּאַפּסט זאָל זיך מעהר ניט אָנאייגנען קיין גוואַלט. ער מוז זיין דעמיטיג (הכנעה'דיג) אין זיינע גייסטליכע האַנדלונגען.

6) עס זאָל אייגעריכטעט ווערען אין מאַינץ אַן אויבערע דייטשע קיר-כען־געוואַלט, וועלכע זאָל אין רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען פערנעהמען די שטעלע פון פּאַפּסט.

7) עס זאָלען פערבאָטען ווערען וואַלפאַרטען (רעליגיעזע וואַנדערונגען) נאָך רוים, סיידען מיט דער ערלויבנים פון די בעאַמטע פון דער רעגירונג.

8) עס זאָל די גייסטליכע זיין ערלויבט צו הייראַטען.

9) די גייסטליכע זאָלען ווערען ערוועהלט פון זייערע געמיינדעס.

דאָס זיינען געווען די פּראַקטישע צילען פון דער רעפאָרמאַציאָנס־בעוועגונג, מאַטעריעלע אונאָפּהענגיגקייט פון רוים, און דערמיט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די הערשאַפט פון פּאַפּסט. די דעמאָקראַטישע פאָדערונגען פון דעם פּראָגראַם זיינען שפּעטער פערגעסען געוואָרען. אָנשטאַט דעם פּאַפּסט האָט איבער די גייסטליכע אָנגעפאַנגען צו הערשען אַן אבסאָלוטער מאָנאַרך, אָדער דער לאַנד־העררר. די גייסטליכע האָבען אָנגעפאַנגען ערנאַנט צו ווע-רען פון דער רעגירונג, ניט די געמיינדעס האָבען זיי ערוועהלט, ווי עס האָט געפאָדערט דער 9טער פּונקט פון דעם פּראָגראַם. דיזען פּונקט האָט שפּעטער לוטהער זעלבסט איבערגעמאַכט אום צו געווינען די שטיצע פון די פירסטען. און ער האָט זי ווירקליך דורך דעם געוואונען. אין דיזען פּראָגראַם האָט לוטהער מיט קיין וואָרט ניט בעריהרט די דאָגמאַס פון דער קאַטאָלישער

קירכע. ער האָט נאָר געשימפּט און געטאַדעלט אויף דעם שאַרפסטען אופן די האַנדלונגען פון פּאַפּסט און איבערהויפּט פון די קאַרדינאַלען אין רוים.

זיינע דאָגמאַטישע אַנזיכטען האָט לוטהער אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען ערסט מיט איין פערטעל יאָהר שפּעטער. דאָך האָט ער די זעלבע שוין געהאַט אויסגעאַרבייט מיט 15 יאָהר פריהער.

דעם 3טען יאַנואַר 1521 האָט דער פּאַפּסט ענדליך אַריינגעלעגט לוטהער'ן אין חרם. דאָס איז געווען די לעצטע טאַט פון דיזען ציניקער אין נאָמען פון קריסטוס, פון וועלכען ער אַליין האָט אימער געמאַכט חוזק. דעם 26טען מאַי 1521 האָט מען איהם בערויבט פון אַלע זיינע רעכטען און פערורטיילט צו פערבאַנונג (אַרויסטרייבונג) פון לאַנד.

מען האָט לוטהער'ן גערופען צום רייכסטאַג אין וואָרמס. ער האָט אפילו זעהר מורא געהאַט, מען זאָל זיך מיט איהם דאָרט אָפּרעכנען, ווי מען האָט זיך פריהער אָפּגערעכענט מיט הוס'ן, דאָך איז ער פול מיט מוט דאָרטען געקומען, בעגלייטעט פון אַ גרויסע מאַסע מענשען, זיינע אָנהענגער. די גלענצענדע פערזאַמלונג, אויף וועלכער עס האָבען זיך געפונען דער קייזער און אַ גרויסע צאָהל וועלטליכע און גייסטליכע פירסטען, האָבען איהם אָנפאַנגס אַ ביסעל אָפּגעשראָקען, און ווען מען האָט איהם אַרויסגערופען צום דיספּוט און צו ערקלערען זיינע פאָדערונגען, אָדער זיך ענטזאַגען פון זיי, האָט ער געבעטען מען זאָל איהם געבען אַ טאָג צייט צום בעדענקען. אויף'ן צווייטען טאָג איז ער אַרויף אויף די טריבונע און האָט מוטיג געזאָגט: „כל זמן מען וועט מיר ניט אויפווייזען אין דער ביבעל, דאָס איך האָב אַן אירטום, קען איך ניט און וויל ניט צוריקרופען וואָס איך האָב בעהויפּטעט. אָט דאָ שטעה איך, איך קען ניט אַנדערס, גאָט זאָל מיר העלפען, אמן!". די גייסטליכע האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו ברייגגען לוטהער'ן צו אַן אַנדער ערקלערונג, אָבער זיי האָבען מיט איהם גאָרניט געקענט מאַכען. דער אַדעל איז פון זיינע לעצטע ווערטער געקומען אין אַזאַ ענטהוזיאַזם, דאָס עס איז געוועזן אונמעגליך צו דענקען וועגען אָנגרייפען איהם.

דער קורפירסט פריעדריך האָט געזאָרגט מען זאָל לוטהער'ן ברייגגען אין זיכערהייט. מען האָט אויף איהם געמאַכט אַן איבערפאַל צום שיין, אום מען זאָל איהם אַרויסרייסען פון זייערע הענט, און מען האָט איהם געבראַכט נאָך וואַרטבורג, וואו ער האָט אַ גאַנצעס יאָהר פערבראַכט אונטער דעם נאָמען „ריטער געאָרג". דאָ האָט לוטהער איבערזעצט די ביבעל, וועלכע ער האָט געענדיגט אין יאָהר 1534. דיזע איבערזעצונג איז אַ מייסטער-ווערק אין דער דייטשער שפּראַך: זי איז קרעפטיג און פּאָלקסטימליך געשריבען.

לוטהער אויף דעם רייכסטאַג אין וואָרמס.

זי האָט געהאַט אזא גרויסע בעדייטונג פיר די ענטוויקלונג פון דער דייטשער שריפט־שפּראַך, דאָס מען האָט דעם פערפאַסער אָנערקענט פיר דעם גרינדער פון דער ניי־הויכדייטשער ליטעראַטור־שפּראַך. אָבער דאָס איז איבערטריבען.

דערווייל זיינען צוגעקומען צוויי עראייגניסען, אַזעלכע וויכטיגע, דאָס זיי האָבען צוגעצויגען צו זיך די גאַנצע עפענטליכע אינטערעסע. דאָס זיינען געווען: די רעוואָלוציאָן פון דעם אדעל און דער בויערן־קריג.

ג. עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען פון 14טען ביז 16טען יאָהרהונדערט.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, ווי לאַנגזאַם עס איז אין מיטעלאַלטער געווען דער צוואוּאַקס פון דער בעפעלקערונג אין שטעדט, ווי אויך אויף'ן לאַנד. דער אַקערבוי איז געווען אַזוי איינגעאָרדענט, דאָס עס איז ווירקליך געווען אונמעגליך צו ערוואַרטען וועלכע עס איז ענטוויקלונג אין פּראָדוקציאָן, און ווען די פּראָדוקציאָן האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען איז, פערשטעהט זיך, אויך ניט געווען צו ערוואַרטען, דאָס די צאָהל פון אַקערבויער זאָל זיך פערמעהרען. עס זיינען דאַמאָלס ניט געווען גענוג וועגען אויף דעם לאַנד. ערסט שפּעטער האָט מען אָנגעפאַנגען צו מאַכען אין דעם אַקערבוי אַנדערע אָרדנונגען: מען האָט געגרינדעט דערפער און געמאַכט וועגען פון איין דאָרף צום אַנדערען. דאָס האָט געפיהרט צו דער פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקציאָן און דערמיט האָט זיך אויך פערגרעסערט די בעפעלקערונג, אַזוי דאָס מען איז געוואָרען געצוואונגען צו שאַפען מעהר ערד צו בעאַרבייטען. מען האָט אָנגעפאַנגען אויסצוהאַקען וועלדער און צו בעאַרבייטען די ערד. שפּעטער איז מען געווען געצוואונגען צו עראָבערן נייע לענדער פיר דעם צוואוּאַקס פון די אַקערבויער. עס האָבען זיך אפילו נאָך געקענט בעזעצען פיעלע אַקערלייט אויף די פריהערדיגע ערטער, אָבער מען האָט דאַמאָלס מודא געהאַט פיר אַ נעדיכטע בעפעלקערונג אויף איין אָרט. און דעריבער, הגם די צאָהל פון מענשען איז געוואָרען גרעסער, איז די בעפעלקערונג אין יעדען דאָרף געבליבען כמעט די זעלבע, ווייל דער צוואוּאַקס האָט פיר זיך געזוכט נייע ערטער. און ווען דייטשלאַנד האָט זיך אויסגעוויזען צו זיין ווייניג פיר דעם צוואוּאַקס, האָט מען אָנגעפאַנגען צו עראָבערן שטיקער לאַנד פון די סלאַווען אין מזרח, וועלכע האָבען געהאַט פיעל מעהר לאַנד ווי זיי האָבען געברויכט פיר זיך זעלבסט. מעהר פון 2 יאָהרהונדערטער האָבען די דייטשען געשטרעבט צו ערווערבען זיך שטיקער לאַנד אין אָסט פון די סלאַווען און צו בעזעצען זיך דאָרט.

די דייטשען האלטען זייערע עראבערונגען און ערוואֶרבונגען פון די סלא־ווישע לענדער פיר זעהר א וויכטיגע לויבענסווירדיגע טאט. אבער די וואהרע מענשליכקייט דארף זיך שעמען מיט די רציחות און אונגערעכטיגקייטען, מיט וועלכע דיזע קאלאניזאציאן איז דורכגעפיהרט געוואָרען. ווי ברוטאל זיינען עס די רויבערייען צוגעגאנגען, און ווי אונמענשליך עס זיינען געוואָרען געדריקט די אונטעריאכטע! מען האט די אונגליקליכע פערוואנדעלט אין לייבאייגענע און מען האט זיי טיראניזירט ערגער ווי שקלאפען. אם דייט־ליכסטען זעהען מיר די גרוילטאטען פון די דייטשען אין דער געשיכטע פון דער עראבערונג פון די אסט־זעע פראווינצען, די אלע רציחות, וואס זיינען דארט פארגעקומען אונטער דעם מאנטעל פון בעקעהרען דאס פאלק צום קריסטענטום.

אין נאמען פון קריסטענטום האבען די דייטשען געבראכט צו די פינען, טשודען, לעטען און צו פיעלע אנדערע פעלקער פערניכטונג און קנעכטשאפט. די ליפען האבען באלד פערשטאנען, וואס די בעקעהרונג בעצוועקט. זיי הא־בען זיך באלד עמפּערט געגען דער נייער לעהרע. אבער די דייטשען האבען זיי געענטפערט אויף דיזע עמפּערונג מיט פייער און מיט שווערד. דאס לאנד האט מען פון זיי צוגענומען און מען האט זי צוזיילט.

נאך אין אונזערע טעג געפינען זיך ביי די פינען עראינערונגען וועגען יענע צייטען פון דער בעקעהרונג צום קריסטענטום. ביי די טשודען געפינט זיך א ליד „די טעג פון דער אונטערוואָרפונג", אין וועלכען עס ווערט בע־קלאגט די צייט, ווען „די פאהנען פון די פרעמדע האבען געוועהט, ווען די פרעמדע האבען זיי אונטעריאכט, בערויבט און פערוואנדעלט אין קנעכט און שקלאפען". דאס ליד ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „ווי קען איך זינגען, ברודער? טרויעריג קלינגט דאס טרערען־ליד. דער שיקזאל פון א שקלאף איז זעהר הארט". ביי די עסטלענדער געפינט זיך א ליד „די טעג פון דער פערגאנגענהייט". אין דיזען ליד קלאגט זיך דער זינגער: „די גייסטער פון פערטיליגונג זיינען ארויסגעלאזען געוואָרען געגען אונז; די פריסטער האבען אונז געוואָרגען מיט זייערע ראזענקראנצען, די געלט־לוסטיגע ריטער האבען אונז בערויבט, רויבער־באנדעס האבען אונז בעדריקט, מערדערישע שווערדען האבען אונז צוהאקט אין שטיקער". אין אן אנדער ליד הערען מיר די בי־טערע זיפצען פון די ארימע עסטהען, וועלכע בעקלאגען זיך, דאס די דייטשען האבען זייערע מענער געשמידט אין קייטען, זייערע שאף, זייערע רינדער, זייערע היהנער און גענז פון זיי צוגענומען, זיי האבען זייער לעבען געמאכט ערגער ווי אין גיהנום. דיזע און אנדערע לידער גיבען אונז דעם וואהרען בע־

גריף פון דער דייטשער קאָלאָניזאַציאָן אין יענע לענדער, די קאָלאָניזאַציאָן, וועלכע די דייטשע געשיכטע־שרייבער ריהמען און לויבען אַזוי שטאַרק.

עס איז אָבער געקומען אַ צייט, ווען די אייראָפּעאישע פעלקער האָבען שוין מעהר ניט געהאַט קיין לענדער צו רויבען, עס איז שוין צוגענומען געוואָרען אַלעס, וואָס מען האָט געקענט צונעהמען. דאַמאָלס זיינען זיי געוועזען געצוואונגען נעהמען זיך צו בערגבוי און פאַבריקאַציאָן. עס האָט זיך ענטוויקעלט גאָר אַן אַנדער סאָרט לעבען. עס האָט זיך ענטוויקעלט קאַפּיטאַל און רייכטום און דאָס סאָציאַלע לעבען האָט בעקומען אַ גאַנץ אַנדערען כאַראַקטער.



בעקעמפונג פון די סלאַווישע בויערן דורך די דייטשען.

מיר האָבען עס פריהער געזעהן, ווען מיר האָבען בעשריבען די שטאָדט פראַנקפורט, דאָס די בירגער אין די שטעדט אין 13טען און 14טען יאָהר־הונדערט זיינען ניט געווען רייך. זייער בעזיץ איז געווען נאָר אַרבייטס־קאַפּיטאַל, וועלכער איז בעשטאַנען פון ווערקצייג און אַנדערע הילפס־מיטלען, וואָס זיינען געווען נעטיג צום געשעפט. די פאָלגענדע גענעראַציאָנען אין 15טען יאָהרהונדערט האָבען שוין געקענט שפּאָרען און אָנזאַמלען פערמעגענס. דער בעריהמטער מאַקיאַוועללי, וועלכער איז געווען אין דייטשלאַנד און האָט בעטראַכט דעם צושטאַנד פון די בירגער, האָט צוגעשריבען דעם ערפאָלג צו צוויי זאַכען: צו זייער רעגעלמעסיג־עקאָנאָמישען לעבען און צו זייער

עקספּאָרט (ארויספיהר פון וואַרע אין אַנדערע לענדער). „זיי לעבען", זאָגט מאַקיאַוועללי, „ווי אָרימע לייט, זיי בויען ניט, זיי ווייסען ניט פון קליי-דער־לוקסוס, און האָבען ניט קיין טייערע זאַכען אין זייער הויזהאַלטונג. גע-נוג ברויט און פלייש און אַ וואַרימעס צימער — דערמיט זיינען זיי העכסט צופרידען. זיי קימערן זיך וועגען זאַכען וואָס זיינען נויטווענדיג, אָבער זיי בעדאַרפען פיעל וועניגער ווי מיר".

אין פערלויף פון 15טען און אין אָנפאַנג פון 16טען יאָהרהונדערט האָ-בען זיך שוין אָנגעזאַמעלט אין אייניגע הענט גרויסע קאַפּיטאַלען. אזוי צ. ב. האָט דער קויפמאַן וויקקאָ פאָן געלדערזען אין האַמבורג געהאַט אַ קאַ-פּיטאַל פון אַ פערטעל מיליאָן מאַרק. אין יאָהר 1527 האָט דער באַנקיר האָכ-שטעטטער אין אוגסבורג געמאַכט אַ באַנקראָט אויף מעהר פון אַ האַלבען מיליאָן גולדען פאַסיוו. די ראָטהשילדס פון 16טען יאָהרהונדערט, די אוגס-בורגער פאַמיליע פ ו ג ג ע ר, האָבען אין אַ צייט פון בלויז 7 יאָהר פער-גרעסערט זייער קאַפּיטאַל מעהר ווי אויף 13 מיליאָן גולדען. גראַף אַנטאָן פוגגער האָט איבערגעלאָזען נאָך זיין טויט אין יאָהר 1548 זעקס מיליאָן גאָלד־גולדען באַארעס געלט, אויסער אונגעהייערע רייכטימער אין אונבעוועג-ליכע גיטער: הייזער און לאַנד. אויך די ו ו ע ל ז ע ר זיינען געווען גרויסע עשירים, וועלכע האָבען געהאַט קאָנטאָרען אין רוים, מאַילאַנד, גענף (זשענע-וואַ), ליאָן, אַנטווערפּען, ליסאַבאָן און מאַדרא.

עס פערשטעהט זיך פון זיך זעלבסט, דאָס דיזע אונגעהייערע קאַפּיטאַ-לען, וועלכע זיינען ניט געווען די איינציגע צו יענער צייט, זיינען ניט בעשאַ-פען געוואָרען פון בלויז אָפּגעשפּאָרטע גראָשענס פון די נויטווענדיגקייטען פון לעבען. די זאַך איז, דאָס די קאַפּיטאַל־נוצונג איז געוואָרען אַנדערס, ווי זי איז געווען פריהער. יעצט האָט זיך ענטוויקעלט דער קרעדיט. אין יאָהר 1391 האָט דער פראַנקפורטער ראַט קאָנפיסקירט דאָס אייגענטום פון אַ מאַן, וואָס האָט בעצאָהלט פיר סחורה מיט וועקסלען, און אין 15טען יאָהרהונדערט איז דאָס געלט־געשעפט שוין געווען ענטוויקעלט פאָלקאָמען. די זעלבע שטאָדט, פראַנקפורט, האָט אין יאָהר 1402 איינגעריכטעט אַ באַנק. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָבען זיך פון דיזער באַנק ענטוויקעלט 4 באַנק־הייזער: איינע אַ שטאָדטישע און דריי קאָנצעסיאָנירטע (ד. ה. מיט דער ערלויבניס פון שטאָדט). דאָס זעלבע איז אויך געווען אין פיעלע אַנדערע שטעדט.

בעזיצענדיג גרויסע קאַפּיטאַלען, האָבען זיך פיעלע קויפלייט גענומען צו גרויסע אונטערנעהמונגען. זיי האָבען געהאַט אין זייער מאַכט ניט נאָר באַא-רעס געלט, נאָר אויך גרויסער קרעדיט איז געווען בערייט זיי צוהעלפען דורכ

צופיהרען גרויסע אונטערנעהמונגען. אין פיעלע שטעדט פון זיד־דייטשלאנד האבען זיך געגרינדעט גרויסע פאבריקען, אין וועלכע די ארבייט איז געווען איינגעריכטעט און צוטיילט לויט די מאדערנע פרינציפען פון פאליטישער עקאנאמיע. אין 16טען יאהרהונדערט זיינען דיזע שטעדט געווען די הויפט־צענטערן פון דער אייראפעאישער אינדוסטריע. עס זיינען געגרינדעט געווא־רען גרויסע מאדערנע פאפיר־פאבריקען און בוכדרוקערייען. עס זיינען ענד־ליך ענטשטאנען פיעלע בערגבוי־אונטערנעהמונגען, איבערהויפט איז דער בערגבוי בעטריבען געווארען דורך די פוגגערס. זיי האבען געהאט אין זייערע הענט דעם גאנצען האנדעל מיט מעטאלען אין קארנטהען און טיראל, אין טהירינגען, אונגארן און שפאניען. פיעלע אנדערע קויפמענישע געשעפטען, ווי אויך די באנק־געשעפטען, האבען זיך אין יענער צייט לענגער און ברייטער ענטוויקעלט. די גרויסע סוחרים האבען זיך פערבונדען אין געשעפט מיט'ן פארטוגעזישען קעניג, וועלכער האט געהאט גרויסע געשעפטען מיט אינדיען. פערטרעטער פון די גרעסטע געשעפטס־הייזער זיינען געזעסען אין ליסאבאן, אנטווערפען און אין אלע בעדייטענדע איטאליענישע שטעדט. עס זיינען אימפארטירט געווארען מאסען אריענטאלישע וואארען און געווירצען, אויך ענגלישעס טוך און פערשיידענע סארטען ביער.

דער קאפיטאל האט ניט נאר געהאלפען פערברייטען דעם האנדעל מיט אויסלאנד, נאר ער האט אויך פיעל געווירקט און געהאלפען צו פערגרעסערן דעם האנדעל פון אינלאנד. דער האנדעלס־אומזאץ אין קאלן אין יאהר 1464 האט בעטראפען 37 מיליאנען מארק, און אין יאהר 1465 האט ער בעטראפען 210 מיליאנען מארק. דער געלט־מארק איז געווען איבערפילט מיט געלט, און דאס האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף די צינזען (פראצענט) אין געשעפטס־געברויך. אנשטאט וואס אין 14טען יאהרהונדערט איז דער אל־געמיינער געלט־צינז געווען 10 פראצענט איז ער צו ענדע פון דיזען יאהרהונ־דערט געפאלען ביז 4 פראצענט. דאס בעדייטעט, אז געלט איז געווען אין איבערפלוס. דערפאר אבער זיינען די פרייזען פון וואארען געשטיגען זעהר הויך.

דאס שטייגען פון פרייזען האט אבער נאך אן אנדער גרונד, דאס איז — די געמיינזאמע אונטערנעהמונג. געשעפטסלייט האבען שוין דאמאלס פער־שטאנען די וויכטיגקייט פון קארפאראציאנען, פון געזעלשאפטען, אום צו קענען קריגען הויכע פרייזען. די אונגעוועהנליך גרויסע פערדינסטען (רווחים) פון די האנדעלס־געזעלשאפטען אין יענער צייט האט בעטראפען אין יאהר 1458 פון 430 ביז 450 פראצענט. אבער אויך דיזע גרויסע פערדינסטען

זיינען פיר יענע קויפלייט געווען ווייניג. וואָס־זשע האָבען זיי געטאָן? זיי האָבען אַליין אויסגעקויפט אַלע נעטיגע סחורות און האָבען געמאַכט אַ פאַלשע יקרות. דאָס זעלביגע האָט מען אויך געטאָן מיט אינלענדישע סחורות. דאָס איז פיר דאָס פאָלק געווען אַ וואָהרע פּלאָגע. ווי גיך די קויפלייט זיינען דאַמאָלס געוואָרען רייך, צייגט דער פאַקט, דאָס אַ קליינער קויפמאַן, וועלכער האָט אַריינ־געלעגט אין אַ געשעפט פון אַן אוגסבורגער קאָמפּאַניע 500 גולדען, האָט אין פערלויף פון 7 יאָהר געמאַכט אַ קאַפּיטאַל פון 24,500 גולדען, אויסער זיינע אויסגאַבען אויף צום לעבען אין דעם פערלויף פון דיזער צייט.

לוטהער שילדערט די האַנדעלס־לייט פון זיין צייט ווי פאָלגט: ווען איינינגע קויפלייט האָבען איבריג פון אַ סאָרט וואַארע און זיי ערוואַרטען ניט עס זאָל אין אַ קורצע צייט קומען פרישע, הייבען זיי די פרייזען פון דיזען אַרטיקעל. און אום קיינער זאָל זיי אין דעם ניט שטערן, קויפען זיי אָפּ פון אַנדערע סוחרים די וואַארע פון דיזען סאָרט. ווען זיי האָבען אָבער זייער ציל ניט דערגרייכט, פערקויפען זיי די סחורה פיר אַ שפּאָט־ביליגען פּרייז און רואינירען דערמיט די קליינע הענדלער, וועלכע מוזען אַרויס פון געשעפט, און דיזע לייט בלייבען אויף ווייטער אום צו קענען שינדען די הויט פון פאָלק אָהן שום רחמנות. דיזע לייט ווערען די איינציגע העררען איבער גאָט'ס בעשעפעניסען, און שלינגען זיי איין ווי די העכט שלינגען איין די אַנדערע שוואַכע קליינע פישלאַך, ניט האָבענדיג קיין מורא פאַר גאָט און פאַר דעם אייגענעם געוויסען.

אויך אין די צעכען פון די האַנטווערקער האָט דאָס קאַפּיטאַל אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניס. עס האָבען זיך אונטער די האַנטווערקער געפונען מענשען, וואָס האָבען אָפּגעשפּאָרט אַ קליינעם קאַפּיטאַל. דיזע האָבען זיך פעראייניגט און האָבען געגרינדעט אַ בעזונדער צעך, אין וועלכען זיי האָבען קיינעם ניט אַריינגענומען, און האָבען, ווי עס פערשטעהט זיך, גערופען פרייזען פון די קונדען ווי זיי האָבען געוואָלט. איבערהויפּט איז עס געווען דער פאַל מיט בעקער און מיט פליישער (קצבים). אָט דיזע לייט זיינען געוואָרען רעדעל־פיהרער אין אַ שטאָדט און האָבען אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענט די רעגירונג פון דער שטאָדט מיט די עמטער.

דער רעזולטאַט פון דיזער ענטוויקלונג איז געווען זעהר ניט קיין גוטער. די רייכע האָבען אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענט די גאַנצע פּראָדוקציאָן, און האָבען גענומען פון פאָלק פרייזען, וועלכע זיי האָבען געוואָלט. דאָס איינטריטס־געלט אין אַ צעך איז געוואָרען זעהר הויך. מען האָט אין צעך אַריינגענומען נאָר זיהן, איידימס אָדער אַלמנות פון אַלטע צעך־מיטגלידער. דער

קאַפּיטאַל האָט אין די צעכען אָנגעהויבען צו שפּילען אַזאַ וויכטיגע ראָלע, דאָס מען האָט אָנגעהויבען צו פאָדערן פון יעדען, וואָס האָט געוואָלט אַריינטרעטען אין צעך, דאָס ער זאָל צייגען אַ געוויסעס פערמעגען אין געלט אָדער אַ הויז, אין וועלכען ער, דער נייער מיטגליד, דענקט צו טרייבען זיין אַרבייט. אויסער דעם האָבען די צעכען געפאָדערט פון יעדען האַנטווערקער, וואָס וויל אַריינטרעטען אין צעך, אַז ער זאָל ברייננען אַ צייגניס פון דער רעגירונג אָדער פון בעוואוסטע מענשען, דאָס ער איז אַ מענש מיט אַן עהרליכען כאַראַקטער. דאָס האָט נאָך מעהר בעשווערט דאָס אַריינטרעטען אין צעך. דאָס אַלץ האָט געהאַט דעם צוועק ניט צו דערלאָזען קאָנקורענטען אין זייער אַרבייט. זיי האָבען אויסגעשלאָסען גאַנצע קלאַסען פון אַריינצונעהמען אין צעך. אַזוי צ. ב. האָבען זיי ניט צוגעלאָזען אַריינצוקומען אין צעך אונגעזעצליך געבאָרענע קינדער, זיהן פון בויערן־שטאַנד, אידען א. ד. גל. קורץ, דאָס האַנטווערק איז געוואָרען אַ מאָנאָפּאָל, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צו די קינדער אין אַ געוויסען קרייז בירגער, און קיין אַנדערען האָט מען ניט צוגעלאָזען. אַזוי איז די הויפּט־אידעע, וואָס די בירגער האָבען געפּאַסט ביים גרינדען די צעכען פון האַנטווערקער, צו פערשטאַרקען דעם בירגער־שטאַנד דורך אַסאָציאַציעס, חברות, וואָס זאָלען העלפען פערברייטערן און פערשטאַרקען זייער מאַכט געגען די פעאָדאַלען און דער רעגירונג, פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מאַכט פון איינצעלנע עגאָאיסטישע פּערזאָנען, וועלכע האָבען ניט צוגעלאָזען קיין קאָנקורענץ אין זייער פאַך.

די אָרימע האַנטווערקער האָט דער צעך געצוואונגען אַרויסצוטרעטען פון זייער פערבאַנד און בעשעפטיגען זיך מיט אַנדערע זאַכען און ניט מיט זייער האַנטווערק. אַזוי דאָס פיעלע האָבען געמוזט ווערען קליינע קרעמער, האַנדשוה־מאַכער, נאָדעל־מאַכער, שטריק־מאַכער, בערשט־מאַכער און פיעלע אַנדערע.

פיעל ערגער איז געווען דער שיקזאַל פון די יעניגע האַנטווערקער, וועלכע זיינען געווען אָפּהענגיג פון זייערע קאַמעראַדען, די רייכע האַנטווערקער. דיזע רייכע גענאָסען האָבען אויפגעהערט אַליין צו אַרבייטען און זיינען געוואָרען „פערלעגער" (געלט־אויסלעגער). דיזע פערלעגער האָבען בעשעפטיגט אַ געוויסע צאָל האַנטווערקער, וועלכע האָבען בעקומען געצאָהלט געוועהנליך פון שטיק. אָנפאַנגס האָט דער געדונגענער האַנטווערקער געהאַט אייגענע געצייג, אָבער די פערלעגער האָבען אויסגעפונען, דאָס עס איז פיר זיי בעסער, אַז די אַרבייטס־אינסטרומענטען זאָלען זיין זייערע אייגענע, אום די געדונגענע האַנטווערקער זאָלען פון זיי זיין מעהר אָפּהענגיג. אַזוי זיינען בים-

לאכוויז די קליינע האנטווערקער פערוואנדעלט געווארען אין איינפאכע ארבייטער מיט דער גאנצער אפהענגיגקייט פון זייערע ארבייט־געבער.

נאך פיעל ערגער איז געווען די לאגע פון די געזעלען (ארבייטער־יונגען). פריהער האט יעדער געזעל געהאט די אויסזיכט און די מעגליכקייט צו ווערען מיט דער צייט זעלבשטענדיג. דער געזעלען־צושטאנד איז נאר געווען אן איבערגאנגס־פעריאדע פון אן איינפאכען מענשען צו א מייסטער. אבער נאך דעם, ווי די צעכען האבען אנגענומען א קאפיטאליסטישען כאראקטער, איז דער האנטווערקער געווארען אן אונטערנעהמער. ער האט געברויכט א גרעסערע צאהל פון געזעלען, וועלכע האבען שוין ניט געהאט די מעגליכקייט ארויפצוארבייטען זיך אלס מייסטערס. דאס האט געפיהרט צו א גרויסער ענדערונג אין די בעציהונגען צווישען דעם מייסטער און זיינע געזעלען. עס האט זיך אויסגעארבייט א גרויסער אונטערשייד צווישען דעם מייסטער און די געזעלען, צדער ארבייטער־יונגען, וועלכע זיינען פערוואנדעלט געווארען כמעט אין קנעכט. עס האבען זיך אויסגעבילדעט צוויי פערשיידענע גרופען, וועלכע האבען איינער צו דער אנדערער אנגעפאנגען צו זיין פיינדליך. די אינטערעסען פון איין גרופע זיינען געווען פיינדליך צו די אינטערעסען פון דער אנדערער גרופע. די מייסטערס זיינען געווען צו זייערע געזעלען זעהר הארט און שלעכט. זיי האבען אויף זייערע יונגען ארויפגעלעגט זעהר שווערע ארבייט, דערצו האבען נאך די ארבייטער־יונגען פערלארען כמעט יעדע האפנונג זיך ווען עס איז ארויפצוארבייטען און ווערען אליין מייסטערס, זעלבשטענדיגע אונטערנעהמער. די מייסטערס האבען זאגאר ניט געוואלט צוזאמענקומען מיט זייערע געזעלען. נאך מעהר, מען האט זיי, די ארבייטער־יונגען, פערוועהרט צוזאמענקומען צווישען זיך צו בעטראכטען זייער לאגע אדער זיך אמאל אמוזירען. די לערן־אינגלאך האט מען בעהאנדעלט טיראניש. מיט איין ווארט: דער דרוק פון די מייסטערס אויף זייערע געזעלען איז געווען אונערטרעגליך. אבער די מייסטערס זיינען ניט געווען אין שטאנד אנצוהאלטען לאנג זייער דריקענדע מאכט איבער די געזעלען. די קנעכט, די געזעלען, האבען זיך ענדליך פערבונדען, אום מיט אלגעמיינע קרעפטען צו ארבייטען געגען דעם דרוק פון די מייסטערס. דאס איז געווען די ערסטע בעוועגונג אין מיטעלאלטער פון די ארבייטער געגען זייערע הערען.

אין 14טען יאהרהונדערט איז די געזעלען־בעוועגונג געגען דעם דרוק פון די מייסטערס געווארען פיעל שטארקער און בעדייטענדער. שפעטער האט דיזע בעוועגונג אנגענומען א בעדייטענדען אומפאנג און האט ארויסגערופען א סאציאלען קאמף.

אויסער דעם געזעלען־פערבאַנד האָבען זיך דאַמאָלס אַרויסגעשטעלט געגען דער רייכער קלאַס נאָך אַנדערע סאָרטען פּראָלעטאַריער. דיזע זיינען הויפּטזעכליך בעשטאַנען פון פערשיידענע סאָרטען לוין־אַרבייטער און לאַנד־אַרבייטער, וועלכע האָבען צוליב פערשיידענע אורזאַכען פערלאָזען דאָס לאַנד און האָבען זיך בעזעצט אין שטאָדט. דער צופלוס פון דיזע לעצטע איז גע־ווען אַזוי גרויס, דאָס מען האָט געפונען פיר נעטיג צו פערפאַסען אַ געזעץ, דאָס ווער עס וויל זיך בעזעצען אין אַ שטאָדט און בעקומען אין איהר ביר־גער־רעכט מוז בעזיצען אַ געוויסען קאַפּיטאַל. אָבער וויל די שטעדט האָבען געברויכט מעהר מענשען, האָט מען געשאַפען אַ נייע קלאַס בירגער, וועלכע האָבען נאָר געהאַט דאָס רעכט צו בעזעצען זיך אין שטאָדט, ניט בעקומענדיג אַנדערע בירגער־רעכטען.

דער פּראָלעטאַריאַט איז געוואַקסען מעהר און מעהר. אויף דעם רייכס־טאַג אין פראַנקפורט אין יאָהר 1397 זיינען אָנגעקומען 500 בריף־טרעגער, 900 פייף־שפּילער, פּאָקום־מאַכער און אַנדערע אַרומפאָהרער, ענדליך 797 הורען. אין האַמבורג איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון 15טען יאָהר־הונדערט איבער 20 פּראָצענט אָרימע לייט, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין פערמעגען, און האָבען ניט געהאַט קיין שטענדיגע בעשעפטיגונג, פון וועלכער זיך צו ערנעהרען. אין אוגסבורג איז געווען 15 פּראָצענט פּראָלעטאַריער, אַזוי דאָס איבער 3,000 לייט, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין מיטלען צום לע־בען, האָבען בעלעסטיגט די איינוואוינער פון דיזער שטאָדט. די צאָהל פון אַרומוואַנדערער, בעטלער, קריפּלען און אַנדערע לעדיג־געהער איז אין 15טען יאָהרהונדערט זעהר שטאַרק געוואַקסען.

די געמיינדעס האָבען אַפילו געזוכט צו העלפען דעם עלענד פון דער אָרי־מער קלאַס, זיי האָבען געגרינדעט פערשיידענע אַנשטאַלטען, אָבער דאָס האָט זעהר ווייניג געהאָלפען; די אָרימקייט איז געוואַקסען מעהר און מעהר און דער סאָציאַלער צושטאַנד איז געוואָרען ערגער און ערגער. דערצו זיינען די גייסטליכע צוזאַמען מיט די וועלטליכע בעאַמטע געוואָרען שרעקליך פער־דאָרבען, אַזוי דאָס אַנשטאָט צו העלפען די געמיינדעס אין דיזער הינזיכט האָבען זיי געזוכט, ווי מען זאָגט, אין אונרייניעם וואַסער כאַפּען פיש. די געלעהרטע און די דענקער פון יענער צייט זיינען פון דעם טרויעריגען צו־שטאַנד פון דער געזעלשאַפט געקומען אין פערצווייפלונג און האָבען געדענקט, דאָס די וועלט געהט צום אונטערגאַנג. די איינציגע האָפנונג איז געווען, דאָס עס וועט אין גיכען קומען אַן אומשטורץ פון דער רעגירונג און דער קירכע, און דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען וועט נעהמען אַ נייע ווענדונג, און

עס וועט איינגעפיהרט ווערען אַ נייע אָרדנונג, וועלכע וועט מעהר ניט דער-לאָזען צו אַזאַ טרויעריגען צושטאַנד. דיזע שטימונג האָט זיך אָפען אויסגע-דריקט אין דעם פאָלקס-הומאָר. אין אַ הומאָריסטישען טאָן האָבען די שריפט-שטעלער פון יענער צייט געפּרעדיגט אַ רעוואָלוציאָן. זאָגאַר פון דער קאַנ-צעל (אין דער קירכע) האָבען זיך אין הונגער-יאָהר 1481 געלאָזט הערען פאָל-גענדע ווערטער: „לויפט צו רייכע לייט, וועלכע האָבען קאָרן, און ווען עס איז פערשלאָסען, ברעכט אויף די שלעסער מיט העק און באָרגט קאָרן".

אַזוי זיינען די פערהעלטניסען צווישען די פערשיידענע קלאַסען און די שטעדט געוואָרען זעהר געשפּאַנט. עס האָט זעהר וועניג געפעהלט, דאָס דער צאָרן פון פאָלק זאָל אויסברעכען. עס זיינען ווירקליך פאָרגעקומען אין יענער צייט, נעמליך פון מיטען 15טען יאָהרהונדערט ביז צו דער רעפאָרמאַ-ציאָן, זעהר פיעלע אויפשטענדען. די געמיינדעס האָבען זיך אויפגעהויבען געגען דעם ראַט אין ראַטענבורג (אין יאָהר 1450), אין וויען (1462 און 1500), אין אאַכען (1467), אין קאָלן (1482), אין ברוינשווייג און אָסנאַ-בריק (1488) און אין אוגסבורג (1491). איבערהויפּט איז דער האַס געוואָ-רען זעהר גרויס צווישען די אָרימע און רייכע אין ערפורט, ווי עס ווייזט די גע-שיכטע פון דעם יאָהר 1509. דאָ האָבען די שולדען פון דער שטאָדט דער-לאַנגט די סומע פון 600,000 גולדען, און ווען די פערטרעטער פון דער גע-מיינדע האָבען געפאָדערט חשבון, האָט זיי אַ שטאָלצער ראַטס-העהר געענט-פערט: „איך בין די געמיינדע!" דערפאַר האָבען די „שווארצע ראָטע", די פּראָלעטאַריער, געפאָדערט בלוטיגע ראַכע. דעם שטאָלצען ראַטס-העהר האָט מען געפאָלטערט און נאָכדעם הינגעריכטעט. ליידער איז אויך די אוניווערזיטעט דאַמאָלס פערניכטעט געוואָרען אין אַ קאַמף צווישען דעם פאָלק און די סטודענטען.

אין יאָהר 1512 זיינען פאָרגעקומען אונרוהען צווישען דעם ראַט און די געמיינדעס אין די שטעדט שוואָביש-האַלל, שפּייער, רעגענסבורג, ברוינשווייג, אויך איז דאָס יאָהר נאָכדעם געווען פול מיט רעוואָלוציאָנען אין אאַכען, דירען, קאָלן, נויססי, אַנדערנאַך, וואָרמס, גאָטטינגען, אולם און שוויינפורט. אין יאָהר 1513 איז אין קאָלן געווען אַ ריכטיגער טעררור (שרעקענס-הער-שאַפט) מיט אַ צוזייפאַכער רעוואָלוציאָן פון די צעכען און די פּראָלעטאַריער. די פאָלקס-פריינדליכע פּאָעטען פון יענער צייט האָבען דעם זיג פון די גע-מיינדעס צוגעשריבען צו דער הייליגער מאַריאַ און די דריי הייליגע קעניגען. אין די שטעדט אָבער, וואו די געמיינדעס זיינען בעזיגט געוואָרען, ווי צ. ב. אין וואָרמס און שוויינפורט, האָבען די בעזיגטע אַרויסגעלאָזען אַ רוף צו גע-

רעכטיגקייט. אזוי צ. ב. אַפּעלירט אין אַ פאָלקס־ליד די וואָרמסער געמיינדע צו דער געטליכער גערעכטיגקייט, פון וועלכער זי פערלאַנגט הילף און קראַפט. אין פערשיידענע געדיכטען ווערט בעקלאָגט די לאַגע פון פאָלק, וויל איבעראל הערשט געוואַלט און אונטערדריקט דאָס רעכט, און די רעגירונג ווערט גע־וואָרנט מיט די ווערטער:

געדענק, דאָס דיין זאַך האָט ניט קיין בעשטאַנד,
די אָרימע בויערן מערקען עס אויף דעם לאַנד.

און באמת האָבען די בויערן אָנגעהויבען צו טראַכטען און צו רעדען וועגען רעוואָלוציאָן. זיי זיינען נאָך שטאַרקער געווען אויפגערייצט געגען

אויפשטאַנד פון דעם פאָלק אין ערפורט.

דער רעגירונג ווי די שטעדטישע געמיינדעס. אין דער צייט, ווען די בויערן אין נאָרד־פראַנקרייך און אין ענגלאַנד האָבען דערגרייכט אַ בליהענדען צו־שטאַנד, זיינען די בויערן פון דייטשלאַנד געקומען צו אַ צושטאַנד אין גאַנצען רואינירט צו ווערען. אָבער ווי אַזוי איז עס דערצו געקומען?

עס זיינען דערצו געווען אייניגע אורזאַכען. איבערהויפּט אָבער איז עס געווען, וואָס די ערד איז געוואָרען צו ווייניג פיר די בעפעלקערונג. מען האָט זיך געריסען ניט נאָר פיר יעדעס שטיקעל אַקער־ערד, נאָר אויך פיר יעדעס שטיקעל וואַלד, פיר יעדעס שטיקעל פּאַשע, פיר יעדעס ביסעל וואַסער.

אַלעס איז געווען בעשרענקט און אַרומגעצאַמט מיט געזעצען. זאָגאַר וועגען דעם גראָז, וואָס איז געוואַקסען ביי די זייטען פון די וועגען, זיינען געווען בע־שטימט געזעצען, ווער עס האָט דאָס רעכט זיך דערמיט צו בענוצען, און ווי־פיעל ער קען דערפון געברויכען און ווען. דאָס אַלעס צייגט קלאָר, ווי אָרים דער בויער איז דאַמאָלס געוועזן אין דייטשלאַנד.

אָבער דער הויפּט־ווארצעל פון דעם עלענד צווישען די בויערן איז גע־ווען, וואָס די געלט־ווירטשאַפט האָט זיך שטאַרק פערברייטעט צווישען אַלע קלאַסען פון דער דאַמאַלסדיגער געזעלשאַפט, און איבערהויפּט צווישען די בירגער פון די שטעדט. די בירגער האָבען אָנגעהויבען אריינלעגען זייערע איבריגע קאַפּיטאַלען אין ערד, האָבען אָפּגעקויפט פון די לאַנד־הערען די צינ־זען, וואָס זיי פלעגען בעקומען פון די בויערן, און פלעגען די צינזען איינמאָה־נען מיט מעהר גוואַלד און מיט מעהר דרוק, איידער די הערען האָבען עס געטאָן. דיזער אומשטאַנד האָט פיעל פערערגערט די לאַגע פון די בויערן. און ווירקליך, פריהער האָט דער בויער געצאָהלט דעם לאַנד־הערר זיינע צינזען מיט נאַטור־פּראָדוקטען, און די צינזען זיינען געוועהנליך געווען ניט מעהר ווי 10 פּראָצענט פון דער גאַנצער פּראָדוקציאָן פון יעדען בויער. דער לאַנד־הערר האָט מעהר ניט געברויכט, ווייל זיין מאָגען איז דאָך ניט געווען קיין זאַק, און האָט ניט געקענט געברויכען מעהר, ווי פיעל ער האָט געהאַט נעטיג. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער געוואָרען ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די געלט־ווירטשאַפט. די מאַסע פון געברויך־אַרטיקלען איז פערגרעסערט געוואָרען און צוזאַמען מיט דעם זיינען די בעדערפניסען געוואַקסען. עס האָט זיך ענט־וויקעלט אַ שטאַרקער פערלאַנג נאָך געלט, און דיזער פערלאַנג האָט געמאַכט אַ גרויסע ענדערונג אין די עקאָנאָמישע אַנגעלעגענהייטען.

פון וואַנען אָבער זאָל דער אַדעל נעהמען די מיטלען צופרידען צו שטע־לען די נייע פאָדערונגען און בעדערפניסען? ער האָט ניט געקענט נאָכטאָן דעם בירגער, צו גרינדען נייע געשעפטען מיט לאַנד, אָדער נאָכטאָן איהם אַנ־דערע געשעפטען, ווייל עס האָט איהם דערצו געפעהלט דאָס געלט. דער אַדעל האָט מקנא געווען די רייכע בירגער מיט זייער בעקוועמען לעבען, אָבער ער האָט איהם ניט געקענט נאָכטאָן. דער אַדעל האָט מיט אַ ביטער הארץ דערמאָהנט די אַלטע צייטען, ווען ער איז געווען אין אַ בליהענדען צושטאַנד, און האָט זיי מיט גרויס קנאה פערגליכען מיט דער יעצטיגער צייט, ווען ער איז געשטעלט געוואָרען פיעל נידריגער פון דעם בירגער:

קויפלייט זיינען עדעל געוואָרען,
דאָס זעהט מען יעדען טאָג.

דער אדעל האָט אָבער געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען אום צו שטעהן מיט דעם בירגער גלייך, און האָט אָפט זאָגאָר געזוכט דעם בירגער איבערצו-שטייגען אין לוקסוס. צו דיזען צוועק האָט ער די צינזען פון די בויערן אַרויפגעשרויפט זעהר הויך. אויסער נאַטור-פּראָדוקטען האָט נאָך דער בויער געמוזט צאָהלען אויך געלט-צינזען און טאָן פיר זיין לאַנד-הערר פּערזענליכע דינסטען. די נאַטוראַלע שטייערן זיינען בעשטאַנען אין אָפּגעבען א צעהנ-טעל פון אַלעס, וואָס די ערד האָט אַרויסגעגעבען, קאָרן, ווייץ, פלאַקס, גערש-טען, און אויך פון אַלערליי גאָרטען-פרוכט און גרינסען, ווי אויך א צעהנטעל פון פלייש און הייזליכע טיערען.

דיזע אָפּגאַבען האָבען בעטראָפען א צעהנטעל פון אַלעס, וואָס דער בויער האָט אַריינגענומען. אויסער דעם האָט דער בויער בעדאַרפט געבען לעווימען-צינז פיר די קירכע, וועלכע איז מעהרסטענס בעשטאַנען אין היהנער, אייער א. ד. גל., וואָס דער בויער האָט בעדאַרפט געבען דעם גייסטליכען אין פערשיידענע צייטען. זעהר שווער און האַרט איז אויסגעפאַלען פיר די בויערן דער טויט פון א פאַמיליען-פאָטער. לויט די אַלטע געזעצען איז די ערד נאָך דעם טויט פון א בויער, וואָס האָט געהערט צו א הערר, אָנגעקומען צוריק צום הערר. אום די יורשים זאָלען פערבלייבען ביי דער ערד, האָבען זיי בע-דאַרפט צאָהלען דעם לאַנד-הערר א געוויסען פּראָצענט פון דער סומע, וואָס די ערד בעטרעפט. אָבער דיזער פּראָצענט איז ניט איבעראַל געווען גלייך. אין נידער-עסטרייך און אין באַיערן איז די טאַקסע געווען 5 פּראָצענט פון א ירושה, אין אויבער-עסטרייך — 10 פּראָצענט, אין קאַרנטהען — 15 פּראָ-צענט, און אין אַנדערע ערטער איז עס דערגאַנגען ביז 30 פּראָצענט. דער טויט אַליין פון דעם פאַמיליען-פאָטער איז דאָך א גרויסער פערלוסט פיר אַן אָרימע פאַמיליע, אָבער דער פערלוסט און דער טרויער ווערט נאָך שטאַרקער און גרעסער, ווען מיט דעם טויט איז פערבונדען כמעט די פערניכטונג פון דעם מאַטעריעלען צושטאַנד פון דער אונגליקליכער פאַמיליע. די בויערן האָ-בען שוין דאַמאָלס געזאָגט: עס איז געגען דער געטליכער גערעכטיגקייט, דאָס דער אבט (גייסטליכער) זאָל ירש'ענען אונזערע קינדער.

די פּערזענליכע אַרבייט פון די בויערן פיר די לאַנד-הערן איז בעשטאַ-נען אין האַנט-אַרבייט, יאַגד, פיש-פאַנג. דער לאַנד-הערר האָט זיך גערע-כענט פיר א זעהר מילדען הערר, ווען ער האָט פון זיינע בויערן געפאָדערט פיר איהם פּערזענליכע אַרבייט נאָר 12 טעג אין יאָהר. אַנדערע האָבען גע-פאָדערט פון זייערע בויערן אין די מאָנאַטען אַפּריל און מאַי 4 וואָכען פּער-זענליכע אַרבייט. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, ווי שווער עס איז גע-

ווען פיר די בויערן אויפצוגעבען אין דיזע מאָנאַטען זייער אייגענע ארבייט און געהן ארבייטען פיר דעם לאַנד־הערר. זעהר אָפט פלעגען די הערן ניט געבען אפילו א שטיקעל ברויט צו די בויערן אין דעם טאָג, וואָס ער האָט פיר איהם געאַרבייט, ער האָט עס געמוזט ברייננגען פון זיין הויז. און צום מעהרסטען פלעגען נאָך די הערן שלאָגען, זידלען און שילטען די בויערן, וואָס האָבען אין דיזער ארבייטס־צייט ניט געקענט אויפטאָן די גאַנצע ארבייט, וועלכע זיי, די הערן, האָבען אויף זיי ארויפגעלעגט. עס האָט אויך פיעל מאָל געטראָפען, דאָס די שטאָלצע לאַנד־הערן האָבען זעהר ברוטאַל בע־האַנדעלט און בעליידיגט די בויערן און געמאַכט פון זיי שפּאַס. אזוי צום ביישפּיל האָבען זיי געהייסען די בויערן, דאָס יעדער זאָל ברייננגען צו עטליכע אייער, און ווען זיי האָבען דיזע צוזאַמענגעטראָגען און איבערגעגעבען צו זייערע הערן, האָבען די הערן מיט זייערע פרויען און טעכטער צוברעכען די אייער איבער די קעפּ פון די אָרימע בויערן און האָבען זיי געמאַכט צו שאַנדע. אַנדערע הערן פלעגען שטעלען די בויערן כאַפּען די פליי אין זיי־ערע בעטען, אָדער איינצושטילען די פרעש (זשאַבעס), זיי זאָלען אויפהערען צו קוואַקען. דיזעס אַלעס צייגט אויף דעם גראָבען שטאָלץ פון די הערן פון יענער צייט.

די פיעלע אָפּגאַבען האָבען אויסגעזויגט פון די בויערן דאָס לעצטע בלוט. דער גאַנצער 15טער יאָהרהונדערט איז פול מיט קלאַגען, דאָס די הערן פערגרעסערן די צינזען און די אָפּגאַבען פון די בויערן און טראַכטען אויס נייע אָפּגאַבען. אויסער דעם שטיקעל ערד, וואָס דער בויער האָט בעאַרבייט און פון וועלכען ער האָט געמוזט א גרויסען פּראָצענט אָפּגעבען צו די הערן, האָט ער ניט געהאַט קיין רעכט צו געניסען עטוואָס פון די חיות אין וואַלד, פון די פויגלען אין דער לופט און פון די פיש אין וואַסער, אַלעס האָט געהערט דעם הערר, און ווער פון די בויערן עס האָט זיך ערלויבט דערפון עטוואָס צו נעהמען און געניסען האָט בעקומען שרעקליכע שטראָפען: מען האָט איהם אָפּגעהאַקט די הענט, אָדער די פיס, מען האָט איהם אויסגעשטאָכען די אויגען א. ד. גל.

אזוי זיינען די אָפּגאַבען געוואַקסען מעהר און מעהר. צוזאַמען מיט דעם שטייגען פון די אָפּגאַבען האָט אויך געשטיגען די אכזריות פון די הערן. פריהער, ווען עס האָט זיך געטראָפען, דאָס א פייער האָט פערניכטעט זייערע פעלדער, אָדער ווען א האָגעל האָט פערדאָרבען די תבואה, און ד. גל., פלעגען נאָך די הערן האָבען איינזעהענים מיט די בויערן, יעצט האָבען די הערן ניט געוואָלט וויסען פון קיין זאַך, קיין אונגליק האָט זיי ניט אָפּגעהאַלטען

פון שינדען די בויערן די הויט, אפילו ווען זיי זיינען בשום אופן ניט געווען אין שטאנד צו געבען די גרויסע אָפּגאַבען, וועלכע זיינען אויף זיי ארויפגעלעגט געוואָרען.

פון די ערגסטע פּלאַגען אין 15טען יאָהרהונדערט זיינען געווען די קאמפען און שטרייטיגקייטען, וואָס די הערן האָבען געפיהרט איינער מיט דעם אַנדערען. אום צו נעהמען ראכע פון א געגנער, פלעגט איין הערר בעפאַלען דעם אַנדערען'ס דאָרף, פלעגט פערברענען אַלעס, וואָס האָט געקענט ברענען, פלעגט אוועקפיהרען דאָס פיה א. אַז. וו. מערקווירדיג איז, דאָס די געזעלשאַפט פון יענער צייט האָט עס ניט גערעכענט פיר א פערברעכען, אין געגענטייל, עס האָט זיך גערעכענט פיר א זיטליכע טאַט. צווישען דיזע רייסערייען פון די פיינדליכע הערען האָבען צום שרעקליכסטען געליטען די אונגליקליכע בויערן.

עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען, אין וואָס פיר אַ אונגליקליכע לאַגע דער בויער האָט זיך געפונען צוליב די אַלע רויבערייען פון די הערען. די נויט האָט געצוואונגען די בויערן צו באָרגען געלט אום צו פערגרינגערן עטוואָס זייער ביטערע לאַגע. אָבער זיי האָבען דערמיט זייער לאַגע פערערגערט. עס איז געקומען די צייט צו בעצאָהלען די שולדען, און ווען זיי האָבען, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען, ניט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען, האָט דער בעל חוב צוגענומען די לעצטע חפצים אָדער פיה, וואָס ער האָט געהאַט. די צינזען, וואָס דאָס געזעץ האָט דאַמאַלס ערלויבט צו נעהמען פיר באָרגען געלט, איז געווען ביז 80 פּראָצענט. דיזע פּראָצענטען האָבען פעראָרימט און פערניכטעט פיעלע בויערישע פאַמיליען.

מען בעשולדיגט די אידען, דאָס זיי האָבען זיך דאַמאַלס בעשעפטיגט מיט וואוכער. אָבער די קריסטליכע קאפּיטאַליסטען זיינען ניט געווען פיעל בעסער. דער רעזולטאַט פון דער וואוכעריי איז געווען שרעקליך. אין 15טען יאָהרהונדערט זיינען גאַנצע געגענדען אין זיד-דייטשלאַנד פערוויסטעט און פערניכטעט געוואָרען פון וואוכער.

דער בויער איז פון אַלעמען געווען זעהר פעראַכטעט. אין דער ליטעראַטור איז צו זעהן, ווי אַלע שטאַנדען פון דער דאַמאַלסדיגער געזעלשאַפט, די אַדעליגע, די בירגער, אַלע שפּאָטען פון די בויערן. אין די פאַסטנאַכטשפּילען און אין אַנדערע ווערט דער בויער פאָרגעשטעלט אַלס א שרעקליכער נאַר, אַלס אונוויסענדער און דומער מענש. זיין בענעהמען, זיינע מאַניערען, זיינע רויהע זיטען זיינען אימער ארויסגעשטעלט געוואָרען צו שפּאָט. דאָס

וואָרט „בויער" איז געווען אַ שימפּ־וואָרט. עס איז אין יענער צייט געווען אַ שפּריכוואָרט ביי די דייטשען וועגען די בויערן:

דער בויער איזט אַן אָכסען שטאַטט (אָנשטאָט אַן אָכס),
נור דאָס ער קיינע הערנער האַט.

דער האַס צווישען די בויערן און אַנדערע קלאַסען איז געוואָרען אַזוי גרויס, דאָס עס האָט אויסגעוויזען, אַז עס וועט קיינמאָל צווישען זיי קיין פרידען ניט קענען זיין. די געזעלשאַפט איז געוואָרען אין גאַנצען צוריסען. דער לעצטער דור פאַר דער רעפאָרמאַציאָן איז פול מיט ראַכע געגען די אַדע־ליגע, און אין פיעלע געדיכטען, איבערהויפּט די פערפאַסטע פון פאָלק, הע־רען זיך טענער פון האַפנונג, דאָס דער גרויסער טאָג פון ראַכע איז נאָהענט.

ד. די רעוואָלוציאָן פון דעם אדעל און דער בויערן־קריג.

נאָך דעם טויט פון מאַקסימיליאַן דעם 1טען האָבען די פירסטען ער־וועהלט אַלס קייזער זיין ענקעל קאַרל דעם 5טען, וועלכער איז געווען דער זוהן פון פיליפּ דעם שענעם פון שפּאַניען. קאַרל האָט אין יאָהר 1506 גע'ירש'עט פון זיין פאָטער האָללאַנד; אין יאָהר 1516 איז ער געוואָרען קעניג פון שפּאַניען און די לענדער, וואָס האָבען צו איהר געהערט; אין 1519 האָט ער בעקומען בירושה פון זיין אַנדערען זיידען מאַקסימיליאַן דעם 1טען די דייטש־האַבסבורגישע לענדער. ער האָט זיך בעריהמט, און מיט רעכט, דאָס אין זיין לאַנד געהט די זון קיינמאָל ניט אונטער, וויילי אויסער אין אייראָפּאַ האָט ער געהאַט פיעלע לענדער אין אַמעריקאַ, וואו ווען אין אייראָפּאַ איז טאָג איז דאָרטען נאַכט, און פערקעהרט, דעריבער איז אין זיינע לענדער ווירקליך די זון קיינמאָל ניט אונטערגעגאַנגען. אָבער די שטרעבונגען פון זיינע אונ־טערטאַנען זיינען אין די פערשיידענע לענדער געווען זעהר פערשיידען. האָל־לאַנד האָט געשטרעבט און געפאָדערט, דאָס מען זאָל איהר געבען איהרע אַל־טע דעמאָקראַטישע רעכטען און פּרייהייטען; אין שפּאַניען האָבען די פעאָ־דאַל־הערען געפאָדערט פיר זיך צו פיעלע רעכטען, וועלכע דער קעניג האָט זיי פיר קיין פאַל ניט געוואָלט געבען, און האָט זיי מיט מאַכט געצוואונגען צו בענוגענען זיך מיט דעם, וואָס זיי האָבען; אין דייטשלאַנד האָבען די פירסטען פערלאַנגט, דאָס ער זאָל איינפיהרען אַ רייכס־רעגימענט אויף די זעלביגע אַרט און ווייזע, ווי עס איז געווען איינגעריכטעט דורך מאַקסימי־ליאַן'ען. קאַרל האָט געמוזט אייניגע פאָדערונגען פון די פירסטען נאָכגעבען, אַזוי דאָס אין גאַנצען האָט די רעגירונג אין דייטשלאַנד געהאַט אַ פירסטלי־כען כאַראַקטער

אויף דער ערסטער פערזאַמלונג פון דעם רייכס־רעגימענט האָבען די פירסטען שוין געפאָדערט אַ רעפאָרמע אין די רייכס־פינאַנצען. פריהער פון אַלעס האָבען זיי געפאָדערט, אַז מען זאָל אָפּשאַפען די אַלע פערדערבליכע פאַלגען, וואָס דער האַנדעל אין דייטשלאַנד האָט פעראורזאַכט. צו דיזען צוועק האָט מען איינגעריכטעט אַ רייכס־צאָל (שטייער), אום אַ ביסעל צו פערקלענערן די אונגעהייערע פּראָפיטען פון די דייטשע סוחרים. לויט דעם פּלאַן פון דעם צאָל־טאַריף האָבען בעדאַרפט זיין פריי פון יעדער אָפּצאָהלונג אַלע נעטיגע לעבענס־בעדערפניסען, ווי געטריידע, וויין, ביר, זאַלץ, לע-דער, קופּער און אייניגע אַנדערע זאַכען. פון אַלע אַנדערע וואַארען האָבען די סוחרים בעדאַרפט צאָהלען צו דער רעגירונג 4 פּראָצענט פון דעם פּרייז, וואָס זיי האָבען געצאָהלט ביים איינקויפען די וואַארען. דער צאָל־טאַריף איז אויך געווען בעשטימט פיר האָללאַנד, אַזוי דאָס אין דיזער הינזיכט זיי-נען געווען גלייך אַנטווערפּען, אוטרעכט, וויען, טריענט, שטראַססבורג, האַמ-בורג און קעניגסבערג. די מאָנאָפּאָליסטישע געשעפטען אָבער האָבען לויט דער בעשטימונג פון רייכס־רעגימענט בעדאַרפט זיין גאַנצען אויפגעלעזט ווע-רען. איבערהויפּט זיינען די פירסטען פון רייכס־רעגימענט געווען געגען דעם האַנדעל מיט פּאָרטוגאַל. אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע יאָהר האָ-בען זיך די פּרייזען אויף געווירצען פערדאָפּעלט, אַנדערע סאָרטען געווירצען זיינען זאָגאַר פיער מאָל און אויך זיעבען מאָל טייערער געוואָרען. די דייטשע סוחרים האָבען אָפּגעמאַכט מיט דעם פּאָרטוגעזישען קעניג, דאָס ער זאָל די זעלביגע וואַארען קיין אַנדערע דייטשע סוחרים ניט פערקויפען פיר די זעל-ביגע פּרייזען, וועלכע זיי צאָהלען, נאָר ער זאָל זיי רעכנען טייערער. די פירסטען האָבען דעריבער געשטרעבט צו פערניכטען אין גאַנצען אַלע גרויסע האַנדעלס־געשעפטען און צו פערבאָטען דעם האַנדעל מיט פּאָרטוגאַל. אָבער אַזוי ווי דיזעס האָבען זיי ניט געקענט דורכפיהרען, האָבען זיי ווענינסטענס געוואָלט דורכפיהרען אַ געזעץ, דאָס דער קאַפּיטאַל פון אַ האַנדעלס־געזעל-שאַפט זאָל ניט איבערשטייגען די סומע פון פינף און צוואַנציג טויזענד גולדען.

דיזע אַלע פּראָיעקטען זיינען פערהאַנדעלט געוואָרען אויף דעם נייעם רייכסטאַג אין נירנבערג. אָבער די זעלביגע פערזאַמלונג, וועלכע האָט די רייכע געזעלשאַפטען אַזוי שטאַרק פערהאַסט, האָט געמוזט אָנקומען צו זייער לאַסקע ווענען אַן אַנלייהע, אום צו האָבען די מעגליכקייט צו פיהרען קריג מיט די טערקען. אויך די שטעדט האָבען געשטערט די דורכפיהרונג פון דיזע בעשרענקונגען אין האַנדעל; צו דיזען צוועק האָבען זיי זיך פערזיכערט מיט דעם קייזער'ס הילף, דאָס ער זאָל שטעהן אויף זייער זייט ביי דער פער-

האַנדלונג פון דיזער פראַגע. קאַרל האָט אין דיזער פראַגע אַנדערש ניט גע־קענט האַנדלען — ער האָט געמוזט האַלטען מיט די סוחרים. ערסטענס איז ער זיי געווען שולדיג גרויסע סומעס געלט, צווייטענס האָט ער פון די ביר־גער ערוואַרטעט פינאַנציעלע שטיצע פיר דאָס רייך. דער קייזער האָט זיי פערשפּראָכען, דאָס אין פאַל די שטעדט וועלען איהם ווירקליך געבען אַ היבשע הילף און וועלען איינשטימען אויף גוטע שטייערן, וועט ער זיין צו הילף און וועט אָפּשאַפען דעם צאָל־טאַריף. אזוי האָט קאַפּיטאַל געזיגט אין דער צאָל־פראַגע.

דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס דער נידריגער אַדעל האָט בעשלאָסען צו געברויכען געוואַלט געגען דעם קייזער. די מאַטעריעלע לאַגע פון דעם קלענערען אַדעל, פון די ריטער, איז ווירקליך געווען זעהר טרויעריג. און עס איז ניט קיין וואונדער. דער איינציגער מיטעל צום לעבען פיר דעם קליינעם אַדעל זיינען געווען די שטייער און די צינזען, וואָס זיי פלעגען בעקומען פון די בויערן. און ווי באַלד די לאַגע פון די בויערן איז געוואָרען אזוי שלעכט, דאָס עס איז איינפאַך ניט געווען פון זיי וואָס צו נעהמען, פערשטעהט זיך, דאָס די לאַגע פון דעם קליינעם אַדעל האָט געמוזט קומען צו זעהר אַ ביטערען צושטאַנד. וואָס פיר אַן אונגעהייער גרויסער אונטערשייד עס איז געווען צווישען דעם לעבען פון אַ ווענעציאַנער עדעלמאַן, אָדער אַן ענגלישען לאַנד־עדעלמאַן און אַ פראַנקישען אָדער דייטשען ריטער? ווערהענד יענע האָבען זיך דורך האַנדעל ערוואָרבען גרויסע קאַפּיטאַלען און האָבען געלעבט אין לוק־סוס און אין גרויס פערגניגען, האָט זיך דער פראַנקישער אָדער דייטשער רי־טער געמוזט בעהאַלטען הינטער אַ בוש (קוסט) אין אַ וואַלד און לויערן אויף אַ דורכרייזענדען קויפמאַן אום איהם צו בערויבען, ער זאָל האָבען מיט וואָס ווי עס איז דורכצולעבען. זיין איינציגער מיטעל פיר עקסיסטענץ איז געווען דער רויב. אָבער די בירגער און די גרויסע גוטס־בעזיצער האָבען איהם גע־שטערט אין דיזער אָפּשייליכער פּראָפעסיאָן. עס האָבען זיך דאַמאָלס גע־פונען ריטער, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין פערד אויף צו רייטען, אַנדערע האָבען געהאַט נאָר איין בויערן־הייזעל, אייניגע האָבען געמוזט אָפּלעבען אַ גאַנצעס יאָהר מיט אַן איינקונפט פון 14 גולדען. פיעלע האָבען געמוזט אַליין מיט זייערע ווייבער און קינדער בעאַרבייטען זייער גאָרטען אום ווי עס איז דאָס לעבען צו ערהאַלטען.

עס איז קיין וואונדער ניט, דאָס אונטער דיזע אומשטענדען איז דער ריטער געווען געצוואונגען צו בעשעפטיגען זיך מיט רויב. ער האָט פשוט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. דערצו זיינען דאַמאָלס די ריטער געווען

זעהר גראָב און מאָרדזיכטיג. עס האָט זיך פיעל מאָל געטראָפען, דאָס ווען דער געפאַנגענער האָט ניט געהאַט וואָס צו געבען דעם ריטער, דעם רויבער, האָט ער איהם אָפּגעהאַקט די הענט און האָט איהם אָפּגעלאָזען.

די רויב־ריטער זיינען זעהר אָפט געגאַנגען נאָך פיעל ווייטער, ווי אָפּ־האַקען די הענט פון אָרימען אָפּפער, זיי פלעגען אויך זעהר אָפט מאַכען פי־

אַ ריטער, וועלכער לאָזט זיך אַרויס רויבען.

קריפּלען פרויען און מיידלאַך. דיזע ריטער־רויבער זיינען געוועזן פיעל ערגער פון געמיינע רויבער דערמיט, וואָס זיי האָבען שטאָלצירט מיט זייער יחום און מיט זייערע וואַפען, און האָבען עס זאָגאַר ניט בעטראַכט פיר קיין פער־ברעכען צו ערמאָרדען אַ געוועהנליכען בירגער, ניט קיין אַדעליגען.

עס פערשטעהט זיך, דאָס דער הומאַניזם פון איינצעלנע ריטער האָט ניט געהאַט קיין איינפלוס אויף די גרויסע מאַסע פון דעם נידריגען אַדעל. נאָר וועניגע מיט גרויסע טאַלענטען, ווי הוטטען, האָבען גענומען גרויס אינטע-רעסע אין דער בעוועגונג פון די הומאַניסטען. גאַנץ אַנדערס זיינען געווען די פערהעלטניסען ביי דער רעפאָרמאַציאָן. לוטהער האָט זיך געווענדט צום דייטשען אַדעל מיט זיינע פּראָטעסטען געגען דעם פּאַפּסט און געגען די קלע-ריקאַלען, און דער אַדעל איז גלייך געוואָרען מיט איהם איינפערשטאַנען אין זיינע פאָדערונגען. דער העכערער אַדעל האָט זיך אָנגענומען פיר די זאַך פון רעפאָרמאַציאָן, ווען ער האָט געזעהען, דאָס דער נידריגער אַדעל איז דערמ׳ט פאָלקאָם איינפערשטאַנען. דאַן האָבען זיי אָנגעפאַנגען אויסצוניצען די רע-פאָרמאַציאָן פיר זייערע אייגענע צוועקען. אין דעם געשפּרעך-ביכעל, וואָס הוטטען האָט ארויסגעגעבען, געפינען זיך אייניגע פאָרשלאָגען וועגען קירכעז און פּאָליטישע רעפאָרמעס צו גונסטען פון אַדעל. די מיטלען, וועלכע מען וועט ערהאַלטען פון די קאָנפיסקירטע קירכען-גיטער, זאָלען בעשטימט ווערעז צו קענען דורכפיהרען די רייכס-רעפאָרמעס, אונטער אַנדערע — אויפצושטע-לען אַ גרויסע אַרמעע פיר די רעגירונג, און דערמיט אויך פערזאָרגען דעם אַדעל.

די ריטער אָבער האָבען פון דער רעפאָרמאַציאָן קיין נוצען פיר זיך ניט געקענט ערוואַרטען. זייער לאַגע איז געוואָרען מעהר און מעהר אונערטרעג-ליך. זייערע פאָדערונגען, דאָס מען זאָל זיי אויך אָנערקענען אַלס גלייכע מיט די פירסטען, וויל זיי שטאַמען דאָך אויך פון אַדעל און זיינען אויך מיוחסים, זיינען פיעלע מאָל צוריקגעוויזען געוואָרען, און זיינען אויך יעצט, אונטער דער נייער רעגירונג, איגנאָרירט געוואָרען. זיי האָט עס זעהר שטאַרק געקרענקט, דאָס די שטעדט זיינען אין שטאַנד צו נעהמען אָנטייל אין דער רעגירונג, הגם די בירגער שטאַמען ניט פון קיין אַדעל, און זיי, די וואהרע מיוחסים, די ריטער, זיינען ווייט פון שיסעל און מען לאָזט זיי צו קיין זאַך ניט צו, נאָר דערפאַר, וויל זיי זיינען אָרים.

אין יאָהר 1521 האָט מען איבעראַל געפיהלט, דאָס די לופט איז פול מיט אונרוהען. די ריטערשאַפט פון אויבערען און מיטעלען רהיין האָבען ערוועהלט אַלס הויפּטמאַן איינעם אַ געוויסען זיקקינגען אין לאַנדאו, און האָבען געגו׳ינדעט אַ ברידערשאַפט, וועלכע האָט געוואַרט אויף די בע-פעהלען, וואָס זיזער הויפּטמאַן וועט זיי געבען. זיקקינגען האָט מיט דעם קייזער געמאַכט אַ פעלדצוג נאָך פראַנקרייך, אָבער ער האָט אין דיזען פעלד-

צוג קיין ערפאָלג ניט געהאַט, און ער האָט יעצט געהאָפּט צו פערשאַפען זיך א פירסטליכע פּאָזיציאָן דורך אייגענע קרעפטען.

צו דיזען צוועק האָט ער דעם 27טען אוגוסט 1522 ערקלערט קריג דעם קורפירסט פון טריער, ווייל ער האָט צו איהם געהאַט אייניגע פּרעטענזיעם. דעם 8טען סעפּטעמבער איז ער ערשינען פאַר דער שטאָדט טריער. דער ערץ־בישאָף האָט פעסט בעשלאָסען צו פערטיידיגען זיך ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט. דער ערץ־בישאָף האָט א ביסעל פערשטאַנען די קריגס־קונסט און דאָס האָט איהם געבראַכט פיעל נוצען. דעם בישאָף'ס ארטילעריע האָט אָפּ־געטריבען זיקקינגען'ס מיליטער, און די בריף, אין וועלכע ער האָט די איינ־וואוינער פון טריער פערשפּראָכען, דאָס ער וועט זיי „בעפרייען פון דעם שווע־רען אנטי־קריסטליכען געזעץ פון די פּאַפּען און זיי פערשאַפען קריסטליכע פרייהייט", האָבען ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג. זיקקינגען האָט די בעלאַ־גערונג געמוזט אויפגעבען. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין הויפּט־קוואר־טיר, אָבער אויף'ן וועג האָט ער פערוויסטעט און פערברענט אלעס, וואָס ער האָט אָנגעטראָפען. דער רייכס־רעגימענט האָט צו איהם געשיקט א שליח אום צו שליסען מיט איהם פרידען, אָבער זיקקינגען האָט געענטפערט, דאָס ער איז ענטשלאָסען צו גריגדען א בעסערעס רעכט אלס דעם קייזער'ס רעגי־מענט און מיט בריף קען מען מיט איהם גאָר ניט מאַכען.

דער רייכס־רעגימענט האָט שוין געהאַט בעשלאָסען צו בערויבען איהם פון אלע בירגער־רעכטען און פעריאָגען איהם פון לאַנד. דערווייל האָט דער ערץ־בישאָף געזוכט א מיטעל לויז צו ווערען פון זיקקינגען. צו דיזען צוועק האָט ער גערופען צו הילף דעם קורפירסט פון פּפאַלץ און דעם לאַנד־גראַף פון העססען, און מיט דיזע האָט ער זיך גענומען צו שטרייטען מיט זיקקינגען. אין פריהלינג פון יאָהר 1523 איז זיקקינגען איינגעשלאָסען געוואָרען פון די פיינד אין זיין פעסטונג לאַנדשטוהל. די בורג האָט זיך ניט געקענט פער־טיידיגען געגען די ארטילעריע פון די פעראייניגטע פירסטען. באַלד, אין דעם ערסטען טאָג פון דער בעלאַגערונג, איז דער טורם פון דער פעסטונג גע־פאַלען פון דער מאַכט פון דער ארטילעריע פון די פעראייניגטע פירסטען. א פּאָאָר טעג שפּעטער איז דער שלאָס־הערר (זיקקינגען) אליין טויטליך פער־וואונדעט געוואָרען, און ער האָט געמוזט ליגען אין א טיפען געוועלב פון זיין בורג. זיקקינגען האָט זיך געמוזט אונטערגעבען. דעם 7טען מאַי זיינען די פירסטען אריין אין בורג. זיקקינגען איז געווען געפעהרליך קראַנק. ווען דער פּפאַלץ־גראַף איז צו איהם צוגעגאַנגען, האָט ער זיך פאַר זיין לעהנס־הערר געוואָלט אויפהייבען, אָבער דער גראַף האָט געזעהען, ווי דאָס איז איהם

געוועזן שווער צו טאָן, האָט ער איהם בערוהיגט און האָט איהם געהייסען ליגען און ניט אָנשטרענגען זיך. באַלד נאָכדעם איז זיקקינגען געשטאָרבען, דער מאַן, וואָס האָט אָנגעוואָרפען אַזוי פיעל שרעק אויף פיעלע פירסטען.

יעצט האָט דער שוואַבישער בונד אָנגעפאַנגען אַ פעלדצוג געגען דעם אויפשטאַנד פון די ריטער. עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעשטראָפען שטאַרק אַלע אַדעליגע, וואָס האָבען דעם אויפשטאַנד געמאַכט, און וואָס וועלען זיך אַליין ניט שטעלען צום בונד־געריכט. איבער 13,000 ריטער זיינען געקומען אין פראַנקען צו שטעלען זיך פאַר׳ן געריכט. די גאַסען־רויבער האָבען זיך מעהר ניט געוואַגט שטעלען געגען דעם שוואַבישען בונד. אין אַ קורצער צייט זיינען 23 שלעסער פון די ריטער צושטערט געוואָרען דורך פלאַמען, און דעם 17טען יולי 1523 האָט די זיגרייכע אַרמעע אריינגעמארשירט אין נירנבערג. דערמיט האָט זיך דער ריטער־אויפשטאַנד געענדיגט.

אין דער צייט, ווען דער ריטער־אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרען, איז הוטטען געשטאָרבען. אָרים און קראַנק האָט ער זיך געשלעפּט פון איין אָרט צום אַנדערען. ניט אַכטענדיג אויף זיין עלענדע לאַגע האָט ער צוריקגעוויזען אַ גלענצענדען פאָרשלאַג פון דעם קעניג פון פראַנקרייך. זיינע אַמאָליגע פריינד, די לוטהעראַנער, האָבען מיט איהם ניט געוואָלט האָבען קיין מגע ומשא. עראַזמוס האָט איהם ניט געוואָלט אויפנעהמען, ווען ער איז איהם געקומען בעזוכען. ענדליך האָט דער עדעלער צווינגלי פון ציריך זיך אָנגענומען פיר דיזען פערלאָזענעם מאַן. אָבער אויך אין די לעצטע מאָמענטען פון זיין לעבען האָט הוטטען געאָפּפערט זיינע קרעפטען דער לוטהעראַנישער זאַך. ער האָט אָנגעפאַנגען אַ ליטעראַרישען שטרייט מיט עראַזמוס׳ן, וועלכער האָט זיך געוואָלט פערענטפערן פיר זיין האַנדלונג געגען הוטטען און האָט זיך ענטזאָגט פון לוטהער׳ן. אין דיזען שטרייט האָט עראַזמוס ארויסגעצייגט זיינע געמיינסטע זייטען. הוטטען׳ס טעסטאַמענט (צוואה) איז געוועזן אַ פיינדליכע שריפט געגען די פירסטען און די גייסטליכע. געבליבען איז פון איהם גאָרניט, נאָר זיין פען. זיין גאַנצעס לעבען האָט ער פערבראַכט נאָר פיר איין זאַך — צו בעפרייען דייטשלאַנד פון דער רוימישער פריסטער־הערשאַפט.

די רעוואָלוציאָן פון דעם אַדעל האָט בעוויזען קלאָר, ווי שוואַך דאָס רייך איז דאַמאָלס געוועזן. ווען די פירסטען וואָלטען זיך אַליין ניט געהאָלפען, וואָלט זיי דער רייכס־רעגימענט פיר קיין פאַל ניט געקענט רעטען פון אונטערגאַנג. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די פירסטען האָבען פערלאָרען די לעצטע אינטערעסע פיר דעם רייכס־רעגימענט. דעריבער האָט

דער פפאלץ־גראף יעצט געהאט די מעגליכקייט צו מאכען א פארשלאג אפ-
צושאפען אין גאנצען דעם רייכס־רעגימענט, און די פירסטען, וואס האבען
פריהער זעלבסט געשטרעבט דיזען סארט רעגימענט איינצופיהרען, זיינען
געווען צופרידען איהם יעצט אפצושאפען. אויך די בירגער און די שטעדט
האבען אין דעם רייכס־רעגימענט ניט געהאט קיין אינטערעסע; און באמת,
צו וואס האבען זיי דיזע איינריכטונג געברויכט, ווען זיי זיינען געווען פאל-
קאמען זעלבשטענדיג?

באלד ווי די רעוואלוציאן פון נידריגען אדעל איז דערשטיקט געווארען,
האט אויסגעבראכען די בויערן־רעוואלוציאן. דאס איז געווען די גרעסטע
מאסען־ערהייבונג אין דער געשיכטע פון דייטשען פאלק. די אורזאכען פון
דיזען אויפשטאנד זיינען גוט בעוואוסט. הגם די קאטאליקען האבען אין
דעם בעשולדיגט לוטהער׳ן און די רעפארמאציאן, איז עס אבער קיין צווייפעל
ניט, דאס די שולד פון דיזער רעוואלוציאן איז געלעגען אין דער שלעכטער
סאציאלער און עקאנאמישער לאגע, אין וועלכער די בויערן האבען זיך דא-
מאלס געפונען. דער בעסטער בעווייז דערצו איז, דאס שוין א צייט פריהער
האבען די בויערן געמאכט פערשיידענע אויפשטאנדען. דער בויערן־קריג
איז ניט געווען עטוואס אונערווארטעטעס.

אין דעם פערלויף פון גאנצען 15טען יאהרהונדערט האבען צווישען די
בויערן געהערשט קאמוניסטישע און סאציאליסטישע אידעען. די לופט איז
מיט זיי דאמאלס געווען פול. דאס פאלק האט נאך גוט געדענקט זיינע אלטע
קאמוניסטישע ארדנונגען. די ביבעל איז פיר קיין פאל ניט געווען געגען די-
זער אלטער איינריכטונג. די ביבעל האט פיעל געהאלפען צו דער אידעע פון
בעקעמפען רייכטום און צו שטיצען דעם ארימען און דעם געדריקטען. דיזע
אידעען געפינען מיר זעהר פערברייטעט אין דער ליטעראטור פון יענער צייט.
גאט זעלבסט שטעהט ביי דער רעכטער זייט פון דעם ארימען (כי יעמוד לימין
אביון). אויף דיזען גרונד האט זיך דער בויער גערעכענט נעהענטער און
מעהר מחותן מיט גאט. דער בויער האט אויך שטאלצירט מיט זיין ארבייט,
וועלכע ערנעהרט די מענשהייט, און דעריבער איז ער א שותף מיט גאט אין
אויפהאלטען די וועלט־ארדנונג.

אן אונגעווערהנליך גרויסען איינפלוס אויף די דייטשע בויערן האבען
דאמאלס געהאט די אידעען פון הוס, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם
נאמען „דער הוסיטישער גיפט“. די בויערן האבען אנגעהויבען צו פערלאנ-
גען, דאס מען זאל אפנעהמען פון די קירכען זייערע רייכע גיטער. זיי האבען
בעשולדיגט די גייסטליכע, דאס זיי זיינען די הויפט־אורזאך פון זייער ארימ-

קייט. די גייסטליכע האָבען, נאָך דער מיינונג פון די בויערן, פערכאַפּט אין זייערע הענט אַ דריטעל פון אַלע איינקונפטען פון לאַנד, און עס איז ניט וויים, אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל איבערגעהן צו דער קירכע און צו די גייסט-ליכע. זיי האָבען דעריבער אָנגעפאַנגען צו דענקען און צו פאָדערן רעפאָר-מעס אין סאָציאַלען און עקאָנאָמישען לעבען.

ווען די רעוואָלוציאָן פון די הוסיטען איז אונטערדריקט געוואָרען, זיינען נאָך אָבער זייערע אידעען ניט דערשטיקט געוואָרען. פון בעהמען האָט זיך די הוסיטישע לעהרע פערברייטעט אין פיעלע אַנדערע לענדער, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד. עס איז וויעדער קיין וואונדער ניט, וויל די הוסישישע אי-דעען זיינען אינטערנאַציאָנאַלע און קענען זיין צוגעפּאַסט צו יעדען לאַנד. זאָגאַר אין שפּאַניען האָט מען ארויסגעלאָזען אויפרופען צום פאָלק מיט דער אויפמונטערונג, דאָס רייכע און אָרימע, הערען און קנעכט, זאָלען זיך פער-אייניגען און שטרייטען געגען די גייסטליכע, וועלכע בעטריגען אַלעמען אָהן אַ שיעור. אויסער דיזע אויפרופען זיינען אויך ארומגעפאָהרען אין אַלע לענ-דער הוסיטישע שלוחים, וועלכע האָבען מיט זייערע פייערדיגע רעדעס בע-גייסטערט די צוהערער צו מאַכען אַן ענד צו די אַלע מעשים תעתועים, רוי-בעריי און שווינדלערייען פון די גייסטליכע. זייערע רעדעס האָבען ווירק-ליך געפונען אַ מאַסע צוהערער, וועלכע האָבען געשלונגען זייערע ווערטער מיט גרויס ענטהוזיאַזם.

טיף, זעהר טיף האָט דער הוסיטישער גיפט אריינגעדרונגען אין די מאַ-סען פון דעם דייטשען פאָלק. אין שוואַבען איז ערשינען די בעוואוסטע שריפט פון פ ר י ע ד ר י ך ר י י ז ע ר אונטער דעם טיטעל: „די רע-פאָרמאַציאָן פון קייזער זיגמונד", וועלכע איז געווען די ערסטע טראָמפּעט, וואָס האָט גערופען צום בויערן־קריג. דיזע שריפט איז ערשינען צום ערסטען מאָל אין יאָהר 1476. זי איז אָבער פיעל מאָל נאָכדעם ערשינען אין פער-שיידענע צייטען ביז אין דעם ערסטען פערטעל פון דעם 16טען יאָהרהונ-דערט. דיזע שריפט, וועלכע האָט בעריהרט אַלע ברענענדע פראַגען פון יע-נער צייט, איז געווען די הויפּט־טרעגערין און פערמיטלערין פון דעם הוסיטי-שען גייסט אין דייטשלאַנד.

דאָס אַלעס האָט פּאָרבערייטעט דעם בויערן־אויפשטאַנד. עס האָבען זיך אייגענטליך אָנגעפאַנגען קליינע אויפשטאַנדען אין פערשיידענע ערטער אין דייטשלאַנד זינט די 30טע יאָהרען פון 15טען יאָהרהונדערט. מערקוויר-דיג איז, דאָס די אַלע אויפשטאַנדען און רעוואָלוציאָנען אין דייטשלאַנד האָ-בען זיך אָנגעפאַנגען מיט רדיפות אויף אידען פיר זייערע וואוכער־געשעפטען,

און האבען זיך געענדיגט מיט רעוואלוציאנען און גוואלדטאטען געגען די גוטס־בעזיצער. פערשיידענע אויפרודלער האבען אין פיעלע שטעדט פון דייטשלאנד געפרייזדיגט פאלשטענדיגע אנארכיע. אזוי צ. ב. איז אין ניקלאסהאוזען אויפגעטרעטען א יונגערמאן מיט'ן נאמען האנס באהיים אלס פראפעט מיט רעוואלוציאנערע פרעדיגטען. ער איז פריהער געווען א פאסטוך, וואס פלעגט קומען אויף בויערן־פעסטען און שפילען אויף א זאק־פייף און צופויקען מיט א פויק. איינמאל האט ער פלוצלינג פערברענט זיין פויק פאר די אויגען פון א גרויסער מאסע מענשען און האט אנגעפאנגען צו פרעדיגען וועגען א נייעם קעניגרייך פון גאט אויף דער ערד. ער האט פריהער בעגייסטערט זיינע צוהערער מיט זיינע אויפפאדערונגען צו תשובה, נאכדעם האט ער אנגעהויבען צו פרעדיגען וועגען סאציאלע רעפארמעס. ער האט זיינע צוהערער פערזיכערט, דאס די הייליגע מאריא, , גאט'ס מוטער, האט איהם געהייסען פרעדיגען וועגען דער ארדנונג, וואס דארף אין גיכען אריינטרעטען אין דער וועלט: עס וועט באלד ווערען אוים קייזער, אוים פירסטען, אוים פאפסט. קיין בעאמטע, וועלטליכע און קירכליכע, וועלען מעהר ניט זיין, קיין הערשאפט, קיין קנעכטשאפט, יעדער וועט ארבייטען און וועט זיך ערנעהרען נאר פון זיין ארבייט, אלע וועלען געניסען גלייך אין דער וועלט, קיינער וועט ניט האבען מעהר ווי דער אנדערער. קיין צינזען, קיין שטייער, קיין אפגאבען וועלען מעהר ניט עקסיסטירען און מעהר ניט דריקען די מענשהייט. וועלדער, פעלדער און וואסער וועלען זיין פריי פיר יעדען.

דיזע אלגעמיינע פרייהייט, דיזע ברידערליכע גלייכהייט האט זעהר זיס געקלונגען אין די אויערן פון ארימען לײדענדען פאלק. דער „פויקער־האנסליין”, ווי זיי האבען איהם גערופען, איז ביי זיי אין די אויגען געווען ווי א משיח, וואס איז געקומען בעפרייען זיי פון אלע זייערע ליידען, איבערהויפט פון ארימקייט. זיינע פרעדיגטען האבען געגומען דעם עולם, ווייל ער האט זיי פארגעטראגען אין א לייכטער פאעטישער פארמע אין פערזען. הגם די בישאפען האבען דעם פאלק פערבאטען צו הערען דעם פויקער־האנסליין'ס פרעדיגטען, דאך איז דאס פאלק געלאפען פון אלע זייטען איהם הערען.

איין טאג זיינען צום „פויקער” געקומען איבער 40,000 וואנדערער. ער איז געווען זיכער, אז דאס פאלק איז מיט איהם, און דעריבער האט ער זיי געהייסען זיין פערטיג מיט די נעטיגע געוועהר צום מארגארעטהען־טאג. אבער דער בישאף האט עס אין דער רעכטער צייט פערהיט. ער האט געהייסען מען זאל איהם ארעסטירען און ברייגגען נאך ווירצבורג. ווען די בויערן

האָבען זיך דערוואוסט, דאָס זייער משיח איז געפאַנגען, האָבען זיי איהם גע-וואָלט בעפרייען מיט גוואַלד, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען. האַנס באָהיים דער פויקער מיט נאָך צוויי פון זיינע מיטאַרבייטער זיינען פערברענט געוואָ-רען אויף׳ן שייטערהויפען. ביי דער הינריכטונג האָבען זיי געזונגען רעליגיעזע לידער. אָבער מיט האַנס׳ טויט האָט די בעוועגונג ניט אויפגעהערט. די וואַנדערונג נאָך ניקלאַסהאַוזען האָט נאָך לאַנג געדויערט, ביז די קאַטאָלישע קירכע אין דייטשלאַנד איז געפאַלען.

מיט מעהר צאָרן ווי איבעראַל האָבען די בויערן געקעמפט אין דעם גע-ביט פון דער אַבטיי. און עס איז זעהר איינפאַך ווארום. די גייסטליכע אין דער אַבטיי האָבען בעהאַנדעלט די אָרימע בויערן זעהר מערדעריש. זיי האָ-בען בערויבט יתומים און אלמנות, האָבען געמאַכט פרייע בויערן מיט גוואַלד פיר לייבאייגענע. ווען די בויערן האָבען זיך געוואָלט בעשיצען געגען די גוואַלדטאַטען פון די גייסטליכע, האָבען זיך די הייליגע דינער בענוצט מיט בעטרוג אום די בויערן צו דערשטיקען. דער אַבט (ד. ה. דער אויבערהויפט פון מאָנאַסטיר) האָט געמאַכט אַ פאַלשען דאָקומענט, לויט וועלכען קאַרל דער גרויסער האָט געגעבען דער אַבטיי (מאָנאַסטיר) די רעכטען, מיט וועלכע ער בענוצט זיך יעצט אין בעטרעף צו די בויערן. די בויערן האָבען גוט פער-שטאַנען, דאָס דאָ איז געשעהן אַ פאַלש, אָבער זיי האָבען גאָרניט געקענט טאָן. לויט די פריווילעגיעס, וואָס די בויערן האָבען געהאַט פון פריהער, האָ-בען זיי געהאַט דאָס רעכט צו ערוועהלען אַ נייעם אַבט, אָבער אויך דיזעס רעכט האָבען זיי ניט געקענט געברויכען. זיי האָבען זיך ווענען דעם געווענדט צו אַ געריכט, וואָס איז בעשטאַנען פון איין עדעלמאַן און איין בירגער, און דיזע האָבען גע׳פסק׳ענט, דאָס דער אַבט מוז בלייבען אין זיין אַמט.

דאָס האָט די בויערן אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסען צאָרן. איבערהויפט זיינען זיי אָרוים פון געדולד אין די אַכציגער יאָהרען פון דעם 15טען יאָהר-הונדערט. די צייט איז דאַן געווען זעהר אַ ביטערע, די תבואה אויף די פעלדער איז געווען זעהר ניט געראָטען און די בויערן האָבען פשוט געליטען הונגער. דער אַבט אָבער האָט דערפון ניט געוואָלט וויסען און האָט די שטיי-ערן און די צינזען פערגרעסערט און האָט אויסגעזויגען פון די אָרימע בויערן דעם לעצטען טראָפען בלוט. ווען דער אַבט איז געווען אַוועק האָבען זיך די בויערן פערזאַמעלט און זיך בעראַטען ווענען זוכען שוץ געגען דעם אַבט פון די הערען און פון די בירגער פון שוואַבישען פעראיין. די בויערן האָבען זיך פעראייניגט און האָבען זיך פערזאַמעלט ביי דוראָך, און פון דאָרט האָ-בען זיי געשיקט דעלעגאַטען צום שוואַבישען בונד מיט קלאַגען געגען דעם

אבט. דער שוואבישער בונד איז אָבער געווען געגען די בויערן און האָט די זאַך ענטשיידען נאָך דעם פערלאַנג פון דעם קלויסטער (מאָנאסטיר). די בויערן האָבען זיך געוועגדט צום קייזער, אָבער אויך ביי איהם האָבען זיי ניט געהאַט קיין ערפאָלג. דער ערסטער געזאַנדטער פון די בויערן איז פון דעם אבט ערמאָרדעט געוואָרען, אַזוי דאָס ער האָט גאָר ניט דערלעבט דער־גרייכען דעם טראָן. דער צווייטער געזאַנדטער האָט זיך שוין יע גליקליך דערשלאָגען צום קייזער און האָט אויסגעווירקט, דאָס דער קייזער זאָל איינ־לאַדען צו זיך דעם אבט און פאָדערן פון איהם אַן ענטפער אויף די קלאַגעס פון די בויערן. אָבער דער בונד האָט זיך ווידער אריינגעמישט אין דיזער אַנגעלעגענהייט. דער בונד האָט די פערהאַנדלונגען לאַנג פערצויגען ביז די בויערן האָבען פערלאָרען די געדולד און האָבען זיך ווידער גענומען צו די געוועהר. אָבער דאַן האָט דער בונד געגעבען דעם אַבט די נעטיגע מיליטע־רישע הילף. מיט דיזער הילף איז ער פּלוצלינג בעפאַלען די בויערן און זיי־ערע דערפער, און האָט פיעלע פון זיי צו'הרג'עט און צואוואונדעט. זייער האָב און גוט איז צורויבט געוואָרען, און דאָס וואָס איז פערבליבען איז פער־ניכטעט געוואָרען פון פייער. דער שאָדען האָט בעטראָפען מעהר פון 30,000 גולדען. די רעדעלפיהרער פון די בויערן האָט מען פערפּאַקט אין געפענגניס. איינינגע הונדערט בויערן האָבען אויסגעוואַנדערט אין די שווייץ.

נאָכדעם האָבען זיך די בויערן מיט דעם אַבט פערגליכען, אָבער דער פרידען איז געווען מעהר צו גונסטען פון דעם אַבט איידער פון די בויערן. עס איז אַלעס געבליבען ביים אַלטען, דער אַבט האָט פאָרטגעזעצט די בע־דריקונגען, און אין איינינגע הינזיכטען איז די לאַגע פון די בויערן געוואָרען פיעל ערגער אַלס פריהער.

די פערשווערונג פון די בויערן אין עלזאַס אין יאָהר 1493 איז געווען פיעל גרעסער און געפעהרליכער. אָבער מען האָט זיך פון דער פערשווערונג דערוואוסט איידער זי איז געוואָרען צייטיג. די פערשוואָרענע זיינען געוואָ־רען געפאַנגען און זיינען שטאַרק בעשטראָפט געוואָרען, מאַנכע מיט'ן טויט, איינינגע מיט געפענגניס און פיעלע מיט פערקריפּלונג. אין יאָהר 1492 האָ־בען זיך פיעלע בויערן אין וועסט־פריזיען, קעננעם און וואַטערלאַנד צובונטע־וועט געגען די נייע שטייערן, מיט וועלכע מען האָט זיי בעלעסטיגט. דיזער קריג איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „דער קעז־ און ברויט־קריג". אָבער אויך דיזער קריג איז באַלד דערשטיקט געוואָרען, און די בויערן האָבען געמוזט בעצאָהלען גרויסע סומעס שטראָף. פינף יאָהר שפּעטער איז ענטשטאַנען א געהיימער בונד פון 7,000 מענער. די פערזאַמלונג פון די רעבעלען איז גע־

ווען אין ברוכראַין. דער צוועק פון די פערזאַמלונג איז געווען צו העלפען די אָרימע. די פעראייניגטע ברידער האָבען זיך גערופען „בונדשוה", זייער פאָהן איז געווען פון אַ וויים־בלויען קאָליר, אויף איין זייט איז געווען דאָס בילד פון אַ בונדשוה, און פון דער אַנדערער זייט איז געווען אויסגעמאָלט אַ בויער שטעהענדיג אויף די קני מיט די הענט אויפגעהויבען צום הימעל, און אויבען איז געווען אַן איבערשריפט: „קיין זאַך ניט, נאָר די גערעכטיגקייט פון גאָט".

דאָס פּראָגראַם פון דעם בונדשוה איז געווען: צו פערניכטען די פירס־טען, דעם אַדעל, די הויכע גייסטליכע, און דאָס גאַנצע קלויסטער־וועזען (די מאָנאַכען מיט די מאָנאַשקעס), פערניכטען אַלע בעזונדערע פּריווילעגיעס, איינפיהרען די פערזענליכע פרייהייט פון דעם געמיינעם מאַן און גלייכע פערטיילונג פון ערד און אַנדערען פערמעגענטום. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס אין דעם פאָראָבענד (ערב) פון דעם געאָרגי־טאָג פון יאָהר 1502 זאָל מען בעפאַלען ברוכזאַל. אָבער מען האָט זיך וועגען דעם פּלאַן דערוואוסט צו דער רעכטער צייט, און מען האָט די רעדעלפיהרער געכאַפּט און פערשלאָ־סען אין געפענגנים. די איבריגע זיינען געוואָרען דערשראָקען און זיינען זיך צולאָפען, און אַזוי איז דער גאַנצער פּלאַן צושטערט געוואָרען. די שטראָף פיר די רעדעלפיהרער איז געווען זעהר אַ שטרענגע — מען האָט זיי געפערטעלט (צוהאַקט אויף פיער שטיקער), און זייערע קינדער האָט מען פערטריבען פון לאַנד. די אַנדערע הויפּטלייט פון בונד האָט מען צוגעבונדען צו די עקען פון פערד און מען האָט זיי געשלעפּט איבער די גאַסען ביז זיי זיינען געטויטעט געוואָרען, און די איבריגע האָט מען אַרונטערגענומען די קעפּ, אויסער די יע־ניגע, אין וועמעס פאַל עס איז בעוויזען געוואָרען, דאָס מען האָט זיי פער־פיהרט.

נאָר איין געניאַלער אָרגאַניזאַטאָר איז פערבליבען און האָט דעם אויפ־שטאַנד איבערגעלעבט. דיזער איז געווען דער בויער יאָס פריטץ פון אונטערגרומבאַך. ער האָט שטילערהייט געטאָן אַ ריזען־אַרבייט. ער איז נעמליך געגאַנגען פון הויז צו הויז, האָט אין דער שטיל אויפגערייצט גרויסע מאַסען בויערן צום אויפשטאַנד, און ער איז געוואָרען אין דעם אָרט לעהען ביי פרייבורג, וואו ער האָט זיך בעזעצט, דער מיטעלפּונקט פון אַ גרויסער פערשווערונג, ניט ציהענדיג אויף זיך דעם קלענסטען חשד, דאָס ער איז אַ רעוואָלוציאָנער. דורך די שלוחים, וועלכע ער האָט אַרויסגעשיקט צו פּראָפּאַגאַנדירען דעם אויפשטאַנד, איז איהם געלונגען די רעוואָלוציאָן צו פערברייטען גיך און איבעראַל. אין אָקטאָבער 1513 האָט מען גערעכענט,

דאָס די אָרגאַניזאַציאָן פון אויפשטאַנד איז אין גאַנצען פערטיג און מען קען אָנפאַנגען צו טאָן. אָבער אויך דיזעס מאָל איז דער סוד ענטדעקט געוואָרען פאַר דער צייט. איינינגע פון די רעדעלפיהרער זיינען געכאַפּט געוואָרען, די איבריגע זיינען צולאָפען און האָבען זיך בעהאַלטען אין זיכערע ערטער. צווישען די געראַטעטע איז אויך געווען יאָס פריטץ, וועלכער האָט שפּעטער, אין די יאָהרען 1524 און 1525, אַלס אַלטער מאַן אַגיטירט פיר די זעלבע זאַך אין שוואַרצוואַלד. דער ראַט האָט זעהר שטרענג געהאַנדעלט מיט די פיהרער, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרען. פיעלע פון זיי האָט מען געפערטעלט און איינינגע האָט מען בעהאַנדעלט מיט חסד — מען האָט זיי נאָר דעם קאָפּ אַרונטערגענומען!

אויך אין צווייטען צעהנדליג פון דעם 16טען יאָהרהונדערט זיינען געווען בויערן־אויפשטאַנדען. עס זיינען געגאַנגען אַגיטאַטאָרען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, און האָבען אויף אַלע פעסט־טעג און פייער־טעג אַגיטירט וועגען פערבעסערן די עלענדע לאַגע פון די אָרימע בויערן. דערצו האָט מען געדרוקט און צושיקט אין גרויסע מאַסען פלוגשריפטען מיט דער זעלבער טענדענץ. „העלף גאָט!“ האָט מען זיך אויסגעדריקט אין איין פלוגשריפט, „אזא יאָמער, ווי עס הערשט יעצט צווישען די בויערן, איז נאָך קיינמאָל און אין ערגעץ ניט געהערט געוואָרען. זיי זויגען אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער, און מיר מוזען עס ליידען און שווייגען. ווער האָט עס זיי געגעבען אַזעלכע רעכטען? דאָס קען ניט זיין פון גאָט, דאָס איז נאָר פון טייפעל, זיי זיינען זיינע סאָלדאַטען און דער שטן איז זייער אָנפיהרער“.

קליין איז געווען דער אָנפאַנג פון דער בעוועגונג, אָבער אין יאָהר 1525 איז עס געקומען צו אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון דעם גאַנצען דייטשען פּראָלעטאַריאַט. די בויערן און די שטעדטישע האָבען זיך אַלע ווי איין מענש אויפגעהויבען מיט דעם פעסטען בעשלוס צו מאַכען אַן ענד צו זייערע ליידען. איינער פון די וויכטיגסטע פּערזאָנען פון יענער צייט איז געווען ט ה אָ מ אַ ס מ י נ צ ע ר. ער איז געווען די אינטערעסאַנטעסטע פּערזאָן פון יענער צייט. מינצער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1490. שוין אין זיין פריהער יוגענד האָט ער אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען רעפאָרמע, אונאָפּהענגיג פון לוטהער'ן, און איז דערפאַר אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דער קירכע. די אידעע פון רעפאָרמע איז דאַמאָלס געווען פול אין דער לופט. נאָר לוטהער האָט זיין אַרבייט געטאָן צווישען די פירסטען און מינצער האָט געאַרבייט צווישען די בויערן. ווייל די טהעאָלאָגיע האָט מינצער'ן ניט געקענט ענטפערן אויף אַלע זיינע פראַגעס, האָט ער זיך געווענדעט צו די מיסטעריען

(קבלה). ער האָט אָנגעהויבען צו פּרעדיגען אַ נייעס עוואַנגעליום (נייע גוטע בשורות פיר די מענשהייט). ער האָט זיך ניט בעשרענקט מיט רעליגיעזע רעפאָרמעס, ער האָט אויך געפּרעדיגט וועלטליכע רעפאָרמעס, און דערמיט האָט ער אויף זיין זייט געוואונען פערשיידענע פעראיינען. עס האָט זיך געגרינדעט אַ פערשווערונג. דער ראַט פון דער שטאָדט צוויקאו, וואו די פערשווערונג איז פאָרגעקומען, האָט איהרע פיהרער געוואָרפען אין געפענג־ניס און האָט די פערשווערונג דערשטיקט. פיעלע האָבען דאַמאָלס פערלאָזען די שטעדט, צווישען זיי איז אויך געווען מינצער, וועלכער האָט זיך דאָן בעזעצט אין קלעטטגאו.

דעם 7טען מערץ איז ערשינען דאָס פּראָגראַם פון דער קריסטליכער פעראייניגונג, וועלכע איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „די 12 ארטיקלען". אין דער פאָררעדע צו דיזע בעריהמטע 12 ארטיקלען ערקלערען די פערפאַ־סער פון דער פּראָגראַם אין נאָמען פון דעם בויערן־שטאַנד, דאָס זייערע געג־נער בעשולדיגען זיי אומזיסט, ווען זיי זאָגען, דאָס זיי זיינען ניט געהאָרזאַם, דאָס זיי, די בויערן, רעבעלירען און רעוואָלטירען איבעראַל, דאָס זיי זיינען געגען יעדער אָרדנונג און מאַכט, סיי וועלטליכער, סיי גייסטליכער, דאָס זיי וואָלטען וועלען אַלעס פערניכטען, אַלעס עוקר מן השורש זיין. צו דיזען צוועק לאָזען זיי ארויס די 12 ארטיקלען פון זייער פּראָגראַם, אין וועלכע זיי זאָגען ארויס דייטליך, וואָס זיי פערלאַנגען, און זאָל די וועלט, ד. ה. די אונ־פּאַרטייאישע אָרענטליכע און פערשטענדיגע מענשען, אורטיילען, אויב זיי, די בויערן, זיינען ניט גערעכט אין זייערע פאָדערונגען.

1. ערשטענס פערלאַנגען מיר, בויערן, דאָס מיר זאָלען אַליין האָבען דאָס רעכט צו ערוועהלען פיר זיך אַ גייסטליכען, וועלכער זאָל זיין בעקאַנט און בעוואוסט דער געמיינדע אַלס אַ וואָהרער פרומער עהרליכער גאָטספאָרכ־טיגער מאַן, און וועלכען די געמיינדע זאָל האָבען דאָס רעכט ארונטערצוזע־צען, ווען זיי געפינען, דאָס ער איז פיר זיי ניט פּאַסענד אין איניגע אָדער אין פיעלע הינזיכטען.

2. מיר זיינען איינפערשטאַנען צו ערפילען דאָס געזעץ פון דער בי־בעל, צו געבען מעשר, ד. ה. אַ צעהנטעל פון אונזערע פּראָדוקטען, פיר די קירכע. אָבער די זאַך מוז איינגעריכטעט ווערען אויף פאָלגענדע ארט: די בעאַמטע פון דער קירכע זאָלען צוזאַמענגעהמען דעם מעשר אין יעדען דאָרף פון די בויערן. פון דיזען מעשר זאָל מען דעם גייסטליכען געבען אַ בעשטימטען געהאַלט, ער זאָל זיך קענען אַנשטענדיג מפרנס זיין, און די איבריגע זאָל פערטיילט ווערען צווישען די אָרימע, נויטבעדערפטיגע און

אַלמנות און יתומים פון דאָרף. אויב עס וועט נאָך איבערבלייבען זאָל מען דערפון צאָהלען די לאַנד־שטייער פיר די אָרימע, וואָס האָבען ניט די מעג-ליכקייט צו צאָהלען.

3. מיר פערלאַנגען און פאָדערן פיר זיך פולע פרייהייט, מיר ווילען זיין פריי גלייך מיט די פירסטען און הערען, ווייל מיר זיינען מענשען גלייך מיט זיי, מיר זיינען אַלע בעשאַפען געוואָרען אין דעם עבענבילד פון גאָט (בצלם אלהים). דערמיט מיינען מיר אָבער ניט צו זאָגען, דאָס מיר ווילען קיין הערשער, קיין רעגירונג ניט האָבען. דאָס איז פאַלש. מיר ווילען האָבען בעאַמטע, וואָס מיר אַליין וועלען ערוועהלען. צו דיזע בעאַמטע וועלען מיר זיין פאָלקאָמען געהאָרזאַם און מיר וועלען טאָן אַלעס, וואָס זיי וועלען פון אונז געזעצליך און מיט רעכט פאָדערן.

4. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען, אָבער ניט מיט רעכט, דאָס אַן אָרי-מער מענש האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַנגען פיש, אָדער פויגלאָך, אָדער וואַלד־חיות. די לופט, דאָס וואַסער און די וועלדער האָבען די הערען מאָ-נאָפּאָליזירט פיר זיך אַליין און האָבען קיינעם ניט ערלויבט עטוואָס דערפון צו געניסען. די ביבעל האָט אונז אין נאָמען פון גאָט ערקלערט, דאָס יעדער מענש, אָהן אויסנאַהמע, רייך אָדער אָרים, הערר אָדער בויער, האָט דאָס רעכט צו געניסען פון דיזע אַלע זאַכען, וואָס די הערען האָבען פערכאַפּט פיר זיך אַליין. מיר פערלאַנגען, דאָס מען זאָל אונז אָפּגעבען דאָס רעכט, וועלכעס גאָט האָט אונז געגעבען איבער דער וועלט און פון וועלכען די הער-רען און די פירסטען האָבען אונז בערויבט.

5. מיר ליידען זעהר פיעל אויך דערפון, וואָס די הערען האָבען מאָ-נאָפּאָליזירט די וועלדער, און ווען מיר ברויכען אַ שטיקעל האָלץ צום בויען אָדער צום ברענען, דאַרפען מיר צאָהלען דעם הערר אַ זעהר הויכען פרייז. אונזער מיינונג איז, דאָס מיר האָבען גלייכע רעכטען מיט די הערען אויף וואַלד, וואָס גאָט האָט בעשאַפען פיר אַלעמען גלייך און האָט אין דעם גע-ברויך דערפון ניט געגעבען קיינעם אַ פאָרצוג געגען אַן אַנדערען. אין פאַל אָבער, ווען איינער האָט געקויפט וואַלד, זאָל מען מיט איהם ברידערליך דורכקומען, אום ער זאָל ניט דאַרפען ליידען קיין שאָדען, און דער וואַלד זאָל ווערען דאָס אייגענטום פון דער דאָרף־געמיינדע.

6. מיר פערלאַנגען, דאָס מען זאָל פערגרינגערן אונזער דינסט. עס איז שוין געוואָרען אונמעגליך צו טראָגען די שווערע לאַסט פון דער אַרבייט, וואָס מען לעגט אויף אונז אַרויף אַלע מאָל מעהר און מעהר. מיר ענטזאָגען זיך ניט פון דער אַרבייט, אָבער זי זאָל זיין מענשליך צו פערטראָגען.

אָרענטליכע מענשען בעלעסטיגען ניט זאָגאר א טיער מיט אַזא שווערער ארבייט, וועלכע מען ווארפט ארויף אויף'ן אָרימען בויער.

7. דער הערר זאָל ניט צווינגען דעם בויער צו טאָן ארבייט, וועלכע ער איז איהם ניט פערפליכטעט צו טאָן. אין פאַל אָבער דער הערר ברויכט די ארבייט, און דער בויער האָט די צייט און די מעגליכקייט זי צו טאָן, זאָל ער זי טאָן, אָבער דער הערר זאָל איהם דערפאַר בעצאָהלען ווי פיעל זי האָט דעם ווערט, אָבער פיר קיין פאַל ניט אומזיסט.

8. עס זיינען דאָ גיטער, וואָס טראָגען ניט אריין וואָס זיי קאָסטען, און דער בויער ארבייט אויף זיי און ארבייט גאָר ניט אויס פיר זיך. מיר פערלאַנגען, דאָס מען זאָל בעשטימען דורך געניטע אָרענטליכע מענשען דעם וואהרען ווערט פון אַזעלכע גיטער, אום דער בויער, וואָס בעארבייט זיי, זאָל קענען בעקומען אַלס טאָג־לעהנער (שכיר יום) דעם ריכטיגען ווערט פיר זיין ארבייט.

9. די שטראָפען, וואָס מען לעגט ארויף אויף די בויערן, זיינען ניט אין איינשטימונג מיט דער גרויס פון דעם פערברעכען, פיר וועלכעם זיי ווע־רען בעשטראָפט. מיר פערלאַנגען, דאָס די שטראָף זאָל זיין א ריכטיגע, לויט דעם פערברעכען.

10. אייניגע האָבען זיך אָנגעאייגענט פיעלע גראָז־פּלעצער און פעל־דער, וואָס האָבען געהערט צו דער געמיינדע פון דאָרף. דיזע ווילען מיר האָבען צוריק פיר די געמיינדע. און ווען דיזע זיינען פערקויפט געוואָרען צו אַן אַנדערען, ווילען מיר זיך מיט יענעם פערגלייכען, דאָס יענער זאָל קיין היזק ניט ליידען.

11. מיר ווילען דורכאויס אָפּשאַפען דאָס אונרעכט, וואָס מען טוט צו יתומים און אלמנות דערמיט, וואָס מען נעהמט פון זיי אָפּ די ירושות פון זייערע עלטערן און מענער. מיר ווערען אַזוי בערויבט פון די, וועלכע האָבען אונז בעדאַרפט בעשיצען און בעשירמען.

12. ווען אימיצער וועט אויפציינען, דאָס אונזערע פאָדערונגען זיינען געגען גאָט און זיין הייליגער שריפט, זיינען מיר בערייט אונזערע פאָדערונ־גען אויפצוגעבען.

דעם 19טען מערץ זיינען שוין דיזע ארטיקלען געוועזן געדרוקט און פער־קויפט אין אולם, און באַלד נאָכדעם זיינען זיי פערשפּרייט געוואָרען אין גאַנץ דייטשלאַנד. אַלע זיינען געוועזן איינפערשטאַנען, דאָס די פאָדערונגען פון די בויערן זיינען זעהר גערעכטע און זעהר מעסיגע. זיי זיינען ווירקליך פער־פאַסט זעהר קלוג, מיט א געזונדען פּאָליטישען פערשטאַנד. איבערהויפּט

האָט צוגעגעבען א גרויסען ווערט צו דעם פּראָגראַם דער רעליגיעזער קאָלאָר, וואָס די פּערפאַסער האָבען צוגעגעבען צו די 12 אַרטיקלען. זעהר אַנציהענד איז דער שלום־וואָרט, דער 12טער אַרטיקעל, אין וועלכען זיי פערשפּרעכען צו נעהמען צוריק זייערע פאָדערונגען, ווען עס וועט בעוויזען ווערען, דאָס זיי זיינען געגען דער הייליגער שריפט. קיינער האָט ניט געוואַגט אַנצורו־פען דיזעס פּראָגראַם מיט'ן נאָמען אויפרוהר, אויפשטאַנד, רעוואָלוציאָן.

אין די לעצטע טעג פון מאָנאַט מערץ 1525 האָבען געשטורמט אי־בעראַל אַלע גלעקער. אָבער דיזעס האָט ניט בעדייטעט, אַז דאָס פאָלק איז בערייט צו נעהמען זיך פיר דאָס געוועהר און מיט גוואַלד דורכפיהרען זיינע פאָדערונגען. די בויערליכע עמפּערונגען זיינען נאָר געווען א בעוואָפּענטע אונטערהאַנדלונג מיט די פירסטען און די העררען וועגען פערבעסערן זייער לאַגע אָבער דאָך איז עס דיזעס מאָל געקומען צו א בלוטיגען צוזאַמענשטויס. דער פעלדהערר פון שוואַבישען בונד, ג ע אָ ר ג ט ר ו כ ז ע ס ס פון ו ו א ל ד ב ו ר ג , איז אַרויס געגען די בויערן. דעם 14טען אַפּריל איז עס איהם געלונגען צו צוטרייבען א שטאַרקע אַפּטיילונג פון די בעוואָפּענטע בויערן ביי ו ו א ו ר צ א ך . הגם ער האָט געזיגט, האָט ער דאָך געפונען פיר בעסער צו אונטערהאַנדלען מיט די בויערן וועגען פרידען, ווייל ער האָט געזעהען, דאָס עס זאַמלען זיך בויערן אין גרויסע מאַסען פון אַלע זייטען. אין א קורצער צייט זיינען צוגעקומען איבער 15,000 בויערן.

די בויערן האָבען פערשפּראָכען אויפצולעזען זייער פעראייניגונג און די געמיינדע פון יעדען דאָרף זאָל זיך פערלאָזען אויף א שיידס־געריכט ב.ז. די שטעדטישע בירגער. אין פאַל, ווען אויף דיזען אופן וועט ניט געלינ־גען וועלכער עס איז געמיינדע צו ענדיגען די זאַך מיט פרידען, זאָל די זאַך ענטשידען ווערען דורך אַן ערוועהלטען מאַן פון שוואַבישען בונד, וועלכער זאָל זיין בעשטימט צו דיזען צוועק.

וועהרענד די בויערן פון אויבער־שוואַבען האָבען איינגעשטימט אַנידער־צולעגען זייערע וואַפען אויף די אויבען־דערמאָהנטע בעדינגונגען, האָבען זיך אויפגעהויבען די בויערן פון עלזאַס, פראַנקען, העססען און קורזאַקסען, און צוזאַמען מיט די בויערן האָט זיך אויך אויפגעהויבען דאָס שטאָדטישע פּראָלעטאַריאַט און האָבען ניט געוואָלט וויסען פון דעם אָפּמאַך אויף פרידען.

ענדע מערץ האָבען זיך שוין אָנגעהויבען אונרוהען אין פראַנקען. אין ראָטענבורג האָבען זיך אויפגעהויבען די פּראָלעטאַריער, האָבען אַראָפּגעזעצט דעם שטאָדט־ראַט און האָבען איינגעריכטעט אַן איינענעם ווייעם ראַט אויף די פּרינציפּען פון דער „נייער עוואַנגעלישער בריהייט". די שטאָדטישע

בירגער זיינען אַריינגעטרעטען אין בונד מיט די בויערן אויף אַ צייט פון 101 יאָהר. דיזער ביישפּיל פון די ראָטענבורגער בויערן האָט געווירקט אין דער נאָכבאַרשאַפט, איבערהויפּט אין אָדענוואַלד. דעם 26טען מערץ האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע מאַסע בויערן פון אָבערשיפף אונטער דער לייטונג פון געאָרג מעטצלער, אויך אין מאָרגענטהיים איז ערשינען אַן אונגעהייערע מחנה פון בויערן. צו דיזע איז צוגעקומען אַ גרויסע צאָהל אונ־צופרידענע אונטער דעם נאָמען „די שווארצע שאַר", וועלכע האָט געהאַט אַלס איהר פיהרער דעם ראַדיקאַלען ריטער פלאָריאַן גייער. דיזער האָט פרייוויליג פערלאָזען זיין בורג און האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן די ברי־דערשאַפט פון די בויערן. ער האָט געוואָלט צושטערען אַלע שלעסער פון די הערען און האָט געוואָלט, דאָס זיי זאָלען זיך בעזעצען אין קליינע הייז־לאַך, ווי די בויערן.

דעם 1טען אַפּריל איז די מאַסע בעפאַלען דעם מאָנאַסטיר שאָנטהאַל, וואו זיי האָבען געהאַט אַ גרויסען פאָררעט פון ברויט און וויין, און האָבען זיך דאָרט געלאָזען אַ ביסעל וואוילגעהן. צוזאַמען האָבען זיך דאָרט אויפגע־קליבען אונגעפעהר 10,000 מאַן.

דעם ערסטען קלאַפּ האָבען זיי געצילט אויף די גראַפען פון האָהענטהאַל. די גראַפען האָבען אָנגעפאַנגען אונטערהאַנדלען מיט די בויערן נאָר מיט דער־אַבזיכט צו געווינען צייט. אָבער ווען די בויערן האָבען זיך איבערצייגט, דאָס די פערהאַנדלונגען וועלען ניט פיהרען צו קיין רעזולטאַט, זיינען זיי בעפאַלען נייענשטיין. עס האָט ניט לאַנג גענומען אַז די שטאָדט מיט'ן שלאָס זיינען געוואָרען בעזיגט פון די בויערן. יעצט האָבען די גראַפען נאָכ־געגעבען זיי האָבען געשוואָרען, דאָס זיי נעהמען אָן די 12 אַרטיקלען, און זיי זיינען געוואָרען ברידער מיט די בויערן. איין גראַף האָט זיך געלאָזט רופען „ברודער אַלברעכט" און אַן אַנדערער האָט געהייסען „ברודער געאָרג". פון דאָרט זיינען די בויערן אַוועק אין די בענאָכבאַרטע לענדער. אין די קליינע שטעדט זיינען אַלע באַלד צו זיי צוגעשטאַנען. נאָר אין די גרעסערע שטעדט האָבען זיך די בירגער געשטעלט געגען די בויערן און האָבען ניט געוואָלט אָננעהמען זייערע 12 אַרטיקלען. אָבער די בויערן האָבען זיך אָן זייערע נעגנער נוקם געווען און האָבען זיי געענטפערט מיט פייער און מיט פערוויסטונג. פיעלע שלעסער און מאָנאַסטירען זיינען פון זייערע הענט פערניכטעט געוואָרען.

זעהר בלוטיג איז געווען דער אָסטער־זונטאָג אין ווייגסבערג. דעם 16טען אַפּריל אין דער פריה איז אַ מחנה פון 8,000 בויערן בעפאַלען די

שטאָדט וויינבערג און האָט געפֿאָדערט, דאָס די שטאָדט צוזאַמען מיט׳ן גראַף פֿון דעם שלאָס פֿון העלפֿענשטיין זאָלען זיך איבערגעבען אין זייערע הענט. אָבער דער גראַף האָט געהייסען שיסען די געזאַנדטע פֿון די בויערן, און מען האָט זיי אָפּגעשיקט צוריק פֿערוואונדעטע. דיזע טאַט האָט די בויערן שרעקליך אויפֿגעבראַכט. אָהן אַ שום אָנשטרענגונג האָט פֿ ל אָ ר י אַ ן ג י י ע ר גענומען דעם שלאָס. די בירגער האָבען באַלד פֿערלאָרען דעם מוט. די אַרמעע האָט גאָר ניט געוואָלט שטרייטען מיט די בויערן, מיט וועלכע זי האָט סימפּאַטיזירט, זי האָט נאָך די בויערן געהאָלפֿען. מען האָט די טויערן געהאַקט פֿון אויסען און פֿון אינווענינג. דער גראַף איז געפֿאָהרען איבער׳ן שטאָדט און האָט אויפֿגעמונטערט די בירגער צו שטרייטען און צו פֿערטרייבען די בויערן פֿון דער שטאָדט, אָבער זיין אויפֿמונטערן האָט ניט געהאָלפֿען. די אַיינוואוינער האָבען איהם געצוואונגען דעם קאַמף אויפֿצוגעבען.

מען האָט אָנגעהויבען צו פֿערהאַנדלען מיט די בויערן וועגען איבערגעבען זיי די שטאָדט מיט דער בעדינגונג, דאָס זיי זאָלען אַלעמען אין שטאָדט לאָזען ביים לעבען. די בויערן האָבען געענטפֿערט, דאָס זיי זיינען בעריוט צו לאָזען לעבען די בירגער, אָבער ניט די ריטער, וועלכע האָבען געהערט צום אַדעל. מען האָט ביי זיי געבעטען, דאָס זיי זאָלען מאַכען אַן אויסנאַהמע מיט׳ן גראַף פֿון העלפֿענשטיין, אָבער זיי האָבען איהם זעלבסט געענטפֿערט, דאָס ווען ער זאָל זיין געמאַכט פֿון גאָלד קענען זיי מיט איהם קיין אויסנאַהמע ניט מאַכען. דער גראַף האָט אָנגעהויבען זוכען אַ פּלאַן ווי צו ענטלויפֿען, עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די בויערן זיינען אַריין אין שטאָדט און האָבען ערמאָרדעט אַלעמען, ווער עס האָט זיך ניט בעהאַלטען אין אַ הויז. די רייטער און די אַדעליגע, וואָס האָבען זיך בעהאַלטען אין דער קירכע, זיינען אַלע ערמאָרדעט געוואָרען. זיי האָבען אויך געכאַפּט דעם גראַף, בעת ער איז געלאָפֿען דורך אַ שמאָל געסעל. מען האָט זיי פֿאָרגעשלאָגען 30,000 גולדען אויסלעז-געלט פֿיר׳ן גראַף׳ס לעבען, אָבער די בויערן האָבען געענטפֿערט, דאָס ווען זאָגאַר מען זאָל זיי געבען טאָנען גאָלד ווילען זיי ניט שוינען דאָס לעבען פֿון דעם גראַף און זיינע רייטער. די בויערן האָבען דעם גראַף געגעבען צו וויסען, דאָס ער וועט בעקומען זיין טויט אויף דער זעלבער אַרט און ווייזע, ווי די הערדען פֿלעגען טויטען זייערע קנעכט: מען וועט איהם יאָגען דורך שפּיזען.

דאַמאָלס איז די גרעפֿין צוגעקומען צו די בויערן און האָט געהאַלטען אויף די הענט איהר צוויי-יעהריגען זוהנעלע. זי איז געפֿאַלען אויף די קני פֿאַר די פֿיס פֿון איינעם פֿון די בויערן-פֿיהרער, י אָ ק ל י י ן, און האָט

איהם געבעטען, אז ער זאָל שענקען דאָס לעבען פון דעם פאָטער צוליב דעם קינד און צוליב איהר. די גרעפין איז געווען די טאָכטער פון קייזער. אָבער איהר ביטע איז ניט אָנגענומען געוואָרען. עס וועלען זיך געווים געפינען אייניגע, וואָס וועלען טאַדלען די בויערן פיר זייער גרויזאַמקייט אין אַזאַ קריטישען מאָמענט. אָבער מען מוז זיך שטעלען אין דער לאַגע פון די בויערן אין יענער צייט. עס זיינען גראַדע אין יענעם מאָמענט געשטאַנען פאַר זייערע אויגען די טויזענדער סצענעס, ווי די הערן האָבען געקנוטעוועט די אַפּגעמאָגערטע ביינער פון אונשולדיגע בויערן פיר יעדע קלייניגקייט, פיר יעדען קאַפּריז פון דעם הערר, וואָס דער אָרימער בויער איז ניט געווען אין שטאַנד איהם צופרידען שטעלען. עס זיינען דאַמאָלס פאַר די אויגען פון די בויערן געשטאַנען די צוקאַליעטשעטע געזיכטער פון זייערע עלטערן, פון זייערע שוועסטער און ברידער, פון זייערע זיהן און טעכטער, וועלכע מען האָט צופּאַסעוועט זייער לייב, און נאָכדעם אריינגעוואָרפען אין אַ פינסטערע, נאַסע גרוב פון אַ געפענגניס, אָהן שפּייז, אָהן וואַסער, וואו זיי זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער און דורסט, און די הערן האָבען געלאַכט בעת די עלטערן אָדער די קינדער האָבען ביי זיי געבעטען רחמים.

די בויערן זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט'ן געפיהל פון ראַכע. דער בויערן־פיהרער יאָקליין האָט געהייסען, דאָס עס זאָלען זיך צושטעלען צוויי רייהען בויערן מיט די שפּיזען איינע געגען די אַנדערע, און דורך דיזע גאַס פון די צוויי רייהען האָט מען דורכגעפיהרט דעם גראַף, און יעדער פון די בויערן האָט איהם אריינגעשטאָכען זיין שפּיז. דער גראַף איז צום דריטען טריט געפאַלען טויט. איידער מען האָט איהם גענומען פיהרען איז צו איהם צוגעגאַנגען זיינער אַ געוועזענער מוזיקאַנט, וועלכער פלעגט איהם אָפט שפּילען ביים מיטטאָג־עסען אָדער ביים אַבענד־מאָהלצייט. דער גראַף האָט איהם אָבער אייניגע מאָל בלוטיג בעליידיגט און האָט איהם ענדליך אַרויסגעטריבען. יעצט איז דער מוזיקאַנט צוגעגאַנגען צום גראַף, האָט פון איהם אַראָפּגעריסען זיין הוט מיט'ן פעדער און האָט דאָס אַ שליידער געטאָן ווייט, און האָט איהם געזאָגט: „איך האָב דיר לאַנג געדינט מיט מיין פייפען, איך האָב דיר געשפּילט און דו האָסט געטאַנצט, יעצט וועל איך דיר שפּילען צום ריבטיגען טאַנץ". זאָגאַר נאָך דעם, ווען דער גראַף איז שוין געפאַלען טויט, האָבען זיך די בויערן נוקם געווען אָן זיין טויטען קערפּער און האָבען איהם געשענדעט מיט וואָס זיי האָבען געקענט.

נאָך דעם, ווי די בויערן האָבען איינגענומען וויינסבערג, האָבען זיך די פיהרער פון דעם בויערן־אויפשטאַנד צוקריגט און האָבען זיך צוטיילט אויף

פאַרטייען. פלאָריאַן גייער האָט פערלאַנגט, דאָס מען זאָל מיט דעם אַדעל האַנדלען ווי מיט די גייסטליכע, זיי זאָלען און מוזען אַלע ווערען גלייך מיט דעם בויער. יאָקליין אָבער האָט מיט איהם ניט איינגעשטימט, און פלאָריאַן איז אַוועק מיט זיין מחנה צו פיהרען דעם שטרייט בעזונדער. דערפון האָט די אינטערעסע פון פאָלק שטאַרק געליטען און דער אויפשטאַנד איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען. גייער איז געווען ניט נאָר דער טרייעסטער און עהרליכסטער פיהרער, נאָר ער איז אויך געווען דער איינציגער, וואָס האָט גוט פערשטאַנען די קריגס-קונסט.

דער שיקזאַל פון דער שטאָדט וויינסבערג און דער ביטערער סוף פון דעם גראַף האָט אויף דעם אַדעל געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק. די אַדעליגע האָבען זיך באַלד איבערציינגט, דאָס די בעוועגונג איז ניט נאָר געגען די גייסטליכע, ווי זיי האָבען פריהער געמיינט, נאָר זי איז געגען דעם אַדעל אַזוי שאַרף און בלוטיג ווי געגען די גייסטליכע. פון וויינסבערג איז די מחנה אַוועק געגען היילבראָנן. דאָ איז זיי דער זיג אָנגעקומען זעהר לייכט. די פּראָלעטאַריער אין שטאָדט האָבען פיר די בויערן געעפענט אָהן מיה אַ טויער, און דער ראַט איז געווען געצוואונגען צו פערברידערן זיך מיט די בויערן און שליסען מיט זיי פרידען און אָננעהמען זייערע 12 אַרטיקלען.

באַלד נאָכדעם האָבען די בויערן ערוועהלט אַלס פעלדהערר דעם ריטער גאָטץ פאָן בערליכינגען. גאָטץ האָט פערזיכערט, דאָס ער איז געווען געצוואונגען אָנצונעהמען דיזעם אַמט פון די בויערן. אָבער עס איז זעהר מעגליך, דאָס ער האָט עס גערן אָנגענומען, ווייל ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, דאָס די אַדעללייט ליידען פון די פירסטען ניט ווייניגער ווי די בויערן. גאָטץ האָט אָנפאַנגס געוואָלט מאַכען אָרדנונג אין דער מחנה פון די בויערן. ער האָט פערפליכטעט די ראַטען און די הויפּטלייט ניט צו בעשעדיגען אַ הויז פון אַן אַדעלמאַן, און אויסער דעם זאָלען זיי די אַרטיקלען ענדערן און וועניגער פאָדערן. ער האָט פערשפּראָכען די בויערן, דאָס ער וועט צו דיזער בעוועגונג צוציהען דעם אַדעל און זיי וועלען זיך פעראייניגען מיט זיי, מיט די בויערן — גראַדע דאָס, וואָס גייער האָט בעקעמפט.

וואָס אָנבעטרעפט בערליכינגען'ס פערגאַנגענהייט, איז בעקאַנט, דאָס ער האָט ליב געהאַט קריג און ער האָט געשטריטען מיט פיעלע פירסטען. זאָגאַר נאָך דעם, ווי דער קייזער האָט פּראָקלאַמירט פרידען אין לאַנד, האָט ער געשטריטען מיט קעלן און מיט דעם בישאָף פון באַמבערג און מיט נירנבערג, און איז דערפאַר אַרויסגעשיקט געוואָרען פון לאַנד. ער האָט זיך פון דיזער שטראָף אויסגעקויפט. ער האָט אָבער באַלד אָנגעפאַנגען נייע קריגען

צוזאמען מיט פ ר א נ ץ פ אָ ן ז י ק ק י נ ג ע ן. אין דעם קריג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעם הערצאָג אולריך פון ווירטעמבערג און דעם שוואַ־בישען בונד, איז בערליכינגען געווען אויף דער זייט פון הערצאָג פון אולריך. ער האָט העלדיש פערטיידיגט די שטאָדט מ אָ ק מ י ה ל. ער איז אָבער געווען געצוואונגען די שטאָדט איבערצוגעבען, ווייל איהם האָט געפעהלט אַמוניציע און לעבענסמיטלען. ער איז געווען אַ צייט פון 3½ יאָהר פער־שלאָסען אין געפענגניס פון דער שטאָדט היילבראָנן אַלס קריגס־געפאַנגענער, ביז זיקקינגען האָט איהם ענדליך בעפרייט. ער האָט געמוזט בעצאָהלען 2,000 גולדען אויסלעז־געלט און געבען אַ פערשפּרעכען קיינמאָל מעהר ניט אָנגרייפען וועלכען עס איז מיטגליד פון שוואַבישען בונד. גאָטץ האָט גע־טראָגען אַ קינסטליכע אייזערנע האַנט, מיט וועלכער ער האָט גוט געארבייט ווי מיט אַ נאַטירליכער האַנט. דאָס איז דער עלטעסטער ביישפּיל אין דער געשיכטע פון אַ געקינסטעלטען גליד.

דעם 6טען און 7טען מאַי איז די בויערן־אַרמעע ערשינען פאַר ווירצ־בורג. אויף זייער גאַנצען וועג האָבען די בויערן געברענט און פערוויסטעט וואָס זיי האָבען געקענט. גאַנצע שטעדט און איבערהויפּט מאָנאַסטירען זיי־נען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַש. אין ווירצבורג האָבען די בירגער בע־גענגעט די בויערן מיט שמחה, ווייל זיי האָבען געהאָפט מיט דער הילף פון די בויערן צו דערגרייכען זייער ציל — צו געווינען פיר זיך מעהר פּאָליטישע פרייהייט. די בירגער און די בויערן האָבען זיך פערבונדען און האָבען גע־שוואָרען טרייהייט איינע צו די אַנדערע ביז זיי וועלען בעזיגען די אַדעליגע.

די רעוואָלוציאָן האָט זיך ניט געהאַלטען ביי איהר פּראָגראַם. די בויערן האָבען אויפגעהערט צו זיין צופרידען מיט די 12 אַרטיקלען און האָבען אָנ־געהויבען צו פאָדערן מעהר און מעהר. זיי האָבען געפאָדערט דאָס רעכט צו ערוועהלען אויך וועלטליכע בעאַמטע און צו ענטזאַגען דעם בעאַמטען, וועלכער וועט זיי ניט צופרידען שטעלען. זיי האָבען אָנגעהויבען זאָגאַר צו פאָדערן דאָס רעכט צו ערוועהלען אַן אַנדער פירסט, ווען זיי זיינען מיט דיזען ניט צופרידען. דער בישאָף פון שפּייער האָט דיזע פאָדערונגען געמוזט נאָכ־געבען. דער קורפירסט פון פפאַלץ האָט זיי פערשפּראָכען צו ערפילען זייערע 12 אַרטיקלען. אין עלזאַס האָבען זיי איינגענומען די רעזידענץ פון בישאָף. דער מאַרק־גראַף פון באַדען האָט געמוזט ענטלויפען פון לאַנד, ווייל ער האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון די בויערן. די ריטער פון העגאוס זיינען איינגעשלאָסען געוואָרען אין דער שטאָדט צעלל ביים אונטערזעע. זאָגאַר טרוכזעסס, דער הויפּטמאַן פון שוואַבישען בונד, האָט מיט די בויערן

געמוזט שליסען א פערטראג. אין ווירטטעמבערג האבען זיי געפאדערט אפ-צושאפען דעם לאנד-טאג, אזוי דאס אלעס זאל זיין אונטערווארפען זייער קריסטליכען פעראיין. דער בישאף פון באמבערג האט געמוזט נאכגעבען אלע זייערע פאדערונגען.

די ראדיקאלסטע פאדערונגען זיינען געמאכט געווארען פון די בעוואוי-נער ארום די רהיין-געגענדען, וועלכע זיינען געווען דער הויפט-זיץ פון דעם אדעל, און דער גן-עדן פון די גייסטליכע. דעם 23טען אפריל האבען זיך די בויערן פערזאמעלט אויף זייער אוראלטען געריכטס-פלאץ אין סט. בארטהא-לאמא, און האבען פערלאנגט מען זאל זיי צוריקגעבען אלע זייערע אלטע רעכטען. ווי די שוואבען, האבען זיי אויך געפאדערט אליין צו ערוועהלען זייער קירכען-פרעדיגער, און מען זאל זיי לאזען פריי צו לעזען און צו פער-שטעהן די ביבעל. זיי האבען פערלאנגט מען זאל פערקלענערן די אפגא-בען — אנשטאט צו געבען א צעהנטעל פון זייער פראדוקציאן, זאלען זיי זיין פערפליכטעט צו געבען נאר א דרייסיגטעל. אלע גיטער זאלען צאהלען שטייער, אום די געמיינדע-אויסגאבען זאלען ניט פאלען אויף די בויערן אליין. זיי האבען אויך פערלאנגט, דאס יעדער בויער זאל געהערען צו דער געמיינדע, וואו ער האט זיין בעזיץ, און דארט זאל ער אויך ווערען געריכטעט, אין פאל ווען ער מוז פיר וועלכען עס איז פערברעכען פראצעסירט ווערען, און מען זאל זיי בעפרייען פון אלערליי דינסט-ארבייט און אויסנאהמס-געזעצען.

אום זייערע פאדערונגען דורכצוזעצען, האבען די בויערן פערלאנגט, דאס דער שטאטהאלטער, דער שטראסבורגער פירסט-בישאף ווילהעלם פאן האהענשטיין, זאל קומען און זיך שטעלען פאר זיי צו אונטערהאנדלען וועגען זייערע פאדערונגען. דער פירסט-בישאף איז פאר זיי ערשינען מיט פיעלע גייסטליכע בעאמטע מיט דער האפנונג, דאס איהם וועט געלינגען מיט גוטען זיי צו בערוהיגען, און זיי זאלען אויפגעבען זייער אויפשטאנד. די בויערן האבען דערוויל ארויסגעפאדערט אלע נעטיגע דאקומענטען און בריף וועגען צינזען, וועלכע האבען בעשטעטיגט זייערע רעכטען און זייערע גע-רעכטע פאדערונגען. דער בישאף האט זיי געמוזט נאכגעבען, ער האט אנ-גענומען זייערע ארטיקלען, און האט דעם אפמאך געלאזען פערשרייבען. אויך דער שטאטהאלטער פון דעם ערץ-בישאף פון מאינץ האט געמוזט נאכ-געבען זייערע פאדערונגען. עס זיינען געווען 31 פונקטען זעהר מעסיגע און גערעכטע.

אין דיזען אויפשטאנד האָבען אויך אַנטייל גענומען פיעלע שטעדט פון פראַנקען און שוואבען. אין גרונד גענומען זיינען אַלע אָרימע געווען לוטהעריש געזאָנען, וועהרענד די רייכע זיינען געווען געגען לוטהערישע רעפאָרמעס. איבערהויפט איז דער אויפשטאנד געווען געריכטעט געגען דער מיס־ווירטשאפט פון די פינאנצען, געגען די אינדירעקטע שטייערן און די פּריווילעגיעס פון די גייסטליכע, אויך געגען דער קלעריקאלער קאָנקורענץ אין געוויסע צווייגען פון אינדוסטריע. אזוי צ. ב. האָבען די מאָנאַשקעס פון מינסטער געלאָזען אוועקנעהמען און צוברעכען די וועב־שטוהלען ביי די נאָנעס פון א בענאכבארטען קלויסטער.

די בויערן אָבער, ווי עס שיינט, האָבען געמאַכט א פעהלער, וואָס זיי האָבען אָנגענומען אַלס זייער פיהרער גאָטץ פון בערליכינגען, איינעם פון די קליינע אדעלליים. ער האָט זיי איינגערעדט, דאָס ער וועט קעמפען דערפאַר, מען זאָל זייערע פאָדערונגען נאָכגעבען, און איבעראל האָט זיך אויסגעוויזען, דאָס ער איז מעהר געניינט צו שטיצען דעם אדעל און די גייסטליכע איידער די בויערן. ענדליך האָבען די בויערן פערלאָרען צו איהם דאָס צוטרויען.

ליידער איז צווישען די בויערן ניט געווען די ריכטיגע איינינקייט און זיי האָבען זיך צוטיילט אין פּאַרטייען מיט פערשיידענע פאָדערונגען. זיי זיינען אוועק פון זייער פּראָגראַם צו פאָדערן פיר זיך מעהר פּאָליטישע רעכטען און פרייהייט. די הויפּט־פיהרער פון דער מעסיגער פאָדערונג זיינען געווען: ווענדעל היפּפּלער און פריעדריך ווייגאנד.ביידע זיינען ניט געווען קיין בויערן. איינער איז געווען א סעקרעטער ביים גראַף האָהענלאָהע, דער אַנדערער האָט געהאט א שטעלע אין מילטענבערג. ווי אזוי דיזע צוויי פיהרער האָבען פערשטאַנען די בויערישע בעוועגונג, קען מען זעהן און פערשטעהן דערפון, וואָס זיי האָבען געשריבען צום קייזער, דאָס די בויערן פערלאַנגען נאָר צוויי זאכען, וועלכע דער קייזער האָט שוין לאַנג געווינשט צו זעהן אין ערפילונג, נעמליך: צו רעפאָרמירען די קירכע און צווינגען די פירסטען צו זיין געהאָרזאם צום קייזער און צום רייך.

דאָס פּראָגראַם, וועלכעס די ביידע פיהרער צוזאַמען מיט די ערוועהלטע פון די בויערן האָבען אויסגעארבייט, איז געווען גוט פיר די אינטערעסען פון אַלע קלאַסען אין לאַנד, אויסער פיר די אינטערעסען פון די בויערן זעלבסט. דער הויפּט־פּונקט פון גאַנצען פּראָגראַם איז געווען — מען זאָל אָפּנעהמען זיי גיטער פון דער קירכע, אום דערמיט צו פערגרינגערן די שטייערן פון די וועלטליכע הערען. דאָקטאָרען און יוריסטען, וועלכע זיינען

ספּעציאַליסטען אין רוימישען רעכט, זאָלען זיין די פּראָפעסאָרען אין די אוניווערזיטעטען; עס זאָל איינגעפיהרט ווערען אַ נייע געריכטס־אָרדנונג; עס זאָל הערשען אין לאַנד איינהייט פון מינץ־סיסטעם און געוויכט. דער האַנדעל זאָל געזיכערט ווערען, וואוכער זאָל שטרענג פערבאָטען ווערען. אַלע שטאַנדען זאָלען זיין פערפּליכטעט אויפצוהאַלטען די רוה אין לאַנד.

ווי מיר זעהען קלאָר פון דיזען פּראָגראַם איז אין איהם ניטאָ קיין שפּור פון וועלכער עס איז בויערן־פאָדערונג. שוין די פריהערדיגע בעלי טובות פון די בויערן, ווי גאָטץ פאָן בערליכינגען און אַנדערע עהנליכע, האָבען דעם בעסטען עסענץ פון די 12 אַרטיקלען צומישט מיט וואַסער. דער היילבראָנער קאָמפּראָמיס האָט געגעבען דער בעוועגונג אַזאַ ווענדונג, דאָס די בויערן האָבען דערפון גאָרניט פּראָפיטירט, דעם גאַנצען נוץ דערפון האָבען געצויגען נאָר די הערען און די שטעדט געגען די פירסטען.

עס איז אויך וואהר, דאָס די בויערן זיינען שוין געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט, אַזוי דאָס די הערען זיינען שוין ניט געווען געצוואונגען מיט זיי צו אונטערהאַנדלען. אָבער מיר קענען עס ניט איבערגעהן און ניט מאַכען אַ בעמערקונג, מיט וועלכען גייסט די פיהרער פון די בויערן זיינען געווען דורכגעדרונגען, ווען זיי האָבען זיך אַרויסגעגעבען פיר זייערע וואָלטעטער און זיך אָנגענומען פיר זייער זאַך. דיזע פאָלקס־בעוועגונג געהערט צו די אונגעלונגענע פאָלקס־בעוועגונגען, וועלכע ענדיגען זיך מיט גאָרניט נאָר צוליב דעם, וואָס זייערע פיהרער האָבען זיי פערפיהרט און פערנאַרט. דאָס פאָלק איז פאָלקאָמען גערעכט, ווען עס איז אַזוי מיסטרויאיש צו זיינע פיהרער.

אונטער די פאָלקס־פיהרער פון יענער צייט זיינען אויך געווען אייניגע, זעהר ווייניגע, באמת טרייע געוויסענהאַפטע מענשען, וועלכע האָבען מיט'ן גאַנצען האַרצען געוואָלט דאָס גליק פון פאָלק. צווישען זיי איז געווען פלאָריאַן גייער, אָבער מעהר פון אַלעמען איז געווען אַן אמת'ער פאָלקס־פריינד ט ה אָ מ אַ ס מ י נ צ ע ר. מערקווירדיג איז, דאָס דיזער וואַהרהאַפטיג עהרליכער און טרייער פאָלקס־פריינד איז מעהר פון אַלעמען פעראַכטעט געוואָרען. אָבער וואָס זיי זאָלען ניט זאָגען אויף איהם, איין זאַך קען קיינער פון איהם ניט אָפּנעהמען — דאָס ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ גליהענדער ליבע צו זיין פאָלק. ער האָט געהאַסט אַלע הערען, וועלטליכע און גייסטליכע, דערפאַר, וואָס זיי דריקען דאָס אָרימע פאָלק. די הערען זיינען ביי איהם געווען פעררעכענט אַלס די פערדאַרבער פון דער וועלט, וועלכע צושטערען די געטליכע אָרדנונג. דאָס קריסטליכע פּריסטערטום איז ביי איהם געווען

פערערכענט אַלס אַ פאָרטזעצונג פון דער אַלטער טיראַניי, נאָר די פריסטער טוען עס אין דעם נאָמען פון קריסטוס, ווערהענד פריהער פלעגט מען עס טאָן אין דעם נאָמען פון היידנישען אַבערגלויבען.

טהאָמאַס מינצער איז אויפגענומען געוואָרען אין מיהלהויזען, און אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרען בעוואוסט אַלס אַ בעגייסטערטער פּראָפעט. ער האָט געהאַט די גרעסטע דעה אין ראַט, אין געריכט, איבעראַל איז זיין וואָרט געווען הייליג. ווען ער האָט געהייסען, איז דאָס פאָלק בעפאַלען גייסטליכע, האָט צושטערט שלעסער און פעסטונגען פון די הערען, ווערהענד ער האָט אייגענטליך ניט בעטרעטען קיין אַמט. ער איז געווען אַן איינפאַכער גייסטליכער פון פאָלק. מיט זיין אַגיטאַטאָרישער קראַפט האָט ער צוזאַמענגעבראַכט גאַנץ טהירינגער וואַלד אום מיט אַלגעמיינע קרעפטען צו קעמפען פערבעסערן די לאַגע פון די בויערן. איבעראַל האָט ער אויפגעמונטערט צום אויפשטאַנד גרויסע מאַסען בויערן, איבעראַל זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַש שלעסער און מאָנאַסטירען, נאָר די גאַנץ שטאַרק בעפעסטיגטע שטעדט און ערטער זיינען געבליבען אונבעשעדיגט.

דער לאַנדגראַף פיליפּ פון העססען האָט פערזאַמעלט זיינע ריטער, וועלכע האָבען איהם געשוואָרען טרייהייט ביז אין טויט, און איז מיט זיי ארויס נאָך טהירינגען. איידער ער איז אהין געקומען האָט ער פון די בויערן אָפּגענומען דאָס געביט פון הערספעלד און פולדאַ. אין טהירינגען האָבען זיך מיט איהם פעראייניגט די הערצאָגען פון זאַקסען, געאָרג און היינריך, און דער קורפירסט יאָהאַן אום פון יעצט אָן אָנצוגרייפען די בויערן מיט פעראייניגטע קרעפטען.

ווען מינצער האָט זיך דערוואוסט פון דיזער געפאַהר, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייבען אין פיעלע ערטער און האָט געפאָדערט, אַז עס זאָלען צוקומען מעהר און מעהר בויערן. ער האָט די מאַסען בעגייסטערט מיט זיין מוט, מיט וועלכען ער האָט געשריבען צום הויכען אַדעל, דאָס זיי זאָלען זיך אונטערגעבען פרייוויליג, אָהן אַ שום ווידערשטאַנד. אַזוי צום ביישפּיל האָט ער געשריבען צום גראַף ערנסט פון מאַנספעלד דעם פאָלגענדען בריף: „מיר פאָדערן דיך אויף דו זאָלסט זיך פאַר אונז ענטשולדיגען. אויב דו וועסט דיך ניט דעמיטיגען פאַר די קליינע, די בויערן, וועלען מיר דיך, מיט דער הילף פון דעם לעבעדיגען גאָט, מיט געוואַלד פון דיין שטוהל אַראָפּוואַרפען, וויל דו ברייגנסט ניט קיין נוצען דער קריסטליכער וועלט, דו ביסט אַ שעדליכער פערטיליגונגס-בעזים פון די פריינד פון גאָט, וועלכער האָט געזאָגט וועגען דיר און וועגען אַזעלכע טיראַנען ווי דו ביסט, דאָס דיין נעסט

זאָל צושמעטערט ווערען. מיר ווילען דיין ענטפער ערהאַלטען נאָך היינט, ווען ניט — וועלען מיר זיך מיט גאָט'ס הילף און אין זיין נאָמען מיט דיר אָפּרעכנען. מיר וועלען גיך טאָן וואָס גאָט האָט אונז געהייסען. טו אויך דו דיין בעסטעס. מיר קומען באַלד. טהאָמאַס מינצער מיט דעם שווערד פון גדעון".

אייגענטליך איז דאָס געווען אַ טאָן פון פערצווייפלונג. און אנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. ווען אַ הייפעל שלעכט־בעוואָפענטע בויערן, ניט געוועהנט צום קריג, האָבען זיך געמוזט שטעלען געגען זיבען קריגס־ערפאַהרענע פירסטען, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט צו שטרייטען און צו בעזיגען די אָרימע און ערשעפּטע בויערן. מינצער'ס שטרייטער האָבען זאָגאר ניט געהאַט גענוג פולווער צום שיסען. דעם 15טען מאַי 1525 האָבען די בויערן ארויסגעשטעלט 8,000 מאַן געגען דער אַרמעע פון די פעראייניגטע פירסטען. אָבער אונטער זיי האָבען זיך געפונען זעהר פיעלע, וואָס האָבען זעהר מורא געהאַט פאַר דעם רעזולטאַט פון דעם קריג, דערצו זיינען זיי געווען גרויסע פייגלינגען (טרוסען) און האָבען פערלאַנגט פרידען. די פירסטען האָבען פערשפּראָכען גנאָדע צו די בויערן נאָר דאַן, ווען זיי וועלען ארויסגעבען זייער פיהרער. עס האָבען זיך פערשוואָרען צוויי, אַ פּריסטער און אַן עדעל-מאַן, וועלכע האָבען צוגערעדט דאָס פאָלק איבערצוגעבען מינצער'ן. דיזער אָבער האָט געהייסען אַרונטערנעהמען זיי די קעפּ, און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין רעדנערקראַפט האָט ער זיינע אַנהענגער בעגייסטערט.

די בויערן האָבען אין דיזען שטרייט געהאַט אַ פאַלשטענדיגע נידער-לאַגע, ווי מען האָט עס געמוזט ערוואַרטען, נעהמענדיג אין בעטראַכט זייער שלעכטע בעוואָפנונג און זייער אונבעקאַנטשאַפט מיט דער קריגס־קונסט. איבער 5,000 פון די בויערן זיינען געפאַלען אין שלאַכטפעלד און מינצער איז געפאַנגען געוואָרען. מינצער איז אָבער ביי זיך ניט געווען געפאַלען. ווען מען האָט איהם געבראַכט פאַר די פירסטען און דיזע האָבען פון איהם געפאָדערט דין וחשבון פיר זיינע מעשים, האָט ער געענטפערט, דאָס ער האָט מיט זיי געהאַנדעלט גערעכט, ווייל זיי האָבען געזינדיגט געגען גאָט און געגען דער הייליגער שריפט, ווייל זיי האָבען בערויבט זייערע ברידער, די קריסטען, די פרייהייט, וואָס גאָט האָט זיי געגעבען, און האָבען זיי אונ-ערבאַרמדיג געדריקט. מען מוז די פירסטען האַלטען אין אַ צוים, ניט לאָזען זיי טאָן וואָס זיי ווילען. די פירסטען האָבען איהם דערפאַר שרעקליך גע-פּייניגט און אונמענשליך געמאַטערט.

נאָך דעם, ווי די פירסטען האָבען מינצער'ן געגוג אָנגעמאַטערט אויף דער פאָלטער, האָבען זיי איהם צוגעבונדען צו א וואָגען און האָבען איהם געשיקט צום גראַף פון מאַנספעלד, צו וועמען ער האָט פריהער געשריבען „איך פאָהר צו דיר". דאָרט האָט מען איהם איבער־א־נייס גענומען פאָל־טערן. פון די גרויסע יסורים איז ער געוואָרען שרעקליך קראַנק און עס האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען א ברענענדער פיבער, אין וועלכען ער האָט אויס־געטרונקען 12 קאַנען וואַסער. פון דעם גראַף פון מאַנספעלד האָט מען איהם אָפּגעפיהרט צו די פירסטען צוגעשמידט צו דעם זעלביגען וואָגען, אום דאָרט אראָפּצונעהמען איהם דעם קאָפּ. פאַר זיין טויט האָט ער געהאַלטען א ריה־רענדע רעדע פאַר די פירסטען, און האָט זיי געבעטען, דאָס זיי זאָלען האָבען רחמנות אויף זייערע אונגליקליכע אָרימע אונטערטאַנען, די בויערן, און זיי בעהאַנדלען מענשליכער, ניט דריקען אַזוי שטאַרק. ער האָט זיי געראַטען צו לעזען פלייסיג די הייליגע שריפט, איבערהויפּט האָט ער זיי רעקאָמענדירט צו לעזען פון תנ"ך ספר שמואל און ספר מלכים, ווייל דאָרטען וועלען זיי זעהען וואָס פיר א פינסטערען סוף עס האָבען געהאַט אַלע טיראַנען. נאָך דעם, ווי ער האָט זיין רעדע געענדיגט, האָט מען איהם ארונטערגענומען דעם קאָפּ און אָנגעשלאָגען אויף א הויכען זייל. דעם זעלבען שיקזאַל איז געווען אונטערוואָרפען זיין טרייער חבר פּפייפער.

די מיהלהויזענער, אום צו רעטען זיך פון בעשטראָפונג פיר זייער אויפ־פיהרונג אונטער מינצער'ס לייטונג, האָבען געשיקט צו די פירסטען אין לאַגער 600 פרויען באָרפיסע אין צוריסענע קליידער, און 500 יונגפרויען מיט צוריסענע קליידער, און האָבען געבעטען די פירסטען, אז זיי זאָלען ניט בעשטראָפען די אונשולדיגע. די פירסטען האָבען בעגנייט זייער פערשפּרע־כען. די אַלטע פערפאַסונג איז אריין צוריק אין קראַפט. דער בירגערמייס־טער מיט פיעלע פון די אָנגעזעהענע בירגער זיינען אָהן דין ומשפּט הינגע־ריכטעט געוואָרען. די שטאָדט האָט זיך געמוזט פערפּליכטען צו צאָהלען יעהרליך צו יעדען פירסט 300 גאָלד־גולדען. אויסער דעם האָבען זיי זיך פערפּליכטעט צו בעצאָהלען 40,000 גאָלד־גולדען שאָדען צו אייניגע פיר־סטען, וועלכע זיי האָבען בערויבט און אָנגעטאָן שאָדען אין דער צייט פון אויפשטאַנד. ווען מינצער'ס יונגע שוואַנגערע פרוי איז געקומען צו די פיר־סטען אין לאַגער וועגען עטוואָס, האָט זי א ריטער געוואַלט פערגוואַלטיגען. ווען לוטהער האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט ער געזאָגט: „איך האָב פאַר צוויי זאַכען מורא געהאַט — אויב די בויערן וועלען זיגען, וועט דער־

טייפעל ווערען זייער אבט; און ווען די הערדען וועלען זיגען, וועט זיין מו־טער ווערען די אבטיסין".

אין דעם קריג צווישען די בויערן און די פירסטען איז לוטהער געווען געגען די בויערן. ער איז געווען א שטארקער געגנער פון מינצער'ן. ער האט בעהויפטעט, דאס נאר פאלשע פראפעטען פעראייניגען דאס עוואנגע־ליום מיט א רעוואלוציאן. ער האט אויף די 12 ארטיקלען ניט געלעגט קיין געוויכט, און די פערזאמלונגען פון די בויערן האט ער גערופען ניט אנדערש ווי „מערדערישע און רויבערישע ראטעס". די פירסטען האבען יעצט געטאן מיט די בויערן וואס זיי האבען געוואלט: זיי האבען זיי פערשמיסען, זיי הא־בען זיי געווארגען, געשטאכען אין געהיים און אפען, זיי האבען זיי פער־פאלגט ווי משוגע'נע הינט. לוטהער האט אין זיין רעפארמאציאן געהאט אין אויסזיכט נאר די פירסטען און די בירגער; וועגען די בויערן האט ער זיך גאר ניט פערטראכט. און ווען מען האט איהם אנגעהויבען מאכען פאר־ווארפען, דאס זיינע אידעען האבען געבראכט צו דעם בויערן־אויפשטאנד, האט ער אנגעפאנגען אפען ארויסצוטרעטען געגען די בויערן.

„דער קריסט", זאגט לוטהער אין איינעם פון זיינע ווערק, „מוז זיין געהארזאם צו זיין הערר, ער מוז זיך געדולדיג לאזען שינדען און דריקען פון דעם אדעל, ווייל ער איז בעשטימט צו זיין א מארטירער אויף דער וועלט. דער וואהרער, עכטער קריסט מוז אפגעבען זיין ראק צו דעם, ווער עס האט זיין מאנטעל ארונטערגעריסען; ער מוז אונטערשטעלען זיין אנדערע באק צום שלאגען צו דעם, ווער עס האט איהם געפאטשט אין דער ערסטער באק. דער אמת'ער קריסט טאר זיך ניט נעהמען פיר דאס געוועהר אום צו שטרייטען פיר זיינע רעכטען, נאר ער דארף געבען זיין לייב און געלט צו דעם, וואס וויל עס רויבען. ליידען און ליידען — דאס איז דאס איינציגע רעכט פיר דעם אמת'ן קריסט".

אין אן אנדער שטעלע זאגט ער: „די רעגירונג מוז דעם פעבעל טריי־בען, שלאגען, ווערגען, הענגען, ברענען, קעפען און רעדערן, אום זיי זאלען האבען מורא, און דאס פאלק מוז מען האלטען אין צוים". דיזע געדאנקען האט ער ארויסגעזאגט, ווייל ער האט מורא געהאט, אז מען זאל ניט זאגען, דאס זיינע רעפארמעס האבען מיטגעהאלפען צו דער רעוואלוציאן פון די בויערן. אויך לוטהער'ס בעסטער פריינד, דער מאנספעלדישער קאנצלער מילער, האט איהם שטארק אנגעגריפען פיר זיין בלוטדורסטיגע אונבארמ־הערציגקייט.

די צושטערונג פון אַ בורג.

דער צושטאַנד פון די בויערן איז איבעראַל געוואָרען זעהר שלעכט. די פירסטען האָבען זיך איבער זיי בעמעכטיגט און האָבען איבעראַל דעם אויפשטאַנד געדריקט און געשטיקט. גייער האָט געפּרובט נאָך אַ פּאָאָר מאָל מיט די בויערן זיך שטעלען געגען די פירסטען און די אַדעליגע, אָבער ער האָט יעדעס מאָל געליטען אַ נידערלאַגע. ענדליך איז ער זעלבסט ערמאָרדעט געוואָרען דורך די האַנט פון זיין שוואָגער גרומבאַך (9טען יוני).

נאָכדעם האָבען די בירגער און די בויערן פערלאָרען דעם גאַנצען מוט. די בויערן אין ווירצבורג האָבען זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו די פירסטען אויף גנאַדע אָדער אונגנאַדע. דעם 8טען יוני האָבען די פירסטען אַריינגע-



סצענע פון דעם בויערן־קריג: דער טויט פון אַן אַבט.

טרעטען אין ווירצבורג. ארום די מויערן האָבען גערייטען רייטער פון די אַדעליגע אום ניט צו דערלאָזען, דאָס אימיצער זאָל זיך קענען רעטען און ענטלויפען. ווען די זיגער זיינען אַריין אין שטאָדט, האָבען זיי געגעבען אַ בעפעהל, דאָס די בירגער פון ווירצבורג זאָלען זיך פערזאַמלען אויף'ן מאַרק, די אַנדערע בירגער פון לאַנד אויף'ן אידישען קוואַרטעל, און די בויערן אויף דעם רעננוועג. דיזע אַלע דריי פּלעצער זיינען באַלד אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט רייטער. נאָכדעם זיינען געקומען די פירסטען מיט די אַדעליגע און זיך געשטעלט פאַר די בירגער, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר זיי מיט הוילע קעפּ, און האָבען זיי אָנגעזאָגט, דאָס צוליב זייער בונט מוזען זיי אַלע פערלירען



היגריכטונג אויף דעם עשאפאָט.

זייער לעבען. אָבער נאָך אַ לאַנגער בעראַטונג האָבען די פירסטען בעשלאָסען צו היגריכטען נאָר די הויפט־רעדעלפיהרער פון די בירגער אונגעפעהר אַ 20 פּערזאָן, איבער 50 בירגער זיינען געוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס. 13 זיינען שפּעטער געוואָרען געקעפּט און די איבריגע זיינען בעשטראָפט געוואָרען מיט גרויסע סומעס געלט. נאָכדעם זיינען די פירסטען און די אַדעליגע געקומען צום יודען־מאַרק, וואו עס זיינען געשטאַנען פּערזאַמעלט די בירגער פון אַנדערע שטעדט פון לאַנד. אויך דאָ האָבען זיי היגעריכטעט די אָנפיהרער און די איבריגע האָבען זיי בעשטראָפט מיט געלט. די גרעסטע שחיטה איז געווען צווישען די בויערן. איין יונגער בויער האָט אויסגעשריען: „איך האָב מיך אין מיין לעבען נאָר צוויי מאָל אָנגעגעסען זאַט מיט ברויט, און יעצט זאָל איך אַזוי יונג שטאַרבען, ווייל איך האָב מיך געוואָלט פערזאָרגען אויף מיין לעבען מיט ברויט”. נאָך דער גרויסער שחיטה, וועלכע די פירסטען און די אַדעליגע האָבען קאַלטבלוטיג צוגעזעהען, האָבען זיך די זיגער גענומען צום שבור'ן אויף וואָס די וועלט שטעהט. 8 טעג נאָכאַנאַנד האָבען די פירסטען געברענט די שטעדט און די דערפער פון דער אומגעגענד פון ווירצבורג. די מערדערייען פון גראַף קאַזימיר איז שווער צו בעשרייבען. ער האָט פיעלע פון די בירגער געהייסען אַרויסנעהמען די אויגען און האָט זיי מיילען ווייט פון שטאָדט געלאָזט בלאָנדזשען, און האָט אָנגעזאָגט, דאָס ווער עס וועט זיך ערלויבען צו געבען זיי הילף און צופיהרען צו אַ שטאָדט אָדער אַ דאָרף, וועט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט. אויף דיזען אופן האָבען די זיגער געהאַנדעלט מיט אַלע שטעדט אין דייטשלאַנד. פיעלע זיינען ערמאָרדעט געוואָרען, נאָך מעהר זיינען אין די געפענגניסען געוואָרפען געוואָרען, און די פערמעגליכע זיינען דורך גרויסע געלט־שטראָפען פעראָרימט געוואָרען. זיי האָבען צוברענט און פערוויסטעט אַ גרויסען טייל לאַנד. איבער 100,000 בויערן זיינען היגעריכטעט געוואָרען. די צאָהל פון די געפאַלענע אין די שטרייטען מוז זיין פיעל גרעסער. אָבער ניט נאָר די וועלטליכע פירסטען האָבען אַזוי אונמענשליך געהאַנדעלט מיט די בירגער און די בויערן, נאָר אויך די בישאָפען, וועלכע האָבען אין אייניגע פעלען געצייגט געגען די אָרימע בויערן נאָך מעהר גרויזאַמקייט ווי די פירסטען און די אַדעליגע. אויך זיי, די בישאָפען, זיינען געגאַנגען מיט זייערע בעוואפענטע סאָלדאַטען פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָדט צו שטאָדט, האָבען געראַובט, געפּלינדערט, געברענט און געמאָרדעט די אָרימע בויערן אָדער די פּראָלעטאַריער אין די שטעדט, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבען געוואַגט זיך צו ערלויבען צו וועלען פערלייכטערן אַ ביסעל זייער געדריקטע לאַגע. די

סומע פון די היזקות, וואָס די פייערן פוןביידע זייטען, פון די פירסטען און פון די בויערן, האָבען אָנגעמאַכט, איז ניט אויסצורעכנען און ניט אָפּצושאַ־צען. דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרען פערוויסטעט פון דעם בויערן־קריג, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס.

פיעל טרויעריגער האָט געווירקט אויף די מאַסע בעזיגטע דאָס געפיהל פון פערצווייפלונג. די בויערן האָבען פיר זיך ניט געזעהען קיין שטראַהל פון האָפנונג צו פערבעסערן זייער לאַגע. דאָס פאָלק איז פון פערצווייפלונג פערשטומט געוואָרען. די רוה נאָך דעם קריג איז געווען די רוה פון אַ בית הקברות. יאָהרען־לאַנג האָט מען צווישען די בויערן ניט געהערט וועלכען עס איז געזאַנג אָדער אַ שטימע פון אַ מוזיקאַלישען אינסטרומענט. די שטימונג און נייגונג צו טרויער האָט געהערשט אין פאָלק אייניגע דורות נאָכאַנאַנד. דאָס פאָלק, דאָס אָרימע פאָלק, האָט אָנגעהויבען צווייפלען אין דער וואַהר־הייט פון די נבואות פון דער ביבעל, וועלכע האָבען נביאות געזאָגט, דאָס ענדליך וועלען די אָרימע אויפהערען צו ליידען; זיי האָבען זאָגאַר אָנגעהויבען צו צווייפלען אין דער השגחה פון גאָט. „וואָס פּרעדיגט דאָרט דער נאַרישער גייסטליכער פון גאָט?" פלעגען די בויערן זעהר אָפט זאָגען איינער צום אַנדערן. ווער וויים וואָס גאָט איז, אָדער אויב עס איז גאָר דאָ אַ גאָט?"

אזוי האָבען די בויערן פערלאָרען יעדע האָפנונג אויף הילף פון אַ געט־ליכער מאַכט. זיי זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס זייער לאַגע קען ניט און וועט ניט ווערען בעסער. די קירכע האָט אָנגעהויבען צו דרש'ע־נען, דאָס די ליידען פּאַסען צום געוועהנליכען מענשען, ווי עס פּאַסט דעם קעניג זיין טראָן.

דער רעזולטאַט פון דיזען פרייהייטס־קאַמף פון די דייטשען איז גע־ווען — פיר די בויערן אַ סיסטעמאַטישע קנעכטונג, פיר די פירסטען אַ פיעל גרעסערע טעריטאָריאַל־מאַכט. די בויערן האָבען איינגעשטעלט זיי־ער לעבען און געקעמפפט מיט דעם קלענערן אַדעל אום צו פערשאַפען די פיר־סטען מעהר לאַנד און מעהר מאַכט. די נידערלאַגע פון די בויערן איז גע־ווען די מפּלה פיר די ריטער, אָדער דעם קלענערן אַדעל. דערמיט איז פער־ניכטעט געוואָרען די זעלבשטענדיגקייט פון דעם אַדעל, זיי זיינען געוואָרען פאַלשטענדיג אָפּהענגיג פון די פירסטען.

דער פירסטליכער אַבסאָלוטיזם האָט דורכגעבראָכען אַלע שטערונגען, וואָס דער אַדעל האָט די פירסטען געשטעלט אין וועג, און די פירסטען האָ־בען בעהערשט ניט נאָר די בויערן, נאָר אויך דעם אַדעל. דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט זאָגאַר צו טרוימען וועגען פרייהייט.

ה. די ענטוויקלונג פון דער רעפאָרמאַציאָן.

מיר האָבען עס שוין פריהער געזעהען, דאָס פראַנץ דער 1טער פון פראַנקרייך איז דורך די שלאַכט פון מאַריניאַנאָ געוואָרען דער הערשער פון מאַילאַנד, גענוא, און אַ גרויסען טייל פון לאָמבאַרדיע. אָבער באַלד ווי קאַרל דער 5טער איז געוואָרען קייזער איבער דייטשלאַנד, האָט ער געזעהען צוריק-

קאַרל דער 5טער.

קעהרען צו דייטשלאַנד דאָס לעהן-רעכט איבער איטאַליען. דאָס האָט גע-פיהרט צו אַ קריג צווישען דייטשלאַנד און פראַנקרייך. די שווייצער האָבען געהאַלטען מיט פראַנקרייך, און פיעלע דייטשע לאַנדס-קנעכט האָבען גע-האַלטען מיט דייטשלאַנד. אויסער דעם האָבען געהאַלטען מיט'ן קייזער דער

פאַפּסט, דער קעניג פון ענגלאַנד און ווענעציא. פראַנקרייך איז געגען דיזע פעראייניגטע קרעפטען געווען צו שוואך.

קארל האָט עראָבערט מאַילאַנד און גענוא. די פראַנצויזען זיינען דורך די אַלפּען צוריקגעטריבען געוואָרען אין פראַנקרייך. די פראַנצויזען האָבען געפּרובט נאָך אַ מאָל אָפּנעהמען דאָס לאַנד, אָבער זיי זיינען ווידער גע-שלאָגען געוואָרען. דערפאַר האָט קארל געהאַט אַ מפּלה ביי זיין אָנגרייפען מאַרסעיל. דיזער פאַקט האָט געגעבען פראַנץ'ן מוט איבער-אַ-נייס אָנצופאַנ-גען אַ שטרייט מיט קארל'ען. ער איז ווידער אריבער די אַלפּען, און דיזעס מאָל האָט ער פון קארל'ען אָפּגענומען צוריק די לענדער אין איטאַליען ביז טעססין. דעם 24טען פעברואר 1525 איז צווישען די צוויי קעניגען ווידער פאָרגעקומען אַ שלאַכט און די פראַנצויזען האָבען ווידער געהאַט אַ שרעק-ליכע מפּלה. פראַנץ זעלבסט האָט זיך געמוזט אונטערגעבען און געהן אַלס געפאַנגענער נאָך מאַדריד. איבער 10,000 פראַנצויזישע קריגער זיינען דא-מאָלס געפאַלען אויף'ן שלאַכטפעלד. אין מאַדריד האָט פראַנץ געמוזט אונ-טערשרייבען אַ פרידען, וועלכען ער האָט פיר קיין פאַל ניט געהאַט אין זינען ווירקליך צו ערפילען. ער האָט דאָס אונטערגעשריבען נאָר אום צו בעקומען זיין פרייהייט. די ערגסטע פון זיינע בעדינגונגען זיינען געווען — ארויס-צוגעבען בורגונדיע און זיך ענטזאַגען פון מאַילאַנד.

ווי נאָר פראַנץ האָט בעקומען זיין פרייהייט איז דער פּאַפּסט באַלד ארי-בער אויף זיין זייט. פריהער פון אַלעס האָט ער איהם מתיר געווען זיין שבועה, וואָס ער האָט געגעבען צו קארל'ען, צו ערפילען ריכטיג די בעדינגונ-גען פון פרידען, וואָס ער האָט געשלאָסען אין מאַדריד. נאָכדעם האָט ער געשלאָסען אַ בונד מיט היינריך'ן דעם קעניג פון ענגלאַנד און מיט איי-ניגע איטאַליענישע פירסטען, אַ בונד, וועלכער איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „די הייליגע ליגא". דער צוועק פון דעם בונד איז געווען אָפּצו-שוואַכען די מאַכט פון שפּאַניען. אָבער די לאַגע פון קייזער איז גע-ווען פּעסט. איבערהויפּט זיינען געווען מיט'ן קייזער פיעלע פון די לוטהע-ראַנישע פירסטען, וועלכע זיינען געווען זעהר בייז אויף'ן פּאַפּסט. עס האָט אָבער געפעהלט געלט. די סאָלדאַטען האָבען געמאַכט אַן אָפענעם אויפ-שטאַנד. ווען די סאָלדאַטען האָבען זיך אַ ביסעל בערוהיגט האָבען זיי גע-פאָדערט מען זאָל זיי פיהרען נאָך רוים. דעם 6טען מאַי 1527 האָבען די דייטשע און די שפּאַנישע סאָלדאַטען בעשטיגען די מויערן פון רוים. באַלד זיינען זיי אריין אין שטאָדט און האָבען זי שרעקליך בערויבט. די רויבעריי האָט געדויערט וואָכען-לאַנג. ערגער פון אַלעמען זיינען בעהאַנדעלט געוואָ-

רען די גייסטליכע. דעם קאַרדינאַל קאַיעטאַן, לוטהער׳ס ביטערער געגנער, האָבען זיי געשלעפּט מיט בזיונות איבער די גאַסען. אַן אַנדערען קאַרדינאַל האָבען זיי געפיהרט אין אַ טרונע־וואַגען אום צו בעגראָבען איהם לעבעדיגער־הייד, ווען ער וועט זיי ניט געבען אַן אונגעהייערע סומע אויסקויף־געלט. אַלע רייכע פּאַלאַצען און וואוינונגען זיינען בערויבט געוואָרען, אַלע קירכען זיינען אויסגעלעדיגט געוואָרען פון זייערע טייערע כלים און צירונג. עס זיי־נען געווען סאַלדאַטען, וועלכע האָבען אַנגעראַבעוועט צו 20 און צו 40 טוי־זענד דוקאַטען יעדער. איבער אַ מיליאָן דוקאַטען איז דאַמאָלס געראַבט געוואָרען.

דער פּאַפּסט קלעמענס איז געווען איינגעשלאָסען אין ענגעלסבורג. זיין בעפרייאונג פון דאָרט האָט ער געמוזט קויפען מיט זעהר שווערע בעדינגונגען, און איז פון דאָרט ענטלאָפען קוים מיט׳ן לעבען.

די סאַלדאַטען זיינען פון זייער רויבגיריגקייט זעהר פערדאָרבען געוואָ־רען. קיין דיסציפּלין האָבען זיי מעהר ניט געוואָלט וויסען, אַזוי דאָס זיי זיינען געוואָרען אונפעהיג צו שטרייטען. די פראַנצויזען האָבען עס גוט גע־וואוסט, און האָבען זיך מיט דיזען צושטאַנד בענוצט. זיי האָבען זיך איינ־געריסען אין איטאַליען און האָבען דערגרייכט זאָגאַר נעאַפּעל, אום דיזעס קע־ניגרייך אָפּצורייסען פון די שפּאַניער. אָבער דער גענועזער אַנדרעאַס דאָ־ריאַ איז דעם קייזער גיך געקומען צו הילף, האָט צושלאָגען די פראַנצויזישע אַרמעע, פון וועלכער עס האָט אויך צום אונגליק אַ וויטענדע פּעסט פיעלע פער־ניכטעט, און זיי האָבען אָנגעפאַנגען געשווינד און ניט אין געהעריגער אָרד־נונג אָפּצוטרעטען צוריק. אָבער אויך פון קייזער׳ס זייט זיינען פיעלע וואַסאַ־לען אָפּגעפאַלען, אַזוי דאָס ביידע זייטען זיינען געווען געניגט און כמעט גע־צוואונגען צו שליסען פרידען. און ווירקליך איז אין יאָהר 1529 געשלאָסען געוואָרען אַ שלום, וועלכער איז בעוואוסט מיט דעם נאָמען „דער דאַמענפרי־דען פון קאַמברעי“. לויט דיזען פרידען האָט זיך פראַנץ ענטזאָגט פון נעאַ־פּעל און האָט דעם קייזער געצאָהלט 2 מיליאָנען קראָנען און דערפאַר איז ער געבליבען הערשער איבער בורגונד. אויך דער פּאַפּסט און אַנדערע איטאַליע־נישע הערשער האָבען אָנערקענט די הערשאַפט פון קייזער איבער איטאַליען. קאַרל איז דורך דעם פּאַפּסט קלעמענס אין באָלאָניאַ געוואָרען געקרוינט מיט דער לאָמבאַרדישער און רוימישער קרוין אַלס רוימישער קייזער. דיזער פרי־דען האָט געקראָגען דעם נאָמען „דער דאַמענפרידען“, ווייל ער איז געשלאָ־סען געוואָרען דורך די פערמיטלונג פון דריי דאַמען פון די קעניגליכע פאַ־מיליעס.

די שטראָף, וואָס מען האָט בעשטימט אין וואָרמס פיר לוטהער'ן פיר זיינע רעפאָרמאַטאָרישע אידעען, איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען, הגם דער פּאַפּסט אדריאַן דער 6טער האָט עס זעהר שטאַרק געפאָדערט, און האָט אויך פערשפּראָכען צו רעפאָרמירען די קירכע געזעצליך. די נייע אָנזיכטען זיינען שטאַרק געפעלען געוואָרען אַלע קלאַסען, און באַלד איז וויטטענבערג, וואוהין לוטהער איז ענטלאָפען צו בעשיצען זיך פון זיינע פיינד, געוואָרען דער הויפּט-ציציהונגס-פּונקט פיר די דייטשע סטודענטען. פון וויטטענבערג האָט לוטהער אָנגעהויבען ארויסצושיקען טיילען פון זיין ביבעל-איבערזעצונג און זיינע אַנדערע שריפטען. דאָ האָט אויך געווירקט דער גרויסער פערעהרער פון לוטהער'ס לעהרע פיליפּ מעלאַנכטהאָן.

מעלאַנכטהאָן (אייגענטליך שוואַרצערד) איז געבאָרען געוואָרען דעם 16טען פעברואַר 1497 אין ברעטטען. זיין פאָטער איז געווען א וואַפען-שמיד. ער איז געווען א פלעמעניק פון דעם בעריהמטען געלעהרטען רייכלין. ווען ער איז אַלט געווען 12 יאָהר האָט ער שוין געהאַט אריינגעטרעטען אין אוני-ווערזיטעט אין היידעלבערג, פון וואַנען ער איז נאָכדעם אוועק נאָך טיבינגען. צו 16 יאָהר האָט ער שוין געשריבען א גריכישע גראַמאַטיק. אין יאָהר 1518 איז ער געוואָרען לעהרער פון גריכיש אין דער אוניווערזיטעט פון וויטטענ-בערג. דיזע שטעלע האָט ער בעקומען צוליב רייכלין'ס רעקאָמענדאַציע. אָבער עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען, דאָס ער איז די שטעלע ווירקליך ווערט. אין א קורצער צייט האָט ער בעקומען איבער 2,000 צוהערער. קערפּערליך איז ער געווען זעהר קליין און מאָגער, אַזוי דאָס ווען ער איז געשטאַנען נעבען דער מעכטיגער פיגור פון לוטהער'ן האָט ער אויסגעוויזען ווי א אינגעל. אָבער אַלס געלעהרטער האָט ער אין זיין צייט קיין גלייכען צו זיך ניט געהאַט. ער האָט געווירקט שטיל און רוהיג, ניט ווי לוטהער. „איך בין געבאָרען צו שטרייטען", האָט לוטהער געזאָגט, „דארום זיינען מיינע ביכער שטירמיש און קריגעריש, אָבער מאַגיסטער פיליפּ מעלאַנכטהאָן געהט זיין וועג שטיל, ער בויט און פלאַנצט, זעעט און בעגיסט מיט לוסט, און דערצו האָט איהם גאָט געגעבען זיינע מתנות מיט איבערפלוס".

אין אַנדערער בעוואוסטער אָנהענגער פון לוטהער'ן איז געווען האַנס זאַכס. מאָנאַכען און גייסטליכע האָבען זיך מאַסענוויוז איבערגעגעבען צו דער נייער לעהרע, אָבער מעהר פון אַלע האָט זיך צו דער נייער לעהרע אי-בערגעגעבען מיט לייב און לעבען דאָס דייטשע בירגערטום. עס איז זעהר אָפט געקומען צו שטרייטיגקייטען צווישען וועלטליכע און גייסטליכע רעכ-טען, איבערהויפּט אין די ערטער, וואו דער הויפּט-הערשער איז געווען א בי-

שאָף אָדער אַן אַנדער סאָרט גייסטליכער. איבערהויפּט איז דער גייסטלי-
כער עלעמענט געווען שטארק פערהאַסט אין דייטשלאַנד, ווייל דאָרט האָט
מען די קלעריקאַלען מעהר און בעסער געקענט ווי אין אַלע אַנדערע לענדער,
און ווייל דייטשלאַנד האָט מעהר ווי אַלע אַנדערע געליטען פון גייסטליכע.
לוטהער׳ס געדאַנקען האָבען זעהר געשטימט מיט די געדאַנקען פון די בירגער.

פיליפּ מעלאַנכטהאָן.

די גרעסטע שטיצע האָט די רעפאָרמאַציאָן בעקומען, ווען לוטהער האָט זיך געווענדעט מיט זיינע רעפאָרמעס צו די פירסטען. דיזע זיינען געווען דער אָנפאַנג פון שטאַאַטס-מאַכט, די פּאָליטישע איינהייט פון דער צוקונפט. אויב די נייע קירכליכע אָרגאַניזאַציאָן קען זיך גרינדען און שטיצען אָן דעם שטאַאַט און ענטוויקלען זיך אונטער זיין מאַכט, דאַן איז זי געזיכערט מיט איהר עקסיסטענץ. לוטהער האָט עס גוט פערשטאַנען, און דעריבער

האָט ער געמאַכט זיין רעפאָרמאַציאָן דאָס ווערקצייג פון די פירסטען. צו ענדע פון יאָהר 1524 האָט ער פערלאַנגט, דאָס דער שטאַאַט זאָל בעשטראָפען פיר גאָט־לעסטערונג, אַ שטראָף, וואָס פריהער איז זי געווען אויסשליסליך אין די הענט פון דער קירכע; אויסער דעם האָט די רעפאָרמאַציאָן געפאָדערט, דאָס מען זאָל אָפּנעהמען פון דער קירכע און פון די גייסטליכע זייערע גיטער. דער קליינער וועלטליכער אַדעל איז שוין געווען פערניכטעט. יעצט וועט די רעפאָרמאַציאָן פערניכטען אויך דעם גייסטליכען אַדעל און וועט זייערע טעריטאָריעס צוגעבען צו די טעריטאָריעס פון די פירסטען. ווי האָבען אַלזאָ די פירסטען געקענט ניט אָנערקענען לוטהער׳ס רעפאָרמאַציאָן? דאָס האָבען דאָך פערלאַנגט מיט זייער גאַנצען לייב און זעעלע אפילו די גוט קאַטאָליש־געזאָנענע פירסטען!

די רעגירונג, וואָס האָט איינגעשטימט צו דער רעפאָרמאַציאָן, האָט גע־קענט גאַנץ רוהיג אויף׳ן גרונד פון די נייע פרינציפּען אָנאייגנען זיך אַלע גייסטליכע גיטער, און דעריבער זיינען זיי, די פירסטען, געווען אַזוי טעטיג אין פאַרבערייטען דאָס געטליכע וואָרט לויט דער נייער לעהרע. די פעראייניגונג פון די גייסטליכע גיטער מיט דער וועלטליכער מאַכט איז געוואָרען איינס פון די הויפּט־פרינציפּען פון דער רעפאָרמאַציאָן, און דעריבער זיינען זאָגאַר פיעלע פירסטען, אָנהענגער פון פּאַפּסט, געוואָרען לוטהעראַנער, אום זיי זאָלען קענען די גייסטליכע גיטער ציהען צו זיך.

די פירסטען און די מאַגיסטראַטען פון די שטעדט זיינען געוואָרען ניט נאָר הערשער איבער די קירכליכע גיטער, נאָר זיי זיינען אויך געוואָרען הער־שער איבער די קירכען זעלבסט, וועלכע זיינען געוואָרען מעהר וועלטליך ווי גייסטליך. די גלויבענס־לעהרע איז געשטעלט געוואָרען אונטער דער מאַכט און אויפזיכט פון דער וועלטליכער מאַכט. די רעליגיאָן איז געוואָרען אַ שטאַאַטס־רעליגיאָן, די אַלע קירכליכע אַנשטאַלטען זיינען געקומען אונטער די אויפזיכט פון דער וועלטליכער מאַכט. דער ערסטער, וואָס האָט זיך אָנ־געאייגענט די גאַנצע קירכליכע מאַכט, איז געווען דער לאַנד־גראַף פיליפּ פון העססען, און האָט געהערשט איבער דער קירכע אַלס אַן ערץ־בישאָף. אין סעפּטעמבער 1526 האָט איהם מעלאַנכטהאָן געבעטען, דאָס ער זאָל זיך אריינמישען און אויסגלייכען די סכסוכים צווישען די פּרעדיגער. פיליפּ האָט בעשטעלט נייע פּרעדיגער, האָט אַרויסגעגעבען נייע קירכען־אָרדנונגען פון זיין אייגענעם נאָמען, האָט אריבערגעטראָגען אַלעס, וואָס בעטרעפט צו היי־ראַטס־אַנגעלעגענהייטען צו דער פירסטליכער קאַנצעלאַריע, און האָט עס אין גאַנצען צוגענומען פון דער קירכע; ער האָט בעשטימט נייע תשובה־טעג און

געבעט־טעג, ער האָט איינגעפיהרט נייע קאַטעכיזיסען (רעליגיאָנס־ביכער). און האָט בעפוילען די גייסטליכע צו שאַפען זיך געוויסע ביכער, וועלכע ער האָט געפונען פיר גוט פיר די גייסטליכע און פיר די רעליגיאָן. ער האָט גע-לאָזט וויסען, דאָס ער איז בעשטימט צו פיהרען די בלאַנדזשענדע שאָף אויף׳ן ריכטיגען וועג פון דער רעליגיאָן, און פיר זיינע מעשים אין דיזער הינזיכט איז ער פעראַנטוואָרטליך נאָר פאַר גאָט. דער רעקטאָר און די פערוואַלטונג פון אוניווערזיטעט האָבען געגעבען זייער הסכמה צו דיזע אַלע פעראָרדנונגען פון דעם גראַף, און האָבען זיינע געגנער אָנגערופען גאָט־לייקענער, טייפעלס-קינדער. דערצו האָט פיעל געהאָלפען לוטהער׳ס עהרפורכט פאַר דעם שטאַאַט. ער האָט די פירסטען בעצייכענט כמעט אַלס געטער. די אונטערטאַנען האָט ער פערזאָגט צו האַלטען זיך ווייט פון יעדער קריטיק־אויף די אָרדנונגען פון דער וועלטליכער מאַכט און זיי זאָלען אַלע געבאָטען פון זייערע הערשער בע-טראַכטען און פאָלגען ווי געבאָטען פון גאָט. דאָס אַלעס צייגט אויף לוטהער׳ס קנעכטישע אונטערוואָרפענהייט אונטער דער אונבעשרענקטער מאַכט פון די פירסטען.

אין אָנפאַנג האָט לוטהער נאָר פערלאַנגט, דאָס די געמיינדעס זאָלען אַליין פערוואַלטען זייערע קירכליכע אינטערעסען. אין זיין ווערק, וואָס ער האָט ארויסגעגעבען אין יאָהר 1523, האָט ער געפאָדערט, דאָס די געמיינדע זאָל האָבען דאָס רעכט און די מאַכט „צו אורטיילען איבער אַלע רעליגיאָנס-לעהרעס, אָנשטעלען רעליגיאָנס־לעהרער און זיי אָפזאָגען". און אין דיזען זין זיינען דאַמאָלס געמאַכט געוואָרען אייניגע רעפאָרמעס. אַזוי, צום ביי-שפיל, זיינען די געמיינדע־זאַכען אין לייסניג און מאַגדעבורג געוואָרען איינ-געאָרדענט אַזוי, דאָס די אַלע קירכליכע און בירגערליכע אַנגעלעגענהייטען זיינען געוואָרען געפיהרט דורך אַ פערוואַלטונג פון פאָרשטעהער און קאָנט-ראָלירט פון דער גאַנצער געמיינדע. אָבער די ערסטע פּראָבעס אין לייסניג און מאַגדעבורג זיינען ניט געלונגען, און דאָס האָט לוטהער׳ס פּלאַן צושטערט. לוטהער האָט אָנגעהויבען מורא האָבען, דאָס די רעוואָלוציאָן פון די בויערן וועט צושטערען זיין גאַנצען פּלאַן פון רעפאָרמאַציאָן, און וועט איבערהויפּט ערוועקען מיסטרויען ביי די פירסטען. און דעריבער האָט ער בעשלאָסען זוכען הילף דורכצופיהרען זיינע אידעען דורך דעם שטאַאַט. און אַזוי איז דער קעמפער פון געוויסענס־פרייהייט און קירכליכער אונאָפּהענגיגקייט גע-וואָרען אַ פערטיידיגער פון געוויסענס־צוואַנג און שטאַאַטס־מאַכט.

אויך אין אַלע איבריגע פראַגען פון קירכליכער אָרגאַניזאַציאָן איז לו-טהער באַלד געוואָרען אונטריי צו זיינע ערסטע אידעאַלען.

ווען לוטהער׳ס רעפאָרמאַציאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען פערברייטען מעהר און מעהר, האָבען זיך איינינע פירסטען אין זיד־דייטשלאַנד פערבונדען צו האַלטען די רעפאָרמאַציאָן וויים פון זייערע געביטען. אין דיזען פערבאַנד זיינען געווען: די הערצאָגען פון באַיערן, פערדינאַנד פון עסטרייך, און די מעהרסטע בישאָפען פון זיד־דייטשלאַנד. זעהענדיג ווי די געגנער פון דער רעפאָרמאַציאָן פערבינדען זיך, האָבען זיך אויך פערבונדען אין איין פערבאַנד די אָנהענגער פון לוטהער׳ן און האָבען געבעטען ביים קייזער, אז ער זאָל זיי ערלויבען צו מאַכען אַ פערזאַמלונג אין שפייער. אָבער דער קייזער האָט זיי עס ניט ערלויבט. ענדליך האָט דער קייזער ערלויבט יעדען טעריטאָריאַל־הערר איינצוריכטען אין זיין געביט די קירכליכע און רעליגיעזע אַנגעלעגענ־הייטען ווי איהם געפעהלט, ביז אַ קאָנציל וועט מאַכען אַלגעמיינע בעשטי־מונגען.

אָבער אויך צווישען די זיד־דייטשע פירסטען האָבען זיך געפונען אָנ־הענגער פון לוטהער׳ס לעהרעס. דער וויכטיגסטער פון זיי איז געווען דער מאַרק־גראַף קאַזימיר פון בראַנדענבורג. איהם האָט די רע־פאָרמע בעסער געלוינט, ווייל זי האָט איהם געגעבען מעהר מאַכט אריינצו־נעהמען אין זיינע הענט די גייסטליכע און צו ברעכען די פערהאַסטע מאַכט פון די בישאָפען. צווישען די נאָרד־דייטשע פירסטען זיינען געווען: דער קורפירסט יאָהאַן דער בעשטענדיגער פון זאַקסען און דער לאַנד־גראַף פיליפּ דער גרויסמוטיגער פון העססען. צו זיי האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסען אַ גאַנצע רייהע אַנדערע פירסטען, ווי ערנסט פון לינעבורג, פיליפּ פון גרובענהאַגען, היינריך פון מעקלענבורג, וואָלפ־גאַנג פון אַנהאַלט און אַלברעכט פון מאַנספעלד. אויך האָבען זיך פעראייניגט מיט די פירסטען פיעלע בירגערליכע שטעדט אום אָנצונעהמען און איינצו־פיהרען די רעפאָרמאַציאָן, הגם אין אַלע אַנדערע הינזיכטען זיינען די שטעדט מיט זייער רעפּובליקאַנישען כאַראַקטער ניט געווען אין האַרמאָניע מיט די פירסטען.

די פאָרטשריטען פון דער רעפאָרמאַציאָן האָבען אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף די קאַטאָלישע פירסטען, וועלטליכע און גייסטליכע, און דיזע האָבען זיך גענומען צו די שאַרפסטע מיטלען אום אויפצוהאַלטען דעם אַלטען צושטאַנד. זיי האָבען אָנגעהויבען גוט אַכטונג צו געבען אויף די פרעסע, דאָס מען זאָל ניט אַרויסלאָזען פון דרוק אַזעלכע שריפטען, וואָס זיינען געגען דעם קאַטאָ־ליציזם. מען האָט אָנגעפאַנגען שטאַרק צו בעשטראָפען יעדען, וואָס האָט געוואָלט איינפיהרען רעפאָרמעס אין רעליגיאָן. מען האָט זאָגאַר איינינע

פרעדיגער פערברענט פיר זייערע רעפאָרמערישע פרעדיגטען. דער פּאַפּסט האָט געשלאָסען פרידען מיט'ן קייזער, און מיט זיין הילף איז די קאַטאָליקען געלונגען דורכצופיהרען אויף'ן רייכסטאַג נייע געזעצען, לויט וועלכע די אָנ-הענגער פון דער רעפאָרמאַציאָן זיינען געוואָרען שטאַרק בעשרענקט אין זיי-ערע רעכטען און פיר די קאַטאָליקען האָט מען געעפענט טיר און טויער פיר זייער רעאַקציאָן.

די אָנהענגער פון לוטהער'ן האָבען אָבער גלייך אַרויסגעגעבען אַ פּ ר אָ-ט ע ס ט געגען די בעשלוסען פון רייכסטאַג און האָבען וועגען דעם אַפּעליר'ט צום קייזער, און האָבען געפאָדערט אַ צוזאַמענרוף פון אַן אַלגעמיינעם דייי-טשען קאָנציל. די לוטהעראַנער האָבען פון דאַמאָלס אָן בעקומען דעם נאָמען פּ ר אָ ט ע ס ט אַ נ ט ע ן, ווייל זיי האָבען פּראָטעסטירט געגען די נייע בעשלוסען פון רייכסטאַג. זיי האָבען גע'טענה'ט, דאָס דער מענש מוז פריי-הער האָבען זיין געוויסען ריין אין זיינע בעציהונגען צו גאָט; דעם מענשען, דעם פּאַפּסט, דעם בישאָף מוז ער געהאָרכען נאָר דאַן, ווען דיזעס איז ניט געגען גאָט.

נאָך דעם, ווי קאַרל דער 5טער האָט ערהאַלטען די קייזערליכע קרוין אין באָלאָניאַ, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט דורך די אַלפּען אין דייטשלאַנד צו זיין אויף דעם רייכסטאַג, וואָס ער האָט צוזאַמענגערופען, אום צו זיכערן הילף געגען טערקיי און צו מאַכען אַן ענדע צו די רעליגיאָנס-שטרייטיגקייטען. אָבער די צווייטע האָפנונג זיינע איז ניט ערפילט געוואָרען. מעלאַנכטהאָן האָט פון זיין זייט צוגעשטעלט אַ שריפט, אין וועלכער ער האָט בעוויזען, ווי די פּראָטעסטאַנטען זיינען גערעכט אין זייערע פאָדערונגען צו רעפאָרמי-רען די קירכע, איבערהויפּט אין זייער פערלאַנג צו מאַכען די קירכע אונאָפּ-הענגיג פון רוים; און די קאַטאָליקען האָבען פון זייער זייט צוגעשטעלט אַ שריפט, אין וועלכער זיי האָבען בעוויזען די ריכטיגקייט פון דער אַלטער קאַ-טאָלישער אָרדנונג. דער קייזער איז פון דעם קריג געווען שטאַרק ערביטערט און האָט געגעבען צייט צו די עוואַנגעליסטען אָדער פּראָטעסטאַנטען ביז דעם 15טען אַפּריל 1531 צו ענטשיידען, אויב זיי ווילען זיך פעראייניגען מיט דער קריסטליכער קירכע אויף די בעדינגונגען, וועלכע אַן אַלגעמיינער קאָנציל וועט אָננעהמען.

אין דער צייט, וואָס דער קייזער איז געווען אין אױגסבורג, איז ער גע-ווען דער גאַסט פון אַ נ ט אָ ן פ ו ג ג ע ר, וועלכען ער האָט זעהר פיעל געשעצט און געעהרט צוליב זיין איבערגעבענהייט צו דער קאַטאָלישער קירכע, ווי אויך צוליב דער גרויסער געלט-שטיצע, וואָס ער האָט דעם קייזער גע-

לייסטעט. אויף'ן רייכסטאַג האָט דער קייזער בעשטעטיגט פיר דאָס הויז פוגגער אַלע פּריווילעגיעס, וועלכע עס האָט געהאַט פון פריהער, אויסער דעם האָט ער פוגגער'ן ערהויבען צום שטאַנד פון אַ רייכס־גראַף און האָט איהם געגעבען דאָס רעכט צו זיגלען זיינע בריף און דאָקומענטען מיט רויטען וואַקס. צום דאַנק דערפאַר האָט אַנטאָן פוגגער צום ערשטוינען פון דעם קייזער פער־ברענט דעם וועקסעל, וואָס דיזער האָט איהם אַרויסגעגעבען אויף אַ גרויסע סומע געלט, וועלכע ער האָט פון איהם געליהען.

דאָס קאַמער־געריכט האָט דאַמאָלס אָנגעפאַנגען צו שטערען די עוואַנגעליסטען אָפּצונעהמען פון די גייסטליכע זייערע גיטער. די פירסטען אָבער

קאַרל דער 5טער ביי פוגגער'ן.

האָבען צווישען זיך געשלאָסען אַ בונד צו העלפען איינער דעם אַנדערען און מיט אַלגעמיינע קרעפטען צו בעזייטיגען די שטערונג פון קאַמער־געריכט. אַלס הויפּט־פיהרער פון בונד זיינען ערוועהלט געוואָרען דער קורפירסט פון זאַקסען און דער לאַנד־גראַף פון העססען. די פעראייניגטע פירסטען האָבען צוזאַמענגעקליבען אַ סומע פון 140,000 גולדען, וועלכע איז געווען גענוג אויס־צוהאַלטען צוויי מאָנאַטען אַן אַרמעע פון 2,000 רייטער און 10,000 פוס־געהער. צו דיזער סומע האָבען אויך די שטעדט בייגעשטייערט.

אין דער זעלבער צייט, וואָס לוטהער האָט געווירקט אין דייטשלאַנד, האָט אולריך צווינגלי געאַרבייט צו רעפאָרמירען די קירכע אין דער שווייץ. צווינגלי איז געבאָרען געוואָרען דעם 1טען יאַנואַר 1484 אין דעם קאַנטאָן סט. גאַללען. זיין פאָטער איז געוועזען זעהר פערמעגליך און צווינגלי האָט געלעבט רוהיג און זאָרגלאָז. ער האָט מיט גרויס חשק געשטו-דירט אין וויען, באַזעל און בערן. איבערהויפּט איז ער געוועזען איבערגעגעבען צום שטודיום פון די אַלטע קלאַסיקער און דער ביבעל. ער איז פריה געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס די קירכע איז איינגעריכטעט ניט ווי די הייליגע

אולריך צווינגלי.

שריפט, די ביבעל, פאָדערט עס, זי איז אַראָפּ פון וועג און פיהרט ניט דאָס פאָלק אויף'ן ריכטיגען וועג. ער איז אין יאָהר 1519 אָפען אַרויס געגען דעם פּאַפּסט און דער רוימישער קירכע. ער האָט אָנגענומען אַ שטעלע אַלס גייסט-ליכער אין אַ קירכע אין ציריך און פון דאָרט האָט ער אָנגעפאַנגען צו שטור-מען די רוימישע קירכע.

צווינגלי האָט גלייך אין אָנפאַנג פערבונדען די רעליגיעזע רעפאָרמען מיט פּאָליטישע. די געמיינדע האָט בעקומען לויט זיין לעהרע די פולע מאַכט. דער ראַט איז געוואָרען דער פערטרעטער פון שטאַאַט און פון פאָלק. דערי-

בער איז אין ציריך, וואו צווינגלי האָט פּראָפּאַגאַנדירט, געוועזן פיעל לייכטער צו געווינען דאָס פאָלק אויף דער זייט פון דער רעפאָרמע, ווי עס איז געוועזן פיר לוטהער'ן אין וויטטענבערג. די רעפאָרמע אין דער שווייץ איז פון אָק-טאָבער 1523 געגאַנגען מיט זיכערע שריט, הגם לאַנגזאַם, צום ציל. די הע-כערע רעגירענדע מאַכט האָט דערצו פיעל מיטגעהאָלפען. אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט זיך דאָרט, אין דער שווייץ, ענטוויקעלט אַ פערשמעלצונג פון דער קירכע מיט דער רעגירונג, אַזוי דאָס די רעגירונג האָט אין געוויסע פעלען אויסגעאיבט אַ געוויסענס־צוואַנג אויף איהרע אונטערטאַנען אין רע-ליגיאָנס־אַנגעלעגענהייטען. די רעגירונג האָט הארט בעשטראָפט יעדע'ן, וואָס האָט איבערגעטרעטען אין אַ אַנדער גלויבען. די שווייץ האָט פון קיין טאָלעראַנץ ניט געוואוסט, טאָלעראַנץ האָט זיך דאָרט אָנגעפאַנגען נאָר דאַ-מאָלס, ווען די מאַכט פון צווינגלי און זיינע גייסטליכע מיטארבייטער האָט אויפגעהערט.

וואָס אַנבעלאַנגט די רעליגיעזע שטרייט־פראַגען זיינען לוטהער און צווינגלי אין אַלע פּונקטען פון דער זעלבער מיינונג. נאָר אין דער לעהרע פון אַבענדמאַהל האָבען זיי ניט געשטימט. לוטהער האָט ערקלערט: „עס שטעהט געשריבען: „דיזעס איז מיין לייב", אַלזאָ עסט מען ביים אַבענד-מאַהל ממש קריסטוס'עס פלייש". צווינגלי האָט עס ערקלערט אַלס סימבאָל, צו דערמאָהנען אָן די ליידען פון קריסטוס'ן. „דיזעס איז מיין לייב" האָט צווינגלי געטייטשט: „דאָס בעדייטעט מיין לייב". דיזע רעליגיעזע שטרייטיגקייט צייגט קלאָר דעם אונטערשייד צווישען דיביידע רעפאָרמאַ-טאָרען: צווישען דעם קלאַסיש־געבילדעטען צווינגלי און דעם בויערן־זוהן לוטהער, וועלכער האָט אָנגעשטאָפּט זיין קאָפּ מיט פערשימעלטע טהעאָלאָ-גישע לעהרעס. אָבער דער גרויסער אונטערשייד צווישען די צוויי פּראָטעס-טאַנטישע רעפאָרמאַציאָנען איז ניט דער רעזולטאַט פון דעם אונטערשייד אין דיזער קלייניגקייט, דעם נוסח פון דעם אַבענדמאַהל, נאָר ער ליגט אין דעם גרויסען אונטערשייד צווישען דער שווייץ און דייטשלאַנד אין נאַציאָנאַלער און סאָציאַל־פּאָליטישער הינזיכט. די שווייץ איז געוועזן און איז אַ בויערן־רעפּובליק, און דייטשלאַנד איז געוועזן און איז אַ בעאַמטען־שטאַאַט.

באַלד נאָך ציריך האָבען אויך באַזעל און בערן אָנגענומען די רעפאָרמאַ-ציאָן. די הויפּט־אַנהענגער פון דער רעפאָרמאַציאָן זיינען געוועזן די אונטערע קלאַסען פון פאָלק און די צעכען (די ארבייטער־קלאַס). די אַריסטאָקראַטען האָבען זיך פערבונדען מיט די גייסטליכע צו שטרייטען דאַגעגען. איבעראַל וואו צווינגלי'ס לעהרע איז אָנגענומען געוואָרען איז די רעגירונג געוואָרען

דעמאָקראַטיש, און דאָס האָט דאָרט פיעל געהאָלפען דעם ערפאָלג פון דער רעפאָרמאַציאָן. אַלע קאַנטאָנען האָבען אָנגענומען צווינגלי׳ס לעהרע, אויסער אורי, שוויץ, אונטערוואַלדען, לוצערן און צוג.

די שווייצאַרישע בעוועגונג האָט אָנגעהויבען ווירקען אויך אויסער איהרע גרענצען, איבערהויפט אין די נאָהענטע שטעדט פון זיד־דייטשלאַנד. די שווייצאַרישע קאַנטאָנען האָבען שוין לאַנג געווינשט אריינצוציהען אין זייער רעפובליקאַנישען בונד נאָך אַנדערע שטעדט. איינזיגע שטעדט, ווי מיהלהאַוזען אין עלזאַס און ראָטטווייל האָבען שוין פון פריהער געהערט צום שווייצאַרישען בונד, ווייל זיי זיינען געווען אונצופרידען מיט דער בעהאַנדלונג פון זייערע הערען, די דייטשע פירסטען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די שטעדט אין זיד־דייטשלאַנד האָבען מיט גרויס ענטהוזיאַזם אָנגענומען די רעליגיעזע און פּאָליטישע רעפאָרמע פון צווינגלי און האָבען איהר געגעבען אַ פאָרצוג געגען דער לוטהעראַנישער רעפאָרמע. דאָס איז ניט געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבען אָנערקענט די וואַהרהייט פון דער רעליגיאָן לויט צווינגלי׳ס לעהרע, נאָר ווייל צווינגלי׳ס לעהרע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ דעמאָקראַטישען גייסט געגען דער לוטהעראַנישער. שוין אין יאָהר 1529 זיינען די שטעדט שטראַססבורג און קאָנסטאַנץ ענג געוואָרען פערבונדען מיט די שווייצאַרישע רעפאָרמירטע קאַנטאָנען. אָבער אויך די קאַטאָלישע קאַנטאָנען האָבע צווישען זיך פערשטאַרקט זייער בונד און האָבען צוגעצויגען צו זיך עסטרייך, אום צו אַרבייטען מיט אַלגעמיינע קרעפטען געגען דער רעפאָרמע.

די רעפאָרמירטע קאַנטאָנען זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַ קריג מיט די קאַטאָלישע. אָבער דיביידע פּאַרטייען האָבען באַלד געשלאָסען פריעדען, לויט וועלכען די פערשיידענהייט אין גלויבען האָט ניט צו טאָן מיט פּאָליטישער גלייכהייט, אַ זאַך, וואָס דייטשלאַנד האָט דערגרייכט נאָך אַ לאַנגער צייט פון בלוט־פערגיסונג. צווינגלי איז געווען געגען דיזען פריעדען און האָט דעם קריג בעניית. ער זעלבסט האָט אין דיזען קריג אָנטייל גענומען אַלס אַרמעע־פּרעדיגער, ער איז אָבער געפאַלען אין דער שלאַכט, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 11טען אָקטאָבער 1531 ביי קאַפּפּעל. זיינע פיינד האָבען זיין טויטען קערפּער געפערטעלט און פערברענט. די עוואַנגעלישע קאַנטאָנען זיינען געווען געצוואונגען צו בעטען פריעדען. זיי האָבען געמוזט אָנערקענען די פּאָליטישע גלייכהייט אויך פון די קאַטאָלישע קאַנטאָנען, הגם זיי זיינען געווען אין דער מינאָריטעט.

עס איז ווערט צו בעטראַכטען נאָך אַ סאָרט דעמאָקראַטישע בעוועגונג, וועלכע האָט געזוכט ניט נאָר צו רעפאָרמירען די קירכע און פערבעסערען די זיטען, נאָר האָט אויך געוואָלט פערווירקליכען די קריסטליכע אידעע פון ברו-דער־ליבע דורך צוטיילען די גיטער צווישען אַלעמען גלייך. די אָנהענגער פון דיזער אידעע האָבען זיך געמוזט נאָך אַ מאָל טויפען. נאָך דער טויפונג האָט קיינער פון זיי ניט געטאָרט אָננעהמען פון דער רעגירונג וועלכעס עס איז אַמט, ניט געברויכען קיין שווערד, און קיינמאָל ניט שווערען, אפילו אויף אַן אמת. זעהר שנעל האָט זיך דיזע בעוועגונג פערברייטעט אין שווייצער-לאַנד. די אָנהענגער פון דיזער בעוועגונג זיינען זאָגאַר פון זייערע געגנער אָנערקענט געוואָרען אַלס וואַהרע קריסטען. די פּרעדיגער פון דיזע נייע קרים-טען האָבען געהאַט אַ גוואַלדיגע ווירקונג אויף זייערע צוהערער מיט זייער איינפאַכער, ניט געקינצעלטער, אָבער איבערצייגענדער שפּראַך, וועלכע איז אַרויס פון טיפען הארצען, און ווי מיט אַ צויבער האָבען זיי בעגייסטערט די מאַסען ניט נאָר מיט זייערע ווערטער, נאָר אויך מיט זייער איינפאַכער אָבער רייניליכער קליידונג און פרידליכען, אמת־ברידערליכען בענעהמען. די אָנ-הענגער פון דיזער לעהרע און איבערהויפּט זייערע פּרעדיגער זיינען מיט שרעקליכער גרויזאַמקייט פערפאָלגט געוואָרען פון די רעגירונגען. עס מאַכט ניט אויס, ווי דיזע זיינען געווען געזאָנען: לוטהעריש אָדער קאַטאָליש. אין ענזיסהיים האָט מען פון זיי 600 הינגעריכטעט, אין טיראָל און גאָרץ מעהר אַלס 1,000. ווי ווילדע חיות האָט מען איבעראַל געיאָגט און געהעצט „גאָט'ס קינדער". זאָגאַר אינגלאַך און מיידלאַך האָבען זייער נייעם גלויבען ניט אויפגעגעבען און האָבען געשפּאָטעט פון געפענגניס און טויט־שטראָף. אין דער שטאָדט ברוק ביים טייך מור האָט מען פעראורטיילט דריי שוועסטער צום דערטרינקען דערפאַר, וואָס זיי האָבען געהערט צו דיזער סעקטע. די איינגסטע פון זיי האָט געלאַכט ביים אָנבליק פון דעם וואַסער, אָנשטאָט צו ווערען פערציטערט.

ניט אַכטענדיג אויף דיזע פערפאָלגונגען האָבען זיך די מיטגלידער פון די ווידערטויפער פערברייטעט אין פערשיידענע לענדער פון אייראָפּאַ: אין האָללאַנד, ביי די ברעגען פון רהיין, אין שלעזיען, בעהמען און פּוילען, און ווען זיי האָבען ניט געוואַגט עפענטליך צו פּראָפּאַגאַנדירען זייערע אידעען, פלעגען זיי זיך פערזאַמלען אין געהיים און פיהרען אַ שטילע פּראָפּאַגאַנדאַ מיט דער האָפנונג אויף בעסערע צייטען, ווען זייער לעהרע וועט ווערען אָנערקענט.

אין יאָהר 1527 האָבען צוויי וויעדערטויפער, הוטטער און שערדינג, גע-מאַכט אַ פּלאַן, דאָס זיי זאָלען צוזאַמענגעהמען אַלע זייערע מיטגלידער, וואָס זיינען צושפּרייט אין דער וועלט, און מאַכען פון זיי אַ קאָלאָניע אין אַן אָרט, וואָס איז שיטער בעזעצט, און דאָרט זאָלען זיי לעבען צוזאַמען לויט די פאָדערונגען פון זייער גלויבען און זייערע פּרינציפּען. צו דיזען צוועק האָבען זיי געקויפט אין מעהרען אַ שטיק לאַנד. דער פּלאַן האָט זיך בעווי-זען צו זיין זעהר אַ גוטער. אין אַ קורצער צייט איז די קאָלאָניע געוואָרען פול מיט פלייסיגע ארבייטער פון דיזער סעקטע. זיי זיינען געווען געצוואונ-גען צו דינגען נאָך ערד, וועלכע זיי האָבען אויך מיט גרויס פלייס בעאַרבייט און האָבען געקענט צאָהלען גוטע רענט פיר די ערד, וואָס זיי האָבען געדונ-גען, אַזוי דאָס פיעלע ערד-אייגענטימער האָבען זיי מיט פערגניגען פערפּאַכ-טעט זייערע גיטער, וועלכע זיי האָבען פערוואַנדעלט אין בליהענדע גערטנער און פעלדער.

באַלד ווי זיי האָבען געדונגען אַ גוט, האָבען זיך דאָרט בעזעצט די מיט-גלידער פון דיזער סעקטע. יעדע פאַמיליע האָט זיך געהאַט אַן איינפאַכע, אָבער זעהר ריינע הייזעל. אין מיטען פון דער קאָלאָניע איז געשטאַנען אַ קהל'שע געביידע, אין וועלכער עס זיינען געווען אַן אַלגעמיינעס עס-צימער, פערשיידענע אַרבייטס-צימערן פיר אַזעלכע אַרבייט, וואָס מוז געטאָן ווערען אונטער אַ דאַך, און בעזונדערע צימערן, וואו די קינדער פון דער קאָלאָניע זיינען ערצויגען געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון גוטהערציגע אַלמנות. אין זאַאַל, וואו די קינדער האָבען זיך אויפגעהאַלטען, איז געווען זעהר ריין און ציכטיג.

אין אַן אַנדער אָרט אין דער קאָלאָניע איז געווען איינגעריכטעט אַן עפענטליכע שולע. דאָרט האָט מען די קינדער געגעבען אונטערריכט אין די נעטיגע געגענשטענדען פון וויסען און אַרבייט און אין די פּרינציפּען פון דער סעקטע. די ערציהונג און די ערנעהרונג פון די קינדער זיינען געווען אַזוי איינגעריכטעט, דאָס די עלטערן האָבען וועגען דעם ניט געהאַט קיין זאָרג און האָבען זיך געקענט פריי און רוהיג אָפּגעבען צו זייער אַרבייט.

די איינקונפטען פון דער קאָלאָניע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו איין פּערזאָן, דעם פערוואַלטער איבער דער קאָלאָניע, וועלכער איז געווען ערוועהלט נאָר אויף איין יאָהר. דיזער פערוואַלטער האָט בעדאַרפט פער-זאָרגען אַלע בעדערפניסען פון דער קאָלאָניע. די פּרעדיגער האָבען אַכטונג געגעבען איבער די ריכטיגע ברידערליכע פערטיילונג פון די איינקונפטען פון דער קאָלאָניע. איבער די פּרעדיגער איז ביי זיי געווען נאָך אַ קלאַס בעאַמ-

טע — ארכימאנדריטען, וועלכע האָבען אכטונג געגעבען, דאָס די נעטיגע דיסציפּלין זאָל ניט געשטערט ווערען, און דאָס די פּרעדיגער זאָלען טאָן זייער זאַך ווי עס געהערט צו זיין.

דער הויפּט־פּרינציפּ פון די ווידערטויפער איז געווען, דאָס עס זאָל צווישען זיי ניט זיין קיין לעדיג־געהער. נאָך דעם, ווי די ברידער האָבען גע-בעטען גאָט אין פריהמאָרגען, יעדער וואָס זיין געוויסען האָט איהם דיקטירט, זיינען זיי זיך פערנאַנדערגעגאַנגען צו דער ארבייט: דער אין פעלד, דער אין די ווערק־הייזער. קיין איינציגער ברודער איז ניט געווען פריי פון ארבייט. ווען א מענש פון אן אנדער שטאָדט האָט געוואָלט אריינקומען צו זיי אלס ברודער, האָט ער פריהער פון אלעם געמוזט אויף זיך מקבל באהבה זיין די ווערטער פון דער תורה: „מיט'ן שוויים פון דיין געזיכט זאָלסטו עסען ברויט".

עס איז געווען שטרענג פערבאָטען צו רעדען אין דער צייט פון ארבייטען אָדער עסען. פון ימים טובים האָבען זיי ניט געהאַלטען, זיי האָבען געאַרבייט אלע 7 טעג פון דער וואָך, און זיי זיינען דעריבער געוואָרען רייך.

שידוכים זיינען ביי זיי געווען ניט פון ליבע און ניט צוליב געלט. די בעאַמטע פון דער קאָלאָניע האָבען געהאַט א ליסט פון בחורים און פון מייד-לאַך, וואָס זיינען געווען צייטיג צום הייראַטען, און זיי האָבען בעשטימט ווער צו וועמען געהערט לויט זייערע יאָהרען.

ווען די ווידערטויפער, וואָס זיינען געווען צושפּרייט אין דייטשלאַנד און אין האָללאַנד, האָבען דערהערט פון דעם ערפאָלג, וואָס זייערע ברידער האָבען געהאַט אין בעהמען, האָט זיך אין זיי צופלאַקערט זייער אייפער פיר די נייע לעהרע. זייער אידעאַל איז געווען צו ערווערבען זיך פּאָליטישע אונ-אָפּהענגיגקייט. צו דיזען צוועק האָבען זיי אויסגעקליבען די שטאָדט מינסטער, אין וועלכער די איינוואוינער זיינען שוין געווען רעפאָרמירט און האָבען זיך שוין דאָרט אין פיעלע הינזיכטען ערוואָרבען פּאָליטישע גלייכהייט. די ביר-גער האָבען גערעכענט, דאָס אָננעהמענדיג די נייע לעהרע וועלען זיי זיך אין גאַנצען בעפרייען פון דער הערשאַפט פון בישאָף. זיי איז ווירקליך געלונגען צו צווינגען דעם בישאָף פראַנץ פון וואַלדעק אָנצוערקענען מינסטער אלס אן עוואַנגעלישע שטאָדט (1533).

אין יאַנואַר פון יאָהר 1534 זיינען ווירקליך אָנגעקומען אין מינסטער זעהר פיעלע ווידערטויפער, וועלכע האָבען דאָרט אין א קורצער צייט פער-בּרייטעט זייער נייע לעהרע. עס זיינען דאַמאָלס אהין געקומען זייערע גרוי-סע פּראָפעטען מאַטהיאַס און יאַן באָקקאָלט. דעם 27טען פעברואַר האָבען

זיי געלאָזט אויסרופען אין שטאָדט, דאָס ווער עס וויל ניט צושטעהן צו זייער סעקטע זאָל פערלאָזען די שטאָדט. זיי האָבען צוטריבען דעם סענאַט און זיינע מיטגלידער פעריאָגט פון שטאָדט.

דער בישאָף פון וואַלדעק האָט מיט זיינע טרופּען בעלאַגערט די שטאָדט. דאַן זיינען די ווידערטויפער געווען געצוואונגען צו בעוואָפנען זיך אום זיך צו פערטיידיגען. מאַטהיאַס האָט אַ ביסעל איינגעאיבט זיינע לייט אין דער קריגס־קונסט און האָט זיך אין אַ קורצער צייט פערפעסטיגט אין שטאָדט. ער האָט אונטער טויט־שטראָף געצוואונגען אַלע איינוואוינער פון שטאָדט אָפּצוגעבען זייער גאַנצעס פערמעגען אויף פערטיידיגונג געגען דעם פיינד. אַלע נאַהרונגס־מיטלען זיינען געווען אונטער דער קאָנטראָל פון די ווידער-טויפער, אַלע איינוואוינער פון שטאָדט האָבען געמוזט עסען ביי איין טיש די זעלבע שפּייז. די הויז־טירען זיינען געווען אָפען טאָג און נאַכט, וויל עס איז ניט אָנערקענט געוואָרען קיין אייגענטום, אַלעס האָט געהערט צו אַלעמען און ניט צו אַן איינציגען. עס איז געווען איינגעפיהרט אַ פאָלשטענ-דיגער קאָמוניזם. די פאַמיליע איז אָבער ניט אָפּגעשאַפט געוואָרען, ד. ה. די פרויען זיינען ניט געווען איינגערעכענט אין דעם אַלגעמיינעם אייגענטום, נאָר יעדערער האָט געהאַט זיין אייגענע פרוי. אָבער דאָ איז געווען אַן אַנ-דער געזעץ, נעמליך: דאָס יעדע פרוי מוז האָבען אַ מאַן. און וויל עס זיינען דאַמאָלס געווען אין שטאָדט מעהר פרויען ווי מענער, איז ערלויבט געוואָרען פּאָליגאַמיע, דאָס הייסט, איין מאַן האָט געמעגט נעהמען עטליכע פרויען.

ווען אַלעס אין שטאָדט איז געווען איינגעאָרדענט לויט די פּרינציפּען פון די ווידערטויפער, איז מאַטהיאַס אַרויס מיט זיינע טרופּען אויף אַ שטרייט מיט'ן בישאָף. ער האָט אָבער געליטען אַ שטאַרקע נידערלאַגע און איז זעלבסט געפאַלען אין דער שלאַכט. זיין שטעלע האָט פערנומען דער יונגער יאַן אָדער יאָהאַן פון ליידען. דעם יונגען יאָהאַן איז ניט געפעלען געוואָרען די ראָלע פון אַ פּראָפעט, און ער האָט בעשלאָסען צו צווינגען זיינע לייט אָנצוערקענען איהם אַלס קעניג. ער האָט אָנגעפאַנגען זיך זעלטען צו בעווייזען צום פאָלק, און האָט געצייגט זיינע אָנהענגער, דאָס ער איז איבער-געבען צו דער בעטראַכטונג פון דער גאָטהייט. ער האָט געוואוסט די קונסט ווי צו בעצויבערן דאָס פאָלק דורך זיינע פּראָפעצייהונגען. ער איז אַרויס אויף אַ שטרייט געגען דעם בישאָף'ס טרופּען און האָט זיי גלענצענד בעזיגט. אָבער דיזע האָבען נאָך אַלץ די בעלאַגערונג ניט אויפגעגעבען. נאָך דעם זיג האָט ער געלאָזט ערוועהלען 12 ריכטער צו פערוואַלטען די שטאָדט, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען „די נייע ציון". ער איז דערווייל געבליבען אַלס

אויבערסטער פּראָפּעט. די ריכטער זיינען געווען אין גאַנצען אונטער זיין
קאָנטראָל.

ווי מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, איז צווישען די ווידערטויפער
איינגעפיהרט געוואָרען דער פּרינציפּ פון פּאָליגאַמיע. יאַן זעלבסט האָט זיך
גענומען 17 ווייבער. דיזער פּרינציפּ האָט געבראַכט צו שרעקליכער אויסגע-
לאַסענהייט. די בעסערע לייט זיינען געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט און
האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד. אָבער די ראַדיקאַלען האָבען זיי מיט וואַפען
געצוואונגען אונטערצוואַרפען זיך אונטער דער נייער אָרדנונג.

אָבער די גאַנצע געשיכטע פון די ווידערטויפער איז באַלד פערוואַנדעלט
געוואָרען אין אַ קאָמעדיע. יאַן האָט זיך געלאָזט קרוינען אַלס קעניג. ער
האָט באַלד בעשטימט גרויסע בעאַמטע און האָט זיך פערשאַפט רייכע קליי-
דער, וואָס דאָס איז געווען דורכאויס געגען די הויפּט־פּרינציפּען פון זייער
לעהרע. אום צו ווערען אַ פאָלשטענדיגער דעספּאָט, האָט ער זיך געלאָזט ר׳ו·
פען אויף פּאָנטיפעקס, ד. ה. כהן גדול. ער האָט בעפוילען, דאָס אַלע טייערע
שטאָפען פון דער קאָמונע און דאָס גאַנצע גאָלד זאָל ווערען איבערגעגעבען
צו איהם און צו זיינע פרויען. די, וואָס האָבען ניט געהערט צום הויף, איז
געווען פערבאָטען יעדער לוקסוס, זיי האָבען געמוזט לעבען זעהר איינפאַך,
לויט די פּרינציפּען פון זייער לעהרע. יעדע וואָך האָט יאַן געהאַלטען אַ רעדע,
זיצענדיג אויף אַ הויכען רייכען טראָן, אַרומגערינגעלט מיט זיינע 17 רייך־
געקליידעטע קעניגינס, בעהאַנגען מיט טייערע צירונגען, און אין מיטען פון
רייך־געקליידעטע הויכע בעאַמטע. דער אינהאַלט פון די רעדעס איז איבער
הויפּט געווען איבער דעם ענין פון הייראַט ביי די ווידערטויפער. צוליב
דער פּאָליגאַמיע און די לייכטע שיידונגען (גטין) זיינען ענטשטאַנען סקאַנ-
דאַלעזע שטרייטיגקייטען. די זיצונגען האָבען זיך געוועהנליך געענדיגט מיט
רעליגיעזע טענץ, אין וועלכע יאַן מיט זיינע קעניגינס זיינען געווען די הויפּט־
פיגורען און אָנפיהרער. קורץ, עס איז די טרויעריגע געשיכטע פון מענשליכע
פעראירונגען. די זאַך איז נאָך פיעל מעהר טרויעריג, ווייל דאָ האָט זיך
געהאַנדעלט וועגען דער פערווירקליכונג פון איינעם פון די ערהאַבענסטע אי-
דעאַלען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, די אידעאַלען פון אמת׳ער גלייכ-
הייט און פערברידערונג פון מענשען.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָן האָט זיך געהאַלטען לפי ערך זעהר לאַנג.
און דיזער פאַקט איז אַ בעוויז, אַז דאָס לאַנד האָט זיך דאַמאָלס געפונען
אין אַ זעהר טרויעריגען צושטאַנד. זאָגאַר דאַן, ווען די שטאָדט איז שוין
בעזיגט געוואָרען פון די ווידערטויפער, האָבען נאָך די קאַטאָליקען אַלץ גע-

האָפּט צוריק איינצופיהרען די אַלטע קירכע, אָבער די עוואַנגעליסטען האָבען געשטערט. דאַן האָט דער בישאָף פון מינסטער ווידער בעלאַגערט די שטאָדט אום צו צווינגען די ווידערטויפער איינצופיהרען די רוימישע קירכע. עס איז געקומען צו אַן אָפענעם בלוטיגען שטרייט, אין וועלכען עס זיינען גע־פאַלען 4,000 לייט פון דעם בישאָף'ס קריגער. דאָס איינציגע, וואָס עס איז געבליבען דעם בישאָף צו טאָן, איז געווען, צו בעלאַגערן די שטאָדט און דורך הונגער צווינגען די בירגער אונטערצוגעבען זיך. עס איז ווירקליך אויסגע־קומען דעם פאָלק צו ליידען אַ שרעקליכען הונגער. די איינוואוינער האָבען זיך געמוזט שפּייזען מיט גראָז און מיט פערדישע פעלען און דאָס גלייכען. דעם 25טען יוני 1535 האָבען זיך די ווידערטויפער אונטערגעגעבען.

דער קעניג פון די ווידערטויפער, זיין שטאַטהאַלטער און זיין קאַנצלער זיינען געוואָרען געפאַנגען און זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענג־ניס, וואו זיי זיינען געבליבען אַ לענגערע צייט. נאָכדעם האָט מען זיי הינ־געריכטעט מיט אַ מיתה משונה: מען האָט מיט ברענענדע צוואַנגען פון זיי געריסען לעבעדיגערהייד שטיקער פלייש ביז זייער טויט האָט זיי בעפרייט פון זייערע אונמענשליכע ליידען.

דיזע געשיכטע האָט אין דייטשלאַנד שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם גייסט פון רעפאָרמאַציאָן. נאָר וועניגע פרייע גייסטער האָבען געהאַלטען די פאָהן פון אונאָפּהענגיגקייט פון דער רוימישער קירכע, ווי צ. ב. **סעבאַסטיאַן פראַנק** און דער געניאַלער מעדיקער **טהעאָפראַסטוס באָמבאַסטוס פאַראַצעלסוס** פון האָהענהיים (געשט. 1511). דיזער לעצטער האָט דיביידע געגנער, לוטהער און דעם פאַפּסט, פערגליכען מיט צוויי הורען, וועלכע זידלען איינע די אַנדערע, ווערענד זיי ביידע זיינען פער־דאָרבענע ברואים. ער האָט מיט זיין נאַטור־פילאָזאָפיע אָפּגעלייקענט אַלע דאָגמאַס. ער האָט געזאָגט: „ווער עס גלויבט און איז ניט קיין פילאָזאָף, דער איז אויך נאַריש אין גלויבען (אין עם הארץ חסיד). רייך איז דער, ווער עס דערקענט גאָט אין זיינע ווערק, און פון דאַנען שעפּט ער זיין גלויבען, ניט ווי דער בלינדער גלויבט אין די פאַרבען".

די נידערלאַגע פון די ווידערטויפער, וועלכע זיינען געווען זעהר פיעל אין נאָרד־דייטשלאַנד און אין האָללאַנד, האָט געגעבען די אויבערמאַכט אין די הענט פון דער אַריסטאָקראַטיע געגען דער דעמאָקראַטיע פון די אַרבייטער־צעכען. אין יענער צייט האָט זיך אין ליבעק געמאַכט אַן אויפשטאַנד פון די אָרימערע פאָלקס־קלאַסען. אַז דער שפּיץ פון דיזען אויפשטאַנד איז גע־שטאַנען אַ באַנקראָטירטער קויפמאַן **יירגען וואוללענוועבער**.

דער אויפשטאַנד האָט געהאַט דעם צוועק צו געבען אין די שטעדט מעהר מאַכט צו די אָרימע מענשען, וועלכע זיינען אין גאַנצען געווען דערוויטערט פון דער רעגירונג. צוזאַמען מיט דעם האָט דער אויפשטאַנד געהאַט אין זיין פּראָגראַם צו פערברייטען די רעפאָרמאַציאָן לויט די פאָדערונגען פון עוואַנגעליום. דער אויפשטאַנד האָט זיך גיך פערשפּרייט אין דענעמאַרק, וואו די רעגירונג איז געווען שוואַך און האָט זיך געפונען אין אַ זעהר פערווירטען צושטאַנד. די רעוואָלוציאָנערען האָבען אויסער ליבעק אויך בעזיגט קאָפּענהאַגען. אָבער דער הערצאָג קריסטיאַן פון האָלשטיין מיט דער הילף פון גוסטאַוו וואַזאַ פון שוועדען האָט צו דער רעוואָלוציאָן געמאַכט אַן ענדע. וואולענוועבער איז געשטירצט געוואָרען און די אַלטע אָרדנונג איז איבער=אַ=ניים איינגעפיהרט געוואָרען אין ליבעק און אין קאָפּענהאַגען.

אָבער די רעפאָרמאַציאָן האָט אין יענער צייט געמאַכט אין דייטשלאַנד גרויסע און מעכטיגע פאָרטשריטען. עס האָבען זיך צוזאַמענגענומען פיעלע פירסטען און שטעדט און געמאַכט צווישען זיך אַ בונד אום צו ווערען אונאָפּהענגיג פון דעם רוימישען פּאַפּסט, און צו שטערען אַלע אָנגריפען פון די קאַטאָליקען, ווען זיי ווילען בעשטעהן אויף זייערע רעכטען אַלס אָנהענגער פון דער רוימישער קירכע. נאָך מעהר, דער בונד האָט געפאָדערט פון די קאַטאָליקען איינס פון די צוויי: צו ענטזאַגען זיך פון דער רוימישער קירכע, אָדער צו פערלאָזען דאָס לאַנד מיט ווייב און קינדער. די חברים פון בונד האָבען פערשפּראָכען איינער צום אַנדערן שטיצע אין פאַל, ווען דער רייכסטאַג וועט זיי שטערען אין זייער בעשלוס געגען די קאַטאָליקען.

צו דיזען בונד פון שמאַלקאַלדען (אַ שטאָדט אין פּרייסען) איז אויך צוגעשטאַנען דער קורפירסט יאָאַכים דער 3טער פון בראַנדענבורג. די קאַטאָלישע פּאַרטיי האָט געזוכט אויסצוגלייכען די שטרייטיגקייטען אין רעליגיאָנס=אַנגעלעגענהייטען דורך דעבאַטען און דיסקוסיאָנען צווישען די עוואַנגעליסטען און פּאַפּיסטען, אָבער, ווי געוועהנליך, האָבען אַזעלכע דעבאַטען ניט געפיהרט צו קיין רעזולטאַט, יעדער איז געבליבען ביי זיינע פּרינציפּען און בעהויפּטונגען. די לייט, וואָס האָבען געוואָלט אָפּשאַפען דעם שטרייט דורך טהעאָלאָגישע דעבאַטען, האָבען ניט פערשטאַנען, דאָס אין דער גאַנצער זאַך שפּילט די הויפּט=ראָלע ניט די רעליגיאָן, ניט די דאָגמאַס, נאָר דאָס סאָציאַלע לעבען און די פּאָליטישע אונגלייכהייט. דער קאַנצלער גראַנוועללאַ האָט געמאַכט נאָך איין פּראָבע און האָט אין יאָהר 1541 צוזאַמענגעבראַכט צו אַ דעבאַטע מעלאַנכטהאָן מיט איינינע קאַטאָלישע פּאָרשטעהער, אָבער דיזעס האָט ניט געפיהרט צו קיין רעזולטאַט,

ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען. קאַרל דער 5טער האָט זעלבסט אויפגעגעבען די האָפנונג צו מאַכען אַן ענדע צו דעם רעליגיאָנס־קריג דורך דעבאַטען און דיסקוסיאָנען, און האָט בעשלאָסען צו נעהמען זיך צו דיזער וויכטיגער פֿראַגע נאָך דעם, ווי ער וועט ווערען רוהיגער פון די אויסלענדישע פּאָליטישע פּלאָנטערס, אין וועלכע ער האָט זיך דאַמאָלס געפונען.

לוטהער איז געווען זעהר בעזאָרגט צו זעהען דעם סוף פון דיזען רעליגיאָנס־קריג, אָבער ער האָט עס ניט דערלעבט. ער איז געשטאָרבען דעם 18טען פעברואַר 1546 נאָך פיעלע קערפּערליכע ליידען אין זיין געבורטס־שטאָדט אײזלעבען. ער איז בעערדיגט געוואָרען מיט גרויס כבוד אין דער בעגלייטונג פון פיעלע פערעהרער אין וויטטענבערג. ער האָט איבערגעלאָ-

פריעדריך דער 3טער, קורפירסט פון זאַקסען.

זען פיער קינדער און זיין פרוי, קאַטהאַרינאַ באָראַ, אַ געוועזענע נאָנע, מיט וועלכער ער האָט געהייראַט אין יאָהר 1524.

קאַרל דער 5טער האָט זיך געהיט ניט אויפצוטרעטען צו שטרענג געגען די פּראָטעסטאַנטישע פירסטען, ווייל ער האָט געהאַט אויסלענדישע צרות. אויסער פראַנץ דעם 1טען האָבען איהם די טערקען ניט געלאָזען צו רוה, און דעריבער האָט איהם ניט געלוינט צו קריגען זיך מיט זיינע בירסטען אין לאַנד. די טערקישע מאַכט האָט דאַמאָלס אונטער סאָליימאַן דעם 2טען (1520—1566) דערגרייכט די העכסטע שטופע. דער סולטאַן האָט אָפּגענומען פון די קריסטען צוויי זעהר וויכטיגע פעסטונגען: בעלגראַד און רהאָדוס, און ער האָט פערניכטעט אין אַ בלוטיגער שלאַכט די אונגאַרישע אַר-

מעע פון לודוויג דעם 2טען, וועלכער איז דאמאלס ענטלאפען פון שלאכטפעלד און האט געפונען זיין טויט אין א זומפ (1526). נאך לודוויג'ס טויט האבען די אונגארען און די בעהמען ערוועהלט אלס קעניג פערדינאנד'ן, דעם ברודער פון קארל דעם 5טען. עס האט זיך אבער דארט געבילדעט א פארטיי, וועלכע האט ערוועהלט דעם וואיעוואדא (הערצאג) זאפאליא פון זיעבענבירגען אלס קעניג, און דיזער האט זיך אונטערגעווארפען אונטער דעם שוץ פון סולטאן און האט זיך פערפליכטעט צו צאהלען איהם טריבוט. דער סולטאן איז אריינגעדרונגען אין אונגארן און איז אונגעשטערט דערגאנגען ביז וויען. דא האט ער דערהערט, דאס א גרויסע דייטשע מאכט געהט וויען צו הילף, און ער איז דעריבער צוריקגעטרעטען אין זיין לאנד.

קארל איז געווען געצוואונגען צו שיקען מיליטער אויך נאך אפריקא נעגען די זעע-רויבער, וועלכע האבען געמאכט אונזיכער דעם האנדעל פון מיטעלענדישען מעער, אונטער דער פיהרונג פון העלדישען גריך מיט'ן נאמען כאירעדדין באַרבאַראָססאַ. די רויבער האבען אפגענומען טונים און אלזשיר, האבען געראובט די ברעגען פון איטאליען און פון שפאניען, האבען געפאנגען טויזענדער קריסטען און האבען זיי פערקויפט אלס שקלאפען. די רויבער-באנדע האט אנערקענט איבער זיך די מאכט פון סולטאן סאליימאן, אזוי דאס דער סולטאן האט יעצט געהאט די מעגליכקייט צו בעפאלען קארל'ס אימפעריע אין וועסט און אין אסט. נאך ענגער איז געווארען קארל'ען, ווען דער קעניג פון פראנקרייך, פראנץ דער 1טער, האט די זעע-רויבער געהאלפען און האט מיט דעם סולטאן געשלאסען פריינדשאפט.

דערווייל איז פראנץ ספארצא פון מאילאנד געשטארבען. דיזער צופאל איז געווארען אן אורזאך פיר נייע שטרייטיגקייטען צווישען פראנץ דעם 1טען און קארל דעם 5טען: יעדער פון זיי האט גערעכענט, דאס ער איז דער געזעצליכער יורש פון מאילאנד. קארל דער 5טער האט אין דעם שטרייט געהאט מעהר ערפאלג, און מען האט ערווארטעט, דאס אין גיכען וועט ער זיין דער פאלשטענדיגער זיגער. אבער פלוצלינג האט קארל דעם שטרייט אויפגעגעבען. די אורזאך דערפון איז געווען, ווייל אין דייטשלאנד האט זיך זעהר פערברייטעט און געשטארקט דער פראטעסטאנטיזם, און ער האט אנגעהויבען צו האבען מורא פאר די רעזולטאטען. צוליב דעם האט ער אויך געהייסען זיין ברודער פערדינאנד שליסען מיט די טערקען א וואפען-שטילשטאנד, אום מען זאל זיך קענען אומזעהן און בעטראכטען וואס צו טאן

מיט דער רעפאָרמאציאָן. אין דער זעלבער צייט האָט ער בעשטימט מיט'ן פּאַפּסט פּאָול דעם 3טען צו בערופען אַן אַלגעמיינעם קאָנציל אין דער שטאָדט טריענט.

ז. רעליגיאָנס-קריג און רעליגיאָנס-פרידען.

אַלע בעמיהונגען צו ענדיגען דעם רעליגיאָנס-קאַמף פרידליך האָבען גע-פיהרט צו גאָרניט. עס איז געווען קלאָר צו זעהן, דאָס עס מוז ענדליך אויס-ברעכען אַן אָפענער קאַמף. קאַרל איז געגאַנגען צו זיין ציל לאַנגזאַם און זעהר פאָרזיכטיג. הגם מען האָט זיך אָנגעהויבען פאָרצובערייטען צו אַ קריג, האָט ער נאָך אַלץ ניט בעשטימט קיין זאַך און אַלעס איז ווי געהאַנגען אין דער לופט. ער האָט נאָר געזאָרגט צו זיכערן זיך דעם פּאַפּסט'ס הילף און די נייטראַליטעט פון באַיערן. דערביי איז וויכטיג צו בעמערקען, דאָס די פּראָטעסטאַנטישע פירסטען האָבען אין דעם גאַנצען שטרייט געהאַט ווענ'ג אין זינען די רעליגיאָן. זיי איז מעהר געגאַנגען אין ערווערבען מעהר לאַנד, מעהר מאַכט און מעהר רייכטום. די רעליגיאָנס-פראַגע איז נאָר געווען אַ מאַסקע. דעריבער האָט קאַרל גערעכענט, דאָס עס וועט איהם ניט זיין שווער צוציהען אויף זיין זייט אייניגע פון די גרויסע פירסטען פון לאַנד. דער שמאַלקאַלדישער בונד פון די האַנדעל-שטעדט האָט יעצט פערלאָרען אין גאַנצען זיין פּאָליטישע מאַכט. יעצט האָבען פיעלע פון די פירסטען גע-קוקט אויף דעם רעליגיאָנס-קאַמף גלייכגילטיג. זיי האָט מעהר אינטערע-סירט דער גלענצענדער שטערן פון דער קייזערליכער מאַכט, וועלכע האָט געשיינט צו ווערען אַ וועלט-מאַכט, און עס האָט זיך זיי דעריבער געלוינט בעסער צו פערבינדען מיט'ן קייזער. פריהער פון אַלע האָט דיזע נייגונג יע-צייגט דער הערצאָג מאָריטץ פון זאַקסען. דיזער הערצאָג איז געווען מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען נאָר צו זיינע פּאָליטישע אינטערעסען. די רעליגיאָן האָט איהם אין אַלגעמיין זעהר ווענינ אינטערעסירט. עס איז געווען געגען זיין נאַטור צו שטעלען אויף'ן ערסטען פּלאַן די אינטערעסען פון די גייסטליכע און וועלטליכע אינטערעסען פון די פירסטען זאָלען בלייבען שטעהן פון הינטען. צו גלייכער צייט האָט ער ניט געוואָלט אויפ-געבען זיינע עוואַנגעלישע געזינונגען. איהם האָט געלוינט זיך האַלטען אין אַ פּאָזיציאָן געגען דעם קייזער, אום צו מאַכען איהם נאָכגעביג צו זיינע אינ-טערעסען.

מאָריטץ האָט ווירקליך אין זיין רעכנונג ניט געמאַכט קיין טעות. דער קייזער האָט געברויכט זיין הילף אין אַ געוויסען פערטראַג, און דערפאַר

האָט ער איהם אָנגעבאָטען די שוץ־הערשאַפט איבער מאַגדעבורג און איבער האַלבערשטאַדט. מיט דיזען וועג האָט קאַרל געוואונען אויף זיין זייט אויך אייניגע אַנדערע פּראָטעסטאַנטישע פירסטען. קאַרל האָט אויך פערשטאַנען ווי צו בענוצען זיך מיט דעם האַס, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט צווישען דעם קליינעם אַדעל און די פירסטען, ווייל דיזע האָבען פערגרעסערט און פער־שטאַרקט מעהר און מעהר זייער מאַכט אויף דער רעכנונג פון דעם קלענערען אַדעל. דער קייזער האָט צושיקט געזאַנדטע צו אַלע גראַפען, הערען און ריטער און האָט זיי פערשפּראָכען צו אָנערקענען זייערע אַלטע פּריוויהייטען און אויך צו געבען זיי נייע. דער קייזער האָט דאַמאָלס בעשלאָסען צו מאַכען מיט׳ן שווערד אַן ענדע צו אַלע רעליגיעזע און פּאָליטישע רייסערייען און אויפשטעלען אַן אַבסאָלוטע קייזערליכע מאַכט, וועלכע זאָל אַלעם בעהערשען.

ווען די עוואַנגעליסטען האָבען זיך דערוואוסט פון דעם קייזער׳ס פּאָר־בערייטונגען צו אַ קאַמף, האָבען זיי באַלד געמאַכט גרייט אַן אַרמעע פון 40,000 מאַן. קאַרל האָט זיך פערשאַפט הילפס־טרופּען פון איטאַליען, שפּאַ־ניען און האָלאַנד. ווען די עוואַנגעליסטען האָבען זיך דערוואוסט פון דעם פערראַט פון מאָריטץ פון זאַקסען, דאָס ער איז אויף דער זייט פון דעם קיי־זער און די קאַטאָליקען, זיינען זיי שטאַרק דערשראָקען געוואָרען. מאָריטץ איז באַלד אַריין אין קורלאַנד און האָט דאָרט געווירקט אין דעם גייסט פון קייזער. די רייכע שטעדט, וועלכע זיינען געווען פיר די עוואַנגעליסטען, האָ־בען מורא געהאַט, דאָס קאַרל, וועלכער האָט געהערשט איבער איטאַליען, שפּאַניען און האָלאַנד, וועט זיי שטערען אין זייערע קאָמערציעלע אינטע־רעסען און קאָמוניקאַציאָן מיט דיזע לענדער, און וואָלט זיי מיט דיזען אופן אין גאַנצען ריאינירען, און זיי האָבען דעריבער אויפגעהערט צו שטיצען די עוואַנגעליסטען מיט געלט און מיט מענשען.

ווען די מאַסען האָבען זיך דערוואוסט פון דער האַלטונג פון די רייכע בירגער צו זייער קאַמף, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו מאַכען אויף זיי פּאָגראָמען. די רייכע בירגער אָבער האָבען זיך געפונען געצוואונגען צו שטיצען דעם קייזער מיט גרויסע סומעס געלט, אום ער זאָל ניט פּאַרא־ליזירען זייער האַנדעל. אַזוי האָט אוגסבורג געגעבען דעם קייזער 150,000 גולדען, אולם 100,000, פראַנקפורט 80,000, האַלל 60,000 און איסני 120,000 גולדען.

אויך אולריך פון ווירטעמבערג האָט זיך געמוזט אונטערגעבען צום קייזער קאַרל, איהם צאָהלען 300,000 גולדען קריגס־קאָסטען און אויך עפנען אַלע זיינע פעסטונגען פיר דאָס קייזערליכע מיליטער. דער אַלטער קורפירסט

הערמאַנן פון קעָלן איז פון פּאַפּסט אַריינגעלעגט געוואָרען אין חרם, בערויבט געוואָרען פון זיין ווירדע און ער האַט געמוזט אָפּטרעטען זיין אָרט צו אַ קאַ-טאָליק. און אַזוי איז גאַנץ זיד-דייטשלאַנד אונטערגעוואָרפען געוואָרען אונ-טער דער מאַכט פון קייזער. דער פיהרער פון די עוואַנגעליסטען איז געוועזן געצוואונגען צו ענטלויפען נאָך פראַנקרייך און אריינטרעטען אין די פראַנ-צויזישע אַרמעע.

די איינציגע האָפנונג פון די עוואַנגעליסטען איז געוועזן אויף דעם הער-צאָג פון זאַקסען יאָהאַן פריעדריך דער בעשטענדיגער. ער האָט באַלד גע-עפענט אַ ווינטער-צוג און האַט איינגענומען האַללע און מערזעבורג, וועלכע האָבען געהערט צו מאָריטץ'ן. דיזער האָט זיך געווענדעט ווענען הילף צו קאַרל'ען, וועלכער איז איהם ווירקליך גלייך געקומען צו הילף מיט טרופּען איטאַליענער און שפּאַניער. יאָהאַן פריעדריך האָט דאַמאָלס מעהר ניט גע-האַט ווי 6,000 מאַן, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער עלבע. יאָהאַן האָט געוואָלט צוריקציהען זיך מיט זיין קליינע אַרמעע נאָך וויטטענבערג און צו קאָנצענטרירען די צושטרייטע קריגער אין איין פונקט, אום צו שטעלען זיך געגען דעם פיינד. אָבער עס איז איהם ניט געלונגען דיזען פּלאַן דורכצופיה-רען. ער איז געפאַנגען געוואָרען זונטאָג דעם 24טען אַפּריל 1547 אין דער צייט פון געטליכען דינסט. מען האָט איהם פעראורטיילט צום טויט און קאַרל, אום צו ווייזען זיינע חסדים, האָט פערוואַנדעלט די טויט-שטראָף אויף לעבענסלענגליכע געפענגניס. יאָהאַן האָט געמוזט איבערגעבען זיין לאַנד צו דעם זיגער מאָריטץ, מיט אויסנאַהמע פון גאָטהאַ, ווייטאַר און איי-זענאַך, וועלכע זיינען געבליבען אַלס ירושה פיר די קינדער פון דעם פער-אורטיילטען.

נאָכדעם האָט אויך דער לאַנד-גראַף פיליפּ פון העססען געמוזט אויפגע-בען דעם געדאַנק צו שטרייטען מיט די געגנער. ער האָט זיך איבערגעגעבען צום קייזער אויף גנאַדע. ער איז אָבער געשלעפּט געוואָרען צום רייכסטאַג אין אוגסבורג אַלס הויפּט פון די פּראָטעסטאַנטען, אום אָפּצוגעבען דאָרט דין וחשבון פיר זיינע מעשים. דיזער פירסט איז געווען גערעכענט אַלס דער גע-פעהרליכסטער אין דיזער רעוועגונג, און מען האָט גערעכענט פיר נעטיג צו מאַכען איהם אונשעדליך, ווען מען האָט געוואָלט מאַכען נייע אָרדנונגען אין די דייטשע פערהעלטניסען.

יעצט האָט קאַרל אָנגעפאַנגען צו דענקען ניט נאָר צו בעהערשען דייטש-לאַנד, נאָר אויך צו צווינגען גאַנץ אייראָפּאַ איהם צו הערען. דער פּאַפּסט פּאַול דער 3טער איז אָבער מיט דיזען וואונש ניט געוועזן צופרידען און איינ-

שטימיג. קאַרל האָט צונויפגערופען אַ נייעם רייכסטאַג אויף דעם 24טען פעברואַר 1548. די פּראָטעסטאַנטישע פירסטען, וועלכע זיינען מעהרסטענ-טיילס געווען אָפּהענגיג פון קאַרל'ען, האָבען איהם פערשפּראָכען צו פאָלגען אַלעס, וואָס אַן אַלגעמיינער קאָנציל וועט בעשליסען. אָבער ניט דער פּאַפּסט, ניט די טהעאָלאָגען, וואָס זיינען דאַמאָלס געווען פערזאַמעלט אין באָלאָניאַ, האָבען איינגעשטימט צו אויפרופען אַ נייעם אַלגעמיינעם קאָנציל. קאַרל האָט דאַמאָלס בעשלאָסען אַליין צו מאַכען דערווייל אַ צייטליכע רעפאָרמע אין דער דייטשער קירכע, ביז מען וועט קומען צו אַן איבעראיינשטימונג. דיזע רעפאָרמע איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „דאָס אוגסבורגער אינ-טערים" (דערווייליגע רעפאָרמע). אָבער די ביידע פּאַרטייען זיינען מיט די-זען אינטערים געווען אונצופרידען: פיר די פּראָטעסטאַנטען איז עס געווען צו ווענינ, פיר די קאַטאָליקען צו פיעל. דער קייזער האָט אין דיזען אינ-טערים געשטריטען מיט'ן פּאַפּסט פון איין זייט און מיט דער דייטשער מאַסע און די פּראָטעסטאַנטישע פירסטען פון דער אַנדערער זייט.

אָבער די פירסטען זיינען ניט געווען אַזעלכע געפעהרליכע געגנער פון דעם אינטערים, ווי די אויבער=דייטשע שטעדט און די פּרעדיגער. די שטעדט האָבען אָבער באַלד געמוזט נאָכגעבען, ווייל דער קייזער האָט באַלד פערניכ-טעט די דעמאָקראַטישע פערפאַסונג פון די שטעדט. שווער איז עס געווען צו צווינגען די פּרעדיגער, ווייל זיי האָבען פאַר קיין זאַך ניט געהאַט קיין מורא. זיי האָבען גוט פערשטאַנען, אַז דאָס אינטערים איז נאָר אַן אָנפאַנג פון קאַטאָלישער רעאַקציאָן, וועלכע וועט זיי, די רעפאָרמירטע פּרעדיגער, טרעפען מעהר פון אַלעמען. איבער 400 פּרעדיגער זיינען בערויבט געוואָרען פון זייערע רעכטען און האָבען געמוזט ענטלויפען נאָך מאַגדעבורג, ווייל זיי האָבען דאָס אינטערים ניט געוואָלט אָננעהמען.

קאַרל האָט געפאָדערט פאָלקאָמענע געהאָרזאַמקייט צום אינטערים און האָט וועגען דעם ניט ערלויבט קיין דיסקוסיאָנען. ער האָט ניט ערלויבט דאָס מינדעסטע צו ענדערן אין דיזען אינטערים. עס האָט געמוזט ווערען אָנגע-נומען ווי עס איז, אָדער גאָרניט, זאָנסט האָט עס געהייסען קריג מיט'ן קיי-זער. דיזע פאָדערונג פון קייזער האָט געצייגט, דאָס ער איז ענטשלאָסען אַראָפּצוזעצען די דייטשע פירסטען און הערצאָגען און ברייגגען זיי צו דער זעלבער שטופע, אויף וועלכער עס זיינען דאַמאָלס געשטאַנען די הערצאָגען און מאַרק=גראַפען אין שפּאַניען און אין פראַנקרייך. די פירסטען זיינען געווען געצוואונגען צום שטרייט. אָבער אין דיזען שטרייט האָבען די פיר-

סטען געהאַט אין זינען נאָר זייערע אייגענע אינטערעסען, און פיר קיין פאַל ניט די אינטערעסען פון דייטשען פאָלק.

מאָריטץ האָט געקראָנען דעם אויפטראַג אויסצופיהרען דעם אורטייל פון דעם רייכסטאַג איבער די שטאָדט מאַגדעבורג, וואוהין די 400 פּרעדיגער זיינען ענטלאָפען. דיזער אורטייל איז בעשטאַנען אין דעם, דאָס מען זאָל אַלע איינוואוינער בערויבען פון זייערע רעכטען און אַרויסשיקען פון לאַנד. צו דיזען צוועק האָט ער זיך פעראייניגט מיט אייניגע אַנדערע פירסטען און האָט בעלאַגערט די שטאָדט. אָבער אין דער צייט פון דער בעלאַגערונג האָט ער אויפגעטאָן אַ זעהר וויכטיגע זאַך — ער האָט זיך פעראייניגט מיט אייניגע אַנדערע פירסטען און איז אָפּגעפאַלען פון קייזער מיט דעם צוועק צו פערשאַפען די דייטשע פירסטען זייער פריהערדיגע פרייהייט, וואָס דער קייזער האָט פון זיי גערויבט. מיט אַ יאָהר שפּעטער (1552) האָבען זיך די דייטשע עוואַנגעליסטישע פירסטען פערזיכערט מיט דער הילף פון פראַנצוזישען קעניג היינריך דעם 2טען. דאַמאָלס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ לאַנגע רייהע פון שטרייטען. מאָריטץ האָט געשלאָסען מיט מאַגדעבורג פרידען און איז אַוועק מיט זיינע טרופּען נאָך זיד. דאָ האָט ער עראָבערט אוגסבורג, און די פראַנצויזען האָבען דערווייל עראָבערט מעטץ. דער קייזער האָט פון איננסברוק געמוזט ענטלויפען אָהן געלט און אָהן טרופּען נאָך פיללאַך.

דער קייזער האָט בעאויפטראַגט זיין ברודער פערדינאַנד צו פערהאַנדלען וועגען פרידען. עס איז געשלאָסען געוואָרען אַן אָפּמאַך, וועלכער איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „דער פּאַססאַוער פערטראַג" (1552), לויט וועלכען די עוואַנגעליסטען האָבען ערהאַלטען פאָלשטענדיגע רעליגיאָנס־פרייהייט, דאָס אינטערים איז אין גאַנצען אָפּגעשאַפט געוואָרען, און די בעשלוסען פון דעם טרידענטינער קאָנציל זיינען פיר די עוואַנגעליסטען געוועזן ניט גילטיג. די, וואָס האָבען געגען זיך געהאַט קלאַגעס, דאָס זיי האָבען איבערגעטרעטען די געזעצען פון לאַנד, האָבען זיך געדאַרפט אונטערוואַרפען אונטער דעם משפט פון דעם רייכסטאַג.

הגם קאַרל דער 5טער האָט געהאַט אַ שרעקליכע נידערלאַגע, האָט ער פון דעסטוועגען זיינע שטאָלצע פּלענער ניט אויפגעגעבען. ער האָט געזוכט פּלענער ווי צו צושטערען דעם רעליגיאָנס־פרידען. ער האָט גוט פערשטאַנען, דאָס דער פירסטען־בונד איז שוואַך. די פירסטען זעלבסט האָבען ניט געהאַט קיין צוטרויען איינער צום אַנדערען. די פירסטען האָבען געפאָדערט, דאָס די גראַפען און די ריטער פון פראַנקען־לאַנד זאָלען זיך אַנשליסען אָן די פערבונדענע פירסטען און אָן פראַנקרייך, און ווער עס וועט צו דיזען בונד

ניט צושטעהן, זאָל אויסגעראָטעט ווערען. אזוי ווי עס האָבען זיך געפונען איינינע, וואָס האָבען צום בונד ניט געוואָלט צושטעהן, האָבען די פערבונ־דענע פירסטען געברענט און געשלאָכטעט שטעדט און דערפער ווי די ווילדע בעסטיעס. דאָס האָט געגעבען קאַרל'ען מוט און האָפנונג, דאָס ער וועט די פירסטען בעזיגען. מעהר פון אַלעמען האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גרויזאַמקייט דער מארק־גראַף אַלברעכט פון בראַנדענבורג, וועלכער האָט זיך גענומען צו בעשטראָפען די שטאָדט נירנבערג און צו פערניכטען די בישאָפען פון באַמבערג און ווירצבורג מיט אַלע זייערע שטיפטונגען (קירכ־ליכע אנשטאַלטען).

דעם 11טען מאַי האָט ער בעלאַגערט די שטאָדט נירנבערג. ער האָט געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע 12,000 פוס־טרופען. ווייל די בעלאַגערונג האָט זיך פערלענגערט, האָט ער דערווייל ארויסגעשיקט קליינע טרופען צו פערוויסטען די דערפער און קליינע שטעדטלאַך אין דער אומגעגענד פון נירנ־בערג. צוויי מייל ארום נירנבערג האָט ער פערברענט און פערוויסטעט אַלע דערפער און געביידעס. ער האָט פערברענט איבער 3,000 מאָרגעם וואַלד. פון דעם בישאָף פון באַמבערג האָט ער געפאָדערט, דאָס ער זאָל צו־שטעהן צום בונד. ווען דער בישאָף האָט זיך ענטזאָגט צו ערפילען דיזע פאָ־דערונגען, ווייל ער האָט געשוואָרען טרייהייט צום קייזער, האָט דער מארק־גראַף געשיקט זיינע טרופען און זיי האָבען בערויבט די איינוואוינער פון איי־ניגע שטעדט, וואָס האָבען געהערט צום בישאָף, און האָבען זיי נאָכדעם פער־ברענט אויף אַש. אום צו רעטען זיין געביט פון פערניכטונג, האָט איהם דער בישאָף אָפּגעגעבען פון זיין הערשאַפט 20 שטעדט, וואָס דאָס איז געווען מעהר פון אַ דריטעל פון זיין גאַנצען געביט, און אויסער דעם האָט ער איהם געגעבען 80,000 גולדען. דער בישאָף פון ווירצבורג האָט איהם געמוזט צאָהלען 220,000 גולדען. די בירגער פון ווירצבורג האָבען געמוזט צוזאַמענ־ברייגגען זייערע זילבערנע כלים, די קירכען און מאָנאַסטירען האָבען איהם געמוזט איבערגעבען אַלע זייערע אוצרות ביז ער האָט בעקומען די סומע, וואָס ער האָט פון זיי געפאָדערט. „אַזאַ סאָרט רויב", האָט זיך אַלברעכט געריהמט, „איז די זאַך פון אַן עהרליכען פירסט, וועלכער ליבט באמת גאָט און דאָס געטליכע עוואַנגעליום".

די בעלאַגערונג פון נירנבערג האָט מען דערווייל פאָרטגעזעצט. אַ גע־זאַנדטער פון קעניג פערדינאַנד, קאַרל'ס ברודער, מיט'ן נאָמען אולריך צאַ־זיוס, איז געקומען אין לאַגער פון אַלברעכט'ן צו פערהאַנדלען וועגען פרידען. דיזער געזאַנדטער איז געווען ערשטוינט און שטאַרק געריהרט פון דער פער־

וויסטונג, וואָס אַלברעכט האָט געמאַכט אַרום נירנבערג. פיעלע פון די בויערן, וואָס אַלברעכט האָט פערברענט זייערע דערפער, האָבען זיך געוואַלגערט אין די וועלדער און זיינען דאָרט צושטאָרבען פון הונגער און קעלט. זעהר פיעלע טויטע קערפּערס האָט מען געפונען אַרום נירנבערג מיט גראָז אין מויל, מיט וועלכע זיי האָבען געזוכט צו שטילען דעם הונגער. ווען אַלברעכט האָט בע-מערקט אַזאַ טויטען קערפּער האָט עס ביי איהם אַרויסגערופען אַ געלעכטער. דאָס לעבען אין לאַגער איז געווען שרעקליך פערדאָרבען. דאָס גרעסטע פער-ברעכען האָט זיך אין לאַגער גערעכענט פיר אַ גוטע טאַט. דער גראַף זעלבסט, ווי אויך זיינע לייט, האָבען זיך בעריהמט מיט מאָרדען און ברענען ווי מיט מעשים טובים, דאָס איז ביי זיי געווען דער בעסטער צייטפערטרייב.

איבער 4,000 שרפות האָט דער מאַרק־גראַף אַנגעמאַכט אַרום נירנ-בערג. אויסער דעם האָט ער אין יענער אומגעגענד בערויבט 2 קליינע שטעדט, 3 מאָנאַסטירען, 90 שלעסער, 17 קירכען און 170 דערפער, און דיזע אַלע האָט ער נאָך דער בערויבונג פערברענט. אויסער מאָרד־טאַטען זיינען אויך טאָג־טעגליך בעגאַנגען געוואָרען זעהר פיעלע אַנדערע פערברעכענס ווי פרויען־שענדעריי און ד. גל. מיט דיזע אַלע גרוילטאַטען האָט זיך דער קריסטליכער דייטשער עדעלמאַן געריהמט ווי מיט מעשים טובים.

דעם 19טען יוני האָט זיך נירנבערג אויסגעקויפט פון דער בעלאַגערונג מיט 200,000 גולדען. פון באַמבערג, ווירצבורג און נירנבערג האָט אַל-ברעכט אין צייט פון 2 מאָנאַטען אויסגעפּרעסט איבער אַ מיליאָן גולדען „צום ערהאַלטען און שטיצען די הייליגע, וואהרע אַפּאָסטאָלישע קריסטליכע רע-ליגיאָן", ווי ער זעלבסט האָט זיך אויסגעדריקט און בעריהמט.

מאָריטץ האָט געשפּילט אַן אַנדער ראָלע. וועהרענד אַלברעכט האָט גע-ברענט און געמאָרדעט אין דעם נאָמען פון דער הייליגער עוואַנגעלישער רע-ליגיאָן האָט מאָריטץ געפיהרט קריג אום צו בעקעמפען די אַנאַרכיע צווישען די פירסטען און איינפיהרען אין לאַנד אָרדנונג. אין דעם זומער פון 1553 זיינען ביידע בעלי טובות, מאָריטץ און אַלברעכט, אויס אויף אַ שטרייט. אין דיזען שטרייט איז אַלברעכט געשלאָגען געוואָרען און איז ענטלאָפען נאָך פראַנקרייך. אָבער אויך דער זיגער מאָריטץ האָט בעקומען אַ טויטליכע וואונד פון אַ קויל און איז געשטאָרבען צוויי טעג נאָך דעם, ווי ער האָט גע-זיגט.

נאָכדעם איז געקומען דער רעליגיאָנס־פרידען. דער קייזער איז גע-שטאַנען פון ווייטען און האָט איבערגעגעבען די פערהאַנדלונגען וועגען פרי-דען צו זיין ברודער פערדינאַנד. מען איז געקומען צו פאָלגענדע רעזולטאַ-

טען: די יעניגע קריסטען, וואָס האָבען אַ ביסעל אָפּגעווייכט פון קאַטאָליציזם לויט דער אוגסבורגישער בעקענטניס (די רעפּאָרמירטע זיינען פון דעם פרידען אויסגעשלאָסען געוואָרען), האָבען גלייכע פּאָליטישע און רעליגיעזע רעכטען מיט די קאַטאָליקען. די גיטער, וואָס מען האָט אָפּגענומען פון די גייסטליכע פאַר דעם פּאַססאוער פערטראַג, זאָלען בלייבען אין די הענט פון די וועלטליכע. יעדער פירסט און יעדע שטאָדט האָט דאָס רעכט איינצופיהרען ביי זיך וועלכע בעקענטניס זיי געפעלט, די קאַטאָלישע אָדער די אוגסבורגישע. די יעניגע אונטערטאַנען, וואָס ווילען זיך ניט אונטערוואַרפען אונטער דיזע בעדינגונגען, מוזען אויסוואַנדערן פון לאַנד. איבערטרעטען צום פּראָטעסטאַנטיזם איז ערלויבט זאָגאַר צו די גייסטליכע, אָבער זיי פערלירען דאַן זייער אַמט און זייערע רעכטען צוזאַמען מיט זייער בעזיץ, ד. ה. מיט זייערע גיטער. די וואַנגעליסטען האָבען געגען דיזען אַרטיקעל שטאַרק פּראָטעסטירט, אָבער זיי האָבען גאַרניט אויסגעפיהרט. עס איז געוואָרען מיט דעם קייזער'ס אייזערנעם ווילען אַ געזעץ פון לאַנד. דיזעס געזעץ איז געוואָרען אַן אורזאַך צו בלוטיגע קאַמפּען.

דער גאַנצער רעליגיאָנס־פרידען איז נאָר געווען גוט פיר די אינטערעסען פון די פירסטען און פיר די בירגער, וועלכע האָבען אָנגענומען די אוגסבורגישע רעפאָרמע. די פירסטען האָבען זייער ציל דערגרייכט: די גיטער, וואָס זיי האָבען אָפּגענומען פון די קירכען, מאָנאַסטירען און גייסטליכע, זיינען געבליבען זייערע. די פירסטען האָבען אויך בעקומען די פולע מאַכט צו אָרגאַניזירען די רעליגיאָנס־אַנגעלעגענהייטען אין זייערע געביטען נאָך זייער ווילען; זיי האָבען בעקומען דאָס רעכט איינצוזעצען גייסטליכע בעאַמטע און אַרונטערזעצען זיי, ווי זיי איז געפעלען. די זעלבע רעכטען האָבען ערהאַלטען די מאַגיסטראַטען אין די שטעדט. דערפון זעהען מיר קלאָר, דאָס די רעפאָרמאַציאָן האָט דער קירכע ניט געבראַכט קיין פרייהייט, אין געגענטייל, זי האָט ביי איהר צוגענומען די פרייהייט, וואָס זי האָט געהאַט, און האָט זי איבערגעגעבען צו דער וועלטליכער מאַכט. נאָך דער רעפאָרמאַציאָן האָט די וועלטליכע רעגירונג בעקומען דאָס רעכט איבער די אונטערטאַנען אין רעליגיאָנס־זאַכען, וועלכע פריהער האָבען געהאַט די גייסטליכע. יעצט האָט דער קלענסטער פירסט געהאַט דאָס רעכט איינצופיהרען אין זיין געביט די רעליגיאָן פיר זיינע אונטערטאַנען ווי איהם איז געפעלען. די אונטערטאַנען האָבען געמוזט אָננעהמען די רעליגיאָן, וואָס דער פירסט האָט געוואָלט איינפיהרען, אָדער זיי האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד.

דעם פאָלק איז נאָר איינס איבערגעבליבען: געהאָרכען און דולדען. דאָס איז געוועזען לוטהער'ס הויפּט=פאָדערונג פון דעם פאָלק.

ווען דער קייזער האָט דערזעהען, דאָס אַלע זיינע פּלענער און האָפנונגען זיינען ניט ערפילט געוואָרען, האָט ער אָנגעפאַנגען צו דענקען זיך ענטזאַגען פון טראָן. דיזען וואונש האָט ער פערווירקליכט טריט ביי טריט. דעם 21טען אָקטאָבער 1555 האָט ער זיך ענטזאַגט צו זיין דער הויפּט פון ריטער=אָרדען פון „דעם גאָלדענעם פּליס", און האָט די עהרע איבערגעגעבען צו זיין זוהן פיליפּ. פיער טעג שפּעטער האָט ער זיך ענטזאַגט פון דער רעגירונג איבער האָללאַנד און האָט זי איבערגעגעבען צו זיין זוהן. אין יאַנואַר 1556 האָט ער צו זיין זוהן איבערגעגעבען די שפּאַנישע קרוין. די לעצטע צוויי יאָהר פאַר זיין טויט האָט ער רוהיג פערבראַכט אין מעכאַנישע אַרבייט און אין רעליגיאָנס=בעטראַכטונגען. אין יאָהר 1558 איז ער געשטאָרבען.

די קייזערליכע קרוין איז איבערגעגאַנגען צו קאַרל'ס ברודער **פּערדינאַנד** דעם 1טען (1558—1564), וועלכער האָט זיך פערפּליכטעט צו היטען דעם רעליגיאָנס=פרידען און אויך דעם לאַנד=פרידען לויט די בעדינגונגען, וואָס די פירסטען האָבען אויסגעאַרבייט. דערצו איז געוועזען נאָך איין וויכטיגע בעדינגונג, נעמליך, דאָס ער זאָל פיהרען די רעגירונג נאָר מיט דער איינשטימונג און ווילען פון די שטאַנדען (די פערשיידענע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט). דערויף האָט פערדינאַנד געגעבען אַ שבועה, דאָס ער וועט אַנדערש ניט טאָן, און ער האָט ווירקליך געהאַלטען זיין וואָרט; אויך זיין זוהן און נאָכפאָלגער מאַקסימיליאַן דער 2טער האָט קיינמאָל ניט געשטערט אין עטוואָס די פּראָטעסטאַנטען.

וואָס אָנבעטרעפט די שווייץ איז אין די דייטשע קאַנטאָנען געוועזען פולע פרייהייט: עס זיינען דאָרט בעשטאַנען פּראָטעסטאַנטישע און קאַטאָלישע קאַנטאָנען איינער נעבען דעם אַנדערען און עס איז צווישען זיי ניט פאָרגעקומען קיין שטרייטיגקייטען. אויך אין די פראַנצויזישע קאַנטאָנען זיינען אויפגעשטאַנען מענער, וועלכע האָבען אָפען און אונערשראָקען פּראָפּאַגאַנדירט רעפאָרמאַציאָן. די ערסטע מוטיגע עוואַנגעלישע קעמפּער זיינען דאָרט געווען **ווילהעלם פּאַרעל** און דער רעדנער **ווירעט**.

אין אייניגע קאַנטאָנען אין דער שווייץ איז אָנגענומען געוואָרען פּאַרעל'ס לעהרע און אין אַנדערע האָט **קאַלווין** געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג מיט זיינע פּרעדיגטען וועגען רעפאָרמאַציאָן. קאַלווין איז געוועזען פיר גענף (זשענעוואַ) דאָס זעלבע, וואָס צווינגלי איז געוועזען פיר ציריך. אָבער קאַלווין'ס לעהרע איז אָנגענומען געוואָרען אין אַלע ניט=דייטשע קאַנטאָנען און

אויך אין האָללאנד און שאָטלאנד; איבעראל איז געווען איינגעפיהרט די בירגערליך־דעמאָקראטישע קירכען־פערפאסונג. די געמיינדעס זעלבסט האָבען ערוועהלט און ארונטערגעזעצט זייערע גייסטליכע, קיינעם ניט פרעגענדיג. נאָר ענגלאנד האָט א ביסעל אָפּגעווייכט פון קאַלווין'ס פערפאסונג. מערקווירדיג איז, דאָס די אלע לענדער, וואָס האָבען אָנגענומען קאַלווין'ס לעהרע, זיינען געוואָרען אין קורצען די העכסטע קולטור־לענדער: האָללאנד, ענגלאנד, שאָטלאנד און זיד־פראנקרייך זיינען געוואָרען די פּיאָניערען פון דער נייער קולטור.

יאָהאַן קאַלווין.

קאַלווין איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1509 אין נאָרד־פראַנקרייך. ווען ער איז אַלט געוואָרען 24 יאָהר איז ער געוואָרען פערבאַנט (ארויסגעשיקט) פון זיין געבורטס־אָרט אַלס קעצער. ער איז אוועק נאָך באזעל, וואו ער האָט פערפאַסט זיין בעריהמטעס ווערק „די פערפאַסונג פון דער קריסטליכער רעליגיאָן", וועלכע איז ערשינען אין דרוק אין יאָהר 1535. ביז זיין טויט אין יאָהר 1564 איז ער געווען דער פּאָליטישער פיהרער פון דער גענפער רעפּובליק. א שרעקליכען פלעק אויף קאַלווין'ס נאָמען האָט געמאַכט

זיין גרויזאַמע האַנדלונג געגען מיכאַעל סערוועט. דיזער איז גע־וועזען אַ שפּאַנישער געלעהרטער. ער איז געוועזען אַ גרויסער געאָגראַף, אַסטראָנאָם, איבערהויפּט איז ער געוועזען אַ גרויסער מעדיקער און פיזיאָלאָג. ער איז בעריהמט פיר זיינע פאָרשונגען איבער די צירקולאַציאָן פון בלוט. זיין לעהרע אָבער וועגען רעליגיאָן האָט ניט געשטימט ניט מיט דער קאַטאָלי־שער קירכע און ניט מיט קאַלווין'ס לעהרע. אין ליאָן האָט מען איהם פיר זיין רעליגיאָנס־לעהרע געוואָרפען אין געפענגניס אום צו משפט'ן איהם. ער איז אָבער פון דאָרט ענטלאָפען און איז געקומען אין גענף. דאָ האָט איהם קאַלווין געהייסען אַרעסטירען און האָט איהם פערורטיילט צום טויט דורך פערברענען. ער איז היינגעריכטעט געוואָרען דעם 27טען אָקטאָבער 1553.

מיכאַעל סערוועט.

ז. די רעליגיעז־פּאָליטישע געשיכטע פון דייטשלאַנד ביז צום 30־יעהריגען קריג.

דער רעליגיאָנס־פרידען איז געוועזען אַ פוילער פרידען, ווייל קיין קלאַס האָט דורך איהם ניט דערגרייכט איהר צוועק. דעריבער זיינען די פירסטען, די בירגער און די גייסטליכע אויך נאָך דעם פרידען געבליבען שונאים איינע די אַנדערע. דאָך האָבען די פירסטען מעהר פון אַלעמען געוואונען פון דיזען פרידען: די גיטער, וואָס זיי האָבען צוגענומען פון די גייסטליכע און פון די קירכען און מאָנאַסטירען זיינען געבליבען זייער אייגענטום. אין אַלגעמיין האָט דער פּראָטעסטאַנטיזם פיעל געוואונען אויף אַ לאַנגע צייט.

אָבער דער קאַמף וועגען די קירכליכע גיטער האָט ניט אויפגעהערט. פולע 63 יאָהר, פון 1555 ביז 1618, האָט מען זיך אַלץ געריסען וועגען די קירכליכע גיטער. אָנפאַנגס איז עס געווען אַ קאַמף נאָר פון ווערטער, עס האָט זיך אָבער געענדיגט מיט דעם בעוואוסטען 30-יעהריגען קריג, אַ קריג, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטען דייטשלאַנד פון פאָרטצוזעצען די קולטור אויף גאַנצע 100 יאָהר, ווערענד די בענאַכבאַרטע לענדער האָבען געמאַכט גרויסע פאָרטשריטען.

ווי מיר האָבען עס פריהער געזאָגט, האָט זיך די מאַכט פון די פּראָ-טעסטאַנטען פערשטאַרקט נאָך דעם רעליגיאָנס-פרידען. געשטיצט אויף די-זער מאַכט האָבען זיך די פירסטען ניט צופרידען געשטעלט מיט די קירכליכע גיטער, וועלכע דער פרידען האָט זיי געזיכערט, ד. ה. די, וואָס זיי האָבען שוין אַריינגעכאַפּט, נאָר מיט אַלערליי פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע דרייד-לאַך האָבען זיי געזוכט אַריינצוכאַפּען נייע קירכליכע גיטער. דער פרומער קורפירסט אוגוסט פון זאַקסען האָט געראַטען, דאָס מען זאָל דערפון אויף דעם רייכסטאַג „ניט מאַכען קיין לאַרם (!), עס איז בעסער די זאַך (אָפּנעה-מען די קירכען-גיטער) צו טאָן בעשיידען און קריסטליך (!!), אַרומ-געהענדיג דאָס געזעץ". די דייטשע פירסטען האָבען זיך גיך אויסגעלערנט די רוימישע שטאַאַטס-קונסט.

דער קורפירסט אוגוסט, וועלכער האָט געפּרעדיגט צו אַנדערע פירסטען, דאָס זיי זאָלען זיין מעסיג אין דער בערויבונג פון די קירכען-גיטער, איז אַליין געווען דער געפעהרליכסטער קירכען-רויבער. נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגערויבט דאָס בישאָפטום מייסען, האָט ער באַלד אויך פערכאַפּט די בי-שאָפטימער נאַומבורג און מערזעבורג. זאָגאַר פּראָטעסטאַנטישע שטעדט זיינען געווען אויפגעריהרט איבער די אונפערשעמטהייט צו ברעכען אַזוי אָפען דעם פרידען. אין די 40 יאָהר, פון 1540 ביז 1580, האָבען די פירסטען אַריינגעכאַפּט 13 בישאָפטימער. אויף דעם רייכסטאַג פון יאָהר 1559 האָ-בען די קאַטאָליקען אויפגעהויבען אַ קלאַגע געגען דיזע רויבערייען. אָבער עס האָט זיי ניט געהאָלפען. ווי דער קורפירסט אוגוסט פון זאַקסען, אַזוי האָ-בען אויך די קורפירסטען פון דער פּפאַלץ און פון בראַנדענבורג, די הערצאָגען פון ווירטעמבערג, דער לאַנד-גראַף פון העססען און פיעלע אַנדערע גערויבט קירכען-גיטער, אָבער מעהר פון אַלע האָבען זיך עס ערלויבט צו טאָן די קור-פירסטען.

ביסלאַכווייז איז אַזוי אַרויסגעריסען געוואָרען פון די הענט פון דער רוי-מישער קירכע כמעט גאַנץ נאָרד-דייטשלאַנד. רעפאָרמאַטאָרישע בעוועגונ

גען האָבען זיך אויך אָנגעהויבען אין עסטרייך און באיערן, וועלכע זיינען גע-וועזען די גרעסטע קאַטאָלישע לענדער אין זיד־דייטשלאַנד. דער קייזער פער-דינאַנד און דער הערצאָג אַלברעכט פון באיערן האָבען זיך אָנגעהויבען ניי-גען צו דער לוטהערישער לעהרע. זאָגאַר גייסטליכע פירסטען פון זיד, ווי דער זאַלצבורגער ערץ־בישאָף, זיינען געוואָרען אָנהענגער פון לוטהער'ס לעה-רע. דעם קייזער פערדינאַנד'ס זוהן, דער שפּעטערער קייזער מאַקסימיליאַן, איז געוועזען אַזאַ שטאַרקער פערעהרער פון לוטהער'ס לעהרע, דאָס ער האָט איינגעלאַדען אַלס הויף־פּרעדיגער אַ לוטהעראַנישען גייסטליכען. זיין פאָ-טער פערדינאַנד האָט איהם געבעטען ער זאָל דיזען פּרעדיגער ענטזאַגען, אָבער ער האָט עס ניט געוואָלט טאָן. אויך הערצאָג אַלברעכט האָט מיט פערגניגען געהערט די פּרעדיגטען פון דעם רעפאָרמאַטאָר פּפאַוזער.

אין יאָהר 1556 זיינען אין באיערן און אין עסטרייך געוועזען לאַנדטאַגען, וועלכע האָבען געפאָדערט פון די פירסטען, אַז זיי זאָלען זיין טאָלעראַנט צו דער עוואַנגעלישער לעהרע. די אַדעליגע גרונד־בעזיצער האָבען פעריאָגט די קאַטאָלישע גייסטליכע, אויך די שטעדט האָבען געטאָן דאָס זעלבע. דעם קייזער'ס זוהן האָט עס געהאָלפען דורכפיהרען און דער קייזער האָט איהם ניט געשטערט. דעריבער האָט איהם דער פּאַפּסט פערגליכען מיט דעם אי-דישען כהן גדול עלי, וועלכער האָט ניט געשטערט זיינע קינדער צו טאָן שענדליכע זאַכען אין טעמפּעל, און דערפאַר איז ער געשטראָפט געוואָרען, אַז דאָס אַמט פון כהן גדול איז אָפּגענומען געוואָרען פון זיין פאַמיליע און איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַן אַנדערער. דער קאַטאָליציזם איז אין אַלגעמיין פיעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען. די פּריסטער האָבען אָנגעפאַנגען צו הייראַטען, די תעניתים זיינען זעהר וועניג אָפּגעהיט געוואָרען. אין דעם אויפטראַג פון פערדינאַנד'ן האָט זיין וויצע־קאַנצלער זעלד געשריבען אַ קרי-טיק איבער דעם פּאַפּסטטום. האָט דער פּאַפּסט וועמען עס איז אַריינגע-לעגט אין חרם, האָט מען זיך דערפון אויסגעלאַכט. די איינקונפטען פון דעם פּאַפּסט זיינען געוואָרען אַזוי קליין, ווי זיי זיינען קיינמאָל ניט געוועזען. דאָן האָט דער פּאַפּסט אָנגעהויבען צו שפּילען אויף אַנדערע סטרונעס. ער האָט ערלויבט די קאַטאָליקען אין דייטשלאַנד צו טרינקען אין דער קירכע וויין פון בעכער, ווי עס איז געוועזען ערלויבט ביי די פּראָטעסטאַנטען, אָנשטאָט וואָס פריהער האָבען זיי געהאַט דאָס רעכט נאָר צו עסען דאָס ברויט אין דער קירכע, וואָס דאָס האָט בעדייטעט, אַז זיי קענען נאָר געברויכען דאָס פלייש פון יעזוס'ן אָבער ניט זיין בלוט, וועלכעס האָט זיך געפונען אין דעם וויין, וואָס מען גיט דעם פאָלק ביים געטליכען דינסט. דערמיט האָט דער

פּאַפּסט געדענקט צוציהען צום קאַטאָליציזם פיעלע פּראָטעסטאַנטען. דאָס האָט אָבער וועניג געהאָלפען. דער פּאַפּסט האָט געמוזט אָנווענדען אַנדערע מיטלען אום אויפצוהאַלטען זיין מאַכט. ער האָט געמוזט איינפיהרען צווישען די גייסטליכע דאָס אַלטע איינפאַכע לעבען, וועלכעס האָט מאַנכמאָל געפיהרט צו אַסקעטיזם (זיך אָפּזאָגען פון די תענוגים פון עולם הזה), און צו טאָן עטוואָס פיר די אָרימע, ווי די אַלטע וואַהרע קריסטען האָבען עס געטאָן. און מיט דיזער שלויער פּאָליטיק האָט ער גערעכענט צו געווינען צוריק זיין אויטאָריטעט ביים נעדריקטען פּאָלק.

שוין אין יאָהר 1542 איז ביים פּאַפּסט געבאָרען געוואָרען דער געדאַנק צוזאַמענצורופען אַן אַלגעמיינעם קאָנציל פון קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען, אום צו בעקלערען מיטלען, ווי אַזוי צו פעראייניגען וויעדער די צושפּאָלטענע קירכע. פּאַול דער 3טער, וועלכער איז געווען פּאַפּסט פון 1534 ביז 1549, האָט אין דיזער זאַך פיעל געטאָן, אָבער זיין אויפפיהרונג אַלס אויבער־גייסטליכער איז געווען אַזוי שלעכט, דאָס ער האָט פערלאָרען זיין גאַנצע אויטאָריטעט. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט זיין נאָכפאָלגער יו־ליוס דעם 3טען (1550—1555). ער האָט דעם גאַנצען רעספּעקט פאַר די העכערע גייסטליכע פערניכטעט דערמיט, וואָס ער האָט אַן איינפאַכען אינגעל פון 16 יאָהר, וועלכער איז געווען אַ היטער פון אַפּען (אָבעזיאַנעם), ערהויבען צו אַ שטעלע פון קאַרדינאַל. דער פּאַפּסט פּאַול דער 4טער איז געווען אַ פּראָסטער שכור. עס פערשטעהט זיך, דאָס אַזעלכע פּאַפּסטען האָבען גאַר ניט געקענט טאָן אויפצוהייבען ווי פיעל עס איז דעם קאַטאָליציזם.

דער גרויסער קאָנציל, וואָס איז געזעסען אין די יאָהרען 1545—1547 אין טריענט, 1548—1549 אין באָלאָניא, 1551—1552 און 1562—1563 אין טריענט, האָט אויסגעאַרבייט די קאַטאָלישע קירכען־פערפאַסונג, וועלכע עקסיסטירט עד היום. דער קאָנציל האָט געהאַט אַן ערפאָלג צוליב צוויי אורזאַכען: ערסטענס, ווייל די פּראָטעסטאַנטען האָבען זיך צווישען זיך געריסען; צווייטענס, ווייל עס האָט זיך דאַמאָלס געגרינדעט דער יעזואיטען־אָרדען און האָט אָנגעהויבען אַ שטאַרקע טעטיגקייט מיט גרויס ערפאָלג פיר דעם קאַטאָליציזם. די אָנהענגער פון קאַטאָליציזם האָבען דאַמאָלס געזאָגט: „זייער (דער פּראָטעסטאַנטישער) קריג איז אונזער (דער קאַטאָלישער) פריעדען". עס זיינען דאַמאָלס ענטשטאַנען פיעלע פערשיידענע פּראָטעסטאַנטישע סעקטעס, וועלכע האָבען געשימפּט איינע די אַנדערע: די „פיליפּיסטען" (ד. ה. די אָנהענגער פון פיליפּ מעלאַנכטהאָן) האָבען געשפּאָטעט די פלאַ־

ציאַנער און די „אָזיאַנדריסטען", און דיזע האָבען זיי געצאָהלט צוריק מיט דער זעלבער מטבע. די פירסטען האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס די טהעאָלאָ-גען וועלען פיהרען דערצו, דאָס עס וועט ווערען לייכטער צו אונטערדריקען די אונטערע קלאַסען פון פאָלק. די טהעאָלאָגען האָבען זיך דאַמאָלס בעשעפ-טיגט מיט וויכטיגע פראַגען, וואָס נאָך זייער מיינונג איז פון דער לעזונג פון דיזע פראַגען געוועזען אָפּהענגיג דאָס גאַנצע גליק פון דער מענשהייט, ווי צ. ב. די פראַגע: אויב גאָט איז איין דעם ברויט, וואָס מען עסט אין דער קירכע, אָדער מיט דעם ברויט, אָדער אונטער דעם ברויט. דאָס פאָלק האָט זיך דערמיט אינטערעסירט און האָט קיין אנדער וויכטיגע זאַך ניט געהאַט אין זינען.

די טהעאָלאָגען האָבען דאָס פאָלק פערזיכערט, דאָס אום צו דערגרייכען די געטליכע גנאָדע איז גאָר ניט נעטיג צו פאַסטען, צו בעטען, זאָגאר צו טאָן מעשים טובים. מאַנכע טהעאָלאָגען זיינען געגאַנגען אַזוי וויים, דאָס זיי האָבען בעהויפּטעט, אז די אַלע זאַכען זיינען נאָר אַ שטערונג צו דער געטליכער גנאַדע. אום צו זיין אַ וואָהרער פּראָטעסטאַנט, האָבען זיי גע-לעהרט, ברויכט מען גאָר ניט צו טאָן, נאָר רוהיג שלאָפען און עסען און טרינקען און גלויבען אין די הייליגקייט פון די עוואַנגעליומס, און דיזער גלויבען אליין פיהרט שוין צו דעם וואהרען זעלען-גליק.

דער טהעאָלאָג אָזיאַנדער, וועלכער איז געווען פּראָפעסאָר איז קעניגסבערגער אוניווערזיטעט זינט דעם יאָהר 1549, האָט אָנגעוויזען, וואָס פיר אַ גרויסען שאַדען דיזע לעהרע קען ברייגגען דער מענשהייט. „די גרויסע מאַסע", זאָגט ער, „פעראַכטעט יעדע רעגירונג, זי רויבט, גנב'עט, זאָגט לי-גען, בעטריגט, הולטייעוועט, טוט אַלערליי אונרעכטען און איז זעהר צופרי-דען צו הערען פון די פּרעדיגער, דאָס גאָט האַלט אונז פיר צדיקים זאָגאַר ווען מיר זיינען שלעכטע מענשען". עס איז געוואָרען אַ מאָדע צו שימפּע-יעדען, ווער עס האָט געלעהרט, דאָס דער מענש מוז טאָן עטוואָס גוטעס צו זיין מיטמענשען, ווען ער וויל ווערען זעליג. עס איז דאַמאָלס געוואָרען אַ שפּריכוואָרט, דאָס „די וועלט ווערט יעצט רעגירט ניט פון גאָט, נאָר פון דעם טייפעל".

איבערהויפּט האָבען די לוטהעראַנישע לעהרע אָנגענומען די יונקערס. די בירגער אָבער זיינען געווען געגען אַזאַ סאָרט לעהרע, וועלכע פערדאַרבט אין גאַנצען די מאָראַל פון מענשען. די בירגער זיינען דארום געווען מעהר געניינט צום קאַלוויניזם; ער האָט אפילו אויך געלעהרט וועגען דער אונענד-ליכער גנאַדע פון גאָט, און וועגען דער אונפרייהייט פון מענשען'ס ווילען,

דאָס דער מענש קען ניט געשטראָפט ווערען פיר זיינע מעשים, ווייל ער טוט זיי ניט פון פרייען ווילען, נאָר ער איז געצוואונגען זיי צו טאָן, ער האָט אָבער אויך געפּרעדיגט אַסקעטיזם, ד. ה. דאָס דער מענש מוז זיך אָפּהאַלטען אין ניט נאָכגעבען זיינע תאוות. און דעריבער האָט זיך דער קאַלוויניזם ענט־וויקעלט אויך אין זאַקסען, אין דעם לאַנד, וואו לוטהער איז געבאָרען געוואָרען.

אין אַפּריל 1560 איז מעלאַנכטהאָן געשטאָרבען און זיין איידים קאַס־פּאַר פּענציזר, אַ בעריהמטער מעדיקער און פּאָליטיקער, איז געוואָרען דער פיהרער פון די בירגער. 14 יאָהר האָט דיזע פּאַרטיי געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דייטשלאַנד. די וויטטענבערגער אוניווערזיטעט האָט געהאַלטען ביים ווערען דער צענטער פון בילדונג אין דייטשלאַנד. אין יאָהר 1574 האָ־בען פּענצער'ס אָנהענגער זיך געפיהלט אַזוי שטאַרק, דאָס זיי האָבען גע־רעכענט, דאָס זיי זיינען יעצט אין שטאַנד ארויסצוגעהן אָפען מיט דער קאַל־ווינישער לעהרע וועגען דער פראַגע פון אַבענדמאַהל־ברויט אין דער קירכע. אָבער דאָס האָט געפיהרט די פּאַרטיי צום אונטערגאַנג. די גרונד־אייגענטי־מער זיינען געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף די בירגער, וואָס זיי האָ־בען אריינגעכאַפּט די רעגירונג אין זייערע הענט, ווייל זיי זיינען געווען מעהר געבילדעט און מעהר אינטעליגענט פון די דאָרפישע גוטס־בעזיצער, און צווישען די צוויי פּאַרטייען האָט אויסגעבראָכען אַ קאַמף. די גוטס־בעזיצער האָבען געוואוסט, ווי צו ציהען די מאַסען אויף זייער זייט, און מען האָט אָנגעפאַנגען צו פערפאָלגען די בירגער־פּאַרטיי פיר זייערע רעליגיעזע אַנזיכטען. פּענצער איז אריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס, וואו ער איז פערבליבען 12 יאָהר. מען האָט איהם דאָרט געפייניגט מיט אַלערליי יסורים און מיט הונגער, ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון זיין לעהרע וועגען אַבענד־מאַהל, אָבער ער האָט זי פיר קיין פאַל ניט געוואָלט אויפגעבען. דער פרי־הערדיגער הויף־פּרעדיגער שטאָססעל איז געשטאָרבען פון די יסורים און פּיי־ניגונגען, וואָס מען האָט איהם אָנגעטאָן צוליב זיין לעהרע, וועלכע האָט ניט געשטימט מיט לוטהער'ס. מיט איין וואָרט: עס איז דאַמאָלס בעקאַנט גע־וואָרען, דאָס דעם פּאַפּסט'ס יאָך איז געווען נאָר אַ הילצערנער, אָבער לו־טהער'ס איז געווען אַן אייזערנער. דער קייזער מאַקסימיליאַן, וועלכער איז ניט געווען קיין קאַלוויניסט, האָט געבעטען זיינע וואַסאַלען זיי זאָלען איהם ארויסגעבען פּענצער'ן, וועלכען ער האָט געוואָלט צונעהמען צו זיך אויף אַ שטעלע, אָבער די וואַסאַלען האָבען איהם פיר קיין פאַל ניט געוואָלט ארויס־געבען.

יאהרען־לאנג האבען זיך די לוטהעראנער ארומגעריסען מיט די קאלווי־ניסטען. די לוטהעראנער זיינען אבער געווען צוריסען צווישען זיך אליין, און האבען דעריבער ניט געקענט איינשלינגען די קאלוויניסטען, צווישען וועלכע עס האט געהערשט אחדות און פרידען. די הערכסטע מאכט האבען די קאלוויניסטען דערגרייכט ווען יאן קאזימיר איז געווארען אין יאהר 1583 רעגענט ביז זיין פלעמעניק קורפירסט פריעדריך דער 4טער וועט ווערען פול־יעהריג.

אבער דיזע פארטיי איז ניט געווען גענוג שטארק אום זי זאל זיך קענען אליין האלטען געגען דעם קאטאליציזם, וועלכער איז דערווייל ווידער גע־ווארען מעכטיג. די קאטאליקען האבען ארויסגעצויגען גרויסע נוצען פון די רייסערייען, וואס זיינען פארגעקומען צווישען די לוטהעראנער.

עס האט זיך דאמאלס קלאר ארויסגעוויזען וויפיעל קראפט און ארגא־ניזאציאנס־פעהיגקייט די רוימישע קירכע האט נאך אין זיך געהאט. מעהר פון אלעס האט עס בעוויזען דער יעזואיטען־ארדען. אבער נאך פריהער הא־בען אנגעפאנגען צו ווירקען פערשיידענע מאנאכען־ארדענס, וועלכע האבען געהאט דעם צוועק צו טאן גוטעס פיר די געדריקטע און קראנקע, העלפען מיט וואס מעגליך יעדען ליידענדען אין זיין נויט, און דערמיט האבען זיי פיעל אויפגעהויבען די אויטאריטעט פון דער קירכע, וועלכע פערשפרייט ברודער־ליבע צווישען מענשען אין נאמען פון קאטאלישען קריסטענטום. אין יענער צייט זיינען ענטשטאנען די קאפוצינער, קאיעטאנער, בארנאביסטען, פיא־ריסטען און פיעלע אנדערע מאנאכען־ארדענס מיט דעם צוועק צו פרעדיגען צווישען די אונטערע קלאסען פון פאלק און צו העלפען ליידענדע, איבערהויפט קראנקע. די יעזואיטען דאגעגען האבען געשטרעבט צו געווינען פיר זיך די העכערע קלאסען.

דיזער מערקווירדיגער ארדען איז געגרינדעט געווארען פון דעם שפא־נישען ריטער איגנאציוס לאיאלא. דיזער ריטער איז שוין גע־ווען אלט 45 יאהר ווען ער האט אין פאריז דעם 15טען אוגוסט 1534 מיט נאך איניגע חברים זיינע געטאן א נדר צו קעמפען פיר דעם פאפסט ביז'ן לעצטען טראפען בלוט. עס האט זיך אין די הערצער פון די גרינדער פון דיזען ארדען ערוועקט דאס אלטע מארטירער־פייער פון די קריסטען; פינסטע־רער אסקעטיזם מיט פערשיידענע וויזיאנען (ערשיינונגען, זעהונגען) האבען ווידער אויפגעלעבט. לאיאלא האט געזעהען יעזוס'ן, וועלכער האט איהם געהייסען גרינדען דעם ארדען, און ער האט איהם צוגעזאגט, דאס ער וועט איהם זיין צו הילף. אזוי איז ענטשטאנען דעם 27טען סעפטעמבער 1540

דער אָרדען „די געזעלשאַפט פון יעזוס“, בעשטעטיגט פון פּאַפּסט. דיזען אָרדען האָט דער קאַטאָליציזם צו פערדאַנקען זיין נייע אויפלעבונג. דער הויפּט-ציל פון דיזער געזעלשאַפט איז געווען צו בעקעמפען דעם פּראָטעסטאַנטיזם. איהרע פּרינציפּען זיינען געווען: לעבען אָרים און בעשיידען און נעהמען אויף זיך נדרים.

די מיטגלידער פון אָרדען זיינען געווען איינגעטיילט אין פערשיידענע קלאַסען אונטער אַ גאַנצער רייהע פון בעאַמטע. אָן דער שפּיץ פון אָרדען איז געשטאַנען אַ גענעראַל; אונטער דעם גענעראַל זיינען געווען די פּראָווינציאַלען, וועלכע זיינען געווען בעאַמטע אין די פערשיידענע בעצירקען פון דעם אָרדען אָדער פּראָווינצען. אין יאָהר 1626 האָט זיך געפונען אין דער גאַנצער וועלט 39 אַזעלכע פּראָווינצען. צווישען די פּראָווינציאַלען זיינען געווען די סופּעריאָרען, וועלכע האָבען געפיהרט די „פּראָפעסען“-הייזער, וואו עס זיינען געווען פּראָפעסען פון 4 און פּראָפעסען פון 3 נדרים. פון די ערסטע זיינען גענומען געוואָרען מיסיאָנערען, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען צו בעקעהרען די היידען. אונטער די פּראָפעסען ווידער שטעהען די וועלטליכע און גייסטליכע „קאַאַדיוטאָרען“. פון די גייסטליכע קאַאַדיוטאָרען ווערען אויסגעקליבען די רעקטאָרען, וועלכע פיהרען די יעזואיטישע קאָלעגיומס. אין דיזע קאָללעגיומס זיינען ערצויגען געוואָרען די זיהן פון די פירסטליכע און קעניגליכע קינדער. דורך דיזע ערציהער האָט דער קאַטאָליציזם ערָאָבערט די וועלט. פּראָטעסטאַנטען זעלבסט פלעגען שיקען זייערע קינדער צו דיזען אָרדען, זיי זאָלען זיך לערנען ווי צו זיין טיכטיגע שטאַאַטס-מענער, ווייל די יעזואיטען האָבען זיך אין דעם בעזונדערס אויסגעצייכענט. יעדער נייער מיטגליד האָט געמוזט פריהער שטודירען 5 יאָהר אַלגעמיינע וויסענשאַפטען, נאָכדעם פון 4 ביז 6 יאָהר טהעאָלאָגיע. דערנאָך האָט ער געקענט אָננעהמען אַ פּריסטער-שטעלע און אָנפאַנגען ארבייטען אַלס אַ טעטיגער מיטגליד.

די פּראָווינציאַלען פלעגען בעשטימט ווערען אין זייערע שטעלעס פון דעם גענעראַל נאָר אויף 3 יאָהר, און אויף דעם זעלבען טערמין פלעגען ערוועהלט ווערען די רעקטאָרען און סופּעריאָרען. די פערפאַסונג האָט געטראָגען אין זיך דעם כאַראַקטער פון אַ מאָנאַרכיע. דאָך האָט דער אבסאָלוטער מאָנאַרך, דער גענעראַל, זיך שטיל, אָהן לאַרם, געמוזט צוריקציהען פון זיין שטעלע, ווען עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, דאָס ער האָט געטאָן עטוואָס אונרעכטעס אין דעם אָרדען. דיזעס האָט אָבער געקענט געשעהן נאָר דורך די גענעראַל-פערזאַמלונג פון אָרדען. אום צו פערמיידען די מעגליכקייט פון אַזאַ שריט,

האָט מען בעשטימט אין אָרדען א דערמאָהנער (אדמאָניטאָר) מיט 4 געהיל-פען, וועלכע האָבען איהם אימער דערמאָהנט אָן זיינע פליכטען. אַלעס, וואָס דער קאַטאָליציזם האָט אויפגעטאָן אין וויסענשאַפט, פּאָליטיק און רעליגיאָן, האָט ער צו פערדאַנקען נאָר דיזען אָרדען פון די יעזואיטען. באַלד אין דער ערסטער צייט פון דעם אָרדען, ווען לאָיאָלא איז גע-ווען גענעראַל (1540—1558), האָבען שוין די יעזואיטען פערשטאַנען צו מאַכען זיך א וועג צו אַלע הויכע און איינפלוסרייכע שטעלעס. אין יאָהר 1549 איז דער יעזואיט קאַניזיוס געוואָרען פּראָפעסאָר אין אינ-

איגנאַציום לאָיאָלאָ.

גאָלשטאַדט; אין 1554 האָבען זיי געגרינדעט קאָללעגיען אין וויען און אין קאָלן; אין 1556 האָט קאַניזיוס פערעפענטליכט די צוזאַמענפאַסונג פון דער קריסטליכער לעהרע. פון 1558 ביז 1579 האָבען זיי געגרינדעט קאָללעגיען אין פּראַג, אָלמיטץ, ברינן, טירנאַו, איננסבריק, האַלל, מאַינץ, טריער, וואָרמס, שפּייער, אשאַפענבורג, ווירצבורג, פולדאַ און אין אויגס-בורג. אין 2 יאָהר, פון 1570 ביז 1571, האָבען זיי צוריקגעבראַכט צום קאַ-טאָליציזם די מאַרק-גראַפשאַפט באַדען. זיי האָבען זיך פערברייטעט אין דער גאַנצער וועלט. אין אַלע פירסטליכע קאַבינעטען האָבען זיי געהאַט זיי-

ערע בייכטפּאַטערס (גייסטליכע וועגווייזער), וועלכע האָבען דאָרט געפיהרט די גאַנצע פּאָליטיק. אין יאָהר 1626 האָבען זיי געהאַט 39 פּראָווינצען מיט 15,493 מיטגלידער, 803 פּראָפעסען־הייזער און 467 קאָללעגיען. אין יאָהר 1640 האָבען זיי אַרויסגעגעבען אַ יובילעאום־בעריכט. אין דיזען בעריכט שרייבען די יעזואיטען: „אומזיסט וואַרטען די קעצער, דאָס מיר וועלען זיך מיט זיי פערייניגען. כל זמן עס וועט זיך אין אונז געפינען אַן אָטעם פון לעבען, וועלען מיר פערטיידיגען דעם קאַטאָליציזם געגען די וועלט, וואָס ווי־לען איהם פערניכטען. עס איז ניט צו ערוואַרטען קיין שלום. די זוימען פון האַס זיינען געבאָרען מיט אונז".

אָבער פון וואַנען האָט זיך גענומען צום פּאַפּסטטום, וואָס איז שוין דאַ־מאָלס געווען אַזוי טיף געזונקען אין זומפּ, אַזאַ מעכטיגע הילף? דער גאַנ־צער פּלאַן איז בעשאַפען געוואָרען צווישען די נידריגע גייסטליכע, וועלכע האָבען נאָך געפיהלט אין זיך גענוג מאָראַלישע קראַפט אום אַריינצוכאַפּען אין זייערע הענט די וועלט־הערשאַפט. די וויכטיגסטע גענעראַלען פון אָרדען זיינען געווען פון די נידריגע גייסטליכע. די גרינדער פון דיזען אָרדען זיינען אָהן אַ שום צווייפעל געווען בעגייסטערט מיט די ריינסטע מאָטיווען. דיזעס גיבען־צו אפילו די גרעסטע פיינד פון דעם יעזואיטען־אָרדען. אין זייער אויפפאָהרונג, פעסטקייט און זעלבסט־פּייניגונגען האָבען זיי זיך געקענט פערגלייכען נאָר מיט די מאַרטירער פון די ערסטע קריסטען, אָבער וואָס אָנבעטרעפט זייער בילדונג און זייער וויסען, זיינען זיי געשטאַנען פיעל הע־כער פון יענע. די יעזואיטען האָבען אויפגעפאַסט די גאַנצע בילדונג פון יע־נער צייט. אין דער דיפּלאָמאַטיע און שטאַאַטסקונסט, וועלכע האָט יעצט, אין דער צייט פון אבסאָלוטער מאָנאַרכיע, אָנגעהויבען צו ווערען אַזוי וויכ־טיג, האָבען זיי געהאַט דעם ריכטיגען פערשטאַנד, און האָבען ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכען. און עס איז קיין וואונדער ניט. זיי זיינען געווען פער־שפּרייט אין אַלע לענדער. זיי האָבען געוואוסט דעם ריכטיגען פּאָליטישען צושטאַנד פון יעדען לאַנד. זיי האָבען געוואוסט זיינע מעלות און זיינע חסרונות, זיין שוואַכע און זיין שטאַרקע זייט. זיי זיינען איבעראַל געווען די ערציהער פון די הערשענדע קלאַסען, און דאָס איז דאָך אַ בעוואוסטער כלל: „ווער עס האָט די שולע, דער האָט די נאַציאָן".

זייער גרויסע וועלט־קענטניס האָט זיי אויך געגעבען די מעגליכקייט צו בעהערשען דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון יענער צייט. אין זייערע קאָללעגיען האָט מען אויך געלערנט די פערשיידענע אינדוסטריען און די קונסט פון האַנדעל. אין דיזע געגענשטענדען האָבען זיי ענטוויקעלט אַן עכט יעזואי־

טישען גייסט. די ריינע מאָטיווען פון די גרינדער פון דיזען אָרדען האָט מען באַלד פערוואָרפען. מען האָט געלערנט צו געברויכען אין מסחר און אין אינ־דוסטריע אַלערליי שווינדעל און בעטרוג, וועלכע קאַפּיטאַל קען ערפינדען אום זיך צו בערייכערן. מען בעשולדיגט די יעזואיטען, דאָס זיי זיינען די ער־פינדער פון דעם כלל: „דער צוועק הייליגט דעם מיטעל״. אָבער דיזער כלל איז נאָך אַ הייליגער זאַץ אין פערגלייך מיט פיעלע אַנדערע כללים, וועלכע זיי האָבען געלעהרט זייערע מיטגלידער און זייערע סטודענטען אין די קאָל־לעגיען, — כללים, וואָס האָבען געשפּיגען אין געזיכט יעדער קריסטליכער מאָראַל, וואָס האָבען חוזק געמאַכט פון עהרליכקייט און טוגענד. אַלס בייַ־שפּיל פון דער לעהרע פון די יעזואיטען קען דינען די לעהרע פון טהאָמאַס סאַנטשעז (1550—1610), לויט וועלכער צו ערמאָרדען אַ פיינד איז אַ מצוה, וועלכע איז אויסגעדריקט אין די ווערטער פון יעזוס׳ן: „ליבט אייערע פיינד״, ווייל דערמיט בעפרייט ער איהם, זיין פיינד, צו בעגעהן אַ מאָרדטאַט. אַזעלכע לעהרעס און מצוות זיינען ביי די יעזואיטען געווען זעהר פיעלע.

אָבער מיר מוזען אויך צוגעבען, דאָס די יעזואיטען האָבען מעהר גע־שטרעבט צו בעשטראָפען פערברעכען איידער צו בעגעהן פערברעכען. אין אַלגעמיין זיינען זיי געווען ניט אייגעננוציג. אין זיי האָט געהערשט איין שטרעבען: דער עהרגייץ, די לוסט צו מאַכט. דיזע שטרעבונג איז ביי זיי געווען אַזוי שטאַרק, דאָס זיי האָבען זיך געקענט ענטזאגען פון אַלעם אום צו בעקומען מאַכט. די פּאַפּסטען האָבען אויף די בעשלוסען פון די יעזואי־טען ניט געהאַט קיין שום איינפלוס. דער פּאַפּסט קלעמענס דער 8טער האָט זיך בעקלאָגט, דאָס די יעזואיטען ערלויבען זיך און וואגען אַלעס, אַלעס צו טאָן. זיי אַליין האָבען פעראַכטעט יעדע ווירדע, קיינמאָל האָט איינער פון זיי ניט געוואָלט אָננעהמען די פּאַפּסטליכע ווירדע. זעלטען ווען איינער פון זיי האָט געוואָלט אָננעהמען אַ קאַרדינאַל־שטעלע. זיי האָבען גוט גע־וואוסט, ווי דער פּאַפּסטליכער הויף איז איבערגעגעבען צום געגוס, אַ זאַך, וואָס שאַדט זעהר פיעל צו דערגרייכען מאַכט און אַ שטאַרקען ווילען. זיי האָבען גוט געוואוסט, וואָס פיר אַ שענדליכע פערברעכענס עס פלעגען בע־געהן די פּאַפּסטען צוזאַמען מיט אַלע זיינע בעאַמטע. שכרות און משכב זכור איז געווען אַ זעהר געוועהנליכע זאַך. די יעזואיטען האָבען אַלעם אָנ־געווענדט אום דער פּאַפּסט זאָל זיין אַן אַנשטענדיגער מענש, דאָס ער זאָל ניט מבזה זיין די קירכע. זינט דעם יאָהר 1559 איז מעהר ניט געווען קיין פּאַפּסט, וואָס זאָל פיהרען אַ באָרדעל־לעבען, ווי דאָס איז געווען זעהר אָפט דער פאַל אין די פריהערדיגע יאָהרען.

אין יאָהר 1582 איז דער קאַטאָליציזם שוין געווען אזוי שטאַרק, דאָס ער איז געווען אין שטאַנד צו געבען די פּראָטעסטאַנטעז א שטויס צוריק, ווען זיי האָבען געוואָלט אויף דאָס ניי אָנגרייפען די קאַטאָליקען. אין דע־צעמבער 1607 איז דער הערצאָג מאַקסימיליאַן דער 1טער פון באַיערן, דער טאַלענטפולער תלמיד פון די יעזואיטען, בעפאַלען די רייכשטאָדט דאָנאַו־וואָרטה און האָט זי בעלאַגערט. דאָ איז דעם 14טען מאַי 1608 געשלאָסען געוואָרען א יוניאָן אויף 10 יאָהר צווישען די שטעדט: קורפּפאַלץ, ווירטעמ־בערג, אַנספּאַך, פּפאַלצנייבורג און באַדען. אין יאָהר 1609 זיינען צו דער יוניאָן צוגעשטאַנען אויך די שטעדט: שטראַססבורג, אולם און נירנבערג; מיט א יאָהר שפּעטער זיינען צוגעשטאַנען די שטעדט: קור־בראַנדענבורג און העססען. זאַקסען האָט זיך נאָך געהאַלטען פון דער וויטען פון דער יו־ניאָן. די קאַטאָליקען האָבען דערויף געענטפערט מיט דער גרינדונג פון א ליגאַ (10טען יולי 1609) מיט מאַקסימיליאַן׳ען אָן דער שפּיץ. די קאַטאָלי־קען זיינען אָבער געווען בעסער אָרגאַניזירט ווי די עוואַנגעליסטען, ווייל זיי, די עוואַנגעליסטען, האָט געפעהלט א קאָפּ, א פיהרער. אין באַיערן האָבען די רעפאָרמירטע געהאַט א נידערלאַגע. אָבער אין אַנדערע ערטער, אין עסט־רייך, באָהמען, אונגאַרן, זיעבענבירגען, האָבען די עוואַנגעליסטען געהאַט די פולע פרייהייט אין רעליגיאָן.

אין יאָהר 1609 איז געשטאָרבען דער האַלב־משוגע׳נער קינדערלאָזער הערצאָג פון קלעווע, יוליך און בערג. דיזער צופאַל איז געווען די אורזאַך פון א צוזאַמענשטויס צווישען די צוויי פּאַרטייען, די קאַטאָליקען און עוואַנגעליסטען. קיין בעשטימטער יורש נאָך דעם הערצאָג איז ניט גע־ווען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען שטרייטיגקייטען וועגען דעם, ווער עס זאָל זיין דער יורש. דער קייזער אַליין האָט אָנגעהויבען צו פּרעטענדענטירען אויף דאָס הערצאָגטום. אָבער די צוויי פּרעטענדענטען האָבען זיך גיך גע־אייניגט און האָבען פערכאַפּט דאָס לאַנד. דיזע צוויי פּרעטענדענטען זיינען געווען: דער קורפירסט פון בראַנדענבורג און דער פּפאַלץ־גראַף וואָלפגאַנג פון נייבורג. עס האָט זיך פערצויגען א וואָלקען פון א גרויסער מלחמה. די שפּאַניער מיט דער ליגאַ פון איין זייט, און דיביידע פירסטען, וועלכע האָבען זיך פערבונדען מיט פראַנקרייך און האָללאַנד, פון דער אַנדערער זייט. דער־ווייל אָבער איז דער פראַנצויזישער קעניג היינריך דער 4טער ערמאָרדעט גע־וואָרען און דאָס האָט צושטערט דעם גאַנצען פּלאַן פון דער מלחמה. די יוניאָן האָט געשלאָסען פרידען מיט דער ליגאַ, און די פראַגע וועגען דער ירושה פון הערצאָגטום איז געלעזט געוואָרען אָהן שום בלוט־פערגיסונג.

די פראַגע פון דער ירושה האָט געזאָלט געלעזט ווערען דורך די הייראַטונג פון דעם פפאַלץ־גראַף פון נייבורג מיט דער טאָכטער פון דעם קורפירסט פון בראַנדענבורג. אָבער די פערבינדונג איז אָפּגעבראָכען געוואָרען. דער פפאַלץ־גראַף האָט געהייראַט די שוועסטער פון דעם הערצאָג פון באַיערן און איז געוואָרען אַ קאַטאָליק. ער האָט ערהאַלטען די הילף פון די שפּאַנישע טרופּען און מיט דיזע האָט ער געהאָפּט אויסצוקעמפען די ערבשאַפט. דער קורפירסט פון בראַנדענבערג איז געוואָרען אַ קאַלוויניסט אום צו געווינען דעם שוץ פון די האָללענדער. לאַנג האָבען דיביידע פּאַרטייען געפאָכטען צווישען זיך. ענדליך האָט מען זיך צוטיילט מיט דער ירושה: בראַנדענבורג האָט ערהאַלטען קלעווע, מאַרק און ראַפּענסבערג, און פפאַלץ־נייבורג האָט געקראָגען יוליך, בערג און דיססעלדאָרף.

דער טויט פון קייזער מאַקסימיליאַן דעם 2טען, וועלכער איז געווען לוטעריש געזאָנען, האָט די לאַגע זעהר ווענינ געענדערט. זיין נאָכפאָלגער אין רייך און אין זיינע שטאַם־לענדער: באָהמען, אונגאַרן און עסטרייך איז געווען רודאָלף דער 2טער (1576—1612), אַ נאַרישער און אַבערגלויבישער מענש, אָבער מיט אַ געוויסען גראַד וויסענשאַפטליכער בילדונג. די יעזואיטען זיינען געווען זיינע ערציהער. דאָס איז געווען דער ערסטער עקספּערימענט (פּראָבע) פון די יעזואיטען צו ערציהען די הערשער. זייער צווייטער עקספּערימענט איז געווען די ערציהונג פון פערדינאַנד'ן, וועלכער איז געווען דער נאָכפאָלגער פון זיין פאָטער קאַרל (1590) אין דער רעגירונג פון שטייערמאַרק, קאָרנטהען און קראַין. דיזער עקספּערימענט איז די יעזואיטען בעסער געלונגען. רודאָלף האָט אַפילו אין יאָהר 1578 פערבאָטען די לוטהערישע רעדעס און פּרעדיגטען צו הערען אין די שטעדט פון עסטרייך, דאָך איז ער געווען מאַכטלאָז געגען דעם בונד, וואָס די פּראָטעסטאַנטען האָבען געשלאָסען אין יאָהר 1603. ניט אַכטענדיג דערויף האָט ער אין דעם זעלבען יאָהר בעפוילען, דאָס די שטעדטישע עמטער אין באָהמען זאָלען נאָר פערנעהמען קאַטאָליקען. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט ער פערבאָטען די רעליגיאָנס־פרייהייט אין אונגאַרן. דער רעזולטאַט פון דיזען פערבאָט איז געווען, דאָס די מאַדיאַרען (די עכטע אונגאַרען) האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד, און די אַלע פירסטען פון די האַבסבורגער, אַפילו דער הייסער קאַטאָליק פערדינאַנד, זיינען געווען געצוואונגען מבטל צו זיין די נאַרישע האַנדלונג פון רודאָלף'ן. ענדליך איז רודאָלף'ס ברודער, מאַטהיאַס, געוואָרען רעגענט אַנשטאָט רודאָלף'ן און ער האָט זיך פערגליכען מיט די פּראָטעסטאַנטען און האָט די זאַך געבראַכט צוריק צו דעם שטאַנד, ווי עס איז געווען אונטער מאַק-

סימיליאַן דעם 2טען. נאָר אין עסטרייך און אין מאָהרען האָט מען געדריקט דעם פּראָטעסטאַנטיזם, און די קאַטאָליקען האָבען וויעדער אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

מאַטהיאַס האָט אָבער בעשלאָסען צו אונטערדריקען די רעפאָרמאַציאָן אין זיין שטאַם-לאַנד. אין יאָהר 1612 איז רודאָלף געשטאָרבען און מאַטהיאַס איז געוואָרען קייזער. ער איז געווען אַ גאַנץ געוועהנליכער מענש, און האָט געפיהרט זיין זאַך זעהר ניט געשיקט. זיין געוועהנליכער מיטעל איז געווען צו מאַכען שלום, און ווען דאָס האָט איהם ניט געגאָלטען, איז ער געוואָרען אויסער זיך פון צאָרן און האָט אַלעס געוואָלט צושטערן. עס איז אויף דעם רייכסטאַג געוואָרען אַ גרויסער שטורם. ער איז געווען צו קליין פיר אַזאַ אויפגאַבע.

דעם 29טען יאַנואַר 1614 איז פאָרגעקומען אַ לאַנדטאַג, אויף וועלכען די פירסטען האָבען געפאָדערט פון מאַטהיאַס'ן פאָלגענדע פּונקטען :

1) די פערבינדונג פון בעהמען מיט די איבריגע האַבסבורגישע לענדער.
2) אַ נייע מיליטער-אָרדנונג.
3) דאָס רעכט פיר די אָדעליגע אָפּצוהאַלטען קרייז-טאַגען.
4) אייניגונגען איבער געערבטע לענדער.

דורך דעם ערסטען און צווייטען פּונקט האָבען די פּראָטעסטאַנטען געוואָלט דורכפיהרען אַ פעסטע פערבינדונג פון זייער זייט מיט די פּראָטעסטאַנטען פון עסטרייך און אונגאַרן, דורך דעם דריטען פּונקט פערברייטען זייער אַגיטאַציאָן אין לאַנד, און דער פערטער פּונקט האָט געזאָלט געבען אויסלענדישע פּראָטעסטאַנטישע פירסטען דאָס רעכט אַריינצומישען זיך אין זייערע אינטערעסען. אָבער מיט דער הילף פון זיינע ראַטגעבער איז עס מאַטהיאַס'ן געלונגען אָפּצוטיילען די שטעדט פון די אָדעליגע, און דערמיט האָט ער געגעבען דער אָפּאָזיציאָן אַ שטאַרקען קלאַפּ. אָבער די אָפּאָזיציאָן האָט זיך וויעדער פערזאַמעלט אין פּראַג און האָט דאָרט פּראָטעסטירט געגען דעם רעליגיאָנס-דרוק, וואָס זיי לייַדען. דער קייזער איז פון דיזען פּראָטעסט געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט און האָט פערבאָטען יעדע פערזאַמלונג. דאַמאָלס האָבען די פּראָטעסטאַנטען מיט גראַף טהורן אָן דער שפּיץ בעשלאָסען אין גאַנצען אָפּצושאַפען די קעניגליכע רעגירונג. דעם 21טען מאַי 1618 האָבען די רעבעלען אַרויסגעוואָרפען פון פענסטער די אַלע קעניגליכע ביוראָקראַטען אין פּראַג, — אַ פּאַסירונג, וועלכע, ווי מען גלויבט, איז געווען די אורזאַך פון דעם 30-יעהריגען קריג. די רעגירונג איז ענטלאָפען און די רע-

וואָלוציאָנערען האָבען בעשטימט אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג, וועלכע איז בע-שטאַנען פון 10 הערען, 10 ריטער און 10 שטאָדט-פערטרעטער. דער פּראַ-גער פענסטער-שטורץ איז געווען דער סיגנאַל צו יענעם לאַנגען קריג, וועל-כער האָט פערוואַנדעלט גאַנץ דייטשלאַנד אויף לאַנגע יאָהרען אין אַ וויסטע.

ח. עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען אין דייטשלאַנד ביז צום 30-יעהריגען קריג.

דער אָנפאַנג פון דעם 16טען יאָהרהונדערט איז אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער געווען אַ בעדייטענדער ווענדע-פּונקט. דאַמאָלס האָט דער מאָדער-נער קאַפּיטאַליזם געלעגט זיין ערסטע גרינדונג און דערמיט איז געקומען יענע גרעסטע ענדערונג, וועלכע די וועלטגעשיכטע האָט ווען עס איז פערצייכענט אויף איהרע זייטען. דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם האָט רעוואָלוציאָנירט די גאַנצע מענשהייט, האָט געגעבען די אייראָפּעאישע פעלקער וואָפען אין די הענט צו קענען קעמפען פיר זייער עקסיסטענץ, האָט מיט זיך געבראַכט אונ-געהייער גרויסע רעזולטאַטען, און איבערהויפּט די גרויסע פערמעהרונג פון בעפעלקערונגען. דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם וואַרפט היינט שפּילענדיג די גרעסטע אוצרות אין דער וועלט און ברייננט אַרויס גרויסע ריזענווערק פון דער ערד, וועלכע פריהער די אַלע טיראַנען מיט אַלע זייערע שקלאַפען-פעלקער האָבען ניט געקענט אַרויסברייננען. עס איז וואַהר, דאָס די ריכטיגע ריזענקראַפט פון קאַפּיטאַל דאַטירט ערסט פון ענדע פון 18טען און פון אָנ-פאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט. אָבער די צייט פון דעם 16טען ביז דעם 18-טען יאָהרהונדערט איז אָהן צווייפעל די פאָרבערייטונגס-צייט, דער פאָר-שפּיל פון דער גרויסער טעטיגקייט און הערשאַפט פון קאַפּיטאַל. איבער-הויפּט איז די אַלטע עקאָנאָמישע אָרדנונג פערוואַנדעלט געוואָרען אין די נייע אונטער דעם איינפלוס פון קאַפּיטאַל אין ענגלאַנד. דאָרט זעהט מען דאָס זעהר קלאָר. אין אַנדערע לענדער איז עס ניט אַזוי קלאָר, ווייל דאָרט איז די עקאָנאָמישע אָרדנונג פערשלייערט מיט אייניגע אַנדערע נעבענזאַכען. אָבער עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס דער קאַפּיטאַליזם האָט איבעראַל אָנגע-מאַכט אַ גרויסע ענדערונג אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון אַלע פעלקער.

וואָס איז אָבער איבערהויפּט דער אונטערשייד צווישען דער אַלטער און נייער עקאָנאָמישער ווירטשאַפט, ווען מיר ווילען נאָר בעטראַכטען די פּראָדוצענטען, ד. ה. די לייט, וואָס האָבען עטוואָס אַרויסגעבראַכט מיט זייער אַרבייט? ווי מיר האָבען עס שוין פריהער בעטראַכט, איז אין מיטעלאַל-טער ביז דער נייער צייט דער אַרבייטער געווען דער בעזיצער פון זיינע אַר-

בייטס־מיטלען. די מעהרצאָהל פון דער בעפעלקערונג איז בעשטאַנען פון בויערן, וועלכע האָבען בעאַרבייט די ערד מיט זייערע אייגענע ווערקצייג. די פּראָדוקציאָן האָט געהערט צו איהם אַליין, אָבער ער האָט געצאָהלט מיט זיין פּראָדוקציאָן צום אייגענטימער פון דער ערד אַ געוויסען טייל פון זיין אַרבייט. אין שטאָדט האָט יעדער האַנטווערקער (בעל מלאכה) געהאַט זיינע אייגענע ווערקצייג און האָט געמאַכט די אַרבייט אויף זיין אייגענע רעכנונג. דער אַרבייטער־יונג איז נאָר געווען אַן איבערגאַנג פון ניט קיין בעל מלאכה צו ווערען אַ מייסטער אויף זיין אייגענע רעכנונג.

מיט דעם בעגין פון דער נייער צייט האָבען זיך דיזע פערהעלטניסען געענדערט, ביז זיי זיינען ענדליך געקומען צו דער יעצטיגער עקאָנאָמישער פאָרמע. היינט איז דער פּראָדוצענט, ד. ה. דער, וואָס פּראָדוצירט די אַר־בייט, פריי פון אַלע אַרבייטס־מיטלען. דער בויער האָט פיר זיך אַ קליין שטיקעל ערד מיט אַ קליינעם אַלטען הייזעל, און די גרויסע שטרעקעס ערד זיינען אין די הענט פון גרויסע גוטס־בעזיצער און ווערען בעאַרבייט פון געדונגענע אַרבייטער. אין די שטעדט זיינען די פיעלע פערשיידענע ווערק־שטאַטען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גרויסע פאַבריק. דאָס קלייִנע האַנט־ווערק איז פערשוואונדען, אַנשטאַט דעם איז אויפגעשטאַנען אַ ריזיגעם מאַ־שינען־סיסטעם. דער אַרבייטער איז אַבסאָלוט פרעמד צו די אַרבייטס־מיט־לען, צו די מאַשינעריי, ער ברייננט אין פאַבריק נאָר זיינע הענט און פיס, ער איז נאָר אַ טייל פון דעם מאַשינען־סיסטעם.

וואָס איז אָבער געווען די קראַפט, וואָס האָט אַרויסגעריסען פון די הענט פון די האַנטווערקער זיינע אַרבייטס־מיטלען און האָט פון איהם גערויבט זיין פרייע עקאָנאָמישע זעלבשטענדיגקייט? וועלכע איז געווען די קראַפט, וואָס האָט איהם פון אַלעם בערויבט און האָט איהם נאָר געלאָזען די פרייהייט צו פערקויפען זיין אַרבייטס־קראַפט, און וועלכע האָט צושטערט די גאַנצע אָרדנונג פון צעכען, לעהרלינגען, אַרבייטס־יונגען און מייסטערס? די גע־שיכטע פון דיזער רעוואָלוציאָן איז פערשריבען אין די יאָהר־ביכער פון דער מענשהייט מיט בלוט און פייער. פערטרייבונג, אונטערדריקונג, בעטרוג, אַלערליי געוואַלדטאַטען שפּילען דאָ אַ גרויסע ראָלע.

די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט אינדוסטריע (פאַבריקאַציאָן), האָבען ניט נאָר געמוזט פערטרייבען די צעך־אַרבייטער, נאָר זיי האָבען אויך דערדריקט די פעאָדאַל־העררען, וועלכע זיינען געווען די בעזיצער פון די רייכטומס־קוועלען. די ריטער פון דער אינדוסטריע האָ־בען פערדרענגט די ריטער פון שווערד. די מיטלען, מיט וועלכע זיי האָבען

זיך בענוצט צו בעזיגען די ריטער פון שווערד, זיינען געווען גראַדע אַזוי גע־מיין און נידריג, ווי די מיטלען, וועלכע דער רוימישער פרייגעלאַזענער האָט אַמאָל געברויכט אום צו ווערען דער הערר פון זיין פּאַטראָן (שוץ־הערר).

אַזוי האָט זיך דאָס עקאָנאָמישע לעבען לאַנגזאַם ענטוויקעלט ביז עס איז געקומען צו דער שטופע, דאָס דער אַרבייטער איז געוואָרען פערשקלאַפּט ביים קאַפּיטאַליסט. עס איז געוואָרען די זעלבע פערקנעכטונג ווי פריהער, נאָר די פאָרמע האָט זיך געביטען. פריהער איז דער אַרבייטער געווען פערקנעכ־טעט ביים פעאָדאַל־הערר, און יעצט — ביים קאַפּיטאַליסט. דער פּראָצעס פון דיזער פערוואַנדלונג איז געווען אַ פּלעצליכער. גרויסע מאַסען מענשען זיינען מיט אַ מאָל אָפּגעריסען געוואָרען פון זייערע בעשעפטיגונגען, וועלכע האָבען געזיכערט זייער עקסיסטענץ, און זיינען געשליידערט געוואָרען אַלס פויגעל־פרייע פּראָלעטאַריער אויף דעם אַרבייטס־מאַרק. די אָפּרייסונג פון די פּראָדוצירינדע בויערן פון גרונד און באָדען בילדעט די גרונדלאַגע פון דעם גאַנצען פּראָצעס.

אין 15טען יאָהרהונדערט און זאָגאַר עטוואָס פריהער איז עס אין אָסט־דייטשלאַנד געווען די רעגעל, דאָס דער קעניג אָדער דער קייזער האָט פערלי־העןן צו זיינע גרויסע לייט, די הערצאָגען, בישאָפען, אַבטען, גראַפען, גרויסע שטיקער לאַנד אין די סלאַווישע אָסטליכע געגענדען. די לעהן־הערען זיינען געוואָרען ניט די אייגענטימער, נאָר די הערשער פון דיזע לענדערייען. אום צו מאַכען דיזע לענדערייען נוצבאַר האָבען זיי די הערשער בעזעצט מיט דייטשע קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען יענע לענדערייען בעאַרבייט און האָבען געצאָהלט צו די הערשער געוויסע אָפּגאַבען פון די פּראָדוקטען, וואָס זיי האָ־בען אַרויסגעבראַכט. די קאָלאָניסטען זיינען געווען פרייער ווי די אַנדערע דייטשע בויערן, הגם זייער לאַנד איז בלויז געווען פערליהען. מיט דיזען אופן איז אייגענטליך קיין גרונד־הערר דאַמאָלס אין יענע געגענדען גאָר ניט געווען. דער בויער איז געווען נאָר אַן אַרבייטער, און דער הערר נאָר אַ הערשער.

אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציאָן איז אַריינגעטרעטען אַ גרויסע ענדערונג. מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, וואָס פיר אַ ריזיגען איינפלוס די געלט־ווירטשאַפט האָט געהאַט אויף דעם נידריגען אָדעל. ער איז געווען געצוואונגען צו אַרבייטען אין די שטעדט אין האַנדעל אָדער פאַבריקאַציאָן צוזאַמען מיט די שטעדטישע בירגער; אַנדערס האָט ער ניט געקענט עקסיס־טירען. דאָס איז דעם אָדעל זעהר ניט געווען געפעלען. ער האָט עס פריהער געקענט פיר אַן ערנידריגונג פון דער הויכער שטופע פון אַ קריגער צו ווע־

רען אַן איינפאַכער שאַכער־מאַכער אָדער אַ פּראָדוצענט אין אַ פאַבריק. אָבער אויך דאָס איז איהם אָנגעקומען זעהר שווער. ער האָט געברויכט זעהר פיעל אום אײנצוריכטען אַ גרויסע פאַבריק. פריהער פון אַלץ האָט דער אַדעלמאַן געמוזט האָבען פיעל לאַנד צו גרינדען די פאַבריק און פאַרצובערייטען די אַלע פּראָדוקטען פיר די פאַבריק. דאָס לאַנד האָט אָבער געהערט צו די בויערן, און ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער מיטעל, ווי אויסצוקויפען די ערד פון די הענט פון די בויערן. דער בויער האָט געמוזט פערקויפען דאָס לאַנד, אַפילו ווען ער האָט עס ניט געוואָלט טאָן. דאָס געזעץ, וועלכעס איז דאַמאָלס געווען זעהר עלאַסטיש און האָט זיך לייכט געלאָזט ציהען אין דער זייט פון דעם ריטער אָדער אַדעלמאַן, האָט געצוואונגען די בויערן צו פערקויפען דאָס שטיק ערד, וואָס ער האָט בעאַרבייט אום צו ערנעהרען זיין פאַמיליע. דאָס געזעץ האָט, צום ביישפּיל, געגעבען דעם אַדעלמאַן דאָס רעכט אַרויסצוטרייבען דעם בויער, וואָס איז געווען אונגעהאָרזאַם, פון זיין גרונד און בעצאָהלען איהם דעם ווערט דערפון. דער בויער האָט פון זיין גרונד געמוזט אַוועק מיט דעם ביסעל געלט, וואָס דער אַדעלמאַן האָט איהם געגעבען, לויט ווי דער אַדעלמאַן זעלבסט האָט עס אָפּגעשאַצט.

זעהר שטאַרק האָבען די בויערן געליטען אין דער צייט פון דער רעפאָר־מאַציאָן, ווען פיעלע פון די קירכליכע גיטער זיינען אַריבער אין די הענט פון די וועלטליכע פירסטען. דיזע האָבען אָהן שום צערעמאָניעס אַרויסגעטריבען פון זייערע פעלדער און זייערע הייזלאַך די בויערן, וועלכע האָבען בעאַרבייט די קירכען־פעלדער. אין מעקלענבורג אַליין זיינען פערטריבען געוואָרען אי־בער 4,000 בויערן־פאַמיליעס פון זייערע ערטער. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין פיעלע אַנדערע ערטער.

וואָס איז דעם בויער געבליבען צו טאָן? דער הערר האָט פערגרעסערט זיין געשעפט און האָט געהאַט נעטיג אַרבייטער־הענט. אָבער דער בויער האָט צו גוט געקענט זיינע העררען. ער האָט גוט געוואוסט, דאָס ווען ער וועט צו זיי געהן אַרבייטען, וועלען זיי איהם בערויבען פון קאָפּ ביז די פיס. דער הערר האָט אָבער געפונען מיטלען, ווי צוצובינדען דעם בויער צום אָרט און ניט לאָזען איהם אַוועקגעהן פריי, וואוהין ער האָט געוואָלט. די געזעצען זיינען געווען אין דיזער הינזיכט צו גונסטען פון די העררען. דאָס געזעץ האָט געלויטעט, דאָס דער בויער קען פערלאָזען זיין אָרט נאָר דאַן, ווען דער הערר גיט איהם דערצו אַ שריפטליכע ערלויבניס. דאָס זעלבע געזעץ האָט אויך פערבאָטען די בויערן צו ערווערבען וועלכעס עס איז אייגענטום אין אַנדערע דערפער, אָדער אַנדערע שטעדט, אָהן אַן ערלויבניס פון דעם הערר. אַזוי

איז דער אונטערטאַן געווען צוגעבונדען צום באָדען. עס וואָלט געווען א דומ-
הייט צו ערוואַרטען פון אַזעלכע הערען יושר.

די בויערן זיינען אין זייער נייער לאַגע געווען אין גאַנצען מאַכטלאָז גע-
גען זייערע גרונד־הערען. קלאָגען האָבען זיי ניט געקענט; זיי האָבען פשוט
ניט געהאַט פאַר וועמען זיך צו קלאָגען. דער לאַנד־הערר אָדער דער קעניג
איז געווען צופרידען צו זעהן, ווי די יונקערס הייבען זיך אָן צו בעשעפטיגען
מיט עקאָנאָמישער ווירטשאַפט און הערען אויף צו שטרייטען איינער מיט
דעם אַנדערען. וועגען דעם בויער האָט דער קעניג אָדער דער הערצאָג ניט

מלאכות פון 16טען יאָהרהונדערט. פאָרמען־שניידער.

געטראַכט. ער איז געווען צופרידען צו זעהן, ווי דער בויער געהאָרכט דעם
יונקער, וועלכעס קען פיהרען דערצו, דאָס דער יונקער וועט אויך בעסער גע-
האָרכען דעם לאַנד־הערר. אום עס זאָל פאָרקומען וואָס ווייניגער קלאַגעס,
איז אין יאָהר 1540 אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ געזעץ, דאָס יעדער בויער זאָל
בעשטראָפט ווערען מיט געפענגניס, ווען ער וועט פאָרברייגען אַ קלאַגע אויף
זיין גוטס־בעזיצער און וועט ניט קענען בעווייזען, דאָס די קלאַגע איז א
ריכטיגע. דיזעס געזעץ האָט אָפּגעהאַלטען פיעלע בויערן צו ברייגען קלאַ-

געם אויף זייער גוטס־בעזיצער, ווייל זיי האָבען געהאַט מורא, דאָס זיי וועלען ניט זיין אין שטאַנד צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון זייערע קלאַגעס.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די בויערן האָבען ניט געקענט איבער־טראָגען דעם דרוק פון די גוטס־בעזיצער און האָבען אָנגעהויבען צו אַנטלוי־פען פון די דערפער. אָהן אַ היים, אָהן אַ דאַך, האָבען זיך די בויערן גע־שלעפּט און געבלאָנדזשעט אויף די פעלדער און אין די וועלדער, נאָר אום צו בעפרייען זיך פון דעם שרעקליכען דרוק פון זייער גוטס־בעזיצער, וועלכער האָט, מיט דער הילף פון געזעץ, אָפּגענומען ביי זיי זייער אייגענטום. עס האָט זיך אין אַ קורצער צייט געבילדעט אַ גרויסע מחנה פון בעטלער און רויבער, אַזוי דאָס די געזעצגעבונג האָט זיך אַרומגעזעהען, דאָס מען מוז געגען דיזער צרה עטוואָס טאָן. עס זיינען געמאַכט געוואָרען בעשטימונגען צו בע־שטראָפען און פערפאָלגען בעטלער, וועלכע זיינען מוטוויליג אַנטלאָפען פון זייערע העררען. אָבער ניט אַכטענדיג אויף אַלע שטרענגע געזעצען איז די צאָהל פון די אַנטלאָפענע לייבאייגענע אָדער אונטערטאַנען געוואָרען מעהר און גרעסער, ווייל די העררען האָבען ניט געזוכט צו פערקלענערן דעם דרוק און צו פערבעסערן די לאַגע פון די לייבאייגענע, נאָר זיי האָבען געזוכט דורך דאָס געזעץ צו בעשטראָפען די אַנטלאָפענע לייבאייגענע און צו צווינגען זיי מיט געוואַלד צוריקצוקעהרען זיך צו זייערע בעדריקער.

בעזונדערס געפעהרליך פיר די דייטשע בויערן, וועלכע זיינען געווען די נאָכפאָלגער פון די קאָלאָניסטען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין די אָסט־ליכע סלאַווישע לענדער אין 13טען און 14טען יאָהרהונדערט, איז געווען זיי־ער פערמישונג מיט די סלאַווען און מיט די אַנדערע פעלקערשאַפטען אין יענע לענדער. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס די רעכטען, וואָס די אַלטע דייטשע קאָלאָניסטען האָבען אָנפאַנגס געקראָגען, האָט מען פון די שפּעטערע דורות אָפּגענומען, ווייל זיי האָבען זיך צומישט מיט די ליטאַוער, פּרייסען און סלאַווען און זיינען מעהר ניט געווען אָנערקענט אַלס דייטשען.

די פערוויסטונגען, וואָס די גוטס־העררען האָבען אָנגעמאַכט אונטער די בויערן אין 16טען יאָהרהונדערט, וועלען מיר יעצט ניט בעריהרען; מיט די־זען טרויעריגען קאַפּיטעל וועלען מיר זיך בעשעפטיגען שפּעטער, ווען מיר וועלען האָבען בעהאַנדעלט דעם 30־יעהריגען קריג, וועלכער האָט אויך פיעל מיטגעהאָלפען צו רואינירען די בויערן.

נאָך דעם, ווי די עקאָנאָמישע זעלבשטענדיגקייט פון די בויערן איז גע־בראָכען געוואָרען, האָט דער קאַפּיטאַליזם געפונען אין די דערפער אַ גוטען באָדען פיר בילינע אַרבייט. דער אָרימער בויער איז געווען געצוואונגען צו

זוכען אינדוסטריעלע נעבען־פערדינסטען אום צו קענען עקסיסטירען. דיזער פּראָצעס האָט זיך ענטוויקעלט אין אַ גרעסערער מאָס ערסט אין 18טען יאָהר־הונדערט. אויך אין די שטעדט פון דייטשלאַנד האָט דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם ערסט אָנגעהויבען צו שפּילען זיין גרויסע ראָלע אין דיזער צייט. נאָך דער 30־יעהריגער קריג האָט פערניכטעט די גרויסאַרטיגע אָנפאַנגען פון קאַפּיטאַליזם. ניט אַכטענדיג דערויף איז דער כאַראַקטער פון די צעכען און האַנטווערקער פערלאָרען געגאַנגען אויף אימער און האָט זיך שוין מעהר ניט צוריקגעקעהרט. איבערהויפּט האָט דאָס אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרענים אין דער געזעלען־בעוועגונג, ד. ה. אין דער ענטוויקלונג פון אַן ארבייטער־יונג צו דער שטופע פון אַ זעלבשטענדיגען מייסטער.

די ערסטע אָרגאַניזאַציאָן פון די האַנטווערקער־געזעלען איז געווען אַ קירכליכע געזעלען־ברידערשאַפט. אָנפאַנגס האָט דיזע געדינט נאָר אַלס מי־טעל צו דער בעפרידיגונג פון רעליגיעזע בעדערפניסען, און דעריבער האָבען זי די גייסטליכע געשטיצט און גינסטיג בעהאַנדעלט. אָבער דיזע קירכליכע ברידערשאַפט האָט אויך געשטרעבט צו געוויסע סאָציאַלע אויסבעסערונגען אין זייער לאַגע, ווי צ. ב. זאָרגען פיר קראַנקע און נויטבעדערפטיגע פון זייער ועזעלשאַפט. זיי פלעגען דעם נויטבעדערפטיגען אויסלייהען אַ געוויסע סומע געלט אום צו פערבעסערן זיין לאַגע, זיי האָבען געגרינדעט האָספּיטעלער פיר קראַנקע פון זייער פעראיין, אָדער ווען די מיטלען זייערע זיינען נאָך געווען צו וועניג — דינגען פיר דעם קראַנקען אַן אָרט ביי אַ ווירט אום איהם דאָרט אויפצופּאַסען און בעזאָרגען מיט אַלעם נעטיגען. ווען זייערער אַ ברודער איז געשטאָרבען, פלעגען זיי בעזאָרגען זיין קבורה און אַלעם וואָס עס געהערט דערצו. ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס דיזע ברידערשאַפט האָט געטאָן נאָר זאַכען פון מענשענליבע, האָבען דאָך אַלע אויף זיי געקוקט מיט פערדאַכט. מען האָט חושד געווען, דאָס זיי שטרעבען צו זיין אַ געגען־מאַכט געגען די מייסטערס, און דיזער חשד איז ווירקליך געווען ניט אָהן אַ גרונד.

דער מיטעלפּונקט פון דער געזעלען־ברידערשאַפט איז געווען דער שענק, די טרינק־שטוב. אהין פלעגען אריינקומען אַלע דורכוואַנדערער פון די געזעלען פון אַנדערע ערטער, אום צו זעהען זיך מיט זייערע ברידער. דאָרט פלעגען זיי פייערן זייערע פעסטען, דאַ פלעגען זיי זיך בעראַטען וועגען זייערע אינטערעסען, און דאַ פלעגען זיי אויך פיהרען זייערע געריכטען (משפטים). אין פיעלע יאָהרהונדערטער פון מיטעלאַלטער איז די געריכטבאַרקייט געווען אַ געגענשטאַנד פון שטרייטיגקייטען צווישען די געזעלען פון איין זייט און די מייסטערס און די שטאָדט־ראַטען פון דער אַנדערער זייט. דאָס געריכט,

מיט די שטראָף־מעטאָדען פון די געזעלען־ברידער, וועלכע האָבען ניט ערפילט אַלע פאָדערונגען פון דער געזעלשאַפט, האָט די געזעלען ענגער פערבונדען צוזאַמען, און אין דעם איז געלעגען זייער גאַנצע קראַפט.

די הויפּט־פראַגען, וואָס האָבען אינטערעסירט די געזעלען־פערבאַנדען פון יענער צייט, זיינען געווען די זעלבע, וואָס עס אינטערעסירען די אַרביי־טער־יוניאָנס אין הייגטיגער צייט: אַרבייטס־לוין, אַרבייטס־צייט א. אז. וו. אָנפאַנגס האָבען די מייסטערס בעשטימט דעם אַרבייטס־לוין. אין שפּייער האָבען די מייסטערס בעשטימט דעם אַרבייטס־לוין איין מאָל אויף אימער און אייביג (1351). אָבער דיזעס געזעץ האָט ניט געקענט לאַנג עקסיסטירען. די אומשטענדען האָבען זיך מיט דער צייט געענדערט. דער אַרבייטער האָט ניט געקענט לעבען מיט א געהאַלט, מיט וועלכען זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבען געקענט אויסקומען. די אַרבייטער פון ענדע 14טען און אָנ־פאַנג 15טען יאָהרהונדערט האָבען געפאָדערט, אז מען זאָל ענדערן דאָס געזעץ און פערגרעסערן זייער אַרבייטס־לוין. פריהער פון אַלע האָבען עס אָנ־געהויבען צו פאָדערן די וועבער־קנעכט.

די מייסטערס האָבען געמוזט נאָכגעבען, און דער אַרבייטער־לוין איז געהעכערט געוואָרען. דער 15טער יאָהרהונדערט רעכענט זיך אַלס „גאָלדע־נע צייט פון די אַרבייטער". דעם גרונד צו דיזער פערבעסערונג האָבען געלעגט די אַרבייטער־פעראיינען. דיזע פעראיינען זיינען געווען די שניי־דענדע וואָפען, וועלכע האָבען געצוואונגען די איינגע'עקשן'טע מייסטערס נאָכצוגעבען. נאָר דאָרט, וואו די אַרבייטער זיינען ניט געווען פעראייניגט, האָבען די מייסטערס דיקטירט די פּרייזען און די אַנדערע בעדינגונגען.

די אַרבייטס־צייט אין יענע יאָהרהונדערטער איז געווען זעהר א לאַנגע, פון 12 ביז 16 שטונדען אין מעת־לעת. עס פערשטעהט זיך, דאָס די אַר־בייטער האָבען געהאַט דאָס פולע רעכט צו פאָדערן צו פערקירצען אַזא לאַנ־גען אַרבייטס־טאָג. אָבער אויסער דער פערקירצונג פון די שטונדען פון יע־דען טאָג, האָבען די אַרבייטער אויך געפאָדערט א פרייען טאָג אין דער וואָך. זיי האָבען דאָס אויך אפילו א ביסעל דורכגעפיהרט. זיי האָבען נעמליך אויסגעפיהרט, דאָס מאָנטאָג זאָל זיי זיין ערלויבט צו געהן אין באָד (דער „גוטער" אָדער „בלויער מאָנטאָג"), אָבער נאָך דעם 30־יעהריגען קריג איז דאָס אָפּגעשאַפט געוואָרען. אין 16טען יאָהרהונדערט האָט די רעגירונג אָנ־געהויבען זיך מישען אין די בעציהונגען צווישען די אַרבייטער און די מייס־טערס, און האָט אָנגעפאַנגען צו מאַכען בעשרענקענדע געזעצען פיר די אַר־בייטער־געזעלשאַפטען.

די אַרבייטער אין יענער צייט האָבען אַזוי אייגגעריכטעט זייערע פער־איינען און געזעלשאַפטען, דאָס עס איז געוועזען אוממעגליך, אַז אַ פרעמדער אַרבייטער זאָל זיי שטעהן אין וועג און שטערען זיי אין זייערע בעציהונגען און פאָדערונגען פון זייערע מייסטערס. יעדער אַרבייטער האָט זיך גערעכענט אַלס אַ מיטגליד פון דער אַרבייטער־געזעלשאַפט. ווען עס איז אָנגעקומען פון אַן אַנדער שטאָדט אַ פרעמדער אַרבייטער, האָבען די שטאָדטישע אַרבייטער פיר איהם געזוכט אַרבייט, און ביז זיי האָבען פיר איהם געפונען בעשעפטיגונג האָבען זיי איהם פערשאַפט אַלע זיינע בעדערפניסען. און ווען

מלאכות פון 16טען יאָהרהונדערט. זאָטלער.

זיי האָבען קיין בעשעפטיגונג פיר איהם ניט געפונען, האָבען זיי איהם אַוועקגעשיקט אויף זייערע הוצאות אין אַן אַנדער שטאָדט, ווען עס איז געוועזען צו רעכנען, דאָס ער וועט דאָרט בעקומען אַרבייט. דאָרט האָבען יענע שטאָדטישע אַרבייטער פיר איהם געזאָרגט. דיזע סאָלידאַריטעט צווישען די געזעלען איז געוועזען אַ סאָרט אינטערנאַציאָנאַלע פעראייניגונג, און געגען דיזער פעראייניגונג האָבען די מייסטערס און די מאַגיסטראַטען געטאָן וואָס זיי האָבען געקענט.

די ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָן האָט געהאַט אַ לאַנגען שטרייט מיט די מייסטערס און מיט די מאַגיסטראַטען אָפּצושאַפען די שטראָף פון אַן ארביי-טער, ווען ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטען זיין קאָנטראַקט מיט'ן מייסטער. די שטראָפען זיינען פריהער געווען זעהר שטרענגע, בלוטיגע, נאָכדעם זיינען זיי פערוואַנדעלט געוואָרען אין שווערע געלט־שטראָפען, אָבער ענדליך זיינען זיי דורך די ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען אין גאַנצען אָפּגעשאַפט געוואָרען. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזעס האָט זיי געקאָסט פיעל מיה און ענערגיע.

די מיטלען, וואָס די ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען האָבען געברויכט אין זייער קאַמף, זיינען געווען: דאָס שילטען, זידלען, דער סטרייק און באָיקאָט. דיזע מיטלען פלעגען אָנגענומען און דורכגעפיהרט ווערען, ווען עס איז געווען נעטיג, דורך דעם אייזערנעם פערבאַנד פון אַלע ארבייטער אין פערשיידענע שטעדט, און זיי האָבען קיינמאָל ניט פערפעהלט די ווירקונג.

די שטאַרקסטע געזעלען־בעוועגונג איז געווען אין דער ערסטער העלפט פון דעם 16טען יאָהרהונדערט. ווי מיר האָבען עס שוין פריהער דערצעהלט, האָבען אין דעם בויערן־קריג גענומען אַ גרויסען אָנטייל די ארבייטער. עס איז נאָך קיינמאָל אַזאַ שנאה ניט געווען צווישען די ארבייטער און די מייס-טערס, אָדער ארבייט־געבער, ווי דאַמאָלס, אין דער צייט פון דעם בויערן־-אויפשטאַנד. די מייסטערס האָבען שוין דאַמאָלס אָנגעהויבען ליידען פון די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען זיי אָנגעפאַנגען ארויסצוטרייבען פון די געשעפטען. דאָס האָבען די ארבייטער באַלד דערפיהלט, און האָבען אָנגע-הויבען זייער שטרייט מיט די שוואַכערע אין דיזען קאַמף, מיט די מייסטערס, און האָבען געפאָדערט פון דער רעגירונג צו מאַכען געגען די מייסטערס גע-וויסע רעגולירונגען אין זייערע בעציהונגען צו די ארבייטער. די רעגירונג האָט אָבער אָנגענומען די זייט פון די מייסטערס און האָט ארויסגעגעבען פּאָליציי־אָרדנונגען געגען די ארבייטער (1530 און 1548).

אין יאָהר 1530 האָט די רעגירונג פערוועהרט די ארבייטער און האַנט-ווערקער צו געברויכען זייערע מיטלען פון שילטען, זידלען, סטרייקען און באָיקאָטירען ארבייטער, וואָס ווילען זיך ניט אונטערוואַרפען אונטער זייערע פעראיינס־אָרדנונגען, און די, וואָס וועלען עס טאָן, ניט קוקענדיג אויף דיזען פערבאָט, ארויסצושיקען פון לאַנד. אויך איז זיי פערבאָטען געוואָרען צו מאַכען פערזאַמלונגען אין שענקען און טרינקען צוזאַמען, ווייל דאָס האָט צווי-שען זיי ענטוויקעלט פוילקייט און לעדיג־געהן. ווען אַן ארבייטער איז געקו-מען פון אַ פרעמדער שטאָדט זוכען ארבייט, האָט ער זיך ניט געטאָרט ווענדען

צו דער ארבייטער=געזעלשאַפט נאָר צו אַ מייסטער פון דעם צעך, אָדער צו אַן אַנדערן פון דיזער שטאָדט.

מיט 18 יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1548, האָט די רעגירונג ארויסגע-געבען נייע רעגלען, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק צו פערניכטען אין גאַנצען די ארבייטער=יוניאָן און צו מאַכען יעדען איינציגען ארבייטער פאָל-שטענדיג אָפּהענגיג פון דעם מייסטער אָדער פאַבריקאַנט און אין גאַנצען אונטערוואָרפען אונטער דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג. פון דיזען יאָהר אָן (1548) האָט זיך אָנגעהויבען אַן עפענטליכער קאַמף מיט די געזעלען=פערבאַנ-

מלאכות פון 16טען יאָהרהונדערט. ציין=גיסער.

דען: אין נאָרד האָבען די אַלע האַנזאַ=שטעדט פערפאָלגט די ארבייטער, און אין זידליכען טייל פון לאַנד האָבען די גרויסע רייכשטעדט: נירנבערג, אוגס-בורג, אולם און רעגענסבורג, זיי פערפאָלגט.

דעם 1טען מאַי 1551 האָבען אוגסבורג און אולם צוריסען און אויפגע-לעזט די אָרגאַניזאַציאָן פון דיזער געזעלשאַפט, און דעם 1טען אָקטאָבער האָט דאָס זעלבע געטאָן אויך נירנבערג. מען האָט צוזאַמענגערופען אויף'ן ראַט הויז די געזעלען מיט די מייסטערס און מען האָט זיי פאָרגעלעזען די ארטיק-

לען פון יאָהר 1548. די שענקען זיינען געוואָרען בעזייטיגט, די פערבאַנדען פון די געזעלען צושטערט, און די אַרבייטס־פערמיטלונג איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די מייסטערס.

די אַרבייטער האָבען דעם קאַמף אויפגענומען. זיי האָבען פערשאָלטען (דאָס איז געווען אַ מין באָיקאָט) די שטעדט, וואָס האָבען אָנגענומען די רעגלען פון 1548 געגען די אַרבייטער־געזעלען, און קיין אַרבייטער האָט ניט געוואָלט געהן אַרבייטען אין אַ שטאָדט, וועלכע איז געווען פערשאָלטען פון די אַרבייטער־פעראיינען. די מייסטערס פון אוגסבורג, אולם, נירנבערג און אַנדערע ערטער זיינען געקומען אין פערצווייפלונג, עס האָבען איבעראַל געפעהלט אַרבייטער־הענט. די געשעפטען זיינען רואינירט געוואָרען. די מייסטערס האָבען אָנגעפאַנגען צו בעטען די ראַטען צו ערלויבען צוריק עפנען די שענקען און צוריקגעבען די אַרבייטער־פעראיינען די רעכטען, וואָס מען האָט פון זיי צוגענומען. ווייל זיי, די מייסטערס, האָבען יעצט ניט קיין אַרבייטער, און ווען אַ קויפמאַן קומט קויפען עטוואָס, האָבען זיי ניט וואָס צו פערקויפען, ווייל די אַרבייטער זיינען אַוועק אין אַנדערע שטעדט און ערטער, וואו מען האָט זיי ניט פערפאָלגט, און דאָס גאַנצע געשעפט איז דעריבער אַוועק פון נירנבערג, אולם און אוגסבורג אין אַנדערע שטעדט.

די אַרבייטער האָבען זעהאַט אַ פאָלשטענדיגען זיג. דער ראַט האָט געמוזט נאָכגעבען. די אַרבייטער־געזעלען האָבען צוריקגעקראָגען זייערע רעכטען, און כמעט צוליב דער ביטע פון די מייסטערס זעלבסט, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט מיט וועמען אַרויסצוגעבען אַרבייט.

הגם דער ערסטער קאַמף פון די רייכשטעדט געגען די געזעלען־פעראיינען האָט זיך געענדיגט ניט גינסטיג פיר די שטעדט, דאָך האָבען זיי ווידער אָנגעפאַנגען אַ פעלד־צוג געגען די אַרבייטער, און ענדליך איז זיי, די שטעדט, ווירקליך געלונגען ווידער צו בעניייען די בעשרענקונגען געגען די אַרבייטער־פעראיינען. אָבער אויך דיזעס מאָל האָבען די אַרבייטער געזיגט. ווי איין מאַן האָבען זיך די אַרבייטער געשטעלט געגען די בעשרענקונגען און האָבען איבעראַל איינגעשטעלט די אַרבייט. די אַרבייטער האָבען אַרויסגעלאָזען אַ רענגעלמעסיגען באָיקאָט. די געשעפטען זיינען געוואָרען פּאַראַליזירט. די מייסטערס זיינען געקומען אין פערצווייפלונג. עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען גרויסע אונרוהען, שטרייטיגקייטען אין די גאַסען, געשלעגען, אויפגעלאָפען, שטיינוואַרפען און זידלערייען. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דאָס געזעץ האָט די אַרבייטער פערבאָטען צוזאַמענקומען אום צו בעראַטען זיך וועגען זייערע

אנגעלעגענהייטען, פלעגען זיי זיך דאָך אין געהיים פערזאמלען און האָבען פאַרטגעזעצט די פריהערדיגע אַלטע פערבינדונגען איינער מיט דעם אנדערען.

די שטעדט האָבען געמוזט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער. עס איז זיי צוריק ערלויבט געוואָרען צו עפנען שענקען און צו מאַכען פערזאמלונגען. זיי זיינען ענדליך געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס מען קען דעם ביזהעריגען צושטאַנד ניט פאַרטזעצען, דאָס מען מוז די אַרבייטער נאָכגעבען. די רעגירונג איז געווען געצוואונגען ארויסצוגעבען נייע רעגולאַציאָנען פיר די געזעלשאַפט, וועלכע זיינען געווען אַ סאָרט קאָמפּראָמיס, און דיזע רעגולאַציאָנען זיינען געווען דער פונדאַמענט, אויף וועלכען עס זיינען געוועזן געבויט אַלע נייע געזעצען און פעראָרדנונגען אין דער געזעלשאַפט אין פערלויף פון גאַנצען 17טען יאָהרהונדערט.

מיר האָבען זעהר וועניג ידיעות וועגען דעם לעבען פון די געזעלען פון יענער צייט. די פערגניגענס, וואָס די געזעלען האָבען זיך געקענט ערלויבען, זיינען געווען געמיינזאַם, אַלע צוזאַמען: זיי האָבען געטרונקען צוזאַמען, זיי פלעגען האָבען זייערע אייגענע טהעאַטער־פאָרשטעלונגען אַלע צוזאַמען. איינינגע טעג פון זייערע יעהרליכע פערגניגענס זיינען געבליבען נאַציאָנאַלע ימים טובים. איינינגע פון זייערע פייער־טעג האָבען געמוזט געפייערט ווערען אין ספּעציעל פיר דיזען טאָג געמאַכטע קליידער, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק ארויסצורופען הומאָר, ווייל די אַרבייטער זיינען נאָך דאַמאָלס געווען פול מיט לעבעדיגקייט, וועלכע איז אין זיי אויסגעלאָשען געוואָרען ערסט אין מיטען פון דעם 17טען יאָהרהונדערט. דיזעס האָט מיט זיך געבראַכט דער 30־יעהריגער קריג, וועלכער האָט צושטערט נאָך פיעלע אנדערע גוטע זאַכען.

ט. דער 30־יעהריגער קריג.

די בעהמישע אדעליגע גרונד־בעזיצער זיינען עס געווען די, וועלכע האָבען געגעבען דעם סיגנאַל צום „הייליגען קריג". די תאוה, די לוסט צו געלט, האָט דאַמאָלס בעהערשט אַלע הערצער: דער אדעלמאַן, דער גוטס־בעזיצער, דער מייסטער, דער הויז־בעזיצער, אַלע זיינען געווען פול מיט איין געדאַנק — צו האָבען אַ סך געלט. דיזע תאוה צו געלט האָט פערוואַנדעלט האַנטווערקער, קליינע בירגער אין אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען. די הויפּט־אָפּנעהמער פון זייערע פּראָדוקטען זיינען געווען די גרונד־בעזיצער. זיי קאַפּיטאַליסטען האָבען געהאַט אַ גרויס אינטערעס, דאָס דער הערר, דער גוטס־בעזיצער, זאָל וואָס מעהר עקספּלואַטירען דעם בויער און איהם וואָס

מעהר אויסזויגען, אויספרעסען פון איהם וואס מעהר געלט, אום זיי, די קאַ־פיטאַליסטען, זאָלען קענען האָבען די מעגליכקייט אָפּצוזעצען ביי די הערען וואס מעהר פון זייערע פּראָדוקציאָנען. אָבער ניט אימער זיינען די אינטע־רעסען פון דיזע קלאַסען, פון די קאַפּיטאַליסטען און די הערען, געגאַנגען האַנט אין האַנט; עס האָט זיך אָפטמאָל געמאַכט, דאָס זייערע אינטערעסען זיינען געווען איינע געגען די אַנדערע. דאַן האָט די רעגירונג אָנגענומען איין זייט, וועלכע עס האָט איהר בעסער געלוינט, און האָט געווירקט געגען דער אַנדערער זייט. אָבער אויך די בויערן און די שטאָדט־פּראָלעטאַריער האָבען דאָ געשפּילט אַ היבשע ראָלע. זיי האָבען אימער געשאַפען דעם מענשען־מאַטעריאַל, וואָס איז געווען נעטיג אין דיזען שטרייט צווישען די קאַפּיטאַליסטען און די הערען, אום צו פערשאַפען דעם זיג דער אָדער יענער פּאַרטיי. און ווייל דיזער מאַסע האָבען געפעהלט דער ריכטיגער געזונדער פערשטאַנד און אָרגאַניזאַציאָן, האָט זי זעהר אָפט געטריבען די אונשולדיגע גלויביגע אין די מאָגענס פון דעם אָדער יענעם וואָלף. און איבער די בלוטיגע שלאַכט־פעלדער איז געגאַנגען די קירכע אין איהרע פערשיידענע געשטאַלטען, אַלס יעזואיטען אָדער רעפאָרמער, און האָט געדינט די פירסטען צו העלפען זיי קריגען די אויבערמאַכט איבער דיזער אָדער יענער פּאַרטיי, און זי, די קירכע, האָט פיר איהרע דינסטען געקראָגען גוט בעצאָהלט.

אָבער דער לוין, וואס די קירכע האָט געקראָגען פון די פירסטען אַלס בעלוינונגען פיר איהר הילף, איז געווען דער גרונד פון די אורזאַך, וואָס די פירסטען האָבען אָנגעפאַנגען זיך צו רייסען צווישען זיך. ניט די קירכליכע צערעמאָניעס האָט אינטערעסירט די שטרייטענדע פּאַרטייען און איבער־הויפּט די פירסטען, נאָר דאָס געלט.

מיר האָבען פריהער געזעהען, ווי גראַף טהורן מיט זיינע אָנהענגער האָ־בען צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון 3 קלאַסען: הערען, ריטער און שטעדט; יעדע קלאַס האָט פון זיך ערוועהלט 10 מיטגלידער, און דיזע 30 „דירעקטאָרען" האָבען ערהאַלטען אַן אונבעשרענקטע פולמאַכט, און מען האָט זיך פאַרבערייטעט צו אַ שטרייט מיט'ן קעניג מאַטהיאַס און זיינע אָנהענגער. אָבער די רעוואָלוציאָנערען האָבען קוים צוזאַמענגעקריגען איינציגע טויזענד קריגער. די עוואַנגעליש געזאָנענע אונגאַרן איז געווען גע־גען דיזען אויפשטאַנד, און האָט זאָגאַר געוואָרפען אין געפענגניס דעם בעה־מישען געזאַנדטען דר. יעססעניוס, ווייל ער איז געווען געזאָגען אָפּאָזיציאָ־נעל (פיר די געגען־פּאַרטיי). דער פּראָטעסטאַנטישער אָדעליגער קאַרל פון ציעראָטין איז געבליבען טריי דעם קייזער און האָט ניט דורכגעלאָזען די

בעהמישע טרופען דורך זיין לאַנד, צייגענדיג דערמיט, דאָס ער איז אַ טרייער מאָנארכיסט.

אויך אין עסטרייך האָבען די אָפּאָזיציאָנעלע קרעפטען געשוויגען. דאָס איז דער כאַראַקטער פון יעדער רעוואָלוציאָן פון קאַפּיטאַל אין יענער



דאָס שטעדטישע לעבען פאַר דעם 30־יעהריגען קריג.

צייט. זיי האָבען קיינמאָל ניט געקענט בליקען אין די צוקונפט, עטוואָס ווייטער פון זייערע געגענווערטיגע אינטערעסען. אָבער בעהמען און עסטרייך האָבען געשטיצט דעם קאַטאָליציזם, ניט ווייל זיי האָבען געהאַט אַ טיפען און ווייטען בליק אין דער צוקונפט, נאָר ווייל דער קייזער האָט זיי

געגעבען פיעלע הנחות. דאָס איז געווען די פּאָליטיק פון די האַבסבורגער צו יעדער צייט: צו געבען איין געביט פון קייזערטום הנחות און דעם אַנ־דערען געביט ניט געבען, אום עס זאָל זיי לייכט זיין אויפברייננגען די פּראָווינצען איינע אויף די אַנדערע, און זיי זאָלען קריגען געלט און מיליטער פון איין געביט, וועלכען זיי האָבען געגעבען הנחות, אום צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד אין יענער פּראָווינץ, וועלכער זיי האָבען קיין הנחות ניט בע־וויליגט. דיזע פּאָליטיק האָט פערפאָלגט אויך מאַטהיאַס, און ער האָט אוים־געפיהרט געגען בעהמען וואָס ער האָט געוואָלט. אין בעהמען זעלבסט האָט אַ טייל פון לאַנד פערשטאַנען, דאָס עס איז פיר זיי מעהר רעכנונג און אינ־טערעס צו האַלטען מיט'ן קאַטאָליציזם. און דעריבער האָבען די שטעדט בודווייז און פּילזען געהאַלטען מיט'ן קייזער מאַטהיאַס און האָבען צוגע־שלאָסען זייערע טויערן און האָבען ניט אַריינגעלאָזען די קריגער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, וועלכע איז געווען געגען דעם קייזער און איז מיט איהם אַרוים אויף אַ שטרייט אין אויגוסט 1618.

די לאַגע פון דער בעהמישער אָפּאָזיציאָן איז געווען זעהר שלעכט. דיזע שלעכטע לאַגע האָט זיך געענדערט, ווען אין דיזען קריג איז ערשינען אַ נייער יִלעמענט, נעמליך, ווען גראַף פון מאַנספעלד איז גע־וואָרען טעטיג אין דעם שטרייט. דער גראַף פון מאַנספעלד איז געווען אַלט 38 יאָהר ווען ער האָט זיך אָנגענומען פיר די זאַך פון די פּראָטעסטאַנטען. ער איז זיין גאַנצעס לעבען געווען אַ קאַטאָליק, ער איז געבאָרען געוואָרען אַ קאַטאָליק און איז געשטאָרבען אַ קאַטאָליק, נאָר ווען ער האָט געזעהען, אַז עס איז דאָ אַ מעגליכקייט צו מאַכען געלט פון פּראָטעסטאַנטיזם, איז ער אַריבער אויף דיזע זייט. ער מיט אַלע זיינע אָנהענגער און גלייכדענקענדע זיינען דאַמאָלס געווען דאָס זעלבע, וואָס אין אונזערע צייטען זיינען די זשורנאַליסטען, וועלכע שרייבען פיר יענע פּאַרטיי, וואָס צאָהלט מעהר. אַזוי האָט אויך גראַף פון מאַנספעלד, וועלכער האָט פריהער געשטריטען פיר די האַבסבורגער, זיך יעצט אָנגענומען פיר די עוואַנגעליסטען און האָט גע־שטריטען געגען דעם קייזער. אַנדערע בעהויפּטען, דאָס גראַף מאַנספעלד איז געשטאָרבען אַ פּראָטעסטאַנט. אויב די זאַך איז ריכטיג, איז עס נאָר, ווייל דער קאַטאָליציזם האָט ניט בעסער בעצאָהלט, זאָנסט וואָלט ער געווים געווען מיט די קאַטאָליקען.

גראַף פון מאַנספעלד איז געווען איינער פון די בעסטע און טיכטיגסטע סאָלדאַטען־פיהרער, וועגען וועלכע מיר האָבען פריהער דערצעהלט. די סאָל־דאַטען־פיהרער האָבען געהאַט הינטער זיך גרויסע מאַסען, וועלכע זיינען

געווען בערייט צו שלאָגען זיך אויף לעבען און טויט. דיזע מאַסען האָט בעשאַפען דער קאַפּיטאַל, צוליב וועלכען פיעלע בויערן זיינען פערטריבען געוואָרען פון זייערע פעלדער און הייזער, און פיעלע האַנטווערקער און קליינע מייסטערס האָבען פערלאָרען זייער ברויט, ווי מיר האָבען עס פריהער גע־זעהען. דער 30=יעהריגער קריג איז אַרויסגעקומען אין דייטשלאַנד פון די זעלבע אורזאַכען, וואָס האָבען אַרויסגערופען דעם הוגענאָטען=קריג אין פראַנקרייך, און די אויסוואַנדערונג פון ענגלאַנד אין די קאָלאָניעס. די לע־בענסמיטלען אין דייטשלאַנד זיינען דאַמאָלס צוליב דער ענדערונג אין דער לאַנדווירטשאַפט געוואָרען פיעל ביליגער. דער 30=יעהריגער קריג איז גע־ווען אַ מין אָדער=לאָזען אום אָפּצוצאַפּען די צו פיעל בלוטען. די פראָלע־

ערנסט פאָן מאַנספעלד.

טאַריער, וועלכע האָבען גאָרניט געהאַט וואָס צו פערלירען, האָבען אין אַל־טען רוים געהאָלפען די צאַזאַרען אַרויפצושטייגען אויף'ן טראָן. דער זעל־בער פאַל האָט אָנגעהויבען צו זיין אין דייטשלאַנד. אָט דיזע מאַסען, וועלכע האָבען געצעהלט אין זייערע רייהען ביז 100 טויזענד מאַן, האָבען געהאָלפען צו פערוויסטען דייטשלאַנד אין פערלויף פון פולע 30 יאָהר.

די יעהרליכע אויסגאַבען אויף מיליטער אין זאַקסען אין יאָהר 1620 האָבען איבערגעשטיגען 11 מיליאָנען מאַרק. דיזע אַרמעע איז בעשטאַנען נאָר פון 7,700 פוסגעהער און 1,400 רייטער, דערצו 12 קאַנאָנען. דיזע 11 מיליאָן מאַרק זיינען געווען די שטענדיגע אויסגאַבען. אָבער אויסער דעם איז נאָך געווען אַ גרויסע מאַסע עקסטראַ אויסגאַבען. דער געהאַלט פון אַ

פוס־סאָלדאַט איז געווען 10 פלאָרין א מאָנאַט, און א רייטער האָט בעקומען 15 פלאָרין א מאָנאַט. אויף מאַרקען בעטרעפט עס : 75 מאַרק פיר א פוס־סאָלדאַט און 110 מאַרק פיר א רייטער. פון דיזער סומע האָט דער סאָלדאַט געמוזט דעקען אַלע זיינע אויסגאַבען. דער סאָלדאַט איז דאַמאָלס געווען אין דער זעלבער מאַטעריעלער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך אין היינטיגע צייטען א פאַבריק־ארבייטער. דאָך האָבען פיעלע, זעהר פיעלע מענשען גע-זוכט צו קריגען בעשעפטיגונג אַלס סאָלדאַטען. מען קען פערשטעהן, ווי טרויעריג זייער לעבען איז געווען צו הויז, ווען זיי האָבען געזוכט א סאָלדאַ-טען־לעבען.

די שטאַאַטען, וועלכע זיינען דאַמאָלס געווען געצוואונגען אויסצושטע-לען צום שטרייט אַלע צוזאַמען אונגעפעהר 100,000 מאַן א יאָהר, האָבען אויף זייער אויסהאַלטונג געמוזט אויסגעבען ביז 100 מיליאָנען מאַרק א יאָהר. דיזע אונגעהייערע סומע געלט האָט געמוזט ווערען ארויסגעפרעסט פון די איינוואוינער פון דייטשלאַנד, אין די געביטען, וואו דער שטרייט איז אַנגעגאַנגען, דורך א שטייער פון 12—25 מאַרק א יאָהר פון א פאַמיליע, א סומע, וואָס איז פיר יענע צייטען געווען זעהר שווער צו פערטראָגען.

די סאָלדאַטען אָבער האָבען ניט געקראָגען אויסגעצאָהלט דעם גאַנצען געהאַלט, ווי מען האָט זיי פערשפּראָכען. עס האָט זיי געפעהלט דאָס נעטיגע צום לעבען און אויף זייער אַמוניציע. זיי זיינען געווען געצוואונגען צו רוי-בען יעדען אויף דער גאַס, פריינד און פיינד. קיינער איז ניט געווען זיכער פון בערויבט צו ווערען. אזוי איז געווען די לאַגע אין בעהמען.

אַנפאַנגס איז דאָס גליק פון קריג געווען אויף דער זייט פון די רעבעלען. דעם 21טען נאָוועמבער 1618 האָט מאַנספעלד איינגענומען פילזען. גראַף טהורן איז דערגאַנגען מיט זיין אַרמעע ביז די טויערן פון וויען. עסטרייך האָט זיך אויפגעהויבען גלייך מיט בעהמען און האָט גענומען די זייט פון די פּראָטעסטאַנטען. דאָס זעלבע האָט געטאָן אונגאַרן. נאָר מאָהרען איז גע-בליבען טריי דעם הויז פון האַבסבורג. באַלד נאָכדעם איז דער אַלטער שוואַכזיניגער מאַטהיאַס געשטאָרבען, און אויף דעם לאַנדטאַג אין פּראַג איז אין מערץ 1519 געמאַכט געוואָרען א פאָרשלאַג, מען זאָל צושטערען די קאַטאָלישע שטאָדט פילזען. מיט גרויס מיה איז עס געלונגען דיזען פאָר-שלאַג צו פערהינדערן.

פון פעברואַר ביז אַפּריל פון יאָהר 1519 זיינען פאָרגעקומען אונטער-האַנדלונגען צווישען דעם קייזער און די בעהמען. אָבער דיזע פערהאַנדלונ-גען האָבען ניט געפיהרט צו קיין רעזולטאַט. ענדע אַפּריל האָט זיך דער

שטרייט ווידער אָנגעפאַנגען. גראַף טהורן האָט אויך ערבאָבערט מאָהרען. ביי דיזער געלעגענהייט איז ערשינען אַ בעהמישער אַדעלמאַן, אַ געבאָרענער פּראָטעסטאַנט, וועלכער האָט זיך שפּעטער אויסגעצייכענט מיט זיין הייסער פריינדשאַפט צום קייזער און מיט זיין איבערגעבענהייט צום קאַטאָליציזם. דיזער אַדעלמאַן איז געווען אַ ל ב ר ע כ ט פ אָ ן ו ו א ל ל ע נ ש ט י י ן. ער האָט געראַטעט די קייזערליכע קריגס־קאַסע פון די רעבעלען אין מאָהרען. דאַמאַלס האָט ער נאָך ניט געשטרעבט צו זיין אַ בעריהמטער מיליטער־פיה־רער, ווי יוליוס צעזאַר, וואָס ער איז שפּעטער ווירקליך געוואָרען. דאַמאַלס האָט ער נאָר געוואוסט, אַלס גרונד־העער, צו שעצען די קאַטאָלישע רעליגיאָן, אין וועלכער ער איז ערצויגען געוואָרען. זיין ערציהונג האָט ער געקראָגען אין אַ יעזואיטישען קלויסטער אין אָלמיטץ. דאָ האָט ער געלערנט וואָס עס איז נעטיג פיר אַ גוטען דיפּלאָמאַט און אַ טיכטיגען פעלד־העער. ווען ער איז אַרויס פון קלויסטער איז ער געווען אַלט 35 יאָהר.

אין יענער צייט איז גראַף טהורן צוגעקומען מיט זיין אַרמעע צו וויען און דער קייזערליכער פעלד־העער ב ו ק ק ו ו אָ י האָט בעלאַגערט פּראַג. דאַן איז ערוועהלט געוואָרען אַלס קייזער אַנשטאַט דעם פערשטאָרבענעם מאַטהיאַס זיין קוזין פערדינאַנד, וועלכער איז בעצייכענט געוואָרען אַלס פ ע ר ד י נ אַ נ ד ד ע ר 2 ט ע ר. דער קייזערליכער פעלד־העער בוקקוואָי האָט געהאַט אַ זיג ביי פּראַג, און דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזען די שוואַכקייט פון די פּראָטעסטאַנטען.

אין דעצעמבער 1619 האָט די ליגאַ געהאַט די מעגליכקייט צו שיקען אין קריג 25,000 סאָלדאַטען. בראַנדענבורג און זאַקסען (פּראָטעסטאַנ־טען) האָבען אָפען ערקלערט, דאָס זיי ווילען ניט שטרייטען מיט עסטרייך (קאַטאָליקען). דעם 3טען יולי איז געשלאָסען געוואָרען פרידען צווישען דער יוניאָן (פּראָטעסטאַנטען) און דער ליגאַ (קאַטאָליקען). עסטרייך, מאָהרען און אונגאַרן האָבען זיך בערוהיגט. דער קורפירסט פון זאַקסען איז דירעקט אַריבער אויף דער זייט פון קייזער, און דער בעדייטענדער פעלד־העער פון דער ליגאַ איז אַריין אין בעהמען, וואו ער האָט דעם 8טען נאָוועמבער 1620 געהאַט אַ גרויסען זיג.

אויף דער קאַטאָלישער זייט איז דאַמאַלס געווען דער אַנשטענדיגסטער פון אַלע סאָלדאַטען־פיהרער ט י ל ל י. ער איז ערצויגען געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון די יעזואיטען און האָט געפיהרט אַ שטרענג־מאָנאַכישעס לעבען. אונטער איהם האָבען שפּעטער געפאָכטען וואַללענשטיין און אַנ־דערע בעריהמטע גענעראַלען. אין פּראָטעסטאַנטישען לאַגער האָבען ניט גע־

הערשט די אחדות און פרידען, וועלכע האָבען געהערשט אין קאַטאָלישען לאַגער. פריעדריך דער 5טער, וועלכער איז פון בעהמישען לאַנדטאַג ער-וועהלט געוואָרען אַלס קעניג, איז געווען אַן אונפעהיגער קריגסמאַן. ער האָט נאָר געזעהען פון וויטען, ווי די גענעראַלען מאַנספעלד און גראַף טהורן האָבען געפאָכטען מיט זייערע געגנער די קאַטאָליקען.

דער גלענצענדער זיג פון די קייזערליכע, די קאַטאָליקען, האָט איבער-געגעבען די בעהמען צו דער געגען-רעפאָרמאַציאָן. אויך די געלט-מיטלען זיינען געווען אויף דער זייט פון די קאַטאָליקען. די אַלע גענעראַלען פון דער פּראָטעסטאַנטישער אַרמעע זיינען זיך צולאָפען. מאַנספעלד האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטען פון נאָוועמבער 1620 ביז מערץ 1621 אין פּילזען און אין איינינע אַנדערע שטעדט. אָבער דורך פעררעט זיינען זיינע לענדער איבערגעגאַנגען אין די הענט פון קייזער פערדינאַנד. אין פעברואר 1621 האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס שטראָף-געריכט פון די פּראָטעסטאַנטישע רעבע-לען. דעם 20טען פעברואר זיינען הינגעריכטעט געוואָרען 50 פּראָטעסטאַנ-טישע אַדעלליים, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס דער קייזער זעלבסט האָט גע-בעטען מען זאָל זיי שענקען דאָס לעבען. דעם 21טען יוני איז הינגעריכטעט געוואָרען אין פּראַג אויף דעם עשאַפאָט דער געלעהרטער דר. יעססעניוס. די קירכע האָט געאַרבייט אין בעהמען אָהן אויפהער. דאָך האָט עס גענומען 6 יאָהר ביז דאָס לאַנד איז אין גאַנצען אָפּגערייניגט געוואָרען פון העללישען פיינד. 36,000 פאַמיליען פון די פּראָטעסטאַנטען זיינען געווען געצוואונ-גען צו פערלאָזען דאָס לאַנד; די לעצטע פאַמיליען האָבען עס געמוזט טאָן אין יאָהר 1627. צווישען דיזע זיינען געווען 185 אַדעליגע פאַמיליען. דיזע אַלע פאַמיליען האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך אַמעריקאַ, און האָבען פיעל גע-האָלפען צום ערפאָלג פון דיזער נייער וועלט. אין אַמעריקאַ האָבען זיי גע-בויט זייערע קליינע הייזלאַך, פון וועלכע עס האָט פיר די אייראָפּעער אַרויס-געבליהט אַ נייע עראַ (צייט).

פריעדריך דער 5טער, דער פּראָטעסטאַנטישער קעניג פון בעהמען, איז ערקלערט געוואָרען אין חרם, האָט פערלאָרען אַלע זיינע רעכטען און אייגענ-טום און האָט געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד. די איבריגע פירסטען פון פּראָ-טעסטאַנטישען גלויבען האָבען ניט געטאָן קיין זאַך צו העלפען פריעדריך'ן, אַז ער זאָל ניט אַזוי פעראונגליקט ווערען. דער הויפּט פון די פּראָטעסטאַנ-טען איז געבליבען מאַנספעלד. ווען פריעדריך וואָלט געקראָגען פון די פירסטען די קלענסטע הילף, וואָלט ער פעריאָגט צום טייפעל די שפּאַניער, די באַיערן מיט די עסטרייכער צוזאַמען. אָבער די יוניאָן (די פעראייניגטע

פראָטעסטאַנטישע פירסטען) איז שוין לאַנג אויפגעלעזט געוואָרען. שוין דעם 12טען אַפּריל 1621 איז זי צופאַלען געוואָרען און די פערוויסטונגען אין די פראָטעסטאַנטישע לענדער זיינען געגאַנגען פאָרווערטס אָהן אַ שום שטערונג. אין דער צייט, וואָס מאַנספעלד האָט געקעמפט מיט ערפאָלג פיר זיין הערר פריעדריך דעם 5טען, וועלכער איז געזעסען אין האַג און האָט גאָרניט געטאָן, האָט ער, מאַנספעלד, געהאַט אונטערהאַנדלונגען מיט פראַנקרייך און שפאַניען וועגען אונטערגעבען זיך צו זיי, אָבער פון דיזע פערהאַנדלונגען איז גאָר ניט געוואָרען, ווייל ער איז מיט זיי ניט דורכגעקומען אין

טיללי.

פרייז. אונטערשטיצט איז פריעדריך געווען נאָר פון כריסטיאַן פון ברוינשווייג. דיזער לעצטער איז געווען אַ זעהר סימפּאַטישע פערזאָן, אָבער ער האָט געהאַט צו ראָמאַנטישע אידעען, וועלכע האָבען פיעל געשאַדט צום פיהרען קריג.

דיזע קעמפער האָבען געהאַט מאַנכע זיגען. אָבער זייערע קריגער זייען געווען צוזאַמענגעקליבען פון פערשיידענע עלעמענטען, וואָס האָבען ניט געפּאַסט און ניט געשטימט צוזאַמען, און דעריבער האָבען זיי ענדליך געמוזט אָפּטרעטען פון קריגס־פעלד.

אָנפאַנגס איז דער קאַמף פיר פריעדריך'ס זאַך געווען זעהר גינסטיג. מאַנספעלד און פריעדריך האָבען געהאַט אַ גרויסען זיג איבער טיללי ביי וויעסלאָך אין באַדען. אָבער זיי האָבען ניט געקענט שטימען, און דערצו האָבען זיי אויך געפעהלט די נעטיגע מיטלען צו פיהרען צוזאַמען דעם קריג און זיי האָבען זיך געמוזט שיידען. דער רעזולטאַט פון דיזער שיידונג איז געווען, דאָס פריעדריך אַליין האָט געליטען אַ נידערלאַגע ביי ווימפּ־פען אין דער שלאַכט מיט דעם פעלדהעהר פון דער ליגאַ (דער קאַטאָלישער בונד). ער האָט זיך זעלבסט קוים געקענט רעטען, ענטלויפענדיג נאָך שטוטט־גאַרט. אויך כריסטיאַן איז ניט געווען גליקליכער. ער האָט זיך ניט גע־וואָלט פעראייניגען מיט מאַנספעלד'ן און איז אַרויס אין שלאַכט מיט טיללי'ן (דעם 20טען יוני) און האָט געהאַט אַ שרעקליכע מפּלה ביי האָכסט. נאָר נאָך דער נידערלאַגע האָט ער מיט דעם רעסט פון זיין אַרמעע זיך פעראיי־ניגט מיט מאַנספעלד'ן. עס איז אָבער נאָך ניט אַלעס געווען פערלאָרען. די פעראייניגטע אַרמעע האָט נאָך געקענט גענוג פעסטהאַלטען דעם קור־פירסט. מיטלען אויסצוהאַלטען די אַרמעע האָבען זיי געשאַפט דורך פּלינ־דערן און קאָנטריבוציעס. איבערהויפּט האָבען דערפון געליטען די בישאָפ־טימער ביים רהיין און מאַין און די מאָנאַסטירען אין עלזאַס. זעהר ווייניג שטעדט האָבען געגען זיי געצייגט אַ ווידערשטאַנד. איינע פון דיזע איז גע־ווען עלזאַס־צאַבערן, וועלכע האָט מיט שפּאַט צוריקגעוויזען דעם גראַף מאַנס־פעלד, ווען ער איז צוגעקומען צו איהרע טויערן.

עס איז געווען קלאָר צו זעהן, דאָס די פראַגע פון אויבערמאַכט פון די קאַטאָליקען אָדער פון די פּראָטעסטאַנטען האָט ניט געקענט געלעזט ווערען דורך אַן אָפענעם קאַמף. די ליגאַ האָט דאַרום בעשלאָסען צו געהן מיט בעטרוג. זיי האָבען פאָרגעשלאָגען דעם קורפירסט, דאָס ער זאָל אַנידערלע־גען די וואָפען, און דאַן וועלען זיי איהם איבער־אַ־ניים אריינזעצען אין דער פּפאַלץ. דער קורפירסט איז מיט דיזער בעדינגונג געווען איינפערשטאַנען. ער האָט זיינעביידע מיליטער־פיהרער אַוועקגעשיקט פון זיין דינסט, און איז אַליין אַוועק נאָך די נידערלאַנדען (האָללאַנד). ער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט ווי שענדליך מען האָט איהם בעטראָגען. מען האָט גאָרניט געוואָלט רעדען וועגען צוריקגעבען איהם זיין שטאַם־לאַנד, נאָר מען האָט נאָך פון איהם אויך געוואָלט אָפּנעהמען די לעצטע פעסטע ערטער, וועלכע ער האָט נאָך געהאַט אין זיינע הענט. מאַנספעלד און כריסטיאַן, די צוויי פעלדהעררען פון קורפירסט, האָבען אויפגעגעבען די פּפאַלץ און זיינען אַוועק מיט זייערע אַרמעען נאָך לאָטהרינגען. דעם 29טען אויגוסט 1622 איז פאַר־

געקומען אַ בלוטיגע שלאַכט צווישען דיביידע פּאַרטייען, די פּראָטעסטאַנ-טען און די קאַטאָליקען, ביי פ ל ע א ו ר ו ס. די פראָטעסטאַנטען האָבען געזיגט און האָבען זיך דורכגעשלאָגען אַ וועג אין די נידערלאַנדען, דעם אָרט צו וועלכען אַלע פּראָטעסטאַנטען פון יענער צייט האָבען געשטרעבט, ווייל דאָס איז געווען זייער זיכערסטער צופלוכטס-אָרט. דער הערצאָג פון ווייכאַר איז געפאַלען אין קאַמף, כריסטיאַן פון האַלבערשטאַדט האָט פערלאָרען אַן אָרם. דער פאַלשער כריסטיאַן פון אַנהאַלט האָט זיך געוואָרפען דעם קיי-זער צו די פיס און האָט געקראָגען בעגנאַדיגונג.

פון יולי 1622 ביז מערץ 1623 האָט טיללי עראָבערט די שטעדט פון דער פּפאַלץ, די קאַלווינישע בירגער האָבען זיך אונטערגעגעבען ערסט נאָך אַ העלדישען ווידערשטאַנד. היידעלבערג, מאַננהיים און פראַנקענטהאַל זיינען ביסלאַכוויז בעזעצט געוואָרען פון די קייזערליכע (פון די קאַטאָליקען). היידעלבערג האָט זיך מוטיג פערטיידיגט, אָבער האָט זיך ענדליך (19טען סעפּטעמבער) געמוזט אונטערגעבען. טיללי האָט צוגענומען די פּראַכטפולע אוניווערזיטעט-ביבליאָטהעק אַלס אַ טייל פיר די קריגס-קאָסטען, און האָט זי אַוועקגעשיקט נאָך רוים. איבערהויפּט איז די ביבליאָטהעק געווען בעריהמט מיט איהרע מאַנוסקריפּטען. נאָר 900 מאַנוסקריפּטע, זיינען צוריקגעגעבען געוואָרען נאָך דעם פּאַריזער פרידען פון 1815. דער באַיערן-הערצאָג האָט ערהאַלטען די אויבער-פּפאַלץ אַלס בעלוינונג פיר זיינע דינסטען, און צוזאַ-מען מיט דעם אויך די ווירדע פון קורפירסט. די פּראָטעסטאַנטישע קור-פירסטען האָבען געגען דעם ניט געמאַכט קיין איינווענדונג.

אָבער דער סאָלדאַטען-פיהרער כריסטיאַן פון האַלבערשטאַדט האָט דער-ביי ניט געוואָלט בלייבען. ער האָט געפּרובט אויפמונטערן די פירסטען פון נידער-זאַקסען צו טאָן עטוואָס געגען דיזען אונרעכט. דאָס איז איהם אָבער ניט פיעל געלונגען. צוויי פּראָטעסטאַנטישע פירסטען האָבען געגען איהם זאָגאַר געקעמפט, נעמליך האָלשטיין און לאַועננבורג, וועלכע האָבען זיך צו-זאַמענגעבונדען מיט טיללי'ן. דעם 6טען אויגוסט 1623 איז דיזער איין-העגטיגער קריגסמאַן בעזיגט געוואָרען פון טיללי און זיינע אָנהענגער. זיין אַרמעע, וועלכע איז בעשטאַנען פון 10,000 מאַן, איז צוריבען געוואָרען: 8,000 זיינען געפאַלען אין שלאַכט און מיט 2,000 האָט ער זיך קוים גערע-טעט נאָך האָללאַנד. מאַנספעלד איז בעפאַלען די פּראָווינץ אָסט-פריעזלאַנד און האָט זי אין 8 מאָנאַטען, ביז יולי 1623, אַזוי אויסגעזויגען, דאָס פיעלע זיינען געשטאָרבען פון הונגער, און אַ גרויסער טייל האָט זיך קוים מיט'ן לעבען גערעטעט נאָך אויסלאַנד. דאָ איז איהם אָבער ניט געוועזן געגנוג אויס-

זיין גאַנצע אַרמעע. ער האָט געקענט אָנהאַלטען בלויז 10,000 מאַן, וואָס זיינען געווען נאָר אַ העלפט פון זיין גאַנצער אַרמעע; די איבעריגע 10,000 מאַן איז ער געווען געצוואונגען צו ענטלאַסען. מיט די 10,000 מאַן, וואָס זיינען פערבליבען מיט איהם, איז ער אַריבער אין דינסט צו פראַנקרייך, לויט דעם בעפעהל פון פראַנצויזישען קעניג לודוויג דעם 13טען נאָך פראַנש־קאָמטע, אום צו הינדערן די שפּאַניער זיי זאָלען אַהין ניט קענען אַריין, ווייל זיי זיינען געווען בערייט דיזע פּראָווינץ צו פערכאַפּען. מיר זעהען, ווי דער קריג, וועלכער איז אָנפאַנגס געווען בעשרענקט נאָר אין בעהמען, האָט זיך באַלד פערשפּרייט איבער וועסט־דייטשלאַנד און נאָכדעם אויך איבער פראַנקרייך. אין גרונד גענומען איז עס ניט געווען קיין רעליגיאָנס־קריג. וואָרום־זשע האָט זיך באמת די קאַטאָלישע פראַנקרייך אָנגענומען פיר די פּראָטעסטאַנטישע פּפאַלץ און די פּראָטעסטאַנטישע זאַקסען פיר די קאַטאָלישע עסטרייך? עס פערשטעהט זיך, דאָס דאָ האָט ניט די רעליגיאָן געשפּילט די ראָלע, עס איז נאָר געווען די אינטערעסע פון איינציגע ורופּען, וועלכע האָבען געהאָפּט צו ציהען דערפון נוצען, עס איז געווען די אינטערעסע פון פראַנקרייך צו העצען אין דייטשלאַנד איין שטאַאַט געגען דעם אַנדערען, און דעריבער האָט זי געלאָזען שפּילען איהרע דיפּלאָמאַטישע שטיק.

די זאַך האָט גענומען אַן אַנדער ווענדונג זינט וואַללענשטיין האָט אָנגעהויבען צו נעהמען אַן אָנטייל. דורך דעם טויט פון זיין ערסטער פרוי לוקרעציאַ נעסקאָוואַ פון לאַנדבעק, וועלכע איז געווען זעהר רייך, איז ער געוואָרען אַ גרויסער מיליאָנער און ער האָט פיר זיין געלט אָנגעקויפט אַזוי פיעל לאַנד, דאָס ער האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען צו גרינדען אַן אייגענעם בישאָפטום. זיינע לענדער האָבען פערנומען 70 קוואַדראַט־מיילען, אין זיי זיינען געווען 9 שטעדט, 57 שלעסער און דערפער און 3,500 גרונדשטיקער, וועלכע האָבען אַריינגעטראָגען יעהרליך אַ גרויסע סומע לעהן־געלט. אום זיין וואונש דורכצופיהרען, האָט ער געמאַכט דעם קייזער פערדינאַנד אַ פאָרשלאַג, דאָס ער וועט צוזאַמענשטעלען אַן אַרמעע פון 20,000 מאַן, וועלכע ער וועט אויסהאַלטען אויף זיינע אייגענע הוצאות, און וועלכע וועט העלפען דעם קייזער אין זיינע מלחמות, מיט דער בעדינגונג, דאָס דער קייזער זאָל איהם אָנערקענען אַלס הערצאָג איבער די לענדער, וואָס געהערען צו איהם. נאָך דעם, ווי פערדינאַנד האָט די זאַך איבערלעגט, האָט ער איהם געגעבען די ערלויבניס זיין פּלאַן אויסצופיהרען. דיזע ערלויבניס איז איהם געגעבען געוואָרען דעם 7טען אַפּריל 1625.

אין אַ קורצער צייט האָט וואַללענשטיין צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמעע פון 20,000 מאַן, פון וועלכער ער איז געוועזן דער בעליבטעסטער פיהרער. מיט דיזער אַרמעע האָט ער אין אַ זעהר קורצער צייט איינגענומען די בים-טימער מאַגדעבורג און האַלבערשטאַדט. זיין געגנער אין דיזע שטרייטען איז געוועזן מאַנספעלד, וועלכער איז ווידער ערשינען אין נידער-זאַקסען. אין דער זעלבער צייט, וואָס וואַללענשטיין האָט געזיגט איבער מאַנספעלד'ן, האָט אויך טיללי געזיגט איבער דעם קעניג פון דענעמאַרק, וועלכער איז געוואָרען דער אַנפיהרער פון די פּראָטעסטאַנטישע פירסטען זינט מערץ 1625.

וואַללענשטיין.

יעצט האָט האָללאַנד אַנגעפאַנגען צו מאַכען אַן אַנגריף אויף עסטרייך. זי האָט איינגעלאַדען מאַנספעלד'ן, האָט געשלאָסען אַ פּערטראַג מיט פירסט בעטהלען גאַבאָר פון זיעבענבירגען, וועלכער האָט צוזאַמען מיט מאַנספעלד'ן זיך בעגעבען נאָך דעם זיד. אין סעפּטעמבער 1626 האָבען זיי זיך ביידע פעראייניגט. אָבער דעם 26טען נאָוועמבער איז מאַנספעלד געשטאָרבען. ער איז געשטאָרבען שטעהענדיג אין זיינע שטרייט-קליידער אונטערגעשטיצט

פון צוויי אדיוטאנטען. מערקווירדיג איז, דאָס מען ווייס ניט אויב ער איז געשטאָרבען אַ קאטאָליק אָדער פּראָטעסטאַנט. באלד נאָך איהם איז אויך געשטאָרבען יאָהאַן ערנסט פון ווײמאר.

נאָך דעם, ווי די פיהרער זיינען צושטאָרבען, זיינען זיך אַלע סאָלדאַטען צולאָפען, אַזוי דאָס דער קייזער האָט יעצט פאר קיין געפאהר ניט געהאט מורא צו האָבען. אָבער אַ נייער וואָלקען האָט זיך פערצויגען איבער זיין קאָפּ אין זיין אייגענעם לאַנד. די קאטאָליקען האָבען שטארק אַנגעהויבען צו דריקען די בויערן. דער שטאטהאַלטער גראף הערבערסטאָרף האָט פעראורטיילט אייניגע געמיינדע־פּאָרשטעהער צום טויט, און דיזע גוואַלד־טאַט האָט אויפגעקאָכט דאָס בלוט פון די בויערן. אַ הוט־מאַכער, סטע־פאַן פאַדינגער, האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון די בויערן, וועלכע האָבען געמאַכט אַ שרעקליכען אויפשטאַנד. אַנפאַנגס האָבען זיי גליקליך ערָאָבערט לינץ, אָבער נאָך דעם ערסטען זיג זיינען זיי דריי מאָל געשלאָגען געוואָרען. איבער 10,000 בויערן זיינען געפאַלען אין דיזע שלאַכ־טען. דער גאַנצער אויפשטאַנד האָט געדויערט פון מאַי 1625 ביז נאָ־וועמבער 1626.

דאָס יאָהר 1627 האָט געבראַכט דעם קייזער פערדינאַנד נייע זיגען. דענעמאַרק איז געלעגען אָהנמעכטיג צו דער ערד. וואַללענשטיין איז געוואָ־רען פירסט פון סאַגאַן. ווי געוועהנליך אין אַזעלכע צופעלען מאַכען די זיגער אַזעלכע משונה'דיגע פּלענער, וועלכע זיינען פיר קיין פאַל ניט אויספיהר־באַר. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין דיזען פאַל. מען האָט געפּאַסט אַ בעשלוס צו פערקריפּלען דעם האָללענדישען האַנדעל מיט דער הילף פון די האַנזא־שטעדט. די האַנזא איז מיט דיזען פּראָיעקט געווען צופרידען, ווייל זי האָט געהאָפט צו געווינען דורך דעם אין איהר האַנדעל, הגם די האַנזא איז געווען פּראָטעסטאַנטיש אַזוי ווי די האָללענדער. אָבער דער האַנזא־טאַג (פערזאַמלונג) אין פעברואַר און מערץ 1628 האָט דיזען פּראָיעקט צוריקגע־וויזען. נאָכדעם האָט וואַללענשטיין געפּאַסט אַן אַנדערען פּלאַן — צו שאַפען אַ פּלאָטע. אָבער אויך דיזער פּלאַן איז געוואָרען צו נישט. זיינע פּערזענ־ליכע אינטערעסען האָט ער בעסער געוואוסט צו פערזאָרגען. ער האָט גוט פערשטאַנען וואָס ער האָט צו טאָן אום צו ערווערבען דאָס הערצאָגטום מעק־לענבורג אַלס רייכס־לעהן. די פּראָטעסטאַנטישע הערצאָגען זיינען פעריאָגט געוואָרען פון לאַנד אָהן אַ שום פּראָצעס.

ווי מיר האָבען עס שוין בעמערקט האָט וואַללענשטיין ניט געהאַט קיין בעזונדערעס גליק דורכצופיהרען מיט ערפאָלג זיינע אַנדערע, ניט פערזענ־

ליכע, אינטערעסען. ער האָט זעהר געוואָלט אָנגרייפען דענעמאַרק. צו די־זען צוועק האָט ער געמוזט האָבען די שטאָדט שטראַלזונד. דיזע שטאָדט אָבער האָט זיך שוין אין יאָהר 1627 ענטזאָגט אויפצונעהמען קייזערליכע טרופען. וואַללענשטיין אָבער האָט בעזעצט מיט די קייזערליכע טרופען די קליינע אינזעל דאָנהאָלם און פון דאָרט האָט ער פאָלשטענדיג בעהערשט דעם האַפען פון שטאָדט. אָבער די בירגער האָבען די לייט, וועלכע ער האָט דאָרט בעזעצט, פערטריבען. זיי זיינען אויף וואַללענשטיין'ען געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט און האָבען געשוואָרען פיר קיין פאַל ניט נאָכגעבען די פאָדערונ־גען פון קייזער. זיי זיינען געווען בערייט צו פערלאָזען די שטאָדט און ניט נאָכגעבען.

דענעמאַרק און שוועדען האָבען גוט פערשטאַנען, ווי וויכטיג עס איז פיר זיי, וואָס די בירגער פון שטראַלאַנד דערלאָזען ניט די קייזערליכע טרו־פען צו פערנעהמען די שטאָדט, און דעריבער האָט דער קעניג כריסטיאַן דער 4טער געשיקט אין מאַי צו די שטראַלזונדער נאָך 600 מאַן צו העלפען זיי געגען וואַללענשטיין. נאָכדעם האָבען אויך די שוועדען געשיקט טרופען פיר דיזען צוועק. דעם 20טען יוני איז געשלאָסען געוואָרען אַ שוץ־בונד צווישען שטראַלזונד און גוסטאַוו אַדאָלף אויף 20 יאָהר. דאַמאָלס איז וואַל־לענשטיין זעלבסט געקומען און האָט בעלאַגערט די שטאָדט מיט 20,000 מאַן. ער האָט געשוואָרען, דאָס ער מוז די שטאָדט איינגעהמען, ווען זי זאָל אפילו זיין מיט קייטען צוגעשמידט צום הימעל. דריי טעג האָט ער די שטאָדט געשטורמט, אָבער די איינוואוינער האָבען אָנגעווענדט אַלע קרעפ־טען און האָבען דעם שטורם צוריקגעשלאָגען. דער ראַט פון שטאָדט איז שוין געווען געניינט אָנצונעהמען די קייזערליכע בעזעצונג, אָבער די בירגער האָבען דעם פּלאַן פון ראַט צוריקגעוויזען. דערוויילע זיינען אָנגעקומען דע־נישע מאַטראָזען פון ים־זייט, און וואַללענשטיין האָט אָנגעהויבען האָבען מורא. די בירגער זיינען געווען פעסט ענטשלאָסען צום ווידערשטאַנד און האָבען דעם ראַט געצוואונגען אויפצוגעבען זיינע פּלענער. דעם 15טען יוני האָט וואַללענשטיין די בעלאַגערונג אויפגעגעבען. ער האָט זיך געוואָרפען אויף די איינוואוינער פון דער שטאָדט וואָלגאַסט און האָט פון דאָרט אַרויס־געטריבען די דענער. דערמיט האָט ער בעפעסטיגט די קייזערליכע מאַכט אין פּאָממערן און מעקלענבורג, וואו ראָסטאָק האָט זיך אין יאָהר 1628 אונ־טערגעוואָרפען, אָבער שטראַלזונד איז געבליבען אומבעצוואונגען. זי איז ווירקליך געווען די ערסטע דענישע פעסטונג אויף'ן דייטשען באָדען.

דאָס אַלעס האָבען צוגעזעהען די פּראָטעסטאַנטישע פירסטען, אָבער קיי־נער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט — ניט בראַנדענבורג, ניט זאַקסען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס דעם 12טען מאַי 1629 איז אין ליבעק געשלאָסען געוואָרען אַ פרידען, וועלכער האָט געזיכערט פיר דעם קאַ־טאָליציזם אַ גרויסע מאַכט.

אָבער די קאַטאָלישע ברידער האָבען זיך באַלד צווישען זיך אָנגעהויבען רייסען. פערדינאַנד און וואַללענשטיין האָבען געשטרעבט איינצוריכטען אין דייטשלאַנד אַן אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע. עס פערשטעהט זיך, דאָס דעם קייזער האָט ניט געלוינט, אַז די פּראָטעסטאַנטישע פירסטען זאָלען איהם זיין שונאים. די קאַטאָלישע רייכס-פירסטען, וועלכע האָבען פיר קיין פאַל ניט געוואָלט, דאָס דער קייזער זאָל ווערען אַן אַבסאָלוטער מאָנאַרך, האָבען זיך בענוצט מיט דעם קייזער'ס פריינדשאַפט צו די פּראָטעסטאַנטישע פירס־טען און האָבען גענומען העצען די קורפירסטען פון בראַנדענבורג און זאַקסען געגען דעם קייזער. איבערהויפּט האָט עס געטאָן מאַקסימיליאַן פון באַיערן. מאַקסימיליאַן האָט געפאָדערט פון קייזער, אַז ער זאָל צוריקגעבען צו דער קאַטאָלישער קירכע אַלע ביסטימער, וועלכע מען האָט פון איהר צוגענומען זינט דעם פּאַססאַוער פרידען.

און ווירקליך אין אַ קורצער צייט איז האַלבערשטאַדט צוריקגעגעבען געוואָרען צו די קאַטאָליקען. אויך בראַנדענבורג און זאַקסען זיינען ניט יע־ווען זיכער מיט די בעזיצטימער, וועלכע זיי האָבען בעקומען פון דער קאַטאָ־לישער קירכע. מיט מאַגדעבורג איז עס צוגעגאַנגען פיעל שווערער. טיללי האָט די שטאָדט ניט געקענט איינגעהמען. ער האָט זי בעלאַגערט פון אַפּ־ריל ביז סעפּטעמבער, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג, און ער האָט זיך געמוזט צוריקציהען. וואַללענשטיין, וועלכער איז געווען פערהאַסט פון פּראָטעסטאַנטען און פון קאַטאָליקען, צוליב זיינע רויבערישע טרופּען, האָט געמוזט רעזיגנירען (13טען אויגוסט 1630).

די רעזיגנאַציאָן פון וואַללענשטיין, דעם גרעסטען פעלד־הערר, און די פּאָליטיק, וואָס דער קייזער האָט אָנגעפאַנגען וועגען צוריקגעבען צו דער קאַ־טאָלישער קירכע די גיטער, וועלכע מען האָט פריהער פון איהר צוגענומען, — האָבען געהאַט זעהר ניט קיין גוטע פאָלגען. עס האָט זיך צווישען די פּראָ־טעסטאַנטען אָנגעפאַנגען אַן אַלגעמיינע בעוועגונג. בראַנדענבורג און זאַק־סען האָבען ניט גענומען קיין אָנטייל אין דיזער בעוועגונג ביז זיי זיי־נען געווען געצוואונגען דאָס צו טאָן פון אַן אויסערער מאַכט. דערצו זיי־נען זיי געצוואונגען געוואָרען פון אַ מאַכט, וועלכע האָט פריהער ניט גע־

שפילט קיין ראָלע אין דעם אייראָפּעאישען שטאַאטס־לעבען. דיזע מאַכט איז געוועזען שוועדען. דיזעס אָרימע לאַנד, וועלכעס איז דאַמאָלס געווען אין בעזונדערס גוטע אומשטענדען, פון וועלכע מיר וועלען ווייטער רעדען, האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמעע פון 76,000 מאַן. דיזע אַרמעע האָט צו זיך אין יענע צייטען ניט געהאַט קיין גלייכען, ניט אין צאָהל און ניט אין איהר בעשאַפענהייט. די אַלע אַרמעען פון דייטשלאַנד, זאָגאַר די גרעס־טע און צאָהלרייכסטע, זיינען געווען ניט מעהר ווי פון 30,000 מאַן, און דיזע אַרמעען זיינען געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פערשיידענע נאַציאָנען, וועלכע זיינען צווישען זיך ניט געווען פעראייניגט מיט נאַטירליכע באַנדען. דאָס איינציגע, וואָס האָט פיר אַלעמען געהאַט אַן אַלגעמיינעם אינטערעס, איז נאָר געווען די שטרעבונג ווי וויט מעגליך צו מאַכען דאָס לעבען גוט. גאַנץ אַנדערס איז עס געווען ביי דער שוועדישער אַרמעע. איהרע סאָלדאַטען זיי־נען כמעט אַלע געווען קינדער פון שוועדען, וועלכע האָבען אַריינגעטרעטען אין די אַרמעע מיט דעם צוועק צו קעמפען געגען רוסלאַנד און געגען עסטרייך.

ווען דער קעניג גוסטאַוו אַדאָלף האָט דעם 6טען יולי 1630 געלאַנדעט מיט זיין אַרמעע ביי דעם ברעג פון פּאָממערן האָט ער מיט זיך געהאַט נאָר 13,000 שוועדישע סאָלדאַטען, די איבעריגע זיינען פערבליבען אין שוועדען און אין די פּראָווינצען פון דער אָסט־זעע. אַ קאַטאָלישער שריפטשטעלער מיט'ן נאָמען קהעווענהיללער שילדערט די שוועדישע סאָלדאַטען פון גוסטאַוו אַדאָלף אין פאָלגענדע ווערטער: „דאָס איז געווען אַן ארבייטזאַמעס פאָלק, וועלכעס האָט געקענט געשווינד אויפטאָן גרויסע זאַכען און זיך אַזוי פערגרא־בען, דאָס קיינער האָט איהם ניט געקענט בייקומען. זיי האָבען זיך בענוגענט מיט ברויט און וואַסער און די א י נ װ א ױ נ ע ר ה א ָ ב ע ן פ ו ן ז י י נ י ט ג ע ה א ַ ט ק י י ן ש ו ם ב ע ד ר י ק ו נ ג. די, וועלכע האָבען געהאַט געלט, האָבען געצאָהלט און געקויפט פיר געלט, די, וועלכע האָבען גאָרנישט געהאַט, זיינען געווען צופרידען מיט דעם, וואָס מען האָט זיי געשענקט, און דעריבער האָבען זיי די איינוואוינער ליב געהאַט און האָ־בען זיך געפרייט מיט זייער אָנקומען. די קייזערליכע סאָלדאַטען דאַגעגען האָבען זיי געהאַסט, און ווען זיי האָבען זיך געפיהלט מעכטיג האָבען זיי דיזע נידערגעשלאָגען".

גוסטאַוו אַדאָלף האָט געשטרעבט צו עפנען פיר די שוועדישע קאַפּיטאַ־ליסטען אַ נייעס פעלד פון טעטיגקייט. שוועדען איז פיר זיי געווען צו קליין. און דאָך האָט זיך דער ניט זעהר גינסטיגער קלימאַט פון שוועדען גע־

צייגט זעהר גינסטיג פיר טעטיגקייט. דער קאַלטער קלימאַט האָט געשטאַרקט די איינוואוינער און האָט זיי געמאַכט בעזונדערס פעהיג צו קעמפּען מיט דער נאַטור און מיט אַנדערע מענשען, און דאָס איז דער סוד פון די אונגע־הייערע ערפאָלגרייכע זיגען, וואָס זיי האָבען אימער געהאַט אין זייערע שטריי־טען, און האָבען זיך ענדליך אויך ערוואָרבען בירגעררעכט אויף דעם דייטשען באָדען.

וואָס אָנבעטרעפט די פּערזאָן פון גוסטאַוו אַדאָלף זעלבסט איז ער געווען אַ יונגער מאַן ווען ער האָט געשטעלט זיין פוס אויף'ן דייטשען באָדען. ער איז געבאָרען געוואָרען דעם 9טען דעצעמבער 1594 אין דעם שלאָס אין סטאָק־האָלם. זיין ערציהונג איז געווען זעהר אַ זאָרגפעלטיגע. דאָס האָט איהם פיעל געהאָלפען ביי זיינע גרויסע טאַלענטען צו מאַכען וואונדערבאַרע פאָרט־שריטען. אויסער די צוויי אַלטע שפּראַכען (לאַטייניש און גריכיש) האָט ער געלערנט דייטש, איטאַליעניש, האָללענדיש, רוסיש און פּויליש. אין יאָהר 1614 איז ער שוין געווען רעגירער. ער איז געווען פון אַ הויכען וואוקס און ער האָט מיט זיין פּערזענליכקייט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. מיט זיינע העל־בלאָנדע האָאָר, זיין ווייסער הויט, זיינע בלויע און לייכטענדע אויגען, האָט ער אויסגעזעהען ווי אַן עכטער גערמאַנע. ער איז געווען אויפריכטיג פרום. ער פלעגט בעטען צו גאָט מיט'ן גאַנצען הארצען. פון איהם שטאַמט די תפלה, וואָס די אַרמעע זאָגט יעדען טאָג אין דער פריה און פאַרנאַכט. ער פלעגט זיך זעהר זעלטען ווייזען פאַר די מענשען, וואָס זיינען צו איהם געווען ניזהענט. זיינע מקורבים זיינען שוין געוואָרען צוגעוועהנט צו ערפילען זיינע בעפעהלען אָהן קיין שום פראַגעס. זיין קאַנצלער און הויפּט־ראַטגעבער איז געווען אַ ק ס ע ל גראַף פון אָ ק ס ע נ ש ט י ע ר נ אַ.

ווי מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, האָט גוסטאַוו אַדאָלף דעם 6טען יולי 1630 געלאַנדעט מיט 13,000 מאַן אויף דער אינזעל אוזעדאָם. ער האָט געהאָפט, דאָס די פּראָטעסטאַנטישע פירסטען וועלען זיך אָן איהם אָנשליסען. אָבער ער האָט געמאַכט אַ טעות אין רעכנונג. נאָר אַ טייל פון זיי האָט איהם בעגריסט אַלס רעטער, און דאָס זיינען געווען די פירסטען פון די נאָרדישע לענדער, וועלכע האָבען שטאַרק געליטען פון די טרופּען פון דער קאַטאָלישער ליגאַ. מעהר פון אַ יאָהר האָבען זיך געצויגען די אונטערהאַנדלונגען מיט בראַנדענבורג און זאַקסען. ענדליך האָט דער זאַקסישער קורפירסט בעשלאָ־סען צו בערופען אַ צוזאַמענקונפט פון פּראָטעסטאַנטישע פירסטען נאָך לייפּ־ציג, וועלכע האָט געדויערט פון פעברואַר ביז אַפּריל 1631 און האָט גאָר ניט דורכגעפיהרט, אויסער אַ היגקעדיגע ערקלערונג געגען דעם רעסטיטוציאָנס־

עדיקט *). קיין קריגס=בונד האָט די צוזאַמענקונפט ניט געקענט צוזאַמענ-
ברײנגען, און אַזוי האָט די זאַך ניט געהאַט קיין ערפאָלג.

דערווייל איז אָנגעקומען טיללי אַלס פעלד=הערר פון די קייזערליכע .און
די ליגישע טרופּען. ער האָט זיך פּלוצלינג אַ לאָז געטאָן אויף נײַ=בראַנדענ-
בורג און נאָך אַ האַרטען קאַמף האָט ער כמעט די גאַנצע בעזיצונג פערניכטעט
און די שטאָדט צורויבט (1651), נאָכדעם האָט ער בעלאַגערט מאַגדעבורג.

גוסטאַוו אַדאָלף פון שוועדען.

גוסטאַוו אַדאָלף האָט ניט געשיקט קיין הילף צוליב דער האַלטונג פון די
קורפירסטען.

נאָך אַ שטורם האָבען די קייזערליכע טרופּען גענומען מאַגדעבורג דעם
10טען מאַי 1631. אין דער צייט, ווען די סאָלדאַטען זיינען געגאַנגען איבער'ן

*) אַזוי הייסט דער בעפעהל פון קייזער פערדינאַנד דעם 2טען אין 1629
צוריקצוקעהרען צום קאַטאָליציזם די אַנשטאַלטען, וועלכע זיינען פון זיי צוגענו-
מען געוואָרען זינט 1552.



בעלאגערונג פון מאגדעבורג.

שטאדט פראנק און פריי און גערויבט, האט אויסגעבראכען א שרעקליכער פייער, וועלכער האט אלעס פערניכטעט און האט די שטאדט פערוואנדעלט אין א בארג אש. עס זיינען איבערגעבליבען נאר דער הערליכער דאם, דער ליעבפרויענקלויסטער און איינינע פישער־הייזלאך. מען ווייס ניט, ווי די שרפה איז געווארען, די מיינונגען וועגען דעם זיינען געווען פערשיידען. איי־ניגע האבען בעהויפטעט, דאס עס איז געווען א צופאל, אנדערע אבער האבען פערזיכערט, דאס דיזעס האבען פערארזאכט די קייזערליכע טרופען. פון 3,500 איינוואוינער זיינען געבליבען נאר 500, וועלכע האבען זיך געווענדעט צום זיגער אום גנאדע.

יעצט האבען די פראטעסטאנטישע אונטערטאנען זיך עמפערט געגען זייערע פירסטען, ווייל זיי שטעלען זיך ניט געגען די קייזערליכע טרופען, וועלכע פערוויסטען די פראטעסטאנטישע שטעדט. אויך זאקסען איז געווען געצוואונגען צו האנדלען סאלידאריש.

דער פאל פון מאגדעבורג איז געווען טילי'ס לעצטער זיג. גוסטאוו אדאלף איז שוין אריבער די עלבא. טילי האט געפרובט שטורמען די פעסטע שטעלונג פון גוסטאוו אדאלף ביי ווערבען, אבער ער האט גארניט גע־וואונען. ער האט געמוזט צוריקטרעטען, און דערמיט איז די מורא פאר איהם פיעל אפגעשוואכט געווארען. ער איז שוין מעהר ניט געווען דער אונבעזיג־בארער. אין ווערבען האבען זיך פעראייניגט דער לאנד־גראף ווילהעלם דער 5טער פון העססען־קאססעל און דער פרינץ בערנהארד פון ווייטאר מיט דעם שוועדישען קעניג. טילי האט זיך גערוקט אין דאס לאנד פון דעם קורפירסט פון זאקסען. דיזער איז געקומען אין פערצווייפלונג און האט געבעטען גוס־טאוו אדאלף ער זאל איהם קומען רעטען. גוסטאוו אדאלף איז באלד געקו־מען נאך זאקסען און האט זיך ביי דיבען באלד פעראייניגט מיט די טרופען פון דעם קורפירסט. טילי האט דערווייל געגומען לייפציג און האט ערווארטעט דעם געגנער. דעם 17טען סעפטעמבער 1631 האט גוסטאוו אדאלף אנגעגריפען און טילי, דער זיגער אין 36 שלאכטען, איז יעצט שטארק געשלאגען געווארען.

דיזער זיג האט געמאכט, דאס די מעהרסטע פראטעסטאנטישע פירסטען האבען זיך אנגעשלאסען אן גוסטאוו אדאלף'ן. יעצט האט דער שוועדישער קעניג געהאט די מעגליכקייט צו געהן אהן הינדערנים דורך טהירינגען אן דעם מאין דורך פראנקען צום רהיין. דא האט ער זיך אפגעשטעלט איבער ווינטער. ער האט גערעכענט אפצונעהמען דא פון די גייסטליכע זייערע גי־טער און לענדער. ער האט זיך אויך ניט געאיילט אריינצופיהרען צוריק

פריעדריך דעם 5טען אין די פפאלץ. ער איז יעצט געשטאנען אַן דער שפּיץ פון זיין מאכט און גלאנץ. ער האָט יעצט אָנגעפאנגען צו טראכטען אויפצו־שטעלען אַ פּראָטעסטאנטישעס קייזערטום און צו פעראייניגעןביידע לענדער, דייטשלאנד און שוועדען, צו איין סקאנדינאווישען רייך. אום דיזען צוועק לייכטער צו דערגרייכען האָט ער פערלאָבט זיין איינציגע טאָכטער כריסטינא מיט דעם איינציגען זוהן פון דעם בראנדענבורגער קורפירסט פריעדריך ווילהעלם.

אין פריהלינג פון יאהר 1632 האָט גוסטאוו אדאָלף פערטריבען טיללי׳ן פון פראנקען און האָט אריינגעצויגען אין נירנבערג. דאָ איז ער זעהר פריינד־ליך אויפגענומען געוואָרען פון די פּראָטעסטאנטען, וועלכע האָבען זיך מיט איהם פשוט געפרייט. פון נירנבערג איז ער אוועק געגען באיערן צו בעפּאַ־לען טיללי׳ן, וועלכער איז געשטאנען ביים גרענעץ. דאָרט האָבען די שוועדען דעם 4טען אפּריל געשלאָגען די באיערן, און טיללי זעלבסט האָט אין דיזער שלאכט בעקומען אַ וואונד, אזוי דאָס ער איז געווען געצוואונגען איבערצו־בען זיין מאכט אלס אויבער־קאָמאנדיר צום קורפירסט מאקסימיליאן. דיזער האָט געפיהרט די געשלאָגענע ארמעע נאָך אינגאָלשטאדט, און דאָרט איז טיללי געשטאָרבען. אין רוים האָט מען שוין גערעכענט באיערן פיר פערלאָ־רען. „דער פּאָרהאנג איז געפאלען, דאָס שפּיל איז אויס", האָט מען דאָ געזאָגט. באלד נאָכדעם איז גוסטאוו אדאָלף אוועק נאָך מינכען, וועלכע האָט זיך איהם אונטערגעגעבען, און ער האָט די איינוואוינער בעגנאדיגט.

אין וויען האָט מען אָנפאנגס פון גוסטאוו אדאָלף געשפּאָטעט, מען האָט איהם מיט איראָניע גערופען „דער עוואנגעלישער מאקקאבעער". אָבער נאָך אלע זיינע גרויסע זיגען האָט מען שטארק אָנגעפאנגען צו ציטערן וועגען אייגענער זיכערהייט. מען האָט געמוזט בעשליסען צוריקרופען וואללענ־שטיין׳ען. נאָך פריהער, באלד נאָך דער שלאכט ביי לייפּציג, האָט מען איהם אויפגעפאָדערט ער זאָל נעהמען די קאָמאנדע איבער דער ארמעע. אָבער ער האָט עס לאנג ניט געוואָלט אָננעהמען, געדענקענדיג די בעליידיגונג, ווען מען האָט איהם געצוואונגען צו רעזיגנירען. ענדליך האָט ער איינגעוויליגט אָנצונעהמען צוריק די אויבער־קאָמאנדע, זעהענדיג ווי מען אָנערקענט זיין טאלענט אלס קאָמאנדיר. מען האָט איהם ערוועהלט אלס הויפּט־קאָמאנדיר אויף זיין גאנצעס לעבען. די בעדינגונג איז געווען, דאָס קיין אנדערער האָט ניט דאָס רעכט צו קאָמאנדירען די ארמעע כל זמן ער וועט לעבען, זאָגאַר דער טראָן־פאָלגער פערדינאנד דער 3טער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו ער־

שיינען ביי דער ארמעע. ער האט אויך בעקומען דאס רעכט צו קאנפיסקירען און צו בעגנאדיגען וועמען ער האט געוואלט.

דא ערשיינען פון גוסטאוו אדאלף אין דייטשלאנד האט אנגעמאכט א גרויסע ענדערונג אין דער גאנצער לאגע. די שוועדען האבען אפגענומען פון קייזער אלע ערטער, וואס ער האט איינגענומען. אלע עראבערונגען, וואס די קאטאליקען האבען געמאכט ביז דעם יאהר 1629, זיינען געגאנגען פערלארען; נאך מעהר, אין פיעלע קאטאלישע קירכען זיינען געוועןן אנגע-שטעלט פראטעסטאנטישע פרעדיגער. אין דער קורפפאלץ האבען די קאטא-ליקען מיט בלוט-פערגיסונג געצוואונגען די פראטעסטאנטען צו בעקעהרען זיך צום קאטאליציזם. אונטער דעם מאנטעל פון קאטאליציזם האבען זיי סאלדאטען גערויבט און געפלינדערט די פראטעסטאנטישע בירגער, און די יעזואיטען האבען גענומען אמן אויף אלע זייערע גרוילטאטען. דער קייזער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, דאס אלע פראטעסטאנטישע גייסטליכע זא-לען זיך צוריקקעהרען צום קאטאליציזם, אדער זיי מוזען פערלאזען דאס לאנד ביז מארטיני פון יאהר 1628. יעדער בירגער, וואס האט זיך ניט געוואלט צוריקקעהרען צום קאטאליציזם, האט געמוזט בעצאהלען 750 מארק שטראף. מאסען בירגער האבען דאמאלס פערלאזען די פפאלץ, און דאס לאנד איז גע-ווארען פערוויסטעט.

דאס לאנד האט נאר אויף א קורצע צייט ווידער בעקומען זיין פריי-הייט דורך גוסטאוו אדאלף. עס האט ניט לאנג געדויערט און וואללענשטיין איז אנגעקומען און האט איהם געצוואונגען צוריקציהען זיך נאך נארד. א לאנגע צייט זיינען ביידע געגנער געשטאנען אין לאגער איינער געגען דעם אנדערען צווישען נירנבערג און פירטה, און קיינער פון זיי האט ניט געוואגט אנגרייפען דעם אנדערן, ווייל קיינער פון זיי האט ניט געוואוסט די קרעפטען פון דעם אנדערן. און באמת זיינען זיי געוועזן די גרעסטע פעלד-העררען פון יענער צייט. גוסטאוו אדאלף האט אנגעמאכט אין דער קריגס-פיהרונג א גאנצע איבערקעהרעניס. אנשטאט דער פריהערדיגער טאקטיק, ארויסצו-שטעלען געגען דעם פיינד שווער-בעוועגליכע ענג-געשלאסענע מאסען, האט ער בענוצט א טאקטיק, וועלכע האט איהר שטארקקייט אין דער לייכטער בע-וועגליכקייט פון די איינצעלנע קריגער.

וואללענשטיין האט גוט פערשטאנען, דאס אין פעלד קען ער זיך ניט פערגלייכען מיט די שוועדען, און דאס ער וועט אין א אפענער שלאכט מיט זיי געוויס פערלירען. ער האט בעשלאסען נאר צו פערפעסטיגען זיך גוט אין זיין לאגער, און די שוועדען זאלען פראבירען זייער קראפט אן די פעסטע ווענט

פון זיין לאַגער. און אזוי איז עסווירקליך געווען. אַ גאַנצען מאָנאַט, פון אויגוסט ביז סעפּטעמבער פון יאָהר 1632, האָבען די שוועדען עטליכע מאָהל געפּרובּט נעהמען זיין לאַגער מיט שטורם, אָבער זיי זיינען אַלע מאָל צוריק־געשלאָגען געוואָרען, ניט אַכטענדיג אויף זייער ענערגיע און מוטיגקייט. דעם 8טען סעפּטעמבער האָבען זיך די שוועדען צוריקגעצויגען און אַלע געביטען, וועלכע זיי האָבען אָפּגענומען, זיינען צוריק אָנגעקומען צו די קאַטאָליקען, און וואַללענשטיין האָט געפייערט אַ נייעם טריאומף: דעם שוועדישען קע־ניג, וועלכען קיינער האָט נאָך ביז דאָן ניט בעזיגט, האָט ער געצוואונגען זיך צוריקצוציהען.

דער קייזער האָט איהם זעהר שטאַרק געבעטען, דאָס ער זאָל זיך נעה־מען צוזאַמענשטעלען אַ נייע אַרמעע. מען האָט איהם געגעבען אַן אונבע־שרענקטע מאַכט. אַלע אָפיצערען אין זיין אַרמעע האָט נאָר ער אַליין געהאַט דאָס רעכט צו בעשטימען און צו ענטזאָגען, אויך זעלבשטענדיג פיהרען אונ־טערהאַנדלונגען מיט אַנדערע מדינות. מיט אַזאַ גרויסער פולמאַכט האָט ער געקענט ווערען אַ צווייטער יוליוס צעזאַר. וואַללענשטיין׳ס סאָלדאַטען האָבען איהם אַזוי פיעל פערגעטערט, ווי יוליוס צעזאַר׳ס סאָלדאַטען האָבען פערגעטערט צעזאַר׳ן. זיין אונרוהיגער גייסט האָט אַלע מאָל געזוכט אַ נייעס לאַנד, דורך וועלכעס ער זאָל קענען פערגרעסערן זיין רוהם.

פיר זיינע גרויסע פערדינסטען האָט איהם דער קייזער פערזיכערט אַ רייכס־פירסטענטום, זאַגאַר אין פאַל ווען מעקלענבורג, וועלכע גוסטאַוו אַדאָלף האָט פון איהם אָפּגענומען, וועט זיך צו איהם ניט אומקעהרען. ער האָט אָבער געשטרעבט צו הערשען איבער אַ גרעסערען געביט ווי מעקלענ־בורג. ער האָט געטראַכט אַרויפצוזעצען אויף זיין קאָפּ די קעניגליכע קרוין פון בעהמען, און אָפּצורייסען דיזעס לאַנד פון דעם קייזער. איהם האָט ווע־ניג אויסגעמאַכט, ווער עס וועט איהם העלפען צו דערגרייכען דיזען צוועק. איידער עס זיינען צו איהם געקומען דעם קייזער׳ס שלוחים אום צו בעטען איהם אין נאָמען פון קייזער איבערצונעהמען די קאָמאַנדע איבער דער אַר־מעע, איז ער געשטאַנען אין אונטערהאַנדלונגען מיט גוסטאַוו אַדאָלף, וועלכען ער האָט גערעכענט פיר אַ גוטעס ווערקצייג צו דערגרייכען זיין צוועק. אָבער ווען די שלוחים זיינען אָנגעקומען האָט ער זיין טאַקטיק געענדערט, און האָט געטראַכט, דאָס דיזעס קען געטאָן ווערען מיט דער הילף פון קייזער זעלבסט. ער האָט זיין גאַנצען פּלאַן איבערגעביטען. און ניט וויט פון לייפּציג, ביי ליטצען, האָבען זיך די זאַקסען און די שוועדען פעראייניגט צו קעמפען געגען דעם קייזער׳ס אַרמעע.

וואַללענשטיין האָט געדענקט, דאָס יעצט איז ער אין שטאַנד צו שטרייטען מיט די שוועדען זאָגאַר אין אָפּענעם פעלד. אָבער ביים ערסטען שטויס איז וואַללענשטיין׳ס לינקער פליגעל צוריקגעטרעטען. אין דעם זעלבען אויגענבליק איז אָנגעקומען פּאַפּפּענהיים מיט זיינע רייטער און האָט זיך באַלד געוואָרפען אויף די שוועדען. אָבער אין דיזער שלאַכט איז פּאַפּפּענהיים זעלבסט טויטליך פערוואונדעט געוואָרען און זיין גאַנצע רייטעריי איז געקומען אין אַ שרעקליכע אונאָרדנונג, און די שוועדען האָבען ווידער גענומען אָנגרייפען. אָבער זיי האָבען ניט געקענט דורכברעכען די טרופּען פון אָקטאַוויאָ פּיקקאָלאָמיני, ווי אויך וואַללענשטיין׳ס צענטער. דאָן איז גוסטאַוו אַדאָלף זעלבסט ערשינען אָן דער שפּיץ פון זיין אַרמעע. אָבער זיין שנעלער פערד האָט איהם צו ווייט געטראָגען. ער איז צוגעקומען צו נאָהענט צו דעם פיינד׳ס סאָלדאַטען און אַ קויל האָט איהם צושמעטערט זיין לינקען עלענבויגען

די וואונד האָט איהם פערשאַפט גרויסע שמערצען, און ער האָט געבעטען דעם הערצאָג אַלבערט פון לאַוענבורג ער זאָל איהם אַרויספיהרען פון שלאַכטפעלד. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די קייזערליכע רייטער האָבען זיי בעפאַלען, דער הערצאָג האָט זיך ווי עס איז געראַטעט, דער קעניג אָבער איז אַראָפּגעפאַלען פון בערד, דערווייל זיינען צוגעלאָפען די קעניגליכע רייטער און האָבען ערמאָרדעט דעם קעניג מיט זיין פּאַזש (דינער), וועלכער האָט איהם געוואָלט אַריינזעצען צוריק אין זיין זאָטעל. זיין פערד איז אָהן איהם אַריינגעלאָפען אין די שוועדישע רייהען, און האָט דערמיט געבראַכט די שלעכטע בשורה פון גוסטאַוו אַדאָלף׳ס פאַלען. דאָס געפיהל פון ראַכע האָט אויפגעפלאַמט די שוועדען, זיי האָבען געקעמפט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און האָבען די שלאַכט געוואונען. אָבער זיי האָבען ניט געקענט אָפּטרייבען וואַללענשטיין׳ען פון לייפּציג. דער קערפּער פון גוסטאַוו אַדאָלף איז געבראַכט געוואָרען אין די קירכע פון רידדאַרהאָלם.

וואַללענשטיין האָט נאָך דיזער שלאַכט געפיהרט זיין חיל נאָך לייפּציג. דאָרט איז פּאַפּפּענהיים געשטאָרבען פון זיינע וואונדען. די קאַטאָליקען האָבען געפייערט דעם טויט פון שוועדישען קעניג אַלס אַ גרויסען זיג פיר זיי. און ווירקליך זיינען די פאָלגען פון דעם קעניג׳ס פאַל געווען די ערסטע צייט זעהר ניט גינסטיג פיר די שוועדען. די צאָהל פון קריגער אין דער שוועדישער אַרמעע איז אַפילו פערמעהרט געוואָרען פון 13,000 מאַן ביז 40,000, אָבער זאַקסען, וועלכע האָט אימער געפיהלט די פערבינדונג מיט שוועדען אַלס אַ צוואַנג, איז נאָך גוסטאַוו אַדאָלף׳ס טויט אין מאַי 1632 אָפּ-

געפאלען פון שוועדען. דערצו האט פיעל געהאלפען וואללענשטיין, וועלכער האט אויפגעפאָדערט דעם קייזער צוריקצוציהען זיין בעפעהל וועגען צוריק־געבען די גיטער צו דער קירכע, וועלכע די פּראָטעסטאנטען האבען פון איהר אפּגענומען. דאס איז צוגעגאנגען בסוד, ווייל דאס האט מען געמאכט אן אויסנאהמע נאר פיר זאקסען. דער אָפּפאל פון די זאקסען פון שוועדישען בונד איז צוגעגאנגען לאנגזאם, אָבער אין מאי 1635 איז געשלאָסען געוואָרען דער פרידען פון פראג, וועלכער האט געמאכט אן ענדע צו דער מלחמה פון זאקסען מיט עסטרייך.

אָבער די מאכט פון די שוועדען איז דערמיט ניט געבראָכען געוואָרען. זיי האבען נאך ניט געדענקט צו פערלאזען דייטשלאנד. אין געגענטייל, אין יאהר 1633 האבען זיי דורכגעפיהרט א פערבאנד צווישען די פּראָטעסטאנ־טען אין אויבער־ און נידער־דייטשלאנד. דער בעריהמטער שוועדישער קאנצ־לער אקסעל אָקסענסטיערנא האט געפיהרט די דיפּלאָמאטיע נאך דעם קעניג׳ס טויט. אלע פירסטען האבען געוואָלט קריגען א בעלוינונג פיר זייער אנטייל אין דעם קריג. אלזא האט מען דעם קורפירסט פריעדריך פון דער פפאלץ פערזיכערט, דאס ער וועט צוריקקריגען זיין געביט, וואס די קאטאליקען האבען פון איהם אפּגענומען. עהנליכע פערשפּרעכונגען זיינען געגעבען געוואָרען צו פיעלע אנדערע פירסטען. דעם קאנצלער אָקסענסטיער־נא האט עס זעהר געקרענקט, דאס די פירסטען האבען געמוזט ווערען בע־לוינט פיר זייער אנטיילנעהמען אין דער אלגעמיינער זאך. „מען זאל עס פערשרייבען אין מיין ארכיוו", האט ער געהייסען, „דאס א דייטשער רייכס־פירסט האט געפאָדערט אזא זאך פון א שוועדישען עדעלמאן, און דאס א שוועדישער עדעלמאן האט עס געמוזט נאכגעבען א דייטשען רייכספירסט".

וואללענשטיין איז געלעגען אין זיין לאגער אונטעטיג. דערמיט האבען זיך בענוצט די שוועדן און האבען אנגעהויבען אריינצודרינגען ווייטער אין דייטשלאנד. זיי האבען בעזעצט רעגענסבורג און דאס נאָרדליכע באיערן, און האבען אנגעפאנגען אונטערהאנדלונגען מיט וואללענשטיין׳ען. אבער אין שוועדישען לאגער האבען די מאסען אנגעפאנגען צו רעבעלירען. אויך זיי האבען אנגעהויבען צו פאָדערן א טייל פון דעם רויב, און עס האט גע־קאָסט גרויס מיה ביז מען האט זיי איינגעשטילט. דער קאנצלער האט גע־מוזט געבען דעם הערצאָג בערנהארד, וועלכער האט געהאט א גרויסען איינ־פלוס אויף די טרופּען, נאך א פּאָאר קירכען־גיטער, און דיזער האט די טרופּען בערוהיגט.

ווי מיר האָבען געזאָגט, איז וואַללענשטיין געלעגען אין בעהמען אונטע-טיג, און האָט ערלויבט זיינע סאָלדאַטען צו לעבען אַ גוטען טאָג. דאָס איז שטאַרק ניט געפעלען געוועזן דעם קייזער, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו צווייפלען אין דער טרייהייט פון זיין אונבעשרענקטען פעלדהערר. דער קייזער האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען פאַר דער מאַכט, וואָס ער האָט אָנ-פערטרויט וואַללענשטיין׳ען. אום דער קייזער זאָל ניט זיין אין שטאַנד צו אונטערנעהמען גענען איהם עטוואָס בייזעס, האָט וואַללענשטיין אַרויס-געקראָגען פון די אָפיצערען פון זיין אַרמעע אַ געשריבענע שבועה, דאָס זיי וועלען איהם אימער בלייבען טריי. מען זאָגט, דאָס וואַללענשטיין האָט דיזע אונטערשריפטען אַרויסגעקראָגען דורך בעטרוג.

שוועדישער קאַנצלער אָקסענסטיערנאַ.

הגם דיזער שריט פון וואַללענשטיין איז געוועזן זעהר נאָהענט צו אַ פער-שווערונג, האָט דאָך דער קייזער עס בעטראַכט זעהר מילד. אָבער איבעראַל איז מען וועגען וואַללענשטיין׳ס אויפפיהרונג געוועזן זעהר בעזאָרגט. אין קייזערליכען הויף האָט מען אָנגעהויבען מורא צו האָבען, דאָס מען וועט שוין ניט זיין אין שטאַנד צוריקצונעהמען פון וואַללענשטיין׳ען די פולמאַכט איבער דער אַרמעע, וואָס מען האָט איהם פריהער געגעבען. דערצו איז נאָך צוגע-קומען די שנאה, וואָס פיעלע האָבען געפיהלט צו וואַללענשטיין׳ען. די מאָ-נאַכען און די יעזואיטען האָבען איהם געהאַסט צוליב זיין ליבעראַליזם אין

רעליגיאָנס־זאַכען. די שפּאַניער האָבען איהם פיינד געהאַט צוליב זיין פּאָלי־טיק, לויט וועלכער ער האָט פערנאַכלעסיגט די אינטערעסען פון די האַבסבור־גער און האָט געזוכט צו האַלטען וויט זייער איינפלוס אויף דאָס רייך. די ליגאַ איז ניט געווען צופרידען מיט זיין גרויסער מאַכט, און פערדינאַנד'ס בייכטפאָטער, לאַמאָרמעין, האָט איהם בעטראַכט אַלס די הויפּט־שטערונג צו דער אויסראָטונג פון דעם פּראָטעסטאַנטיזם.

אָבער ווי זאָל מען דיזען מעכטיגען בעזיגען? דאָס איינציגע איז גע־ווען צו בעזייטיגען איהם דורך פעררעאַט. דער קייזער האָט בסוד געמאַכט איין האַנט מיט די וויכטיגסטע פּערזאָנען, ווי פּיקקאָלאָמיני, גאַללאַס און אַל־דרינגער, און האָט דעם 24טען יאַנואַר 1634 איבערגעגעבען אין געהיים די אויבער־קאָמאַנדע איבער דער אַרמעע צו פּיקקאָלאָמיני און גאַללאַס. ער האָט דערביי פערבאָטען אַלע גענעראַלען און פּאָלקאָווניקעס צו געהאָרכען וואַללענשטיין'ען און ער האָט אַלעמען פערשפּראָכען אַמנעסטיע (גנאָדע) אויסער וואַללענשטיין'ען און נאָך צוויי אַנדערע. אָבער עס איז געווען אונ־מעגליך צו געווינען די אָפיצערען זיי זאָלען ווערען אונטריי צו וואַללענ־שטיין'ען. פּיקקאָלאָמיני'ס פּלאַן, צו אַרעסטירען וואַללענשטיין'ען אין פּיל־זען, איז אויך אויפגעגעבען געוואָרען, ווייל דער גאַנצער גאַרניזאָן איז איהם געווען זעהר טריי.

עס זיינען דערווייל אַוועק נאָך איניגע טעג מיט אונגעדולדיגער ער־וואַרטונג. דעם 18טען פעברואַר האָט וואַללענשטיין אַרויסגעגעבען אַ בע־פעהל, דאָס אַלע רעגימענטען זאָלען זיך ביז דעם 24טען פערזאַמלען אַרום פּראַג. אין דעם זעלבען טאָג אָבער האָט דער קייזער אַרויסגעגעבען אַ בע־פעהל, דאָס וואַללענשטיין זאָל באַלד אַרונטערגעזעצט ווערען פון זיין אַמט. דעם 20טען איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען אַן אַנדער בעפעהל, דאָס וואַללענ־שטיין'ס גיטער זאָלען פון איהם אָפּגענומען ווערען, און פּיקקאָלאָמיני האָט ערהאַלטען אַ בעפעהל, דאָס ער זאָל וואַלענשטיין'ען פאַנגען און איהם ברענ־גען לעבעדיג אָדער טויט. מען האָט ערקלערט, דאָס וואַללענשטיין איז אַ פעררעטער, און דאָס האָט געמאַכט, אַז די פּראַגער רעגימענטען האָבען זיך פון איהם ענטזאַגט. דעם 21טען איז פּראַג פערלאָרען געגאַנגען פיר וואַל־לענשטיין'ען. ער האָט נאָך אָבער געהאַט איניגע טויזענד מאַן, וועלכע זיי־נען איהם געבליבען טריי און וועלכע ער האָט געוואָלט פעראייניגען מיט די שוועדען. ער איז אַוועק מיט אַ רעגימענט נאָך עגער, וואו ער האָט ערוואַר־טעט שוועדישע טרופּען, אָבער דאָ האָט איהם געטראָפען דאָס אונגליק.

די פּאַלקאָוניקעס בוטלער, גאָרדאָן און לעססלעי האָבען בעשלאָסען צו ערמאָרדען וואַללענשטיין'ען. די אומשטענדען זיינען געווען זעהר גינס-טיג. זיי האָבען זיך אריינגעריסען אין זיין שלאָפצימער און האָבען אויסגע-שריען: „שעלם און פעררעטער, דו מוזט שטאַרבען!" וואַללענשטיין האָט געזעהען, דאָס ער איז אָהנמעכטיג מיט זיי צו שטרייטען, האָט ער פערנאַנ-דערגעשפּרייט זיינע הענט, האָט אַרויסגעשטעלט זיין ברוסט צו די מערדער און האָט אָהן אַ שום ווידערשטאַנד בעגעגענט דעם טויט ווי אַ העלד.

דער קייזערליכער הויף האָט וואַללענשטיין'ס טויט בעטראַכט אַלס אַ פערדינסט. דער קייזער האָט צוטיילט וואַללענשטיין'ס גיטער צו די אָפּי-צערען, וועלכע זיינען איהם געבליבען טריי. אויב וואַללענשטיין איז ווירק-ליך געווען שולדיג, איז נאָך עד היום ניט בעוויזען געוואָרען. דער קייזער פערדינאַנד דער 2טער האָט פערגאָסען פאַלשע טרערען, ווען ער האָט בעקו-מען די נאַכריכט פון וואַללענשטיין'ס ערמאָרדונג און האָט געלאָזען בעטען פיר זיין נשמה אין פיעלע קירכען. דאָס בעווייזט קלאָר, אַז וואַללענשטיין'ס שולד איז ניט בעוויזען געוואָרען, אָדער ער איז גאָר ניט געווען שולדיג, נאָר מען האָט מורא געהאַט פאַר איהם צוליב זיין גרויסער מאַכט, און מען האָט גערעכענט פיר נעטיג אָפּצוראַמען איהם פון וועג.

וואַללענשטיין'ס ראָלע איז געוואָרען אויסגעשפּילט. די אידעע איינ-צופיהרען אַ צאַזאַרישע מיליטער-הערשאַפט איז ניט געלונגען, און דייטש-לאַנד האָט פאָרטגעזעצט איהר געשיכטליכען גאַנג צו ווערען צוטיילט אויף פערשיידענע אונאָפּהענגיגע טעריטאָריעס אונטער דער אַבסאָלוטער הער-שאַפט פון איינצעלנע פירסטען.

אין עסטרייך האָבען די יעזואיטען געשפּילט די הויפּט-ראָלע אין דער רעגירונג. זיי האָבען בעשאַפען די מיטלען צו בערוהיגען די טרופּען, וועלכע זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט פון דעם טויט פון זייער געליבטען קאָמאַנ-דיר. נאָך אין יאָהר 1634 איז עס געלונגען די קייזערליכע טרופּען אַרויסצו-טרייבען די שוועדען פון באַיערן און זיד-דייטשלאַנד. יעצט איז פאָרגעקומען דער פרידען מיט זאַקסען, וועלכער איז געשלאָסען געוואָרען אין פּראַג, ווי מיר האָבען שוין פריהער דערמאָהנט. צו דיזען פרידען האָבען זיך אָנ-געשלאָסען בראַנדענבורג, אַנהאַלט, מעקלענבורג, ברוינשווייג-לינעבורג, די האַנזאַ-שטעדט און פיעלע פרייע רייכשטעדט. די שוועדען זיינען געבליבען פערלאָזען, זיי האָבען מעהר ניט געהאַט קיין בונד-חברים.

די גאַנצע צייט איז פראַנקרייך געשטאַנען פון דערווייטען און האָט גע-האַט פערגניגען צוצוזעהן, ווי דייטשלאַנד רייסט זיך צווישען זיך. יעצט האָט

פראַנקרייך בעשלאָסען אַריינצומישען זיך אין דעם קריג. זי האָט זיך פער-אייניגט מיט שוועדען און האָט צוזאַמען מיט איהר אָנגעהויבען צו שטרייטען געגען דער קייזערליכער מאַכט. די זיגער אין דיזען קריג זיינען אַמאָל גע-ווען די קייזערליכע און אַ מאָל די פערבינדעטע שוועדען מיט פראַנקרייך. אין יאָהר 1636 האָבען די קייזערליכע געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע ביי וויטטשטאָק אין דער פּריגניטץ. שפּעטער זיינען די שוועדען ווידער שטאַרק געשלאָגען געוואָרען.

דער בעדייטענדסטער קעמפער אויף דער פּראָטעסטאַנטישער זייט איז דאַמאָלס געוועזען בערנהארד פון ווייטאַר, וועלכער האָט נאָך דער נידערלאַגע ביי נאָרדלינגען זיך אין גאַנצען פערלאָזען אויף די פראַנצויזישע הילף. זיין פּלאַן איז געוועזען צו גרינדען אין זיד-וועסט דייטשלאַנד, אין עלזאַס, אַן איי-גענעם קעניגרייך. די זיגען, וועלכע ער האָט געהאַט אין יאָהר 1638 ביי רהיינפעלדען, ניט ווייט פון באַזעל, און ביי ברייזאַך, האָ-בען איהם ווירקליך געבראַכט נאָהענט צו זיין ציל. ער איז אָבער דעם 18טען יולי 1639 געשטאָרבען. ער האָט זעלבסט געגלויבט, דאָס די פראַנצויזען האָ-בען איהם פערגיפטעט, ווייל ער האָט זיך אָנגעפאַנגען דערווייטערן פון זייער איינפלוס. זיין אַרמעע איז אַריבער צו די פראַנצויזען. דערמיט איז אויך דיזער גרענעץ איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם פיינד.

אין יאָהר 1637 איז פערדינאַנד דער 2טער געשטאָרבען, אָבער זיין זוהן און נאָכפאָלגער פערדינאַנד דער 3טער (1637—1657) איז געגאַנגען אין זיין וועג. ביי די שוועדען האָט נאָך דעם טויט פון דעם ווילדען און אויסגעלאַסענעם באַנער פערנומען זיין שטעלע דער בעריהמטער שילער פון גוסטאַוו אַדאָלף, טאָרסטענסאָן, הגם ער איז געווען אַ קראַנקער און האָט געליטען פון גיכט (אַ ברעכונג אין דיביינער), אַזוי דאָס מען האָט איהם אין דער אַרמעע געמוזט טראָגען אויף אַ זענפטע (נאָסילקעס). אין יאָהר 1643 איז ער איינגעדרונגען טיף אין עסטרייך. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק און האָט געשלאָגען די קייזערליכע אַרמעע אונטער פּיקקאָלאָמיני ביי לייפּציג. אין יענער צייט האָט אויסגע-בראָכען אַ קריג צווישען שוועדען און דענעמאַרק. טאָרסטענסאָן האָט גע-איילט נאָך נאָרד-יוטלאַנד און צוזאַמען מיט דער שוועדישער פלאָטע האָט ער געצוואונגען דענעמאַרק צו בעטען פרידען און זיך צו ענטזאָגען פון מישען זיך אין די אַנגעלעגענהייטען פון דייטשלאַנד. אין יאָהר 1644 האָט ער שטאַרק צוקלאַפּט די קייזערליכע אַרמעע אונטער גאַללאַס. מיט אַ יאָהר שפּעטער האָט ער געהאַט נאָך אַ גלענצענדען זיג איבער דער קייזערליכער

אַרמעע. ער האָט אָבער ענדליך צוליב זיין קראַנקהייט געמוזט איבערגעבען די קאָמאַנדע איבער דער אַרמעע צו גענעראַל װ ר אַ נ ג ע ל.

אויך די פראַנצויזען האָבען געקעמפּט אונטער די גענעראַלען ט ו ר ע נ ן און ק אָ נ ד ע מיט וועקסעלנדען גליק. אין יאָהר 1645 האָט טורענן גע־האַט אַ נידערלאַגע ביי מערגענטהיים, אָבער באַלד נאָכדעם האָט קאָנדע גע־זיגט ביי אַ ל ל ע ר ה י י ם. אין יאָהר 1647 איז מאַקסימיליאַן געוועזען אַזוי בעדרענגט, דאָס ער האָט געבעטען צו זיין אין דעם קריג נייטראַל אויף אַ לאַנגע צייט. אָבער אין יאָהר 1648 איז ער ווידער אריבער צו עסטרייך. די פראַנצויזען און די שוועדען האָבען זיך צושפּרייט אין זיין לאַנד. די שווע־דען זיינען זאָגאַר בעפאַלען בעהמען און האָבען אין יאָהר 1648 איינגענומען אַ טייל פון פּראַג.

ענדליך איז אָנגעקומען די פרעהליכע בשורה, וועלכע מען האָט שוין אַזוי לאַנג ערוואַרטעט, דאָס אין אָסנאַברוק און אין מינסטער איז געשלאָסען געוואָרען דער פרידען, וועגען וועלכען עס האָט זיך אַזוי לאַנג פערהאַנדעלט. כמעט 7 יאָהר האָבען געדויערט די פערהאַנדלונגען. פון דעם 25טען דע־צעמבער 1641 ביז דעם 24טען אָקטאָבער 1648 זיינען געפיהרט געוואָרען די פערהאַנדלונגען פון עסטרייך און די נייטראַלע פּראָטעסטאַנטישע מעכטען, וועלכע האָבען געשלאָסען דעם פרידען אין מינסטער מיט פראַנקרייך און אין אָסנאַברוק מיט שוועדען.

דער פרידען־שלום האָט געצייגט ווי ווייט מען האָט זיך געאירט, ווען מען האָט גערעכענט, דאָס מען וועט די שוועדען פּטר'ן מיט אַ סומע פון 2½ מיליאָן שאַדענערזאַץ פיר זייערע מיליטערישע אויסגאַבען. מען האָט זיי געמוזט געבען 5 מיליאָן באַארעס געלט, אויסער דעם האָט מען זיי גע־מוזט געבען געוויסע געביטען אין פּאָממערן, אין מעקלענבורג, אין האַננאָווער און אין בראַנדענבורג. פראַנקרייך האָט געקראָגען אַ גרויסע מאַכט אין על־זאַס און לאָטהרינגען. נידערלאַנד (האָלאַנד) און די שווייץ האָבען זיך מיט דיזען פרידען בעפרייט פון דייטשלאַנד. דאָס לאַנד זעלבסט איז צופאַלען אין זעלבשטענדיגע פערגרעסערטע שטאַאַטען, וועלכע האָבען געהאַט דאָס רעכט זעלבשטענדיג צו שליסען קריג און פרידען.

צו אַלע רעליגיאָנס־שטרייטיגקייטען האָט געמאַכט אַן ענד אַן אַלגעמיי־נע אַמנעסטיע (בעגנאַדיגונג). וואָס אָנבעטרעפט די קירכליכע גיטער איז בע־שלאָסען געוואָרען אָנצונעהמען אַלס נאָרמע דעם 1טען יאַנואַר 1624, ד. ה. די גיטער, וואָס די פּראָטעסטאַנטען האָבען אָפּגענומען פון די קאַטאָלישע קירכען ביז יענעם טאָג, זאָלען געהערען צו זיי. גאַנץ נאָרד־דייטשלאַנד איז

הונגער־נויט אין דער צייט פון 30־יעהריגען קריג אין האנאָווער.

געבליבען אין דער מאַכט פון די פירסטען. דער הויפּט־רעזולטאַט פון דעם לאַנגען שטרייט איז געווען, דאָס די פירסטען האָבען געקראָגען אבסאָלוטע הערשאַפט. אין עסטרייך, באַיערן און אין די רהיינישע גייסטליכע שטאַא־טען האָט געהערשט די קאַטאָלישע רעליגיאָן; אין בראַנדענבורג, זאַקסען, ווירטעמבערג, רהיין־פּפאַלץ און אין די טהירינגישע און נידערלאַנדישע שטאַאַטען האָט געהערשט אונבעדינגט די פּראָטעסטאַנטישע רעליגיאָן. עס איז נאָך דעם פרידען געווען מעהר איינהייטליכקייט אין דער קירכליכער פער־פאַסונג און אין דעם גלויבען איידער פריהער, און דאָס האָט פערשטאַרקט דעם אבסאָלוטיזם. נאָר אַן איינהייטליכע רעליגיאָן קען האַלטען די מאַסען אונ־טערטעניג צו דעם הערשער. עס זעהט אוים קלאָר, דאָס די פירסטען, וועלכע האָבען געשלאָסען דעם וועסטפאַלישען פרידען, האָבען עס גוט פערשטאַנען, און דעריבער האָבען זיי מעהר ניט געדריקט די רעליגיאָן, וועלכע האָט זיי געהאָלפען דריקען די מאַסען און צו צווינגען זיי טאָן, וואָס די הערשער האָ־בען געוואָלט.

דאָס איז געווען דער סוף פון דעם קאַמף, אין וועלכען דער אָרימער מאַן האָט פערגאָסען זיין בלוט. דיזע בלוט־פערגיסונג האָט געטויטעט פיעלע אונ־צופרידענע און ענערגישע עלעמענטען. דאָס פאָלק איז פון דיזען פערוויס־טענדען קאַמף געווען שרעקליך ערמידעט. אין דער רהיין־פּפאַלץ איז איבער־געבליבען קוים אַ פופציגטעל פון די פריהערדיגע געווערב־פלייסיגע בעוואוי־נער, און דיזע זיינען געווען שרעקליך פערווילדעט און פעראָרימט. די פּרוכטבאַרסטע פעלדער זיינען פערוואַקסען געוואָרען מיט דערנער און ווילדע גראָזען. היידעלבערג איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין רואינען. די גרויסע הונגערן, וואָס האָבען דאַמאָלס כמעט איבעראַל געהערשט, האָבען געהאָלפען צו פערניכטען די מענשען. אַזעלכע הונגער־נויטען זיינען געווען בעזונדערס שרעקליך אין יאָהר 1635. איבער 30,000 מענשען זיינען אין דיזען יאָהר געשטאָרבען פון הונגער.

דאָס הערצאָגטום ווירטעמבערג האָט אין יאָהר 1622 געצעהלט 450,000 און אין יאָהר 1639 נאָר 97,000 איינוואוינער. די שטאָדט אָל־מיטץ אין בעהמען, וועלכע האָט פאַר דעם קריג געהאַט איבער 31,000, האָט נאָך דעם קריג געצעהלט נאָר 2,000 איינוואוינער.

אין האַננאָווער האָט אין יאָהר 1626 אויסגעבראָכען אַ פעסט, פון וועל־כער עס זיינען צושטאָרבען מעהר פון צוויי דריטעל פון דער בעפעלקערונג. אין גאָסלאַר זיינען אין יענעם יאָהר צושטאָרבען איבער 3,000 מענשען. זעהר פיעל האָבען די איינוואוינער געליטען פון די ערפּרעסונגען פון טיללי׳ס

סאָלדאטען. אין 3 יאָהר, פון 1628 ביז 1631, האָט טיללי אויסגעפּרעסט פון די איינוואוינער צווישען דרייסטער און לײנע 2 מיליאָן טהאלער. אין יאָהר 1634 האָט דאָס קליינע פירסטענטום קאלענבערג געמוזט איינצאָהלען צו די רויבערישע סאָלדאטען 18,000 טהאלער.

בראנדענבורג האָט געמוזט געבען אויף די קייזערליכע ארמעע 20 מיליאָן טהאלער. אין יאָהר 1630 איז אין די שטעדט פערבליבען וועניגער פון א העלפט פון די איינוואוינער. זעהר פיעלע הייזער זיינען געשטאנען לעדיג. פיעלע דערפער זיינען אין גאנצען אויסגעשטאָרבען.

אין זאקסען האָבען זיך אין די יאָהרען פון 1640 ביז 1646 בעוויזען זעהר פיעלע וועלף. זיי זיינען אין גרויסע מחנות בעפאלען דערפער און שטעדט און האָבען דאָרט אָנגעמאכט גרויסע היזקות. פרייבורג האָט פאַר דעם יאָהר 1618 געהאַט איבער 1,700 הייזער, און אין יאָהר 1640 זיינען דאָרט געבליבען נאָר 500. אין בעלציג זיינען פון 200 הייזער געבליבען נאָר 4.

אויך אין זידליכען קאטאָלישען דייטשלאנד איז עס ניט געוועזן בעסער. אין פראנקען איז די בעפעלקערונג געוואָרען אזוי וועניג, דאָס דער קרייזטאָג האָט ערלויבט יעדען מאן צו נעהמען צוויי ווייבער. א מאן אונטער 60 יאָהר האָט ניט געטאָרט געהן אין מאָנאסטיר צו ווערען א מאָנאך, און פּריסטער האָבען געמאָגט הייראטען. די נויט האָט געצוואונגען זאָגאר די פרומע קאטאָליקען צו ערלויבען אזעלכע זאכען, וואָס די רעליגיאָן פערווערט זיי. די בעפעלקערונג פון פראנקען איז דורך דעם פערוויסטענדען קריג פערווינציגט געוואָרען פון 55,000 אויף 17,000.

אין יאָהר 1635 זיינען אין מינכען צושטאָרבען 15,000 מענשען. ווער עס וויל גענויער בעקאנט ווערען מיט דעם צושטאנד אין דייטשלאנד אין דער צייט פון דעם 30־יעהריגען קריג און נאָך איהם, זאָל לעזען דעם ראָמאַן „סימפּליציוס סימפּליציססימוס", וואו דער פערפאסער שילדערט דעם צושטאנד פון יענער צייט מיט ריכטיגע פארבען און מיט גענויע ציפערן. דאָס הארץ ציטערט, די האָאר שטעלען זיך קאפּויר לעזענדיג די שרעקליכע ליידען און פערוויסטונגען, וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט דאמאָלס אויסגעליטען פון זיינע פירסטען און זייערע סאָלדאטען.

די מאָראלישע פערדאָרבענהייט, וואָס איז ענטשטאנען דורך דעם קריג, איז ניט צו בעשרייבען. די סאָלדאטען האָבען געבושעוועט ווי ווילדע בעהעמעס. א קורצע ערצעהלונג פון דעם ראָמאַן, וואָס מיר האָבען דערמאָהנט, וועט געבען דעם לעזער א שטיקעל בעגריף פון דער פערדאָרבענהייט פון די

זיטען פון יענער צייט. מיר געפינען פיר נעטיג צו זאָגען, דאָס די ליטעראַ-טור־געשיכטע שטעלט דיזען ראָמאַן אין איין ליניע מיט גאָטהע'ס „פאוסט" און עשענבאַך'ס „פאַרציפאַל". „סימפּליציססימוס" דערצעהלט ווי פאָלגט:

„דעם אַנדערען טאָג, נאָך דעם, ווי מען האָט אויסגערויבט און פערברענט דעם דאָרף, וועגען וועלכען איך האָב פריהער דערצעהלט, בין איך געזעסען אין מיין הייזעל און האָב עפּעס געטאָן ביים פייער; פּלוצלינג האָב איך זיך געפונען אַרומגערינגעלט פון 50 מוסקאַטיערען, וועלכע האָבען זיך גענומען איבערקעהרען אַלעס, וואָס עס איז געווען אין הייזעל און האָבען געזוכט עפּעס וואָס האָט אַ ווערט, איבערהויפּט געלט. זיי האָבען אָבער ניט געפונען קיין זאַך אויסער מיינע ביכער, וועלכע האָבען פיר זיי ניט געהאַט קיין ווערט און קיין אינטערעס. ענדליך, בעטראַכטענדיג מיינע פעדערן, האָבען זיי זיך באַלד איבערצייגט, וואָס פיר אַ פויגעל איך בין, און דאָס זיי קענען פון מיר גאָרניט דערלעבען. זיי האָבען בעוואונדערט מיין האַרטעס שווערעס לעבען, און האָבען, ווי עס האָט אויסגעוויזען, געהאַט גרויס מיטלייד מיט מיין צאַרטער יוגענד. בעזונדערס האָט אַרויסגעצייגט מיטלייד דער אָפיצער, וועלכער איז מיט זיי געווען. ער האָט מיך געעהרט און האָט מיך געבעטען איך זאָל זיי ווייזען דעם וועג, ווי אַרויסצוגעהן פון וואַלד, ווייל זיי האָבען אין איהם פערבלאָנדזשעט.

„איך האָב זייער וואונש גלייך ערפילט, אום גיכער פון זיי פּטור צו ווערען. איך האָב זיי אַרויסגעפיהרט אויף'ן וועג צום דאָרף, וואו זיי האָבען דעם גייסטליכען נאָך פריהער בעהאַנדעלט אַזוי שלעכט און שרעקליך, ווייל איך האָב איינפאַך קיין אַנדער וועג ניט געוואוסט. איידער מיר זיינען אַרויס פון וואַלד, האָבען מיר דערזעהען 9 בויערן, פון וועלכע איינינע זיינען געווען בעוואָפנעט, און די איבריגע האָבען זיך בעשעפטיגט עפּעס איינצוגראָבען. די מוסקעטירען זיינען צו זיי צוגעגאַנגען און האָבען אויסגעשריען: „האַלט! האַלט!" די בויערן האָבען אויסגעשאָסען, אָבער ווי זיי האָבען זיך איבערצייגט, דאָס די סאָלדאַטען זיינען פיעל מעהר און שטאַרקער פון זיי, זיינען זיי זיך צולאָפען אין פערשיידענע זייטען, אַזוי דאָס די סאָלדאַטען האָבען קיין איינעם פון זיי ניט געקענט כאַפּען.

„די סאָלדאַטען האָבען זיך גענומען אויסגראָבען וואָס די בויערן האָבען פערגראָבען. זיי איז עס ניט שווער געווען צו טאָן, ווייל די בויערן האָבען געלאָזען אויף'ן אָרט די גראָב־אייזענס און די שופלען, מיט וועלכע זיי האָבען די גרוב געמאַכט און דערנאָך זי פערשאָטען. ווי זיי האָבען נאָר אַ ביסעל אויסגעגראָבען, האָבען זיי דערהערט אַ שטימע פון גרוב שרייט אויס: „אַ!

איהר נידערטרעכטיגע בויערן! אַ, פערפלוכטע מערדער! מיינט איהר, דאַס גאָט וועט אייערע מערדערישע טאַטען לאָזען אונבעשטראָפט? ניין, עס לע- בען נאָך אויף דער וועלט אָרענטליכע מענשען, דורך וועלכע גאָט וועט אייך בעשטראָפען פיר אייערע אונפערצייהליכע זינד!".

„די סאָלדאַטען זיינען געווען פערוואונדערט און האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איינינע האָבען גערעכענט, דאָס דיזעס איז אַ טייפעל. איך האָב געמיינט, דאָס עס חלום'ט זיך מיר. אָבער דער אָפיצער האָט געהייסען גראָבען ווייטער. ענדליך האָבען זיי דערזעהען אַ פּאַס, אין וועלכער עס איז געווען אַ מענש מיט אָפּגעשניטענע אויערן און אָהן אַ נאָז. נאָך דעם, ווי ער איז געקומען אַ ביסעל צו זיך, האָט ער דערצעהלט, ווי מיט אַ טאָג פריהער האָבען איינינע סאָלדאַטען געפיטערט זייערע פערד אין דיזער געגענד. די בויערן האָבען געפאַנגען 6 פון זיי, ו אָבען זיי געשטעלט איינעם הינטער דעם אַנדערען און האָבען געשאָסען אין ערסטען און די קויל איז דורכגעפלויגען דורך די ערסטע פינף און האָט זיי אויף'ן אָרט טויט געשלאָגען. צו איהם אָבער, וועלכער איז געווען דער זעקסטער, האָט די קויל ניט דערלאַנגט. זיי, די בויערן, האָבען פון איהם געפאָדערט, דאָס ער זאָל לעקען די דערשאָסענע פינף דעם הינטען. דאָס האָט איהם שרעקליך עמפּערט און ער האָט זיי שטאַרק געשימפּט. דערפאַר האָבען זיי איהם אָפּגעשניטען דעם נאָז און די אויערן און האָבען איהם בעגראָבען לעבעדיגערהייט.

„נאָך דעם, ווי דיזער אונגליקליכער האָט דערצעהלט זיין געשיכטע, זיי- נען איבער'ן וואַלד אָנגעקומען אַנדערע סאָלדאַטען. דיזע האָבען געפאַנגען יענע בויערן, פינף פון זיי האָבען זיי געבראַכט לעבעדיגע און די איבריגע האָבען זיי דערשאָסען. דער רייטער אָהן אַ נאָז און אויערן, האָט דערקענט די פינף בויערן, און די סאָלדאַטען האָבען זיך אויך דערקענט, דאָס זיי זיינען פון איין אַרמעע. דער רייטער האָט פאַר די צוגעקומענע סאָלדאַטען ווידער- האָלט די געשיכטע פון זיין נאָז און זיינע אויערן, מיט זיין פּאַס און זיין לעבעדיגען קבר. עס איז געוואָרען אַ פראַגע: וואָס זאָל מען טאָן מיט די בויערן?

„איינינע האָבען פאָרגעשלאָגען מען זאָל זיי גלייך טויטשלאָגען. אַנדערע האָבען געראַטען מען זאָל זיי פריהער גענוג אָנפּייניגען און בעצאָהלען זיי מיט דער זעלבער מטבע, מיט וועלכער זיי האָבען געצאָהלט דעם רייטער. דערווייל, איידער וואָס, האָט מען זיי מיט די מוסקעטען אָפּגעשלאָגען די ריפּען. דאַן איז אַרויס אַן אַנדער סאָלדאַט מיט אַ פאָרשלאַג, דאָס מען זאָל די פינף בויערן צווינגען, אַז זיי זאָלען דעם רייטער, וועלכען זיי האָבען אָפּ-

געשניטען דעם נאָז און די אויערן, קוסען הונדערט מאָל אין הינטען. ווען דיזער פּראָיעקט איז אָנגענומען געוואָרען, האָבען זיך די סאָלדאַטען גענומען בעראַטען וואָס זאָל מען מיט די בויערן ווייטער טאָן, ווען זיי וועלען דיזע זויבערע אַרבייט האָבען אָפּגעטאָן. דערווייל האָט מען זיך גענומען אויספיהרען דעם ערסטען אַקט. אָבער די בויערן זיינען געווען אַזוי איינגע'עקשן'ט, דאָס מען האָט זיי מיט קיין זאַך ניט געקענט צווינגען צו טאָן דיזע שענדליכע אַרבייט. מען האָט זיי געשראָקען מיט טויט־שטראָף, אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען. מען האָט צוגעבונדען די בויערן מיט די הענט און די פיס צו אַ קלאָץ מיט'ן הינטען אַרויף, מען האָט זיי אויסגעטאָן נאַקעט און מען האָט זיי אַזוי לאַנג געקנוטעוועט מיט שטריק, אין וועלכע די סאָלדאַטען האָבען געמאַכט פיעלע קניפּלאַך, ביז עס האָט פון זייערע קערפּערס אָנגעהויבען גיסען בלוט און פאַלען שטיקער פלייש. די בויערן האָבען געשריען יאָמערליך, און די סאָלדאַטען האָבען זיך זעהר געפרייט מיט די ליידען און שמערצען פון די בויערן". אָט צו וואָס פיר אַ שטופע פון בעסטיאַליטעט איז די מענשהייט אין דייטשלאַנד דאַמאָלס געקומען.

שטאַרקער און ריהרענדער ווי אַלע שילדערט די גרוילטאַטען, וועלכע זיינען דאַמאָלס בעגאַנגען געוואָרען אין דייטשלאַנד, דער פראַנצויז יאַקאָב קאַללאָט. עס איז ניט געווען קיין איין זאַך, וואָס די סאָלדאַטען האָבען זיך ניט ערלויבט צו טאָן געגען פרידליכע איינוואוינער. שענדען פרויען, רויבען, מאָרדען, הענגען, פערקריפּלען — דאָס זיינען געווען געוועהנליכע ערשיינונגען, וועלכע האָבען שוין קיינעם ניט געמאַכט שטוינען. קאַללאָט שטעלט פאָר אין שאַרפע בילדער די גרויזאַמקייטען, וואָס די סאָלדאַטען האָבען געטאָן צו די בויערן, וועלכע זיינען פון נויט און הונגער געוואָרען שטראַסען־רויבער. די בויערן זיינען יעצט מעהר פערשקלאַפּט געוואָרען ווי ווען עס איז פריהער. האָט זיך אַ בויער ערלויבט צו ענטלויפען פון דער גרויזאַמער פּייניגונג פון זיינע הערען, איז ער שווער בעשטראָפט געוואָרען, מאַנכמאָל זאָגאַר מיט דעם טויט.

נאָך אַ שרעקליכע מכה פון דעם 30־יעהריגען קריג זיינען געווען די העקסען־פּראָצעסען (משפטים פון מכשפות). די געשיכטע פון די העקסען־פּראָצעסען דערגרייכט טיף אין מיטעלאַלטער. שוין אין 7טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין פאָלק פערברייטעט דער גלויבען, דאָס אַ מענש קען האָבען פערבינדונגען מיט'ן טייפעל. דער פּאַפּסט איננאָצענץ דער 8טער איז געווען דער גרינדער פון די העקסען־פּראָצעסען, מיט זיין בוללע, וואָס ער האָט ווענען דעם אַרויסגעלאָזען דעם 5טען דעצעמבער 1484. דיזע בוללע לויטעט

אזוי: „מיר האָבען געהערט, דאָס אין אייניגע געגענדען פון אויבער=דייטש-לאַנד האָבען פיעלע מענשען פון קאטאָלישען גלויבען, מענער און פרויען, זיך איבערגעגעבען צום טייפעל און פראווען כשוף, און אזוי האָבען זיי זיך ענטזאָגט פון דעם הייליגען קאטאָלישען גלויבען. מיט זייער צויבערישער קונסט רויבען זיי אוועק יונגע קינדער פון זייערע מוטערס, יונגע טיערען, פרוכט פון די בוימער, וויינטרויבען פון וויינשטאָק, זיי פערדאַרבען די תבואה אין די פעלדער און די גרינס אין די גערטנער; זיי פּלאָגען און פייניגען מענער, פרויען און פיה מיט אַלערליי יסורים".

אום אויסצוראָטען דיזען פערברעכען האָט מען בעשטימט ריכטער, וועלכע האָבען פיר דיזען צוועק פערפאַסט א געזעץ=בוך, וועלכעס האָט בע-שטימט גענוי, וואָס עס הייסט כשוף, און ווער עס הייסט א כשוף=מאַכער, וואָס מען דאַרף איהם משפט'ן, און אונטער וואָס פיר א שטראָף יעדער סאָרט כשוף=מאַכער מוז אונטערוואָרפען ווערען. אין יאָהר 1487 איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דאָס בעריהמטע אָפשייליכע בוך „מאַללעאוס מאַלעפיקארום", אָדער „דער העקסען=האַמער", וועלכעס האָט אייניגע הונדערט טויזענד מענשען געקאָסט דאָס לעבען און פערמעגען. דיזעס בוך האָט בעשריבען אויספיהרליך, וואָס פיר א סאָרט פייניגונג עס זאָל געברויכט ווערען אום צו דערגעהן די וואהרהייט. דאָס ערגסטע דערביי איז געווען, וואָס די ריכטער האָבען געהאַט דאָס רעכט צו משפט'ן נאָך זייער אייגענער איבערצייגונג, ניט אַכטענדיג זאָגאַר ווען די בעווייזען געגען די כשוף=מאַכערס און העקסען זיינען געווען ניט גענוג איבערצייגענד. דאָס האָט געגעבען דעם פּאָפּסט די מעגליכקייט צו פערברייטען דעם שרעקליכסטען פלוך איבער די קריסטליכע וועלט פון מערב=אייראָפּאַ.

מען וועט האָבען א גרויסען טעות, ווען מען וועט גלויבען, דאָס דער פּראָטעסטאַנטיזם איז געווען געגען דיזע נייע פערפאָלגונגען פון העקסריי. אין געגנטייל, די פּראָטעסטאַנטען זיינען אין דיזער זאַך געווען איינפערשטאַ-נען מיט די קאַטאָליקען. דער אונטערשייד צווישען די קאַטאָליקען און די פּראָטעסטאַנטען אין דיזער הינזיכט איז נאָר געווען, דאָס די קאַטאָליקען האָבען פערפאָלגט פיר העקסעריי מעהרסטענס מענער, וועהרענד די פּראָ-טעסטאַנטען האָבען פערפאָלגט פרויען. אזוי האָט זיך דער שייטערהויפען צופלאַקערט אין גאַנץ אייראָפּאַ: אין איטאַליען, שפּאַניען, דייטשלאַנד, ענג-לאַנד. ליידער האָט דער שייטערהויפען געברענט שטאַרקער און אָפטער פיר כשוף=מאַכעריי אין די לענדער, וואו דאָס ליכט פון רעפאָרמע האָט זיך העלער בעוויזען.

דאָס שרעקליכע קרימינאַל-געזעצבוך פון קאַרל דעם 5טען האָט נאָך דערצו איינגעפיהרט די געהיימע אינקוויזיטאַרישע מיטלען אַרויסצוקריגען פון די בעשולדיגטע אַ געשטענדניס (ווידוי). די געשטענדניס, וועלכע דער בעשולדיגטער האָט אַרויסגעגעבען אונטער שרעקליכע פּייניגונגען, איז גע-ווען פיר דאָס געזעצבוך און פיר די ריכטער דער בעסטער בעוויז, דאָס דער אָנגעקלאָגטער איזווירקליך שולדיג אין דעם פערברעכען פון העקסעריי, און מען האָט איהם גלייך פעראורטיילט. עס איז געווען גענוג, אַז איינער אָדער איינע זאָל אימעצען רופען „כשוף-מאַכער" אָדער „העקסע" אום דער ריכטער זאָל האָבען דאָס רעכט די אָנגערופענע צו פּאַלטערן ביז זיי זאָלען זיך מודה זיין און דאַן בעשטראָפען זיי לויט דעם געזעץ.

איבערהויפּט האָט זיך אָנגעפאַנגען די העקסען-פערפאָלגונג מיט אַלע איהרע גרויזאַמקייטען נאָך דעם, ווי דאָס געזעץ-בוך פון קאַרל דעם 5טען, אָדער ווי מען האָט עס דאַמאָלס גערופען, „די קאַראָלינאַ", איז אַריין אין קראַפט. דער פערשטאַנד בלייבט שטיל, די שטאַרקסטע נערווען ווערען אויפ-גערייצט לעזענדיג די שרעקליכע אונמענשליכע רציחות, וואָס זיינען דאַ-מאָלס בעגאַנגען געוואָרען מיט מענשליכע בעשעפּניסען אין נאָמען פון דער רעליגיאָן פון ליבע. די מענשהייט איז דאַמאָלס פּשוט בעפאַלען געוואָרען פון אַ רעליגיעזער משוגעת. די וועניגע בעסערע מענשען פון יענער צייט האָבען איינפאַך פערצווייפעלט אין דער מענשהייט מיט איהר מאָראַל. דאָ האַנדעלט זיך ניט פון איינצעלנע פאַקטען, נאָר פון אַן אַלגעמיינער עפּידעמיע. דאָס ווייזען קלאָר די פאָלגענדע ציפערן: אין איין קליינעם שטעדטיל נאָרד-לינגען האָט מען אין צייט פון 4 יאָהר, פון 1590 ביז 1594, הינגעריכטעט 32 מענשען פיר כשוף-מאַכעריי. אין ברוינשווייג האָט מען פון דעם יאָהר 1590 ביז 1600 פערברענט אַזוי פיעלע מענשען, דאָס די שייטערהויפענס אויסער דער שטאָדט זיינען געווען אַזוי ווי אַ גרויסער וואַלד. די קליינע גראַפשאַפט הענעבערג האָט אין יאָהר 1612 פערברענט 22 העקסען, און אין פערלויף פון דער צייט פון 1597 ביז 1676 האָט מען דאָרט פערברענט 197 מכשפים און מכשפות. אין אָפּפענבורג זיינען אין 4 יאָהר פערברענט געוואָרען 60 פערזאָן פיר כשוף. אין ראַטטווייל זיינען אומגעקומען פיר כשוף אין 16טען און 17טען יאָהרהונדערט 113 פערזאָן. אין ווירצבורג האָט מען אין 3 יאָהר פערברענט פיר דיזעס פערברעכען איבער 200 מענשען.

כמעט יעדער, וואָס איז געווען פערקלאָגט אין העקסעריי, איז געוואָרען הינגעריכטעט. זעהר זעלטען האָט געטראָפען, דאָס אַן אָנגעקלאָגטער זאָל פריינעשפּראָכען ווערען, ווייל די פּאַלטער-מיטלען, וואָס זיי האָבען דאַמאָלס



פערברענונג פון מכשפות און אפיקורסים אין פאַריז דורך אויפהייבען און אַראָפּלאָזען אין פייער.

געברויכט, האָבען געצוואונגען כמעט אַלעמען, וואָס זיינען געווען אָנגע־קלאָגט אין העקסעריי, זיך מודה צו זיין. דאָס געפּענגניס אַליין איז געווען אַ שרעקליכע פּאַלטער. דער אַרעסטאַנט איז געווען אַזוי ענג איינגעשלאָסען, דאָס ער איז ניט געווען אין שטאַנד צו ריהרען מיט אַ גליד. דער אָרט, וואו דער אונגליקליכער איז געווען איינגעשפּאַרט, איז געווען אַזוי קאַלט, דאָס עס פלעגען איהם אין ווינטער־צייט די פיס אַזוי פערפראָרען ווערען, אז מען האָט זיי שוין ניט געקנט ברייננגען צוריק צו זייער געוועהנליכען צושטאַנד. מען האָט די אַרעסטעאַנטען געגעבען זעהר ווענינ און זעהר שלעכטע שפּייז. מען האָט זיי ניט געגעבען קיין אָרט פיר שטוהלגאַנג, און די אונגליקליכע האָבען דאָס געמוזט האָבען אונטער זיך. זיי זיינען געווען געביסען פון ווע־רים, מייז און ראַטען. אין אַזאַ צושטאַנד פלעגען די אונגליקליכע פערבריינ־גען מאָנאַטען און אָפט זאָגאַר יאָהרען. דערצו האָט מען נאָך געברויכט שרעקליכע פּייניגונגען אום אַרויסצוקריגען פון זיי אַ געשטענדניס, דאָס זיי זיינען ווירקליך שולדיג אין דעם פערברעכען, אין וועלכען זיי זיינען אָנגע־קלאָגט. די פּאַלטער, וואָס מען האָט געברויכט ביי די העקסען־פּראָצעסען, זיינען געווען פיעל גרוי־זאַמער פון די אינקוויזיציאָנס־פּאַלטער. מען פלעגט זיי אויפהענגען אויף אַ באַלקען און אָנפּלאָזען אין אַ פייער, וואָס האָט גע־ברענט אונטען, און ווייטער אויפהויבען און ווידער אָנפּלאָזען, אום צו פערגרעסערן די ליידען און שמערצען, מיט דעם צוועק אַרויסצוקריגען אַ גע־שטענדניס.

ווי ווייט די ווילדע משוגעת פון די העקסען־פּראָצעסען איז געגאַנגען ווייזט פאָלגענדער פּראָטאָקאָל, וועלכער רעכענט אוים די קלאָגעס אויף וועל־כע אַ העקסע איז פעראורטיילט געוואָרען צום טויט נאָך אַ לאַנגער רייהע פון פּייניגונגען. נאָך דיזען פּראָטאָקאָל האָט זיך די אָנגעקלאָגטע איבערגע־געבען צום טייפעל און מיט איהר בלוט האָט זי זיך אונטערגעשריבען, דאָס זי האָט איהם איהר זעעלע פערקויפט; זי איז געפאָהרען אויף פיעלע טיי־פעלס־טענץ; זי האָט דעם טייפעל אָפּגעגעבען דעם הייליגען לייב פון קרים־טוס (ד. ה. די שטיקלאָך ברויט, וואָס מען גיט די קאַטאָליקען אין דער קירכע) נאָך דעם, ווי זי האָט עס אַריינגענומען אין מויל; נאָכדעם האָט זי געהאַט אַ סעודה מיט׳ן טייפעל; זי האָט זיך געטויפט צום שד; זי האָט דורך כשוף ערמאָרדעט 9 מענשען; זי האָט בעצויבערט 24 מענשען און האָט זיי פער־קריפּעלט; זי האָט פער׳כשוף׳ט 8 בהמות און זיי האָבען אויפגעהערט צו געבען מילך; זי האָט פון טייפעל איינינע מאָל בעקומען געלט; זי האָט אַרויסגעקראָגען פון 25 מענשען האָאָר אום זיי צו בעצויבערן, או. אנד.

מערקווירדיג איז, דאָס די העקסען־פערפאָלגונג איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער רענעססאַנס, ווען דער מענשליכער גייסט האָט זיך אָנגעפאַנגען צו בעפרייען פון דעם אבערגלויבען פון מיטעלאַלטער, און האָט זיך אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט ווּיסענשאַפטען. דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דעם הומאַניזם און דער רעפאָרמאַציאָן. און וואו זיינען צום מעהרסטען פאָרגעקומען די כשוף־פּראָצעסען? אין די מעהר ציוויליזירטע לענדער: אין פראַנקרייך, איטאַליען, ענגלאַנד און דייטשלאַנד.

איינעע נייע אונטערזוכונגען, וועלכע האָבען אַ מעדיצינישע גרונדלאַגע, האָבען אין דיזער פראַגע אריינגעבראַכט אַ ביסעל ליכט. איינע פון דיזע אונטערזוכונגען ערקלערט די זאַך אזוי: „עס איז אַ פאַקט, דאָס די העקסען פלעגען זיך בעשמירען מיט אַ געוויסער זאַלב, וועלכע האָט זיי פערשלעפערט, און זיי האָט זיך דאַמאָלס פאָרגעשטעלט, דאָס זיי געפינען זיך ערגעץ אין אַן אַנגענעהמער מענליכער געזעלשאַפט". גיילער פון קייזערסבערג דערצעהלט, דאָס אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך האָט זעלבסט געזעהען אין אַ דאָרף ביים רהיין, ווי אַ פרוי האָט זיך בעשמירט מיט'ן זאַלב און האָט זיך אריינגעזעצט אין אַ מולטער, וואו זי איז באַלד איינגעשלאָפען. אין שלאָף האָט זי זיך מיט דעם מולטער שטאַרק בעוועגט און זי האָט זיך מיט איהם איבערגעקעהרט. די זעלבע ערפאַהרונג האָט געהאַט אַ פלאָרענטינישער ריכטער פּאָאָלאָ מינוטשי מיט אַ פרוי, וועלכע מען האָט צו איהם געבראַכט צו משפט'ן אַלס העקסע. די פרוי האָט זיך מודה געוועזען, אַז זי בעזוכט אָפטער די העקסען שבת, ווען זי ווערט פערשוואונדען אין עולמות העליונים, און דאָס זי וועט עט בעווייזען דעם ריכטער היינט אָוועגד, ווען מען וועט איהר געבען די העקסען־זאַלב זי זאָל זיך מיט איהר איינשמירען. מען האָט איהר געגעבען די זאַלב, זי האָט זיך געלעגט אַ נאַקעטע אין אַ בעט, האָט זיך דערמיט בעשמירט און איז איינגעשלאָפען. דער ריכטער האָט זי צוגעבונדען צום בעט, און האָט געוואַרט צו זעהן וואָס וועט זיין דער סוף. עס איז אָבער קיין זאַך ניט געשעהען. מען האָט די העקסע גענומען וועקען, אָבער עס איז געוועזען אונמעגליך זי אויפצואוועקען. מען האָט זי געקניפען, געשטאָכען, געברענט אום זי אויפצואוועקען. אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען ביז זי האָט זיך אַליין אויפגעכאַפּט.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט זי דערצעהלט אַ לאַנגע געשיכטע, אין וועלכער עס זיינען געוועזען צונויפגעמישט איהרע אייגענע פאַנטאַזיעס, וואָס זי האָט געזעהען אין שלאָף, מיט די ליידען, וואָס מען האָט איהר פערשאַפט מיט'ן קנייפען, שטעכען און ברענען אום זי אויפצואוועקען. דאָס

איז געווען פיר דעם ריכטער אַ בעוויז, דאָס די גאַנצע געשיכטע פון פאָהרען אויף'ן העקסען־שבת איז איינפאַך אַן איינבילדונג, אַ פאַנטאַזיע. נאָך מעהר אינטערעסאַנט איז דער פערזוך, וואָס דער לייבאַרצט פון קאַרל דעם 5טען, אַנדרעאַס אַ לאַגונאַ, האָט געמאַכט מיט אַ פרוי אין נאַנסי אין יאָהר 1540. די פרוי האָט געליטען פון שלאָפלאָזיגקייט. ער האָט געפּרובּט איהר בע־שמירען דעם גאַנצען קערפּער מיט'ן העקסען־זאַלב. די פרוי האָט איינגע־שלאָפען אויף 36 שטונדען, און מיט גרויס מיה האָט מען זי פון דיזען שטאַר־קען שלאָף אויפגעוועקט. ווען זי האָט ערוואַכט, האָט זי זעהר בעדויערט, וואָס מען האָט זי אויפגעוועקט און מען האָט איהר געשטערט דעם פערגני־גען, וואָס זי האָט געהאַט פון דער געזעלשאַפט פון זעהר אַ שענעם יונגען מאַן.

פון דיזע ביישפּילען איז קלאָר צו זעהן, דאָס די העקסען־זאַלב איז גע־ווען אַ מין בערוישונגס־מיטעל, אַ מין שלאָפטראַנק, אַזוי ווי אָפּיום. מען פלעגט פריהער מאַכען די הויט רויט פון שטאַרק רייבען, אַזוי דאָס די זאַלב האָט לייכט געקענט אַריינקומען אין דאָס בלוט, אויף דעם שטייגער, ווי מען ברויכט היינטיגע צייטען די מעדיצין, וואָס מען שפּריצט איין אונ־טער'ן הויט אין די בלוט צו פערשיידענע קראַנקהייטען. די זאַלב פלעגט געמאַכט ווערען פון פעטס, בלוט, אויל און פון זאַפטען פון פערשיידענע קריי־טער און פלאַנצונגען, וועלכע האָבען געווירקט אויף דעם רוקען־מאַרך (חוט השדרה), און איבערהויפּט האָבען זיי ערוועקט די געשלעכטליכע ליידענ־שאַפטען. פון די זאַפטען פון די פלאַנצען האָט זיך די שלאָפענדע אויס־געדוכט, דאָס זיי פליהען. עס פערשטעהט זיך, דאָס מיט דער צייט האָ־בען זיי רואינירט זייער גאַנצען קערפּער. אייניגע פון די זאַפטען האָבען גע־ווירקט אויף די אויגען, וועלכע זיינען דערפון געוואָרען רויט. און די רויטע אויגען זיינען דאַמאָלס געווען אַ סימן פון אַ כשוף־מאַכערין. די זאַלב פלעגען צום מעהרסטען געברויכען פרויען, וועלכע האָבען פערבראַכט זייער יוגענד אין אויסגעלאַסענהייט און אויף דער עלטער זיינען זיי געבלי־בען איינזאַם, פון אַלעמען פערלאָזען, און מיט דעם מיטעל פון דיזער זאַלב פלעגען זיי וועניגסטענס אין חלום צוריקרופען די פערגניגענס פון געשלעכט־ליכער ליידענשאַפט, פון וועלכער זיי האָבען געהאַט פיעל פערגניגען אין זיי־ער יוגענד. דערמיט האָט זיך צום מעהרסטען בענוצט די אָרימע קלאַס פון פאָלק.

דיזעס ערקלערט אויך דעם פאַקט, וואָס די העקסעריי איז גראָד דאַ־מאָלס ענטוויקעלט געוואָרען אין פאָלק, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעפאַנ־גען שטאַרק צו אַרבּייטען אין דער געזעלשאַפט. אין יענער צייט זיינען אונגע־

הייער שטארק פערברייטעט געוואָרען נויט און עלענד, קראנקהייט און פער־ברעכען; די מענשען האָבען דאמאָלס געלעבט אין שטענדיגער אנגסט און אונזיכערהייט. דאָס אָרימע פאָלק האָט געזוכט צו פער׳שכור׳ן אַ ביסעל זיינע ליידען, וועניגסטענס אויף אַ קורצע צייט, אום צו פערגעסען זיינע צרות. און ווייל דיזעס איז פאָרגעקומען איבערהויפּט אין דער אָרימער קלאַס, דעריבער האָט מען די אָנגעקלאָגטע שטרענג בעשטראָפט, און מען האָט זיך ניט געקימערט אויסצוגעפינען די וואהרהייט. ווי אין היינטיגער צייט, זוכט דער אונגליקליכער צו פערטרינקען זיינע צרות אין שנאַפּס, האָבען עס אין יענע צייטען געזוכט יענע אונגליקליכע צו טאָן מיט׳ן העקסען־זאַלב. דער אונטערשייד איז נאָר אין דעם, דאָס דער היינטיגער שנאַפּס ווערט געמאַכט מיט דער ערלויבנים און אונטער דעם אויפזוכט פון דער רעגירונג, וועלכע מאַכט דערפון שווערע מיליאָנען, און עס ווערט זעהר אָפט געברויכט אויף פון די עדעלסטע און בעסטע פון פאָלק, און די זאַלב דאמאָלס איז געברויכט געוואָרען נאָר פון דער אָרימער קלאַס.

אין יענער צייט איז עס אָבער געווען אַ געפאהר פיר וועמען עס איז ארויסצוגעהן מיט אַ פּראָטעסט געגען די העקסען־פּראָצעסען און אויפווייזען די וואהרהייט. עס וואָלט דאמאָלס געווען זעהר לייכט ארויפצוציהען אויף זיך דעם חשד פון העקסעריי און צו ווערען געפאָלטערט, ווען מען וואָלט וואָ־גען די העקסען צו פערטיידיגען. דעריבער זיינען יענע מוטיגע מענער, וועל־כע זיינען ארויס דרייסט געגען די העקסעריי־בעשולדיגונגען, ווערט צו פער־נעהמען אַ וויכטיגען פּלאַץ צווישען די, וועלכע האָבען געקעמפט פיר מענש־ליכע רעכטען. דיזע מענער פערדינען מעהר אונזער דאנק און פערעהרונג איידער די בעריהמטע גרויסע עראָבערער און אונטערדריקער פון גאנצע פעל־קער. זיי, דיזע וואוילטעטיגע מענשען, האָבען פעריאָגט פון דער וועלט גרוי־סע ליידען פון דער אָרימער קלאַס און האָבען אין זייער קאַמף ניט פערגאָסען קיין טראָפּען מענשליכעס בלוט.

שוין אין 16טען יאָהרהונדערט זיינען מענשען ארויס מיט פּראָטעסטען געגען דער באַרבאַריי פון העקסען־פּראָצעסען, אָבער ליידער זיינען זייערע בע־מיהונגען געבליבען אָהן אַ שום ווירקונג. ערסט דער דייטשער יעזואיט פ ר י ע ד ר י ך פ א ן ס פּ ע ה אָט אין דיזען קאַמף געהאט אַ גרויסע ווירקונג. ספּעע איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1591 אין קאַיזערסווערטה ביים רהיין. אַלס יונגער מאַן האָט ער אריינגעטרעטען אין יעזואיטישען אָרדען. ער האָט מיט גרויס אייפער געשטודירט די פּרינציפּען פון דיזען אָר־דען און האָט זיך אָנגעאייגענט די גוטע זייט פון דיזער אָרגאַניזאַציאָן. ער

האָט זיך אין קאָלן איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע צו שטודירען פילאָ-זאָפיע און זיך אָנאייגנען די וואהרע מאָראַל. אין יאָהר 1627 איז ער פון אָרדען געשיקט געוואָרען נאָך פראַנקען אום צו זיין דאָרט אַ בייכטפאַטער (אַ גייסטליכער, וועלכע דאַרף זאָגען ווידוי מיט די פערורטיילטע צום טויט) פיר די העקסען און אַנדערע פערורטיילטע. זיין גוטעס עדעלעס הארץ האָט אין דיזער שטעלע זעהר געליטען. ער איז אַלע מאָל געקומען מעהר און מעהר צו דער איבערציינגונג, דאָס די אָפּפער, וועלכע ער דאַרף בעגלייטען צום טויט, זיינען אונשולדיג אין וועלכען עס איז פערברעכען. ער האָט אַרויס-געגעבען אַ ווערק, וועלכעס האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק.

ספּעע פלעגט זעהר אָפט וויינען מיט ביטערע טרערען אויף דעם שיקזאַל פון די אונגליקליכע אונשולדיגע אָפּפער. ער האָט פון דעם אַזוי פיעל מאָ-ראַליש געליטען, דאָס זיינע האָאָר זיינען איהם גרוי געוואָרען פאַר דער צייט. ווען זיין פריינד יאָהאַן פיליפּ שאָנבאָרן האָט זיך פערוואונדערט, וואָס ער איז אַזוי פריה געוואָרען וויים, האָט ער איהם געענטפערט: „מיין פריינד! די פיעלע העקסען, וואָס איך האָב געפיהרט צום טויט, זיי האָבען מיין קאָפּ וויים געמאַכט. איך האָב מיר געגעבען די מיה אויסצופאָרשען די וואהרהייט אין יעדען העקסען־פּראָצעס. איך האָב זיך ניט געקענט זאָגאַר איין מאָל איבערציינגען, דאָס די פערורטיילטע זיינען ווירקליך שולדיג אין דעם פער-ברעכען, אין וועלכען מען פערדעכטיגט זיי, און דאָך האָב איך טויזענדע אונ-שולדיגע אָפּפער געמוזט פיהרען צום שייטערהויפען. ווען דער שמערץ פון פאָלטער האָט ביי די אונגליקליכע גערויבט די בעזינונג און זיי זיינען געפאַ-לען אין חלשות, האָבען די פּייניגער פון זיי געמאַכט שפּאָס, דאָס זיי האָבען זיך יעצט איבערגעגעבען צום טייפעל און אונטערהאַלטען זיך מיט איהם, און אום אָפּצורייסען זיי פון דעם טייפעל האָט מען די פאָלטער פערגרעסערט. עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק, ווען איך דערמאָהן זיך אָן די שוידערהאַפטע סצענעס, וואָס איך האָב אָנגעזעהען די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין מיין טרויעריגען אַמט. וואָס איז אַלזאָ דער וואונדער, וואָס מיין קער-פּער איז פאַר דער צייט געוואָרען אַזוי אַלט און שוואַך!"

זיין בעריהמטעס ווערק „קרימינאַליסטישע פּאָרזיכט", אָדער „בוך אי-בער די פּראָצעסען געגען די העקסען, זעהר ניצליך צו לעזען פיר ריכטער, אַדוואָקאַטען, פירסטען, ראַטסלייט, בייכטפאַטערס פון פירסטען און בייכט-פאַטערס פון אָנגעקלאָגטע א. אז. וו.", — דיזעס בוך איז ערשינען אַנאָנים, ד. ה. אָהן דעם נאָמען פון פערפאַסער. אין דיזען בוך האָט ער געשילדערט די אונמענשליכקייט פון דער צייט, די גראָבע לוסט צו בלוט פון דעם אונ-

וויסענדען פאָלק און פון די פיינינגער. מיט אַן אמת גוטען, וואַרימען האַרץ האָט ער זיך אָנגענומען פיר די אונגליקליכע העקסען. זיין נאָמען האָט גע־מוזט פערשוויגען ווערען אויף דעם ווערק. ווען מען וואָלט דאַמאָלס גע־וואוסט, ווער דער פערפאַסער פון דעם בוך איז, וואָלט ער געוויס פעראור־טיילט געוואָרען צום טויט. די ערסטע פרוכט פון זיין מענשענפריינדליכען ווערק איז געוועזען, דאָס זיין פריינד, דער ערץ־בישאָף יאָהאַן פיליפּ פון שאָנ־באָרן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען קורפירסט פון מאַינץ, האָט אין זיין לאַנד אָפּגעשאַפט די העקסען־פּראָצעסען און די פּאָלטער.

אָנפאַנגס איז דאָס ווערק פון ספּע געגאַנגען נאָר אין כתב־יד. יע־דערער, ווער עס האָט עס געוואָלט, פלעגט עס איבערשרייבען פיר זיך. מען האָט עס מורא געהאַט צו דרוקען. אָבער אין יאָהר 1631 איז עס ענדליך געדרוקט געוואָרען אין פראַנקפורט. דאָס ווערק האָט דאַן געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק אויף פיעלע דענקענדע מענשען. זיינע לעצטע יאָהרען האָט ספּע פערבראַכט אין טריער. אויך דאָ האָט ער געצייגט שענעביישפּילען פון זיין אונענדליכער מענשען־ליבע. אין יאָהר 1635 איז די שטאָדט טריער בעזיגט געוואָרען פון קייזער. אין דער שלאַכט זיינען געפאַלען זעהר פיעלע מענשען פוןביידע זייטען. ספּע האָט אויף קיין געפאַהר ניט געאַכטעט און איז גע־לאָפען אין מיטען דער שיסעריי, ווען עס האָט גערעגענט מיט קוילען, אום צו העלפען די פערוואונדעטע, צו רעטען זיי אָדער וועניגסטענס צו ערלייכ־טערן זייערע שמערצען. עס איז איהם ניט געוועזען קיין אונטערשייד, ווער עס איז געוועזען דער פערוואונדעטער, פון פריינד אָדער פון פיינד. ער האָט געזוכט צו פערגרינגערן די ליידען פון אַ מענשליכען וועזען, ווער עס זאָל ניט זיין. צוליב זיין גרויסער אָנשטרענגונג איז ער קראַנק געוואָרען מיט אַ שטאַר־קען פיבער און איז דערפון געשטאָרבען דעם 7טען אויגוסט 1635. ביי זיין לעבען איז ספּע געוועזען ניט זעהר בעקאַנט. אָבער די שפּעטערדיגע דורות האָבען איהם אָנערקענט פיר איינעם פון די גרעסטע מענשענפריינד. ליידער איז זיין נאָמען נאָך היינט ניט גוט בעוואוסט. זעהר וועניגע מענשען האָ־בען ווי ער געווידמעט זייער לעבען צו העלפען אונגליקליכע און ליידענדע מענשען. נאָך זיין טויט זיינען פערעפענטליכט געוואָרען איינינגע פון זיינע שירים, וועלכע צייגען אויך אויף זיין גוטעס הערץ, זיינע עדעלע געפיהלען און הייסע מענשען־ליבע.

דער ביישפּיל פון ספּעע'ס מענשענפריינדליכקייט האָט ערמונטערט פיעלע אַנדערע מענער איהם נאָכצוטאָן און אַרויסטרעטען אָפען צו פערטיי־דיגען די העקסען. אָבער זייער ווירקונג איז ערסט אויסגעפאַלען אין שפּע־

טערע צייטען. דעם ריכטיגען טויט־קלאַפּ צו דיזע בעשולדיגונגען האָבען גע־
געבען די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען און ענטדעקונגען פון די שפּעטערע
יאָהרהונדערטער. דיזע פאָרשונגען האָבען בעקעמפט דעם אַבערגלויבען,
וועלכען די רעליגיאָן האָט פערברייטעט און אונטערגעהאָלפען. די וואַהרע
זיטליכקייט ליגט אין דעם פערשטאַנד, ניט אין דער רעליגיאָן. די קריסט־
ליכע קירכע האָט די זיטען פון מענשען ניט געבעסערט, אין געגענטייל, זי
האָט די מענשהייט פערפיהרט אין דעם טיפסטען זומפּ פון פערדאָרבענהייט,
זי האָט פערוואַנדעלט מענשען אין ווילדע טיערען. די מענשהייט וואָלט אין
גאַנצען געווען אונטערגעגאַנגען אונטער דעם אײַנפלוס פון דער קירכע, ווען
די וויסענשאַפט פון דער נייער צייט וואָלט זיי ניט גערעטעט און אַרויסגע־
צויגען פון דעם זומפּ, אין וועלכען די קירכע האָט זיי אַריינגעוואָרפען.



די געשיכטע פון פראַנקרייך פון פראַנץ דעם 1טען ביז לודוויג דעם 14טען.

א. פּאָליטישע געשיכטע ביז היינריך דעם 4טען.

מיט דעם 16טען יאָהרהונדערט פאַנגט זיך אויך אָן אין פראַנקרייך א נייע עפּאָכע. לאָמיר פריהער בעטראַכטען די פּאָליטישע זייט. 400 יאָהר האָבען די קעניגען פון פראַנקרייך געשטרעבט צו פערניכטען די מאַכט פון די גרויסע און צו גרינדען א שטאַרקעס פעראייניגטעס רייך. הונ-דערט יאָהר האָבען די ענגלענדער געשטערט דיזען פּלאַן דורכצופיהרען, ביז עס איז ענדליך געלונגען די קעניגען פון פראַנקרייך אַרויסצוטרייבען די ענג-לענדער פון לאַנד. מיט אויסנאַהמע פון קאַלעי איז ביים נאָרדליכען ים און די ברעגען פון קאַנאַל און דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן ניט געווען קיין אַנ-דער הערשאַפט ווי די פראַנצויזישע. עס איז דאָרט אַפילו ניט געווען קיין אָפענער האַפען פיר פרעמדע. דער גאַנצער נאָרדליכער אָפּהאַנג פון די פּי-רענעאישע בערג, וועלכע זיינען צווישען פראַנקרייך און שפּאַניען, האָט גע-הערט צו פראַנקרייך, אויסער רוססילליאָן. צו פראַנקרייך האָט אויך גע-הערט מאַרסעיל אין מיטלענדישען מעער. די אַלפּען זיינען געווען די גרענעץ ביז צו סאַוואָיען. נאָר אין נאָרד און נאָרד-אָסט זיינען די גרענצען געווען זעהר שלעכט פעסטגעשטעלט.

אין אינערען זיינען די קעניגען געווען נאָהענט צו זייער ציל. די אייני-גונג פון דער נאַציאָן איז געגאַנגען פאָרווערטס, אימער נעהנטער צום ציל. די געזעצען פון דעם פעאָדאַל-סיסטעם זיינען ביסלאַכווייז אָפּגעשאַפט געוואָ-רען, און אַנשטאַט דיזע געזעצען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען געזעצען, וועלכע זיינען געווען פּאַסענד פיר דאָס גאַנצע פאָלק. לויט דיזע געזעצען איז יעדערער גערעכענט אַלס אונטערטאַן פון דעם קעניג. אין דיזער הינזיכט איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישען פראַנקרייך און דייטש-לאַנד. אין דייטשלאַנד איז דאַמאַלס דאָס לאַנד צוטיילט געוואָרען מעהר און מעהר אויף קליינע טעריטאָריעס און אין יעדער טעריטאָריע האָט גע-

הערשט אַן אבסאָלוטער פירסט. די איינוואוינער פון יעדער טעריטאָריע האָבען זיך גערעכענט די אונטערטאַנען פון זייער פירסט. פון זיין אונ־טערטאַנען צום קעניג פון לאַנד האָבען זיי ניט געוואוסט. אין פראַנקרייך דאַגעגען האָט דער קעניג בעזייטיגט אַלע טעריטאָריאַל־הערען, ער איז גע־ווען ניט נאָר דער אויבערהערר אין לאַנד, נאָר אויך דער איינציגער. און די־זער אונטערשייד אין פּאָליטישער הינזיכט האָט זיך גענומען פון דעם אונ־טערשייד פון דיזע צוויי לענדער אין עקאָנאָמישער הינזיכט. פראַנקרייך איז כמעט אין איין צייט ציוויליזירט געוואָרען אין אַלע טיילען גלייך, וועה־רענד אין דייטשלאַנד איז אין דיזען פּרט געווען אַן אונטערשייד צווישען נאָרד און זיד, אָסט און וועסט. פראַנקרייך איז עקאָנאָמיש ווירקליך געווען איין לאַנד, וועהרענד דייטשלאַנד איז געווען עקאָנאָמיש צוריסען.

אין פראַנקרייך האָבען די קאָמונעס, די קליינע רעפּובליקען, געמוזט אויפגעבען זייערע פּריווילעגיעס און די גרונד־הערען האָבען פערלאָרען זיי־ער אונאָפּהענגיגקייט. די בויערן, וועלכע זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער געוויסע הערען, זיינען בעפרייט געוואָרען פון זייער יאָך. מיט דיזען אופן זיינען די קלאַסען מעהר און מעהר אויסגעגליכט געוואָרען, אייניגע האָבען אַ ביסעל אַרונטערגעשטיגען, אַנדערע האָבען אַ ביסעל אַרויפגעשטיגען, און אַלע זיינען אויף אַזאַ אַרט געוואָרען נעהענטער איינער צום אַנדערען. עס איז געוואָרען איין נאַציאָן, איין קעניג און איין פראַנקרייך. די פראַנצויזישע שפּראַך איז געוואָרען די אַלגעמיינע שפּראַך פיר דאָס גאַנצע פאָלק. אויף דיזער שפּראַך האָט מען געשריבען אַלע רעגירונגס־אַקטען, און אַלע האָבען פערשטאַנען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. די לאַטיינישע שפּראַך, וועלכע האָט געהערשט אין רעגירונגס־קרייזען, איז אַרויס פון געברויך. די פראַנ־צויזישע שפּראַך איז געוואָרען די הויפּט־שפּראַך פון דער אייראָפּעאישער דיפּלאָמאַטיע, זי איז געוואָרען די אַלגעמיינע שפּראַך פון די העכסטע קלאַסען און פון דעם אַדעל פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער. שוין קאַרל דער 5טער און זיין ברודער האָבען געוועהנליך גערעדט פראַנצויזיש.

דער פירסט, וועלכער האָט געשאַפען די נייע עפּאָכע אין פראַנקרייך, איז געווען **פראַנץ דער 1טער**, וועלכער האָט רעגירט פון 1512 ביז 1547. זיין ערציהונג איז זעהר פערנאַכלעסיגט געוואָרען. זיין עהרגייציגע און געוויסענלאָזע מוטער האָט איהם נאָכגעגעבען אַלע זיינע פערלאַנ־גען און ליידענשאַפטען אום דערמיט איהם צובינדען צו זיך. און ער האָט ווירקליך איבערגעלאָזען די רעגירונג פון לאַנד צו זיין מוטער און איהרע גינסטלינגען, און אַליין האָט ער זיך איבערגעגעבען צום קריג. מיר האָבען

שוין פריהער דערצעהלט וועגען זיין קריג מיט מאַילאַנד איבער די רעכטען פון פראַנקרייך אויף דיזען געביט. נאָך דעם זיג, וואָס פראַנץ דער 1טער האָט געהאַט ביי מאַריניאַנאָ דעם 13טען און 14טען סעפטעמבער 1515, האָט דער הערצאָג ספאָרצאַ איבערגעגעבען זיין הערשאַפט איבער מאַילאַנד צו פראַנץ'ן פיר אַ פענסיאָן פון 30,000 דוקאַטען אַ יאָהר.

דער הויפּט פון דער ליגאַ און פון דעם הויז מעדיטשי, דער פּאַפּסט לעאָ דער 10טער, איז אַליין געקומען נאָך באָלאָניאַ אום אַנצונעהמען די פרידענס-בעדינגונגען פון דעם זיגער פראַנץ דעם 1טען. דער פּאַפּסט איז געווען בע-רייט אויף גרויסע אָפּפער אין איטאַליען, אָבער געגען זיינע ערוואַרטונגען זיינען די אומשטענדען געווען פיר איהם זעהר גינסטיג. עס איז צווישען איהם און דעם קעניג געקומען צו אַזאַ אָפּמאַך, דאָס זייערע ביידענס אינ-טערעסען זיינען געווען געזיכערט אויף דער רעכנונג פון אַנדערע קלאַסען.

געגען דיזען אָפּמאַך האָט זיך אויפגעהויבען אַ שרעקליכער שטורם פון פּראָטעסטען. עס האָבען פּראָטעסטירט די פּאַרלאַמענטען, די אוניווערזיטע-טען, די גייסטליכע, און אַנדערע. דיזער אָפּמאַך האָט איבערגעגעבען די גייסטליכע אין די הענט פון קעניג, וועלכער האָט שוין געהאַט אין זיינע הענט דעם אַדעל און די בורזשואַ (בירגער-קלאַס). דער פּאַרלאַמענט אין פּאַריז האָט 18 מאָנאַטען לאַנג ניט געוואָלט אָנערקענען דעם אָפּמאַך. ענד-ליך האָט איהם דער קעניג געצוואונגען צו אָנערקענען דעם קאָנקאָרדאַט (דעם אָפּמאַך צווישען דעם קעניג און דעם פּאַפּסט). אָבער אין דער פּראַקטיק האָט דיזע אָנערקענונג ניט געהאַט קיין ווערט, ווייל דער פּאַרלאַמענט האָט געשטיצט די גייסטליכע אין אַלע זאַכען, אין וועלכע דער קעניג האָט זיי גע-וואָלט דריקען. דער קעניג איז געגען דעם פּאַרלאַמענט געווען אָהנמעכטיג. עלף יאָהר האָט ער געקעמפט מיט'ן פּאַרלאַמענט, ביז ער האָט ענדליך אויס-געפיהרט, דאָס פּראָצעסען צווישען דער רעגירונג און גייסטליכע און קלויס-טערס זאָלען אַרויסגענומען ווערען פון די הענט פון פּאַרלאַמענט און זאָלען איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון אַ בעזונדערען געריכט, וועלכעס האָט דאַמאָלס געהייסען „דער גרויסער ראַט". דער קאָנקאָרדאַט איז ענדליך אָנ-גענומען געוואָרען, אָבער ער איז געבליבען אימער פערהאַסט.

נאָך דעם, ווי קאַרל דער 5טער האָט בעשטיגען דעם דייטשען קייזער-ליכען טראָן, האָט זיין מאַכט איבערגעשראָקען אַלע אייראָפּעאישע מעכטען, וועלכע האָבען געקוקט אויף איהם ווי אויף אַ גרויסע געפאַהר פיר זיי. דער עהרגייציגער פראַנץ דער 1טער האָט בעשלאָסען אַריינצוגעהן אין אַ קריג מיט קאַרל דעם 5טען אום זיין מאַכט אָפּצושוואַכען. ער האָט גערעכענט

אויף זיין רעספעקטירטע מאַכט, אויף זיין רייכע בעפעלקערונג, וועלכע איז איהם ווירקליך געווען איבערגעגעבען. דיזעס אַלעס, האָט ער גערעכענט, וועט איבערוועגען די מאַכט פון קאַרל׳ס רייך, וועלכעס איז צוריסען אויף שטיקלאַך. דיזעביידע מאָנאַרכען האָבען יעדער געזוכט די פריינדשאַפט פון היינריך דעם 8טען, דעם קעניג פון ענגלאַנד. היינריך האָט געפונען פיר ניצליך צו בעפריינדען זיך בעסער מיט קאַרל׳ען.

פראַנץ דער 1טער.

פראַנץ׳ן האָט אַפילו זעהר געקרענקט וואָס ער האָט אויף׳ן דיפּלאָמאַטישען וועג ניט געהאַט קיין ערפאָלג און היינריך דער 8טער האָט בעסער געשלאָסען פריינדשאַפט מיט קאַרל׳ען איידער מיט איהם, אָבער ער האָט זיך געטרויסט, דאָס אויף׳ן שלאַכטפעלד וועט ער זיגען. אָבער מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, ווי וועניג ערפאָלג ער האָט געהאַט אין זיינע פעלדצוגען. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס נאָך פיעלע נידערלאַגעס איז ער געפאַנגען געוואָרען ביי פּאַוויאַ, און עס האָט זיך געענדיגט מיט דעם בעוואוסטען דאַמענפרידען אין קאַמברעי.

דער פרידען אָבער צווישען דעם קייזער און פראַנץ דעם 1טען האָט נאָר געדויערט ביז ענדע פון יאָהר 1535. אין דיזער קורצער צייט האָט פראַנץ אָרגאַניזירט א גרויסע אַרמעע פון 42,000 מאַן אינפאַנטעריע (פוס־סאָלדאַ־טען) פון עכטע פראַנצויזען, אַנשטאָט וואָס פריהער איז זיין אַרמעע בעשטאַ־נען פון געדונגענע סאָלדאַטען פון דער שווייץ און דייטשלאַנד. פראַנץ איז אויך אריין אין א פערבינדונג מיט טערקיי און האָט פון איהר געקראָגען א פערשפרעכען, דאָס זי וועט איהם העלפען אין זיין קריג מיט קאַרל דעם 5טען. די וועלט האָט עס געהאַלטען פיר א סקאַנדאַל, דאָס דער קעניג פון אַלע קריס־טען, ווי דער פראַנצויזישער הערשער האָט דאַמאָלס געהייסען, זאָל זיך פער־איייניגען מיט דעם גרעסטען שונא פון פאַפּסט, מיט דעם גרעסטען שונא פון קריסטענטום. פיר פראַנץ דעם 1טען איז עס געווען פון די קלענסטע זאַכען צו אָפּפערן די אינטערעסען פון דער רעליגיאָן צו די אינטערעסען פון דער פּאָליטיק.

פראַנץ דער 1טער האָט זיך דאַן בעמעכטיגט איבער סאַוואָיען און פּיע־מאָנט. קאַרל דער 5טער האָט דערפאַר אַנגעגריפען די פּראָוואַנס, אָבער אָהן ערפאָלג. דער פּאַפּסט פּאַול דער 3טער האָט אַנגעווענדט אַלע זיינע קרעפטען און האָט אויסגעווירקט א וואַפען־שטילשטאַנד (1538). אָבער דער קייזער איז ניט נאָכגעקומען אַלע פאָדערונגען פון דעם וואַפען־שטילשטאַנד, און פראַנץ דער 1טער איז דעריבער געווען געצוואונגען איבער־אַ־נייס נעהמען זיך צו די וואַפען. דערצו האָט ער איינגעלאַדען טערקיי זי זאָל פערוויסטען איטאַליען. די שלאַכט איז פאָרגעקומען אין צוויי ערטער מיט פערשיידענעם ערפאָלג. אין זיד האָבען די פראַנצויזען געשלאָגען די קייזערליכע, אין דער אַנדערער זייט אָבער האָט קאַרל מיט זיין בונד־חבר הייגריך דעם 8טען געמאַכט ער־אָבערונגען אין פראַנקרייך און זיי זיינען געקומען נאָהענט צו פּאַריז. דעם 18טען סעפּטעמבער 1544 איז צווישען די שטרייטענדע געשלאָסען געוואָרען דער פרידען אין קרעפּי, וועגען וועלכען מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, און נאָכדעם איז אין יאָהר 1546 געמאַכט געוואָרען מיט ענגלאַנד א פערטראַג, וועלכער איז געווען זעהר ניט גינסטיג פיר פראַנקרייך. 30 יאָהר האָט פראַנץ געאַרבייט שווער אום צוריקצושטעלען די פראַנצויזישע מאַכט אין איטאַליען, פיעלע טויזענדער מענשען־לעבענס זיינען דערביי אומגעקומען, פיעלע שווערע מיליאָנען זיינען פערלאָרען געגאַנגען אומזיסט. זיין וואונש איז ניט ערפילט געוואָרען. די מאַכט פון די האַבסבורגער איז יעצט געווען אין איטאַליען נאָך שטאַרקער ווי פריהער.

אונטער פראַנץ דעם 1טען האָט זיך אָנגעהויבען די ערסטע פערפאָלגונג פון די פּראָטעסטאַנטען אין פראַנקרייך. אייגענטליך האָט לוטהער'ס לעהרע געהאט אין פראַנקרייך אַ זעהר קליינעם ערפאָלג. אין דער צייט פון דעם קריג מיט קאַרל'ען האָט פראַנץ געלאָזען צו רוה די דיסידענטען (אַנדערש-גלויבענדע). אַנדערש איז עס אָבער געוואָרען ווען די ווידערטויפער האָבען זיך אויפגעהויבען אין נידערלאַנד. ווען עס איז געקומען דערצו, דאָס די פּראָטעסטאַנטען האָבען אָנגעהויבען אָנצוגרייפען די הייליגקייט פון אייגענטום, האָט דאַמאָלס געגומען אַן ענדע צו דער טאָלעראַנץ פון רעליגיאָן, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שרעקליכע פערפאָלגונג. זעהר פיעלע מענשען זיינען אין פּאַריז פערברענט געוואָרען. מען האָט פערברענט אַ פרוי פון אַ שוסטער נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געפאַסט פרייטאָג כמנהג הקאַטאָליקען. די גרויזאַמקייט איז געוואַקסען אין דער צייט פון דער פערפאָלגונג. פריהער פלעגט מען אַ פּראָטעסטאַנט טויטען און דערנאָך פערברענען. שפּעטער האָט מען זיי אָנגעפאַנגען צו פערברענען לעבעדיגערהייד, ווי אין דער אינקוויזיציאָן. דעם 29טען יאַנואַר האָט די רעגירונג ארויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס יעדער, ווער עס וועט בעשיצען אַ פּראָטעסטאַנט, זאָל אונטערוואָרפען ווערען דער זעלבער שטראָף, ווי דער פּראָטעסטאַנט זעלבסט. דער מוסר, וואָס האָט אָנגעוויזען אויף אַ פּראָטעסטאַנט, האָט בעקומען פיר זיין מסירה אַלס בעלוינונג אַ טייל פון די קאָנפיסקירטע גיטער, וואָס האָבען געהערט צום פּראָטעסטאַנט.

אָבער דאָס אַלעס איז נאָר געווען אַ פאָרשפּיל צו אַ גרויסען שרעקליכען בלוט-באָד. די וואַלדענזער פון די הויכע פּיעמאָנטישע אַלפּען האָבען צו ענדע פון 13טען יאָהרהונדערט געגרינדעט אַ קאָלאָניע, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ זעהר גלענצענדען צושטאַנד אַ דאַנק זייער אונגעוועהנליכען פליים. ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, דאָס גאַנצע פעלקער האָבען פון זיך אָראָפּגעוואָרפען דעם יאָך פון פּאַפּסט, האָבען זיי זיך אויך פערבונדען מיט די פּראָטעסטאַנטען. דאַמאָלס האָט דער קעניג געגעבען אַ בעפעהל זיי צו פערפאָלגען. אין אַפּריל האָט ער אַרויסגעשיקט אַ קליינע אַרמעע אום אויסצופיהרען זיין שטראָף-געריכט. די דערפער פון דער אומגעגענד פון מערינדאָל זיינען פערברענט געוואָרען. די פרויען, וועלכע זיינען צולאָפען פריהער, האָט מען אַרונטערגעוואָרפען פון פעלזען פון שלאָס און זיי זיינען אויף'ן אָרט דער'הרג'עט געוואָרען. אין דעם פעסטען פּלאַץ קאַבריער האָט מען אַלעמען ערמאָרדעט. אייניגע פרויען האָבען זיך בעהאַלטען אין אַ שייער פון תבואה, האָט מען דעם שייער אונטערגעצינדען, און ווען די פרויען זיינען פון דאָרט

ארויסגעלאפען האט מען זיי מיט די שפיזען צוריק אריינגעטריבען אין פייער. אזוי זיינען צושטערט געווארען 3 שטעדט און 22דערפער, 3,000 פערזאנען זיינען אויסגעשלאכטעט געווארען און 700 זיינען פערשיקט געווארען אויף די קעניגליכע גאלעערען (קאטארגע־שיפען). זעהר פיעלע, וועלכע האבען זיך געראטעוועט אין די וועלדער, זיינען אומגעקומען פון הונגער. 15 מייל ארום דער גאנצער געגענד איז ניט געבליבען קיין איין הויז, קיין איין בוים.

איבער דער פערזענליכקייט פון פראנץ דעם 1טען איז פיעל געשריבען געווארען. מיר ווילען דא נאר דערמאהנען, דאס ער איז געווען א שרעקליכער היפאקריט. ער איז געווען שרעקליך אויסגעלאסען און ער האט געטראגען א פרומע מאסקע. ער האט אבער ליב געהאט וויסענשאפט און קונסט. ער האט געגרינדעט די אוניווערזיטעט אין אנגולעם. ער האט אין זיין לאנד געבראכט בעריהמטע קינסטלער. ער האט געהייסען זאמלען העברעאישע און גריכישע מאנוסקריפטען (כתב יד'ן) און האט געגרינדעט פיעלע ביבליאטהעקען.

עס איז אויך וויכטיג צו דערמאהנען די ענדערונגען, וואס ער האט געמאכט אין זיין אינערליכער פאליטיק אין דער צייט פון זיין רעגירונג.

אין זיין צייט האבען די אונטערטאנען ניט געהאט קיין זיכערהייט געגען אונטערדריקונג, אפילו ווען דיזע איז געווען שרעקליך אונגערעכט. דער ווילען פון פירסט איז געווען א געזעץ, און קיין מאכט האט ניט געקענט טאן עטוואס דאגעגען. די פראנצויזישע קעניגען זיינען געווען קייזארים אין זייער לאנד. זיי זיינען געווען אבסאלוטע הערשער ווי די רוימישע צעזארען אין זייער צייט.

אין מיטען פון 16טען יאהרהונדערט האט אין פראנקרייך עקסיסטירט נאר איין איינציגעס גרויסעס פעאדאל־הויז, דאס הויז פון בורבאן־נאווארא. אבער דער הויפט פון דיזען הויז, אנטאן, האט ניט געהאט קיין אנזעהן און קיין איינפלוס. אונטער דעם נידערען אדעל האבען זיך נאך געפונען זעהר פיעלע גרויסע גוטס־בעזיצער. אבער דיזע גרויסע גוטס־בעזיצער זיינען געווען אונטער דער קאנטראלע פון די קעניגליכע בעאמטע, וועלכע האבען זיי ניט דערלאזען צו בעגעהן צו פיעל אונגערעכטיגקייטען געגען זייערע לייב־אייגענע. אום עס זאל הערשען גערעכטיגקייט אויך אין די גאנץ ווייטע פראווינצען, זיינען געווען בעשטימט געוויסע טעג, אין וועלכע די קעניגליכע בעפולמעכטיגטע פלעגען זיך צוזאמענקומען אויסצוהערען פערשיידענע קלאגעס פון בעדריקטע געגען בעדריקער און מען האט גע'משפט לויט שטרענגער גערעכטיגקייט. אבער דיזעס האט געהאט דעם צוועק ניט די גערעכטיגקייט

זעלבסט, נאָר דאָס די בויערן, וואָס האָבען געהערט צו די הערען, זאָלען זיין טריי דעם קעניג און ווערען אונטריי צו די גרונד־בעזיצער. אין יאָהר 1531 זיינען פעראורטיילט געוואָרען 500 גרונד־בעזיצער, צווישען וועלכע עס זיינען געווען פיעלע אדעלליים. די פּאָליטישע מאכט איז פון דעם אדעל אין גאַנצען



וויֵ פּראָטעסטאַנטישע פרויען ווערען געשליידערט פון אַ פעלז.

צוגענומען געוואָרען. זיי האָבען צווישען זיך מעהר ניט געפיהרט קיין שטריי־טען, האָבען ניט געהאַט קיין דעה אין בעשטימען שטייערן, און האָבען ניט גענומען קיין אַנטייל אין דער געזעצגעבונג.

דער קאָנקאָרדאַט (אָפּמאַך), וואָס דער קעניג האָט געשלאָסען מיט'ן פּאַפּסט אין יאָהר 1516, האָט איבערגעגעבען די קלעריקאַלען אין די הענט פון די קעניגען. צוזאַמען מיט דעם האָט פראַנץ דער 1טער געצוואונגען די מאָנאַסטירען, זיי זאָלען אויפנעהמען קראַנקע סאָלדאַטען און געבען זיי די נעטיגע אויפּפּאַסונג. ער האָט געצוואונגען די גייסטליכע צו געבען איהם מעשר (אַ צעהנטעל) פון זייערע איינקונפטען. די בישאָפען האָבען דיזע שטייערן גערופען „פרייוויליגע געשענקען", הגם זיי זיינען גאָר ניט געווען פרייוויליג, ווייל דער קעניג האָט זיי געפאָדערט 5 מאָל אַ יאָהר, יעדעס מאָל ניט וועניגער פון 400,000 פראַנק.

אויך די ריכטער זיינען געווען אונטער דעם יאָך פון קעניג. די ריכטער האָבען פריהער געשפּילט אין לאַנד אַ זעהר וויכטיגע ראָלע. זייער אַמט איז געווען אַ לעבענסלענגליכעס, צוליב די גרויסע קענטניסען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט. אין די פּאַרלאַמענטען האָבען זיי געהאַט אַ גרויסען פּאָליטישען איינפלוס און גרויסע רעכטען, און קיין קייזערליכער אַקט האָט ניט געהאַט אַ ווערט איידער זיי, די געלעהרטע יוריסטען, האָבען איהם סאַנקציאָנירט (געגעבען דערויף זייער הסכמה). פראַנץ דער 1טער האָט פון זיי דיזעס רעכט צוגענומען. אין יאָהר 1527 האָט ער פערבאָטען דעם פּאַרלאַמענט אין פּאַריז צו מישען זיך אין שטאַאַטס-זאַכען, און האָט איהם, דעם פּאַרלאַמענט, ערלויבט נאָר צו מאַכען בעמערקונגען וועגען פער-בעסערונגען פון געזעצען. דער פּאַרלאַמענט האָט געגען דעם גאָר ניט פּראָ-טעסטירט, אין געגענטייל, ער האָט געזוכט און געגריבעלט אין די רוימישע געזעצען, וועלכע זיינען געווען פיר דעם פּאַרלאַמענט די הויפּט-פּרינציפּען פון רעכט, און דער פּרעזידענט פון פּאַריזער פּאַרלאַמענט האָט אָפען ערקלערט, דאָס דער קעניג שטעהט העכער פון געזעץ. די פּאָלקס-פערזאַמלונגען פון אַלע שטאַנדען האָט ער אין גאַנצען אָפּגעשאַפט.

דער סאָרט פערוואַלטונג, וואָס דער קעניג האָט איינגעפיהרט, די גרויסע צאָהל פון מיליטער און דער אונגעהייערער לוקסוס אין הויף האָבען געפאָ-דערט ריזיגע סומעס געלט. אום עס זאָל איהם לייכטער זיין צו נעהמען פון דער אַלגעמיינער קאַסע ווי פיעל ער וויל, האָט פראַנץ דער 1טער פעראייניגט זיין אייגענעם שאַץ מיט דעם שאַץ פון שטאַאַט. די שטייערן, וועלכע האָבען פריהער איינגעבראַכט 7 מיליאָן אַ יאָהר, האָט ער אויפגעבראַכט ביז 16 מיליאָן; אויסער דעם האָט ער אויך פערגרעסערט די זאַלץ-שטייער. אין יאָהר 1522 האָט ער געמאַכט די ערסטע אַנלייהע פיר פראַנקרייך. ער האָט געליהען 200,000 ליוור און האָט געצאָהלט 8½ פּראָצענט. אין

דעם זעלבען יאָהר האָט ער געבילדעט אַ פערטע קאַמער אין פּאַרלאַמענט פון פּאַריז. דאָס איז געווען אַ מיטעל צו מאַכען געלט. ער האָט די שטעלעס אין דיזער קאַמער פערקויפט און האָט דערפון אַריינגענומען 1,200,000 ליוור. פון דאַמאָלס אָן האָט ער אָנגעהויבען צו פערקויפען אַלע רעגירונגס־שטעלעס: ריכטער־עמטער, פינאַנץ־עמטער, פערוואַלטונגס־עמטער, א. אַז. וו. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס די צאָהל פון בעאַמטע איז געוואָרען אונגעהייער גרויס, און די קאָסטען פון אַ פּראָצעס האָבען געשטיגען זעהר הויך. אום צו פערגרעסערן נאָך מעהר די איינקונפטען פון דער רעגירונג האָט ער אײנגעפיהרט אַ לאָטעריי־שפּיל. דאָס איז אייגענטליך אַן איטאַליענישע ערפינדונג. די ערסטע לאָטעריי אין פראַנקרייך איז אײנגעפיהרט געוואָרען אין יאָהר 1539. עס פערשטעהט זיך, דאָס די רעגירונג האָט דערפון אַרונטערגענומען אַ גרויסען פּראָצענט.

די רעגירונג פון היינריך דעם 2טען (1547—1559) האָט זיך אָנגעפאַנגען זעהר ערנסט. מען האָט זיך גענומען ערנסט צו אונטערזוכען די מערדערייען, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען געגען די וואַלדענזער און צו בעשטראָפען די שולדיגע. אָבער עס האָבען זיך אין דעם אַריינגעמישט זעהר אײנפלוסרייכע פּערזאָנען, און די שולדיגע זיינען ניט בעשטראָפט געוואָרען, נאָר איינער, דער גענעראַל גוערין, איז געהאַנגען געוואָרען. אין גויענן האָט זיך געמאַכט אַ בלוטיגער אויפשטאַנד. נאָהענט פון 15,000 בויערן האָבען זיך אויפגעהויבען געגען דער זאַלץ־שטייער, זיי האָבען ערמאָרדעט די קאָלעקטאָרען, האָבען געשלאָגען די זשאַנדאַרמען, וועלכע מען האָט געשיקט געגען זיי, האָבען בעפרייט די געפאַנגענע, וואָס די רעגירונג האָט גענומען פון די בויערן, וואָס האָבען אָנטייל גענומען אין דעם אויפשטאַנד, און האָבען פערברענט די הייזער פון די געריכטס־בעאַמטע. הגם די רעגירונג האָט בעשטראָפט איבער 100 בויערן, האָט זי דאָך געפונען פיר נעטיג די זאַלץ־שטייערן צו פערקלענערן. זי האָט מורא געהאַט, דאָס ווען מען וועט זיי ניט נאָכגעבען, וועט דער גאַנצער געביט אַריבער צו ענגלאַנד.

אויך היינריך דער 2טער האָט זיך פעראייניגט מיט די דייטשע פּראָטעסטאַנטישע פירסטען, ווי זיין פאָטער פראַנץ דער 1טער האָט געטאָן. דער פראַנצויזישער קעניג האָט זיך פערפליכטעט צו געבען צושטייער אויף די קריגס־קאָסטען אום צו רעטען די „דייטשע פרייהייט", די ערסטע 3 מאָנאַטען 240,000 פראַנצויזישע טהאַלער, און די פאָלגענדע מאָנאַטען צו 60,000 טהאַלער אַ מאָנאַט. אָבער היינריך האָט פיר דיזעס בעדאַרפט בעלוינט ווערען. די דייטשע פּראָטעסטאַנטישע פירסטען האָבען איהם דערפאַר ערלויבט

צו בעמעכטיגען זיך און אנאייגנען די דאזיגע רייכשטעדט, אין וועלכע עס ווערט ניט גערעדט די דייטשע שפראך, ווי צ. ב. די שטעדט קאמעריך, טול אין לאטהרינגען, מעטץ, ווערדון א. אנד., און ער זאל דארט הערשען אלס א וויצע־קעניג. אין דער זעלבער צייט האבען די דייטשע פירסטען פערלאנגט פון פראנצויזישען קעניג, אז ער זאל אין פערשיידענע ערטער פון האללאנד אנ-מאכען שרפות, אום די פיינד, די האללענדער, זאלען זיין בעשעפטיגט מיט לעשען די שרפות און זאלען ניט האבען די מעגליכקייט צו שטרייטען מיט זיי, די דייטשע פירסטען, און ווייל דער פראנצויזישער קעניג האט אין דיזער בעציהונג בעהאנדעלט די דייטשען ניט נאר ווי א פריינד, נאר ווי א פאטער, דערפאר וועלען איהם די דייטשע פירסטען דאס קיינמאל ניט פערגעסען, און זיי זיינען בערייט איהם אימער העלפען צו בעקומען צוריק די ערב־לענדער, פון וועלכע מען האט איהם בערויבט, ווי צ. ב. פראנש־קאמטע, פלאנדערן און ארטוא, און וועלען ניט ערוועהלען אין דער צוקונפט קיין קייזער, וועלכער איז ניט א פריינד פון קעניג, און ווען דער קעניג וועט זעלבסט וועלען זיין קייזער אין דייטשלאנד, וועט מען איהם בעסער אננעהמען אלס אן אנדערען.

מיט דיזען שענדליכען דאקומענט איז דער מארק־גראף אלברעכט פון בראנדענבורג־קולמבאך געקומען צום פראנצויזישען הויף און האט דעם 15טען יאנואר 1552 געשלאסען מיט איהם א בונד.

מיט דעם אויסרייד פיר דייטשע פרייהייט האט זיך אנגעפאנגען א קריג מיט אזעלכע ווילדהייטען און גרויזאמקייטען, ווי עס איז נאך ביז דאמאלס ניט געזעהען און ניט געהערט געווארען אין דייטשלאנד. ווי מיר האבען עס שוין פריהער דערצעהלט, איז היינריך דער 2טער בעפאלען לאטהרינגען מיט 35,000 מאן, האט ערָאבערט טול און ווערדון, האט בעזעצט נאנסי און די גאנצע געגענד פון האגענאו ביז וויססענבורג. אויך מעטץ איז דורך פערראט איינגענומען געווארען. אין דעם פעלד־צוג פון יאהר 1554 האט היינריך ארויסגעשטעלט אין פעלד 3 ארמעען, וועלכע האבען פערוויסטעט ארטוא, הענגעגאו און ליטטיך און האבען פיעל מאל געשלאגען די קייזערליכע ארמעע.

דער פעלד־צוג אין איטאליען איז געווען ווענינער גליקליך. אין פעברואר 1556 האט היינריך דער 2טער געשלאסען מיט'ן קייזער א וואפען־שטילשטאנד אויף פינף יאהר. אבער דער פאפסט פאול דער 4טער האט אנגעווענדט אלע מיטלען, דאס היינריך זאל דיזען אפמאך ניט האלטען, און ער האט געשיקט דעם הערצאג פון גיזע מיט 20,000 מאן צו עראָבערן

נעאפעל אין איטאליען. אבער דיזער פעלדצוג האט ניט געהאט קיין ערפאלג, וויל דער פעלדהערר פון דער קייזערליכער ארמעע איז געווען דער בעריהמ־טער שפאנישער הערצאג אלבא. ביי דעם גרענעץ פון נידערלאנדען איז דער קריג געווען נאך מעהר אונגליקליך. דער קאננעטאבל (אויבער־מארשאל) מאנטמארענסי האט דעם 10טען אוגוסט געליטען ביי סט. קענטין א פאל־שטענדיגע נידערלאגע. דיזע נידערלאגע האט דעם קעניג שרעקליך ערשי־טערט און האט פון איהם צוגענומען דעם גאנצען מוט, אזוי דאס ער האט בעשלאסען איבערצוגעבען די שטאטהאלטערשאפט צום הערצאג פון גיזע. דיזען איז געלונגען אפצונעהמען פון די ענגלענדער קאלעי (1558) און איינ־צונעהמען אויך טהיאנוויל. אבער פיליפ דעם 2טען (א זוהן פון קייזער קארל דעם 5טען) האט עס אויסגעוויזען ניט שען און ניט יושר׳דיג צו שטרייטען מיט היינריך דעם 2טען, מיט א קאטאלישען קעניג, און מיט פראנקרייך, א קאטאלישען לאנד. ער האט אויסגעווירקט, דאס פראנקרייך, שפאניען און ענגלאנד זאלען שליסען פרידען, וועלכעס איז ווירקליך געשעהען דעם 3טען אפריל 1559. דיזער פרידען איז געשלאסען געווארען אין שאטא־קאמברע־זיס. צו בעפעסטיגען דיזען פרידען האט מען פער׳שדכ׳נט היינריך׳ס עלטע־רע טאכטער מיט פיליפ דעם 2טען. צוליב דיזער שמחה האט היינריך דער 2טער פעראנשטאלטעט א טורניער (פעכט־שפיל), וועלכעס האט לויט דעם פראגראם בעדארפט געדויערן 3 טעג. אין דער צייט פון דעם טורניער האט היינריך בעקומען פון זיין געגנער א שטארקען קלאפ אין אויג, און פון דער וואונד איז ער אין 10 טעג שפעטער געשטארבען (דעם 10טען יולי 1559).

ווענען היינריך דעם 2טען׳ס אינערע רעגירונג איז נאר צו זאגען, דאס אין זיין צייט זיינען די פינאנצען געווען אין א זעהר שלעכטען צושטאנד: ער האט געמאכט פיעלע הלוואות, אזוי דאס נאך זיין טויט האט פראנקרייך געהאט אויף זיך שולדען 60 מיליאן ליוור און אין דער רעגירונגס־קאסע האט זיך נאר געפונען 12 מיליאן ליוור. מען האט געמוזט מאכען א טאריף אויף אויסלענדישע וואארע אום צו האבען מיט וואס צו בעצאהלען די חובות. דער טאריף איז געווען 2 טהאלער פיר יעדען צענטנער (100 פונט) פרעמדע וואארע, וואס איז אריינגעקומען אין לאנד, און אויסער דעם נאך 4 פראצענט פון דעם ווערט פון די סחורות לויט דעם טאריף.

היינריך דער 2טער האט געלאזען נאך זיך 4 זיהן. די עלטערע דריי זיהן האבען אלע געקיניגט נאך זייער פאטער׳ס טויט איינער נאך דעם אנ־דערען. באלד נאך היינריך׳ס טויט איז ארויף אויף׳ן טראן זיין עלטעסטער זוהן **פראנץ דער 2טער**. ווען ער איז געווארען קעניג איז ער אין

גאַנצען געווען אַלט 15 יאָהר. ער איז געווען שוואַך קערפּערליך און גייסטיג, אָבער ער איז שוין דאַמאָלס געווען פערהייראַט מיט דער בעריהמטער גייסט-פולער און לעבהאַפטער מאַריאַ סטואַרט, די קעניגין פון שאָט-לאַנד. עס פערשטעהט זיך, דאָס זי האָט איהם פאָלשטענדיג בעהערשט, אָבער אויך זי האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון איהרע אָנקעלס, די גיזען. אזוי איז עס אויסגעקומען, דאָס די גיזען האָבען רעגירט פראַנק-רייך. די אַלע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אין דער צייט פון היינריך דעם 2טען געשפּילט אין הויף אַ גרויסע ראָלע, זיינען יעצט אַרויסגעשטויסען געוואָרען אין הינטערגרונד. די קעניגין-מוטער האָט געקראָגען די אויבער-אויפזיכט איבער דער רעגירונג נאָר פון יוצא וועגען, ווערהרענד אין דער טאַט האָבען גע-פיהרט די רעגירונג די גיזען: דער קריגס-קענער דער הערצאָג פראַנץ פון גיזע און זיין ברודער דער דיפּלאָמאַט קאַרדינאַל פון לאָטהרינגען. דער ערסטער האָט געפיהרט די מיליטערישע אַנגעלעגענהייטען און דער צווייטער די ביר-גערליכע אַנגעלעגענהייטען. דער קאָננעטאַבל פון מאָנטמאָרענסי איז ער-ווייטערט געוואָרען פון דער רעגירונג, און די פּרינצען פון בורבאָן זיינען פון די גיזען זעהר שלעכט בעהאַנדעלט געוואָרען

דיזעס האָט פעראורזאַכט, דאָס דער הויכער אַדעל אין פראַנקרייך איז צושפּאָלטען געוואָרען אין צוויי פיינדליכע פּאַרטייען. צו איין פּאַרטיי האָ-בען געהערט די גיזען מיט די אַנדערע הויף-בעאַמטע, און צו דער אַנדערער האָבען געהערט די אָנהענגער פון די בורבאָנען, צו וועלכע עס האָבען אויך געהערט די גרויסע אַדעלייט די שאַטילליאָנס מיט דעם מוטיגען אַדמיראַל דע קאָליני. די בורבאָנס האָבען געמוזט האָבען צו הילף דאָס פאָלק. צו דיזען צוועק האָבען זיי זיך בענוצט מיט דער רעליגיעזער בעוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיד צווישען דעם בירגער-שטאַנד און דעם נידערען אַדעל.

לוטהער'ס לעהרע האָט אין פראַנקרייך קיין אָנהענגער ניט געפונען, ווייל זי איז געווען זעהר גענייגט צום אבסאָלוטיזם פון די פירסטען. דאַגע-גען די לעהרע פון קאַלווין, וועלכע האָט געשלאָגען טיפע וואָרצלען אין גענף (שווייץ), האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פראַנקרייך, וואו זי האָט זיך זעהר ראַש פערשפּרייט, איבערהויפּט אין זיד פראַנקרייך, גראַדע ווי אין די זידליכע דייטשע שטעדט האָט זיך פערברייטעט די לעהרע פון צווינגלי. ווי אין פראַנקרייך, אַזוי אין דייטשלאַנד, האָבען די אונטערע שיכטען פון פאָלק, די דעמאָקראַטען, געזוכט אָראָפּצוואַרפען פון זיך דעם אונערטרעגליכען יאָך פון די קלעריקאַלען, און דעריבער האָבען זיי אַזוי ברייט געעפענט די

טויערן צו דער רעפאָרמאציאָן. צו די בירגער אין פראַנקרייך, וועלכע האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם קאַלוויניזם, זיינען צוגעשטאַנען די קלענערע אַדעללייט, אַזוי ווי אין דייטשלאַנד זיינען די ריטער געוואָרען איינס מיט די שטעדט, וועלכע האָבען אָנגענומען די רעפאָרמאציאָן. די פּאָליטישע אורזאַכען זיינען אין ביידע לענדער געווען די זעלבע.

ווי מיר האָבען פריהער געזעהען, האָט דאָס קעניגטום געבראָכען די זעלבשטענדיגקייט פון דעם אַדעל און האָט איהם אין גאַנצען אונטערוואָרפען, זיינע אַלע פריווילעגיעס פערניכטעט, און אַלע זיינע עמטער זיינען אָנגעקומען נאָר צום הויף־אַדעל. אין דיזען קאַמף האָבען די קלעריקאַלען פיעל געהאָלפען דעם קעניג דורכצופיהרען זיין וואונש. די גייסטליכע און דער טראָן זיינען ביידע געווען ענג פערבונדען אין זייערע אינטערעסען, ווייל די גייסטליכע אין פראַנקרייך זיינען אין אַ געוויסען גראַד געווען אונאָפּהענגיג פון רוים: די מאַכט פון פּאַפּסט אין פראַנקרייך איז שוין געווען לאַנג פריהער געבראָכען, זינט פיליפּ דעם שענעם, און די העכערע פראַנצויזישע גייסטליכע זיינען שוין פון דאַמאָלס אָן געשטעלט געוואָרען אויף אייגענע פיס. די פּאָליטישע אונצופרידענהייט, וועלכע האָט יעצט געהערשט אין פראַנקרייך, האָט געגעבען דעם אַדעל די מעגליכקייט אָנצוכאַפּען זיך מיט ביידע הענט אָן די טהעאָלאָגישע (רעליגיעזע) רעפאָרמאציאָן. אונטער דער מאַסקע פון דער רעליגיאָן האָט די פיינדליכע פּאַרטיי געהאָפּט צו בעקעמפען ביידען: דעם קעניג און זיינע מיטהעלפער די קלעריקאַלען. דערצו זיינען אויך געווען זעהר אָנציהענד די רייכע גיטער, וואָס האָבען געהערט צו דער קירכע. דיזע גיטער קענען דאָך אָפּגענומען ווערען פון די גייסטליכע, ווי עס איז פּאָרגעקומען אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד, און איבערגעגעבען ווערען צו די וועלטליכע גוטס־בעזיצער. אַזוי איז גענוי געוואָרען די חבר'טע פון דער פּאַרטיי, וואָס איז געווען געגען דעם קעניג און געגען די קלעריקאַלען. דיזע קאַלוויניסטישע פּאַרטיי האָט דאַמאָלס געטראָגען דעם נאָמען „די הוגענאָטען”.

די ערסטע אונטערנעהמונג פון די הוגענאָטען איז געווען די פערשווערונג פון אַמבואַז. אָן דער שפּיץ פון דיזער פערשווערונג איז געשטאַנען דער פּרינץ פון קאָנדע, אָבער דער פיהרער פון דיזער פערשווערונג איז געווען אָן אַדעלמאַן פון לימוזין מיט'ן נאָמען לאַ רענאָדיע. דער צוועק פון דער פערשווערונג פון די הוגענאָטען איז געווען אַרונטערצוזעצען די גיזען, אַריינצונעהמען די פּערזאָן פון דעם קעניג אין זייערע הענט, און מיט דער הילף פון די פערשיידענע קלאַסען פון פאָלק צו רעפאָרמירען די גאַנצע רעגירונגס־מאַשין. אָבער די פערשווערונג איז ענטדעקט געוואָרען איידער זי איז גע-

וואָרען אָרגאַניזירט. לאַ רענאָדיע איז געפאַלען אין קאַמף ביי דעם שלאָס אמבואַז, און די איבריגע פיהרער זיינען הינגעריכטעט געוואָרען.

די גיזען האָבען געזיגט. די צאָהל פון די הינגעריכטעטע וועגען אזא פערשווערונג, וועלכע איז אַזוי לייכט אונטערדריקט געוואָרען, האָט געמוזט אַלעמען אויפשוידערן. עס איז אָבער ערוועהלט געוואָרען אַ נייער קאַנצלער ל'האָפּיטאַל, וועלכער האָט פיעל אָפּגעשוואַכט די איינגעפיהרטע שפּאַנישע אינקוויזיציאָן, און אויסער דעם האָט ער פעררופען אַ פערזאַמלונג פון אַלע קאָננעטאַבלען נאָך אָרלעאַנס מיט דעם צוועק צו ענטשיידען איבער די רע- ליגיעזע שטרייטיגקייטען און פערבעסערן די פינאַנסען. די בורבאָנען און די שאַטילליאָנען האָבען אָבער ניט געשוויגען. זיי האָבען מיט דער הילף פון די קאַלוויניסטען אין גענף געגרינדעט אַן אַרמעע און האָבען איבעראַ- נייעס אָנגעהויבען מאַכען אַן אויפשטאַנד אין די זידליכע פּראָווינצען פון פראַנקרייך, און אין אַנדערע ערטער זיינען שוין פאָרגעקומען צוזאַמענשטוי- סונגען.

די דעפּוטירטע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, אָבער איידער זיי האָבען געקענט עפּעס בעשליסען איז דער יונגער קעניג געשטאָרבען (1560). אָנ- שטאָט איהם איז אָרויף אויף דעם טראָן קאַרל דער 9טער. זיין טראָן־בע- שטייגונג האָט געבראַכט אַ גרויסע ענדערונג אין דער שטעלע פון דעם הויכען אַדעל. די קעניגין־מוטער קאַטהאַרינאַ פון מעדיטשיס, וועלכע איז פון דער הערשאַפט געווען פריהער דערווייטערט, איז יעצט געשטעלט גע- וואָרען אָן דער שפּיץ פון דער רעגירונג, און אַנטאָן פון נאַווארראַ, וועלכער איז געווען דער נעכסטער פערוואַנדטער פון קעניג, איז געוואָרען דער גענע- ראַל־שטאַטהאַלטער פון פראַנקרייך און דער פאָרשטעהער פון ראַט. די גיזען האָבען זייער ראָלע אויסגעשפּילט. זיי זיינען אַוועק מיט זייער פּלעמעניצע מאַריאַ סטואַרט נאָך לאָטהרינגען, און פון דאָרט איז מאַריאַ אַוועק צוריק נאָך שאָטלאַנד, וואו עס האָט איהר געטראָפען איהר בעקאַנטער טרויעריגער שיקזאַל.

דער ערסטער רעזולטאַט פון דער פערענדערטער לאַגע איז געווען, דאָס די קאַלוויניסטען האָבען געקראָגען איינינע פרייהייטען: מען האָט זיי ער- לויבט האַלטען אָפענע פּרעדיגטען וועגען זייער לעהרע, איינצוריכטען די גע- בעטען ווי זיי האָבען פערלאַנגט און צו פיהרען די רעליגיאָנס־צערעמאָניעס נאָך זייערע פאָדערונגען. אָבער דאָס איז נאָר ערלויבט געוואָרען פיר די איינוואוינער פון די דערפער. די בירגער פון די שטעדט האָבען קיין הנחות אין רעליגיאָן ניט געקראָגען, ווייל די שטעדטישע בירגער האָבען געפאָדערט

פיעלע אַנדערע זעהר וויכטיגע זאַכען: זיי האָבען געוואָלט פערשטאַרקען די מאַכט פון דער דעמאָקראַטיע און קאָנפיסקירען די גיטער פון די קאַטוילישע גייסטליכע, וועלכע האָבען געקענט זעהר פיעל ניצליך זיין פיר די פערברייטונג פון דער מאָדערנער אינדוסטריע.

וואָס אָנבעטרעפט די רעגולירונג פון די פינאַנסען זיינען די בירגער און דער אָדעל געווען איינִיג. זיי האָבען ביידע געשטרעבט צו בעצאָהלען די שטאַאַט־שולדען, אָבער די בירגער זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער: זיי האָבען

קאַטהאַרינאַ פון מעדיטשיס.

געפאָדערט מען זאָל צו דיזען צוועק פערקויפען די גיטער פון די קירכען, וועלכע געהערען אייגענטליך צום פאָלק, און איבערלאָזען פיר יעדען גייסטליכען נאָר איין הויז. מען האָט בערעכענט, דאָס דער פערקויף פון די קירכליכע גיטער וועט אַריינברייגגען 120 מיליאָן דאָלאַר. פון דיזער סומע זאָלען אַריינגעלעגט ווערען אין באַנק 48 מיליאָנען, וועלכע וועלען אַריינטראָגען 4 מיליאָנען אַ יאָהר, רעכנענדיג 8½ פראָצענט אַ יאָהר. דיזע 4 מיליאָנען זאָלען געברויכט ווערען פיר די נויטווענדיגקייטען פון די גייסטליכע, און די

איבריגע 72 מיליאָנען זאָלען געהן אויף צו בעצאָהלען די שולדען פון לאַנד. אָבער ווייל דער שטאַאט איז דאַמאָלס מעהר ניט שולדיג געווען ווי 42 מי-ליאָן, האָבען די בירגער געפאָדערט, דאָס די איבריגע 30 מיליאָן זאָל די רע-גירונג אויסלייהען צו פערברייטערן דעם האנדעל און די אינדוסטריע, און פון די פראָצענטען, וואָס די 30 מיליאָן וועלען אריינברייגנגען, זאָל די רעגירונג האָבען אויפצוהאַלטען די אַרמעע און די פעסטונגען. ווען דיזע אידעען פון די בירגער וואָלטען דורכגעפיהרט געוואָרען, און עס וואָלט זיך ניט אונטער-געבאַפּט דער בירגער-קריג, וואָלט פראַנקרייך דאַמאָלס געווען העכסט גליק-ליך, און וואָלט אין פיעלע הינזיכטען איבערשטייגען ענגלאַנד, ווייל די פראַנ-צויזישע בירגער זיינען דאַמאָלס אין פיעלע הינזיכטען געשטאַנען העכער פון די ענגלישע. אָבער די פאָדערונגען זיינען צוריקגעוויזען געוואָרען, זאָ-גאַר דער מעסיגער קאַנצלער ל'האָפּיטאַל האָט זיי גערעכענט פיר צו רעוואָ-לוציאָנער.

דער סוף איז געווען, דאָס די פראַנצויזישע הויכע גייסטליכע האָבען זיך פעראייניגט מיט די הויכע אַדעלליים צו אַרבייטען צוזאַמען געגען די בירגער. די פיהרער פון דיזען בונד זיינען געווען: דער הערצאָג פון גיזע, דער קאָננע-טאַבל פון מאָנטמאָרענסי און דער מאַרשאַל פון סט. אַנדרע. אויך דער קעניג פון נאַווארראַ איז צו זיי צוגעשטאַנען און האָט אָנגענומען די זייט פון די קאַטאָליקען. אויך רוים האָט דיזען בונד געשטיצט, און דעריבער האָט ער באַלד דערגרייכט אַזאַ מאַכט, דאָס ער האָט יעצט געוואָגט אָפען ארויס אין קריג.

באַלד ווי די גיזען מיט זייערע טרופּען זיינען אָנגעקומען צוריק אין פּאַ-ריז, האָבען זיי מכבד געווען די קאַלוויניסטען מיט אַ בלוט-באָד (1טען מערץ 1562). די קאַלוויניסטען זיינען געווען אונבעוואָפענט פערזאַמעלט אין אַ שייער אין וואַססי, וואו זיי האָבען אָפּגעהאַלטען אַ רעליגיאָנס-דינסט. די גיזען זיינען זיי בעפאַלען און האָבען זיי ערמאָרדעט ביז איינעם. נאָך אַ קלייגער אונטערברעכונג האָבען געפאָלגט נאָך אַזעלכע 7 בלוט-בעדער פיר די אונשולדיגע קאַלוויניסטען. דיזע מערדערייען האָבען אויפגעקאָכט דעם גאַנצען זיד און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן ערביטערטער קאַמף אויף לעבען און טויט. אין לאַנגעדאָק און אין פּראָוואַנס האָבען די פּראָטעסטאַנטען גע-האַט אַ שרעקליכע נידערלאַגע, אין אַנדרע ערטער האָבען די קאַטאָליקען גע-האַט די מפּלה. אויך די בויערן האָבען זיך בעטייליגט אין דעם אויפשטאַנד, וועלכער האָט געצייגט, דאָס דאָ האַנדעלט זיך ניט אַזוי פיעל וועגען רעלי-גיאָנס-פרייהייט, ווי וועגען פּאָליטישער פרייהייט. די בויערן האָבען גע-

שריען, דאָס זיי ווילען שוין מעהר ניט האָבען קיין קעניגען און קיין גרונד־הערען. אין טולוז זיינען ערמאָרדעט געוואָרען 4,000 הוגענאָטען (קאַלוויניסטען). דיזע ערמאָרדונג איז געווען אַ שרעקליכער סקאַנדאַל פון דער זייט פון די קאַטאָליקען. מען האָט מיט די קאַלוויניסטען פריהער געשלאָסען אַ פערטראַג, דאָס זיי זאָלען אַנידערלעגען די וואַפען און פערלאָזען די שטאָדט, און דאַן האָט מען זיי ערמאָרדעט! אויך אין פאַריז איז די האַלטונג געגען די פּראָטעסטאַנטען געווען זעהר פיינדליך.

דער פּרינץ פון קאָנדע און דער אַדמיראַל פון קאָליני האָבען זיך געווענדט צו די דייטשע פּראָטעסטאַנטען און האָבען זיי געבעטען אום הילף. די דייטשע פּראָטעסטאַנטען האָבען צוגעזאָגט שיקען 20,000 פוס־סאָלדאַטען און 10,000 רייטער, און דערפאַר האָט מען זיי ערלויבט צו פּלינדערן פאַריז. אויך ענגלאַנד האָט פערשפּראָכען הילף; דערפאַר האָט מען דער קעניגין עליזאַבעטה אָפּגעגעבען האַוור און קאַלעי.

דער הערצאָג פון גיזע איז ביי די קאַלוויניסטען געווען פעררעכענט אַלס דער „גרעסטער טיראַן און פיינד פון גאָט". זיי האָבען איהם געזוכט צו ערמאָרדען, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען, ביז ער איז ענדליך פון איינעם טויטליך פערוואונדעט געוואָרען דעם 18טען פעברואַר ביי דער בעלאַגערונג פון אָרלעאַנס און איז געשטאָרבען. דער מערדער, וואָס האָט איהם געטויטעט, איז געווען איינער זשאַן פּאָלטראָ דע מערע. אויך אַנטאָן פון נאַוואַרראַ איז געשטאָרבען אין דער צייט פון דעם קריג; אַנדרע איז געטויטעט געוואָרען אין דער שלאַכט פון דראָ, מאָנטמאָרענסי איז געהאַנגען געוואָרען פון די הוגענאָטען און קאָנדע פון די קאַטאָליקען.

דאַן האָט די קעניגין אָנגעהויבען צו אונטערהאַנדלען מיט די הוגענאָטען. דער געפאַנגענער קאָנדע איז אַריינגעפאַלען אין אַ נעץ פון אַ הויף־דאַמע, וועלכע האָט מיט איהם געשפּילט אַ זינדיגע ליבע, און פון עגמת נפש דערפון איז זיין פרוי געשטאָרבען. דעם 12טען מערץ 1563 איז געשלאָסען געוואָרען דער פרידען צווישען דעם פּרינץ און דער קעניגין קאַטהארינאַ פון מעדיטשים. אויסער אין פאַריז און וואו עס האָט זיך דאַמאָלס געפונען דער הויף, איז איבעראַל אין אַלע ערטער פון די גוטס־בעזיצער ערלויבט געוואָרען דער רעפאָרמירטער רעליגיאָנס־דינסט. אין די שטעדט, אין וועלכע די בירגער האָבען שוין פריהער אָנגענומען די רעפאָרמע, האָט מען יעצט ערלויבט געזעצליך צו פּראַווען דעם געטליכען דינסט לויט די פאָדערונגען פון דער רעפאָרמאַציאָן. מען האָט צוריקגעגעבען צו די הוגענאָטען אַלע קאָנפיסקירטע גיטער. די דייטשע הילפס־סאָלדאַטען האָבען אפילו ניט געקראָגען וואָס מען

האט זיי פערשפראכען, פון דעסטוועגען האבען זיי מיט זיך אוועקגעפיהרט 2,000 גרויסע וואגענס מיט זאכען, וואס זיי האבען אנגערויבט אין פערשיי־דענע ערטער אין צייט פון דעם האלבען יאהר פון דעם קריג. געהענדיג צוריק אהיים האבען די דייטשען געברענט און געפלינדערט אין שאמפאני׳ און לאטהרינגען וויפיעל זייער הארץ האט געוואלט.

דער פרידען האט קיינעם פון די פארטייען ניט צופרידענגעשטעלט. קאליני און קאלווין האבען געטאדעלט קאנדע און די פראטעסטאנטישע פירסטען פיר דעם פערטראג, וואס זיי האבען אפגעשלאסען, ווייל זיי האבען געהאט אין זינען נאר דעם אדעל און ניט די בירגער. די קאטאליקען ווידער פון זייער זייט האבען גאר ניט געדענקט דעם פרידען צו האלטען. די פאר־לאמענטען האבען זיך ענטזאגט צו בעשטעטיגען און מקיים זיין די בעדינ־גונגען פון דעם פרידען. די קאטאלישע הויפט־שטעדט האבען גאר ניט צולא־זען זייערע סאלדאטען, און האבען זיי אנגעהאלטען אין דינסט, און די גיזען האבען געבונטעוועט דאס פאלק אין פאריז געגען קאליני. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס די פראטעסטאנטען האבען ווידער אנגעהויבען מאכען פערזאמלונגען, צוזאמענברייגגען גרויסע סומעס געלט און בעוואפנען זיך. אויך די קעניגין קאטהארינא פון מעדיטשים האט רעארגאניזירט די קעניגליכע ארמעע און האט זי פערגרעסערט מיט 6,000 נייע רעקרוטען. עס איז ווידער געמאכט געווארען א פערשווערונג אין אמבואז, וואו עס האט זיך אויפגעהאלטען דער קעניגליכער הויף. דעם 27טען סעפ־טעמבער 1567 זיינען 500 אדעלליט בעפאלען דעם קעניג מיט זיין מו־טער, אבער עס איז זיי ניט געלונגען זייער פלאן דורכצופיהרען. עס האט אויסגעבראכען א נייער שטרייט. די שלאכט ביי סט. דעניס איז געוועזן זעהר ניט גינסטיג פיר די הוגענאטען. אבער ווייל די קאטאלי־קען האבען ניט געהאט קיין ריכטיגען פיהרער, זיינען זיי געוועזן געצוואונ־גען צו בעשטעטיגען דעם פריהערדיגען רעליגיאנס־עדיקט, און האבען נאך געמוזט איבערנעהמען אויף זיך צו בעצאהלען די דייטשע סאלדאטען, וועל־כע זיינען געקומען צו הילף די קאלוויניסטען.

דער נייער פרידען, וועלכער איז געשלאסען געווארען אין לאנגזשומא אין יאהר 1568, האט אנגעהאלטען נאר אייניגע מאנאטען. די קעניגין האט געבראכען דעם פרידען און האט ערקלערט קריג. זי האט ארויסגעלאזען אן עדיקט, וועלכער האט פערבאטען די פראטעסטאנטישע רעליגיאן, און האט געגעבען די פראטעסטאנטישע גייסטליכע נאר 14 טעג צייט צו פערלאזען דאס לאנד. די קעניגליכע ארמעע איז דאמאלס בעשטאנען פון 18,000 פוס־

סאָלדאַטען און 4,000 רייטער, און איז געשטאַנען אונטער דער אויבער־קאָמאַנדע פון דעם יונגען הערצאָג פון אַנזשו. מיט דער אונטערשטיצונג פון רוים און פון די גייסטליכע איז דיזער יונגער הערצאָג אַוועק נאָך לאַ ראָשעלל, וועלכע איז געווען בעזעצט פון די הוגענאָטען. אָן דער שפּיץ פון די קאַלוויניסטען איז געשטאַנען קאָנדע. די בונד־חברים, וועלכע האָבען איהם צוגעזאָגט הילף, זיינען געווען: עליזאַבעטה פון ענגלאַנד און וואָלפגאַנג פון צווייבריקקען, וועלכער האָט מיט זיך געבראַכט טרופּען פון דעם הייליגען דייטשען רייך, וואו מען האָט פיר געלט אַלעם געקענט בעקומען.

דער ערסטער פעלד־צוג, וועלכער איז אויסגעפאַלען אין ווינטער פון יאָהר 1569—1570, איז געווען אָהן אַ שום רעזולטאַט. אין פאָלגענדען פריהלינג איז געווען אַ שלאַכט ביי זשארנאק, אין וועלכער די פּראָטעסטאַנטען האָבען געהאַט אַ גרויסע נידערלאַגע. אין דיזען שטרייט איז קאָנדע פערוואונדעט געוואָרען און ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבען. אָבער ער איז ערמאָרדעט געוואָרען אין פיינד׳ס לאַגער. זיין שטעלע האָט פערנומען זיין יונגער זוהן היינריך פון נאַוואַררא. די הויפּט־ראָלע אָבער האָט געשפּילט דער אַדמיראַל קאָליני. אין יאָהר 1569 איז געווען אַ שלאַכט ביי מאָנטקאָנטור. אויך דיזע שלאַכט איז געווען אונגינסטיג פיר די הוגענאָטען. אָבער צום גליק פון די הוגענאָטען האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַלטונג אין דער געגען־פּאַרטיי און דאָס האָט געמאַכט דעם אויסגאַנג פון דעם קריג זעהר צופרידענשטעלענד פיר די קאַלוויניסטען. מען האָט זיך ענדליך איבערצייגט, דאָס הגם מען בעזיגט זעהר אָפט די קאַלוויניסטען, קען מען דאָך די רעפאָרמאַציאָן נישט בעזיגען אין גאַנצען, די קאַלוויניסטען קריגען נאָך יעדער מפּלה פרישע קרעפטען און מאַכען אַלע מאָל נייע אונרוהען, אַזוי דאָס עס איז פון זיי נישט פטור צו ווערען. מען האָט אַלזאָ געמוזט פּרובּען אַנווענדען אַנדערע מיטלען. מען האָט מיט זיי געשלאָסען פרידען אין סט. זשערמען, און מען האָט זיי נאָכגעגעבען כמעט אַלע זייערע פאָדערונגען, צווישען אַנדערע אויך, דאָס די קאַלוויניסטען זאָלען צוגעלאָזען ווערען צו אַלע שטעלעס. דיזער פרידען איז געשלאָסען געוואָרען דעם 8טען אויגוסט 1570.

דיזער פרידען האָט די קאַטאָליקען געמאַכט זעהר בייז. אָבער די קעניגין האָט זיך וועגען דעם וועניג געקימערט. זי האָט אָנגענומען אַ נייע פּאָליטיק. זי האָט די הוגענאָטען געמאַכט פיר די הערשענדע פּאַרטיי אין הויף. אום דעם פרידען צו בעפעסטיגען, האָט זי דורכגעפיהרט אַ שידוך צווישען דעם יונגען פרינץ פון בעאַרן מיט מאַרגאַרעטהע׳ן, דער שוועסטער פון קאַרל

דעם 9טען. קאָליני איז גערופען געוואָרען אין הויף און האָט געהאַט אַ גלענ־צענדע אויפנאַהמע. דער קעניג זעלבסט האָט איהם אָפּגעשאָטען מיט געלט און מיט כבוד. דיזער הוגענאָטען־פיהרער האָט זאָגאַר ערהאַלטען אַלס מתנה אַן אַבּטיי (קירכען־גוט), וועלכע האָט אַריינגעבראַכט 20,000 טהאַלער רענט. ער איז געוואָרען דער פּערזאָנליכער ראַטגעבער פון קעניג און איז געמאַכט געוואָרען צום אויבער־קאָמאַנדיר איבער דער אַרמעע, וואָס איז בעשטימט געוואָרען פיר די ערָאָבערונג פון פלאַנדערן.

די קאַטאָליקען האָבען פאַר דיזער נייער פּאָליטיק פון דעם קעניג אָנגע־הויבען שטאַרק מורא צו האָבען. קאַטהאַרינאַ זעלבסט האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען פאַר די פאָלגען פון דיזער פּאָליטיק. דער קאַטאָלישער אַדעל איז געווען אויסער זיך צו זעהן, ווי דער איינפלוס, וואָס ער האָט געוואונען מיט גרויס מיה, געהט איבער צו זיינע פיינד. די הוגענאָטען האָבען זאָגאַר געפאָדערט אַ קריג מיט שפּאַניען, ווייל עס איז געווען איינער פון זייערע העכסטע צוועקען צו פערניכטען די קאַטאָלישע שפּאַניען, וועלכע איז געווען די גרעסטע קאַטאָלישע מאַכט. קאָליני האָט געקראָגען אַזוי פיעל מוט, דאָס ער האָט געזאָגט צום קעניג: „געהט אַרויס מיט אַ קריג געגען שפּאַניען, ווען ניט וועלען מיר זיין געצוואונגען אַרויס מיט אַ קריג געגען אייער מאַיעסטעט". קאַרל דער 9טער האָט נאָכגעגעבען. יעדע שטונדע זיינען געמאַכט געוואָרען נייע בעשטעלונגען פיר פוס־סאָלדאַטען און רייטער. 40,000 מאַן האָבען ערוואַרטעט קאָליני'ס בעפעהלען.

אין דיזער לאַגע האָט קאַטהאַרינאַ פון מעדיטשים און דער הערצאָג פון אַנזשו געפאַסט דעם פּלאַן אָפּצוראַמען דעם אַדמיראַל קאָליני פון וועג. זיי האָבען גערעכענט אַרויפצוואַרפען די שולד פון דעם מאָרד אויף די גיזען און אויף דעם הערצאָג פון אַלבאַ. מען האָט אויף איהם געשאָסען, אָבער מען האָט ניט גוט געטראָפען, די קויל האָט בלויז צושמעטערט זיין אָרם. ביז 800 הוגענאָטישע אַדעלליים, וועלכע זיינען געוואָרען איינגעלאַדען אויף די האָכצייט פון קעניג מיט מאַרגאַרעטהע'ן, האָבען געפאָדערט פון קעניג גע־רעכטיגקייט. דעם 23טען אויגוסט האָבען די הוגענאָטען געפאַסט דעם פּלאַן צו ערמאָרדען דעם קעניג און אָנשטאַט איהם אַרויפזעצען אויף'ן טראָן היינ־ריך פון נאַווארראַ. אום זיך צו רעטען האָט דער קעניג בעשלאָסען צו מאַכען דאָס שרעקליכע בלוט־באָד, וועלכעס איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „די באַרטהאָלאָמאָאוס־נאַכט".

אום 2 אוהר ביי נאַכט, פון 23טען אויף דעם 24טען אויגוסט, האָט די גלאָק פון סט. זשערמען ל' אָגזעררואַ געגעבען דעם סיגנאַל, און באַלד נאָכ־

דעם האָבען אָנגעהויבען לאַרמען די גלעקער פון אַלע אַנדערע קירכען. די גיזען מיט זייערע מערדער־באַנדעס האָבען זיך גלייך געגעבען אַ לאָז צו דער וואוינונג פון דעם אַדמיראַל קאָליני. אַ בעהמע איז דער ערסטער אריין אין דעם צימער, אין וועלכען קאָליני האָט געשלאָפען, אָבער ער איז שוין געווען וואך פון דעם לאַרם, וואָס עס איז געוואָרען. „ביסטו ניט דער אַדמיראַל?" האָט דער סאָלדאַט געפרעגט. „איך בין עס", האָט קאָליני רוהיג געענטפערט, „דו ביזט נאָך אַ יונגער מאַן, און דו דאַרפסט האָבען רעספעקט פאַר מיינע ווייסע האָאָר, טו אָבער וואָס דו ווילסט". דער סאָלדאַט האָט איהם באַלד



די סט. באַרטהאָלאָמאָאוס־נאַכט. לויט אַ צייכנונג פון יענער צייט.

אריינגעשטאָכען אַ שפיז אין ברוסט, דאַן זיינען אויך די אַנדערע אריינגעלאָפען אין צימער, האָבען זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען, האָבען איהם בעדעקט מיט וואונדען ביז ער איז געפאַלען צום באָדען. אַ שטאַרבענדען האָבען איהם די גיזען ארויסגעוואָרפען דורך'ן פענסטער און מען האָט איהם איבערגעגעבען צו די פאָלקסמאַסען זיי זאָלען איהם שענדען.

נאָך דיזער מאָרדטאַט האָבען זיך די מערדער גענומען צו טאָן נאָך שרעקליכע מעשים. די הייזער פון די הוגענאָטען זיינען געווען בעצייכענט ווייס. מען האָט געהאַט אַ גענויע פערצייכנים פון אַלע איינוואוינער פון די הייזער,

וועלכע זיינען געוועזן בעצייכענט וויים. אין אַלע דיזע הייזער האָבען זיך אריינגעריסען סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געווען געפיהרט פון די קעניגליכע זשאַנדאַרמען און דעם קאַטאָלישען אַדעל. די גיזען האָבען געשריען, דאָס די הוגענאָטען האָבען געוואָלט ערמאָרדען דעם קעניג, און האָבען שוין ער-מאָרדעט אייניגע פון זיין לייב-גוואַרדיע. מיט דיזע העצערייען זיינען ער-מאָרדעט געוואָרען די פּראָטעסטאַנטישע אַדעלליים, וועלכע זיינען פון קעניג איינגעלאַדען געוואָרען צו זיין האָכצייט, און וועלכע ער האָט אָנגעוויזען היי-זער, וואו זיי זאָלען איינשטעהן. דער קעניג פון נאַוואַררא און דער פּרינץ פון קאָנדע זיינען געפיהרט געוואָרען צום קעניג, וועלכער האָט זיי געוואָרנט מיט'ן טויט, אויב זיי וועלען זיך ניט ענטזאַגען פון זייער פּראָטעסטאַנטישען גלויבען און וועלען זיך ניט צוריקקעהרען צום קאַטאָליציזם. נאָכרעם האָבען די קאַטאָלישע סאָלדאַטען ערמאָרדעט אין לובר (דער שלאָס, וואו דער קעניג מיט די גרויסע האָבען געוואוינט) אַלע לייט, וואָס האָבען געהערט צו דער סוויטע פון קעניג פון נאַוואַררא און פון פּרינץ קאָנדע. מען האָט יעדען ארויסגעשלעפּט פון בעט און אין הויף ערמאָרדעט. מאַנכע האָבען געפּאָ-דערט פון קעניג ער זאָל האַלטען זיין וואָרט, אָבער אומזיסט. ער איז גע-שטאַנען אין זיין פענסטער און האָט צוגעזעהען די אַלע מערדערייען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין זיין שלאָס, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ניט הערענ-דיג, וואָס מען פאָדערט פון איהם. צום פענסטער האָבען איהם צוגעצויגען מיט געוואַלד קאַטהאַרינאַ און אַנזשו, אום דאָס פאָלק זאָל וויסען, אַז די אַלע מערדערייען זיינען געטאָן געוואָרען מיט זיין וויסען.

די שעכטעריי האָט זיך פערברייטעט איבער דער גאַנצער שטאָדט (פּאַ-ריז). זעהר זעלטען איז פאָרגעקומען אין דער וועלט-געשיכטע אַזאַ שענדליכע און גרויזאַמע שחיטה אויף מענשען. די גאַסען זיינען געווען בעדעקט מיט בלוטיגע טויטע קערפּערס. די לופט איז געווען פול מיט קולות און געוויינען פון די אונגליקליכע אָפּפער און פון די טריאומף-געשרייען פון די ווילדע מער-דער, פון שיסערייען און טיר-ברעכערייען, פון דעם גערויש פון וועגען, וואָס זיינען געווען געפּאַקט מיט אָנגערויבטע זאַכען.

די מערדער האָבען פאָרטגעזעצט זייער טייפלישע אַרבייט. מען האָט אין אַלע טיילען פון שטאָדט געשאָכטען יעדען, אויף וועמען עס איז נאָר געווען אַ חשד פון קעצעריי (אפּיקורסות, ניט גלויבען אין קאַטאָליציזם). מענער, פרויען, קליינע קינדער — אַלע זיינען אונבאַרמהערציג געשאָכטען גע-וואָרען. צוזאַמען מיט'ן פאַנאַטיזם האָט געבושעוועט די ווילדע תאווה צו רויב און זנות. מען האָט געטויטעט פערזענליכע פיינד, וועלכע זיינען זאָגאַר

געווען קאַטאָליקען, מען האָט געטויטעט בעלי=חובות, אום פּטור צו ווערען פון שולדען, מען האָט געטויטעט אום צו רויבען, מען האָט געטויטעט, ווייל מען האָט געוואָלט טויטען, מען איז פּשוט געוואָרען שכור פון בלוטזוכט. אַ גרויסע צאָהל הוגענאָטען האָט געוואוינט אויסער'ן שטאָדט. ווען דיזע האָבען זיך אין מיטען נאַכט אויפגעכאַפּט פון לאַרם, האָבען זיי געמיינט, דאָס די גיזען האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד און האָבען געוואָלט לויפען דעם קעניג צו הילף. אָבער די קעניגליכע גוואַרדיע און די הויף=לייט האָבען אויף זיי געשאָסען. דער קעניג זעלבסט האָט געשאָסען אויף די, וועלכע זיינען איהם געקומען רעטען. זיי זיינען באַלד צוריקגעלאָפען. דער הערצאָג פון גיזע און אַנדערע מערדער האָבען זיך נאָך זיי געיאָגט, אָבער זיי האָבען די הוגענאָטען ניט געקענט כאַפּען. דיזע גערעטעטע האָבען זיך גענומען פאַרבערייטען צו ראַכע.

מיטאָג=צייט זיינען צום קעניג געקומען די עלטעסטע און אַנגעזעהענסטע קויפלייט און די שטאָדט=ראַטסלייט, וועלכע האָבען אין דער שחיטה ניט גענומען קיין אַנטייל, און האָבען פון איהם געפאָדערט, דאָס ער זאָל מאַכען אַן ענדע צו די אַלע רציחות. קאַרל איז ענדליך געקומען צו זיך און האָט געהייסען די מוניציפּאַל=טרופּען אָפּצוהאַלטען די הריגות. אָבער ניט דער קעניג, ניט קאַטהארינאַ, ניט די בעאַמטע האָבען געקענט צוימען די ווילדע בעסטיע, וואָס האָט זיך צושפּילט אין מענשען. דעם ערסטען טאָג זיינען ערמאָרדעט געוואָרען מינדעסטענס 2,000 פּערזאָן. דעם צווייטען און דריטען טאָג איז די צאָהל פון די אָפּפער פיעל פערגרעסערט געוואָרען.

דער קעניג האָט ניט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די שולד פון דער שחיטה. אין געגענטייל, ער האָט אָפען געזאָגט, דאָס דיזעס איז געשעהן מיט זיין צושטימונג. ער איז געווען געצוואונגען דערצו, האָט ער געזאָגט, ווייל ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דער פערשווערונג, וואָס די הוגענאָטען האָבען געגען איהם געפּלאַנט. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער צושיקט געהיימע בעפעהלען צו די גובערנאַטאָרען איבער דער פּראָווינץ, דאָס זיי זאָלען ערמאָרדען אַלע וויכטיגע פּערזאָנען פון די הוגענאָטען. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבען ווידערהאָלען דאָס בלוט=באָד פון פּאַריז אין פערשיידענע פּראָווינצען: אין מאָ, אָרלעאַנס, אַנזשער, סאָמור, טרואַ, בורזש, ליאָן, רוען, טולוז, באָרדאָ און אין אַלע ערטער ביי דער גאַראָננע. עס איז געוואָרען רוהיג ערסט אין אָקטאָבער. אין טולוז און רוען האָט מען די הוגענאָטען פריהער געהאַלטען 3 וואָכען אין געפענגניס איידער מען האָט זיי הינגעריכטעט. 800 טויטע קערפּערס פון ליאָן האָט דאָס וואַסער פון דער רהאָנע געטראָגען ביז דער אינ-

זעל קאַמאַרג. די בעוואוינער פון אַרלעס האָבען צוליב דעם ניט געוואָלט טרינקען קיין וואַסער פון דער רהאָנע. אין גאַנצען זיינען דאַמאָלס ערמאָר-דעט געוואָרען איבער 20,000 הוגענאָטען.

די נאַכריכט פון דער באַרטהאָלאָמעאוס־נאַכט, פון דער בלוטיגער האָכ-צייט פון היינריך און מאַרגאַרעטהע, האָבען אין שפּאַניען און אין רוים אַרויס-גערופען גרויס פרייד. דער הויפּט־פּרינציפּ פון קריסטענטום „ליבט אייערע פיינד" האָט פיר זיי ניט עקסיסטירט. דער קאַרדינאַל פון לאָטהרינגען האָט פון רוים געשריבען צום קעניג אַ בריף, אין וועלכען ער האָט זיך מיט גרויס ענטהוזיאַזם אויסגעדריקט וועגען די מערדערייען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער באַרטהאָלאָמעאוס־נאַכט. „מאַיעסטעט", זאָגט ער אין דעם בריף, „דאָס איז אַזוי אויסגעצייכענט, דאָס איך האָב עס קיינמאָל ניט געוואָגט צו ווינשען אָדער צו האָפען!" דער זעלבער קאַרדינאַל האָט בעפוילען אַ ספּעציעלען קירכען־דינסט מיט אַ דאַנק־געזאַנג (אַ מזמור לתודה) אין דער פראַנצויזישער קירכע סט. לואיס, צו וועלכען דינסט עס זיינען געקומען אין אַ פּראָצעסיאָן דער פּאַפּסט זעלבסט און דאָס קאָללעגיום פון די קאַרדינאַלען, אום צו דאַנקען גאָט פיר די מערדערייען, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען אין זיין נאָמען! דער פּאַפּסט האָט צום אָנדענקען פון דיזער גרוילטאַט געלאָזט מאַכען אַ מטבע. אויף דיזער מטבע איז געווען אויסגעפּרעגט ווי אַ מלאך חבלה מערדערט די הוגענאָטען. אין וואַטיקאַן (דער פּאַפּסטליכער פּאַלאַץ אין רוים) האָט ער געלאָזט אויסמאָלען אַ בילד, וועלכעס האָט פאָרגעשטעלט דעם מאָרד פון קאָליני און די גאַנצע שוידערליכע סצענע פון דער באַרטהאָ-לאָמעאוס־נאַכט. דיזעס בילד עקסיסטירט נאָך היינט אין וואַטיקאַן. דער פּאַפּסט האָט אויך געשיקט צום קעניג אַ ספּעציעלען דעלעגאַט צו ווינשען איהם גליק פיר זיין העלדענטאַט און פיר די טרייהייט צום קאַטאָליציזם, וואָס ער האָט געצייגט מיט דער באַרטהאָלאָמעאוס־נאַכט.

אָבער די בלוט־האָכצייט האָט ניט געהאַט דעם ריכטיגען ערפאָלג, וואָס מען האָט געווינשט. די הוגענאָטען זיינען דערמיט ניט נידערגעשלאָגען גע-וואָרען. היינריך פון נאַוואררא און קאָנדע האָבען זיך מיט ליסט (כיטראָסט) געראַטעט פון די הענט פון די קאַטאָליקען אין פּאַריז. פיעלע הוגענאָטען האָבען זיך בעהאַלטען אין פערשיידענע פעסטונגען אין זיד און האָבען בע-שלאָסען צו טאָן אַלעס מעגליכעס אום צו נעהמען ראַכע פיר דאָס שרעקליכע אונרעכט, וואָס איז גענען זיי געטאָן געוואָרען. אין לאַ ראָשעלל, מאָנטאָבאַן און נים האָבען זיך די קאַלוויניסטען אַזוי מוטיג און געדולדיג פערטיידיגט,

דאָס דער קעניג איז געוועזן געצוואונגען צוריקגעבען זיי זייער רעליגיאָנס־פרייהייט און פערזיכערן זיי מיט פּאָליטישע רעכטען.

צוויי יאָהר נאָך דער באַרטהאָלאָמאָאוס־נאַכט איז קאַרל דער 9טער געשטאָרבען (30טען מאַי 1574). ווען ער האָט געפיהלט, דאָס די ענדע פון זיין לעבען איז נאָהענט, האָט ער יעדע נאַכט געזעהען אין חלום די שרעקליכע סצענע פון דער בלוט־האָכצייט, ווי הונדערטער מתים שווימען איבער דעם וואסער פון דעם טייך סען, וואָס פליסט דורך פּאַריז. איהם האָט זיך געדאַכט, דאָס ער הערט די געוויינען, די געשרייען, די קרעכצען פון די ערמאָרדעטע און ער האָט געזיפצט און געוויינט. פאַר׳ן טויט האָט ער געדאנקט גאָט, וואָס ער האָט איהם ניט געגעבען א טראָן־פאָלגער, וואָס זאָל טראָגען אויף זיין קאָפּ די שווערע זינדיגע קרוין.

דער יורש פון קאַרל דעם 9טען, זיין ברודער היינריך פון אנזשו, איז א יאָהר פאַר קאַרל׳ס טויט ערוועהלט געוואָרען אָלס קעניג פון פּוילען. דאָרט האָט ער זיך געפונען אין דער צייט ווען קאַרל איז געשטאָרבען. פּוילען איז איהם באַלד געוואָרען איבערדריסיג. די פּאָליאַקען האָבען נאָך דאַמאָלס ניט געוואוסט די פערדאָרבענהייט און די אויסגעלאַסענהייט פון די פראַנצויזען. ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם טויט פון זיין ברודער, איז ער באַלד ענטלאָפען פון פּוילען ווי א גנב ביי נאַכט. זיינע אונטערטאַנען פון פּוילען זיינען איהם נאָכגעלאָפען מיט דער אבזיכט איהם צוריקצוקעהרען. אָבער זיי האָבען איהם ערסט דעריאָגט, ווען ער איז שוין געוועזן אין עסטרייך. אין וויען און נאָכדעם אין ווענעציא האָט ער פערבראַכט א לאַנגע צייט, ווייל עס האָבען איהם צוגעצויגען די פערגניגענס פון דיזע ערטער. ערסט אין צוויי חדשים אַרום איז ער געקומען אין פּאַריז און האָט בעשטיגען דעם טראָן. ער האָט זיך איבערגעגעבען צו א לעבען פון פערגניגען און האָט ניט געוואָלט וויסען פון וועלכער עס איז ערנסטער זאַך. ער האָט פערבראַכט זיינע טעג און נעכט אין די אינערליכע צימערן פון זיין פּאַלאַץ מיט זיין קליין הינטעלע און האָט אין גאַנצען פערגעסען דאָס לאַנד, דאָס פּאָלק מיט זיינע שטורמס, זיינע ליידען און זיינע בעדערפניסען. ער איז געוועזן א ביסעל רעליגיעז, אָבער זיינע פליכטען צו גאָט האָט ער געטאָן נאָר מיט פּאַסטען, מיט פייניגען זיך אמאָל. ער האָט קיין ערנסטען געדאנק וועגען רעליגיאָן ניט געהאַט. זיין בילד, וואָס מיר גיבען דאָ, צייגט א ריכטיגע פערברעכערישע פיזיאָנאָמיע.

גלייך אין אָנפאַנג פון דער רעגירונג פון היינריך דעם 3טען, וועלכער האָט רעגירט אין פראַנקרייך 15 יאָהר (1574—1589), האָט אין דער

רעגירונג גענומען אַ וויכטיגען אַנטייל אַ פּאַרטיי, וועלכע איז בעוואוסט אונ-טער'ן נאָמען „די פּאָליטיקער". דיזע פּאַרטיי, וועלכע האָט שוין אָנגעפאַנ-גען צו שפּילען אַ ראָלע אין די לעצטע יאָהרען פון קאַרל דעם 9טען, איז בעשטאַנען פון קאַטאָלישע בירגער, אָבער אין זייער פּראָגראַם איז געווען צו געבען אַלע פּאָליטישע רעכטען אויך צו בירגער פון די הוגענאָטען. זיי האָבען געשטרעבט אָפּצושאַפען אין גאַנצען דעם פאַנאַטיש-רעליגיעזען כאַ-ראַקטער פון דער פּאָליטיק. זיי האָבען זיך אין פיעלע ערטער אָפען אָנגע-שלאָסען אָן די הוגענאָטען. די הויפּט-פאָדערונג זייערע איז געווען אַ קאָנ-סטיטוציאָנעלע רעגירונג. עס האָבען אָנגעפאַנגען צו ערשיינען מאַסען בי-כער און פּאַמפלעטען, וועלכע האָבען פערדאַמט די פעראורזאַכער פון דער בארטהאָלאָמעאוס-נאַכט און האָבען פערלאַנגט די רעכטען פון פאָלק, וועלכע זיינען אַזוי אונגערעכט און פערברעכעריש געוואָרען געטרעטען מיט די פיס פון די קעניגען. מען האָט אין דיזע ווערק דערמאָהנט, דאָס ביי די אַלטע גאַללייער און די פּאַרצייטיגע פראַנצויזען זיינען די קעניגען געווען נאָר ער-וועהלטע פון פאָלק, וועלכעס האָט געהאַט דאָס רעכט זיי אַרונטערצוזעצען, ווען זיי האָבען זיך שלעכט אויפגעפיהרט, דאָס די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פאָלק איז אימער געשטאַנען העכער פון די קעניגען, און דיזע אַליין האָט געהאַט דאָס רעכט צו מאַכען געזעצען און אָפּשאַפען, אַרויפלייגען שטייערן און אַרונטערנעהמען, און אויך צו בעשטימען איבער קריג און פרידען.

נאָך דעם, ווי די פּראָטעסטאַנטען האָבען זיך פעראייניגט מיט די קאַ-טאָליקען-פּאָליטיקער, האָבען זיי געהאַט אַ פערזאַמלונג אין נים (1579). דאָ האָבען זיך די קאַלוויניסטען ענטזאַגט פון זייער אַלטען פּלאַן: צו געווי-נען גאַנץ פראַנקרייך פיר רעפאָרמע אויף'ן רעליגיעזען געביט. זיי האָבען אָנגעפאַנגען צוזאַמען מיט די פּאָליטיקער צו דענקען וועגען אַ פּאָליטישער איינהייט פיר אַלע בירגער, ניט אַכטענדיג אויף זייערע רעליגיעזע געזינונגען. די הויפּט-שטרעבונג איז יעצט ביי אַלעמען געוואָרען — אַ פאָלקס-רעגירונג און מאַכען אַן ענדע צום דעם דעספּאָטיזם פון די קעניגען. דער קעניג איז געווען געצוואונגען אַריינצוגעהן אין פערהאַנדלונגען מיט די פעראייניגטע הוגענאָטען און פּאָליטיקער. דער רעזולטאַט פון דיזע פערהאַנדלונגען איז געווען, דאָס דער קעניג איז געווען געצוואונגען ענדע אַפּריל 1576 אונטערצו-שרייבען אַ רעליגיאָנס-פרידען, וועלכער איז געווען זעהר ניט גינסטיג פיר דאָס קעניגטום. עס איז אין גאַנצען רייך פּראָקלאַמירט געוואָרען רעליגיאָנס-פרייהייט, עס איז ערלויבט געוואָרען גייסטליכע און מאָנאַכען צו הייראַטען. עס איז בעשטימט געוואָרען איינצופיהרען אין אַלע אַכט פראַנצויזישע פּאַר-

לאַמענטען געמישטע קאַמערן פון רעפאָרמירטע און קאַטאָליקען; מען זאָל צוריקגעבען צו די הוגענאָטען אַלע גיטער, וואָס מען האָט פון זיי צוגענומען און קאָנפיסקירט און איבערגעבען אין די הענט פון די פּראָטעסטאַנטען אַכט פעסטונגען, וואו זיי זאָלען זיך קענען בעשיצען ווען מען וועט אויף זיי ווע־לען בעפאַלען; און אויסער דעם אַלעמען האָט דער קעניג געמוזט פערשפּרעכען צו פעררופען אין צייט פון 6 מאָנאַטען אַ פאָלקס־פערזאַמלונג אום צו פער־פאַסען אַ קאָנסטיטוציאָן.

היינריך דער 3טער.

דיזער פרידען האָט געפיהרט דערצו, דאָס די קאַטאָלישע פּאַרטיי האָט זיך איבער־אַ־נייס אויפגעשטעלט אונטער דער לייטונג פון היינריך פון גיזע. צו איהם איז צוגעשטאַנען פיליפּ דער 2טער פון שפּאַניען און זיי האָבען גע־שלאָסען אַ הייליגע ליגאַ. די גייסטליכע און די מאָנאַכען האָבען זיי געהאָל־פען און זיי האָבען בעקומען אַ סך אָנהענגער (1576). אין דיזער ליגאַ זיינען געווען פערבונדען קאַטאָלישע פירסטען, גרונד־הערען און אַדעללייט מיט דעם צוועק „איינצוריכטען דעם רעליגיאָנס־דינסט נאָך דער פאָרמע און אַרט

פון דער רוימיש־קאַטאָלישער קירכע, אום צו זיכערן דעם קעניג היינריך דעם 3טען און זיינע קריסטליכע נאָכפאָלגער די געהאָרזאַמקייט פון די אונטער־טאַנען, ווי אויך צוריקגעבען צו די פּראָווינצען און אַלע שטאַנדען פון פאָלק זייערע אַלטע רעכטען און פּריוויליגיעס, וועלכע זיי האָבען געהאַט אונטער דעם ערסטען קריסטליכען קעניג כלאָדוויג". דערפון זעהט מען ארויס, דאָס די ליגא האָט געוואָלט אָפּשוואַכען די וויכטיגקייט פון דער געגען־פּארטיי דער־מיט, וואָס זי, די ליגא, האָט אָנגענומען זייער פּראָגראַם מיט זייערע פּאָלי־טישע פאָדערונגען. דאָס צייגט קלאָר, ווי די נייע אידעען האָבען טיף אריינ־געדרונגען אין פאָלק. אפילו די קאַטאָלישע פּארטיי האָט יעצט געפאָדערט פּאָליטישע פרייהייט און די אַלטע פאָלקס־רעכטען, אָבער נאַטירליך נאָר פיר זיך. אויך דער אַלטער אַדעל האָט געזוכט אראָפּצוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון דער אבסאָלוטער הערשאַפט, וועלכע האָט זיי אַזוי שטאַרק געדריקט. דיזע שיינבאַרע איבעראיינשטימונג צווישען די ביידע געגען־פּארטייען האָט געקענט פיר די בירגער ווערען זעהר געפעהרליך.

ווייל די ליגא האָט זעהר געשווינד געוואַקסען, האָט דער קעניג בע־שלאָסען צו געווינען זי אויף זיין זייט און שטעלען זיך אָן דער שפּיץ פון דיזער בעוועגונג. ער האָט בעשלאָסען, דאָס א רייכסטאַג זאָל בעשרענקען דעם רעליגיאָנס־פרידען פון 1576. דאָס אָבער האָט געפיהרט דערצו, דאָס עס האָט אויסגעבראָכען א נייער קריג, וועלכער האָט געבראָכען די מאַכט פון דער ליגא. היינריך דער 3טער האָט געמוזט שליסען א נייעם פרידען, וועלכער איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „דער פרידען פון בערזשעראַק". דיזער פרידענס־אָפּמאַך האָט געגעבען די קאַלוויניסטען פיעל מעהר פרייהייט ווי פריהער, איבערהויפּט דאָס רעכט צו פערנעהמען אַלערליי עמטער אין דער רעגירונג.

אין יאָהר 1584 איז געשטאָרבען דער ברודער פון קעניג, דער הערצאָג פון אנזשו, און דער בורבאָן היינריך פון נאַווארראַ איז געוואָרען דער נעכס־טער יורש פון טראָן. די אויסזיכט, אַז אַ פּראָטעסטאַנט זאָל ווערען הערשער פון פראַנקרייך, האָט אויפגעפלאַקערט די רעליגיעזע און פּאָליטישע ליידענ־שאַפטען, און האָט זיך גענומען איינשרעקען דאָס פאָלק, דאָס עס שטעהען פאָר בלוטיגע פערפאָלגונגען פון די קאַטאָליקען, און דאָס דיזע פערפאָלגונגען וועלען זיין אַ געפאַהר פיר גאַנץ פראַנקרייך. די יעזואיטען האָבען געאַרבייט מיט אַלע קרעפטען: מיט רעדעס פון דער קאַנצעל אין דער קירכע, ביים בייכט־שטול (בשעת מען קומט צום גייסטליכען זיך מתוודה זיין אויף די זינד, דאַמאָלס האָבען די קאַטאָלישע גייסטליכע אַ גרויסען איינפלוס אויף זייערע

לייט), און מעהר פון אלעס מיט געלט, וועלכעס פיליפ דער 2טער האט געגע־בען מיט אן אפענער האנט זינט ער איז צוגעשטאנען צו דער ליגא. א זעהר שטארקע אונטערשטיצונג האט די ליגא געקראגען פון דעם נידערען אדעל, וועלכער האט געהאפט צו בערייכערן זיך גיך און גרינג פון די גיטער, וואס מען וועט קאנפיסקירען פון די הוגענאטען. די ליגא האט אונטער דער קלו־גער פיהרונג פון גיזע באלד געקראגען א שטארקע מאכט מיט א גרויסע אר־מעע פון גוט געאיבטע סאלדאטען. געשטיצט אויף דער ליגא האט דער פאפסט סיקסטוס דער 5טער געוואגט ארייצולעגען אין חרם היינריך פון נאווארא, אום צו מאכען איהם דערמיט אונפעהיג צו בעשטייגען דעם טראן. דער שוואכער קעניג איז געווען געצוואונגען אפצורופען אלע פריהערדיגע אפמאכען, וואס זיינען געווען געשלאסען מיט די הוגענאטען, אויסער דעם האט ער געגעבען צו וויסען, דאס ער וועט זיך ערנסט נעהמען אויסצוראטען די קעצעריי פון פראנקרייך, און האט אלע אונארדנונגען פון דער ליגא גוט־געהייסען.

מעהר ווי איבעראל איז די ליגא געווען שטארק אין די פראווינצען. מיט דעם תירוץ, דאס מען וויל איינארדנען א ריכטיגען רעליגיאנס־דינסט, האט מען געלאזען ארבייטען פערשיידענע פאליטישע פלענער, וועלכע האבען אלע געהאט אלס הויפט־צוועק צו בעזייטיגען די צענטראליזאציאן פון דער שטאאטס־מאכט. יעדער גובערנאטאר איז געווארען אונאפהענגיג, ווייל ער האט גערעכענט, דאס די מאנארכיע וועט באלד אויפגעלעזט ווערען. די שטעדט האבען ווידער אנגעפאנגען צו פאדערן זייערע אלטע פרייהייטען, די פרייהייטען פון דער צייט פון כלאדוויג'ן, און אין דער טאט איז די בירגער געלונגען אין פיעלע שטעדט צוציהען צו זיך די מיליטערישע מאכט, וועלכע זיי האבען פערלארען אין 15טען יאהרהונדערט. צוזאמען מיט דער מיליטע־רישער מאכט איז די בירגער אויך געלונגען צו קריגען צוריק די געריכטליכע מאכט, וועלכע מען האט פון זיי ניט לאנג צוגענומען. עס האט זיך צו זיי צוריקגעקעהרט די צייט פון די קאמונעס. די ביבעל מיט איהרע הארטע ווער־טער פון די פראפעטען געגען די טיראנען איז געווארען ביים פאלק דאס פא־פולערסטע בוך פון דער צייט.

די פיינדליכקייט האט זיך שוין אנגעהויבען אין יאהר 1586. אבער צו טאט, צו מלחמה, איז עס ערסט געקומען מיט א יאהר שפעטער. דאמאלס ערסט האט זיך אנגעפאנגען דער קריג, וועלכער איז בעוואוסט אין דער גע־שיכטע אונטער'ן נאמען „דער קריג פון די דריי היינריכען" (היינריך דער 3טער, קעניג פון פראנקרייך; היינריך פון נאווארא, דער פראטעסטאנט

און טראַן־פאָלגער פון היינריך דעם 3טען; און היינריך פון גיזע, דער פיה-רער פון דער ליגאַ). הגם די קאַלוויניסטען האָבען געשטריטען ווי העלדען, האָבען זיי דאָך געהאַט אַ נידערלאַגע. נאָך דיזען זיג האָט זיך דער הערצאָג היינריך פון גיזע געפיהלט אַזוי מעכטיג, דאָס ער האָט געוואָגט צו טאָן אַלעס. ער האָט אָנגעהויבען צו שטרעבען צו בעקומען דעם טראָן, אויף וועלכען מען האָט אָנפאַנגס געוואָלט ארויפזעצען בעארנער׳ס אַן אַלטען פעטער.

אין פאַריז האָבען די הייסעסטע מיטגלידער פון דער ליגאַ געגרינדעט אַ געהיימען בונד, דעם „בונד פון זעכצעהן", וועלכער האָט זיך געמאַכט אַלס אויפגאַבע צו ערמאָרדען דעם קעניג היינריך דעם 3טען. היינריך האָט זיך דערוואוסט וועגען דער פערשווערונג און האָט זיך פערשאַפט אַ לייב־גוואַרדיע פון שווייצאַרישע סאָלדאַטען. די פערשוואָרענע האָבען פערלאָרען דעם מוט. אום זייער געפאַלענעם מוט צו שטאַרקען און אויפצוהייבען, האָט דער הערצאָג בעשלאָסען אַליין צו קומען אין פאַריז, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס דער קע-ניג האָט עס איהם פערבאָטען. ער איז אַריינגעפאָהרען אין פאַריז מיט גרויס טריאומף. אַן אַלטע פרוי האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך דאָס פאָלק, האָט אַ קורצע ווײַלע בעטראַכט דעם הערצאָג און נאָכדעם געזאָגט: „יעצט קען איך שטאַרבען רוהיג, נאָך דעם, ווי איך האָב געזעהען דעם רעטער און בעפרייער פון פראַנצויזישען פאָלק". דער קעניג איז געווען בלאַס פון כעס, אָבער ער איז געווען אָהנמעכטיג עטוואָס צו טאָן. זיי האָבען זיך ביידע בעפעסטיגט: דער קעניג אין לובר (קעניגליכער שלאָס אין פאַריז) און דער הערצאָג אין זיין שלאָס.

דעם אָבענד פון 11טען מאַי 1588 האָט דער קעניג געהייסען דער ביר-גער־גוואַרדיע, אַז זיי זאָלען בעזעצען איינִיגע פּלעצער; ער האָט גערעכענט, דאָס די בירגער־גוואַרדיע איז איהם טריי. דעם אַנדערען מאָרגען האָט ער געשיקט די לייב־גוואַרדיע פון די שווייצאַרישע סאָלדאַטען צוזאַמען מיט דער פראַנצויזישער גוואַרדיע זיי זאָלען פערנעהמען די שטעלע אויף׳ן בריק פון סט. מישעל און אויף דעם ניימאַרק. דער בירגער־גוואַרדיע איז עס ניט גע-פעלען געווען. ווי מען האָט דערזעהען די שווייצאַרישע גוואַרדיע אין שטאָדט האָט מען געדענקט, דאָס היינריך דער 3טער וויל אויף־דאָס־ניי מאַכען אַ באַרטהאָלאָמעאוס־נאַכט. די פאָלקס־מאַסע האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן צו דער באַסטיליע און האָט אָנגעהויבען צו בויען באַריקאַדעס. אין צוויי שטונדען איז גאַנץ פאַריז געוואָרען בעוואָפענט. אַלע גאַסען זיינען געוואָרען פערשטעלט און פערצאַמט, אַזוי דאָס מען האָט ניט געקענט דורכפאָהרען. אַן דער שפּיץ פון פאָלק האָט זיך געשטעלט גראַף פון בריכסאַק. דאָס פאָלק

האָט אָנגעגריפען די שווייצער פון אַלע זייטען מיט אַ האָגעל פון קוילען, אַזוי דאָס זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעטען מען זאָל זיי לאָזען צורוה, ווייל זיי זיינען ניט געוועהנט צו אַזאַ סאָרט מלחמה. היינריך דער 3טער האָט געמוזט ענטלויפען פון לובר, און ער איז אַוועק פון פּאַריז.

דאַמאָלס האָט גיזע בעהערשט פּאַריז. ער האָט בעזעצט אַלע גרויסע עמטער מיט די לייט פון דער ליגאַ, האָט זיך פערזיכערט אין דער באַסטילליע און אַנדערע וואַפען־פּלעצער, און האָט געצוואונגען דעם קעניג ער זאָל איהם בעשטימען אַלס אונבעשרענקטען אויבער־קאָמאַנדיר איבער די טרופּען. מען האָט באַלד בערופען אין בלויז אַ רייכסטאַג, אין וועלכען די פּאַרטיי פון גיזע האָט געהאַט די אויבערמאַכט. דיזע פּאַרטיי האָט בעשלאָסען אָפּנעהמען די ממשלה פון די בורבאָנען, און צו רעפאָרמירען די רעגירונגס־אָרדנונג. אויף'ן רייכסטאַג האָבען אַלע דריי שטאַנדען פון פּאָלק פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס דער קעניג האָט זיך גענומען צופיעל רעכטין, און לאָזט זיי ניט פיהרען די וואַהלען ווי זיי ווילען. דאָס פּאָלק האָט געשריען: דאָס פּאָלק איז העכער פון דעם קעניג, דער קעניג איז פיר דאָס פּאָלק, ניט דאָס פּאָלק פיר דעם קע-ניג. דער קעניג איז נאָר דער פּרעזידענט אין די פּאָלקס־פערזאַמלונגען, אָבער די מאַכט און די הויפּט־דעה האָט דאָס פּאָלק, צום פּאָלק געהערט די גאַנצע מאַכט.

דאַמאָלס האָט דער קעניג היינריך בעשלאָסען צו טאָן אַ פערצווייפעלטען שריט. ער האָט צוגערופען די טרייעסטע 45, זיין לייב־גוואַרדיע, און האָט צו זיי געזאָגט: „איך בין זעהר שטאַרק געדרענגט, דאָ איז נאָר איינס פון די צוויי: אָדער איך מוז שטאַרבען אָדער גיזע, און דאָס מוז געשעהן נאָך דיזען מאָרגען. ווילט איהר מיר ניט דינען און נעהמען ראַכע פיר מיך?" דערויף האָבען אַלע מיט איין קול אויסגעשריען, דאָס זיי זיינען בערייט צו טויטען די בונטאָווּשטשיקעס. ער האָט צו זיין גוואַרדיע באַלד צוטיילט שווערדען און שפּיזען און האָט זיי צושטעלט אין זיין צימער און אויף די טרעפּ. אין דער זעלבער צייט האָט ער געלאָזען זינגען אַ מעסע, דאָס גאָט זעלבסט זאָל נעהמען אָנטייל אין דעם געמיינעם מאָרד, וואָס ער וויל בע-געהן. אָט אַזוי פערוואַנדעלט אָפּט די רעליגיאָן דעם אל רחום, דעם מקור הטוב, אין אַן איינפּאַכען געמיינעם מערדער.

דער הערצאָג איז געקומען שפּעטער ווי מען האָט איהם ערוואַרטעט. אויף'ן וועג האָט מען געוואַרנט, דאָס איהם ערוואַרטעט דער טויט. ער האָט אָבער דיזער וואַרנונג ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. ער איז אַריין אין צימער פון דעם קעניג, האָט געגריסט די אַדעללייט, וואָס זיינען

דאָרט געווען, און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון קעניג'ס קאַבינעט, צו זעהען דעם קעניג און צו ריידען מיט איהם. ווי ער האָט געעפענט די טיר האָט איהם איינער פון די 45 געפּאַקט ביים אָרם און האָט איהם אַריינגע-שטאָכען אַ שווערד אין ברוסט מיט די ווערטער: „שטאַרב, פעררעטער!" אין דעם זעלבען מאָמענט האָבען אַלע 45 אַרויסגעצויגען די שווערדען. דער הערצאָג האָט זיך געוואָלט אויסדרייען פון זייערע הענט, ער איז אָבער גע-פאַלען אויף'ן קעניג'ס בעט. דעם ערמאָרדעטען הערצאָג'ס ברודער, דער קאַר-דינאַל לודוויג, איז געקומען צו לויפען אום איהם צו העלפען; ער איז אָבער באַלד אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס און איז אויף דעם אַנדערען מאָרגען געטויטעט געוואָרען. אויך פיעלע אַנדערע וויכטיגע פּערזאָנען פון דער פּאַרטיי פון גיזע זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס.

אָבער מיט דעם טויט פון די גיזען איז די פּאַרטיי נאָך ניט פערניכטעט געוואָרען. די נאַכריכט פון דעם מאָרד האָט געמאַכט אַ שרעקליכע אויפרע-גונג אין גאַנצען לאַנד. אין פּאַריז איז דאָס פּאָלק געוואָרען אַזוי שרעקליך אויפגערעגט, דאָס עס האָט גאָר ניט געוואוסט קיין גרענעץ. אין די קירכען האָט מען געפלוכט די מערדער און די, וואָס האָבען בעשטעלט דעם מאָרד פון די צוויי מאַרטירער: דעם הערצאָג גיזע און זיין ברודער דעם קאַר-דינאַל. אַ בעריהמטער פּרעדיגער האָט זיינע צוהערער געמאַכט שווערען, דאָס זיי וועלען פערגיסען זייער לעצטען טראָפּען בלוט אום צו נעהמען ראַכע פון די מערדער פיר דאָס אונשולדיג פערגאָסענע בלוט פון די ברידער גיזע. פערשיידענע פּראָצעסיאָנען זיינען געגאַנגען איבער די גאַסען טאָג און נאַכט אום אויפצורייצען דאָס פּאָלק געגען דער גוואַלדטאַט, וואָס איז געטאָן גע-וואָרען. אין איין פּראָצעסיאָן האָבען די בעטייליגטע געטראָגען טויזענדער ברענענדע ליכט, וועלכע זיי האָבען פּלוצלינג אַלע אין איין מאָמענט פערלאָ-שען און האָבען דערביי אויסגעשריען: „גאָט, פערטיליג די מערדערישע קע ניגליכע פאַמיליע מיט איהרע מיטהעלפער!"

אָן דער שפּיץ פון דער ליגאַ האָט זיך יעצט געשטעלט קאַרל דער הער-צאָג פון מאַיענן. דאָס איז געווען אַ זעהר ענערגישער כאַראַקטער מיט אַ גרויסען עהרגייץ. אין אַ גרויסען טייל פון לאַנד האָט דער ראַט פון דער ליגאַ, וועלכער איז בעשטאַנען פון 40 פּערזאָן, פערכאַפּט די רעגירונג אין זייערע הענט. אין פּאַריז האָט זיך בעמעכטיגט איבער דער פערוואַלטונג דער דע-מאָקראַטישער ראַט פון זעכצעהן. דיזער פאַקט האָט בעוואויגען די מעהר-צאָהל פון קאַטאָלישען אַדעל צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון קעניג. זיי האָבען זיך געשטעלט געגען דער ליגאַ, ווייל זיי האָבען איינגעזעהען, דאָס די

שטעדט פון דער ליגא הויבען אָן צו הערשען איבער זיי (די אדעללייט), און די בויערן הערען אויף צו צאָהלען די געוועהנליכע צינזען און אנדערע אָפּ-צאָהלונגען. היינריך אָבער האָט גוט פערשטאַנען, דאָס ער איז צו שוואַך צו שטרייטען געגען דער ליגא און געגען די הוגענאָטען. ער האָט געפּרובּט מאַ-כען פערבינדונגען מיטביידע פּארטייען אין איין און דער זעלבער צייט. די ליגא האָט זיינע אונטערהאנדלונגען אויפגענומען זעהר שלעכט, אָבער דער קעניג פון נאַווארא איז מיט זיינען פאַרשלאַגען געווען צופרידען. דעם 3טען אַפּריל 1589 איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען אַ פערטראַג אויף איין יאָהר פרידען. לויט דיזען פערטראַג זיינען די הוגענאָטישע טרופּען געשטעלט געוואָרען אונ-טער דעם בעפעהל פון קעניג; דער קאַטאָלישער קולט (רעליגיאָנס=דינסט) האָט בעדארפט איבעראל רעספּעקטירט ווערען און די פלעצער, וואָס מען האָט פון קעניג אָפּגענומען, האָט מען איהם געדאַרפט צוריקגעבען, אָבער עס האָט געדאַרפט אין גאַנצען אויפהערען יעדע פערפאָלגונג פון די רעפאָרמירטע.

דער בירגער=קריג האָט אויסגעבראָכען אויף=דאָס=ניי, און דיזעם מאָל נאָך בלוטיגער ווי פריהער. די ליגא האָט פערלאָרען איין פּאָזיציאָן נאָך דער אנדערער. דער קעניג האָט דעם 2טען אויגוסט בעשלאָסען צו שטורמען פּאַ-ריז און האָט געהאַט גוטע אויסזיכטען צו האָבען אַן ערפאָלג. אָבער דעם 1טען אויגוסט האָט אַ געוויסער דאָמיניקאַנער מאָנאַך מיט'ן נאָמען יאַקאָב קלעמענט דעם קעניג ערמאָרדעט (1589). דער מערדער איז אויף'ן אָרט צוהאַקט געוואָרען אין שטיקער. מיט היינריך דעם 3טען האָט זיך געענדיגט די פאַמיליע וואַלוא, וועלכע האָט רעגירט איבער פראַנקרייך איבער צוויי און אַ האַלבען יאָהרהונדערט, און וועלכע האָט צו ענדע פון 16טען יאָהרהונדערט אריינגעוואָרפען פראַנקרייך אין אַ גרויסע אונאָרדנונג.

אַלס זיין נאָכפאָלגער האָט היינריך דער 3טער בעשטימט היינריך פון נאַווארא, וועלכער האָט געשטאַמט פון דעם 4טען זוהן פון לודוויג דעם הייליגען. דיזער איז אין דער געשיכטע בעוואוסט אונטער'ן נאָמען היינ-ריך דער 4טער, און האָט רעגירט אין פראַנקרייך 9 יאָהר (פון 1589 ביז 1598). היינריך דער 4טער האָט געמוזט פיהרען אַ לאַנגען קריג ביז ער איז אָנערקענט געוואָרען אַלס קעניג פון פראַנקרייך. די ליגא, אונטער דער פיהרונג פון מאַיענן, האָט פיעל געשאַדט דעם קאַלוויניסטישען טראָן=פאָלגער צו דערגרייכען זיין ציל. דערצו האָבען אויך די שפּאַניער פיעל געהאָלפען. עס פערשטעהט זיך, דאָס די קאַטאָליקען האָבען בעסער געוואָלט האָבען אַ קעניג, וועלכען דער קאַטאָלישער פיליפּ דער 2טער פון שפּאַניען וואָלט זיי געגעבען איידער אַ פּראָטעסטאַנטישען קעצער. נאָך דעם, ווי היינריך דער

4טער האָט בעזיגט מאַיענן ביי איוורי (1590), האָט ער בעלאַגערט פּאַריז. ער האָט אָבער מיט וואפען־געוואלט גאָר ניט געקענט מאַכען. די צאָהל פון זיינע געגנער איז געוואַקסען מעהר און מעהר; שפּאַניען איז אַרויס אָפען מיט איהרע אַבזיכטען. פערשיידענע פּראָווינצען האָבען געפּאַסט דעם בעשלוס צו ווערען אין גאַנצען אונאָפּהענגיג פון אַ קעניג, און האָבען אַ בעזונדערע רעגירונג מיט אַן אייגענעם פירסט. מען האָט געזעהען קלאָר, דאָס דער קריג וועט דעם קעניג היינריך דעם 4טען קיין זיג ניט פערשאַפען, דאָס ער וועט דורך קריג פיר קיין פאַל זיין צוועק ניט דערגרייכען. דאָס לאַנד האָט אין גאַנצען געקענט געהן צו גרונד, אָבער קיין פּאַרטיי וועט זיך ניט אונטערגעבען דער אַנדערער. דער קעניג האָט בעשלאָסען איבערצוגעהן צום קאַטאָליציזם. דאָס האָט ער ווירקליך געטאָן דעם 25טען יוני 1593 און דערמיט האָט ער געבראָכען די מאַכט פון דער ליגאַ.

פּאַריז האָט באַלד געעפענט איהרע טויערן און האָט מיט גרויס פרייד אויפגענומען איהר הערשער. באַלד נאָכדעם האָבען זיך אויך פיעלע אַנדערע פּראָווינצען ערקלערט פיר דעם קעניג. די פיהרער פון דער ליגאַ האָבען אויך איינגעזעהען, דאָס יעצט איז דער קעניג זיכער מיט ערפאָלג און זיי האָבען זיך געאיילט צו שליסען מיט איהם פרידען, אָבער זיי האָבען דיזען פרידען געפונען פיר אַ געלעגענהייט צו מאַכען געלט. אַזוי צ. ב. האָט דער הערצאָג פון לאָטהרינגען גענומען פון היינריך׳ן 900,000 טהאַלער, ווילאַרס־בראַנקאָס האָט בעקומען דעם אַדמיראַל־טיטעל מיט אַ געהאַלט פון 60,000 ליוור, און אַזוי אויך פיעלע אַנדערע. ווען מען האָט היינריך׳ן גראַטולירט מיט דער שמחה, דאָס ענדליך האָבען איהם זיינע אונטערטאַנען אָפּגעגעבען זיין קעניגרייך, האָט ער געענטפערט: „ניין, זיי האָבען עס מיר ניט אָפּגעגעבען, נאָר איך האָב עס פון זיי אָפּגעקויפט". מען זאָגט, דאָס די סומע, וואָס היינריך האָט אויסגעגעבען אום צו ערהאַלטען די קרוין פון פראַנקרייך, האָט בעטראָפען איבער 32 מיליאָן. לויט דעם ווערט פון געלט אין היינטיגער צייט וואָלט עס בעטראָפען פינף מאָל אָדער זעקס מאָל אַזוי פיעל. אויך האָט איהם דאַן דער פּאַפּסט בעפרייט פון דעם חרם, אין וועלכען ער האָט איהם פריהער אַריינגעלעגט.

די הוגענאָטען, צו וועלכע ער האָט פריהער געהערט, האָט ער זעהר גוט בעהאַנדעלט. דעם 13טען אַפּריל 1598 האָט ער אַרויסגעלאָזען אַן עדיקט, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט פאָלשטענדיגע רעליגיאָנס־פרייהייט אין גאַנצען לאַנד. די קאַלוויניסטען האָבען ערהאַלטען פולע רעכטען פון שטאַאַטס־בירגער, פיעלע פעסטונגען און די נעטיגע קריגס־מאַטעריאַלען, זיי זיינען בע-

פרייט געוואָרען פון די בישאָפּס=געריכטען, און האָבען אויך געקראָגען פון דער רעגירונג אַ געוויסע סומע אונטערצוהאַלטען זייערע קירכען. זיי האָבען אָבער געמוזט צאָהלען מעשר צו די קאַטאָלישע קלעריקאַלען, ווען ניט, וואָלטען זיי ניט דערלאָזען, אַז דער עדיקט זאָל ווערען אַ געזעץ. אויך איז נאָכגעגעבען געוואָרען די פאָדערונג פון די הוגענאָטען, דאָס די רעגירונגס=קאַמערן זאָלען בעשטעהן פון געמישטע מיטגלידער: קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען. דער עדיקט האָט די הוגענאָטען אויך געגעבען דאָס רעכט צו בע-

הײנריך דער 4טער.

רופען נעבען זייערע סינאָדען אַלע 3 יאָהר אַ פערזאַמלונג, וועלכע זאָל ערוועהלען דעפּוטאַטען, וואָס זאָלען בעשיצען אין דעם קעניגליכען הויף די אינטערעסען פון די הוגענאָטען. איינינע טעג שפּעטער, דעם 2טען מאַי 1598, איז אויך געשלאָסען געוואָרען פרידען מיט שפּאַניען.

עס איז ווערט צו דערמאָהנען דעם פאַקט, דאָס אין יאָהר 1594 האָט אַ יעזואיט געוואָלט ערמאָרדען דעם קעניג, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. ער האָט איהם נאָר געמאַכט אַ קליינע וואונד אין זיין ליפּ. דער פּאַרלאַמענט

האָט דערפאַר ארויסגעלאָזען אַ בעפעהל, ארויסצוטרייבען אַלע יעזואיטען פון לאַנד. דער קעניג האָט אָבער אין אַ קורצער צייט נאָכדעם דעם בעפעהל מבטל געווען, ווייל די יעזואיטען זיינען איהם זעהר אָפט געווען נעטיג צו העלפען דורכפיהרען זיינע פּלענער.

ב. די עקאָנאָמישע שטרעבונגען פון 17טען יאָהרהונדערט: די הער־שאַפט פון האנדעל־סיסטעם.

איידער מיר געהען איבער צו דער אינערער פּאָליטיק פון היינריך דעם 4טען, מוזען מיר ווארפען אַ בליק אויף די אייגענטימליכע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער נייער צייט, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 16טען יאָהרהונדערט, איבערהויפּט אין די לענדער, וועלכע זיינען שוין דאַמאָלס געווען פּאָליטיש צענטראַליזירט, ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך. אין דיזע לענדער האָט די רע־גירונג געטאָן אַלעס מעגליכעס אום צו העלפען דעם אויפוואַקסען און אויפ־בליהען פון אינדוסטריע און האנדעל, און האָט שטאַרק געשיצט און געשטיצט די פאַבריקאַנטען און סוחרים, ווייל דורך זיי האָט זי געקענט ערווערבען גרויסע אוצרות, וועלכע זיינען איהר געווען זעהר נעטיג אויסצוהאַלטען אַ גרויסע אַרמעע, וואָס זי האָט געמוזט האָבען אום פעסטצוהאַלטען איהר צענטראַל־מאַכט.

די לענדער־ענטדעקונגען, וועלכע האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין 15טען יאָהרהונדערט, האָבען מיט דעם שטייגענדען האנדעל ענטוויקעלט די אייראָ־פּעאישע געלט־צירקולאַציאָן אין אַ זעהר הויכען גראַד. די בעציהונגען מיט פרעמדע לענדער זיינען געוואָרען ראַשער, דאָס שטעדטישע לעבען איז געוואָ־רען פיעל ברייטער און גרעסער, בעוועגליכעס אייגענטום האָט געשטיגען מעהר און מעהר און האָט דערלאַנגט אַ הויכע בעדייטונג. ווי מיר האָבען עס פריהער געזאָגט, האָט די רעגירונג געברויכט זעהר פיעל געלט אויפצוהאַלטען אַ גרויסע שטענדיגע אַרמעע, אויסער דעם זיינען אויך געשטיגען די בעדערפ־ניסען פון דעם הויף. די צאָהל פון בעאַמטע איז געוואָרען גרעסער און גרע־סער. דאָס אַלעס האָט געפאָדערט זעהר פיעל געלט.

די געוועהנליכע איינקונפטען, וואָס די רעגירונגען האָבען געהאַט אין יע־נע צייטען, זיינען ניט געווען גענוג צו דעקען די אונגעהייערע גרויסע הוצאות, וואָס זיי האָבען געהאַט לויט די נייע פאָדערונגען. די רעגירונגען זיינען גע־ווען געצוואונגען צו מאַכען שולדען און צו בעשאַפען נייע אָפּגאַבען און שטייע־רען. די שטאַאַטסמענער האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס אום זיי זאָלען קענען דערגרייכען זייערע הויכע פּאָליטישע צוועקען, מוזען זיי שאַפען אַ בליהענדע

עקאָנאָמישע טעטיגקייט. די רעגירונג האָט דעריבער געשטיצט אינדוסטריע און מסחר, און אום אָפּצוזעצען די פּראָדוקטען פון אינדוסטריע האָט די רעגירונג געזוכט צו גרינדען קאָלאָניעס אין אַנדערע לענדער. דיזע קאָלאָניעס האָבען פיעל געהאָלפען צו בערייכערן די קאַסע פון דער רעגירונג, וועלכע האָט אימער איינגעשלונגען מעהר און מעהר מיליאָנען אויף אויסצוהאַלטען אונגעהייערע אַרמעען, צו בויען קריג-שיפען, שטאַרקע פעסטונגען א. ד. גל.

עס איז זעהר נאַטירליך, דאָס יעדע רעגירונג זאָל זוכען צו פערשטאַרקען און פערגרעסערן איהר מאַכט. דערפון איז אַרויסגעקומען, וואָס די רעגירונגען האָבען אָנגעהויבען צו שטרעבען איבערצושטייגען איינע די אַנדערע ווי אויף'ן פּאָליטישען אַזוי אויך אויף'ן עקאָנאָמישען וועג, און די פיהרער פון יעדער רעגירונג האָבען אימער גערעכענט יעדען ערפאָלג אויף'ן עקאָנאָמישען וועג פיר אַן ערפאָלג אויך אויף דעם פּאָליטישען. דעריבער האָט יעדע רעגירונג אָנגעפאַנגען צו העלפען און צו שטיצען יעדע עקאָנאָמישע אונטערנעהמונג. יעדע פּראָדוקציאָן איז געווען אונטערוואָרפען אונטער געוויסע רעגלען אין הינזיכט פון קוואַליטעט און ביליגקייט פון אַרויספיהרען פון לאַנד, אום די נאַציאָן זאָל פערנעהמען א געוויסען פּלאַץ אין די אויסלענדישע מאַרקען. די רעגירונגען האָבען אָנגעהויבען מאַכען הויכע טאַריפען (צאָל) פיר די סחורות, וואָס מען ברייננגט אַריין פון אויסלאַנד, אום צו שיצען די אינדוסטריע פון לאַנד און אויסלאַנד זאָל ניט קענען קאָנקורירען מיט דער פּראָדוקציאָן פון לאַנד, ווי אויך צו פערגרעסערן די איינקונפטען פון דער רעגירונג, וואָס ווערען גרעסער פון טאָג צו טאָג. האַנדעלס-אָפּמאַכונגען צווישען לענדער זיינען געוואָרען אַ זעהר וויכטיגער פּונקט אין דער דיפּלאָמאַטיע. יעדע רעגירונג האָט געצוואונגען די קאָלאָניעס צו קויפען נאָר ביי זייער מוטער-לאַנד.

מיר זעהען דערפון קלאָר, דאָס די רעגירונגען האָבען געשיצט די אינדוסטריע און געשעפט ניט אַרויסגעהענדיג פון וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, נאָר פּשוט אויס מאַטעריעלער אויסרעכנונג, און זיי זיינען געווען כמעט געצוואונגען דערצו פון אויסענזייטיגע אומשטענדען. „און דאָך“, זאָגט אינגראַם זעהר ריכטיג, „ווען מיר בעטראַכטען די פראַגע פון דעם העכסטען שטאַנדפּונקט פון דער פילאָזאָפישער געשיכטע-פאָרשונג, מוזען מיר זאָגען, דאָס אינדוסטריע און האַנדעל האָבען פיעל געהאָלפען צו פערבעסערן די מענשהייט דערמיט, וואָס זיי האָבען די פערשיידענע פעלקער צוזאַמענגעבראַכט נעהענטער איינס מיט דעם אַנדערען“. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, דאָס דער שטאַאַט טוט יעצט אויס עגאָאיסטישען געפיהל דאָס,

וואס ער האָט סיי ווי געדאַרפט טאָן פון שטאַנדפּונקט פון דער וויסענשאַפט און מאָראַל. די געזעלשאַפט דערגרייכט איהר צוועק דורך דעם, וואס די רע-גירונג זוכט איהר אייגעננוץ.

אזוי איז די פאָלקס־ווירטשאַפט ענטוויקעלט געוואָרען דורך די אינ-דוסטריעלע און האנדעלס־פּאָליטיק, וואס די רעגירונגען האבען בעשאַפען.

צו דעם זעלבען רעזולטאַט זיינען געקומען די וויסענשאַפטס־מענער, וועלכע האָבען בעשאַפען די טהעאָריע, וואס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „מערקאַנטיליזם". נאָך דיזער טהעאָריע איז געלט און רייכטום איינס און דאס זעלבע. דעריבער מוז יעדעס פאָלק שטרעבען, ווען עס קומט אין האנ-דעלס־בעריהרונג מיט אנדערע פעלקער, צו איינאָרדנען זייערע געשעפטען אויף אזא ארט, דאס עס זאָל אריינגעהמען צו זיך וואס מעהר גאָלד און זיל-בער. יעדעס פאָלק מוז שטרעבען שיקען וואס מעהר וואארע, וועלכע עס ארבייט זיך אויס אין זיין לאַנד, און וואס וועניגער אריינפיהרען וואארע, וואס איז אויסגעארבייט געוואָרען אין פרעמדע לענדער. מיט דיזען אופן, פערשטעהט זיך, וועט דיזעס לאַנד אריינגעהמען צו זיך מעהר גאָלד איידער עס גיט אויס און וועט ווערען אַלץ רייכער און רייכער. אום דיזען רעזולטאַט צו דערגרייכען מוז די רעגירונג אַנווענדען פערשיידענע מיטלען: זי מוז ארויפלעגען א גרויסען טאריף (הויכע צאָל־שטייערן) אויף די סחורות, וואס קומען אריין פון פרעמדע לענדער, און בעשאפען מיטלען צו פערגרינגערן דעם ארויספיהר פון די סחורות, וואס זיינען אויסגעארבייט געוואָרען אין לאַנד, און דערצו נאָך מאכען בעשרענקונגען אין ארויספיהרען עדעלע מע-טאַלען, ד. ה. מאכען שוועריגקייטען ביים ארויספיהרען גאָלד אָדער זילבער.

די ערסטע שריפטען פון די מערקאַנטיליסטען זיינען נאָר געווען בע-שעפטיגט מיט לעזען פּראַקטישע פראגען, וועלכע זיינען ארויסגערופען גע-וואָרען פון די אומשטענדען פון יענער צייט. זיי פלעגען געבען די רעגירונ-גען עצות, ווי צו פערגרעסערן די פּראָדוקציאָן פון לאַנד. איינער פון די גע-גענשטענדען, וועלכער האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די טהעאָרעטיקער פון מערקאַנטיליזם, איז געווען דאס שטייגען פון פּרייזען, וועלכעס האָט זיך איבעראַל אָנגעפאנגען באַלד נאָך דעם, ווי מען האָט אויס-געפונען די גאָלד־מינעס אין אַמעריקא. אין דער זעלבער צייט זיינען אויך געשטיגען זעהר הויך די פּראָדוקטיווע קרעפטען אין פיעלע לענדער. די טהע-אָרעטיקער פון דיזער נייער לעהרע, „מערקאַנטיליזם", האָבען ניט געקענט געפינען דעם צוזאמענהאנג פון דיזע פאַקטען מיט דער ערשיינונג פון דעם וואקסען פון די פּרייזען.

געגנויע פארשונגען און בעטראכטונגען האבען געפיהרט צום שלוס, דאס די ענדערונגען פון די פרייזען זיינען אפהענגיג פון דעם ווערט פון גאלד און זילבער. די געלט-ווירטשאפט האט געפאדערט א גרויסע מענגע פון גאלד און זילבער. ווייל אבער דער האנדעל האט ניט געקענט ליפערן אזוי פיעל גאלד און זילבער, וויפיעל די געלט-ווירטשאפט האט געפאדערט, איז דערי-בער ביז צום 16טען יאהרהונדערט געשטיגען דער ווערט פון גאלד און זילבער מעהר און מעהר.

מיט דער ענטדעקונג פון די נייע זילבער-מינעס אין פאטאסי אין יאהר 1545, דאס הייסט, ווען זילבער איז געווארען ביליגער, האבען די פרייזען אנגעהויבען צו שטייגען. מיט דעם שטייגען פון די פרייזען אויף לעבענס-מיטלען איז אבער דער פרייז פון ארבייטער-לוין ניט געשטיגען. די קאפי-טאליסטען האבען ניט געוואלט העכערן די פרייזען פון ארבייטס-לוין און דער ארבייטער האט זיך געמוזט לאזען בענוגענען מיט ווענינגער שפייז. אזוי צ. ב. אן ארבייטער, וואס האט אין יאהר 1501 פיר זיין ארבייטס-לוין גע-קענט קויפען 2¾ קילא פלייש, האט פיר דעם זעלבען לוין אין דעם יאהר 1650 געקענט קויפען נאר 1⅛ קילא (א קילא איז 2 פונט). אזוי איז עס געווען אין פראנקרייך און דייטשלאנד.

גאנץ אנדערס זיינען געווען די פערהעלטניסען אין ענגלאנד. דארט האבען מיט דעם שטייגען פון די פרייזען אויף לעבענס-מיטלען אויך געשטי-גען די פרייזען פיר ארבייטס-לוין. אבער אויך דארט האבען די פרייזען ניט געשטיגען אין א גלייכער פראפארציע. אזוי צ. ב. זיינען די פרייזען פון אר-בייטס-לוין געשטיגען, פון אנפאנג פון 16טען יאהרהונדערט ביז צו ענדע פון דיזען יאהרהונדערט, אויף דאפעלט, ווערענד די פרייזען אויף ווייץ זיינען געשטיגען אויף 2½ מאל מעהר, רינד-פלייש איז געווארען אונטער דער צייט 4 מאל טייערער, וואל 3 מאל טייערער.

דאס שטייגען פון די פרייזען, אדער דאס ביליג ווערען פון די עדעלע מעטאלען, גאלד און זילבער, וואס אייגענטליך איז עס איינס און דאס זעלבע, איז דערגאנגען צו אזא הויכער שטופע, דאס זאגאר די ענטדעקונג פון נייע וועגען צו די ווייטע ערטער, ווי אינדיען, וואס האט געמאכט פיעל ביליגער די טראנספארטירונג פון סחורות, האט ניט געהאט קיין איינפלוס, און די סחורות פון די ווייטע מקומות זיינען ניט נאר ניט ביליגער געווארען, נאר זיי זיינען זאגאר געווארען טייערער. עס איז זיך קוים פארצושטעלען, וואס פיר אן אונגעהייערע שטערונגען דיזער פראצעס האט ארויסגערופען. בע-טראכט נאר די ארבייטער, ווי פיעל זיי האבען צוליטען דערפון, וואס די

לעבענס־מיטלען זיינען געוואָרען טייערער. די פירסטען און די קאַפּיטאַליס־טען, אין געגענטייל, האָבען געצויגען דערפון גרויסע נוצען. מעהר פון אַלע אַנדערע לענדער האָט פון דעם געליטען איטאַליען. עס פערשטעהט זיך, דאָס עס האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען גענומען נאָכדענקען און זוכען די אורזאַכען פון דיזען איבעל. עס האָבען זיך שוין דאַמאָלס בעוויזען שריפטען, וועלכע האָבען בעהויפּטעט, דאָס די הויפּט־אורזאַך פון דיזען אי־בעל איז דער פּרייז פון גאָלד און זילבער. די וויכטיגסטע אָפּהאַנדלונג וועגען דיזען געגענשטאַנד איז דאָס ווערק פון דעם נעאַפּאָליטאַנישען מינץ־בעאַמ־טען ד ש י אַ ן ד ו נ אַ ט אָ ט ו ר ב אָ ל אַ. אָבער דיזע אָפּהאַנדלונג איז נאָר געוועזען אַן אָנפאַנג פון גענויערע און מעהר וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען אויף דיזען געביט.

אַלס אָנפאַנג פון אַ וויסענשאַפּטליכער אָפּהאַנדלונג פון דיזען געגענ־שטאַנד קען דינען דאָס ווערק פון דעם פראַנצויזישען געלעהרטען ז ש אַ ן ב אָ ד י ן, וועלכעס איז ערשינען אין יאָהר 1578 אונטער דעם טיטעל „אָפּ־האַנדלונג איבער דאָס שטייגען און זינקען אין ווערט פון געלט". אין דיזען ווערק פאָרשט דער פּערפאַסער די אורזאַכען פון די ענדערונגען פון די פּריי־זען און איבער די פערהעלטניסען פון די פּרייזען־ענדערונג צו די מאַרק־פּרייזען אין אַלגעמיין און צום ארבייטס־לוין בפרט. די פאָרשונגען אויף דיזען געביט פון דיזען פערפאַסער זיינען פיעל גרינדליכער און וויסענשאַפּט־ליכער ווי די אַלע אָפּהאַנדלונגען פון אַלע אַנדערע געלעהרטע אין יענער צייט. אין דיזען ווערק בעווייזט ער, דאָס ניט די סומע פון באַארעס געלט, וואָס אַ לאַנד בעזיצט, איז דער וואהרער רייכטום פון פאָלק, און דער פערבאָט אַרויס־צופיהרען גאָלד און זילבער פון אַ לאַנד שטערט און הינדערט דעם מאַטערי־עלען פראָגרעס פון לאַנד. אין איינעם פון זיינע ווערק רעדט ער זעהר גינס־טיג וועגען אונבעשרענקטע רעגירונגען, ווייל נאָך זיין מיינונג זיינען אַזעלכע רעגירונגען מעהר אין שטאַנד צו זאָרגען וועגען דעם וואוילשטאַנד פון זייערע אונטערטאַנען און צו פערבעסערן זייער מאַטעריעלען צושטאַנד. ער שלאָגט פאָר צו מאַכען אַ הויכען טאַריף אויף סחורות, וואָס קומען אריין פון אויס־לאַנד, און אַ קליינעם אָפּצאָהל אויף רויע מאַטעריאַלען און אויף לעבענס־מיטלען. ער רעכענט אויך פיר אַ גרויסעם גליק פיר אַ לאַנד צו האָבען אַ געדיכטע בעפעלקערונג. ער ראַט אויך די רעגירונגען, דאָס זיי זאָלען גוט אַכטונג געבען, אַז די שטייערן זאָלען פערטיילט ווערען גערעכט, מיט יושר.

נאָך מעהר ווערט האָט דאָס ווערק איבער דעם מערקאַנטיל־סיסטעם פון דעם פראַנצויזישען געלעהרטען מ אָ נ ט ק ר ע ס ט י ע ן ד ע וו אַ ט־

טעווילל, „פערזוך פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע”, וועלכעס איז פער־עפענטליכט געוואָרען אין 1615. דער פעהלער פון אַלע ווערק פון יענער צייט, וועלכע האָבען בעהאַנדעלט דיזען געגענשטאַנד, איז, דאָס זיי האָבען ניט גענומען אין בעטראַכט די לאַנדווירטשאַפט; זיי האָבען געפּאָרשט דעם שיפען־פערקעהר, דעם האַנדעל, האַנט־ווערק, די שטאַאַטס־פינאַנסען, און האָבען דורכגעלאָזען די לאַנדווירטשאַפט. דיזער פערפאַסער איז בעגייס־טערט פיר אויסלענדישען האַנדעל, פיר גרינדען קאָלאָניעס. נאָך זיין מיי־נונג דאַרף זיך דער האַנדעל געפינען אונטער דער שטרענגער קאָנטראָל פון דער רעגירונג, און ער טאַדעלט די שפּאַנישע און האָללענדישע רעגירונגען, וועלכע האָבען געגעבען דער האַנדעלס־קלאַס צו פיעל פרייהייט.

דיזע מערקאַנטיל־טעאָריע האָט אָנגעפאַנגען צו קריגען אָנהענגער אין אָנפאַנג פון דעם 16טען יאָהרהונדערט. קאַרל דער 5טער, היינריך דער 8טער און עליזאַבעטה האָבען איינגעאָרדענט זייערע שטאַאַטליכע פיהרונגען לויט די פּרינציפּען פון דיזער טעאָריע. יעדע רעגירונג האָט געברויכט איהר פּאָליטישע מאַכט אום איבערצושטייגען אַנדערע אין האַנדעל און אין אינ־דוסטריע. אין פערלויף פון גאַנצען 17טען יאָהרהונדערט איז האָללאַנד גע־ווען די ערסטע אויף דעם געביט פון האַנדעל, איטאַליען איז כמעט אין גאַנ־צען אַרונטער פון דער ביהנע פון האַנדעל, א טייל צוליב דער ענטדעקונג פון נייע וועגען נאָך אינדיען, א טייל צוליב איהר שלעכטער פּאָליטיק. שפּאַניען און דייטשלאַנד האָבען געליטען פון שטענדיגע מלחמות און רייסע־רייען צווישען זיך. דער בליהענדער האַנדעל פון האָללאַנד האָט געהאַט א זעהר גרויסען איינפלוס אויף די פראַנצויזישע פּאָליטיק.

די הויפּט־פערטרעטער פון דעם מערקאַנטיל־סיסטעם אויף'ן פּראַקטישען געביט זיינען געוועזען קראָמוועלל אין ענגלאַנד און קאָלבערט אין פראַנקרייך. קראָמוועלל האָט פערניכטעט דעם האָללענדישען האַנדעל און האָט געגרינ־דעט די ענגלישע זעע־מאַכט, און קאָלבערט האָט געוואוסט ווי צו ציהען גרויסע נוצען פון דעם מערקאַנטיל־סיסטעם דורך זיין אינערע און אויסערע ווירטשאַפטס־פּאָליטיק. דער איטאַליענישער פּאָליטישער שריפטשטעלער מענגאָטטי האָט א נאָמען געגעבען דעם מערקאַנטיל־סיסטעם קאָלבערטיזם, נאָך דעם נאָמען פון דעם בעריהמטען פראַנצויזישען שטאַאַטסמאַן. אָבער דערביי מוז מען וויסען, דאָס דיזער שטאַאַטסמאַן האָט ניט אָנגענומען אַלע לעהרזאַצען פון דיזער טעאָריע. דער שוץ־צאָל איז ביי איהם געווען א מי־טעל אויף דער ווייל צו געוועהנען דאָס פאָלק צו אַן אייגענער אינדוסטריע,

אָבער נאָך דעם, ווי דער צוועק איז דערגרייכט, איז דיזער מיטעל לויט זיין מיינונג שוין מעהר ניט נעטיג.

סוללי, מיט וועלכען מיר וועלען זיך באַלד בעשעפטיגען, איז אין דיזען געגענשטאַנד געגאַנגען גאָר מיט אַן אַנדער וועג, אין גאַנצען פערשיידען פון די טעאָריעס פון אַלע בעריהמטע מענער, וועלכע מיר האָבען דאָ דערמאָהנט. ער האָט פערנאַכלעסיגט די אינדוסטריע און איז געווען בעזונדערס ענטהוזיאַסטיש פיר לאַנדווירטשאַפט. ער איז געווען שטאַרק געגען אַריינפיהרען פון אויסלאַנד אַרטיקלען פון לוקסוס, ווייל נאָך זיין מיינונג פערדאַרבט דער לוקסוס דעם כאַראַקטער פון פאָלק. אָבער וואָס ער האָט פערנאַכלעסיגט האָט היינריך דער 4טער גענומען אין שוץ. ער האָט געשיצט די אינדוסטריע און איהרע נעבען־צווייגען מיט דער זעלבער ענערגיע ווי דעם אַקערבוי. אַזוי האָט די רעגירונג פון היינריך דעם 4טען ניט געמאַכט קיין אונטערברעכונג אין דער מערקאַנטיליסטישער טעאָריע אין דער פּראַקטיק, ניט אַכטענדיג אויף די וויכטיגקייט פון אַזאַ פּערזאָן, ווי סוללי איז געווען.

ג. די אינערע פּאָליטיק פון היינריך דעם 4טען און די פּאָליטישע געשיכטע פון פראַנקרייך ביז לודוויג דעם 14טען.

נאָך דער ענדע פון די רעליגיעזע שטרייטיגקייטען האָט היינריך דער 4טער אָנגעפאַנגען צו דענקען צו רעגולירען די אינערע שוועריגקייטען, וועלכע זיינען געווען פיעל וויכטיגער פון די רעליגיעזע. איבערהויפּט איז פראַנקרייך דאַמאָלס געווען געדריקט אין איהרע פינאַנסען. אויף דיזען געביט זיינען געווען אַזעלכע שרעקליכע אונאָרדנונגען, אַז דאָס פאָלק האָט איינגעצאָהלט צו די שטייער־בעאַמטע 2 מאָל אַזוי פיעל, ווי עס איז אַריינגעקומען אין די קאַסע פון דעם שטאַאַט. אויסער דעם איז די רעגירונג געווען בעלאַסטעט מיט שולדען. זי איז געווען שולדיג איבער 340 מיליאָן, אַ סומע, וועלכע אויף דעם געלט־ווערט פון אונזער צייט וואָלט זיין 3 מיליאַרדען. אין דער צייט, וואָס די רעגירונג האָט אויף זיך געהאַט אַזעלכע אונגעהייערע שולדען, האָבען איהרע איינקונפטען אַריינגעבראַכט נאָר 25 מיליאָן אַ יאָהר, פון וועלכע זי האָט געמוזט אויסגעבען יעהרליך 16 מיליאָן אויף די נעטיגע הוצאות פיר דעם שטאַאַט.

דער אַדעל האָט פון דיזער געדריקטער לאַגע פון די קעניגען געזוכט צו ציהען נוצען פיר זיך, אום צו ברעכען די אַבסאָלוטע הערשאַפט פון קעניג און אָנאייגנען זיך וואָס מעהר מאַכט. זיי האָבען אָנגעבאָטען צו געבען דעם קעניג דיזע סומע מיט דער בעדינגונג, דאָס די בעאַמטע און ווירדען־טרעגער,

וואָס זיינען יעצט אין דער רעגירונג, זאָלען זייערע עמטער און ווירדען קענען איבערגעבען בירושה צו זייערע קינדער, און דערפאַר וועלען זיי איהם שווע-רען טרייהייט אויף אייביג. אָבער גראָדע דיזעס איז געווען וואָס די קעניגען האָבען פיר צוויי הונדערט יאָהר אָנגעווענדט אַלע קרעפטען אָפצושאַפען, און היינריך דער 4טער איז געווען גענייגט וועניגער פון זיינע אַלע פאָרגעגנגער איינצופיהרען איבער־אַ־נייס די אָרדנונגען פון דער פעאָדאַל־צייט. ער האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע קרעפטען אום אָפצוציהען די רעגירונג פון זיינע מיט־טיראַנען, אום ער זאָל קענען זיין דער איינציגער טיראַן. אין סוללי האָט

סוללי.

היינריך געפונען דעם מאַן, וועלכער האָט די פערראָסטעטע מאַשינע פון דער רעגירונג געקענט ברייגגען אין גאַנג.

דיזער בעריהמטער מאַן איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1560 אין שלאָס פון ראָזני, נאָהענט פון נאַנטעס. ווען ער איז געוואָרען עלטער האָט ער געשטודירט אין פאַריז. הגם ער איז געווען אַ פּראָטעסטאַנט האָט ער ניט געליטען אין דער באַרטהאָלאָמאָאוס־נאַכט און איז צוגעשטאַנען צום קעניג פון נאַווארראַ און איז מיטגעגאַנגען אין אַלע שלאַכטען און האָט מוטיג גע-

קעמפפט. ער איז איינינע מאל געווען פערוואונדעט. ווען ער האט זיך דאס ערסטע מאל בעגעגענט מיט היינריך דעם 4טען, האט איהם דיזער באלד אויפ-גענומען מיט אפענע ארמס, ניט אכטענדיג דערויף, וואס ער, סוללי, האט גע-גען איהם געקעמפט. היינריך האט אין איהם געפונען דעם מאן, וואס ער האט געזוכט. און ער האט ווירקליך געטראפען. סוללי איז געווען א פראק-טישער און פעהיגער קאפ. ער איז אויך געווען א גוטער געשעפטסמאן און האט געזוכט און געוואוסט ווי צו מאכען געלט. ער האט געהייראט א רייכע יורש'טע. אין דער צייט פון קריג האט ער געמאכט זעהר פיעל גאלד פון אלערליי געשעפטען. ער האט אין דייטשלאנד געקויפט פערד זעהר ביליג און האט זיי פערקויפט זעהר טייער אין גאסקאגני'. אין יאהר 1599 איז סוללי ערנאנט געווארען אלס הויפט פון די פינאנצען אין פראנקרייך און אויך אלס גענעראל-דירעקטאר איבער די וועגען און בריקען פון לאנד. שפעטער האט איהם דער קעניג אויך איבערגעגעבען די אויפזיכט איבער די ארטילעריע און די פעסטונגען.

דאס ערסטע, וואס סוללי האט געטאן, איז געווען צו פערשאפען אן אל-געמיינע איבערזיכט איבער די פינאנסען פון לאנד. ער האט געמאכט א גלייכגעוויכט צווישען די איינקונפטען און אויסגאבען פון לאנד און נאכדעם האט ער געמאכט א יעהרליכען בודזשעט. די גובערנאטארען פלעגען נעהמען שטייערן פון זייערע פראווינצען ווי פיעל זיי האבען געוואלט; דאס זעלבע האבען געטאן די גרונד-הערען מיט זייערע וואסאלען. סוללי האט צו דיזער הפקרות געמאכט אן ענדע. ער האט זייערע אפצאהלען פיעל פערקלענערט, אום דער קעניג זאל קענען לייכטער און זיכערער איינקאסירען זיינע שטייערן. ער האט רעווידירט אלע שולדען פון דער רעגירונג און האט פיעלע פון זיי גארניט אנערקענט פיר ריכטיגע חובות, און ער האט פערקלענערט די צינזען, וואס די רעגירונג האט געצאהלט פיר איהרע שולדען, פון 8⅓ פראצענט אויף 6¼ פראצענט. ער האט רעווידירט די שטייערן און האט אויסגעפונען, דאס איינינע געגענשטענדען זיינען אין גאנצען בעפרייט פון שטייער, וועהרענד על פי יושר דארפען זיי ווערען בעשטייערט, און אין געגענטייל אנדערע זיינען געווען בעלעסטיגט מיט שווערע שטייערן גאר אהן א שום גרונד. קורץ, ער האט צום ערסטען מאל אריינגעבראכט ארדנונג אין דאס פינאנץ-סיסטעם פון פראנקרייך. צו ענדע פון היינריך דעם 4טען'ס רעגירונג זיינען די שולדען געווארען וועניגער אויף 147 מיליאנען. דער קעניג האט צוריק אויסגעקויפט פיר 80 מיליאן גוטס-הערשאפטען, וועלכע זיינען פריהער איבערגעגאנגען אין פרעמדע הענט, געמאכט קלענער די שטייערן פון 30 מיליאן אויף 26 מיליאן,

40 מיליאָן האָט די רעגירונג אויסגעגעבען אויף בויען פעסטונגען, און אויסער דעם איז געווען אין קאַסע פון דער רעגירונג 20 מיליאָן באַארעם געלט.

דיזע גלענצענדע רעזולטאַטען האָט סוללי דערגרייכט ניט נאָר מיט די אָרדנונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין דעם פינאַנס=סיסטעם, נאָר אויך מיט זיין שיצען און שטיצען דעם אַקערבוי, די פיהצוכט און די בויערן=קלאַס. סוללי האָט געזאָגט, דאָס דער אַקערבוי און די פיהצוכט זיינען די צוויי בריסט, פון וועלכע פראַנקרייך זויגט איהר חיונה. ער איז אַליין צוויי מאָל דורכגעפאָהרען אַלע פּראָווינצען פון לאַנד. דער רעזולטאַט פון דיזע רייזען איז געווען, דאָס ער האָט אין יאָהר 1600 אַרונטערגענומען פון די ריקשטענ-דיגע שטייער=שולדען פון די בויערן 20 מיליאָן, און האָט אויף ווייטער פער-קלענערט זייערע שטייערן אויף 1,800,000 ליווערס. אין יאָהר 1661 האָט ער ערלויבט דעם אַרויספיהר פון ווייץ און געטריידע און האָט שטרענג בע-שטראָפט די סאָלדאַטען, וואָס פלעגען זיך ערלויבען צו בערויבען די בויערן.

איבערהויפּט האָט סוללי געשטיצט די קליינע בויערן. אין פראַנקרייך איז געווען די אָרדנונג, אַז יעדע געמיינדע איז געווען פעראַנטוואָרטליך פיר אַ געוויסע סומע שטייערן. די שטייער=בעאַמטע פלעגען די רייכערע בעפרייען און פלעגען אַרויפלעגען די גאַנצע לאַסט פון די שטייערן אויף די אָרימערע; סוללי האָט דאָס אָפּגעשאַפט און האָט געאָרדענט פערקעהרט, דאָס אין גע-וויסע פעלען זאָל דער רייכער בעצאָהלען פיר דעם אָרימען.

סוללי האָט געמאַכט אָרדנונגען איבער די אונטערהאַלטונג פון די וועל-דער און וואַסערן, וועלכע האָבען זעהר שטאַרק געליטען אין דער צייט פון דעם בירגער=קריג. ער האָט פערברויכט פיעל געלט און ענערגיע אויסצוטרי-קענען די זומפּיגע ערטער און אויסצונוצען די מינעס. פיעל איז געטאָן גע-וואָרען אויסצובעסערן די וועגען, בריקען און שאָסעען. ער האָט איבעראַל איינגעריכטעט פּאָסט=סטאַציאָנען, וואו די פערד זיינען געביטען געוואָרען, אום די קאָמוניקאַציאָן זאָל געהן רעגעלמעסיג, אָהן שטערונג. נאָך וויכטיגער זיינען געווען זיינע קאַנאַל=פּלענער. ער האָט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו פער-איינִיגען די נאָרד=זעע מיט דעם מיטלענדישען מעער. אייגענטליך איז די אידעע שוין פריהער בעשאַפען געוואָרען און איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך דעם אינזשעניער אַדאַם פון קראַפּאָנע אין דער צייט פון היינריך דעם 2טען. דיזער אינזשינער איז געווען דער ערפינדער פון דעם שלוזען=סיסטעם.

אונטער דיזע אומשטענדען איז דער אַדעל געוואָרען מיט לייב און זעעל קאַפּיטאַליסטיש. אין יאָהר 1600 איז ערשינען אַ ווערק איבער אַקערבוי,

פערפאסט פון א פראטעסטאנטישען ערעלמאן אליוויער דע סעררעס פון לאנגעדאק, וועלכער האט גראטען די לאנד־יונקערס צו בעשעפטיגען זיך מיט פערזעען מאיס (טערקישען ווייץ) און האפען, פון וועלכע מען האט נאך דא־מאלס אין פראנקרייך זעהר ווייניג געוואוסט. איבערהויפט האט מען אין פראנקרייך אין 16טען יאהרהונדערט און אין אנפאנג פון 17טען יאהרהונדערט איינגעפיהרט זעהר פיעלע פרעמדע בוימער און פלאנצען, ווי צ. ב.: טאבאק, רויטע ריבען (בוריקעס), אקאציען־בוימער, אויך פערשיידענע געפליגעל, ווי: דעם ענדיק און די פערלהוהן.

אליוויער דע סעררעס איז געוועזען אן אונטערנעהמענדער קאפיטאליסט און ער האט געטריבען די רעגירונג צו אונטערשטיצען די אינדוסטריע. ער האט בעוואויגען די רעגירונג אין פראנקרייך צו פלאנצען די מוילבעער־בוימער אום מען זאל דארטען קענען איינפיהרען דעם זייד־ווארים און צו ענטוויקלען דורך דעם די פאבריקאציאן פון זייד, אזוי דאס פראנקרייך זעלבסט זאל האבען דעם רויהען שטאף פיר די זייד, וועלכען די פראנצויזען פלעגען פריהער בעציהען פון איטאליען. סוללי זעלבסט איז געוועזען געגען דיזער אונטערנעה־מונג, ווייל דאס איז געוועזען א מיטעל צו פערברייטען אין לאנד לוקסוס, וואס ער האט זעהר ניט געוואלט. אבער דער קעניג האט איהם אין דיזער זאך ניט נאכגעגעבען. ער האט געטאן אלעס מעגליכעס אום צו פערברייטען אין פראנקרייך די צוכט פון זייד־ווערים.

נאך מעהר, עס איז געגרינדעט געווארען א האנדעלס־קאמער אום צו ענטוויקלען דעם האנדעל און די פאבריקאציאן. מיט דער שטיצע פון דער רע־גירונג און דורך פערשיידענע פריווילעגיעס זיינען איבעראל געווארען מעהר און מעהר פאבריקען פון גלאז־ארטיקלען און קריסטאל־געגענשטענדען, פון טוך, לייוועגט און זיידען־וואארען, פון פערשיידענע מעטאל־זאכען: קופער, שטאהל א. ד. גל. די רעגירונג האט אזעלכע אונטערנעהמונגען געשטיצט דורך געבען מאנאפאל און שוץ געגען קאנקורענץ פון אויסלאנד. ווען ניט דיזע שטיצע פון דער רעגירונג, וואלט דאמאלס ניט געוועזען קיין אונטערנעהמער. די קא־פיטאליסטען זיינען דאן געווארען רייך מעהר דורך די שטיצע, וואס די רעגי־רונג האט זיי געגעבען, אדער בעסער געזאגט, וואס דאס פאלק האט זיי געגע־בען, אין באארעס געלט, ווי דורך זייער אייגענעם אונטערנעהמונגס־גייסט.

אין יאהר 1694 איז אין פאריז געוועזען א האנדלונגס־פערזאמלונג. אויף דיזען קאנגרעס האט מען בעשפראכען די מיטלען, ווי מען זאל מעהר און ברייטער ענטוויקלען די פאבריקאציאן פון טוך, וואלענס, קופער און אייזענ־ווארג, און ווע מען זאל בעשאפען נייע פאבריקען פון פערשיידענע אנדערע

אינדוסטריען. די האנדעלס־בעציהונגען, וועלכע זיינען פעסטגעשטעלט גע־וואָרען צווישען פראנקרייך און ענגלאנד אין דער צייט פון קארל דעם 9טען, האבען געגעבען די ענגלענדער אלע מעגליכקייטען אפצוזעצען אין פראנקרייך זייערע פראָדוקציאָנען, ווערענד די פראנצויזען האבען אין ענגלאנד גאר ניט געקענט טאָן. אין מאי פון יאָהר 1606 איז די זאך געענדערט געוואָרען און מען האט אין דיזער הינזיכט ביידע פעלקער גלייכגעשטעלט.



פראנצויזישעס קריג־שיף פון 16טען יאהרהונדערט.

סוללי האט זיך וועניג אינטערעסירט מיט קאלאָניעס. ער האט גע־וואָלט, דאס פראנקרייך זאל זיין שטארק פון זיך אליין און זאל זיין צופרידען מיט זיך זעלבסט, זי זאל ניט זוכען קיין גליקען אין אנדערע לענדער. דער קעניג אבער האט אנדערש געווינשט. ער האט געוואָלט, דאס אויך פראנק־רייך זאל האבען א טייל אין דער נייער וועלט, אין אמעריקא, וואו שפאניען האט געגרינדעט אזא גרויסע הערשאפט. ער האט אויך געוואָלט האבען גע־שעפטען מיט אינדיען, וואס איהר האנדעל איז דאמאלס געווען אן ארט מאנא־

פאַל פון פּאָרטוגאַל. אונטער פראַנץ דעם 1טען האָט פראַנקרייך געפּרובט גרינ-דען אַ קאָלאָניע אין נאָרד-אַמעריקאַ אונטער דעם נאָמען ניי-פראַנקרייך. דאָס לאַנד איז געווען דער גרויסער שטח, וואָס הײנט פערנעהמט קאַנאַדאַ און דער אָסטליכער טייל פון די פעראייניגטע שטאַאטען. אָבער די פּראָבע האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג. אין יענער צייט האָבען אויך די ענגלענדער אָנגע-פאַנגען צו בעזעצען זיך אין יענע ערטער אויף אַ שטרעקע, וועלכע זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען ווירדזשיניאַ, צו עהרע פון דער קעניגין עליזאַבעטה. הגם ווירדזשיניאַ איז געווען אַ טייל פון דעם שטח, וואָס האָט געהערט צו פראַנק-רייך, האָט דאָך היינריך דער 4טער געגען דעם ניט פּראָטעסטירט.

אין יאָהר 1604 איז אַרויס פון האוור אַ קליינע פלאָטע פון 4 שיפען און האָט געגרינדעט אַ קאָלאָניע אויף דער האַלב-אינזעל אַקאַדיען, וועלכע רופט זיך יעצט ניי-שאָטלאַנד (נאָוואַ סקאָשיאַ). אין יאָהר 1608 האָט מען געגרינדעט אַ צווייטע קאָלאָניע אין קוועבעק ביי דעם גרויסען טייך סט. לאָ-רענס, 120 מייל פון מעער. די פראַנצויזען זיינען אין אַלגעמיין געווען פיעל הומאַנער, וועניגער באַרבאַריש פון די שפּאַניער. זיי האָבען ניט געזוכט אויסצוראָטען די אינדיאַנער, ניט צו פערשקלאַפען זיי, זייער צוועק איז נאָר געווען צו בערייכערן זיך אויף אַן עהרליכען אופן, דורך אַקערבוי, פיש-צוכט, יאַגד און אויסהאַקען געהילץ פון די וועלדער.

היינריך דער 4טער האָט אויך געזוכט צו גרינדען אַ געזעלשאַפט פון האַנדעל און שיפען פיר אָסט-אינדיען. אָבער מען האָט דיזען פּראָיעקט ניט אָנגענומען, און די געפּלאַנטע געזעלשאַפט איז ניט געגרינדעט געוואָרען.

דער קעניג האָט געוואָלט צוליב טאָן די קאַפּיטאַליסטען און פערקלע-נערן די צאָהל פון פייערטעג אין יאָהר, ווייל צוליב די ימים טובים זיינען אויסגעקומען צו וועניג אַרבייטס-טעג, ווערענד די פּראָטעסטאַנטישע לענדער האָבען זיי געהאַט פיעל וועניגער און דאָס האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף די פּרייזען פוון די סחורות פון די קאַטאָלישע לענדער. דער פּאַפּסט האָט אין דיזער הינזיכט ניט געוואָלט ערפילען דעם קעניג'ס וואונש. דיזען איבעל האָט ערסט שפּעטער די רעוואָלוציאָן אָפּגעשאַפט.

אין אַלגעמיין איז די רעגירונג פון היינריך דעם 4טען געווען פיר דאָס פאָלק זעהר ווערטפול און פרוכטבאַר, הגם ער האָט ביי זיינע רעפאָרמעס מעהר געהאַט אין זינען זיינע אייגענע אינטערעסען אַלס דעם פאָלק'ס. עס זיינען אָבער צווישען זיינע נייע געזעצען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע פערדינען צו ווערען געטאַדעלט. דאָס זיינען די געזעצען פון יאַגד. דאָ האָט מען ניט גע-זעהען קיין האָאָר הומאַניטעט, מיט וועלכער מען פלעגט דיזען קעניג אַזוי

ריהמען. די קעניגען שפּאָטען אימער פון פערנונפט, װען עס האַנדעלט זיך װעגען יאַגד. הײנריך דער 4טער האָט אָבער געהאַט צו יאַגד אַ בעזונדער לײדענשאַפט. זײן מיניסטער האָט זיך דערפון שטאַרק געערגערט, װײל עס איז געװען פערבונדען מיט צו גרויסע הוצאות. דער קעניג האָט געהאַלטען יאַגד פיר אַ פּריװילעגיע נאָר פון הערשער און ער האָט ניט געװאָלט לײדען אַז דאָס פאָלק, איבערהויפּט פון נידערען שטאַנד, זאָל זיך בעשעפטיגען דער־מיט. ער האָט בעגײט די שטרענגע געזעצען װעגען יאַגד, װעלכע זײנען אַרויסגעגעבען געװאָרען פון פראַנץ דעם 1טען. ער האָט ענטװיקעלט שפּיאָנ־סטװאָ צװישען די בויערן, זײ זאָלען מסר'ן אײנער דעם אַנדערן, װען אײנער װעט זיך ערלויבען איבערצוטרעטען די געזעצען װעגען יאַגד. ער האָט צו־געזאָגט דעם מוסר צו געבען אַ געװיסען טײל פון דעם שטראָף־געלט, װאָס מען װעט נעהמען פון דעם איבערטרעטער פון די יאַגד־געזעצען.

װאָס אָנבעטרעפט די פערשײדענע בנינים, װאָס הײנריך דער 4טער האָט געבויט, זײנען זײ אין פיעלע הינזיכטען פיעל נידריגער אין װערט און װיכטיגקײט פון די געבײען פון זײנע פאָרגענגער פון דער דינאַסטיע װאַלוא. די בױקונסט פון דער פּעריאָדע פון הײנריך דעם 4טען װײזט דעם אונטער־גאַנג פון דער אַרכיטעקטור אין פראַנקרײך.

אין יאָהר 1601 האָט שפּאַניען אױפגעהעצט אײניגע אַדעללײט אין פראַנקרײך צו בענײען דעם בירגער־קריג. אָבער עס איז ניט געלונגען, און דער אָנפיהרער פון דיזער אונטערנעהמונג, דער ריטערליכער ב י ר אָ ן, האָט פערלאָרען זײן לעבען (1602). הײנריך דער 4טער האָט געװאָלט דורכ־פיהרען אַ פּלאַן, צו װעלכען עס האָבען אײנגעשטימט די דײטשע יוניאָן און אַנדערע אײראָפּעאישע מעכטען, צו גרינדען אַ קריסטליכעס װעלט־רײך מיט גלײכע רעכטען פיר קאַטאָליקען, לוטהעראַנער און קאַלװיניסטען, און דערמיט צו צוברעכען די מאַכט פון די האַבסבורגער. אָבער די קאַטאָליקען זײנען שטאַרק געװען געגען דעם, און האָבען אונטערגעשיקט אײנעם דאַװאַיללאַק און דיזער האָט איהם ערמאָרדעט (14טער מאַי 1610). דאָס איז געװען דאָס צװאַנציגסטע מאָל, װאָס מען האָט הײנריך'ן געפּרובט ערמאָרדען.

דער קעניג איז גלײך געפאַלען טויט, ער האָט זאָגאַר ניט אַרויסגעלאָזען קײן געשרײ. דער מערדער ראַװאַיללאַק האָט גאָרניט געפּרובט ענטלויפען. די פּאָליצײ האָט געהאַט גרויסע מיה אָפּצוהאַלטען דאָס פאָלק מען זאָל איהם ניט טויטען גלײך אויף'ן אָרט. מען האָט איהם אײנגעשלאָסען אין פּאַלאַץ רעטץ. דאָרטען האָט מען איהם געהאַלטען 9 טעג און פיעלע לײט איז געװען ערלויבט צו זעהען איהם און צו רעדען מיט איהם. דעם 27טען מאַי האָט

איהם דער פארלאמענט פעראורטיילט צום טויט. מען האט איהם מיט ברע־נענדע צוואנגען געריסען שטיקער פלייש, און אין די וואונדען האט מען גע־גאסען צושמאלצענע בליי אדער הייסע קאכעדיגע אויל; דאן האט מען אפ־געברענט זיין רעכטע האנט. ענדליך האט מען איהם צופערטעלט און פער־ברענט אויף אש און צושפרייט דורך דעם ווינט. זיינע עלטערן האבען גע־מוזט צוזעהן זיין שטראף און נאכדעם פערלאזען פראנקרייך.

לודוויג דער 13טער איז געווען אלט 9 יאהר ווען ער איז בע־שטיגען דעם טראן. דער פארלאמענט האט בעשטימט, דאס ביז ער וועט ווע־רען פול־יעהריג זאל רעגירען זיין מוטער מאריא פון מעדיטשיס. די גרויסע האבען גערעכענט, דאס אונטער דער ווייבער־רעגירונג וועט זיי געלונגען גע־ווינען צוריק זייער פריהערדיגע מאכט. זיי האבען זיך אויסגעדריקט: „די צייט פון די קעניגען איז שוין אוועק, און די צייט פון די גרויסע איז ווידער אנגעקומען". פיעלע פון זיי זיינען צופאהרען אין די שטעדט אום צו פערכא־פען די מאכט. קאנדע האט זיך שוין גענומען צו די וואפען. די מיניסטארען האבען געראטען דער קעניגין צו דערשטיקען די בעוועגונג מיט קראפט און ענערגיע גלייך אין אנפאנג. די קעניגין אבער האט בעשלאסען צו פערהאנד־לען פריהער מיט די גרויסע, צו וויסען וואס זיי פערלאנגען. זי האט זיי בע־רוהיגט מיט גרויסע סומעס געלט. דער פרינץ פון קאנדע האט ערהאלטען 450,000 ליווערס, דער הערצאג פון מאיענן 300,000, לאנגעווילל 100,000 ליווערס א. אז. וו. די שולדען פון דער רעגירונג זיינען צוליב דעם געווארען אזוי גרויס, דאס דעם פיערטען יאהר פון דער רעגענטין'ס הערשאפט איז זי שוין מעהר ניט געווען אין שטאנד צו צאהלען די שולדען פון שטאאט. דערצו נאך איז סוללי אויך ענטזאגט געווארען.

דעם 14טען אקטאבער 1614 האט דער פארלאמענט בערופען א פערזאמ־לונג פון די בירגער פון די שטעדט. דיזע פערזאמלונג איז געווען די לעצטע ביז דעם יאהר 1789, דאס איז ביז דער בעוואוסטער פראנצויזישער רעוואָ־לוציאן. צווישען די דעפוטאטען צו דיזער פערזאמלונג האט זיך געפונען דער 29־יעהריגער בישאף פון לוסאן, ארמאנד דופלעססיס פון רישעליע, וועלכער איז שוין דאמאלס געווען אזוי בעריהמט, דאס די גייסטליכע האבען איהם ערוועהלט אלס רעדנער אין דיזער פערזאמלונג. די בירגער האבען פערלאנגט, דאס מען זאל פערקלענערן די פענסיאן, וואס מען האט געצאהלט צו די גרויסע, ווייל די סומע איז זינט הייגריך דעם 4טען פער־דאפעלט געווארען און האט איבערגעשטיגען 5½ מיליאן. אויסער דעם הא־בען די בירגער געפאדערט די צוזאמענרופונג פון אן אלגעמיינער פערזאמלונג

פון אַלע שטאַנדען (קלאַסען), פרייהייט פיר שטעדטישע וואַהלען און מעהר פריווילעגיעס פיר די שטעדט. זיי האָבען אויך געפאָדערט, דאָס די שטייערן פיר די רעגירונג זאָלען צוטיילט ווערען מיט יושר אויף אַלע בירגער לפי ערך, און דאָס אויסער דעם זאָלען אַלע בירגער זיין גלייך פאַר דעם געזעץ, דאָס די בויערן, וואָס זיינען אונטערטאַנען אָדער לייבאייגענע צו די גוטס־בעזיצער, זאָלען בעפרייט ווערען, אָפּצושאַפען די צאָלען (טאַריף) אויף סחורות, וואָס ווערען געקויפט און פערקויפט אין לאַנד זעלבסט, און אַנשטאָט דעם מאַכען

לודוויג דער 13טער.

שוץ־טאַריפען אויף אויסלענדישע וואַארען. דיזע פערזאַמלונג איז געשלאָסען געוואָרען אין מאָנאַט מערץ פון יאָהר 1615 און איז מעהר ניט בערופען געוואָרען ביז דעם יאָהר 1789.

די אַדעלליים האָבען אַנגעפאַנגען, צו מאַכען נייע אונרוהען. זיי האָבען זיך ווידער גענומען צו די וואַפען, און די רעגירונג האָט ווידער געקויפט דעם פרידען פיר געלט (1616). דער קעניג האָט זאָגאַר געמוזט בעצאָהלען די טרופען פון די בונטאָווששיקעס. קאָנדע האָט ערהאַלטען פיר זיך א

סומע פון 1,500,000 ליווערס. יעדע רעוואלוציאן האט איהם געבראכט געלט. דיזע רעוואלוציאן האט געקאסט דעם שטאאט מעהר פון 20 מיליאן.

די הויפט־ראלע אין הויף האט צו יענער צייט געשפילט די הויף־דאמע לעאנארא קאליגאאי פון פלארענץ און איהר מאן קאנטשינא קאנ-טשיני, וועלכער האט בעקומען דעם טיטעל מארקיז ד'אנקר און צוזאמען מיט דעם איז ער ערנאנט געווארען אלס מארשאל פון פראנקרייך. קאנדע איז דערפאר געווארען שטארק ערביטערט, וויל ער האט גערעכענט אויף דיזע שטעלע. ער האט ווידער אנגעפאנגען צו מאכען א רעוואלוציאן, אבער ד'אנקר האט איהם בעצייטענס ארעסטירט. נאר דאס האט וועניג געהאלפען. דער אדעל אין דער פראווינץ האט זיך ווידער אויפגעהויבען און האט זיך גענומען צו די וואפען. אבער דער קעניג האט געזיגט.

אין הויף האבען זיך אנגעהויבען נייע אינטריגעס. לואינעס, דער גינסטלינג פון לודוויג דעם 13טען, האט ביי איהם גע'פועל'ט ער זאל ערלוי-בען צו ערמארדען דעם מארשאל ד'אנקר. מען האט אין איהם אריינגעשאסען דריי קוילען און ער איז געפאלען טויט אין לובר (1617). זיין פרוי לעאנארא איז פערארורטיילט געווארען צום פערברענען אלס העקסע (כשוף־מאכערין), און איז פערברענט געווארען. די קעניגין־מוטער איז פערשיקט געווארען נאך בלוא. דער הויפט־פיהרער פון רייך איז געווארען לואינעס אנשטאט ד'אנקר. דער אדעל האט ניט אויפגעהערט צו רעוואלטירען. די רעגירונג האט ווידער בעוויזען, דאס דער אדעל קען פיר קיין פאל ניט ערווארטען, דאס ער וועט צוריקקריגען זיין אלטע מאכט. קאנדע האט שוין זיין פרייהייט מעהר ניט ערהאלטען; די רעגירונג האט אויך אפגעשאפט פיעלע פענסיאנען. דער אדעל האט זיך איבער־א־ניים ערהויבען אונטער דער פיהרונג פון הערצאג פון ד'עפערנאן און אונטערשטיצט פון דער קעניגין־מוטער, וועלכע האט צוליב איהרע אייגענע אינטערעסען געקעמפט געגען איהר אייגענעם זוהן.

צווישען מוטער און זוהן איז אפילו באלד געשלאסען געווארען פרידען מיט דער הילף פון רישעליע, וועלכער האט דערפאר בעקומען דעם טיטעל קארדינאל, אבער דער שלום איז ניט געווען קיין ריכטיגער. די פארטייען הא-בען פארטגעזעצט צו קעמפען צווישען זיך. די אדעללייט האבען נאך גע-מאכט א וויכטיגערען שריט — זיי האבען זיך פעראייניגט מיט די הוגענאטען. דיזע זיינען געווען זעהר אונצופרידען מיט דעם עדיקט פון נאנטעס, ווי אויך מיט דעם, וואס די רעגירונג האט צוריקגעגעבען די קירכען־גיטער צו די קא-טאלישע גייסטליכע, און עס האט זיי זעהר ערביטערט. די רעגירונג האט זיך פריהער גענומען צו די פראטעסטאנטען און האט זיי אייניגע מאל בעזיגט.

נאכדעם האט זי זיך גענומען צו די אדעלליט. זי האט בעלאגערט די בערג-פעסטונג מאנטאבאן, וועלכע איז געווען אונטערשטיצט פון הערצאג פון ראהאן. דריי מאנאטען האט די רעגירונגס-מיליטער בעלאגערט די פעסטונג, אבער אהן א שום ערפאלג. דער קעניג האט געשלאסען שלום מיט דעם אדעל, אבער דער שלום איז ניט געווען גינסטיג פיר די הוגענאטען. די זיכערהייטס-פלעצער, וואס מען האט פון זיי צוגענומען, האט זיי די רעגירונג שוין מעהר ניט געגעבען צוריק; זיי האבען אויך פערלארען דאס רעכט צו פערזאמלען זיך אהן דער ערלויבניס פון קעניג (1622).

קארדינאל רישעליע.

נאך איידער דער פרידען איז געשלאסען געווארען איז לואינעס געשטארבען (1621). אין יאהר 1624 האט רישעליע איבערגענומען די הויפט-רעגירונג אין זיינע הענט. מיט איהם האט זיך אנגעפאנגען א נייע עפאכע אין פראנצויזישען קעניגטום. רישעליע איז געווען דער גרינדער פון פראנצויזישען אבסאלוטען קעניגטום. ער האט געשטרעבט אויפצוהייבען און צו פערשטארקען די קעניגליכע מאכט אין אינערען, און ער האט אלע זיינע

פלענער אויסגעפיהרט ביז די קלענסטע איינצעלהייטען, אזוי ווי ער האָט פאַרויסגעזאָגט דעם קעניג לודוויג דעם 13טען, ווען ער האָט פון זיין האַנט איבערגענומען די מאַכט פון ערסטען מיניסטער. „די הוגענאָטען", האָט רישעליע געזאָגט, „טיילען די רעגירונג מיט דעם קעניג; די אַדעללייט פיהרען זיך אויף אַזוי ווי זיי וואָלטען גאָר ניט געווען זיינע אונטערטאַנען; די שטאַטהאַלטערס האַנדלען אזוי ווי זיי וואָלטען געווען זעלבסטהערשער יעדערער אין זיין פּראָווינץ. די מאַיעסטעט פון פראַנצויזישען קעניג איז אַזוי ערנידריגט אין אויסלאַנד, דאָס מען קען זי גאָר מעהר ניט דערקענען. ווען דער קעניג וועט מיר געבען די מאַכט וועל איך די הוגענאָטישע פּאַרטיי פערניכטען, דעם שטאָלץ פון די גרויסע דעמיטיגען און דעם נאָמען פון קעניג אין אויסלאַנד וועל איך ברייינגען צו דער שטופע, אויף וועלכער ער דאַרף שטעהן, און ווי עס פּאַסט פיר די עהרע פון פראַנקרייך".

אָנפאַנגס האָט רישעליע געוואָלט דערגרייכען אַלע דריי צילען מיט איין מאָל. ער האָט בעשלאָסען צו פערבינדען דורך הייראַט לודוויג'ס שוועסטער מיט קאַרל דעם 1טען, דעם קעניג פון ענגלאַנד. הגם ער, רישעליע, איז געווען אַ קאַרדינאַל פון דער רוימיש-קאַטאָלישער קירכע און קאַרל דער 1טער פון ענגלאַנד איז געווען אַ פּראָטעסטאַנט, איז אָבער פּאָליטיק ביי איהם געשטאַנען העכער פון רעליגיאָן. ער האָט געשלאָסען אַ נייעם בונד מיט האָללאַנד, און האָט שטילערהייד געהאָלפען מיט געלט מאַנספעלד'ן, וועלכער איז געווען געגען עסטרייך. דיזע אַלע בינדניסען זיינען געווען פּראָטעסטאַנטיש. שפּאַניען איז די זאַך ניט געפעלען געוואָרען, און זי האָט געשיקט געלט צו די פראַנצויזישע פּראָטעסטאַנטען אום אויפצורייצען זיי געגען דער רעגירונג און מאַכען אַן אויפשטאַנד.

רישעליע האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, דאָס עס איז אונמעגליך אָנצוגרייפען אַלע דריי זאַכען מיט אַ מאָל. ער האָט דעריבער אָפּגעלעגט אויף שפּעטער די זאַכען, וועלכע האָבען וועניגער געדריקט, און האָט זיך פריהער פון אַלץ בעשעפטיגט מיט די הוגענאָטען, צו מאַכען פון זיי אַן ענדע. ער האָט אָנגעפאַנגען צו בעפעסטיגען דעם פּאָרט סט. לואיס ביי לאַ ראָשעלל אום צו אויפוועקען אַ חשד ביי די פּראָטעסטאַנטען, און זיי האָבען זיך ווירקליך גענומען צו די וואָפען אונטער דער פיהרונג פון אַ געוויסען ראָהאַן און סוביז. זיי האָבען זיך בעמעכטיגט מיט זייער-פלאָטע, וועלכע איז געווען פיעל שטאַרקער פון דער קעניגליכער פלאָטע. רישעליע האָט דאָס אַלעס געוואוסט, און דאָך איז ער אַרויס געגען די הוגענאָטען, וויל ער האָט גערעכענט אויף די הילף פון ענגלאַנד און האָללאַנד, וועלכע האָבען איהם פער-

שפּראַכען הילף, און זיי זיינען ווירקליך געקומען מיט זייערע שיפען צו דער רעכטער צייט, און ער האָט די הוגענאָטען בעזיגט. דיזער אומשטאַנד ווייזט קלאָר, דאָס די ריכטיגע אורזאַך פון די מעהרסטע קאַמפען פון יענער צייט איז ניט געווען די רעליגיאָן נאָר פּאָליטיק. ענגלאַנד און האָללאַנד שיקען זייערע שיפען צו בעקעמפען די פּראָטעסטאַנטען, זייערע אייגענע גלויבענס-גענאָסען. עס איז אַן אייביגעס אינטריגען־שפּיל, אין וועלכען עס איז ניטאָ קיין פּרינציפּ, נאָר אייגעננוץ.

אין יאָהר 1627 האָט רישעליע אונטערגענומען דעם לעצטען קריג מיט די הוגענאָטען. ער האָט בעלאַגערט לאַ ראָשעלל, וועלכע איז געווען די הויפּט־פעסטונג פון די קאַלוויניסטען. 14 מאָנאַטען האָבען זיך די פּראָטעס-טאַנטען מוטיג בעשיצט געגען די בעלאַגערער. אָבער ענדליך זיינען זיי גע-ווען געצוואונגען אונטערצוגעבען זיך (נאָוועמבער 1628). הונגער און נויט האָבען זיי דערצו געטריבען. ווען די הוגענאָטען האָבען ערוועהלט אַלס פיה-רער דעם מוטיגען און ענטשלאָסענעם גיטאָן, האָט ער געזאָגט: „איך נעהם אָן די עהרע פון אַן אָנפיהרער נאָר מיט דער בעדינגונג, דאָס איך זאָל האָבען דאָס רעכט צו דערשטעכען יענעם, ווער עס וועט וועלען רעדען וועגען אונטער-געבען זיך, און ווען איך וועל דענקען פון אונטערגעבען זיך, זאָל מען מיך דער-שטעכען". און ווירקליך נאָר 154 האַלב־פערהונגערטע און פערוואונדעטע קריגער האָבען קוים געשלעפּט די פיס אין די גאַסען פון לאַ ראָשעלל, ווען די פעסטונג איז גענומען געוואָרען. נאָך דיזען זיג האָט זיך רישעליע געצייגט אַלס קלוגער שטאַאַטסמאַן. ער האָט זיי געגעבען פולע רעליגיאָנס־פרייהייט און גלייכע רעכטען מיט די קאַטאָליקען; ער האָט אָבער פון זיי צוגענומען אַלעס, וואָס האָט זיי געמאַכט אַלס אַ שטאַאַט אין אַ שטאַאַט; ער האָט פון זיי אָפּגענומען זייערע פעסטונגען און זייערע רעפּובליקאַנישע רעכטען. אום צו געווינען זיי אין גאַנצען אויף זיין זייט האָט ער זיי פערשאַפט עמטער גלייך מיט די קאַטאָליקען, און האָט זיי אַלס בעאַמטע בעהאַנדעלט אין אַלע הינזיכטען בעסער פון די קאַטאָליקען.

דורך די נידערלאַגע פון די הוגענאָטען האָט דער הויכער אַדעל פערלאָרען זיין שטאַרקסטע שטיצע. ניט אַכטענדיג דערויף האָבען די אַדעללייט ניט אויפגעהערט צו אינטריגירען און מאַכען פערשווערונגען און אויפשטאַנדען. דער אַדעל האָט דאַמאָלס מעהר רעוואָלטירט ווי אין אונזערע טעג די אַר-בייטער, וועהרענד אין גרונד גענומען האָבען זיי געהאַט פיעל וועניגער אור-זאַך צו רעוואָלטירען געגען דער רעגירונג ווי דער היינטיגער פּראָלעטאַריאַט. דער קעניג האָט די פערשווערונג אונטערדריקט אונבאַרמהערציג. מען האָט

געגען זיי געברויכט אלע מיטלען: היגריכטונג, געפענגניס און פערבאנונג (ארויסשיקונג פון לאנד). די קעניגין-מוטער מיט איהר צווייטען זוהן, הער-צאג גאסטאן פון ארלעאנס, האבען געמאכט אן אויפשטאנד אום צו שטירצען דעם פערהאסטען קארדינאל רישעליע. אבער מען האט זיך מיט זיי גיך אפ-גערעכענט. די קעניגין-מוטער האט געמוזט פערלאזען דאס לאנד און האט געענדיגט איהרע יאהרען אין קאלן, און דער הערצאג פון ארלעאנס האט גע-ליטען א נידערלאגע פון דער קעניגליכער ארמעע און האט זיך קוים גערעטעט אין בריססעל. דער הערצאג פון מאנטמארענסי, וועלכער איז געווען פון דעם גרעסטען אדעל פון פראנקרייך, און דער מעכטיגער מארשאל מארילליאק זיינען געווארען הינגעריכטעט אלס געמיינע פערברעכער (1632).

פיעל געפעהרליכער איז געווען די פערשווערונג, וואס איז געמאכט גע-ווארען געגען דעם קארדינאל קורץ פאר זיין טויט. דער הויפט פון דיזער פערשווערונג איז געווען א יונגער מאן מיט'ן נאמען סינק-מארס. ווע-גען דיזער פערשווערונג האבען געוואוסט ניט נאר די הערצאגען פון ארלע-אנס און בואילליאן, נאר אויך די קעניגין אננא. די, וואס האבען אנטייל גענו-מען אין דער פערשווערונג, האבען פיעל גערעכענט אויף די הילף פון שפא-ניען. רישעליע האט זיך אבער דערוואוסט וועגען דער פערשווערונג געגען איהם אין דער רעכטער צייט. סינק-מארס און דע טהו, דער זוהן פון דעם פראנצויזישען געשיכטע-שרייבער, האבען בעצאהלט מיט זייערע לעבענס. ארלעאנס איז ענטלאפען נאך סאוואיען און מען האט איהם פערגעבען נאך דעם, ווי ער האט זיך ענטזאגט פון אלע זיינע עמטער, און בואילליאן האט פערלארען זיין הויפטשטאדט סעדאן.

זינט דעם יאהר 1626 האט רישעליע צושטערט אלע בורגען און פעסטונ-גען פון די פעאדאלען, וואס זיינען געשטאנען ביי די גרענצען, און ער האט זיי אנערקענט פיר ניט נוצליך און ניט נעטיג. פיר דעם קעניג זיינען דיזע פעסטונגען אימער געווען א געפאהר. פיר די שטעדט און דערפער זיינען זיי געווען א שרעק, ווייל דיזע האבען פון זיי פיעל געליטען. דעם אדעל האבען דיזע פעסטונגען דערמאהנט זייער אמאליגע מאכט, און דאס האט זיי צוגע-געבען מוט צו מאכען זעהר אפטע אויפשטאנדען. אין דעם זעלבען יאהר האט ער אויך אפגעשאפט דאס אמט פון גרויס-אדמיראל און פון קאננעטאבל, וועלכער האט געהאט א גרויסע מאכט, כמעט א קעניגליכע, איבער דער פלאטע און איבער דער ארמעע.

רישעליע האט אויך געבראכען די מאכט פון דער ביוראקראטיע און פון פארלאמענט. אונטער דעם לעצטען קעניג פון דער פריהערדיגער דינאסטיע

(פון די וואלוא) האָבען זיך די גובערנאטאָרען, וועלכע זיינען אלע געווען פון הויכען אדעל, אָנגעאייגענט א זעלבסטענדיגע מאכט און האָבען גערעכענט זייערע עמטער אלס ערבליכע, אזוי דאָס זאָגאר דער קעניג האָט ניט געהאט דעם מוט דיזע מאכט פון זיי צוצונעהמען, און זיי האָבען דעריבער געהערשט אין די פּראָווינצען ווי אונאָפּהענגיגע קעניגען. הייגריך דער 4טער האָט זייער געהאָרזאמקייט געמוזט קויפען פיר געלט. אום דיזען איבעל אָפּצושאפען האָט דער קארדינאל רישעליע בעשאפען אין דער רעגירונג א נייעם אמט אונ-טער דעם נאָמען „אינטענדאנט". אזעלכע אינטענדאנטען זיינען געווען דריי: איינער איבער דער פּאָליציי, איינער איבער דער יוסטיץ און איינער איבער די פינאנסען. דיזע דריי אינטענדאנטען זיינען ערוועהלט געוואָרען פון קע-ניג זעלבסט, אָבער זיי זיינען געווען אונטערגעוואָרפען אונטער דעם מיניסטער רישעליע. דיזע בעאמטע זיינען געווען די ווערקצייג פון דער צענטראל=מאכט און האָבען אין דער רעגירונג קאָנטראָלירט אלעס: די גובערנאטאָרען, דעם פּארלאמענט, די שטעדט און די דערפער. קיין מאסרעגעל האָט אזוי ניט גע-בראָכען די מאכט פון די פעאָדאלען ווי דיזע נייע אָרדנונג.

די מאכט פון די פּארלאמענטען האָט ער געבראָכען דערמיט, וואָס ער האָט איינגעפיהרט א נייעם געריכטס=הויז פיר פּאָליטישע פערברעכער און האָט דיזען סאָרט פּראָצעסען ארויסגענומען פון זייערע הענט. ער האָט אויך פיעל אָפּגעשוואכט די מאכט פון דער רוימישער קירכע. איינער, א געוויסער סאנטעוועל, האָט ארויסגעגעבען א בוך, אין וועלכען ער האָט בעוויזען, דאָס דער פּאפּסט האָט דאָס רעכט אויסצושליסען פון דער קירכע קעניגען און קיסרים ניט נאָר ווען זיי בעגעהען א פערברעכען, נאָר אויך ווען זיי זיינען אונפעהיג צו רעגירען. רישעליע האָט אויפגעפאָדערט די סאָרבאָננע, די גרעסטע אוניווערזיטעט אין דער וועלט און די גרעסטע אויטאָריטעט אין טהעאָלאָגישע פראגען, דאָס זי זאָל וועגען דיזען געגענשטאנד ארויסזאָגען איהר אורטייל.

איבער די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון רישעליע איז וועניג פאראן וואָס צו זאָגען, אויסער איינינע מאסרעגלען וועגען די קאָלאָניעס, וואָס האָבען גע-הערט צו פראנקרייך. קאנאדא איז געווען איבערגעגעבען צו א געוויסער גע-זעלשאפט. דיזע געזעלשאפט האָט אָבער ניט געוואוסט ווי צו ציהען נוצען פון דיזער קאָלאָניע. דאן האָט רישעליע איבערגעגעבען דאָס לאנד צו אן אנדער געזעלשאפט, וועלכער ער האָט אויך געגעבען א מאָנאָפּאָל אויף דעם פעל=האנדעל. אום דאָס לאנד זאָל גיכער און מעהר בעזעצט ווערען האָט רישעליע געגעבען צו אלע איינגעבאָרענע אין קאנאדא פולע רעכטען פון פראנצויזישע

בירגער. רישעליע האָט אויך געגרינדעט געזעלשאַפטען פיר אָסט־אינדיען און די אַנטיללישע אינזלען.

וואָס אַנבעטרעפט די פינאַנסען, האָט זיי רישעליע געבראַכט צוריק צו דעם צושטאַנד, אין וועלכען זיי זיינען געווען, ווען סוללי איז געוואָרען ערס־טער מיניסטער. הגם די שטייערן זיינען געוואָרען פיעל פערמעהרט, זיינען דאָך די אויסגאַבען געווען פיעל גרעסער אַלס די איינאַהמע. דאָס יאָהר 1643 האָט אַריינגעבראַכט 80 מיליאָנען, אין די קעניגליכע קאַסע איז אָבער דערפון אַריינגעקומען ניט מעהר ווי 33 מיליאָנען, וועהרענד די אויסגאַבען זיינען געווען 89 מיליאָנען, אַזוי דאָס דער דעפיציט (קורצקייט) אין דיזען יאָהר איז געווען 56 מיליאָנען. די מאַסען זיינען פון די שטייערן זעהר האַרט בעדריקט געוואָרען. דאָס האָט אין איניגע פּראָווינצען געפיהרט צו אויפ־שטאַנדען. אין גויעננע און נאָרמאַנדיע זיינען די שטייער־בעאַמטע דער־שטיקט געוואָרען פון פאָלק. די טרופּען האָבען גרויזאַם געשלאָגען די מאַסען און אין פיעלע ערטער האָט אין די נידערע שיכטען פון פאָלק געהערשט אַ שרעקליכער עלענד.

וואָס פיר אַן אַנטייל פראַנקרייך האָט אונטער רישעליע גענומען אין דעם 30־יעהריגען קריג, האָבען מיר שוין פריהער אויספיהרליך דערצעהלט.

רישעליע איז געשטאָרבען דעם 1טען דעצעמבער 1642 אין אַלטער פון 75 יאָהר. ער איז אין זיין לאַנד געווען אַ צווייטער קעניג. זיין הויז איז אימער געווען פול מיט אַ גרויסער מענגע, וועלכע איז געווען גרייט צו טאָן אַלעס, וואָס ער וועט פערלאַנגען. יעדער האָט איהם בעגריסט מיט גרויס עהרפורכט. דער האָט פאַר איהם געקניט, דער האָט איהם דערלאַנגט אַ ביט־שריפט, דער האָט געזוכט אַ קוס טאָן זיין קלייד. יעדער האָט זיך גערעכענט גליקליך, ווען איהם איז געלונגען צו זעהן פיר זיך אַ שמייכעל אָדער אַ גנע־דיגען בליק פון רישעליע. ער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך ער־וואָרבען אַזוי פיעל ווירדע און עהרע. פיעל האָט דערצו צוגעגעבען דער פּור־פּור־מאַנטעל פון זיין קאַרדינאַל־אַמט. דעם גרעסטען טייל פון זיין צייט האָט ער פערבראַכט אין רועל. ער איז געווען דער מיטעלפּונקט פון אַלע שטאַאטס־געשעפטען. דער קעניג פלעגט אָפט קומען צום שטאַאטסראַט. דאַן פלעגט רישעליע אויך קומען, אָבער אימער בעוואַכט פון אַ לייב־וואַך, וועלכע ער האָט געהאַלטען אויף אייגענע קאָסטען. אַ גרויסע צאָהל יונגע אַדעללייט האָבען איהם פערזענליך בעדינט. ער האָט פיר זיי געגרינדעט אַ שולע. זיין טיש און זיין וואוינונג איז געווען שענער, רייכער און געשמאַקפולער איידער דעם קעניג׳ס. אין פּאַריז האָט ער בעזעסען דעם קליינעם שלאָס לוקסעמבורג און

דעם פּאַלעי ראָיאַל (קעניגליכען פּאַלאַץ). ער האָט געהאַט יענע גאָלדענע קאַפּעלע (קירכע), אין וועלכער אַלע כלים זיינען געווען פון גאָלד בעזעצט מיט דיאַמאַנטען. ער האָט אויך געהאַט אַ טייערע גאַלעריע פון קונסט־אַר־בייט, אַ גרויסאַרטיגע ביבליאָטהעק און אַן אייגענעם טהעאַטער. ער האָט אַרויסגערופען אין זיין לאַנד־הויז אַ בעריהמטע איטאַליענישע זינגערין סי־ניאָראַ לעאָנאָראַ. ער האָט פיעל געטאָן פיר דאָס אויפבליהען פון פראַנצוי־זישען טהעאַטער. וועד עס האָט איהם דאָ פערשאַפט פערגניגען, דער האָט געהאַט דאָס רעכט פון איהם עטוואָס צו פערלאַנגען. געשפּרעך מיט גייסט־פולע פריינד איז ביי איהם געווען אַ זאַך, אָהן וועלכער ער האָט ניט געקענט אויסקומען. די דאָקטוירים האָבען איהם פאָרגעשריבען אַלס הייל־מיטעל צו האָבען אומגאַנג מיט איינעם פון זיי. ער האָט אויך געהאַט אַ נאַטירליכע ליבע צו ליטעראַטור.

דער קעניג האָט געלעבט נאָך רישעליע׳ס טויט נאָר 6 מאָנאַטען; ער איז געשטאָרבען דעם 14טען מאַי 1643. זיין גאַנצען לעבען איז ער נאָר געווען דער קעניג פון זיין מיניסטער, וועלכער האָט איהם אין גאַנצען בעהערשט. אויף לודוויג דעם 13טען קען מען נאָר זאָגען איין שבח: ער איז ניט געווען אַזוי אויסגעלאַסען ווי די פריהערדיגע קעניגען, ניט אַזוי צוליב זיין העכערער מאָראַל, נאָר פּשוט ווייל ער איז געווען פיזיש צו שוואַך צו זיין אַ בעל עברה. ער האָט געליטען פיר די זינד פון זיינע עלטערן. ערסט שפּעט נאָך זיין היי־ראַט איז איהם געבאָרען געוואָרען אַ זוהן. דאָס איז געווען לודוויג דער 14טער.

צו ענדע פון דער פּאָליטישער געשיכטע פון פראַנקרייך געפינען מיר פיר נעטיג צו בעטראַכטען אין קורצען די בעוועגונג און די אָרגאַניזאַציאָן פון די גנזעלען, וועלכע זיינען די פאָרלויפער פון היינטיגע אַרבייטער.

די פראַנצויזישע גנזעלען־קלאַס איז ענטשטאַנען פון די זעלבע אורזאַכען און אומשטענדען ווי די דייטשע גנזעלען־קלאַס, מיט דעם אונטערשייד, דאָס די בעוועגונג פון דיזער קלאַס איז אין פראַנקרייך צוגעגאַנגען ראַשער, גיכער ווי אין דייטשלאַנד. איינפאַך דערפאַר, וואָס פראַנקרייך איז פריהער און מעהר ענטוויקעלט געוואָרען אין פיעלע הינזיכטען, איבערהויפּט אין דער הינזיכט פון קולטור און עקאָנאָמיע, אַלס דייטשלאַנד.

די גנזעלען אין פראַנקרייך זיינען דאַמאַלס געווען איינגעטיילט אין 3 קאַטעגאָריעס: צו דער ערסטער קאַטעגאָריע האָט געהערט די „קינדער פון סאַלאָמאָן". צו דיזער קאַטעגאָריע האָבען געהערט שטיינהאַקער, שלאָ־סערס און צימערלייט. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע האָבען געהערט די „קינ־

דער פון מייסטער יאַקאָב". דיזע קאַטעגאָריע האָט אין זיך ענטהאַלטען אוי-סער די אַרבייטער פון דער ערסטער קאַטעגאָריע, אויך אַנדערע סאָרטען אַר-בייטער. די דריטע קאַטעגאָריע זיינען געווען די „קינדער פון פאַטער סוביז", וועלכע זיינען בעשטאַנען פון צימערלייט, גיפּסער און דאַכדעקער. צווישען די דריי קאַטעגאָריעס האָט געהערשט אַ ביטערע פיינדשאַפט. די ערסטע קאַ-טעגאָריע האָט זיך גערופען „געזעלען פון פרייהייטס-פערבאַנד", און די גע-זעלען פון דער צווייטער און דריטער קאַטעגאָריע האָבען זיך אָנגערופען איינ-פאַך „פערבאַנד-געזעלען".

די אורזאַך, וואָרום עס האָט צווישען די קאַטעגאָריעס עקסיסטירט אַזאַ פיינדשאַפט, איז נאָך עד היום ניט געוואָרען אויפגעקלערט. די שנאה צווישען „סאָלאָמאָן'ס קינדער" און די איבריגע צוויי פערבאַנדען האָט געדויערט הונ-דערטער יאָהרען. עס זיינען פערבליבען אייניגע לידער, וועלכע צייגען, ווי ווייט עס איז געווען די שנאה צווישען די קאַטעגאָריעס. „סאָלאָמאָן'ס קינדער" האָבען בעצייכענט די געזעלען פון די אַנדערע קאַטעגאָריעס אַלס רויבער און בעטלער, וועלכע האָבען ניט אין זיך קיין עדלען טראָפּען בלוט, אַלס פרעסער פון נידריגען שטאַנד, א. אז. וו.

דער גרוס פון איין האַנטווערקער צום אַנדערען און פיעלע אָרדנונגען פון דער אינערער אָרגאַניזאַציאָן פון די פעראיינען זיינען געווען איינגעהילט אין מיסטעריען, אין סודות. די געזעלען פלעגען ערהאַלטען בעזונדערע נעמען, זיי האָבען געהאַט אַ בעזונדער שפּראַך, וועלכע איז געווען אונפערשטענדליך פיר אַן אַנדער מענשען, ניט פון דער אַרבייטער-קלאַס.

וואָס אַנבעטרעפט די געשיכטע פון דער געזעלען-אָרגאַניזאַציאָן ווייסען מיר, דאָס דער אונטערשייד צווישען מייסטער און קנעכט, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען אין 13טען יאָהרהונדערט, איז אין 14טען יאָהר-הונדערט געוואָרען נאָך פיעל שאַרפער. די צאָהל פון די, וואָס האָבען געקענט אָנגענומען ווערען אַלס לעהרלינגען צו ערלערנען אַ געוויסע אַרבייט, איז גע-וואָרען בעגרענעצט און בעשטימט; דאָס לעהר-געלט איז געוואָרען הויך, די לעהר-צייט לאַנג. צו ווערען אַ זעלבשטענדיגער מייסטער איז געוואָרען זעהר שווער; די קינדער פון די אַלטע מייסטערס זיינען בעגינסטיגט געוואָרען מעהר פון אַלע אַנדערע, וואָס האָבען געוואָלט ווערען זעלבשטענדיגע מייסטערס. דערצו איז נאָך צוגעקומען די פרויען-אַרבייט, וועלכע האָט אין יענער צייט אין פראַנקרייך אָנגעפאַנגען מעהר און מעהר בענוצט צו ווערען. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס דער אַרבייטס-לוין איז געוואָרען פיעל קלענער און די אַרבייטס-צייט פיעל לענגער. דיזע אומשטענדען האָבען געצוואונגען

די אַרבייטער צו פערבינדען זיך אין איין פערבאַנד. דער איינצעלנער איז געווען צו שוואַך צו שטרייטען געגען דיזע אומשטענדען, נאָר אַן אָרגאַניזאַ־ציאָן האָט עס געקענט טאָן.

די ערסטע אַרבייטער־פעראיינען אין פראַנקרייך זיינען געווען, ווי אין דייטשלאַנד, קירכען־ברידערשאַפטען אונטער דעם שוץ פון די גייסטליכע. אַזעלכע ברידערשאַפטען זיינען אין זיד־פראַנקרייך שוין געווען אין 13טען יאָהרהונדערט. אין נאָרד האָבען זיי זיך ענטוויקעלט פיעל שפּעטער, צו ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט. אָבער די וועלטליכע אינטערעסען האָבען באַלד גענומען די אויבערהאַנט. די צעכען האָבען אָנגעהויבען צו קעמפּען געגען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער, די שנאה צווישען די מייסטערס און די אַרבייטער איז געוואָרען שטאַרקער און גרעסער. קיין וואונדער ניט, וואָס די אַרבייטער האָבען זיך פעראייניגט אין איין אָרגאַניזאַציאָן אום מיט אַל־געמיינע קרעפטען צו בעקעמפען דעם אַלגעמיינעם פיינד, דעם מייסטער אָדער אַרבייט־געבער. אַזוי זעהען מיר, דאָס דער אַרבייטער־פערבאַנד איז געווען אַ מין שוץ־פערבאַנד, צו בעשיצען די אינטערעסען פון די אַרבייטער געגען די פערפאָלגונגען, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטעהן פון די מייס־טער־פערבאַנדען, פון די צעכען.

פון די געזעצען, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבען געגען די פראַנצויזישע אַרבייטער־פעראיינען, קען מען לייכט פערשטעהן דעם גייסט פון דיזע פער־איינען. אין יאָהר 1349 איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ געזעץ, וועלכעס האָט פערבאָטען די גערבער־געזעלען ניט צו בונטעווען זיך אום צו העכערן די פּריי־זען פון אַרבייט אָהן אַ געזעצליכען גרונד דערצו. אָבער ניט אַכטענדיג אויף אַלע בעשרענקונגען זיינען די אַרבייטער־פעראיינען געוואַקסען און געוואָרען שטאַרקער. אין 16טען יאָהרהונדערט, אין דער צייט פון דער פּרייז־רעוואָ־לוציאָן און דעם שטאַרקסטען קאַמף וועגען לוין, האָט די רעגירונג געוואָלט פערוועהרען די עקסיסטענץ פון די אַרבייטער־פעראיינען, ווייל זיי זיינען די הויפּט־שולדיגע אין דער שטייגערונג פון די פּרייזען. אָבער אַלע קעניג־ליכע בעפעהלען אין דיזער זאַך זיינען געבליבען אָהן ערפאָלג. די געזעלען־פעראיינען האָבען פאָרטגעזעצט צו עקסיסטירען. וואָס ווייטער זיינען די פערהעלטניסען צווישען די מייסטערס און די געזעלען געוואָרען מעהר און מעהר פיינדליך, די שפּאַלטונג גרעסער און גרעסער. די מייסטערס האָבען אַרונטערגעזעצט די לעהר־יונגען צו אַ שטופע פון אונגעלערנטע אַרבייטער. די זיהן פון די מייסטערס האָט מען געגעבען גרויסע פאָרצוגען. צו בעקומען דעם טיטעל מייסטער איז געוואָרען כמעט אַן אונמעגליכקייט. און זאָגאַר

אונטער די מייסטערס זעלבסט האָבען זיך געבילדעט 3 קלאַסען, פון וועלכע די רייכע, וואָס האָבען געהאַט בירושה דעם טיטעל מייסטער, האָבען געהאַט דעם פאָרצוג.

די געזעלען=פעראיינען האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס צו ווירקען געגען דיזע אונגערעכטיגקייטען. די רעגירונג איז אַרויס מיט אַ געזעץ, וועלכעס האָט אין גאַנצען פערבאָטען די עקסיסטענץ פון אַרבייטער=פעראיינען (1539). אָבער פראַנץ דער 1טער און זיינע נאָכפאָלגער האָבען זיך איבערצייגט, דאָס זייערע פעראָרדנונגען זיינען פיעל שוואַכער פון דער ווידערשטאַנדס=קראַפט פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער=פעראיינען. אויך די סאָרבאָננע, די גרעסטע אוניווערזיטעט אין דער וועלט, איז אַרויס מיט אַ פלוך (חרם) געגען די „פער-דערבליכע פערזאַמלונגען פון די געזעללען”, אָבער אויך דיזעס האָט ניט גע-האַט קיין ערפאָלג.

דער פרייהייטס-קאַמף פון די נידערלענדער (האָללענדער).

די נידערלאַנדען, אָדער האָללאַנד, זיינען אין מיטען פון 16טען יאָהר-הונדערט געוואָרען דורך דעם האַנדעל דאָס רייכסטע און בליהענדסטע רייך אין אייראָפּאַ. הגם די 17 פּראָווינצען, פון וועלכע דאָס לאַנד (האָללאַנד) איז בעשטאַנען, זיינען געוועזען זעהר פערשיידען אין פּאָליטישער הינזיכט, זיינען זיי אָבער עקאָנאָמיש כמעט אַלע גלייך געשטאַנען אויף איין גלייכען הויכען שטאַנד. אין נאָרדליכען טייל פון די נידערלאַנדען האָבען זיך די בירגער בעשעפטיגט איבערהויפּט מיט האַנדעל, אָבער אויך דער בויערן-שטאַנד, וועלכער האָט זיך בעשעפטיגט מיט פיש-פאַנג, האָט זיך אונגעשטערט ענטוויקעלט און האָט געמאַכט גוטע געשעפטען. איבערהויפּט איז עס געוועזען דער וועלט-האַנדעל, וועלכער האָט האָללאַנד געמאַכט גרויס. אַנטווערפּען איז געוועזען רייכער פון ווענעציאַ אין איהר בליהענדער צייט. שוין אין יאָהר 1526 האָט אַנטווערפּען געהאַט 88,000 איינוואוינער. יעדעס יאָהר פלעגט אָנקומען אין אַנטווערפּען דורך די אָסט-זעע פיר 1½ מיליאָן געטריידע אום צו שפּייזען דיזע מאַסע מענשען.

די אַרבייט פון שפּינען פערשיידענע סאָרטען פאָדים און וועבעריי איז איבעראַל געוועזען די ערסטע הויז-אַרבייט און פאַבריק-אַרבייט זינט די מענשען האָבען זיך אָנגעאייגענט אַ קולטור. און אַזוי איז אויך געוועזען אין די דריי זיד-וועסטליכע פּראָווינצען פון די נידערלאַנדען. דיזע האָבען זיך הויפּטזעכליך בעשעפטיגט מיט בעאַרבייטונג פון ענגלישע וואָל און איטאַליענישע זייד. פון דיזער בעאַרבייטונג פון רויהע שטאָפען איז איבערהויפּט דער קאַפּיטאַליזם אויפגעוואַקסען אין מיטען פון דעם 16טען יאָהרהונדערט. ווי ווייט עס איז דאָרט געוואַקסען די אינדוסטריע, קען אונז געבען אַ בעגריף די שטאָדט אַנטווערפּען. אין יאָהר 1566 האָט אַנטווערפּען בעקומען פון ענגלאַנד רויהע וואָל פיר 2½ מיליאָנען מאַרק, און פיר 50 מיליאָנען טוך און צייג, פון איטאַליען פיר 30 מיליאָנען מאַרק זייד און פיר 16 מיליאָנען מאַרק

געווירצען פון ליסאבאן, אויסער וואס עס האבען בעקומען אנדערע שטעדט פון נידערלאנד.

2,500 שיפען מיט פערשיידענע סחורות זיינען אימער געשוואומען אי־בער דער שעלדע. יעדען טאג פלעגען אריינקומען אין שטאדט ביז 800 שי־פען. די בעוועגונג איבער'ן לאנד איז געווען שוואכער ווי איבער'ן וואסער, אבער זי איז אויך געווען שטארק ענטוויקעלט. יעדען טאג פלעגען דורכפאה־רען דורך'ן שטאדט 2,000 פראכט־וועגען און 10,000 פויערשע וועגען. ווי רייך די קאפיטאליסטען האבען שוין דאמאלס געלעבט, ווייזט דער פאקט, דאס יעדען יאהר פלעגען אריינקומען פון אויסלאנד אין אנטווערפען פיר 25 מיליאנען מארק פערשיידענע וויינען צום טיש־געברויך.

אויך די הויפטשטאדט פון די נידערלאנדען, בריססעל, האט געפיהרט מיט אויסלאנד א זעהר ענטוויקעלטען האנדעל. אין יאהר 1480 זיינען דארט געווען 55,000 איינוואוינער, אבער אין אנטווערפען זיינען שוין דאמאלס גע־ווען 57,000 איינוואוינער. עס זיינען אויך געווען נאך איניגע קלענע־רע שטעדט מיט א געדיכטער בעפעלקערונג, ווי צ. ב. מעכעלן, די שטאדט, אין וועלכער עס איז געווען דאס העכסטע געריכט־הויז אין לאנד, מיט 18,000 איינוואוינער (1526), ליססע מיט 8,000 און טירנהאוט מיט 7,000 איינוואוינער. אלע שטעדט צוזאמען אין מיטעל־בראבאנט (א פראָ־ווינץ אין נידערלאנדען) האבען געהאט 121,000, דאס פלאכע לאנד 145,000 איינוואוינער, פון וועלכע 46 פראצענט האבען זיך בעשעפטיגט מיט האנדעל און אינדוסטריע, און 54 פראצענט מיט אקערבוי און פיה־צוכט. דיזע פער־העלטנים האט אין יענער צייט ניט דערגרייכט קיין לאנד.

די זעלבע פערהעלטנים איז אויך געווען אין אנדערע פראווינצען פון ני־דערלאנד און פלאנדערן. אלע שטעדט פון דיזע פראווינצען האבען געמאכט דעם איינדרוק אויף די צייט־גענאסען, ווי אנטווערפען און בריססעל. וועני־גער בעזעצט זיינען דאמאלס, ווי אויך היינט, געווען די זיד־אסטליכע פרא־ווינצען פון נידערלאנד.

אין אלע 5 זיד־אסטליכע פראווינצען איז דער אקערבוי געווען די הויפט־בעשעפטיגונג פון די איינוואוינער, די אינדוסטריע איז דא געשטאנען זעהר נידריג. אין יענע פראווינצען, וואו דער האנדעל און די אינדוסטריע הא־בען געבליהט, איז אויך געווען א מעכטיגער גרונד־אדעל, אבער דיזער אדעל האט זיך שוין פריה פעראייניגט מיט די בירגער און האט אנגעפאנגען צו טרייבען האנדעל און ענטוויקלען פאבריקאציאן. די גראפען פון עגמאנט, די גרעסטע גרונד־הערען פון פלאנדערן און נידערלאנד, זיינען געווען זעהר

בעליבט פון די מאַסען און פון די בירגער. עס איז אייגענטליך קיין וואונדער ניט, ווייל די גראַפען און די גרויסע גוטס-בעזיצער האָבען דאָך פערברויכט די אַלע פּראָדוקציאָנען פון די בירגער און פון דער אונטערער קלאַס.

דעם אַדעל האָט דער לוקסוס און דאָס צו-רייכע לעבען געקאָסט זעהר טייער. פיעלע פון זיי זיינען דערפון רואינירט געוואָרען. זיי האָבען ניט געקענט רעכנען צו פערבעסערן זייערע אומשטענדען דורך רויבעריי, ווי אַנדערע ריטער, ווייל די שטרענגע פּאָליציי, וואָס איז געווען איינגעאָרדענט פון די בירגער, האָט ניט דערלאָזען, אַז אַזעלכע רויבערייען זאָלען פאָרקומען און האָבען זיי דערשטיקט גלייך ביים אָנפאַנג. די נייע צייט אָבער האָט זיי געגעבען אַ מיטעל, ווי זי האָט אויך געגעבען די דייטשע ריטער, ניט נאָר צו ווערען בעפרייט פון די שולדען, נאָר אויך צו ווערען רייך.

דער מיטעל איז געווען — די בערויבונג פון די קירכען-גיטער, וועלכע איז געוואָרען אויסגעפיהרט אין נאָמען פון דער רעפאָרמאַציאָן. דיזען מיטעל האָבען מעהר פון אַלעמען געברויכט די אַדעללייט פון פלאַנדערן און בראַבאַנט. דערצו האָבען זיי געהאָלפען די שטעדט, וועלכע האָבען געזוכט צו געווינען עטוואָס פון דיזען רויב. די נידריגע פאָלקס-מאַסען האָבען גאָרניט ערוואַרטעט פון די קירכען-גיטער, ווען זיי זאָלען פערבלייבען ווי פריהער ביי די גייסטליכע, און דעריבער זיינען זיי געווען צופרידען, דאָס די אַדעליגע זאָלען דיזע פון דער קירכע צונעהמען, מיט דער האָפנונג, פיליכט וועט דערפון אָנקומען עטוואָס אויך צו זיי.

די בירגער האָט גוט געוואוסט ווי צו פערברייטערן אין דער שטיל דעם גייסט פון דער רעפאָרמאַציאָן. עס שיינט אפילו צו זיין אונערקלערליך, וואָרום האָט זיך גראַדע די רעפאָרמאַציאָן פערברייטעט צווישען די אונענטוויקעלטע מאַסען פון די נאָרד-פּראָווינצען און איז געווען פיעל שוואַכער צווישען די בירגער פון די זידליכע פּראָווינצען. אָבער דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט. די שטרעבונגען פון קאַרל דעם 5טען, וועלכער האָט געהערשט אין די נידערלאַנדען ביז זיין אָפּדאַנקען, איינצופיהרען אין נידערלאַנד די אינקוויזיציאָן, האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג. די רעפאָרמאַציאָן האָט זיך פערברייטעט מעהר און מעהר, און די אַלע מיטלען אָפּצושטעלען זי האָבען ניט געהאָלפען, ווייל קאַרל דער 5טער האָט אין אַ געוויסען גראַד דאָך ניט געוואָלט צו פיעל דריקען די נידערלאַנדען און בערויבען זיי אין גאַנצען מיט זיין מאַכט פון זייערע רעכטען אין בעטרעף פון רעליגיאָנס-פרייהייט.

פיליפּ דער 2טער, קאַרל'ס נאָכפאָלגער, איז געווען שפּאַניש ערצויגען און יעזואיטיש געזאָנען. ער איז געווען דער שרעק פון אייראָפּאַ. ער איז

געוועזן דאָס פינסטערע ווערקצייג פון די יעזואיטען, וועלכע האָבען געשטרעבט צו וועלט־הערשאַפט. ווען ער איז געוואָרען הערשער, האָט ער געהאַט גאָר אַנדערע אַבזיכטען ווי צו הערשען אין די פּראָווינצען. ער האָט בעשלאָסען צו פערוויילען 3 יאָהר, פון 1556 ביז 1659, אין נידערלאַנדען, אום דורכצופיהרען מיט זיין אויטאָריטעט די נעטיגע שטייערן און די נעטיגע בלוט־דעקרעטען. די נידערלענדישע געזעלשאַפט איז איהם אַפילו געווען זעהר אונאַנגענעהם, אָבער אום צו דערגרייכען זיין צוועק האָט ער דערויף געאָפּפערט 3 יאָהר צייט. די גענעראַל־שטאַאטען פון נידערלאַנד האָבען אָבער פיר קיין פאַל ניט געוואָלט געבען צו פיליפּ דעם 2טען די געלט־שטיצע, וועלכע זיי האָבען געגעבען מיט'ן גוטען ווילען צו קאַרל דעם 5טען. זיי זיינען געווען בערייט נאָכצוגעבען דעם וואונש פון פיליפּ'ן נאָר מיט דער בעדינגונג, ווען די פרעמדע טרופּען וועלען פערלאָזען דאָס לאַנד. פיליפּ האָט ענדליך בעשלאָסען דיזע פאָדערונגען נאָכצוגעבען און צוריקציהען די פרעמדע טרופּען און דאָרט איבערלאָזען נאָר אַ קליינע צאָהל דייטשען. עס האָט גערויערט אַנדערטהאַלבען יאָהר ביז ער האָט ווירקליך אַרויסגעצויגען די טרופּען פון נידערלאַנדען. איידער ער איז אָפּגעפאָהרען פון נידערלאַנדען האָט ער דאָרט געלאָזען אַ שטאַאטהאַלטער, וועלכען ער האָט איבערגעגעבען זיין קעניגליכע מאַכט און אויטאָריטעט.

דאָס פאָלק אין נידערלאַנדען איז געווען געוועהנט, דאָס אַלע זייערע בעאַמטע און רעגירער זאָלען זיין פון זייערע אייגענע. נידערלאַנד איז בעשטאַנען פון 17 שטאַאטען אָדער פּראָווינצען. קיין אַדעלמאַן פון איין פּראָווינץ האָט ניט געקענט פערנעהמען אַ שטעלע און בעקליידען אַן אַמט אין אַן אַנדער פּראָווינץ. דאָס איז ביי זיי געווען אַן אַלטער הייליגער מנהג. נאָר די גענעראַל־פערזאַמלונג פון אַלע 17 פּראָווינצען איז געווען אַן אַלגעמיינער אָרגאַן פיר דאָס גאַנצע לאַנד צוזאַמען.

פיליפּ דער 2טער אָבער, געטריבען פון די יעזואיטען, האָט אָנגעפאַנגען צו שטרעבען צו שטעלען אָן דער שפּיץ פון די פעראייניגטע פּראָווינצען אָדער שטאַאטען פון נידערלאַנדען אַ שפּאַנישע אַבסאָלוטע רעגירונג. דעריבער האָט ער איבערגעגעבען דאָס אַמט פון שטאַאטהאַלטער ניט צו אַן אַדעלמאַן פון נידערלאַנדען, נאָר צו אַ שפּאַנישער פירסטין, צו מ אַ ר ג אַ ר ע ט ע פ ו ן פ אַ ר מ אַ. דאָס איז געווען דער פּלאַן פון די יעזואיטען, דורכצופיהרען זייער שוואַרצע קונץ דורך פרויען. מאַרגאַרעטע האָט בעוויזען אין די 8 יאָהר פון איהר רעגירונג אין נידערלאַנדען, פון אויגוסט 1559 ביז סעפּטעמבער 1567, דאָס זי האָט געהערשט אין פולען זין פון וואָרט ווי אַ מאַן מיט

זיין גאַנצער שטרענגקייט, און דאָס וואָס מען האָט פון איהר ערוואַרטעט אַ מילדע רעגירונג, ווי עס פּאַסט פיר אַ פרוי, איז געוועזן אַ פאַלשע האָפנונג, אַ חלום.

דער ערפאָלג פון די יעזואיטען, אַרויפצוזעצען אויף דעם טראָן פון די נידערלאַנדען אַ שפּאַניערין, איז געוועזן דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס די איינצעלנע פּראָווינצען האָבען מקנא געוועזן איינע די אַנדערע, און יעדע האָט געוואָלט בעקומען בעזונדערע פּריווילעגיעס געגען די אַנדערע. דאָס צייגט, אַז זיי האָבען דאַמאָלס ניט פערשטאַנען דעם וואהרען אינטערעס און די אמת׳ע מאַכט פון אַלגעמיינעם וואָוילשטאַנד. זיי האָבען אייגענטליך קיין שטאַטהאַלטער ניט געוואָלט האָבען, אָבער ווען עס איז אויסגעקומען יע צו האָבען, האָבען זיי בעסער געוואָלט זעהן אין דיזען אַמט אַ שפּאַניער איידער איינעם פון זייערע אייגענע פירסטען, ווייל זיי האָבען געהאַט מורא, דאָס ער וועט געבען אַ פאָרצוג זיינע לאַנדסלייט געגען אַנדערע פּראָווינצען, און וועט זיי פערשאַפען מעהר פּריווילעגיעס ווי אַלע אַנדערע. פיליפּ האָט געמוזט צוזאַמענשטעלען דעם שטאַאַטסראַט פון איינגעבאָרענע נידערלענדער, אָבער איבער דיזען שטאַאַטסראַט האָט ער בעשאַפען אַ געהיימען ראַט, וועלכער האָט געהערשט איבער דעם שטאַאַטסראַט, און דיזער געהיימער ראַט איז בע-שטאַנען נאָר פון שפּאַנישע מיטגלידער.

די וויכטיגסטע פערזאָן פון שטאַאַטסראַט איז דאַמאָלס געוועזן וויל-העלם פון אָראַניען. דיזער מאַן האָט דורכגעמאַכט אַ גוטע שולע אונטער קאַרל דעם 5טען. ער האָט געשטאַמט פון דעם הויז פון די גראַפען פון נאַססאַו, און איז געוועזן דער פירסט פון דעם קליינעם פירסטענטום דיל-לענבורג. אָבער זיינע איינקונפטען האָט ער בעקומען פון זיינע נידערלענ-דישע גיטער. אויך זיין שפּראַך און זיין ערציהונג האָבען געהערט צו די נידערלאַנדען.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, ווי אין דער צייט פון דעם 30-יעה-ריגען קריג האָבען זיך פיעלע פירסטען דורך מוטיגקייט אָדער דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייט ערוואָרבען פירסטענטימער. דיזע אויפגעקומענע פירסטען האָ-בען ניט געהאַט קיין אהנונג פון ליבע צו טרייע אונטערטאַנען, ווי מאַנכע פון די אַלטע פירסטען, וועלכע האָבען געשטאַמט פון אַלטע גרויסע פירסט-ליכע פאַמיליעס. דיזע פירסטען האָט ווייניג אויסגעמאַכט וואָס פיר אַ פירסטענטום מען האָט זיי געגעבען. די בירגער האָבען געזוכט ניט בלויז פירסטען, נאָר זיי האָבען געזוכט אַזעלכע פירסטען, וואָס זאָלען זיין פעהיגע רעגירער.

די קליינע צוברעקעלטע דײַטשע שטאַאַטען פון וועסט און זיד־וועסט וואָלטען געקענט פיעל געווינען אין פּאָליטישער הינזיכט, ווען זיי וואָלטען געהאַט אַ גוטען אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער זאָל זיי פעראייניגען און מאַכען פון זיי אַ שטאַרקע פּאָליטישע מאַכט. ווילהעלם פון אָראַניען האָט ווירקליך גע־טראַכט צו פעראייניגען די 17 פּראָווינצען פון נידערלאַנדען אין איין גרוי־סעם מעכטיגעם רייך, וועלכעס זאָל שטעהן אין מאַכט און רייכטום אויף איין שטופּע מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך.

קאַרל דער 5טער האָט צוגענומען ווילהעלם'ען אַלס זיין פּאַזש (קעניגלי־כען דינער). ווען ער איז געוואָרען אַלט 18 יאָהר האָט ער איהם פערהייראַט צו אַ רייכער גרעפין, וועלכע האָט איהם אַריינגעבראַכט זעהר פיעלע רייכע גיטער אין דייטשלאַנד. ווען דער מידער קייזער קאַרל דער 5טער האָט זיך געזעגענט מיט זיינע אונטערטאַנען אין נידערלאַנד, ווייל ער האָט בעשלאָ־סען אָפּצוזאָגען זיך אין גאַנצען פון טראָן, איז ער געווען אָנגעשפּאַרט אָן די שולטערן פון ווילהעלם פון אָראַניען, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אַלט 23 יאָהר. ער איז געווען דער פערטרויטער פון קייזער קאַרל דעם 5טען, און ער פלעגט איהם שיקען איבעראַל, וואו עס איז געווען צו פערהאַנדלען עטוואָס וויכטיגעס. ער האָט געהאַט אַ נאַטור צו רעדען װעניג און פיעל צו הערען. אויף דיזע רייזען האָט ער פיעל געלערנט צו קענען מענשען און וואָס עס פערבינדט זיי צוזאַמען. קיינער האָט אין יענער צייט ניט פערשטאַנען אַזוי גוט די מאַקיאַוועלישע שטאַאַטס־קונסט ווי ער. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט גערעכענט צו ווערען דער שטאַטהאַלטער פון פיליפּ דעם 2טען, ווען קאַרל דער 5טער, פיליפּ'ס פאָטער, האָט איהם בעשאָטען מיט אַזוי פיעלע עהרען און האָט געהאַט צו איהם אַזוי פיעל צוטרויען. דער ביטרער פיליפּ אָבער האָט דעם שווייגענדען ווילהעלם גוט פערשטאַנען. ער האָט גוט גע־וואוסט, דאָס אין רעליגיעזע זאַכען איז ער זעהר גלייכגילטיג און אין פּאָליטיק און געשעפט איז ער פיעל ערגער פון זיינע ראַטגעבער, די יעזואיטען.

דאָך האָט פיליפּ געפונען פיר נעטיג איבערצוגעבען די שטאַטהאַלטער־שאַפט ווילהעלם'ען, וועניגסטענס פון די דריי פּראָווינצען האָללאַנד, זעעלאַנד און אוטרעכט. אין זיינע געשפּרעכען מיט פיליפּ'ן האָט ער זיך אַרויסגעווי־זען אַן איבערגעגעבענער איבערצייגטער קאַטאָליק, און האָט אויך געוויזען זיין פּאָליטישע איבערגעבענהייט צו פיליפּ'ס פּלענער און געזינונגען. אָבער פיליפּ האָט איהם פערשטאַנען בעסער ווי ער זיך אַליין. ווען פיליפּ איז אָפּ־געפאָהרען פון נידערלאַנדען האָט ער אויסגעשריען צו ווילהעלם'ען: „ניט די שטאַאַטען זיינען אונצופרידען וואָס איך ציה ניט אַרויס פון זיי די טרופּען,

נאָר איהר, איהר, איהר!" דאָן האָט ווילהעלם אָנגענומען דעם קעניג'ס האַנט און האָט זי געקוסט, הגם ער האָט גוט געוואוסט, דאָס די האַנט, וואָס ער קוסט, וואָלט איהם זעהר געוואָלט צוטראָגען אַ בעכער גיפט אום פטור צו ווערען פון איהם.

נעבען ווילהעלם פון אָראַניען איז געוועזן דער גראַף עגמאַנט, וועל־כער איז אין די נידערלאַנדען געוועזן זעהר פּאָפּולער. ווילהעלם איז געוועזן בע־ריהמט אין נאָרד און גראַף עגמאַנט איבערהויפּט אין פלאַנדערן. עגמאַנט איז געוועזן אַן אונערשראָקענער קריגסמאַן, אָבער גוט, לייטזעליג, אָהן פאַלש־קייט. ער האָט זיך אויסגעצייכענט אונטער קאַרל דעם 5טען אין פיעלע קאַמ־פען געגען פראַנקרייך, איז געוועזן אַ זעהר גליקליכער פאַמיליען־מאַן און אַ רייכער גרונד־בעזיצער. און דעריבער האָט ער געטרוימט צו דערלאַנגען די

ווילהעלם פון אָראַניען.

העכסטע שטופע פון עהרע. ער איז געוועזן אַן אויפריכטיגער, אמת'ער מענש, אָבער פון אַ שוואַכען כאַראַקטער. אין דיזער הינזיכט איז ווילהעלם פון אָראַניען געשטאַנען העכער פון איהם. ווילהעלם האָט געהאַט פיעלע שול־דען און גרויסע שוועריגקייטען צו פיהרען זיין הויז אַנשטענדיג, אָבער דאָס האָט איהם ניט געשטערט צו האַלטען אימער זיין אויג אויף זיין ציל. ער איז געוועזן אַ גוטער געזעלשאַפטער, און דיזען טאַלענט האָט ער געברויכט אום צו ערפאָרשען די געהיינע פּלענער פון זיינע געגנער. אויך עגמאַנט איז גע־וועזן גרויס און ליבענסווירדיג אין געזעלשאַפט, אָבער זיין ריטערליכעס אָפּע־נעם הארץ און זיין פרינציפּ „לעב און לאָז דעם אַנדערן לעבען" האָט איהם געמאַכט, דאָס ער זאָל זיך זעהר אָפט איבערגעבען דעם אויגענבליק. וויל־

העלם האָט געשטרעבט צו וואָהרער מאַכט, און עגמאָנט איז געווען צופרידען מיט אויסערליכער עהרע און שיין.

דער דריטער וויכטיגער מיטגליד פון שטאַאַטסראַט איז געווען גראַף האָארן. אין פערשטאַנד און אין מיליטערישער פעהיגקייט איז ער געווען גלייך צו גראַף עגמאָנט, אָבער ער האָט זיך שטאַרק אונטערשיידען פון איהם אין כאַראַקטער. ער איז געווען דער אַדמיראַל פון דער נידערלענדישער פלאָטע, און לויט דעם בעגריף פון יענער צייט איז ער געווען דער איינציגער אָנשטענדיגער מאַן פון זיין צייט. דער אידעאַל פון יענער צייט איז געווען אָדער אַן איגנאַציוס לאָיאָלאַ, דער גרינדער פון דעם יעזואיטען־אָרדער, אָדער אַ ווילהעלם פון אָראַניען. ביידע האָבען געדינט דעם געזעלשאַפטליכען פאָרטשריט. האָארן האָט געהערט צו די אַדעלליים, וועלכע זיינען געוואָרען אָרים, ווייל זיי האָבען זייערע גיטער פער'משכון'ט און פערקויפט אום צו טאָן גוטעס זייער נאַציאָן. ער האָט פיר זיך איבערגעלאָזען אַן עלענדעס לאַנד־גוט. פון דיזען אָרימען צופלוכטס־אָרט האָט איהם דער קעניג געשיקט צום עשאַפאָט — דער קעניג, פיר וועלכען ער האָט געאָפּפערט זיין גאַנצעס לעבען.

ווילהעלם איז געווען אַ געשעפטסמאַן אין פולען זין פון וואָרט. זיין גאַנצעס שטרעבען איז געווען צו דערגרייכען מאַכט. פון קיין רייכען לעבען יהאָט ער ניט געהאַלטען. ער האָט אָבער יע געפיהרט אַ רייכעס לעבען נאָר אום צו בעקומען קרעדיט. אויך זיין געזעלשאַפטליכעס לעבען איז געווען גע־ווידמעט נאָר דערצו, אום צו דערגרייכען פּאָליטישע מאַכט. די האָללענדישע בורזשואזיע, וועלכע איז געווען כמעט אַזוי ענערגיש און כאַראַקטער־פעסט ווי די ענגלישע, האָט אין ווילהעלם'ען געפונען איהר אידעאַל. זיי האָבען בעדאַרפט האָבען אַזאַ שווייגענדען, טיף־דענקענדען, ווייט־בליקענדען, פאַר־זיכטיגען און דאָך אונטערנעהמענדען מאַן ווי עס איז געווען ווילהעלם פון אָראַניען.

אָראַניען, עגמאָנט און האָארן זיינען געווען די מענער, אויף וועלכע די נידערלענדער האָבען געקענט לעגען זייערע האָפנונגען. זיי זיינען אַלע דריי געווען דאַמאָלס אמת־טריי דעם קעניג, אַלע דריי האָבען געפונען פיר נעטיג אויפצוהאַלטען די קאַטאָלישע רעליגיאָן, אָבער אויך צו בעשיצען די פּריווילעגיעס און די פרייהייטען פון די שטאַאַטען; אַלע דריי זיינען געווען מיט איין דעה געגען די פרעמדע טרופּען, געגען יעדען בעאַמטען, וואָס איז געווען אַן אויסלענדער. איבערהויפּט זיינען זיי געווען געגען דעם געהיימען ראַט, וואָס פיליפּ האָט איינגעריכטעט אַלס די העכסטע רעגירונגס־מאַכט אין לאַנד, ווייל דיזער ראַט איז בעשטאַנען פון לויטער שפּאַניער, און אַן דער

שפּיץ פון דיזען געהיימען ראַט איז געשטאַנען דער קאַרדינאַל גראַנוועללאַ, אַ פלייסיגער תלמיד פון די יעזואיטען. אויך אין אַנדערע אַפּטיילונגען פון דער רעגירונג זיינען אָן דער שפּיץ אַוועקגעשטעלט געוואָרען לייט, וואָס זיינען געווען מיט לייב און זעעל איבערגעגעבען צו שפּאַניען. אַזוי צ. ב. איז בעשטימט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון פינאַנץ דער בישאָף וויגליוס פון צויכעם. מיט איין וואָרט: די וויכטיגסטע צענטראַל-מיניסטעריומס זיינען געוואָרען אָנפערטרויט ניט דעם שטאַאַטסראַט פון נידערלענדישע מיטגלידער, נאָר דעם „געהיימען ראַט", וועלכער איז בעשטאַנען פון שפּאַניער.

צענטראַליזאַציאָן איז געווען אַ זעהר וויכטיגע זאַך פיר די נידערלענדער, פיר די בירגער, ווי פיר דעם אַדעל, אָבער דער גרעסטער טייל פון דיזע עמטער איז איבערגעגעבען געוואָרען צו שפּאַניער, וועלכע האָבען געשטרעבט ווי ווייט זיי האָבען געקענט צו עקספּלואַטירען די פערמעגליכע נידערלענדער. דאָס האָט די נידערלענדישע רעגירונגס-בעאַמטע זעהר אויפגעבראַכט. אָראַניען און עגמאָנט האָבען זיך דעריבער דאַמאָלס פעראייניגט מיט די שטאַטהאַלטער פון אַלע פּראָווינצען אום די פינאַנצען מיט די געריכטליכקייט צו ציהען צו זיך און אַרויסצונעהמען פון די הענט פון די שפּאַניער.

עגמאָנט און האָארן האָבען געאַרבייט אין דיזער ריכטונג אָפען און מיט שטורם, ווילהעלם אין געגענטייל רוהיג און דערפאַר מיט מעהר ערפאָלג. ווילהעלם האָט אימער געצייגט דעם קעניג איבערגעבענדייט, ווייל ער האָט אָפּגעוואַרט אויף אַ פּאַסענדערע צייט, ווען ער זאָל קענען מיט ערפאָלג אַרויס אָפען. אין זיינע געזינונגען אין רעליגיאָנס-זאַכען האָט ער געשפּילט אַ צווייזייטיגע ראָלע. ער האָט געהייראַט אַ צווייטע פרוי, די אַדאָפּטירטע טאָכטער פון דעם פּראָטעסטאַנטישען קורפירסט אויגוסט, מיט'ן נאָמען אננאַ. דערביי האָט ער פערזיכערט דעם קורפירסט, דאָס ער איז זעהר גענייגט צו דער לוטהעראַנישער רעפאָרמאַציאָן. דעם קעניג פיליפּ אָבער האָט ער פערזיכערט, דאָס ער האַסט די רעפאָרמער, דאָס ער וואָלט בעסער וועלען פּטור ווערען פון זיין ווייב, אום ניט זעהן ווי זי פיהרט זיך אויף ווי די קעצער. די אונטערסטע שורה איז, דאָס ער האָט ניט געגלויבט אין קיין זאַך, ניט אין קאַטאָליציזם און ניט אין רעפאָרמאַציאָן. ער האָט אימער פערזיכערט, דאָס ער איז אַן איבערגעגעבענער קאַלוויניסט, און ווען מען האָט געוואָלט גרינדען אַ קאַלוויניסטישע שטאַאַטס-קירכע איז ער דערפון געווען דער ביטערסטער געגנער און האָט עס ניט דערלאָזען.

באַלד נאָך זיין צווייטער הייראַט האָבען די פּראָווינצען אָנגעהויבען ענערגיש צו פאָדערן פון דעם קעניג פיליפּ, דאָס ער זאָל ערפילען זיין פער-

שפּרעכען, וואָס ער האָט זיי געגעבען אין יאָהר 1559, ארויסצוציהען פון לאַנד די פרעמדע טרופּען. די שפּאַנישע טרופּען האָבען פערלאָזען נידערלאַנדען אין יאַנואַר 1561. דאָס פאָלק האָט זיך מיט דעם אַקט שטאַרק געפרעהט. אָבער פיליפּ האָט דערפאַר פערשטאַרקט אין לאַנד די קאַטאָלישע רעליגיעזע מאַכט. ער האָט בעשאַפען אין נידערלאַנדען אַ נייע קירכען־אָרדנונג, לויט וועלכער דאָס לאַנד איז בעגליקט געוואָרען מיט 14 נייע בישאָפען. מען האָט אויך געפּרובט איינפיהרען די אינקוויזיציאָן, אָבער דיזעס איז ניט געלונגען איינצופיהרען מיט דער קליינער מאַכט פון 10,000 דייטשע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען פערבליבען אין לאַנד צו האַלטען אָרדנונג. קעצער, וועלכע זיינען שוין פעראורטיילט געוואָרען צום טויט, זיינען מיט גוואַלד בעפרייט געוואָרען פון פאָלק. די שטאַטהאַלטער אָראַניען, עגמאָנט און האָרן האָבען געשריבען ביטשריפטען צום קעניג פיליפּ אין מאַדריד און האָבען געפאָדערט די צוריקרופונג פון גראַנוועללאַ.

די גאַנצע צייט איז אין די געריכטס־הייזער פון די נידערלאַנדען ניט געווען קיין אָרדנונג. ניט דאָס געריכט האָט ענטשיידען איבער די פעראור־טיילטע קעצער, נאָר דער פויסט. און אין יאָהר 1563 איז די מאַכט איבער־געגאַנגען צום פאָלק. דער סוף איז געווען, דאָס אין מערץ 1564 איז פיליפּ געווען געצוואונגען צוריקרופען גראַנוועללאַ פון נידערלאַנדען. אָבער ער האָט איהם אָפּגערופען, ווייל אָראַניען האָט בעוויזען, דאָס גראַנוועללאַ בעשטראָפט ניט די קעצער און דעריבער פאַלט דאָרט דער קאַטאָליציזם און די רעפאָר־מאַציאָן פערברייטעט זיך, אָבער ניט מיט דעם צוועק צו בערוהיגען דאָס פאָלק, וועלכעס איז געווען אויפגעבראַכט אויף דיזען אינקוויזיטאָר.

פון מערץ ביז יולי 1564 האָט די בעוועגונג דערגרייכט איהר העכסטע שטופע. אַ פראַנצויזיש־קאַלוויניסטישע סינאָדע האָט בעשלאָסען דעם 27טען אַפּריל צו אונטערשטיצען די גלויבענסגענאָסען אין נידערלאַנדען מיט וואָפען אין די הענט. דעם 23טען יולי 1564 האָט דער בישאָף פון גענט געשריבען: „ווען די פערפאָלגונגען וועלען ניט אויפהערען, וועלען מיר דערלעבען אַ נייעם אויפשטאַנד, וועלכער וועט זיך פערברייטען אויף אַלע פּראָווינצען. דער אויפשטאַנד וועט זיין אַ שרעקליכער, ווייל אַלע רעפאָרמאַטאָרישע סעקטען זיינען גרייט צו העלפען די פערפאָלגטע”. און עס האָבען זיך אויפגעהויבען זאָגאַר סעקטען, וועלכע פּראָקלאַמירען פיעל־ווייבעריי. אָבער אויף דאָס איי־גענטום, ווי ווייט מיר ווייסען, איז דאַמאָלס קיין אָנגריף ניט געמאַכט גע־וואָרען, ניט פון זייטען פון די פערפאָלגער, ניט פון זייטען פון די רעבעלען. דאָס פאָלק איז געוואָרען צולאָזען אין זיינע געשלעכטליכע ליידענשאַפטען.

דאָס פאָלק האָט ניט געריבט, נאָר עס האָט געוואָלט אויסגיסען זיין צאָרן אויף די גייסטליכע און שטילען זיינע ליידענשאַפטען אין שענעס געשלעכט.

דיזער אויפרוהר האָט געבראַכט דערצו, דאָס די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרען האָבען דורכגעפיהרט 17 היגריכטונגען פון די קעצער. אין אַפּריל 1565 האָט עגמאָנט געשיקט אין מאַדריד אַ ביטשריפט, אַז מען זאָל אָפּשטעלען די פערפאָלגונגען, זיי זאָלען ניט פיהרען צו שלעכטע פאָלגען, אָבער מען האָט זיין ביטע ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. אויף די ביטעס פון די בישאָפען האָבען ניט געהאָלפען. פיעלע פאַבריקאַנטען און קויפליוט האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך ענגלאַנד. אָבער אַ שטורם פון אַן אַנדער זייט האָט גע-געבען דער זאַך אַן אַנדער ווענדונג.

מיר ווייסען, וואָס פיר אַן אינטערעסע די גרויסע מאַסען פון נידערען אַדעל האָבען גענומען אין דער רעפאָרמאַציאָן. דיזע אַדעליגע האָבען זיך יעצט אויפגעהויבען און האָבען געפאָדערט רעליגיאָנס־פרייהייט. אין פעב-רואר 1566 האָבען זיך 20 אַדעלליוט פערזאַמעלט אין פּאַלאַץ פון הערצאָג פון איילענבאָרגה אין בריססעל אום צו הערען די פּרעדיגט פון קאַלוויניסט פראַנץ יוניוס. אונטער דעם איינדרוק פון דיזער פּרעדיגט האָבען די 20 אַדעלליוט געטאָן אַ נדר צו בעפרייען זיך פון דעם דריקענדען יאָך פון שפּאַ-ניען. אין אַ קורצער צייט איז דער בונד געוואָרען גרעסער און גרעסער. צו דיזען בונד זיינען אויך צוגעשטאַנען די בירגער. גראַף עגמאָנט האָט ניט געוואָלט צושטעהן צום בונד. אָראַניען'ס מיה איהם צו בעוועגען נעהמען אָנ-טייל אין בונד האָט ניט געהאָלפען. אָבער אַ מאַן מיט אַזאַ שוואַכען כאַראַק-טער, ווי עגמאָנט איז געוועזען, האָט פיר שפּאַניען ניט געהאַט קיין גרויסען ווערט.

אין אָנפאַנג אַפּריל זיינען צוזאַמענגעקומען אין דער רעזידענץ פון די ני-דערלאַנדען די אָרימע אַדעלליוט, אָדער ווי זיי האָבען דאַמאָלס געהייסען „די גראַפען פאָן האַבע־ניכטס", פון פערשיידענע ערטער, פון ווייט און נאָהענט, אונטער די פרייד־אויסגעשרייען פון פאָלק. דעם 5טען אַפּריל זיינען 300 פון זיי געקומען פאַר דעם שלאָס פון שטאַטהאַלטער יום־טוב'דיג געקליידעט. פון אונטער זייערע יום־טוב'דיגע קליידער האָבען זיך אַרויסגעזעהען זייערע אַלטע שמאַטעס. דער גראַף עגמאָנט האָט דאָן געזאָגט צו דער שטאַט-האַלטערין מאַרגאַרעטע: „דיזע זיינען ניט מעהר ווי אַ הויפען בעט-לער". אָבער דיזער לומפּיגער אַדעל איז געוועזען דער סיגנאַל פון אַ רעוואָ-לוציאָן. מאַרגאַרעטע האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען, אין געגענטייל, זי האָט נאָך מעהר געהעצט געגען די פּראָטעסטאַנטען. דאָס פאָלק האָט דעם אויפ-

שטאנד אָנגענומען מיט פרייד. דער קרעדיט פון די „בעטלער" האָט געשטי-
גען, און אין דעם איילענבאָרגהישען פּאַלאַץ האָט מען געמאַכט א יום־טוב,
און עס איז געווען ששון ושמחה ביי די באַראָנען. אין דער צייט פון דער
שמחה האָט מען זיי איבערגעגעבען, דאָס גראף עגמאָנט האָט זיי אָנגערופען
„לומפּען". דאָס האָט אין דער פערזאַמלונג אָנגעמאַכט א שטורם. די פער-
זאַמעלטע האָבען מיט פרייד אָנגענומען דיזען טיטעל און האָבען אויסגע-
שריען: „מיר נעהמען אָן דעם נאָמען! לאָ'מיר א נאָמען געבען אונזער בונד
„דער בונד פון לומפּען"!" מען האָט באַלד געבראַכט א טאָרבע (א בעטעל-
זאַק) און א שטעקען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען אַלס סימבאָלען פון
דיזען בונד. דער נאָמען „גייזען" (בעטלער) איז איבעראַל געוואָרען בע-
וואוסט, ווייל ער האָט ווירקליך זעהר געפּאַסט צו די פערשולדיגטע יונקערם.

מאַרגאַרעטע האָט געמוזט איינשטימען צו דער פאָדערונג פון ווילהעלם
פון אָראַניען, דאָס באַראָן מאָנטיני און גראף בערגען זאָלען געשיקט ווערען
נאָך מאַדריד צו ווירקען דאָרט אויף דעם קעניג, אַז ער זאָל צוריקרופען די
עדיקטען און צוריקגעבען דעם פאָלק רעליגיאָנס־פרייהייט (מאַי 1566). דער
קעניג האָט ניט איינגעשטימט מיט די פאָדערונגען פון די צוויי געזאַנדטע.
אָבער אין נידערלאַנדען האָבען די רעוואָלוציאָנערען ארויסגעלאָזען א פאַלשען
מאַניפעסט, דאָס דער קעניג פאָדערט יעצט, אַז קיינער זאָל מעהר ניט פער-
פאָלגט ווערען צוליב זיינע רעליגיעזע געזינונגען. עס איז באַלד פעררופען
געוואָרען א רעליגיעזע פערזאַמלונג, דער רעזולטאַט פון וועלכער עס איז גע-
ווען, דאָס „12 אַפּאָסטאָלען" פון דעם גייזענבונד (בעטלער־בונד) האָבען
דעם 28טען יולי דערלאַנגט צו דער רעגענטין מאַרגאַרעטע א דענקשריפט,
אין וועלכער דער רעדנער גראף לודוויג פון נאַססאו האָט מיט אַן ענטשיידע-
נעם טאָן געפאָדערט פון איהר פולע רעליגיאָנס־פרייהייט. דער קעניג האָט
נאָכגעגעבען אויף דער ווייל, מיט דער אַבזיכט, אַזוי באַלד, ווי עס וועט
ווערען רוהיג, צוריקצוציהען. די רעגענטין האָט בעקומען דאָס רעכט ארויס-
צוגעבען אַן אַמנעסטיע (בעגנאַדיגונג) פיר רעליגיאָנס־פערברעכען, און דאָס
פאָלק האָט ערהאַלטען דאָס רעכט צו האַלטען און צו הערען רעפאָרמאַציאָנס-
רעדעס אויף דעם פרייען פעלד אונגעשטערט.

אָבער מיט דיזע רעכטען האָט זיך דאָס פאָלק ניט בערוהיגט; אין גע-
גענטייל, עס איז נאָך געוואָרען מעהר אויפגערייצט. אין אויגוסט 1566 האָט
דאָס פאָלק אָנגעפאַנגען צו רויבען די קאַטאָלישע קירכען, פריהער אין פלאַנ-
דערן, נאָכדעם אין בראַבאַנט, אַנטווערפען און פיעלע אַנדערע פּראָווינצען.
דאָס פאָלק האָט איבערהויפּט געשטורמט געגען די בילדער אין די קירכען,

און דער אדעל האט אין זינען געהאט פיעל מעהר רעאלע זאכען — זיי האבען געזוכט דורך דעם קירכען־רויב צו בעצאהלען זייערע שולדען. די רעדעס פון איינעגע פראטעסטאנטען, וועלכע האבען געוואלט אפּהאלטען די רויבער פון קירכען־רויב, האבען געפיהרט צו גארניט. די בעוועגונג איז געוואקסען מעהר און מעהר, און די רעגענטין האט געמוזט שליסען מיט די גייזען (בעטלער) א נייעם פערטראג מיט פאלגענדע פונקטען: 1) אפּצושאפען די אינקוויזיציאן; 2) צו ערלויבען רעליגיעזע פערזאמלונגען פון די רעפארמאציאנס־מיטגלידער; 3) אן אלגעמיינע אמנעסטיע פיר רעליגיאנס־פערברעכען אויסער די בילדער־פערברעכער, וועלכע מוזען בעשטראפט ווערען. אבער זי האט אין דער זעלבער צייט מיטגעטיילט דעם קעניג, דאס זי דענקט ניט דיזען פערטראג ריכטיג צו ערפילען, נאר ביי דער ערסטער געלעגענהייט וועט זי דעם פערטראג ברעכען.

די בירגער און די אדעליגע זיינען געוועזען זעהר אונצופרידען פון דעם אויפרוהר פון די בילדער־שטורמער, און האבען זיך געגעבען אלע מיה דיזען אויפרוהר צו דערשטיקען און צו בעשטראפען די שולדיגע. אראניען און האארן האבען אין איינעגע פראווינצען דעם בונד דערשטיקט, אבער זיי האבען די קאלוויניסטען, וועלכע האבען זיך בערוהיגט, געגעבען איינעגע קירכען אויסצואיבען זייער רעליגיאנס־דינסט. עגמאנט אבער האט געוואלט צייגען דעם קעניג זיין בעזונדערע טרייהייט און איבערגעבענהייט צו איהם, און ער האט אין די פראווינצען, וואו ער האט געהערשט, געלאזען אויסשלאכטען אלע בילדער־שטורמער. ווילהעלם פון אראניען און האארן האבען איהם געוואלט אפּהאלטען פון דעם בלוט־באד, אבער עס האט זיי ניט געהאלפען. די רעגענטין האט בעפוילען צו בעלאגערן וואלענסיענן. די בעלאגערונג האט אנגעהאלטען פון אקטאבער 1566 ביז דעם 2טען אפּריל 1567, ניט אכטענדיג אויף דעם פערטראג.

די גייזען (בעטלער) האבען פּראטעסטירט געגען דיזער בעלאגערונג, אבער מען האט זייער פראטעסט מיט שטאלץ צוריקגעוויזען. יעצט האבען זיי זיך גענומען צו די וואפען. עס איז געקומען צו א בירגער־קריג. דער וואללאנישער אדעל איז געשטאנען אין גאנצען אויף דער זייט פון דער רעגירונג. דעם 12טען מערץ 1567 האט געדארפט פארקומען א שטרייט צווישען די רעבעלען און עגמאנט. אבער אראניען האט ניט דערלאזען צו א שטרייט. ער האט ניט געוואלט, אז די קרעפטען פון לאנד זאלען זיך אויסשעפּען אויף נוצלאזע זאכען, ער האט זיי בעדארפט פיר זיינע אייגענע צוועקען. דעם 5טען אפּריל האט זיך די שטאדט וואלענסיענן אונטערגעגעבען

און 36 וויכטיגע פערזאָנען זיינען הינגעריכטעט געוואָרען. נאָך דיזען זיינען פיעלע אַנדערע שטעדט געוואָרען בעזעצט מיט קעניגליכען מיליטער, אויסער אַנטווערפּען, וועלכע איז געבליבען אונבעזעצט מיט פיליפּ'ס סאָלדאַטען.

יעצט האָבען פיליפּ און מאַרגאַרעטע גערעכענט, אַז עס איז געקומען די צייט אַרונטערצונעהמען די מאַסקע. מען האָט פון אַלע בעאַמטע געפאָדערט אַ נייע שבועה, דאָס זיי וועלען דינען דעם קעניג טריי און איהם געהאָרזאַם זיין אין אַלעס, וואָס ער וועט פון זיי פאָדערן. אָראַניען האָט זיך ענטזאַגט צו געבען אַזאַ שבועה. גראַף האָארן האָט זיך ענטזאַגט פון זיינע עמטער און איז אַוועק אין זיין גוט צו לעבען איינזאַם. דאַגעגען האָט עגמאָנט מיט פיעלע אַנדערע פון גרויסען אַדעל, וואָס זיינען געשטאַנען אין דינסט ביי דער רעגירונג, געשוואָרען געהאָרזאַמקייט צו פיליפּ'ן. אָראַניען איז געווען געצוואונגען צו פערלאָזען נידערלאַנד און איז ענטלאָפען אין זיין פירסטענטום דיללענבורג, וואָס ער האָט געהאַט אין דייטשלאַנד (30טען אַפּריל 1567). 20 טעג שפּעטער איז דער גראַף פאַן בערגען הינגעריכטעט געוואָרען אין מאַדריד, וואוהין ער איז געקומען אַלס אַ געזאַנדטער. עס פערשטעהט זיך, דאָס זיינע גיטער זיינען געוואָרען קאָנפיסקירט; אויך די גיטער פון פיעלע אַנדערע זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען. דאָס איז אין שפּאַניען אימער געווען אַ מיטעל אום צו ווערען רייך אויף דער רעכנונג פון די, פון וועלכע די רעגירונג האָט געוואָלט פּטור ווערען. דעם 24טען מאַי 1567 האָט מען איבער־אַ־נייעס גערופען אין קראַפט די פריהערדיגע קעצער־עדיקטען, און אין אויגוסט 1567 איז דער הערצאָג פון אַלבאַ אָנגעקומען אין נידערלאַנדען מיט אַ מחנה פון 10,000 שפּאַניער. אין דיזען פינסטערן, אויסערליך רעליגיעז־בעגייסטערטען מאַן, אין דעם הערצאָג פון אַלבאַ, איז נאָר איין שטרעבען געווען מעכטיג, ער האָט נאָר געדינט צו איין גאָט, און דאָס איז געווען — געלט. דער רעזולטאַט פון זיין אָנקומען איז געווען, דאָס עגמאָנט'ס רייכטום איז קאָנפיסקירט געוואָרען, און ער זעלבסט צוזאַמען מיט גראַף האָארן זיינען אַרעסטירט געוואָרען (9טען סעפּטעמבער). מאַרגאַרעטע איז צוריקגערופען געוואָרען, און אַלבאַ איז געוואָרען רעגענט, און האָט רעגירט פון סעפּטעמבער 1567 ביז דעם 17טען נאָוועמבער 1573. ער האָט איינגעריכטעט „אַ ראַט איבער די אונרוהען", וועלכער האָט אין 9 מאָנאַטען הינגעריכטעט איבער 1,500 פערזאָן, וואָס זיינען געווען פערמישט אין דעם אויפרוהר.

אין יאָהר 1568 האָט ער פערקלאַגט עגמאָנט'ן און האָארן'ען אין הויף־פערראַט און דעם 4טען יוני האָט דאָס געריכט אַרויסגעגעבען איבער ביידען

דעם טויט-אורטייל, וועלכער איז אויסגעפיהרט געוואָרען דעם 5טען יוני אויף'ן מארק אין ברייסעל. די בריססעלער שיפער האָבען געשיקט א דעפּו-טאַציאָן צו צייגען די קערפּערס פון די צוויי אָפּפער די לעצטע עהרע. אַלבאַ'ן איז עס אפילו ניט געווען געפעלען, אָבער ער האָט עס ניט געקענט שטערען.

אָראַנישע טרופּען האָבען געפּרובּט מאַכען אַן אַנגריף אויף אַלבאַ'ס טרופּען, אָבער דער אַנגריף איז דורכגעפאַלען. די פאָלגען פון דיזען זיג זיינען געווען, דאָס אַלבאַ האָט געלאָזט היגריכטען אין 3 טאג 30 אדעלליים, און דערצו האָט ער געלאָזט צושטערען דעם איילענבאָרגהישען פּאַלאַץ. אכט פון דיזע 30 אדעלליים זיינען געווען קאַטאָליקען.

אָבער שוין דעם 20טען מערץ 1569 האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען סימנים פון אַן ענדערונג. אַלבאַ האָט געוואָלט איינפיהרען דריי נייע שטייערן: 1) א שטייער פון 1 פּראָצענט; 2) א שטייער פון 5 פּראָצענט ביים פערקויף פון אונבעוועגליכע גיטער (קרקעות); 3) א שטייער פון 10 פּראָצענט פון בעוועגליכע זאַכען (מטלטלין). געגען דיזען פּלאַן האָבען פּראָטעסטירט זאָגאר די איבערגעגעבענע צו דער רעגירונג, ווייל דיזע שטיי-ערן וואָלטען רואינירט דעם האנדעל פון די נידערלאַנדען. איבערהויפּט זיינען ארויס מיט א שטאַרקען פּראָטעסט געגען דעם די בירגער. צום אונגליק פיר אַלבאַ זיינען נאָך צוגעקומען זינט דעם יאָהר 1571 זעערויב-צוגען פון די גייזען (בעטלער), וועלכע האָבען געמאַכט אַלע ברעגען אונזיכער. דעם 1טען אַפּריל 1572 האָבען די זעע-רויבער איינגענומען דעם האַפען פון בריעל. אין מאַי און יוני האָבען אָראַניען'ס טרופּען בעזעצט כמעט גאַנץ האָללאַנד. דער שטערן פון שפּאַניען האָט אָנגעפאַנגען ווערען פינסטערער. דעם 18טען דע-צעמבער 1573 האָט אַלבאַ געמוזט פערלאָזען די נידערלאַנדען, און זיין שטע-לע האָט פערנומען דאָן לואיס דע רעקוועסענץ. ער איז אַפילו געווען גענייגט צו פרידען, אָבער ער האָט ניט געוואוסט ווי עס פעסטצושטעלען. אין יאָהר 1574 האָבען 62,000 סאָלדאַטען געפאָדערט פון איהם, אז ער זאָל זיי בע-צאָהלען זייער געהאַלט. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין קוועלע, פון וואַנען ער זאָל קענען שאַפען אזא גרויסע סומע געלט, ווי עס האָט זיי געקומט.

ער האָט געשריבען צום קעניג: „איידער איך בין אָנגעקומען אין די ני-דערלאַנדען האָב איך ניט געקענט בעגרייפען, ווי אזוי האָבען די רעבעלען גע-קענט אויפהאַלטען אזעלכע גרויסע פלאָטען, ווען אייער מאַיעסטעט איז ניט געווען אין שטאַנד צוזאַמענצובריינגען איין איינציגע פלאָטע. איך זעה יעצט, דאָס לייט, וועלכע שטרייטען פיר זייער אייגענע זאַך, פיר זייער לע-בען, פיר זייער פאַמיליע, פיר זייער אייגענטום, פיר זייער רעליגיאָן, מעג זי

זיין פאלש, זיינען צופרידען, ווען זיי האבען נאר עטוואס צו עסען, און פער-לאנגען ניט מעהר קיין בעלוינונג". און דאס איז ווירקליך די אורזאך, וואָ-רום די נידערלענדער האבען געוואונען דעם קאמף. אין אפריל 1574 האט די גאנצע ארמעע רעוואלטירט, זיי האבען גערויבט און געברענט שטעדט. אנטווערפען האט געמוזט צאהלען 400,000 קראָנען. דער נייער שטאטהאל-טער רעקוועסענץ האט אפגעשאפט דעם „ראט פון די אונרוהען", האט פער-עפענטליכט דעם 6טען יוני אן אלגעמיינע אמנעסטיע (בעגנאדיגונג) פיר אלע קאטאליקען, וואס האבען אנגענומען דעם פראטעסטאנטישען גלויבען.

די שטאדט ליידען איז שוין געווען אין די הענט פון די אראניער. די שפאניער האבען זיי בעלאגערט 4 מאנאטען, אבער זיי האבען גאר ניט אויס-געפיהרט. די איינוואוינער האבען זיך מוטיג פערטיידיגט. עס איז שוין אין שטאדט ניט געווען קיין ברויט, מען האט שוין אויפגעגעסען זאגאר קעץ און הינט. אבער צום גליק האבען די גייזען דורכגעגראבען א טונעל און הא-בען געבראכט אויף די בעלאגערער א פערפלייצונג פון ים און די שטאדט איז גערעטעט געווארען, און מיט איהר אויך אלע נארדליכע פראווינצען

דעם 12טען נאוועמבער האבען זיך ארויסגעוויזען די פאלגען פון דיזען זיג. די פערזאמלונג פון אלע גענעראל-שטאאטען אין דעלפט האט איינ-שטימיג ערוועהלט ווילהעלם'ען פון אראניען אלס זייער שטאטהאלטער. רעקוועסענץ האט אנגעפאנגען פערהאנדלען וועגען פרידען. אבער וויל ביי-דע פארטייען האבען ניט געוואוסט זייער ווירקליכע קראפט, דארום האבען זיך די פערהאנדלונגען וועגען פרידען געענדיגט מיט גארניט. אין יוני 1575 איז ווילהעלם אריבער צום קאלוויניזם. ער האט זיך גע'גט מיט זיין פרוי, וואס האט געהערט צו דער לוטהעראנישער קירכע, און האט געהייראט די געוועזענע נאנע שארלאטטע פון בורבאן. אין אקטאבער פון זעלבען יאהר האבען זיך די פראווינצען האללאנד און זעעלאנד פארמאלנע אפגעזאגט פון קעניג פיליפ, און האבען עס איהם געלאזט וויסען אפען.

דעם 5טען מערץ 1576 איז רעקוועסענץ געשטארבען. באלד נאך זיין טויט האבען זיך צובונטעוועט די שפאנישע סאלדאטען, וועלכע זיינען גע-שטאנען צווישען האללאנד און זעעלאנד. דער בונט האט זיך פון דאנען פער-שפרייט אויך אין אלע אנדערע ערטער. די סאלדאטען האבען איבעראל גע-רויבט און געברענט; זייערע פאדערונגען זיינען געווען: „געלט אדער א שטאדט". זיי האבען איינגענומען פיעלע שטעדט און אין אנטווערפען האבען זיי ערמארדעט 8,000 מענשען.

די שפּאַניער האָבען יעצט אָנגעפאַנגען ערנסט בעטען פרידען. אָראַניען האָט פערברייטערט זיינע עראָבערונגען אויך נאָך די זידליכע שטאַאַטען. אין נאָוועמבער 1576 איז עס געקומען צו דעם „גענטער פרידען”. אויף דעם גרונד פון דיזען פרידען האָבען זיך פעראייניגט די נאָרדליכע שטאַאַטען מיט די זידליכע און די קאַטאָלישע רעליגיאָן איז געוואָרען די הערשענדע. ווילהעלם איז ניט געווען געגען דעם, אָבער זיין פּאַרטיי האָט פון טאָלעראַנץ ניט געוואָלט וויסען און דער נייער שטאַטהאַלטער דאָן חואַן ד׳אַוסטריאַ האָט פאָרגענומען אַ רעוויזיאָן פון דעם „גענטער פרידען”, וועלכע האָט אַריינגעבראַכט דעם רעליגיעזען צוואַנג דורך אַ הינטער־טיר. דאָן חואַן׳ס סוף איז געווען אַ טרויעריגער, ער איז געשטאָרבען דעם 1טען אָקטאָבער 1578 אין דעם אַלטער פון 33 יאָהר. זיין אָרט האָט פערנומען אַלכּסנדר וואַרנעסע פון פּאַרמאַ, אַ בעריהמטער קריגס־קאָמאַנדיר. דעם 23טען יאַנואַר 1579 האָבען זיך די נאָרד־שטאַאַטען פעסטער צוזאַמענגעשלאָסען דורך די „אוטרעכטער יוניאָן”, אויך אַמסטערדאַם איז דאַן שוין געווען אָראַניש.

אין יולי 1581 האָבען זיך אַלע נאָרד־שטאַאַטען, ווי אויך פלאַנדערן, אָפּגעזאָגט פון פיליפּ׳ן. אין זייער ערקלערונג האָבען זיי געשריבען: „אַ פאָלק איז ניט פיר דעם פירסט, נאָר דער פירסט איז פיר דאָס פאָלק, ווייל אָהן אַ פאָלק איז ניטאָ קיין פירסט. זיין פליכט איז צו רעגירען דאָס פאָלק מיט רעכט און ליבען עס, ווי אַ פאָטער ליבט זיינע קינדער. בעהאַנדעלט ער אָבער דאָס פאָלק ניט אַזוי, הערט ער אויף צו זיין אַ פירסט און האָט דעם נאָמען טיראַן. דאַן האָבען די אונטערטאַנען דאָס רעכט, נאָך דעם געזעצליכען בעשלוס פון זייערע פערטרעטער, דיזען פירסט אַראָפּצוואַרפען. דער קעניג פון שפּאַניען האָט געשוואָרען ניט אָנצוריהרען די פּריווילעגיעס פון פאָלק, ער האָט אָבער זיין שבועה געבראָכען, ערקלערט דעריבער דאָס פאָלק, אַז דער קעניג האָט מעהר ניט קיין רעכט איבער איהם”. דערמיט האָבען די נידערלענדער געלעגט דעם גרונדשטיין פיר אַ פּאַרלאַמענטאַרישער פערפאַסונג. דעם 10טען יולי 1584 איז ווילהעלם ערמאָרדעט געוואָרען פון אַ געוויסען געראַרד. אָבער דיזעס האָט ניט געשטערט די נידערלענדער צו ערווערבען פולע פּאָליטישע זעלבשטענדיגקייט.

די געשיכטע פון שפאניען.

דורך די הייראט פון פערדינאנד דעם קאטאליק מיט איזאבעללא פון קאסטיליען איז די פירענאאישע האלב=אינזעל פעראייניגט געווארען אין איין רייך. דיזע פעראייניגונג האט געהאט א זעהר גוטע ווירקונג אויף דעם עקאנאמישען צושטאנד פון שפאניען. דיזער פאקט האט פיעל גע-האלפען, דאס שפאניען זאל ווירקליך ווערען דאס, צו וואס די נאטור האט זי בעשטימט. אין דער וועלט זיינען דא ווייניג לענדער, וועלכע זאלען זיין פון דער נאטור בעשאנקען מיט אזעלכע אייגענשאפטען, וואס זיינען אין שטאנד צו ענטוויקלען א גרויסארטיגע אינדוסטריע און האנדעל, און מיט די נעטיגע הילפס=קוועלען פיר א גוטען עקאנאמישען שטאנד. דער באדען אין שפאניען איז אונגעוועהנליך פרוכטבאר. דער קלימאט איז זעהר פערשיידען און גיט די מעגליכקייט ארויסצובריינגען די פראדוקטען פון די מעסיגע לענדער, ווי אויך פון די טראפּישע לענדער. די בערג זיינען זעהר רייך מיט פערשיידענע מעטאלען. זעהר פיעל גוטע וואל און זייד האט זיך געפונען אין לאנד. דער האנדעל אין לאנד צווישען די שטעדט איז געווען גוט ענטוויקעלט צוליב די גרויסע טייכען, וואס פליסען אין לאנד. די נאטירליכע גוטע האפענס, וועלכע געפינען זיך אין שפאניען אזוי פיעל, האבען איהר געגעבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען א גרויסען און ברייטען וועלט=האנדעל.

די נייע הערשער, פערדינאנד און איזאבעללא, האבען פיעלעס געטאן צו ענטוויקלען די מאטעריעלע אינטערעסען פון לאנד. צוזאמען מיט דעם האבען זיי זיך געגעבען אלע מיה צו צושטערען די מאכט פון דעם אדעל, וועלכע איז געווען זעהר שטארק ביז זיי האבען זיך פעראייניגט, און האבען געזוכט צו פערשטארקען די מאכט פון דער מאנארכיע. זיי האבען גערעגעלט די מינצען, האבען געבויט בריקען און שאסעען, האפענס און לייכט=טורמס. זיי האבען אפגעשאפט אלע שטייערן און אפגאבען פון דעם אינערליכען האנדעל, און האבען צושטערט יעדע דריקענדע מאנאפאל. די קעניגליכע איינ-נאהמע אין דער צייט פון 1477 ביז 1482 איז געווארען זעקס=פאך פערגרעסערט.

אָבער פערדינאַנד האָט געמאַכט דעם פאָלק אַ טיפע וואונד דורך די אַיינפיהרונג פון דער אינקוויזיציאָן און די פערטרייבונג פון די אידען פון שפאַניען. נאָך דעם, ווי גראַנאַדאַ איז געפאַלען און איז איבערגעגאַנגען צו פערדינאַנד און איזאַבעללאַ, האָבען די גייסטליכע מיט דעם קאַרדינאַל קסימענעס אָ, דער שפּיץ בעשלאָסען אַרויסצוטרייבען אַלע פעלקער, וואָס גלויבען ניט אין קריסטענטום, און זיי האָבען אויך דורכגעפיהרט, אַז מען זאָל ווידער אַיינפיהרען אַ קעצער־געריכט. פערדינאַנד האָט דערביי געהאַט אין אויסזיכט איבערהויפּט צו מאַכען אונטערטעניג דעם אַדעל און דאָס פאָלק און צו בערייכערן זיך אויף דער רעכנונג פון די אונגליקליכע אָפּפער, וואָס זיינען אַריינגעפאַלען אין די נעגעל פון דער אינקוויזיציאָן, ווייל ער פלעגט

פערדינאַנד און איזאַבעללאַ.

קאָנפיסקירען זייערע רייכטימער און זיי צונעהמען פיר זיך. אין יאָהר 1481 איז דאָס קעצער־געריכט, די אינקוויזיציאָן, געווען אַיינגעפיהרט אין סעווילאַ, און צוויי יאָהר שפּעטער האָט עס דער פּאַפּסט בעשטעטיגט. דער ערסטער גענעראַל־אינקוויזיטאָר איז געווען דער בעוואוסטער טאָרקוועמאַדאַ, דער פאַנאַטישער בייכט־פאָטער (גייסטיגער ראַטגעבער) פון איזאַבעללאַ׳ן. דער דאָמיניקאַנער־מאָנאַסטיר אין סעווילאַ איז באַלד געוואָרען געפּאַקט מיט אַרעסטאַנטען, אַזוי דאָס עס איז שוין דאָרט מעהר ניט געווען קיין אָרט פיר אַנדערע אַרעסטאַנטען. דער קעניג האָט צו דיזען צוועק אי-

בערגעגעבען איינעם פון זיינע שלעסער. דער געריכטס־הויף אין טאָלעדאָ האָט ענטשיידען אין איין יאָהר 3,000 פּראָצעסען. ווען טאָרקוועמאַדאַ האָט פערלאָזען זיין שטעלע אַלס אויבער־אינקוויזיטאָר אין יאָהר 1498, האָט ער געהאַט 10,000 מענשען פערברענט לעבעדיגערהייד. 7,000 האָט ער פערורטיילט צום טויט אויסער די צעהן טויזענד, אָבער זיי איז געלונגען צו ענטלויפען, אזוי דאָס ער האָט נאָר געקענט פערברענען זייערע בילדער; 100,000 מענשען האָט ער בעשטראָפט מיט גרויסע פּייניגונגען. נאָך טאָרקוועמאַדאַ'ן האָבען די שפּאַנישע תליונים פאָרטגעזעצט זייער טייפלישע אַרבייט איינינגע הונדערט יאָהר. לויט די אַקטען, וואָס זיינען ניט לאַנג פערעפענטליכט געוואָרען פון די ארכיוועןאין מאַדריד, זיינען פון דער אינקוויזיציאָן 31,912 מענשען פערברענט געוואָרען און 291,456 זיינען צושטאָרבען אין די געפענגניסן, פעריאָגט געוואָרען פון לאַנד מיט זייערע פאַמיליעס און בערויבט געוואָרען פון זייער אייגענטום, אָדער זיינען פערקריפּעלט געוואָרען פון די יסורים, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן בעת די פּראָצעסען, אָדער זיינען פערשיקט געוואָרען אויף שווערע ארבייט אויף די גאַלעערען (קאַטאָרגע־שיפען).

נאָך דעם פאַל פון גראַנאַדאַ איז באַלד ערשינען דער באַרבאַרישער עדיקט, וועלכער האָט געגעבען די אידען די ברירה: אָדער זיך טויפען, אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד. די מעהרצאָהל האָט בעשלאָסען בעסער אויסוואַנדערן. 180,000 אידען האָבען פערלאָזען דאָס לאַנד, און דאָס איז געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פיר דעם עקאָנאָמישען וואוילשטאַנד פון שפּאַניען. די אידען אין יענער צייט זיינען געווען פיעל מעהר געבילדעט פון די קריסטען אין וויסענשאַפטען און אין האַנדעל, ווי אויך אין אינדוסטריע. מיט זייער אויסוואַנדערן האָט שפּאַניען פערלאָרען דעם בעסטען און ניטצליכסטען עלעמענט פון לאַנד.

די מעהרסטע קינדער, וואָס איזאַבעללאַ האָט געהאַט פון פערדינאַנד'ן, זיינען צושטאָרבען קליינערהייד. אויך דער איינציגער יורש איז געשטאָרבען פריהער פון דער מוטער. איזאַבעללאַ איז געשטאָרבען דעם 26טען נאָוועמבער 1504. איהר הערשאַפט איז איבערגעגאַנגען צו איהר טאָכטער און צו איהר טאָכטער'ס מאַן פיליפּ פון בורגונד. דיזער איז געשטאָרבען פון אַ פיבער אין אַלטער פון 27 יאָהר. די קעניגין יאָהאַננאַ איז פון עגמת נפש געוואָרען משוגע. זי איז שוין פריהער געווען קראַנק, וויל זי איז געווען צו פיעל ליידענשאַפטליך צו איהר מאַן, און דאָס האָט איהם אָפּגעשטויסען פון איהר. באַלד נאָך דער חתונה האָט ער פערלאָזען אין גרוים איילענים איהר

צימער, און זאָגאַר קאַסטיליען. די רעגירונג פון קאַסטיליען איז איבערגע-געבען געוואָרען צו יאָהאַננאַ'ס פאָטער, צו פערדינאַנד'ן. די משוגע'נע בלי-קען פון יאָהאַננאַ'ן האָבען געמאַכט אַ טיפען וועהמוטיגען איינדרוק אויף פערדינאַנד'ן, ווען ער איז געקומען איבערנעהמען די רעגענטשאַפט. די אונ-גליקליכע האָט נאָך געלעבט 47 יאָהר.

דעם 6טען אָקטאָבער 1510 איז אין מאַדריד געווען אַ פערזאַמלונג פון די גרעסטע אַדעללייט פון שפּאַניען, און זיי האָבען בעשלאָסען, דאָס פער-דינאַנד זאָל הערשען איבער קאַסטיליען אין נאָמען פון זיין עניקעל, דעם זוהן פון זיין משוגע'נער טאָכטער, ביז יענער וועט ווערען פול-יעהריג, ער זאָל קענען אַליין הערשען. דערמיט זיינעןביידע קעניגרייכען אויף דער פּירע-נאָאישער האַלב-אינזעל פעראייניגט געוואָרען אין איין גרויסע וועלט-מאַכט. אום די פעראייניגונג צו מאַכען נאָך שטאַרקער און זיכערער, האָט ער אויך אָפּגענומען פון זשאַן ד'אַלברעט דעם זיד-פּירענאָאישען טייל, דאָס קעניגרייך נאַוואַררא. ער האָט געוואוסט צו בענוצען זיך מיט די פערדרעהעניסען אין פראַנקרייך, וועלכע די הייליגע ליגא האָט דאַמאָלס אַרויסגערופען. נאָך די-זען וויכטיגען אַקט איז פערדינאַנד געשטאָרבען אויף זיין רייזע נאָך אַנדאַ-לוזיען. נאָך דעם טויט פון זיין ערסטער פרוי האָט פערדינאַנד גענומען אַ צווייטע פרוי, די יונגע טאָכטער פון לודוויג דעם 12טען'ס שוועסטער. דאָס מיידעל איז דאַמאָלס געווען אַלט 18 יאָהר און איז געווען אַ זעלטענע שענ-הייט, און פערדינאַנד איז שוין דאַמאָלס געווען אַלט 60 יאָהר. ער האָט צו-פּיעל געוואָלט בעווייזען צו איהר זיין ליבע און צערטליכקייט, און דאָס האָט איהם געפיהרט אין קבר. ער איז געשטאָרבען אויף זיין רייזע נאָך אַנדאַ-לוזיען אין יאָהר 1516.

פערדינאַנד איז געווען אַ זעהר קלוגער שטאַאַטסמאַן. פּיעלע האָבען בעוואונדערט זיינע פעהיגקייטען אין פּאָליטיק. ער האָט געוואוסט די קונסט צו זאָגען ליגען און צו בעטריגען מיט ווירדע און אָנשטענדיגקייט. ער האָט זיך זאָגאַר אַליין בעריהמט מיט דיזער פעהיגקייט. לודוויג דער 12טער האָט איין מאָל ניט געוואָלט געבען אַן אוידיענץ צו פערדינאַנד'ס סעקרעטער, ווייל פערדינאַנד האָט איהם שוין צוויי מאָל אָפּגענאַרט. ווען פערדינאַנד האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט האָט ער איראָניש אויסגעשריען: „דער שכור (לודוויג) ווייס ניט וואָס ער רעדט, איך האָב איהם מעהר פון 10 מאָל אָפּגענאַרט". אין וויכטיגע פערהאַנדלונגען מיט אַנדערע מענטשען האָט ער געברויכט גייסטליכע. דער פּאָטער יאָהאַן פון מאַולעאָן איז געווען זיין געזאַנדטער ביי קאַרל דעם 8טען, דער אַבבע פון בואַל ביים

קייזער מאַקסימיליאַן. זיין ערסטער שטאַאַטס־בעאַמטער איז געוועזן דער קאַרדינאַל קסימענעס. דיזען אָבער האָט ער ניט זעהר פיעל געטרויט, ווייל ער איז געוועזן פיעל ביטרער פון איהם (פערדינאַנד'ן). קורץ, די בישאָפּס־מיצען האָבען אין זיין הויף געשפּילט מעהר ראָלע פון די פעדער־היט פון זיינע גרויסע אַדעלליים. און דאָס איז די אורזאַך, וואָרום ער איז געוועזן אַזוי געניינט איינצופיהרען אין זיין לאַנד די פערפלוכטע אינקוויזיציאָן.

נאָך פערדינאַנד'ס טויט האָט קסימענעס איבערגענומען די רעגירונג אין זיינע הענט, בשעת קאַרל איז נאָך געווען אין די נידערלאַנדען. קסימענעס האָט גוט געאַרבייט פיר קאַרל'ען, אַזוי דאָס די קאַסטיליאַנער האָבען איינ-געשטימט צו ערוועהלען איהם אַלס קעניג פון קאַסטיליען, הגם זיין משוגע'נע מוטער האָט נאָך געלעבט. אָבער אַנשטאָט צו זיין דאַנקבאַר צו איהם האָט קאַרל געלאָזט זיך איבעררעדען פון זיינע ראַטגעבער אין די נידערלאַנדען צו שיקען נאָך שפּאַניען זיין ערציהער אַדריאַן, דעם בישאָף פון אוטרעכט, אום ער זאָל איבערנעהמען די שטאַאַטס־פערוואַלטונג פון די הענט פון קסימענעס. עס איז אויך קיין וואונדער ניט, וואָס די גרויסע לייט פון שפּאַניען האָבען אַזוי שטאַרק אינטריגירט געגען קסימענעס'ן, ווייל ער האָט מיט זיין אייזערנער האַנט געבראָכען די מאַכט פון דער שפּאַנישער אַריסטאָקראַטיע. ער האָט עס געמאַכט אַזוי קלוג, אַזוי פאָרזיכטיג, דאָס ער האָט עס דורכגעפיהרט לייכט, אָהן געוואַלד, אָהן בלוט־פערגיסונג, ניט ווי רישעליע פלעגט זאָגען בעת ער פלעגט אונטערשרייבען אַ טויט־אורטייל: „מיין לאַנגער פּורפּורנער קאַר-דינאַל־מאַנטעל וועט אַלעס פערדעקען".

די שטאַאַטס־קלוגהייט פון קאַרדינאַל קסימענעס איז ווירקליך געוועזן מייסטערהאַפט, זיין בליק איז געוועזן דורכדרינגענד, זיין פעסטקייט האָט קיינער ניט געקענט ברעכען. אין די וויכטיגסטע שטרייטיגקייטען מיט די גרויסע לייט פון שפּאַניען האָט ער זייער עהרע קיינמאָל ניט אָנגעגריפען, קלייניגקייטען פלעגט ער זעהר גוטמוטיג נאָכגעבען. ער איז געוועזן אונגע-הייער רייך, פון דעסטוועגען האָט ער געפיהרט אַ זעהר מעסיגעס לעבען, ווי אַן עכטער מאָנאָך. ער האָט שטאַרק געליבט און געשעטיצט וויסענשאַפט און קונסט. ער האָט געגרינדעט די אוניווערזיטעט אַ ל ק אַ ל אַ ד ע ה ע נ אַ-ר ע ס, און דאָס איז געוועזן דער גרעסטער שטאָלץ אין זיין לעבען. ער האָט אַרויסגעגעבען די ביבעל, וועלכע איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען די ק אָ מ פּ ל ו ט אָ נ י ש ע פּ אָ ל י ג ל אָ ט ט ע (ד. ה. די ביבעל אין מעהרערע שפּראַכען, געדרוקט אין קאָמפּלוטום, וועלכעס איז דער לאַטייני-

שער נאמען פון דער שטאדט אלקאלא). דיזע אויסגאבע פון דער ביבעל האט איהם געקאסט מעהר פון 50,000 דוקאטען.

קארל פון לוקסעמבורג, וועלכער איז בעקאנט אין דער געשיכטע אלס קארל דער 5טער, איז געבארען און ערצויגען געווארען אין פלאנדערן. זינט טויזענד יאהר איז ער דער איינציגער קעניג פון שפאניען, וועלכער איז גע-בארען געווארען אויסער שפאניען. די קאסטיליאנער האבען מיט אונגעדולד ערווארטעט זיין אנקומען פון פלאנדערן צו רעגירען איבער זיי. ענדליך איז ער אנגעקומען מיט א סוויטע פון נידערלענדער דעם 19טען סעפטעמבער 1517. ער איז אבער ניט לאנג פערבליבען אין קאסטיליען. דאמאלס איז זיין זיידע, דער דייטשער קייזער מאקסימיליאן, געשטארבען, און ער איז גערופען געווארען נאך דייטשלאנד צו בעשטייגען דעם קייזערליכען טראן, ווייל ער איז געווען דער געזעצליכער טראן־פאלגער.

איידער קארל האט פערלאזען קאסטיליען האט ער פערזאמעלט די קאר-טעס, די גרויסע אדעללייט און הויף־בעאמטע, אום אין זייער אנוועזענהייט איבערצוגעבען די שטאטהאלטערשאפט צום קארדינאל אדריאן און צו בע-קומען פון זיי געלט, וועלכעס איז איהם געווען נעטיג פיר זיין רייזע נאך דייטשלאנד. ביידע זאכען האבען די שפאניער בעגעגענט מיט אונצופרידענ-הייט. די שפאניער זיינען געווען זעהר ערביטערט, וואס די בעסטע עמטער אין לאנד האט ער איבערגעגעבען צו נידערלענדער, וועלכע האבען זיי זעהר געדריקט און האבען זיי אויסגעזויגען ווי פיעל זיי האבען געקענט. די קאר-טעס האבען איהם דעריבער געגעבען א זעהר קליינע סומע געלט. דער זעל-בער רעזולטאט איז געווען פון די פערזאמלונגען פון די קארטעס פון אנדערע לענדער פון זיין הערשאפט: פון אראגאניען, קאטאלאניען — אלע האבען איהם געגעבען זעהר קליינע סומעס געלט. עס איז געווען קלאר צו זעהן, דאס די שפאניער זיינען געווען זעהר ניט צופרידען צו געבען זייער געלט ארויסצופיהרען אין א פרעמדעס לאנד. אויך די גייסטליכע זיינען געווען אונצופרידען מיט קארל דעם 5טען, ווייל ער האט איבערגעגעבען דאס רייכע ערץ־בישאפטום פון טאלעדא צו א מאן, וואס האט ניט געהאט קיין פער-דינסטען, נאר ווייל ער איז געווען דער פלעמעניק פון זיין ערציהער.

די קארטעס פון די גרויסע שטעדט, ווי טאלעדא, סאלאמאנקא, סעווילליא, קארדאווא, צאמארא און אנדערע, וועלכע קארל האט צוזאמענגערופען אין סט. יאגא, האבען זיך אין גאנצען ענטזאגט פון צו געבען דעם קעניג וועלכע עס איז סובסידיע (שטיצע). קארל איז געווען קלוג גענוג ניט צו בעשטראפען פיר דיזע אפפאזיציאן די קארטעס, און האט נאר דעם פרעזידענט פון טא-

לעוֹאָ פערטריבען פון לאַנד, ווייל דיזער איז ווירקליך געוועזן דער הויפּט פון זיינע געגנער. טאָלעדאָ אָבער האָט פערטיידיגט איהר בירגער־מייסטער, און האָט זיך גענומען צו די וואַפען. די טאָלעדאָער האָבען פעריאָגט אַלע קעניגליכע בעאַמטע, און 20,000 קאָמונעראָס האָבען בעזעצט דעם שלאָס אַלקאַזאַר, ווי אויך די טויערן פון שטאָדט. ביי די קאָרטעס פון קאָרוננאַ איז קאָרל גע-וועזן גליקליכער. זיי האָבען איהם פערשפּראָכען אַ היבשע סומע געלט צו בעצאָהלען אין 3 יאָהר.

הגם דאָס לאַנד איז אין אַלגעמיין געווען מיט קאַרל'ען אונצופרידען, איז ער דאָך זאָרגלאָז אוועק נאָך דייטשלאַנד, און האָט געלאָזען אַלס שטאַטס-פערוואַלטער דעם קאַרדינאַל אַדריאַן. דאָס האָט געגעבען נייע אורזאַכען צום אויפשטאַנד. פיעלע קעניגליכע בעאַמטע זיינען געהאַנגען געוואָרען. די טאָלעדאָער האָבען זיך לייכט בעמעכטיגט איבער פּאַדיללאַ און האָבען געפאַנגען די משוגע'נע קעניגין, אום צו געבען זייער אויפשטאַנד אַן אָנזעהן פון יושר. דער קאַרדינאַל אַדריאַן איז ענטלאָפען פערשטעלטערהייט און האָט ארויסגערופען קאַרל'ען, ער זאָל באַלד קומען נאָך שפּאַניען. אויך די שטעדטישע געמיינדעס האָבען געשריבען צום קעניג קאַרל און איהם געבע-טען, דאָס ער זאָל צוריקקומען אין שפּאַניען. זיי האָבען פערלאַנגט, אַז ער זאָל צוריק אויפשטעלען די אַלטע קאָרטעס, דאָס די צאָהל פון דעפּוטירטע פון די בירגער זאָל זיין ניט ווייניגער פון די אַדעליגע און פון די גייסטליכע, דאָס די אַדעליגע זאָלען ניט האָבען קיין בעזונדערע פּריווילעגיעס, דאָס די שטייערן זאָלען זיין גלייך פיר די בירגער און דעם אַדעל, דאָס די גייסטליכע זאָלען מעהר ניט האָבען צו טאָן ווי נאָר מיט דער קירכע. זיי האָבען אויך געפאָדערט פון קעניג צו פערקלענערן די אָפּגאַבען פיר די אונטערהאַלטונג פון דעם קעניגליכען הויף, און דאָס ער זאָל אָפּשאַפען אַלע פרעמדע בעאַמטע און אָנשטעלען אָנשטאָט זיי שפּאַניער.

דיזע פאָדערונגען האָבען דערשראָקען זאָגאַר דעם אַדעל און די גייסט-ליכע. די מעהרסטע האָבען פערלאָזען די פּאַרטיי פון די בירגער, וועלכע זיי האָבען אַליין אויפגערייצט געגען דער רעגירונג. קאַרל האָט זעהר העפליך געענטפערט אויף דיזע פאָדערונגען און האָט פערשפּראָכען גיך צוריקקומען. אָבער און גרונט האָט ער נאָר געוואָלט געווינען צייט. אין דער זעלבער צייט האָט ער געזוכט צו געווינען דעם אַדעל אויף זיין זייט, און צו דיזען צוועק האָט ער צוגעגעבען צום שטאַטהאַלטער נאָך דריי אַדעלליייט, זיי זאָלען צוזאַ-מען מיט איהם פיהרען די רעגירונג. דערמיט האָט ער דעם אַדעל צוגעצויגען צו זיך.

יעצט האט זיך דער ארעל זעלבסט גענומען צו די וואפען אום צו שטריי-טען מיט די בירגער. עס איז פארגעקומען א שלאכט ביי ווילאלאר, און דעם זיג האבען געהאט די ארעלליים. די בירגער האבען געהאט א שרעקליכע נידערלאגע. דער הויפט־פיהרער פון די בירגער, פאדילא, איז הינגעריכטעט געווארען אויף דעם עשאפאט. ווען די זיגער זיינען אריין אין שטאדט, האט זי אויסגעוויזען ווי א וויסטע. קיינער האט זיך ניט בעוויזען אויף'ן גאס. אזוי איז עס פארגעקומען מיט פיעלע שטעדט. נאר טאלעדא האט זיך גע-שטעלט נעגען די קעניגליכע טרופען און האט זיי געצוואונגען פערלאזען די שטאדט נאך דעם, ווי זיי האבען זיך אריינגעריסען דורך די טויערן. דאס קעניגליכע מיליטער האט בעשלאסען צו מאכען א בעלאגערונג, וועלכע האט זיך פיר זיי געענדיגט מיט א זיג, ווייל די בירגער אין שטאדט האבען ניט געהאט גענוג פראוויזיאן אום די בעלאגערונג אויסצוהאלטען און זיינען גע-וועזען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען. אבער די גייסטליכע האבען ביי די זיגער אויסגעווירקט א פולע אמנעסטיע (בעגנאדיגונג) פיר די בעזיגטע.

ווען קארל איז צוריקגעקומען אין שפאניען אין יאהר 1520, איז דער אויפשטאנד פון די בירגער שוין געווען כמעט אין גאנצען איינגעשטילט, און דורך זיין קלוגע און מילדע פאליטיק האט ער פערשטיקט דעם לעצטען פונק. מען דערצעהלט, דאס איין בעאמטער איז צו איהם געקומען מיט א מסירה, דאס א מאן, וועלכער איז פעראורטיילט געווארען צו ווערען ארויסגעשיקט פון לאנד מיט דער קאנפיסקירונג פון זיין אייגענטום, בעהאלט זיך ערגעץ וואו אין לאנד. קארל איז געווארען שטארק בייז אויף דעם מסור, און האט איהם געזאגט: איהר וואלט געטאן פיעל בעסער, ווען איהר וואלט דעם אונ-גליקליכען געראטען, אז ער זאל ענטלויפען מיט זיין אייגענטום, איידער מיר געבען צו וויסען, וואו ער געפינט זיך, אום ער זאל פערלירען זיין לעצטען פערמעגען און בלייבען אויף זיין גאנצען לעבען א בעטלער!"

דורך דעם אויפשטאנד פון די בירגער האבען די קארטעס פערלארען די לעצטע מאכט, וואס זיי האבען נאך געהאט. אויף אלע זייערע ביטשריפטען צו פערגרעסערן און פערברייטערן זייערע רעכטען, האט קארל געהאט איין תשובה: „מען קען אזעלכע זאכען מיט איין מאל ניט טאן, די זאך מוז פאר-זיכטיג אונטערזוכט ווערען. מען וועט טאן אלעס מעגליכעס". איינינע ביט-שריפטען פלעגט מען איבערגעבען צו א געריכטס־ראט אנשטאט איבערצוגע-בען זיי צו א שטאאטס־ראט. און דער געריכטס־ראט פלעגט זיי פערציהען יאהרענלאנג מיט געוויסע פארמאליטעטען, און די אנטווארט איז קיינמאל ניט געגעבען געווארען.



אריינצוג פון קארל דעם 5טען אין מאדריד.

וועגען דעם קריג, וואָס קארל דער 5טער האָט געפיהרט מיט אויסלאַנד, האָבען מיר שוין פריהער דערצעהלט. שפּאַניען איז געווען אין דעם 16טען יאָהרהונדערט דאָס גרעסטע רייך אין דער וועלט. צו שפּאַניען האָט דאַמאָלס געהערט די גאַנצע פּירענאָאישע האלב־אינזעל, איטאליען, דייטשלאַנד, נידערלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקאַ. דיזע לעצטע אַליין איז פיעל גרעסער פון דער אַמאָליגער רוימישער אימפּעריע. אייראָפּאַ האָט געהאַט גענוג גרונד צו זאָגען, דאָס קארל דער 5טער מיט זיין זוהן פיליפּ דעם 2טען האָבען געשטרעבט צו גרינדען אַ וועלט־מאָנארכיע.

אָבער שפּאַניען האָט ניט געוואוסט ווי צו ציהען נוצען פון איהר גליקליכער און גלענצענדער לאַגע. די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ האָט געבראַכט אין די הענט פון שפּאַניען זעהר פיעלע מינעס פון גאָלד און זילבער, אויך זעהר פרוכטבאַרע לענדער מיט טייערע פּרוכטען. קאָרטעץ און פּיצאַררא האָבען דאָרט ערשאָבערט פיעלע לענדער. פערדינאַנד און קארל דער 5טער זיינען געווען זעהר קלוגע פּאָליטיקער, אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג צו מאַכען שפּאַניען, אז זי זאָל ציהען דערפון גרויסע נוצען. ערסטענס האָבען דאָרט געפעהלט גרויסע קאַפּיטאַליסטען און גרויסע אונטערנעהמונגען. דער גאַנצער האַנדעל פון שפּאַניען איז גיך אַריבער אין די הענט פון אויסלענדישע סוחרים. שוין אין יאָהר 1542 האָבען די קאָרטעס פון וואַללאַדאָליד זיך געקלאָגט פאַר קארל דעם 5טען, דאָס די אויסלענדער האָבען געוואונען אַ צו גרויסען איינפלוס אויף דעם האַנדעל. „פיעלע אויסלענדער זיינען געקומען אין רייך — האָבען זיי זיך בעקלאָגט — און האָבען זיך ערוואָרבען פיעלע געשעפטען, פון וועלכע אייערע אונטערטאַנען האָבען געהאַט זייער עקסיסטענץ. אָבער פאַר זיי איז נאָך געווען ווייניג וואָס זיי האָבען אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענט אַלע קוועלען פון פערדינסט, זיי קויפען נאָך אויך אויס אַלע לעבענסמיטלען פון דיזען לאַנד און פיהרען אַרויס נאָך אויסלאַנד, אַזוי דאָס פיר די אונטערטאַנען פון אייער מאַיעסטעט בלייבט כמעט גאָרניט איבער פון די אַלע נויטווענדיגקייטען צום לעבען. דיזעס ברייננט אייערע לענדער אַ זעהר גרויסען שאָדען און איז זעהר פערדערבליך צו די אינטערעסען פון אייער מאַיעסטעט". אַזוי האָבען די קאָרטעס געשריבען צו קארל דעם 5טען וועגען דעם מאַטעריעלען צושטאַנד פון לאַנד.

די קאָרטעס האָבען געענדיגט זייער קלאַגע מיט אַ ביטע, דאָס דער קייזער זאָל געבען אַ בעפעהל, אז קיין אויסלענדער זאָל ניט האָבען דאָס רעכט צו האַנדלען אין שפּאַניען, זיי זאָלען ניט האָבען דאָס רעכט צו נעהמען גיטער אויף אַרענדע, זיי זאָלען ניט טאָרען קויפען אין לאַנד וואָל, זייד, אייזען,

שטאָהל און אַנדערע געגענשטענדען, זיי זאָלען ניט האָבען קיין רעכט צו ווע-רען בירגער אין די שטעדט, אום זיי זאָלען דאָרט ניט טרייבען קיין האַנדעל. קארל האָט זיי אויף דיזע ביטע געענטפערט, דאָס אין דיזען אויגענבליק שטע-הען געגען דעם זעהר פיעלע שוועריגקייטען, וועלכע שטערען דיזע נייערונגען דורכצופיהרען. דאָס זאָגאר ווען די שפּאַנישע רעגירונג זאָל בעשליסען דיזע פאָדערונגען נאָכצוגעבען, וועלען זיי קיין רעזולטאַטען ניט האָבען. די קאַטאָ-לישע קעניגען האָבען שוין ארויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז דער האַנדעל מיט אַמע-ריקא זאָל געפיהרט ווערען נאָר דורך שפּאַנישע שיפען; דאָס געזעץ האָט שוין אויסגעשלאָסען פון דיזען האַנדעל אַלע אויסלענדער, און דאָך נעהמען די אויסלענדער אין דיזען האַנדעל אַ גרויסען אַנטייל. איינינע מאַכען עס גע-זעצליך, דערמיט וואָס זיי ווערען אַנגענומען אַלס בירגער, און אַנדערע פיה-רען דעם האַנדעל אונגעזעצליך אַלס קאָנטראַבאַנדיסטען.

די האַנדעל־געזעצען פון שפּאַניען אין יענער צייט ווייזען קלאָר, דאָס זיי האָבען ניט געהאַט קיין בעגריף אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אזוי צ. ב. האָט דאָס געזעץ פערבאָטען ארויסצופיהרען פון לאַנד טיכער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין לאַנד, און דערפאַר איז געוואָרען ערלויבט אריינצופיה-רען טיכער, וואָס זיינען פאַבריצירט געוואָרען אין פראַנקרייך.

דער נידערלענדער ד א מ ה א ו ד ע ר האָט אין יאָהר 1545 געלאָזט דרוקען אַ לויב־רעדע צו די שפּאַניער, אין וועלכער ער זאָגט: „אַנדערע נאַ-ציאָנען ברייננען אין אונזער לאַנד נאָר איינינע אַרטיקלען, אָבער שפּאַניען ברייננט אונז אַלערליי סאָרטען וואַרע, איבערהויפּט רויהע מאַטעריאַלען, ווי וואָל צום שפּינען אונגעפעהר 40,000 באַלען אַ יאָהר, יעדער באַל פון מעהר אַלס פון דעם ווערט פון 16 דוקאַטען. פון יעדען באַל מאַכען די נידער-לענדער אויס מעהר פון 2½ שטיקער טוך, וועלכע ווערען פערקויפט פיר מעהר פון דעם דאָפּעלטען פרייז ווי זיי האָבען געקאָסט, און זיי גיבען דערמיט בעשעפטיגונג הונדערטער טויזענדער אַרבייטער אין נידערלאַנד. דיזע טיכער געהען צוריק נאָך שפּאַניען און נאָך די באַלעארישע אינזלען און ווערען דאָרט גוט פערקויפט פיר גוטע פרייזען. אָבער ניט בלויז רויהע וואָל ברייננען זיי צו אונז צו בעאַרבייטען, זיי ברייננען אויך פיעלע אַנדערע רויהע מאַטעריאַלען, וועלכע ווערען ביי אונז בעאַרבייטעט און צוריקגעבראַכט נאָך שפּאַניען, וועלכע צאָהלט אונז 3 מאָל מעהר ווי פיעל זיי האָבען גענומען פיר די רויהע מאַטעריאַלען; זיי בעצאָהלען פיר די ליפערונג פון די רויהע מאַטע-ריאַלען צו אונז אין די נידערלאַנדען, פיר די אַרבייטער, וואָס האָבען ביי אונז געאַרבייט, פיר די ליפערונג פון דעם טוך נאָך שפּאַניען, און אַ גרויסען פּראָ-

פיט צו אונזערע סוחרים. אויך פערשאַפען זיי אונז רויהע מאַטעריאַלען פיר אויסאַרבייטען טיש־צייג, טאַפּעטען, שפּיצען, נעצען און אַנדערע זאַכען, וועל־כע זיי קויפען פון אונז אָפּ צוריק נאָך דעם אויסאַרבייטען און גיבען אונז גרויסע פּראָפיטען. אויך מעבעל, שפּיגלען, נאָדלען, מעסערס, וואַפען, קאַמען, שיקען מיר זעהר אָפט נאָך שפּאַניען אין 50 שיפען מיט איין מאָל". דיזע ליוב־רעדע פיר שפּאַניען קען גיכער אָנגענומען ווערען פיר אַ שפּאַס, פיר אַ סאַטירע, אַלס פיר אַן ערנסט.

שפּאַניען האָט ווירקליך געטאָן אַלעס מעגליכעס אום צו פערברייטען דעם אויסלענדישען האנדעל אין איהר לאַנד. קאַרל דער 5טער האָט זאָגאַר אַרויסגעגעבען אַ רעגעל, דאָס יעדער אויסלענדער, וואָס פיהרט אַרויס פון שפּאַניען וואָל, מוז פיר יעדע 12 באַלען אַריינבריינגען 2 שטיקער טוך און איין באַל לייוּוענט. דיזע רעגעל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין יאָהר 1552.

אין יאָהר 1555 האָבען די קאָרטעס געבעטען קאַרל'ען, ער זאָל זעהן, דאָס אין פערשיידענע פּראָווינצען זאָל מען זעען פלאַקס, אום דאָס פאָלק זאָל האָבען אייגענע געמאַכטע לייוועגט און זאָל געבען צו פערדינען אייגענע אַר־בייטער, און זאָל ניט אָנקומען צו די נידערלאַנדען און פראַנקרייך פיר די־זען אַרטיקעל. אום דיזע פעראָרדנונג זאָל ריכטיג דורכגעפיהרט ווערען, האָבען די קאָרטעס פערלאַנגט, דאָס מען זאָל די בעאַמטע געבען נאָר אַ דריטעל פון זייער געהאַלט, ביז זיי וועלען צושטעלען בעווייזען, דאָס דיזע רעגעל איז ווירקליך דורכגעפיהרט געוואָרען, און דאַן וועלען זיי בעקומען דעם איבריגען טייל פון זייער געהאַלט. אָבער דיזע מאַסרעגעל איז ניט דורכגע־פיהרט געוואָרען.

דריי יאָהר פריהער האָבען די קאָרטעס דערלאַנגט דעם קעניג אַ ביט־שריפט, אַז ער זאָל פערבאָטען אַרויסצופיהרען פון שפּאַניען נאָך אַמעריקאַ וועלכע עס איז וואַארען, ווייל זיי האָבען בעמערקט, דאָס גלייכצייטיג מיט דעם אַרויספיהרען פון די וואַארען, ווערען טייערער אַלע נאַהרונגס־מיטלען, אויך טיכער, זיידענס, לעדער און אַנדערע וואַארען האָבען געשטיגען אין פּרייז. דיזע ביטשריפט צייגט, ווי די מענשען האָבען דאַמאָלס ניט געהאַט קיין בעגריף פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע; זיי האָבען ניט פערשטאַנען, דאָס ווען געלט ווערט צו פיעל מוז עס ווערען ביליגער, און ביליגעס געלט הייסט, דאָס די וואַארע, וואָס מען בעקומט פיר דאָס ביליגע געלט, מוז זיין וועניגער, ווי מען בעקומט פיר דאָס זעלבע געלט, ווען געלט איז טייער. זיי האָבען ניט פערשטאַנען, דאָס זיי פערלאַנגען אַן אונמעגליכקייט. פון איין זייט האָבען זיי געשטרעבט נאָך פיעל געלט, מען האָט געמאַכט ווייטע געפעהרליכע ריי־

זען, אום גיך רייך צו ווערען, און זיי האָבען ווירקליך בעקומען גרויסע רייכטימער; און פון דער אַנדערער זייט האָבען זיי געוואָלט, דאָס פיר זייער געלט זאָלען זיי בעקומען ביליג אַלע זאַכען, וואָס זיי האָבען געברויכט צום לעבען, און האָבען ניט געוואוסט, אַז די נאַטירליכע פאָלגען פון געלט-פערמעהרונג זיינען הויכע פרייזען פון אַלע נויטווענדיגקייטען.

צו זייער אונוויסענהייט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז נאָך דאַמאָלס צוגעקומען אַ שרעקליכע אונאָרדנונג אין די פינאַנצען פון לאַנד. די שטענדיגע מלחמות, וואָס קאַרל דער 5טער האָט זיין גאַנצען לעבען געפיהרט, האָבען איהם אַנגעמאַכט אונגעהייערע שולדען און זעהר שווערע געלט-פערלעגענהייטען. די אַלע געוועהנליכע שטייערן און אָפּגאַבען, די אַלע אונגעוועהנליכע אָפּגאַבען און מתנות פון פאָלק און פון אדעל, די אַלע אַנלייהען, וואָס ער האָט געמאַכט אין לאַנד און אין אויסלאַנד, האָבען איהם ניט געקענט רעטען פון דעם דרוק, אין וועלכען ער האָט זיך אימער געפונען צוליב מאַנגעל אין געלט. דירעקטע שטייערן האָט ער אין לאַנד ניט געקענט איינפיהרען, ווייל דערצו האָט איהם געשטערט די גרויסע מענגע אַדעלליט מיט זייערע פּריווילעגיעס. די גיטער פון די גייסטליכע האָט ער ניט געקענט בעלעסטיגען מיט וועלכע עס איז שטייערן, צוליב די פרייהייטען און פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבען געהאַט פון פריהערדיגע יאָהרען. דאָס זעלבע איז געוועזען מיט די גיטער פון די אַדעלליט. דעריבער האָט די גאַנצע לאַסט פון שטייערן און אָפּגאַבען געמוזט פאַלען אויף די דריטע קלאַס, וועלכע האָט געהאַט זעהר ווייניג גרונד-אייגענטום אין לאַנד. אין יאָהר 1538 האָט קאַרל פאָרגעשלאָגען צו מאַכען אַ ס י ז אַ, ד. ה. אַן אינדירעקטע שטייער אויף נאַהרונגס-מיטלען. די גייסטליכע האָבען אַנגענומען די סיזאַ, מיט דער בעדינגונג, דאָס דער פּאַפּסט וועט דערצו געבען זיין צושטימונג. אָבער די גראַנדען, ד. ה. די גרויסע אַדעליגע, האָבען געגען דעם שטאַרק פּראָטעסטירט און האָבען עס פיר קיין פאַל ניט געוואָלט אַננעהמען. דער קעניג איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט און האָט בעשלאָסען פערנאַנדערצוטרייבען די קאָרטעס (די אַדעלליט, וואָס זיינען געוועזען אַ מין פּאַרלאַמענט). פון דאַמאָלס אָן פלעגט מען נאָר בערופען צו בעראַטונג די בעפאָלמעכטיגטע פון 20 שטעדט, וועלכע האָבען געהאַט שטימרעכט פון אַלטע צייטען.

אין יאָהר 1555 האָט קאַרל דער 5טער ווידער זיך גענומען בעראַטען מיט זיין שטאַאַטסראַט, ווי צו פערבעסערן די פינאַנציעלע לאַגע פון לאַנד. דאַמאָלס האָט הערצאָג אַלבאַ, דער שטרענג-קאַטאָלישער אַדעלמאַן, געמאַכט אַ פאָרשלאַג דעם שטרענג-קאַטאָלישען קעניג קאַרל דעם 5טען, דאָס מען זאָל

פון די גייסטליכע אָפּנעהמען זייערע גיטער. „מען מוז זיך נעהמען צום וואָר-צעל, צום גרונט פון דיזער טרויעריגער פינאַנציעלער לאַגע”, האָט ער געזאָגט צום קעניג, „אייער מאַיעסטעט מוז די זאַך בעטראַכטען ריכטיג פיר אייער אייגענעם אינטערעס, ווי אויך פיר דעם אינטערעס פון די פעלקער, איבער וועלכע איהר הערשט, און וועלכע זיינען איבערגעגעבען צו אייך מיט ליבע און טרייהייט. די גייסטליכע בעזיצען אין שפּאַניען אַליין גיטער, וועלכע האָבען דעם ווערט פון מעהר ווי 2 מיליאָנען דוקאַטען, וועהרענד פיר אייער מאַיעסטעט איז קוים געבליבען איין פינגער-ברייט לאַנד, און פון דיזען קליי-נעם שטיקעל גרונד, וואָס אייער מאַיעסטעט בעזיצט, מוזט איהר צאָהלען גע-האַלט צו אייערע טרייע הויפלייט, וועלכע האָבען זייער גאַנצע האָב און גוט געווידמעט צו דעם גליק פון לאַנד, און פיר דעם כבוד פון אייער מאַיעסטעט און פון דעם לאַנד פערגיסען זיי זעהר אָפט, ווען נעטיג איז, אויך זייער אדע-ליגעם בלוט”.

„אָבער וואָס פיר אַ זין האָט עס, דאָס גייסטליכע זאָלען האָבען אונטער-טאַנען און זיין גרויסע הערען? דאָס מאַכט זיי נאָר שטאָלץ ביי זיך, וואָס פּאַסט גאָר ניט פיר דעם שטאַנד, צו וועלכען זיי זיינען בעשטימט. די גייסטליכע ברויכען נאָר צו זיין דעמיטיג און פריי פון די נאַרישקייטען פון דיזער וועלט. מען מוז פון די גייסטליכע צונעהמען די אַלע טיטלען: באַראָן, גראַף, הערצאָג, און די גיטער, וועלכע זיינען מיט דיזע טיטלען פערבונדען, און זיי פעראייניגען מיט די קרוין-גיטער פון אייער מאַיעסטעט, אום מיט דיזע רייכטימער צו בעקעמפען די פיינד פון דער קירכע”.

קאַרל האָט דאָס ניט געקענט בעשליסען צו טאָן. ער האָט געמאַכט אַן אָנפראַגע ביי 4 פון די גרעסטע טהעאָלאָגען פון יענער צייט. די טהעאָלאָגען האָבען פריהער פון אַלץ בעוויזען אין זייער ענטפער, דאָס ווי די זאַך זאָל ניט זיין, האָט דער פּאַפּסט ניט צו זאָגען וועגען די גייסטליכע גיטער אין שפּאַניען; דאָס געהערט צו גייסטליכע פון שפּאַניען זעלבסט. דאָס איז גע-ווען אַן ענטפער, וועלכער האָט דעם גאַנצען פּלאַן פערניכטעט. וואָרום אויב דער פּאַפּסט האָט דאָס רעכט צו זאָגען זיין וואָרט איבער דיזע פראַגע, וואָלט שוין קאַרל געפונען מיטלען, ווי צו געווינען איהם אויף זיין זייט; אָבער, ווען דער פּאַפּסט האָט ניט אין דער זאַך קיין דעה, נאָר עס געהערט צו די גייסט-ליכע זעלבסט, און זיי אַליין דאַרפען די זאַך בעשליסען, פערשטעהט זיך, אַז די זאַך איז פערשפּילט, און קאַרל האָט דעריבער די זאַך אויפגעגעבען.

הגם די בעגריפען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון יענער צייט זיינען גע-ווען ווייט ניט קיין ריכטיגע, זיינען דאָך אַקערבוי און אינדוסטריע געשטאַ-

נען אין דער צייט ווען פיליפ דער 2טער איז ארויף אויף דעם טראָן אויף א זעהר גליקליכען שטאנד. די סחורות, וואָס די שפאניער האָבען געשיקט נאָך אמעריקא, האָט זיי אריינגעבראכט פּראָפיט ביז 500 פּראָצענט.

אמעריקא האָט צוגענומען פון די שפאניער א זעהר גרויסע מאסע וואָ־לענס און זיידענס, און דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס די פּראָדוקציאָן פון דיזע געגענשטענדען האָט זיך אונגעהייער פערגרעסערט אין שפאניען. אין טאָלעדאָ, סעגאָוויא און אין מאנטשא זיינען געווען אין יענער צייט 127,823 פאבריקאנטען פון טיכער, לייווענט, מיצען, בענדער און אנדערע סחורות פון דיזען סאָרט. סעגאָוויא אליין פלעגט פערפערטיגען יעדען יאָהר 25,000 שטיקער טוך. סעווילא האָט געהאַט 3,000 וועב־שטולען פיר זיי־דענס, וועלכע האָבען בעשעפטיגט 30,000 פּערזאָן. גראנאדא פלעגט ארוים־געבען זיידענס פיר א מיליאָן פונט סטערלינג (5,000,000 דאָללאר) א יאָהר. לויט דעם בעריכט, וואָס לואיס דע מארמאָל האָט ארויסגעגעבען, האָט די רעגירונג פון ערסטען פערקויף פון דיזע ארטיקלען אריינגענומען אלס שטייער 181,500 גאָלד־גולדען.

מיר דארפען אָבער דערביי בעמערקען, דאָס דעם גרונד צו דיזען גליק־ליכען צושטאנד פון דער אינדוסטריע אין שפאניען האָבען געלעגט ניט די שפאניער, נאָר די מאורען, אָדער די אראבער, וועלכע האָבען שוין אין דעם 10טען יאָהרהונדערט געהאַט גרויסע פלאנטאציעס אין וואלענציא פון באוועל, צוקער און רייז. די מאורען האָבען שוין דאמאָלס ענטוויקעלט אין דער פירע־נאָאישער האַלב־אינזעל די זיידענצוכט. זיי האָבען שוין דאמאָלס געהאַט פאבריקען פון וואָל, זייד און באוועל, און האָבען די פּראָדוקטען פערשפּרייט איבער גאנץ שפאניען. ווי מיר האָבען עס שוין פריהער דערצעהלט, זיינען די אראבער געווען די הויפט־קולטור־טרעגער אין שפאניען.

א ריכטיגען בעגריף פון דעם ברייטען האנדעל פון שפאניען גיט אונז א געלעהרטער מאנאך מיט'ן נאָמען מערקאדאָ אין יאָהר 1568. „דער האנ־דעל", זאָגט ער, „ווי ער ווערט יעצט געטריבען אין סעווילא, מאכט יעדען שטוינען, ווייל ער איז אונגעוועהנליך. מען מוז בעזיצען א געזונטע אור־טיילס־קראפט און א טיפען בליק, אום איהם צו טרייבען און איהם פערשטעהן. אין די אלטע צייטען פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט האנדעל נאָר אָרימע לייט, אָבער היינט איז דער האנדעל געשטיגען אויף א זעהר הויכע שטופע. די סוחרים האָבען אַן אונגעהייער ברייטען פערקעהר מיט אלע קריסטליכע לענ־דער און אויך צווישען די בארבארען. זיי פיהרען אויל און וואָל נאָך פלאנ־דערן און ברייננען פון דאָרט טאפעטען און טיכער; זיי שיקען נאָך פלאָרענץ

קאשעניללע און פעלען פון פערשיידענע חיות, און ברייננגען צוריק גאלד-דראהט, פערל און פערשיידענע געוועבען. אין קאפאווערדע האנדלען זיי זעהר פיעל מיט נעגערם און מאכען דערביי זעהר גוטע פערדינסטען. זיי שיקען זעהר פיעל פערשיידענע סחורות נאך אינדיען און ברייננגען פון דארט: גאלד, זילבער, פערל, געטריידע און זעהר פיעלע פעלען פון פערשיידענע טיערען. אום

פיליפ דער 2טער.

די ריזיקע זאל ניט זיין אזוי גרוים, ווייל זייערע וואארען בעטרעפען שווערע מיליאנען, האבען זיי איינגעריכטעט אין פערשיידענע לענדער פערזיכערונגס-קאמפאניעס און פערזיכערן איבעראל זייערע סחורות. אזעלכע פערזיכערונגס-בענק האבען זיי אין ליסאבאן, בורגאס און אין פיעלע אנדערע שטעדט.

איבעראַל האָבען זיי קאָמיסיאָנערען, וועלכע נעהמען איבער זייערע וואַ-רען און פערקויפען זיי, און לאָדען אָן זייערע שיפען מיט אַנדערע וואַ-רען, וועלכע די סוחרים ברויכען נעטיג אין זייער אייגען לאַנד. זייערע וועקס-לען ווערען אויסגעצאָהלט אין אַלע לענדער, ווייל זיי האָבען איבעראַל קאָ-מיסיאָנערען, וואָס בעזאָרגען, דאָס עס זאָל זיי אין קיין אָרט ניט פעהלען קיין באַרעס געלט, מיט וועלכען זיי ברויכען צו קויפען פערשיידענע סחורות פיר זיך אָדער פיר אַנדערע לענדער, אין וועלכע זיי האַנדלען. זייערע סחורות געהען נאָך אינדיען, סאַן דאָמינגאָ, מעקסיקאָ, און פון דאָרט ברייננגען זיי צוריק אונגעהייערע רייכטימער".

צוליב דעם גרויסען האַנדעלס-פערקעהר איז די בעפעלקערונג פון שפּאַ-ניען דאַמאָלס געווען אונגעהייער גרויס אין צאָהל. זי האָט דאַמאָלס בעטראָ-פען איבער 10½ מיליאָנען נפשות. פיליפּ דער 2טער האָט אונטערגענומען צו מאַכען אַ ריכטיגע סטאַטיסטיק פון זיינע לענדער, אָבער מיר ווייסען גאָרניט, וואָס פיר רעזולטאַטען זיין אונטערנעהמונג האָט געהאַט. ווי עס ווייזט אויס, האָט דיזע אונטערנעהמונג ניט געהאַט קיין ערפאָלג, ווייל עס זיינען געשטאַנען פיעלע הינדערניסען אין וועג. אַזוי צ. ב. האָט דער הער-צאָג פון אַלקאַלאַ, דער וויצע-קעניג פון נעאַפּעל, ניט געוואָלט פאָלגען דעם קעניג'ס בעפעהל צו צעהלען די איינוואוינער אין זייערע לענדער. אַלס אור-זאַך האָט ער אָנגעגעבען, דאָס דורכצופיהרען דיזע אונטערנעהמונג דאַרף מען האָבען איבער 50,000 ריס פּאַפּיר. נאָר די גייסטליכע און די ציוויל-בע-אַמטע, ווי עס שיינט, האָט מען דאַמאָלס יע דורכגעפיהרט צו צעהלען. לויט דיזער צעהלונג זיינען געווען אין פיליפּ'ס צייטען 58 ערץ-בישאָפּטימער, 684 בישאָפּטימער, 11,400 אַבטייען, 934 גייסטליכע קאַפּיטלען, 127,000 קירכען, 7,000 האָספּיטעלער, 23,000 ברידערשאַפּטען, 46,000 קלויסטערס פיר מאָ-נאַכען, 13,500 קלויסטערס פיר מאָנאַשקעס (נאָנעס), 312,000 פּריסטער, 200,000 אָרדענס-גייסטליכע, און איבער 400,000 רעליגיאָזען. די ציוויל-בעאַמטע, וואָס זיינען געווען בעשטימט פון קעניג, זיינען געווען 80,088; בעאַמטע, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען פון וויצע-קעניגען און אַנדערע ציוויל-בעאַמטע, זיינען געווען 567,000. דיזע אַלע צאָהלען ווייזען קלאָר, דאָס די בעפעלקערונג אין שפּאַניען איז צו יענער צייט געווען זעהר גרויס. די איינקונפטען פון קעניג האָט זיך דאַמאָלס פערמעהרט מיט 25 מיליאָנען דוקאַטען. דערצו מוז מען צורעכענען די איינקונפטען פון אינדיען, וועלכע האָבען איהם אַריינגעבראַכט אין דער צייט פון זיין 45-יעהריגער רעגירונג איבער 300 מיליאָנען דוקאַטען.

ניט אבטענדיג דערויף, וואָס דאָס לאַנד שפּאַניען האָט געהאַט אַזעלכע רייכע קוועלען פון איינקונפטען, האָט אָבער די פּאָליטיק פון פיליפּ דעם 2טען פערשאַפט דעם לאַנד גרויס שאָדען. אונגעהייער גרויסע סומעס זיינען גע־גאַנגען פערלאָרען אויף מלחמות, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין זיין צייט אין די לענדער פון קאַרל דעם 5טען. דער קריג אין די נידערלאַנדען האָט גע־קאָסט ניט ווענינער ווי 150 מיליאָנען דוקאַטען. אויסער דעם האָט די מלחמה געבראַכט דעם האַנדעל אַזוי פיעל שאָדען, דאָס מען קען עס גאָר ניט בערעכ־נען. אין יאָהר 1574 האָבען די נידערלענדער פערניכטעט 2 שפּאַנישע פלאָ־טעס. די רעבעלען האָבען געגרינדעט נייע קאָלאָניעס אין אָסט־אינדיען, און דאָרט פיעל געשאַדעט דעם שפּאַנישען האַנדעל.

אויך דער שאָדען, וואָס שפּאַניען האָט געליטען פון דער מלחמה מיט ענגלאַנד, איז געוועזען זעהר גרויס. די שפּאַנישע רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט געגען ענגלאַנד אַ זעהר מעכטיגע פלאָטע, וועלכע איז בעשטאַנען פון 130 שיפען מיט 19 טויזענד מאַן טרופּען און 8 טויזענד מאַטראָזען. די פלאָטע האָט געהאַט 2,700 קאַנאָנען, 120 טויזענד קוגלען יעדע צו 30 פונט, און 4,500 צענטנער פּולווער. דער טעגליכער געהאַלט, וואָס די רעגירונג האָט געהאַלט אויסצוצאָהלען צו דער מאַנשאַפט פון דיזער פלאָטע, האָט בעטראָפען איבער 30,000 דוקאַטען. אָבער צום אונגליק איז די גאַנצע פלאָטע פערניכ־טעט געוואָרען פון צוויי גרויסע שטורמס, נאָר 50 שיפלאַך האָבען זיך צוריק־געקעהרט נאָך שפּאַניען. איבער 12,000 מאַן זיינען געזונקען אין ים, פיעלע זיינען געפאַנגען געוואָרען. ווען פיליפּ האָט ערהאַלטען די שלעכטע בשורה פון דער פערניכטונג פון דער פלאָטע, האָט ער קאַלטבלוטיג געזאָגט: „איך האָב די פלאָטע ניט געשיקט צו שטרייטען מיט שטורם־ווינטען".

אָבער די פערניכטונג פון דער פלאָטע איז ניט געווען דער איינציגער שאָדען, וואָס שפּאַניען האָט געליטען פון דעם קריג מיט ענגלאַנד. דער ענגלישער קאַפּיטאַן פראַנץ דרעיק האָט פערניכטעט סט. דאָמינגאָ אין אַמערי־קאַ און האָט פערבראַכט אין דער נייער וועלט פיעלע שפּאַנישע ברענען. דער גראַף פון עססעקס האָט צושלאָגען אַן אַנדער שפּאַנישע פלאָטע פון 57 שיפען ביי קאַדיקס. אויסער דעם האָבען די ענגלענדער געגרינדעט אין אַמעריקאַ נייע קאָלאָניעס און האָבען דערמיט געשאַדעט דעם האַנדעל פון שפּאַניען.

אונגעהייער גרויסע סומעס געלט האָט פיליפּ געשיקט נאָך פראַנקרייך אום צו שטיצען די קאַטאָליקען געגען די פּראָטעסטאַנטען, אין דעם קריג מיט זיי. אָבער דיזע גרויסע סומעס געלט האָבען קיינעם קיין נוצען ניט געבראַכט. די שפּאַנישע טרופּען האָבען געמוזט פערלאָזען פראַנקרייך און הייגריך דער

4טער, ווען ער האט זיך מיט זיי געזעגענט, האט צו זיי געזאגט: „זייט גע-זונד און קומט נאר צוריק".

דער אויסלענדישער האנדעל האט אויך אונטער פיליפ דעם 2טען געדוי-ערט אויף דער פירענאאישער האלב-אינזעל (שפאניען און פארטוגאל). זיי האבען געהאנדעלט מיט פראנקרייך, פון וואנען זיי האבען בעצויגען טיכער און זיידענס און נאך אנדערע ארטיקלען.

די קארטעס פון וואללאדאליד האבען אין יאהר 1593 געשריבען צום קעניג פיליפ פאלגענדעס: „אין יאהר 1548 האט אייער מאיעסטעט פערבא-טען ארייצופיהרען פון אויסלאנד שמוקזאכען און אנדערע קלייניגקייטען, וועלכע זיינען דורכאויס ניט נוציג אין מענשליכען לעבען, און וועלכע פאסען פיר די ווילדע אינדיאנער, און די שפאניער האבען פיר דיזע קלייניגקייטען געצאהלט מיט גוטען געלט. יעצט איז די זאך פיר שפאניען געווארען נאך פיעל שעדליכער. יעצט פיהרען די פראנצויזען אריין אין אונזער לאנד שמוק-זאכען, ווי קייטעלאך און אנדערע שפילזאכען, וואס זיינען געמאכט אין יע-נעם לאנד פון ביליגע מעטאלען, אבער מיט דער קונסט פון אלכעמיע האבען זיי עס געמאכט אלס עכטעס גאלד. און מיט דיזען אופן פיהרען די פראנצוי-זען ארויס פון אונזער לאנד זעהר פיעל גאלד און זילבער. דעריבער בעטען מיר אייער מאיעסטעט צו פערבאטען דעם אריינפיהר פון אזעלכע קלייניגקיי-טען, וועלכע ברייגען ניט קיינעם קיין שום נוצען, נאר שלעפען ארויס פון לאנד דאס גאלד".

אין יאהר 1581 איז שפאניען געווארען פערגרעסערט דורך די פעראייני-גונג מיט פארטוגאל. דער קעניג סעבאסטיאן פון פארטוגאל איז געפאלען אין א שטרייט מיט די מאחמעדאנער. זיין אור-עניקעל, דער 67-יעהריגער קארדינאל היינריך דער 3טער, איז אין א צייט ארום ארויף אויף'ן טראן, ער איז אבער באלד געשטארבען אהן א צוואה, ווער עס זאל זיין דער טראן-פאלגער נאך איהם. נאך זיין טויט האבען זיך בעוויזען פיעלע פרעטענדענ-טען אויף'ן טראן, צווישען אנדערע אויך פיליפ דער 2טער. הגם פיליפ האט געהאט מעהר רעכטען פון אלע אנדערע פרעטענדענטען, האבען דאך די פאר-טוגעזען ערוועהלט אלס קעניג אן אנדער קאנדידאט מיט'ן נאמען אנטאניא. פיליפ האט געשיקט טרופען נאך פארטוגאל אונטער דער פיהרונג פון דעם הערצאג פון אלבא, אויסער דעם האט ער נאך געשיקט א פלאטע פון 100 שי-פען אונטער דער קאמאנדע פון דעם מארקיז פון סאנטא קרוץ, און די פלאטע האט בעלאגערט ליסאבאן. די פארטוגעזען האבען דעם שטרייט פערלארען, און פיליפ האט געגען דעם איינשטימען פון פאלק זיך אנגעאייגנט די פאר-

טוגעזישע קרוין. אַנטאָניאָ, וועלכער איז נאָך זיין מפּלה ענטלאָפען נאָך ענג-לאַנד, איז באַלד צוריקגעקומען מיט 60 שיפען; ער איז אָבער ווידער בע-זיגט געוואָרען און האָט געמוזט ענטלויפען נאָך פראַנקרייך. זיינע אָנהענגער זיינען געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען צו פיליפּ'ן.

פיליפּ דער 2טער איז געווען אָנערקענט פון אַלע דריי קלאַסען פון פאָלק אַלס קעניג פון פּאָרטוגאַל. ער האָט געשוואָרען צו היטען די פרייהייטס-גע-זעצען פון פּאָרטוגאַל, ניט אָנריהרען זייערע פריווילעגיעס און איינגע-פיהרטע רעכטען. אום זיי צו בערוהיגען, דאָס די רעגירונג פון איהר זייט וועט זיין מילד, האָט ער זיי פערשפּראָכען, דאָס דער וויצע-קעניג וועט אימער זיין אָדער אַ פּאָרטוגעז, אָדער פון קעניגליכער פאַמיליע. אַלע העכערע און נידערע שטעלען אין דער רעגירונג און פון די גייסטליכע וועלען זיין פערנו-מען מיט פּאָרטוגעזען. וואָס אָנבעטרעפט דעם האַנדעל, וועט זיין, ווי ווען פּאָרטוגאַל איז געווען אַ קעניגרייך פיר זיך זעלבסט, מיט דעם אונטערשייד, דאָס דער צאָל-טאַריף, וואָס האָט עקסיסטירט ביז אַהער צווישען שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, וועט יעצט אָפּגעשאַפט ווערען, וויל עס איז דאָך יעצט נאָר איין מדינה.

אויך פיליפּ דער 2טער האָט אימער געליטען פון מאַנגעל אין געלט, ווי זיין פאָרגענגער קאַרל דער 5טער. אין יאָהר 1575 האָט ער געשריבען צו זיין שאַץ-מייסטער גאַרניקאַ, דאָס אין אָוועגד וויים ער ניט, מיט וואָס ער וועט האָבען צו לעבען אויף מאָרגען, און ער האָט אין אַ קורצער צייט שפּעטער ווירקליך באַנקראָטירט.

דעם 2טען מאַי 1598 איז פיליפּ דער 2טער געשטאָרבען. ער איז געווען פערהאַסט פון אַלעמען פיר זיין פאַלשקייט און גרויזאַמקייט. קיינער האָט אין זיין גאַנצען לעבען ניט געזעהען, אַז ער זאָל טאָן אַ שמייכעל. זיין שטרענגע הויף-עטיקעטע איז געוואָרען צום שפּאַס. די פאָרמאַליטעט האָט ער דערפיהרט ביז דאָס אייסערסטע. אַלס ביישפּיל קען דינען פאָלגענדער פאַקט: איין מאָל איז דער הערצאָג פון אַלבאַ, דער בעריהמטער פעלד-הערר און זיין גינסטלינג, אריין אין פיליפּ'ס קאַבינעט אונערוואַרטעט. פיליפּ האָט דאָן אויסגעשריען מיט גרויס כעס: „פיר אזא פרעכהייט, ווי איהר האָט זיך יעצט ערלויבט, האָט איהר אייגענטליך געדאַרפט בעצאָהלען מיט אייער קאָפּ!"

ווי די געשיכטע שטעלט איהם פאָר, איז ער געווען איינער פון די שרעק-ליכסטע דעספּאָטען. ער האָט קיינעם ניט געטרויט, קיינעם ניט געגלויבט, ער האָט יעדען חושד געווען אין אונעהרליכקייט. ער האָט חושד געווען זיין

אייגענעם זוהן, דעם פרינץ דאָן־קאַרלאָס, דאָס ער פיהרט אַ ליבעס־אינטריגע מיט זיין ווייב. ער האָט איהם איבערגעגעבען צו דער אינקוויזיציאָן, און נאָך אַ לאַנגער אונטערזוכונג איז ער געשטאָרבען אין פּאַלאַץ. פיעלע האָבען דאַמאָלס געגלויבט, דאָס ער איז געשטאָרבען ניט מיט אַ נאַטירליכען טויט. מיט עטליכע מאָנאַטען שפּעטער איז אויך די קעניגין עליזאַבעטאַ געשטאָרבען. דאָס פאָלק האָט דאַמאָלס געגלויבט, דאָס זי איז פערגיפטעט געוואָרען לויט דעם בעפעהל פון קעניג. אויב עס איז ווירקליך געווען עטוואָס פערדעכטיגעס צווישען מוטער און זוהן, ווייס די געשיכטע גאָרניט. קיין פאַקטען זיינען וועגען דעם ניט בעוואוסט. נאָר די פּאָעטען האָבען זיך בענוצט מיט דער זאַגע און האָבען זי צוגעפּוצט.

אַלע זיינע פערברעכענס האָט פיליפּ געוואוסט צו בעדעקען מיט דעם מאַנטעל פון רעליגיאָן. אין זיינע בריף צו די אייראָפּעאישע פירסטען האָט

דאָן קאַרלאָס.

ער זיך איינינגע מאָל בעקלאָגט, דאָס גאָט האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט שווערע פליכטען און שווערע נסיונות (פּרופונגען). עס איז אָבער אַלעס געווען פאַלש. ער איז געווען אַ טיראַן, וואָס האָט אַלע מענשליכע רעכטען געטראָטען מיט די פיס.

פיליפּ דער 2טער האָט געהייראַט איינינגע מאָל, דאָך האָט ער איבערגעלאָזען נאָר איין זוהן, וועלכען זיין ווייב אַננאַ פון עסטרייך האָט איהם געבאָרען. דיזער זוהן איז געווען פיליפּ דער 3טער, וועלכער האָט נאָך איהם בעשטיגען דעם טראָן און האָט רעגירט 23 יאָהר, פון 1598 ביז 1621. פיליפּ דער 3טער איז געווען אַ שטיק אידיאָט. דערצו האָט זיך די מאָנאַרכיע דאַמאָלס געפונען אין אַ זעהר שלעכטען צושטאַנד. פיליפּ דער 2טער האָט איבערגעלאָזען 150 מיליאָנען שולדען. ווען ער איז געשטאָרבען איז ניט געווען מיט וואָס איהם מקבר צו זיין ווי געהעריג איז, און די גייסטליכע זיינען

געגאַנגען פון הויז צו הויז קלייבען נדבות אויף זיין קבורה. פיליפ דער 3טער איז געווען צו שוואַך אַליין צו רעגירען און האָט עס איבערגעגעבען צום הערצאָג פון לערמאַ. אָבער דיזער איז ניט געווען גענוג פעהיג צו פיהרען א מלוכה. ער האָט אָנגעהויבען צו בעלעסטיגען דאָס פאָלק מיט נייע אָפּגאַ־בען; אויסער דעם האָט ער דעם ווערט פון די מינצען (מטבעות) געמאַכט פיעל העכער, און דער האַנדעל האָט בעזונדערס זעהר פיעל געליטען.

פיליפ דער 3טער האָט גאָר ניט פערשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך, און וואָס פיר א פאָלגען מען קען ערוואַרטען פון אַזאַ סאָרט רעגירונג, ווי דער הערצאָג פון לערמאַ האָט געפיהרט. ער איז איבערהויפּט געווען בעשעפטיגט

פיליפ דער 3טער.

מיט רעליגיאָנס־זאַכען: ער האָט געבעטען, איינגעאָרדענט פיעלע קירכען און האָט זיי בערייכערט. וועגען דאָס איבריגע האָט ער געלאָזען צו די בעאַמטע, אַז זיי זאָלען טראַכטען און זאָרגען. דיזע אָבער האָבען געטראַכט און גע־זאָרגט ניט וועגען דעם וואוילשטאַנד פון דעם לאַנד, נאָר פיר זייערע אייגענע אינטערעסען, און האָבען זיך ארומגעריסען צווישען זיך. דער הערצאָג פון אוצעדאַ האָט אַרויסגעשטופּט זיין פאָטער דעם הערצאָג פון לערמאַ. דורך פיעלע פערברעכענס האָט ער זיך פערשאַפט אַן אונגעהייערען רייכטום. מען האָט אָבער געגען איהם געמאַכט א פּראָצעס. דער קעניג האָט אויסגעשטראָ־כען 240 בעשולדיגונגס־פּונקטען, וועלכע האָבען געהאַט א כאַראַקטער פון

ציוויל־פערברעכענס. אָבער ווען עס איז געקומען צו קרימינאַל־בעשולדיגונ-גען, ווי מאָרד־טאַטען, דאָ האָט איהם שוין דער קעניג זעלבסט ניט געקענט העלפען, און דיזע פערברעכענס האָבען איהם געבראַכט אויף די טאָרטור. ער האָט די טאָרטור אויסגעהאַלטען און ער האָט זיך ניט מודה געווען, אַזוי דאָס דער פּראָצעס האָט געמוזט אָפּגעלעגט ווערען אויף אַ צייט. ווייל דער קעניג האָט איהם געשיצט, איז בעשלאָסען געוואָרען אָפּצוואַרטען מיט זיין אורטייל ביז דער נעכסטער רעגירונג. דער ווייטערער פּראָצעס איז איבער-געגעבען געוואָרען צום הערצאָג פון אָליוואַרעץ.

ווי מיר האָבען עס שוין פריהער בעמערקט, איז פיליפּ דער 3טער געווען זעהר רעליגיעז, און דאָס האָט זיך אָפּגערופען אין גאַנצען לאַנד. אין קיין צייט פון אַן אַנדער רעגירונג זיינען אין שפּאַניען ניט געגרינדעט געוואָרען אַזוי פיעלע קירכען, ווי אין דער צייט פון פיליפּ דעם 3טען. דער הערצאָג פון לערמאַ אַליין האָט פיר זיך געגרינדעט 7 קירכען און 2 קאָללעגיאַל־קירכען. אין דעם בישאָפּטום קאַלאַהאַררא זיינען געווען 18,000 פּריסטער, און אין דעם ערץ־בישאָפּטום איבער 14,000. אין דער שטאָדט סעווילאַ זיינען גע-ווען 45 קלויסטערס פיר מאַנאַכען און 18 פיר מאָנאַשקעס. מען קען לייכט פערשטעהן, וואָס פיר גרויסע סומעס עס האָבען זיך געפאָדערט אויסצוהאַל-טען דיזע אַנשטאַלטען מיט דער אונגעהייערער מאַסע לעדיג־געהער.

די לאַסט אויסצוהאַלטען דיזע אַנשטאַלטען איז געלעגען אויף'ן פאָלק און האָט איהם זעהר געדריקט. צווישען די 18,000 פּריסטער פון דעם בי-שאָפּטום קאַלאַהאַררא איז געווען אַ גרויסע צאָל בראַדיאַגעס, ארומטרייבערס, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין בעשעפטיגונג.

די צייט פון פיליפּ דעם 3טען איז געווען פיעל וועניגער קריגעריש, ווי די צייט פון זיינע פאָרגענגער, פון פיליפּ דעם 2טען און קאַרל דעם 5טען. אין יאָהר 1604 האָט ער געשלאָסען פרידען מיט ענגלאַנד. ער האָט אויך גע-וואָלט שליסען פרידען מיט האָללאַנד, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. ער איז געווען געצוואונגען צו שטרייטען מיט די האָללענדער. די שפּאַניער האָ-בען בעלאַגערט די זעהר בעריהמטע שטאַרקע פעסטונג אָסטענדע. דער קאַמף איז געווען אַ פערצווייפעלטער. פון ביידע זייטען זיינען געפאַלען זעהר פיעלע קריגער: פון די שפּאַניער 80,000 מאַן און פון די האָללענדער 60,000. ענדליך זיינען די האָללענדער געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען. דער-פאַר אָבער האָבען די האָללענדער איינגענומען פיעלע אַנדערע שטעדט (אין יאָהר 1604). דערצו האָבען די שפּאַנישע סאָלדאַטען אויפגעהערט צו קריגען געהאַלט און פון מאַדריד האָט מען גאָר ניט צוגעשיקט. פיליפּ דער 3טער

האָט געמוזט איינשטימען אָנצונעהמען אַ וואַפען־שטיל־שטאַנד (1609). נאָכ־דעם איז געשלאָסען געוואָרען אַ פרידען, לויט וועלכען די פעראייניגטע 7 שטאַאטען פון די נידערלאַנדען זיינען געוואָרען אין גאַנצען אונאָפּהענגיג און האָבען אויך בעקומען דאָס רעכט פריי צו האַנדלען מיטביידע אינדיענס (וועסט־אינדיען אין אַמעריקאַ און אָסט־אינדיען אין אַזיען).

דער אונגליקליכסטער שריט, וואָס פיליפּ דער 3טער האָט געמאַכט אין דער צייט פון זיין רעגירונג, איז געווען דער עדיקט, וואָס ער האָט אַרויסגע־געבען, אַז מען זאָל אַרויסטרייבען פון לאַנד אַלע מאָורען און די מאַריסקאָס, ד. ה. די מאָורען, וואָס האָבען זיך בעקעהרט צום קריסטענטום. אַלס אורזאַך צו דיזען שעדליכען שריט פיר דעם שפּאַנישען האַנדעל איז אָנגעגעבען גע־וואָרען, דאָס די מאָורען האָבען אַ געהיימע קאָמוניקאַציאָן מיט דעם סולטאַן, וואָס קען שאַדען שפּאַניען. דיזער בעפעהל איז געווען געגען דעם פערטראַג, וואָס שפּאַניען האָט אָפּגעשלאָסען מיט די מאַחמעדאַנער, לויט וועלכען די מאָורען האָבען געהאַט דאָס רעכט צו ערווערבען אין שפּאַניען גרונד־אייגענ־טום און צו לעבען נאָך זייערע אייגענע געזעצען און געניסען אַלע פּריוויהייטען צוגלייך מיט די געבאָרענע שפּאַניער.

דיזער בעפעהל, אַרויסצוטרייבען די מאָורען פון שפּאַניען, האָט זעהר ערביטערט די איינוואוינער פון גראַנאַדאַ, וועלכע זיינען געווען צום מעהר־סטען מאַחמעדאַנער. די יעניגע, וואָס זיינען פערבליבען צוליב געוויסע פּרי־ווילעגיעס אין גראַנאַדאַ, האָבען געמאַכט אָפטע אויפשטאַנדען. דער רעזול־טאַט דערפון איז געווען, דאָס מען האָט זיי אַלעמען ביז איינעם פערטריבען פון גראַנאַדאַ. דיזער בעפעהל האָט פערוויסטעט פיעלע שטעדט. גראַנאַדאַ, וועלכע האָט פריהער געצעהלט 400 שטעדט, איז געבליבען נאָר ביי 260 שטעדט.

איבער 600,000 מענשען האָט שפּאַניען פערלאָרען צוליב דיזען בעפעהל. די פעריאָגטע מאָורען זיינען גראַדע געווען די בעסטע און געשיקטעסטע אַר־בייטער אין לאַנד. דער פערלוסט איז געווען זעהר גרויס. ווייל עס האָבען געפעהלט אַזוי פיעלע נעטיגע אַרבייטער, זיינען די שפּאַנישע קויפלייט ניט געווען אין שטאַנד צו ערפילען די פאָדערונגען פון די קאָלאָניעס, מען זאָל צושיקען די נעטיגע זאַכען, וואָס זיי האָבען פריהער בעקומען פון שפּאַניען. עס פערשטעהט זיך, דאָס דער האַנדעל מיט די קאָלאָניעס איז איבערגעגאַנ־גען צו די האָללענדער, צו די גענועזער און צו די פראַנצויזען. 5 זעקסטעל פון שפּאַנישען האַנדעל און 9 צעהנטעל פון זעע־האַנדעל איז איבערגעגאַנגען צו אויסלענדער. מאַנקאַדאַ איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט צו

פיליפּ דעם 3טען: „אייער מאַיעסטעט האָט נאָך דעם טיטעל „הערשער פון אינדיען”, אָבער אין דער ווירקליכקייט געהערט אינדיען צו אויסלענדער”.

די אויסלענדער האָבען געבראַכט אַזוי ווייט, דאָס די שפּאַניער האָבען געמוזט זיין צופרידען נאָך צו זיין קאָמיסיאָנערען ביי די אויסלענדישע סוחרים און בעקומען 9 פּראָצענט קאָמיסיאָן, וועהרענד די קויפליט האָבען פערדינט 100 און אָפט זאָגאָר 400 פּראָצענט.

די רעגירונג זעלבסט האָט זיך באַלד אַרומגעזעהען, דאָס די פערטרייבונג פון די מאַורען איז געווען אַ גרויסער פעהלער, וועלכער האָט איהר געקאָסט צו טייער. די איינקונפט פון דער רעגירונג איז געווען זעהר קליין. אין דער צייט פון פיליפּ דעם 2טען איז די איינקונפט פון דער רעגירונג געווען 30 מיליאָנען דוקאַטען אַ יאָהר און זי איז אַרונטער אין דער צייט פון פיליפּ דעם 3טען, נאָך דעם פערטרייבען פון די מאַורען, ביז 14 מיליאָנען.

אין יאָהר 1619 האָט פיליפּ דער 3טער געגעבען אַ בעפעהל צו זיינע ראַט־לייט, אַז זיי זאָלען געפינען מיטלען צו פערבעסערן דעם פינאַנציעלען צושטאַנד פון לאַנד, וועלכער איז געקומען צו אַ שרעקליכער שטופע. דער ראַט האָט איהם אָנגעוויזען אויף איינינע אורזאַכען, וועלכע האָבען געבראַכט דאָס לאַנד צו דיזען טרויעריגען צושטאַנד. צווישען אַנדערע זאַכען האָט דער ראַט אָנגעציינט, דאָס עס זיינען דאָ פיעלע עמטער אין לאַנד, וואָס זיינען אין גאַנצען איבריג, און דיזע עמטער נעהמען צו אַ גרויסע סומע געלט. זיי האָבען אויך געראַטען מען זאָל פערבאָטען אַריינפיהרען לייוועגט און זיידענוואַרג פון אויסלאַנד, און אויך צו פערקלענערן די הוצאה אויף'ן קעניגליכען הויף. דער ראַט האָט אויך פאָרגעשלאָגען, דאָס די רעגירונג זאָל זעהן אָנווענדען אַלע קרעפטען צו פערבעסערן און פערברייטערן דעם אַקערבוי דורך פערשיידענע פּריווילעגיעס, איבערהויפּט ניט צו ערלויבען גרינדען אין לאַנד אַזוי פיעלע קירכען, וועלכע פערצעהרען די מעהרסטע קוועלען פון די רעגירונגס־איינקונפטען און פאָדערן אַ זעהר גרויסע צאָהל פון פּריסטער, וועלכע האָבען פיר דאָס לאַנד געקענט זיין מעהר ניצליך ווען זיי וואָלטען זייער צייט און זייערע קרעפטען פערווענדעט אויף אַן אַנדער געביט. אָבער דיזע אַלע פאָרשלאָגען זיינען אין דער צייט פון פיליפּ דעם 3טען געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב. עס איז וועגען זייער דורכפיהרונג אין לעבען גאָרניט געטאָן געוואָרען. ערסט אין דער צייט פון דער רעגירונג פון זיין זוהן פיליפּ דעם 4טען האָט מען אָנגעהויבען איינינע פון זיי אויסצופיהרען.

פיליפּ דער 3טער איז געשטאָרבען אין אַלטער פון 43 יאָהר. ער איז געזעסען אויף'ן טראָן 23 יאָהר. אָבער ער איז ניט מעהר ווי געזעסען, ווי-

טער האָט ער ניט געטאָן קיין זאַך פיר דעם וואוילשטאַנד פון לאַנד. זיין 16־יעהריגער זוהן פיליפ דער 4טער איז אַרויף אויף'ן טראָן אין 1651. דאָס לאַנד איז געווען זעהר שוואַך, איבעראַל האָט געהערשט אונאָרד-נונג. פיליפ דער 4טער איז געווען אַ שוועכלינג ווי זיין פאָטער און האָט אי-בערגעלאָזען די רעגירונג צו זיין ליבלינג, דעם גראַף פון אָליוואַרעץ. דיזער איז אפילו געווען אַ טאַלענטפולער מאַן, אָבער רוהמזיכטיג (אַ רודף אחר הכבוד). ער האָט מיט אַבזיכט ניט געזוכט צו ענטוויקלען די גייסטיגע קרעפטען פון זיין הערר, אום ער זאָל זיין אַליין דער הערשער. אום צו מאַכען זיך פּאָפּו-לער, האָט ער, באַלד נאָך דער טראָן־בעשטייגונג פון פיליפ דעם 4טען, געגע-בען אַ בעפעהל, דאָס אַלע בעאַמטע און אַנשטאַלטען זאָלען אין פערלויף פון 10 טעג אַריינשיקען אינווענטאַרען (פערצייכניסען) פון אַלע זייערע גיטער און וואָס פיר אַ הכנסה זיי האָבען פון זיי. דערמיט האָט ער געוואָלט אויסגעפי-נען, אויב די בעאַמטע נעהמען כאַבאַר אָדער זיי מיסברויכען זייערע שטעלעס. באַלד נאָך דעם איז אַרויס אַ רעפאָרם וועגען לוקסוס־זאַכען און די באָרדעלען זיינען געשלאָסען געוואָרען. אָבער די אינווענטאַרען האָט מען ניט אַריינגע-שיקט. דער לוקסוס איז ניט וועניגער געוואָרען און די באָרדעלען האָבען פאָרטגעזעצט זייער אויסגעלאַסענקייט נאָך ערגער ווי פריהער, ווייל פריהער זיינען זיי געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג, וועלכע האָט געהאַט די פליכט צו געבען אַכטונג, אַז זיי זאָלען וועניגסטענס ניט פערשפּריי-טען קיין קראַנקהייטען, און יעצט זיינען זיי געבליבען אונמאָראַלישע הייזער ווי פריהער, מיט דעם אונטערשייד, דאָס זיי זיינען דערצו געוואָרען אַ נעסט פון וועגערישע קראַנקהייטען.

אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון פיליפ דעם 4טען האָט די רעגירונג אויסגעאַרבייט זעהר וויכטיגע פּראָיעקטען, וועלכע, ווען זיי וואָלטען דורכגע-פיהרט ווערען אין דער פּראַקטיק, וואָלטען באמת געבראַכט דעם לאַנד פיעל נוצען. אָבער ליידער זיינען געווען שטערער, וועלכע האָבען געהינדערט דיזע פּלענער דורכצופיהרען, און די רעגירונג איז ניט געווען שטאַרק גענוג זי זאָל די שטערונגען בייקומען. איינער פון דיזע פּראָיעקטען איז געווען צו גרינדען אַ נאַציאָנאַל־באַנק, אַן אַנשטאַלט, וואָס האָט געקענט פערשאַפען פיעל גוטעס דעם לאַנד אין אַלגעמיין און דעם האַנדעל איבערהויפּט. געהינדערט צו פער-ווירקליכען דיזען פּראָיעקט האָבען די גרויסע גוטס־בעזיצער, די וועלטליכע ווי די גייסטליכע, ווייל לויט דעם פּראָיעקט האָבען זיי בעדאַרפט איינלעגען אַ טייל פון זייערע איינקונפטען אין דיזע באַנק, אָבער דאָס האָבען זיי ניט גע-

וואלט, ווייל זיי האבען ניט פערשטאנען זייער אייגענעם אינטערעס, און אזוי איז דער פלאן געבליבען נאר אויף'ן פאפיר.

אין יאהר 1656 האבען די קארטעס אין מאדריד פארגעשלאגען, דאס מען זאל מאכען א רעפארמע אין דעם צושטאנד פון די פינאנסען אין לאנד, ווייל דאס לאנד געהט צו גרונד, די בעפעלקערונג וואנדערט אויס מעהר און מעהר, די צאהל פון די איינוואוינער ווערט אלע מאל קלענער און קלענער און דער אקערבוי געפינט זיך אין א זעהר טרויעריגען צושטאנד. זיי האבען פארגעשלאגען, מען זאל מאכען אן ענדע צו דעם קאנצענטרירען פון גרונד-אייגענטום אין די הענט פון דער קירכע און די גייסטליכע, ווייל פון דיזע גיטער בעקומט ניט די רעגירונג קיין אפגאבען. די צאהל פון די לעדיג-געהער, די מאנאכען, איז אונגעהייער גרויס, נאך מעהר איז די צאהל פון די מאנאכען, וואס געהען בעטלען און בעלעסטיגען די מיטעלע און ארימע קלאסען, וועלכע זיינען אהן דעם אויך שטארק געדריקט און געבראכען. עס האבען זיך דאמאלס געפונען אין לאנד 9,080 קלויסטערס פיר מאנאכען אויסער פיר נאנעס (מאנאשקעס). דיזע קלויסטערס זיינען געווען זעהר רייך, פון דעסטוועגען פלעגען זיי רייסען ביים פאלק גרויסע און קליינע נדבות, זיך נאך מעהר צו בערייכערן, און מיט די געזאמעלטע געלטען פלעגען זיי אויפקויפען נייע גיטער, וועלכע האבען פריהער געצאהלט שטייערן און אפגאבען צו דער רעגירונג, אבער מיט דעם איבערגאנג פון דיזע גיטער אין די הענט פון די גייסטליכע האט די רעגירונג פערלארען יעדע איינקונפט, און דעריבער איז דער פינאנציעלער צושטאנד פון דער רעגירונג געווארען אזוי טרויעריג און הילפלאז. אבער אויך דיזער פראיעקט איז געבליבען אהן א שום ערפאלג.

אין יאהר 1638 האט דער קעניג געבארגט פון די קארטעס 24 מיליאנען דוקאטען, וועלכע ער האט זיך פערפליכטעט צוריקגעבען זיי אין צייט פון 6 יאהר, און צוליב דיזער הלוואה איז ער מרוצה געווארען א ביסעל נאכצוגעבען זייער פערלאנג, צו פערגרעסערן דעם פינאנציעלען צושטאנד דורך איניגע רעפארמעס. דאמאלס האט דער קעניג ערלויבט די קארטעס ארויסצולאזען אין זיין נאמען פאלגענדען בעפעהל: „ווייל די רייכע פון דיזען לאנד זיינען שטארק איבערגעגעבען צום הייליגען קאטאלישען גלויבען און האבען אימער געטאן אלעס מעגליכעס צו גרינדען אנשטאלטען אום צו עהרען און פערברייטען דיזע הייליגע רעליגיאן, אבער יעצט איז דער צושטאנד פון פיעלע מאנאסטירען געווארען אזוי טרויעריג, ווייל די צאהל פון די מאנאסטירען און מאנאכען האבען זיך פערמעהרט אזוי שטארק, אז דאס פאלק איז ניט אין שטאנד אויסצוהאלטען זיי ווי געהעריג איז, און די מאנאכען זיינען געצוואונ-

גען צו געהן איבער די דערפער בעטלען און בעלעסטיגען דאָס אָרימע פאָלק, האָט דעריבער די קעניגליכע מאַיעסטעט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס פון היינט אָן ביז אַן אונבעשטימטער צייט זאָל מען קיין נייע מאָנאַסטירען פיר מענער אָדער פרויען ניט בויען, און ניט גרינדען קיין נייע מאָנאַכען־אָרדענס ביז דיזע, וועלכע עקסיסטירען שוין פון פריהערדיגע צייטען, וועלען גע־בראַכט ווערען אין אַ נאָרמאַלען אָנשטענדיגען צושטאַנד".



לייבען־הויף פון דער אַלהאַמבראַ. (גראַנאַדאַ.)

אָבער אויך דיזער בעפעהל איז נאָר געבליבען אויף'ן פּאַפּיר. די גייסט־ליכע האָבען זיך פערמעהרט גאָר אָהן אַ צאָהל און צוזאַמען מיט זיי האָט זיך פערגרעסערט דער בעזיץ פון גרונד־אייגענטום פון די קלעריקאַלען און פון דער קירכע. דיזען פאַקט האָט שפּאַניען געהאַט צו פערדאַנקען דעם פּאַפּסט. שוין די פריהערדיגע קעניגען פון שפּאַניען: קאַרל דער 5טער, פיליפּ דער 2טער און פיליפּ דער 3טער, האָבען זיך געווענדט צום פּאַפּסט מיט דער ביטע, דאָס ער „זאָל פערוועהרען די גייסטליכע צו ערווערבען מעהר גרונד־אייגענטום, ווייל לויט די קירכען־געזעצען האָבען זיי ניט קיין רעכט צו פערקויפען וועל־

כען עס איז קירכען־גרונד, אזוי דאָס מיט דער צייט וועט דאָס גאַנצע גרונד־אייגענטום פון לאַנד איבערגעהן צו די גייסטליכע און צו דער קירכע, און אזוי ווי די קירכען־גיטער זיינען פריי פון אַלע אָפּגאַבען און שטייערן, וועט דאָס לאַנד בלייבען מיט דער צייט אָהן שטייערן און אָפּגאַבען, וועלכע זיינען נעטיג אויפצוהאַלטען די אָרדנונג אין לאַנד, און אָהן וועלכע קיין רעגירונג קען ניט עקסיסטירען". אָבער זייערע ביטעס אין דיזער הינזיכט זיינען ניט ערפילט געוואָרען. יעצט האָט זיך פיליפּ דער 4טער ווידער געווענדט צום רוימישען פּאַפּסטליכען הויף מיט אַ נייעם שרייבען מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„די פינאַנציעלע לאַגע פון שפּאַניען איז זעהר טרויעריג. די הויפּט־אורזאַך פון דיזער לאַגע איז, וואָס דער גרעסטער טייל פון גרונד־אייגענטום געפינט זיך אין די הענט פון די גייסטליכע און דער קירכע, וועלכע זיינען פריי פון אַלע אָפּגאַבען. די טהעאָלאָגען זיינען ארויס מיט ווערק, אין וועלכע זיי בעווייזען, אַז דאָס קירכליכע געזעץ, לויט וועלכען די קירכע און די גייסט־ליכע האָבען ניט קיין רעכט צו פערקויפען זייער גרונד־אייגענטום צו ניט־גייסטליכע, האָט ניט אין דער רעליגיאָן קיין גרונד, אָבער דער רוימישער הויף האָט דיזע ווערק פערבאָטען צו דרוקען און צו לעזען, און ניט נאָר דיזער סאָרט איז פערבאָטען פון רוים צו לעזען און צו קויפען, נאָר אויך אַלע אַנדערע ווערק, וועלכע בעהאַנדלען די רעכטען פון דעם קעניג און פון דער רעגירונג, וואָס זיינען זאָגאַר אין איינשטימונג מיט די קאַנאָנישע (רעליגיעזע) געזעצען, מיט די בעשלוסען פון פערשיידענע קירכען־פערזאַמלונגען, און מיט די לעהר־זעצען פון אַלטע הייליגע רעליגיאָנס־לעהרער. און דעריבער געפינט ער (פיליפּ דער 4טער) זיך געצוואונגען צו פערלאַנגען פון זיין אַל־הייליגקייט, דעם פּאַפּסט, ער זאָל ערלויבען צו דרוקען און צו פערקויפען ווערק, וועלכע בעהאַנדלען דיזע פראַגע פון דעם שטאַנדפּונקט פון יוריספּרודענץ, און וועלכע האָבען גאָר ניט צו טאָן מיט רעליגיאָן און בעריהרען זי גאָרניט, ווערק, וואָס האָבען נאָר צו טאָן מיט דער פראַגע פון רעכט פון דער קירכע איבער גרונד־אייגענטום. ווען אָבער זיין הייליגקייט, דער פּאַפּסט, וועט ניט וועלען נאָכגעבען צו שיצען מיינע רעכטען דורך די ווערק פון געוויסע טהעאָלאָגישע אויטאָריטעטען, וועל איך זיין געצוואונגען צו געבען אין מיין לאַנד אַ בעפעהל, צו פערניכטען די ביכער, וועלכע גרייפען אָן מיינע רעכטען אין מיין לאַנד". — דיזע ווערטער האָט פיליפּ דער 4טער געשריבען צום קאַרדינאַל באָרדזשיאַ, וועלכער איז געווען דער שפּאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַטיקאַן (אין פּאַפּסטליכען פּאַלאַץ אין רוים) און האָט פון איהם געפאָדערט, אַז ער זאָל איהם שרייבען, וואָס

פיר אַ ווירקונג דיזע ווערטער האָבען אויף'ן פּאַפּסט, אום ער זאָל וויסען, וואָס עס בלייבט איהם צו טאָן.

אָבער די אַלע בעמיהונגען פון די שפּאַנישע קעניגען צו פערטיידיגען זייערע רעכטען געגען די אָנגריפען פון דער קירכע זיינען געווען אומזיסט. זיי האָבען ניט געהאַט קיין רעזולטאַט. זיי אַליין האָבען געמאַכט די קייטען,



די אַלהאַמבראַ. אַבענצעראַגען־האַלע. (גראַנאַדאַ.)

וועלכע האָבען זיי נאָכהער געהאַלטען אין שקלאַפישער אונטערטעניגקייט אונטער דעם פּאַפּסט'ס פיס. זיי אַליין האָבען געהאָלפען איינפיהרען אין שפּאַניען די אינקוויזיציאָן, וועלכע האָט פערשפּרייט איהר ממשלה איבער אַלע קלאַסען, איבער אַלע אַנשטאַלטען צוזאַמען מיט דער רעגירונג, אַזוי דאָס ווער עס האָט זיך ערלויבט עטוואָס צו טאָן אָדער צו זאָגען געגען דעם, וואָס האָט

ניט געלוינט פיר רוים, איז בעטראַכט געוואָרען אַלס קעצער (אַפּיקורס) און איז אָפּגעראַמט געוואָרען פון וועג. די פערטיידיגער פון די רעכטען פון דער קרוין האָבען געהאַט מורא אַרויסצוגעהן אָפען געגען די גייסטליכע און אויפצוצייגען זייערע פעלשונגען, אויף וועלכע זיי האָבען געגרינדעט זייערע אונגערעכטע פאָדערונגען.

אונטער פיליפּ דעם 4טען איז שפּאַניען נאָר געווען אַ שאָטען פון דעם גלאַנץ און דער גרויסקייט, וואָס זי האָט געהאַט פריהער. זי איז געזונקען אין אַלע הינזיכטען. די בעפעלקערונג איז געוואָרען בעדייטענד קלענער, די אינדוסטריע און דער האַנדעל זיינען אַרונטער פיעלע שטאַפּלען אין פערגלייך מיט דעם, ווי זיי זיינען געשטאַנען אין די פריהערדיגע צייטען. אין טאָלעדאָ איז די צאָהל אייגוואוינער אַרונטערגעפאַלען אויף אַ דריטעל געגען דעם, ווי זי איז געווען פריהער. די זייד־פאַבריקען, וועלכע האָבען פריהער בעשעפטיגט 38,484 פערזאָנען, זיינען כמעט אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען. אין סעגאָוויאַ און אין לאַ מאַנטשאַ, וואו פריהער האָבען איבער 90,000 אַרבייטער געהאַט בעשעפטיגונג ביי זייד און וואָל, זיינען אַלע געבליבען אָהן מיטלען צום לעבען. בורגאָס, וועלכע האָט פריהער געהאַט 6,000 פערמעגליכע פאַמיליעס, איז אין דער צייט פון פיליפּ דעם 4טען אַרונטערגעקומען צו 600 אָרימע עלענדע בעטלער. פון די 400 בליהענדע דערפער אין גראַנאַדאַ זיינען געבליבען נאָר 260, וועלכע האָבען קוים געהאַט די נעטיגע מיטלען צו זייער אָרימער עקסיסטענץ. אין סעווילאַ זיינען פון 3,000 וועב־שטולען געבליבען נאָר 60, און פון די איינוואוינער זיינען געבליבען נאָר איין פערטעל. סעווילאַ האָט זיך געמאַכט בעריהמט אין די פריהערדיגע יאָהרען מיט איהרע אוילבוימער און וויינשטאָקען, אָבער עס איז פון זיי אַלע קוים געבליבען אַ צוואַנציגטעל.

ווען מיר זאָלען פערגלייכען די איינקונפטען פון דער שפּאַנישער רעגירונג אין דער צייט פון פיליפּ דעם 4טען מיט די איינקונפטען פון דער צייט פון פיליפּ דעם 3טען, וועט זיך אויסווייזען, דאָס אין פיליפּ דעם 4טען׳ס צייט איז דער פינאַנציעלער צושטאַנד פון לאַנד געוואָרען פיעל בעסער. וועהרענד אין פיליפּ דעם 3טען׳ס צייט זיינען די איינקונפטען געווען נאָר 14,400,000 דוקאַטען, זיינען אין יאָהר 1662 די איינקונפטען געווען מעהר ווי 36 מיליאָן דוקאַטען. אָבער ווען מען זאָל גענויער בעטראַכטען, וועט מען זיך איבערצייגען, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ סימפּטאָם (סימן) פון וואַקסענדער שוואַכקייט.

די רעגירונג האָט דאַמאָלס אַריינגעקראָגען 13,152,000 דוקאַטען דורך דעם, וואָס זי האָט געהעכערט דעם ווערט פון קופּער־געלט. אָבער דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז דאָס לאַנד האָט פערלאָרען אין אויסלאַנד איבער

40 פראָצענט. דעם פערלוסט, וואָס די רעגירונג האָט געהאַט פון דעם זינקען פון דעם ווערט פון די מינצען, האָט זי געמוזט אויספילען מיט נייע שטייערן. די רעגירונג האָט גענומען דאָס געלט, וואָס איז אָנגעקומען פון אינדיען פיר פריוואַט־לייט פיר וואַארע, וואָס זיי האָבען אָהין געשיקט, און האָט זיי דערפאַר געגעבען איהרע וועקסלען.

אין יענער צייט האָט די רעגירונג געהעכערט די אָפּצאָהלונגען און שטייער אויף לעבענס־מיטלען. די אָפּצאָהל פון פלייש, וועלכע איז געוועזען נאָר 1 מאַראַוועדי (אַ שפּאַנישע קליינע מטבע) אַ פונט, האָט געשטיגען ביז 7 מאַראַוועדים. די אָפּצאָהל אויף וויין האָט געשטיגען פון 1 מאַראַוועדי אויף 64 אויף יעדע מאַרראָבע, אויף ווייגעסיג פון 1 ביז 32, און אויף אויל פון 1 ביז 50. מען האָט געמאַכט אַן אַקציז אויף טאַבאַק און מען האָט דעם אַקציז פערדונגען און גענומען דערפאַר מיליאָנען. דער פרייז פון רויהער זייד האָט געשטיגען אויף 33 פּראָצענט פון זיין פריהערדיגען ווערט. אויסער דעם האָט די רעגירונג געמאַכט אַנדערע מסחרים: זי האָט פערקויפט פערשיידענע טיטלען, ווירדען, אַדעל־רעכטען און אויך שטעלעס. קורץ, זי האָט פון אַלעס געמאַכט געלט. אָבער אַזעלכע איינקונפטען ווייזען, ווי מיר האָבען עס פריהער בעמערקט, ניט אויף אַ גלענצענדען צושטאַנד, נאָר אויף שוואַכקייט און אונטערגאַנג.

עס האָבען זיך אַפילו דאַמאָלס געפונען פערשטענדיגע שטאַאַטסלייט, וועלכע האָבען גוט פערשטאַנען די אונגליקליכע לאַגע פון לאַנד און האָבען עס אַרויסגעזאָגט אָפען. אַזוי האָט צום ביישפּיל דער געלעהרטער דאָקטאָר מאָנקאַדאַ בעוויזען, דאָס אין דעם טרויעריגען צושטאַנד פון שפּאַניען זיינען שולדיג איבערהויפּט די שלעכטע רעגירונג און די אונגערעכטע און ניט קלוגע געזעצגעבונג. נאָך טיפער האָט עס פערשטאַנען דער בעריהמטער געלעהרטער סאַאַוועדראַ אין זיינע פּאָליטישע ווערק. אין איינעם פון זיינע ווערק, אין וועלכען ער רעדט איבער די וויכטיגקייט פון האַנדעל און שיפפאַהרט, זאָגט ער אַזוי:

„האָללאַנד פערמאָגט נאָר אַ קליין שטיקעל לאַנד ביים ברעג פון ים. דאָס לאַנד איז זאַמדיג, ניט פרוכטבאַר פון דער נאַטור, דאָך איז זי רייך דורך האַנדעל און איז אין שטאַנד אויסצוהאַלטען אַ מעכטיגע אַרמעע און האָט געדיכטע־בעזעצטע שטעדט. פראַנקרייך האָט ניט קיין געלט און קיין זילבער־מינעס, זי מאַכט אָבער רייכטימער דורך דעם האַנדעל מיט אייזען, בליי און צינק, און דורך איהרע קינדישע ערפינדונגען.

„מיר אָבער זיינען פערזונקען אין אונזער זאָרגלאָזיגקייט און פערלירען די אוצרות, וואָס דער ים ברייננט אונז. מיט גרויס געפאַהר ברייננען מיר פון וויטע לענדער דימענטען, פּערל, פערשיידענע געווירצען און פיעלע אַנדערע רייכטימער, אָבער דיזע גאָלד און זילבער און רייכטימער געהען איבער פון אונז צו אַנדערע נאַציאָנען און לענדער נאָר דערפאַר, וויל מיר ווייסען ניט ווי אונזערע געשעפטען איינצואָרדנען. די זייד, וואָל, אייזען, שטאָהל, סאָדע און אַנדערע זאַכען, ווערען אויסגעאַרבייט ניט ביי אונז אין לאַנד, דורך אונזערע אַרבייטער, נאָר מיר פערקויפען זיי רויה אין פרעמדע לענדער, און דאָרט ווערען זיי איבערגעאַרבייט אויף נוצבאַרע זאַכען, פערשיידענע געשיר, געוועהר, מעסערס א. ד. גל., און מיר קויפען זיי פון די אויסלענדער און צאָהלען גוטעס געלט צוריק פיר די וואַארען, פיר דאָס ברייננען זיי אַהין אין אויסלאַנד, פיר דאָס אויסאַרבייטען זיי דאָרט און פיר ברייננען זיי צוריק צו אונז, און דערצו צאָהלען מיר נאָך גרויסע פּראָפיטען צו יענע פאַבריקאַנטען, צו די שיפס־קאָמפּאַניעס, צו די אַרבייטער, וועהרענד אונזערע אייגענע אַרבייטער שטאַרבען כמעט פון הונגער“.

פון די וויכטיגסטע עראייגניסען, וואָס האָבען זיך געטראָפען אין דער צייט פון פיליפּ דעם 4טען, איז פּאָרטוגאַל'ס אָפּפאַלען פון שפּאַניען. פּאָרטוגאַל איז געוואָרען ווידער אַ זעלבשטענדיגע מדינה אונטער אַן אייגענעם רעגירער. ווען עס איז אין מאַדריד אָנגעקומען די ידיעה, דאָס פּאָרטוגאַל האָט זיך אָפּגעריסען פון שפּאַניען און דער הערצאָג פון בראַגאַנצאַ איז ערוועהלט געוואָרען אַלס קעניג, האָט דער גראַף אָליוואַרעץ אָנגעזאָגט דיזע שלעכטע בשורה מיט פאָלגענדע ווערטער: „דער הערצאָג פון בראַגאַנצאַ האָט געטאָן די גרויסע נאַרישקייט צו לאָזען זיך ערוועהלען אַלס קעניג פון פּאָרטוגאַל. דיזע נאַרישקייט וועט אייער מאַיעסטעט קאָסטען 12 מיליאָנען דוקאַטען“. דערויף האָט איהם דער קעניג קאַלטבלוטיג געענטפערט: „מען וועט מוזען די זאַך ברייננען אין אָרדנונג“.

אויך די אַלטע פיינד פון דער שפּאַנישער דינאַסטיע האָבען זיך ווידער אויפגעהויבען און האָבען אָנגעהויבען צו אַרבייטען געגען איהר. גראַף פון מאַנספעלד איז אַריינגעטרעטען אין דינסט צו די האָללענדער און האָללאַנד האָט זיך פערבונדען מיט פראַנקרייך אום צו פערפאָלגען שפּאַניען מיט אַלגעמיינע קרעפטען. די שפּאַניער האָבען פערבאָטען 160 האָללענדישע האַנדעל־שיפען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין זייערע ברעגען, צו פערלאָזען דעם האַפען. פריעדריך פון טאָלעדאָ האָט געשלאָגען די האָללענדישע פלאָטע, וועלכע איז דאַמאָלס געשטאַנען אין גיבראַלטאַר. איין יאָהר שפּעטער, אין

1662, האָבען די האָללענדער פּערוויסטעט פּערו און כמעט אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס אין אַמעריקא, און די פעראייניגטע נידערלאַנדען האָבען געוואונען אויף די ימים און אין ביידע וועלט־טיילען, אין אייראָפּא און אין אַמעריקא, דאָס איבערגעוויכט איבער שפּאַניען, ביז ענגלאַנד האָט זיי שפּעטער איבערגעשטיגען. דער קאַמף מיט די נידערלאַנדען איז פאָרטגעזעצט געוואָרען לאַנג נאָכדעם, אָבער מיט וועניג ערפאָלג פיר שפּאַניען. רישעליע האָט אימער געהאָלפען צו פערוויקלען שפּאַניען אין פּאָליטישע פּלאָנטערס.

דער צושטאַנד פון שפּאַניען איז אימער געוואָרען ערגער. ווען עס איז געקומען דערצו, דאָס מען האָט זיך געמוזט פאַרבערייטען צו אַ נייעם שטרייט. אום צו בעשיצען די קאָלאָניעס אין אָסט־אינדיען און אין וועסט־אינדיען (אַמעריקאַ), איז ניט געווען מיט וואָס אָנצופאַנגען, ווייל די רעגירונג האָט ניט געהאַט קיין געלט, און די קאַפּיטאַליסטען האָבען צו דיזען צוועק געמוזט געבען שווערע נדבות. צום אונגליק אָבער זיינען אַלע שפּאַנישע פלאָטעס צושטערט געוואָרען פון שטורמס, פון די האָללענדער און דורך קראַנקהייטען. אָליוואַרעץ האָט געמוזט פאָדערן פון פאָלק נייע אָפּגאַבען אום אויפצובויען אַ נייע פלאָטע. אום צו פערגרעסערן די בעפעלקערונג האָט ער געצוואונגען יונגע מענשען צו הייראַטען און האָט פערבאָטען די אויסוואַנדערונג, וועלכע האָט געשטיגען אין שפּאַניען פון יאָהר צו יאָהר צוליב דעם אָרימען צושטאַנד פון לאַנד. אָבער דיזע מיטלען האָבען גאָרניט געהאָלפען. דאָס פאָלק איז נאָר געוואָרען דערפון מעהר און מעהר אונצופרידען, אָבער די רעגירונג האָט מיט דיזע צוואַנג־מיטלען איהר צוועק ניט דערגרייכט. די נאַציאָנאַל־קאַסע איז געוואָרען מעהר און מעהר לעדיג, און דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס אָליוואַרעץ האָט געהאַט גרויסע נידערלאַגעס אין זיין אויסלענדישער פּאָליטיק. האָללאַנד האָט ניט געוואָלט אריינגעהן מיט שפּאַניען אין קיין אונטערהאַנדלונג וועגען פרידען, ווייל זי איז געווען זיכער אין אַ פאָלשטענדיגען זיג איבער שפּאַניען, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין מיטלען, מיט וואָס צו פיהרען דעם קריג, און האָט געפאָדערט פון שפּאַניען פאָלשטענדיגע אונאָפּהענגיגקייט. שפּאַניען האָט אויסגעגעבען פיעל געלט אויף דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס אום צו מאַכען אין פראַנקרייך אַן אויפשטאַנד און דורך דעם צושטערען איהר בונד מיט האָללאַנד. רישעליע האָט מיט דעם הערצאָג געשלאָסען פרידען און דיזער האָט אין גאַנצען אויפגעגעבען זיינע פּרעטענזיעס אויף האָללאַנד. ער האָט לאַנג גענאַרט די שפּאַנישע רעגירונג מיט זיינע פּלענער און הבטחות, וועלכע האָבען ענדליך צו גאָרניט געפיהרט.



קאטהעדראלע פון בורגאס.

נאָך דעם, ווי גוסטאוו אדאָלף, דער בעריהמטער שוועדישער קעניג, האָט פערלאָרען זיין לעבען ביי ליטצען (זיין טויט האָט שפּאַניען געפייערט ווי אַ גרויסען זיג), האָט שפּאַניען אָנגעהויבען צו האָבען נייע האָפנונגען צו געווינען דעם זיג איבער די נידערלאַנדען. אָבער רישעליע האָט אויך דיזע האָפנונג פון שפּאַניען פערניכטעט. ער האָט געשלאָסען אַ בונד מיט די האָללענדער און האָט ערקלערט שפּאַניען קריג מיט דעם תירוץ, דאָס שפּאַניען האָט עובר געווען אויף געוויסע געזעצען, וואָס אַלע פעלקער זיינען פערפּליכטעט צו היטען (פעלקער־רעכט). די שפּאַניער האָבען נעמליך אַרעסטירט אין זיין רעזידענץ דעם ערץ־בישאָף פון טריער און האָבען איהם פערשפּאַרט אַלס געפאַנגענעם אין דער פעסטונג פון אַנטווערפּען נאָך דערפאַר, וואָס ער איז געווען פראַנצויזיש געזאָנען.

אָנפאַנגס האָבען די פראַנצויזען געהאַט אייניגע זיגען, אָבער שפּעטער זיינען די שפּאַניער געוואָרען שטאַרקער. די שפּאַנישע באַנדעס.האָבען פערוויסטעט שאַמפּאַני' און פּיקאַרדיע, האָבען אייניגע פראַנצויזישע רעגימענטען אין גאַנצען פערניכטעט ביז דעם לעצטען סאָלדאַט, און זיינען אַריבער די סאָממע (אַ טייך אין פראַנקרייך). פּאַריז איז געווען אין גרויס שרעק. צום גליק פון די פראַנצויזען האָבען די שפּאַניער ניט געוואוסט צו בענוצען זיך מיט דער גליקליכער פּאָזיציאָן, וואָס זיי האָבען פערכאַפּט. דאָס גליק האָט זיך פון זיי אָפּגעקעהרט. אין יאָהר 1638 האָט דער פּרינץ קאָנדע פערברענט אַ שפּאַנישע פלאָטע. אָבער ניט אַכטענדיג אויף די מפּלה, וואָס די שפּאַניער האָבען געכאַפּט, האָט אָליוואַרעץ ניט געוואָלט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון דעם זיגער, פראַנקרייך. אַ לעגאַט (שליח) פון פּאַפּסט האָט געוואָלט מאַכען שלום צווישען די שטרייטענדע, אָבער אָליוואַרעץ האָט ניט געוואָלט הערען פון קיין בעדינגונגען. ער האָט גזאַמעלט טרופּען אין ענגלאַנד, ער האָט פערקויפט קרוין־גיטער אום צו האָבען געלט אויף די הוצאות פון מלחמה, ער האָט געפאָדערט געלט און רעקרוטען פון פערשיידענע פּראָווינצען, וועלכע, לויט זייערע פּריווילעגיעס, האָבען דיזע זאַכען ניט בעדאַרפט געבען.

אייניגע פּראָווינצען, ווי וואַלענציאַ, ביסקאַיאַ און נאַווארראַ, האָבען זיך אין גאַנצען ענטזאָגט צו געבען סיי געלט און סיי רעקרוטען. די פּראָווינץ אַראַגאָניען האָט געשיקט נאָך מאַדריד צוויי דעלעגאַטען אום אויפצואווייזען, דאָס דיזע פאָדערונג איז געגען די רעכטען וואָס זיי האָבען, אָבער מען האָט זיי אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס. דאָס האָט געטריבען צו אַן אויפשטאַנד. באַרצעלאָנאַ איז געווען די ערסטע צו מאַכען אַן אויפשטאַנד. אַלע קאַסטיליאַנער זיינען ערמאָרדעט געוואָרען. דער וויצע־קעניג איז געווען

די ערסטע כפרה. די עמפּערונג פון די קאַטאַלאַניער האָט אַריינגעצויגען אין אויפשטאַנד כמעט דאָס גאַנצע לאַנד. פיעל האָט רישעליע געהאָלפען, אַז עס זאָל אין שפּאַניען ווערען אַ מרידה. אָליוואַרעץ האָט גענומען זעהר שטרענגע מיטלען אום דעם בונט צו דערשטיקען. די גרויזאַמקייטען זיינען געווען עכט שפּאַניש. די וואוינונגען פון די בויערן האָט מען פערברענט, אַלע מענער איבער 15 יאָהר אַלט האָט מען ערמאָרדעט, די פרויען האָט מען צוברענט די געזיכטער, מען האָט מיט ברענענדע אייזענס געברענט זייערע באַקען, זיי זאָלען ניט האָבען קיין מענשליכעס אויסזעהן. דעם קאָמענדאַנט פון טאָרטאָזאַ האָט מען אויפגעהאַנגען פיר די פיס.

דער רעזולטאַט פון דיזע גרויזאַמקייטען איז געווען, דאָס די גראַנדען און דער הויכער ראַט האָבען געפאָדערט פון קעניג, אַז ער זאָל אָליוואַרעץ'ן אַרונטערזעצען פון זיין שטעלע. אָבער אויך נאָך דעם, ווי אָליוואַרעץ איז אַרונטער, האָט די מלחמה מיט פראַנקרייך ניט אויפגעהערט. דער הערצאָג פון ענגהיען האָט פערניכטעט די בעסטע שפּאַנישע טרופּען. די גאַנצע אַר-טילעריע און איבער 7,000 געפאַנגענע פון פוס-פאָלק זיינען געווען אין די הענט פון דעם זיגער. יעצט האָבען די שפּאַניער אָנגעהויבען צו בעטען פרי-דען. גרויס אינטערעס אין דיזען פרידען האָט גענומען דער פּאַפּסט אורבאַן דער 8טער. עס איז געשלאָסען געוואָרען אַ שלום, וועלכער איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אונטער'ן נאָמען „דער פירענאַאישער פרידען". לויט דיזען פרידען האָט פראַנקרייך געוואונען רוססיליאָן און אויסער דעם האָט נאָך שפּאַניען געמוזט איבערגעבען עלזאַס צו די פראַנצויזען.

נאָך דעם טויט פון פיליפּ דעם 4טען האָט שפּאַניען געמוזט אָנערקענען די אונאָפּהענגיגקייט פון פּאָרטוגאַל (1665), און דיזעס קעניגרייך איז גע-בליבען אויף אימער זעלבשטענדיג.